STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00238

GEVEN AMOL A LEBN

Nachman Mayzel

Permanent preservation of this book was made possible by
Eda & Leo Rabinovitz
in memory of
Joseph & Rebecca Rabinovitz and Max & Sara Katz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

נעווען אמאָל א לעבן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

באַנד 71

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פיגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

נחמן מייזיל

געווען אמאל לעבן

דאָס יידישע קולטור-לעבן אין פוילן
צווישן ביידע וועלט - מלחמות

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס 1951

PRINTED IN ARGENTINA
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Copyright by
NACHMAN MAISIL, New-York

Nachman Maisil

AMOL IZ GEWEN A LEBN

(Erase una vida)

EDITADO POR LA
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES
1951

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

אינהאַלט:

פאָרוואָרט — 7

1. פוילן אין יאָר 1921 — 11
2. די ערשטע שריט פון דער „קולטור־ליגע" — 23
3. האַסטיקער וווּקס פונעם קולטור־ליגע־פאַרלאַג — 34
4. דער קאַמף פאַר דער קולטור־ליגע — 52
5. א נייער וויכטיקער ליטעראַרישער פאַרמעסט — 66
6. נייע פייגל—נייע געזאַנגען — 75
7. אמפּערנישן און טעטיקייטן — 94
8. ביכער פּראָדוקציע, ביבליאָטעקן און לייענער — 108
9. יידיש טעאַטער אין יענער צייט — 118
10. אומצופרידנקייט, קריטיק און מאָנונגען — 130
11. אויפקום פון די ליטעראַרישע בלעטער — 141
12. די דיסקוסיע איבער די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור — 157
13. שלום אַש און ד"ר ח. זשיטלאָווסקי צו גאַסט אין פּוילן — 165
14. די יידיש־פּוילישע קינסטלער־פּלאַסטיקער — 182
15. דאָס פּנים פון דער יידישער פּראָווינץ — 189
16. דער אוהל־פּרץ — 208
17. ווער אייגנטלעך איז געווען אונדזער לייענער? — 217
18. טענות און תביעות צווישן פּוילן און אַמעריקע — 227

19. עס ווערט באשאפן דער ייוואָ (דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) — — — — — — — — — — — — — 237
20. וווּקס און נאָכוווּקס פון קולטור־שעפערישע כוחות — — — 249
21. טלאָמאַצקע 13 — — — — — — — — — — — — — — 261
22. די גרינדונג פונעם יידישן פען־קלוב — — — — — — — — — 278
23. צרות פון דער פוילישער פאָליציי און צענזור — — — — — 291
24. יידישע שטעט אין פוילן — — — — — — — — — — — 311
25. נייע קולטור ליטעראַרישע קאָלעקטיווע פאַרמעסטן — — — — 327
26. די יידישע טעאַטער־וועלט אין פוילן — — — — — — — — — 340
27. דער אַלוועלטלעכער ייוואָ־צוזאַמענפאָר אין ווילנע — — — — 359
28. דער יידישער קולטור־פראָנט — — — — — — — — — — 371
29. דאָס לעצטע קאַפּיטל — — — — — — — — — — — 381
ביכער ־ רשימה — — — — — — — — — — — — — 393
פּרעסע ־ שטימען — — — — — — — — — — — — — 395

דאָס בוך, וואָס איך ברענג איצט פאַר דעם לייענער, איז נישט קיין געשיכטע, אויך נישט קיין קולטור־געשיכטע פון די יידן אין פוילן פאַר דעם פעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. מיין אויפ־גאַבע ביים שרייבן עס איז געווען אויפצולעבן פאַר זיך און פאַרן לייענער די יידישע קולטור־שאַפערישע וועלט פונעם אַמאָליקן יידישן פוילן, אויפצולעבן עס אין דער פאָרם און אין דעם אופן, ווי עס איז מעגלעך פאַר איינעם, וואָס האָט אַליין געלעבט און מיטגעלעבט די אַלע יאָרן אין די אַלע פּאַסירונגען, דערשיינונגען און געשעענישן.

איך פּרעטענדיר נישט אַרויסצוברענגען אינעם דאָזיקן בוך אַלץ וואָס עס איז געשען, געטון און געשאַפן געוואָרן פאַר דער צייט, פאַר די 17 יאָר, פון 1921 ביז סוף 1937, — די יאָרן וואָס איך האָב געלעבט און געאַרבעט אין פוילן ווי אַ שרייבער און קול־טור־טוער.

דאָס בוך ווערט געשריבן אין אַ צייט־מהלך פון יאָרן און יאָרן, מיט דעם צווייטן וועלט־קריג און מוראדיקן חורבן אינמיטן, איך שרייב עס דערצו אין אַ ווייטער שטח־דיסטאַנץ פון ימים און אָקעאַנען. דער לייענער וועט מיר גלויבן, אַז פיל פון דעם געשיל־דערטן און דערציילטן אין בוך האָב איך פונדאַסניי איבערגעלעבט ביים אויפלעבן עס. איך גיב די פּאַסירונגען ווי זיי האָבן זיך אויפ־געהיט און פאַרבליבן לעבן אין מיין זכרון. עס זענען אַזוי־אַרום פּערזענלעכע דעראינערונגען און איבערלעבענישן וועגן פאַר־מעסטן און אויסטוען, וועגן מענטשן, פריינט און באַקאַנטע, וועגן מעשים און געראַנגלענישן, וואָס מען האָט זיך מיט זיי געטראָפן ביי דער אַרבעט. און ווי אַלע זכרונות וועגן פּערזענלעכע איבער־לעבענישן זענען זיי זיכער סוביעקטיוו־געענוג, מען זאָל דאָ און

דאָרטן קאָנען צום מחבר האָבן טענות, אַז זיי זענען נישט אינ־גאַנצן אָביעקטיוו.

ווען איך האָב געשריבן דאָס בוך, אין יאָר 1949, איז דאָס אַמאָליקע יידישע פּוילן פאַר מיר נאָך אַלץ אַ לעבעדיקער אָרגאַ־ניזם. ווען איך בין געווען מיט אַ דריי יאָר צוריק אין אייראָפּע און אין ארץ־ישראל, בין איך געשטאַנען פאַר דעם נסיון צו פאָרן אויף אַ לענגערן באַזוך קיין פּוילן. איך האָב עס געפילט פאַר אַ הייליקער פליכט. אויך די לעצטע פאַר יאָר זענען געווען פאַר מיר מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן פאַר אַ רייזע קיין פּוילן. דער לייענער וועט מיך פאַרשטיין, ווען איך וועל אים זאָגן דאָ אָפנהאַרציק, אַז איך בין צופרידן, וואָס איך האָב עס נישט געטון. עס ווילט זיך נאָך אַלץ נישט צעשיידן מיט דעם לעבעדיקן, צאַפּלדיקן, פולבלוטיקן יידישן פּוילן, ווי איך האָב עס איבערגעלאָזט סוף 1937, מיט דער דעה צוריקצוקומען אַהין. ווען איך וואָלט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן דאָס פאַרוויסטע יידישע פּוילן, ווען איך וואָלט געקומען פנים־אל־פנים מיט די חורבות און חורבונות, וואָלט איך געווים נישט געווען ביכולת פונאַנדערצעוויקלען די מגילה פון אַ לעבעדיקן, אַקטיוון, שאַפערישן און בויענדיקן לעבן.

איך האָב נישט געקאָנט זיין קיין קאַלטער, זייטיקער דערציילער און שילדערער פון די פאַסירונגען. איך אַליין בין דאָך געווען באַטייליקט אין דער אַקציע, אין דער האַנדלונג. זענען מסתמא דעריבער פיל קאַפּיטלען אינעם בוך געשריבן מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ, מיט ברען, מיט אימפּעט. ווי אַנדערש לאָזט זיך שרייבן וועגן אַ תקופה פון פולע טעטיקע זיבעצן יאָר, וואָס איז גלייכצייטיק אַ שטיק אייגן לעבן מיט די אַלע אייגענע פאַרמעסטן, אייגענע בארג־אַרויפן.

נישט אומעטום האָב איך זיך געוואָלט פאַרלאָזן אינגאַנצן אויפן זכרון און אַרויסברענגען די געשעענישן ווי זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין דער געדעכעניש. ווו נאָר מעגלעך האָב איך גענומען צו הילף אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, נאָטיצן, וואָס איך גופא און אַנדערע האָבן פאַרעפנטלעכט אויף דער הייסער מינוט. אַנשטאָט איבערדערציילן מיט איצטיקע ווערטער און אויסדריקן, איז

זיכער בעסער צו געבן די טענות-תביעות, די איינדרוקן, די אויפ־פאסונג אין דער פאָרם ווי זיי זענען געשריבן געוואָרן גלייך אויפן אָרט. זאָלן די פאַסירונגען האָבן אין זיך דעם אָטעם פון דעם מאָ־מענט, פון דער צייט.

איך וויל נישט איבערגעבן דאָס בוך אין די הענט פון דעם לייענער אַן דער התנצלות (פאַרענטפערונג), אַז זיכער זענען אַדורכגעלאָזט געוואָרן פיל וויכטיקע קולטור-געשעענישן, און אַז מסתמא פעלט אויך אָפט די פּראָפּאָרץ פאַר קולטור-אויפטוען פון אַנדערע. אָבער, ווי געזאָגט, ברענגט אַרויס דאָס בוך מיינע אי־בערלעבענישן, מיינע זכרונות, ווי זיי זענען פאַרפיקסירט געוואָרן אין מיר, און ז י ך זעט מען דאָך שטענדיק מער ווי אַנדערע...

ביים שרייבן דאָס בוך איז עס זיך שטאַרק צעוואַקסן געוואָרן, האָב איך שוין געמוזט ביים אַרויסברענגען די פאַסירונגען פון די לעצטע יאָרן היפשלעך מקצר זיין. איך וועל דעריבער לאָזן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט, צו דערציילן וועגן זיי באריכותדיקער.

איך מוז נאָך לסוף דאַנקען מיין פריינט מאַרק טורקאָוו, וואָס האָט מיר געגעבן די אידעע און געמאָנט פון מיר אַ בוך וועגן דעם קולטור-שאַפערישן יידישן פוילן, אין וועלכן איך האָב זיך אַקטיוו באַטייליקט.

סוף דעצעמבער 1949.

1

פוילן אין יאָר 1921

איך בין געקומען קיין פוילן דורך ווילנע קיין ווארשע, מערץ 1921, פורים-צייט. געקומען פון קיעוו, מאָסקווע און מינסק. געפאָרן בין איך נישט אליין, מיר זענען געפאָרן קיין ווארשע, נאָך עטלעכע שרייבער, טוער, מיט דער מיסיע צו אָרגאַניזירן אין פוילן אַן אומפּאַרטייאישע פּאַראייניקטע קולטור־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „קולטור־ליגע", לויטן מוסטער און פאַרנעם פון דער ברייט־פאַרטראַכטער און שטאַרק־פאַרצווייגטער „קול־טור־ליגע", וואָס מיר האָבן געשאַפן אין קיעוו אין יאָר 1917. די אוּ־קראַינער „קולטור-ליגע" האָט פאַר די עטלעכע יאָר פון איר עקזיסטענץ, מיטן הויפּט־צענטער אין קיעוו, אַריינגעשריבן הערלעכע, ווונדערלעכע בלעטער אין דער געשיכטע, אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער און קינסטלעריש־ליטעראַרישער געשיכטע פון די יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. געווען פעריאָדן אין דער קורצער געשיכטע פון דער „קולטור־ליגע", וואָס זי איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין אַן אמתן פאָלקס-בילדונג־מיניסטע־ריום, מיט אָפּטיילונגען פון פאַר-שול, אויסער־שול־בילדונג, פאַרלאַגס־וועזן, כאָרן, מוזיקאַלישע שול, לערער־סעמינאַר, קונסט־שול, דראַמאַטישע שול, טעאַטער א. א. וו. מיר האָבן געהאַט אייגענע ליטעראַרישע, פּעדאַ־גאָגישע, ביבליאָגראַפישע זשורנאַלן, אַן אייגענע דרוקעריי, אַ צענטראַלע ביבליאָטעק און אפילו אייגענע געביידעס, סיי אין קיעוו און סיי אין אַנדערע שטעט איבער אוקראַינע. אין לויף פון די עטלעכע יאָר, זינט 1917 ביז 1921, זענען מאַכטן און רעגירונגען געקומען און אוועקגע־גאַנגען, איז דעריבער דער „קולטור־ליגע" אויסגעקומען דורכצומאַכן אויף אַ ספּעציעלן אופן אָט די אַלע איבערוואַנדלונגען, צופּאַסן זיך צו די רעזשימען, און דאָך נישט אויפגעבן איר כאַראַקטער, איר פאַרנעם,

איר אידעען־איינשטעלונג, איר איז אויסגעקומען איינשרומפּן אָדער צו פּאַרברייטערן אירע טעטיקייטן. געווען צייטן, וואָס מיר האָבן אין קיעוו געהאַט גרויסע, ממש פאַנטאַסטישע סומעס אויף אויסצוהאַלטן אונדזערע אנשטאַלטן, און געווען אויך חדשים, ווען מען איז געווען פאַררוקט אין אַ לאָך, אין אַ ווינקל, כמעט אומלעגאַל, געוואַרט און איבערגעוואַרט ביז די רעאַקציאָנערע, אַנטיסעמיטישע, אָדער פּאָגראָמען-מאַכט וועט אַוועק...

אָבער נישט וועגן דער „קולטור־ליגע” אין אוקראַינע גיי איך איצט דערציילן, איך וויל דאָ נאָר איבערגעבן די אויפגאַבן, די פּערספּעקטיוון, דעם פּאַרנעם און פּאַרמעסט, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט ביים קומען קיין פּוילן מיטן ציל, ביי די נייע פּוילישע אומשטענדן, צו אָרגאַניזירן מיט דער הילף און דורך די יידישע סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע און פאָלקס־כוחות אַזאַ מין אַלזייטיקע און אַלץ־אַרומנעמענדיקע קולטור־אָרגאַניזאַציע און מיטן אויסקוק, אַז עס זאָל טאַקע דערפון אויסוואַקסן אַן אַל־וועלטלעכע יידישע קולטור-באַוועגונג.

אין יענער צייט, נאָך די עטלעכע שווערע יאָרן פונעם, דאַן דעם ערשטן, וועלט־קריג, איז געווען אַ געוואַלדיקער ווילן און דראַנג אויפצו־זאַמלען אונטער איין פּאַן, אריינצונעמען אין איין באַוועגונג די יידן פון גאָר דער וועלט, גאָר די יידיש־וועלטלעכע עלעמענטן, וואָס דער קריג האָט צעשפּאָלטן, צעריסן און צעדריבלט. מען האָט דאַן אָנגעהויבן אי־בערצוּוואַרפן בריקן פון איין טייל וועלט צו דער אַנדערער, — און ווי דער שטייגער — לכתחילה מיט פילאַנטראָפּישע צוועקן, אויפצוהאַלטן דעם גוף, געבן ברויט דעם הונגעריקן, ברענגען אַ מלבוש דעם נאַקעטן, באַהילפיק זיין דעם נויטבאַדערפטיקן אויפצועפענען אַ קרעמל, אַ וואַר־שטאַטל. ווייטער פון דעם איז די ברייטע אַמעריקאַנער הילף לײדער נישט געגאַנגען. זי האָט טאַקע געטראָגן אין תוך דעם כאַראַקטער פון צדקה, און מען האָט אַזוי געקוקט אויפן אייראָפּעאישן ייד, ווי אויף אַ נעמער, אַ קבצן, וואָס שטרעקט אויס די האַנט. די אַמאָליקע פאַרשטייער פון דעם רייכן אַמעריקאַנער־יידישן „פעטער” האָבן אַזוי פאַרשטאַנען זייער ראָלע, און אַזוי איז געווען, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, זייער אופן פון באַהאַנדלען די יידן פון אייראָפּע און איבערהויפּט פון פּוילן, גאַליציע, ליטע, רומעניע, פּאָדאָליע, וואָלין, א. א.

פּוילן בכלל האָט אין יענער צייט, אַנהויב 1921, פאַרגעשטעלט מיט

זיך א מערקווירדיק בילד. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז אָט ערשט אויפגעריכט געוואָרן „מעבדות לחרות”, פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, פון א פאַרפאָלגטער מינדערהייט צו אַן אייגענער מלוכה, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס א לאַנג-דורותדיקער טרוים פון אומאָפּהענגיקייט האָט זיך פלוצים גענומען פאַרן פוילישן פאָלק צו פאַרווירקלעכן, איז אָבער דער פּראָצעס פון אויפשטעלן אַן אייגענע מלוכהשאַפט גלייך פון אָנהויב צונויפגעבונדן געוואָרן נישט מיט הויכע פרייהייט־אידעאַלן, מיט ברידערלעכקייט און ווילן איינצושטעלן א פריי און האַרמאָניש לעבן, געבויט אויף יושר, גערעכטיקייט און דעמאָקראַטיע, נאָר שוין פון די ערשטע טריט האָבן די אויבערהאַנט געהאַט די טיף־שאָוויניסטישע, צוריקגעשטאַנענע רעאַקציאָנערע עלעמענטן פונעם פוילישן פאָלק, און אויך די, וואָס האָבן ערשט גערעדט וועגן גלייכהייט, פרייהייט, אויך די פּ. פּ.־סישע עלעמענטן, האָבן זיך האַסטיק א קער געטון גאָר צו רעכטס, און זיך געלאָזט אויף אַזעלכע מעשים, וועלכע האָבן פאַרפלעקט די אַלע אידעאַלן, פאַר וועלכע די אַמאָליקע פוילישע קעמפער און טרוימער האָבן אוועקגעגעבן זייערע לעבנס. די פּאָליטישע באַפרייאונג און דער דראַנג צו פּראָקלאַמירן די אייגענע אומאָפּהענגיקע רעגירונג איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט יידישע פּאָגראָמען, מיט מיאוסע בלבולים אויף יידן, מיט העצעס, מיט ווילדע אויסטראַכטענישן און מאָרדן, וואָס זענען נישט נאָר פאַרבליבן אומבאַשטראָפט, נאָר אדרבא, זיי זענען אָפן גוטגעהייסן געוואָרן דורך די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין דער שפּיץ פון די רעגירונגען. עס איז געווען נאָך די מיאוסע מעשיות אין יאַבלאָננע*), ביי וואַרשע נאָך דעם מוראדיקן געריכט און מאָרד פונעם אומשולדיקן פּלאָצקער רבי שאַפּירא, וואָס מ׳האָט אים פאַראורטיילט צום טויט, ווייל ער איז א „באָלשעוויסטישער שפּיאָן”, נאָך דעם אומזיניקן מאָרד פון א. ווייטער אין ווילנע, נאָך די מיליטערישע פּאָגראָמען אין לעמבערג, נאָך דער גרויזאַמער געשיכטע פון פּינסק, ווו מ׳האָט געהרגעט, נאָך א שנעלן מילי־

---

*) יאבלאָננע — איז געווען דער ערשטער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אייראָפּע, וואָס די פוילישע רעגירונג האָט געשאַפן בעת דער פויליש־סאָוויעטישער מלחמה און דאָרט, אונטער דראָטן, געהאַלטן אַלע יידישע זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי.

טערישן געריכט 35 אומשולדיקע יונגעלייט וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ערבֿ פּסח פונאַנדערצוטיילן הילף, וואָס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע א. א. וו. עס האָט געהערשט דאָן אַ געמישטע שטימונג און צושטאַנד אין דעם דעמאָלדיקן פּוילן, וואָס איז געקומען צו אַן אייגענעם לעבן, און די ערשטע טריט זענען געווען פאַרבונדן מיט מאָרד, טעראָר, אַנטי־סעמיטיזם, באָיקאָט אויף יידן א. א. וו.

פּוילן, ווי באַקאַנט, איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון גרויסע טיילן און געגנטן, וואָס האָבן פריער, ביז דעם אויפקום פון דעם נייעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, געהערט צו רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך, ריכטיקער — צום צאַרישן, צום פּרייסישן אימפּעריאַליזם, און צום פאַרפוילטן קייזערלעכן עסטרייך. האָט פּוילן נישט נאָר געירשנט די גרויסע שטחים, די טעריטאָריעס מיט אירע באַפעלקערונגען, נאָר אויך אירע מלוכה־מענער האָט זי גענומען פון די צוויי מלוכות. און שוין פונעם ערשטן מאָמענט האָט מען אָנגעהויבן סיי צום אייגענעם פּוילישן פאָלק און סיי צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, צו יידן, אוקראַינער, ווייסרוסן, אָנווענדן די זעלבע „פּיינע", די גוט־ אויסגעפּרוּווטע מעטאָדן און מיטלען, באַדינגונגען און באַציאונגען, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון רוסלאַנד און עסטרייך. פון איין זייט — ברוטאַלע, דעספּאָטישע, ביוראָקראַטישע האַנדלונג, וואָס איז געצילט צו האַלטן די באַפעלקערונג אין צוים, און פון דער צווייטער זייט — די גוט־באַקאַנטע עסטרייכישע כלומרשט ליבעראַלע פּאָליטיק, די שטיקלעך און דריידלעך, וואָס זענען געצילט צו זייען קנאה־שנאה צווישן איין טייל און דער אַנדערער, כדי צו קאָנען הערשן איבער דער פאַרשידנפעלקערישער באַפעלקערונג.

אין די פּוילישע העכערע און נידעריקערע אַמטן, וואָס האָבן באַדאַרפט פון אָנהויב אָן איינשטעלן אַ פריי, דעמאָקראַטיש לעבן און רעגולירן די אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע פראַגן און פּראָבלעמען לטובֿת דער גאַנצער באַפעלקערונג, — האָבן געהערשט אָט די צוויי באַזונדערע שיטות פון ווילקיר און אונטערדריקונג, פון צעטייל און רעגיר. אָפּטמאָל זענען אָט די צוויי שיטות גאַנץ געשיקט געפּאָרט געוואָרן און זשאַנדאַרמערישער שטיוול און ביטערער רעזשים האָט אויסגעפורעמט און אויסגעשטאַלטיקט די ספּעציעלע פאָרם פון מלוכהשאַפט.

וואָס האָט זיך געלייגט זייער שווער אויף דער באַפעלקערונג בכלל און אויף דער יידישער בפרט.

מען דאַרף געדענקען, אַז שטיקער טעריטאָריעס פונעם באַנייטן פּוילן זענען געווען, נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, וואָס די פראָנטן און די שלאַכטן זענען פאָרגעקומען אין די־אָ שטחים, וויסט און חרוב; הונדער־טער טויזנטער און מיליאָנען האָבן געמוזט פונדאַסניי אויפשטעלן די חור־בות און פאַרלייגן אַ ניי לעבן. אָבער אַנשטאָט מיטצוהעלפן דער אָרעמער באַפעלקערונג. אינעם ווידעראויפבוי, אַנשטאָט זיך פאַרנעמען אויף אַ ברייטן וועג פון רעקאָנסטרוקציע, אַנשטאָט צו ווענדן גאָר־די אויפמערק־זאַמקייט אין אָט דער ריכטונג, האָט מען גענומען איינשטעלן אומעטום, אין צענטער און אויף די ערטער, מלוכה־אַמטן, וואָס האָבן געטון דאָס פאַרקערטע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרבעט צו באַקעמפן די אַספּיראַ־ציעס פון די פעלקער־מאַסן, די אייגענע און די „פרעמדע״, מען האָט אָנגע־הויבן „ביד חזקה״ צו פּאָלאָניזירן די אַלע געגנטן, ווו ס׳האָט געלעבט אַ רוב מנין און בנין פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. פּוילן איז דאָך מיט־מיטאַמאָל „אַרומגערינגלט געוואָרן״ מיט איבער אַ דריטל „פרעמדע״ עלע־מענטן, — אוקראַינער, יידן, ווייסרוסן, רוסן, דייטשן — וואָס מען האָט באַדאַרפט באַקעמפן, באַשטרייטן, מאַכן זיי וואָס־ווייניקער אַקטיוו און זעלבשטענדיק, מאַטעריעל און גייסטיק לעבנספעאיק.

די פּויערן און אַרבעטער האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, אָבער אַנשטאָט דורכצופירן סאָציאַלע רעפאָרמען, אַנשטאָט געבן זיי די מעגלעכקייט צו לעבן און אַרבעטן, אַנשטאָט באַפרייען די גרויסע שטחים ערד פון די פּריצים און קירכעס און אַוועקגעבן זיי די פּויערן, האָט מען זיך געלאָזט אויף אַנדערע וועגן, — מען האָט אויפגעשטעלט ספּעציעלע מלוכה־אינסטיטוציעס צו באַוואָרענען און באַשיצן זיך פון דעם אינעווויי־ניקסטן „שונא״ און אויך אויסגעהאַלטן אַן אַרמיי קעגן דער דרויסנדיקער מאַכט, וואָס איז פון אָנהויב אָן געווען אידענטיפיצירט מיט סאָוועטנ־פאַרבאַנד, מיטן „מאָסקאַל״ און מיט אַלץ, וואָס עס האָט אַ שייכות צו פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע כוחות און אידעאַלן ביי זיך און אין דער וועלט.

ביי אָט דער אַלגעמיינער סיטואַציע און ביי אָט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען האָבן די איבער דריי מיליאָן יידן, וואָס

זענען פלוצים „באגליקט" געוואָרן מיט א מאכט, וואָס איז פיינטלעך צו זיי, צו זייערע אינטערעסן און פּראָבלעמען, — ביי אזא פּאָליטישער סי־טואַציע האָבן די יידישע מאסן אָנגעהויבן זייער לעבן אין פוילן מיט א מערקווירדיקער קראפט און מיט אויסטערלישן דראנג און ווילן צו לעבן און צו שאפן, זיך גענומען אויפשטעלן באזעס און פּאָזיציעס, מאטעריעלע און קולטורעלע, אין דעם גאנצן לאנד, אומעטום, נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען, צוימען און שווערקייטן. עס איז ווידעראמאָל מקוים גע־וואָרן דער פּסוק, וואָס שטאמט נאָך פון די צייטן פון מצרים, און וואָס האָט זיך איבערגעחזרט פיל מאָל אין לויף פון דער לאנגער מארטיראָלאָגי־שער יידישער געשיכטע: „וכאשר יענו אותם", וואָס מער מען האָט זיי, די יידן, געפּייניקט, „כן ירבה וכן יפרוץ", אַלץ מער האָבן די יידן זיך געמערט און פארשפּרייט און געשטארקט . . .

דאָס יידישע פוילן האָט אויף אַלע זיינע אָפּשניטן און געביטן, גע־גנטן און צווייגן אדורכגעמאכט א געוואַלדיקע און ווונדערלעכע צייט פון אויפשטייג, פון בארג ארויף, פון קומען צו די כוחות; מען האָט איינגע־זאפּט אין זיך זאפּט און קראפט, נאָך די עטלעכע שווערע גרויזאמע קריגס־יאָרן, וועלכע האָבן זיך שווער געלייגט אויף דער יידישער מאסע, סיי מצד דעם קריג גופא, די קריגס־פראָנטן, וואָס האָבן אדורכגעשניטן און פאר־וויסט די יידישע ישובים און קיבוצים, ווו מען האָט שווער געליטן פון דער „אייגענער" רוסישער מלכות, סיי פון דעם דייטשן־עסטרייכישן אָקופּאַנט, וועלכער האָט באהאנדלט די יידן אויסערן געזעץ און באמיט זיך מאטע־ריעל און גייסטיק, געזעלשאפטלעך און מאָראַליש אים צו דערנידעריקן און פאראומווירדיקן.

עס איז פאָרגעקומען א זייער אינטערעסאנטער און מערקווירדיקער פּראָצעס, אָדער ריכטיקער — פיל אינטערעסאנטע און וויכטיקע פּראָצעסן אינעם לעבן פונעם יידישן פאָלק אין פוילן.

ראַשית, מיטאמאָל, אומגעריכט און אומדערוואַרט, זענען צונויפגע־פאָרט געוואָרן אין איין מדינה יידן, וועלכע האָבן לאנגע יאָרן איינס מיטן אנדערן זיך גאָרנישט אָנגעקערט. און אָפּגעריסן פון זייערע פארשידענע פריערדיקע קולטור־און פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע צענטערן, צו וועלכע זיי האָבן פריער געהערט (די ליטווישע, וואָלינער, פּאָדאָליער, ווייסרוסישע, מזרח־און מערב־גאַליצישע יידן), האָבן זיי זיך געפרוווט איינצולעבן אין

דער נייער אטמאספער, ביי די אנדערשדיקע ארומיקע באדינגונגען, און באגלייך מיט דעם פראצעס איינצוגלידערן זיך אינעם אלגעמיינעם מלוכהשן לעבן איז אויך געגאנגען א גאנץ־שווערער פראצעס פון צופאסן זיך צו דער יידישער וועלט, צו דעם יידישן לעבנס־שטייגער און איינאייגענען זיך מיט די פארשידנסטע יידן, וואס דער גורל האט זיי צונויפגעפארט און זיי געמאכט פאר גאר נאענטע שכנים, ברידער פון נויט, ברידער פון צוזאמענלעבן. א מיליאן אדער מער גאליצישע יידן, — וואס זענען פון זייער זייט אויך געטיילט אויף מזרח־און מערבדיקע, — א מיליאן פוילישע יידן, פון די פוילישע „גובערניעס", פון קרוין־פוילן, און אזוי פיל לערך וואלינישע, ליטווישע און ווייס־רוסישע יידן.

עס איז גארנישט אזוי לייכט געווען דאס צוזאמענלעבן פון די אין פלוג באזונדערע „שבטים", וואס האבן אפטמאל גארנישט אזוי גערן גע־וואלט אריינפאלן אינעם יידישן „שמעלץ־טאפ" און אריינגעדרייט ווערן אינעם קרייז פון יידישע אינטערעסן און איינפלוסן. אבער אפשר אן דעם אייגענעם ווילן און ווילן, האט יעדער טייל פון דער יידישער מאסע, וואס איז פאראייניקט געווארן צום גרויס פוילן, אנגעהויבן צוטראגן זיין חלק, זיינע באזונדערע אייגנשאפטן און מעלות־טובות (ווי אויך חסרונות, שוואכ־קייטן, נעגאטיווע שטריכן) אין דעם אלגעמיינעם יידיש־פוילישן ארגאניזם.

דאס „פוילישע יידנטום", ווי מיר זענען געוווינט צו רופן די יידן, וואס האבן געלעבט אין דעם „אומאפהענגיקן" פוילן, האט אן ספק זייער פיל געוואונען פון דעם צופלוס פון די מיליאנען „פרעמדע" יידן.

און באזונדערס האט זיך עס געלאזט פילן אין דער מעטראפאליע פון פוילן, אין דער גרעסטער יידיש־פוילישער קהילה, אין ווארשע, וווהין עס האבן זיך באזונדערס געצויגן די אינטעלעקטועלע כוחות, די פראמינענטע טוער אויף די פארשידנסטע געביטן און צווייגן פונעם לעבן. ווו נאר מען האט זיך געקערט און געווענדט, אין דער יידישער פרעסע, אין דער קונסט, אין טעאטער, אין די פירנדיקע פאליטיש־געזעלשאפטלעכע קרייזן, — אומעטום האט מען אויך געטראפן יידן פון גאליציע, ליטע, וואלין, ווייסרוס־לאנד. עס איז געגאנגען אזוי ווייט, אז מען האט אין געוויסע „עכט־פוילישע" יידישע קרייזן גענומען מורמלען און ארויסווייזן אומצופרידנקייט, וואס די „ליטוואקעס", די „גאליציאנער" (אונטערן נאמען „ליטוואקעס" האט מען

גערופן אויך יידן פון וואָלין, פּאָדאָליע) פאַרכאַפּן אַלע וויכטיקע פּאָסטנס, אַמטן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

און ווירקלעך: אין דער צייטונג „מאָמענט", למשל, זענען צווישן די עטלעכע צענדליק מיטאַרבעטער געווען בלויז עטלעכע אמת־פּוילישע יידן, אַזוי אויך אין „היינט" און אין „פאָלקסצייטונג", און דאָס נעמלעכע איז דער פּראָצענט פון נישט־אמת־פּוילישע יידן געווען פיל גרעסער אינעם יידישן טעאַטער, אין דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע, צווישן די יידישע שרייבער. י. מ. וויסנבערג, דער טאַלענטפולער יידישער דערציילער, האָט אפילו דערקלערט אַן אָפענעם קאַמף קעגן די אַנגעלאָפענע, געשריבן אין זיינע אויסגאַבעס קעגן דער „פּרעמדער" אינוואַזיע, קעגן דער פאַרפּלייצונג פון דעם יידישן פּוילן דורך די ליטוואַקעס. ער איז, אמת, אָפט דערגאַנגען מיט זיין דאָזיקן קאַמף ביז לעכערלעכקייט, אָבער אַ „יסוד" איז געווען צו זיין אומצופרידנקייט. ער האָט דאָך אפילו לסוף גענומען אַרויסגעבן אַ זשורנאַל מיט זיין, עכט־פּוילישער, זשעליכאָווער אָרטאָגראַפיע.

אָבער אין תוך איז אָן קיין ספק געווען אַ גרויסע מזל־ברכה פאַר דעם פּוילישן יידנטום דער שטענדיקער צופלוס פון נייע כוחות, די כסדרדיקע אריינשפּריצונגען פון „פרישׁ בלוט". האָבן מיר טאַקע אויף אַלע אָפּשניטן פונעם יידישן לעבן געטראָפן אָט די נייע, פרישׁ־געקומענע פון דער „פרעמד", פון די נישט־פּוילישע געגנטן: פּראָפ' מאיר באַלאַבאַן און דר. יצחק שיפּער פון גאַליציע, נח פּרילוצקי פון וואָלין, דר. יהושע גאָטליב פון פּינסק, אברהם גאָלדבערג פון בריסק, וואָלדימיר מעדעם פון מינסק, ב. מיכאַלעוויטש פון בריסק, א. א. וו. א. א. וו. מ'וואָלט אָט דאָס צעטל געקאָנט ציען און ציען ווייטער און ווייטער און ווייזן, אַז וואַרשע איז טאַקע באמת פול געווען מיט נישט־פּוילישע יידן, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף דעם וואַקסנדיקן פּוילישן יידנטום, וואָס האָט געמוזט זיך אונטער־געבן אונטער זייער השפּעה און אַזוי אַרום פאַרלירן דעם „עכט־פּוילישן" כאַראַקטער און פיזיאָנאָמיע.

און ווי אין דער פּרעסע און פּאָליטיק אַזוי אויך אין טעאַטער, ווו די עכט־ליטווישע „ווילנער טרופּע" האָט דאַן געוועלטיקט אין דער יידישער וואַרשע. און דאָס נעמלעכע אין יידישן וועלטלעכן שול־וועזן, ווו נישט־פּוילישע יידן האָבן געבילדעט אַ מערהייט.

אָט אַזאַ לערך בילד האָבן מיר געטראָפן אַנהויב 1921, ווען מיר

זענען געקומען קיין פּוילן, קיין ווארשע, מיר — די נישט־גרויסע גרופּע פון קיעווער קולטור־ליגע, וואָס האָט געהאַט די גרויסע פּלענער פאַר א קולטור־באַוועגונג. און הגם אויסערלעך איז עס געווען א גאַנץ־געשלאָסענע גרופּע, וואָס האָט כּלפּי־חוץ געהאַט איין שפּראַך און איין ווילן, אָבער אין תוך זענען מיר, די געקומענע פון קיעוו, געווען גאַנץ פאַרשידן מיט אונדזערע כאַראַקטערן, קרייז־אינטערעסן, באַציאונג צו פאַרשידענע סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגן. אונדז האָט פאַראייניקט איין ווילן, איין שטרעבונג: מיר האָבן געוואָלט אַריבערפּלאַנצן אויף דער פּויליש־יידישער שוואַרצערד די קולטור־ליגע־באַוועגונג. און פּוילן האָט באַדאַרפט זיין דער „פּרוזדור", דער אָנהויב, פון וואַנעט עס זאָל גיין ווייטער און ברייטער די גרויסע יידישע קולטור־באַוועגונג מיט איר פאַרנעם און פאַרמעסט, ווי מיר האָבן עס אויסגעטרוימט אין קיעוו בעת דעם אויפקום פון דער קולטור־ליגע.

אין אונדזער גרופּע, דער „אויספיר־ביוראָ" פון דער קולטור־ליגע, זענען אַריין ד"ר משה זילבערפאַרב, דער געוועזענער יידישער מיניסטער אין אוקראַינע, א. ליטוואַק, דער באַוווּסטער בונדישער שרייבער, טעאָרעטיקער און רעדנער, יוסף לעשצינסקי, אָדער י. כמורנער, ווי ער האָט שפּעטער זיך אָנגערופן אין דער פּוילישער בונדישער באַוועגונג, זעליק מלמד, דער אימפּעטפולער, עקשנותדיקער קעמפער פאַר יידיש, ח. ש. קאַזשדאַן, דער באַוווּסטער פּעדאַגאָג, און איך. יעדער איינער פון אָט די אָנגערופענע חברים איז גוט באַקאַנט דער יידישער עפנטלעכקייט, און עס איז נישט מיין אויפגאַבע איצט זיי אויספירלעך צו שילדערן און כאַראַקטעריזירן. עס איז מיר שווין אויסגעקומען צו שרייבן וועגן די ערשטע צוויי, ד"ר מ. זילבערפאַרב און א. ליטוואַק, נישט איין מאָל און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ד"ר מ. זילבערפאַרב איז געווען א מענטש א געשטעלטער, א לאָגישער, א באַטראַכטער, מיט א נייגונג צו באַלעבאַטישקייט, א דורכאויס־ערלעכער און קאָנסעקווענטער. ער איז געווען א ראַציאָנאַליסט און נישט געפלויגן אין די ווייטע הימלען. ער האָט ליב געהאַט סיסטעמאַטישקייט און איז געווען א מאמין אין ציפערן, אין אַריטמעטיק. ביי אונדזערע גרויסע קולטור־פּלענער און פאַנטאַסטישע טרוימען איז ער געווען דער ניכטערער, וואָס האָט נישט געלאָזט זיך פאַרגאַלאָפּירן. ער האָט שטענדיק געהאַלטן די לייצעס אין די הענט... גאָר אַן אַנ־

דערער איז געווען א. ליטוואַק. ער איז געווען אַ וואַגאַבונד, נישט געקאָנט זיך צובינדן צו אַ הויז און פאַמיליע, ווי געטאָגט דאָרטן נישט גענעכ־טיקט. ער האָט געהאַט אַ גלענצנדע פעדער און געווען אַ פּרעכטיקער רעדנער. אָבער אינגאַנצן נישט קיין דיסציפּלינירטער און נישט געקאָנט און זיך נישט געלאָזט צו גיין אין שפּאַן. אָבער האָט ער שוין יאָ אָנגע־שריבן אַן אַרטיקל, איז געווען וואָס צו לייענען. ער איז געווען אַ גוטער סטיליסט, אַ טייערער בעל־מסביר. ער איז מיטן „בונד" אין פּוילן נישט געווען שווה בשוה. און קאָן זיין, אַז ערגעץ־ווו איז זיין שטאַרקע איבער־געגעבנקייט און אַרבעט פאַר דער „קולטור־ליגע" געווען אַ שטיק צו־להכעיס דעם „בונד", וואָס האָט נישט געוואָלט אָקצעפּטירן אַזאַ „קול־טור־ליגע", ווי ער, דער „בונד", האָט נישט די מערהייט . . .

בכלל האָבן מיר גלייך פון אָנהויב זיך אָנגעשטויסן אין פּוילן אויף שוועריקייטן און שטערונגען פון אַזאַ זייט, פון וואַנעט מיר האָבן זיך אַמווייניקסטן געריכט. עס איז געווען ביי אונדז דער ציל, דער מיין צו פאַראייניקן אַרום דער „קולטור־ליגע" אין פּוילן קודם כל די סאָציאַליס־טישע, דעמאָקראַטישע און פאָלקס־כוחות. אָבער אַזאַ מין פאַראייניקונג איז פאַר יענע צייטן געווען כמעט אַן אוממעגלעכע זאַך. עס איז שווער געווען צונויפצונעמען אונטער איין דאַך ביי איין טיש אַרבעטער־פּאַר־שטייער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי. און עס איז אויך געווען נישט לייכט צונויפצוברענגען די פאַרשידענע אַרבעטער־פּאַרטייען, ווען דער „בונד" האָט כסדר געשטעלט דעם אומבאַדינגטן תנאי, אַז אין דער אָנפירונג מוז ער האָבן די העגעמאָניע. די רעכטע פּועלי־ציון זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס. די נישט־לאַנג אָפּגעשפּאָלטענע לינקע פּועלי־ציון, ווי אויך די „פאַראייניקטע" האָבן גראַד אַרויסגעוויזן אונדז גרויס סימפּאַטיע און זיי זענען גרייט געווען אַריינצוטרעטן אין דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער „קולטור". זענען מיר געווען צווישן פייערן, און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז מען וועט זיך ענדלעך דעררעדן און ביז וואַנעט די פּאַר־טייען וועלן אַדורכקומען צווישן זיך וועגן דער צאָל ערטער אין דער „קולטור־ליגע", וואָס מיר האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן . . .

עס איז אַוועק אַ לאַנגע סדרה מיט זיצונגען, באַראַטונגען, קאָמי־סיעס, וויכוחים, פאַרשלאָגן, אָפּלייגעכצן, ביז אונדזער גרופּע, מיט דער הילף פון איינציקע אַרטיקע, וואַרשעווער קולטור־טוער, און מיט דער שטי־

לער, נישט־אָפיציעלער גוטהייסונג פון די לינקע פועלי־ציון און „פאַר־אייניקטע", איז צוגעטראָטן, קעגן דעם ווילן און הסכם פון „בונד", אָנ־צוהויבן די אָרגאַניזיר־ארבעט פון דער „קולטור־ליגע". דערווייל האָט ד"ר משה זילבערפאַרב, אַן אַלטער טוער פון „אָרט", איבערגענומען דעם אַמט פון אַ דירעקטאָר פונעם פּוילישן „אָרט", ח. ש. קאַזשדאַן האָט אויך מיט דער צייט באַקומען אַן אַמט ביי שול־ארבעט, אַזוי אויך יוסף לעש־צינסקי, ז. מלמד און איך, — מיט דער צייט איז צוגעקומען מיין יינגערער ברודער יעקב מיזיל, — האָבן זיך באַזעצט מיט דער קולטור־ליגע אין אַ זייטיקן צימערל, אויף לעשנאָ גאַס, אין שכנות ביי די „פאַראייניקטע", וואָס ד"ר יוסף קרוק (איצט אין ירושלים) האָט מיט זיין גוטהאַרציקייט געגעבן אונדז אָן באַצאָלט, אָדער פאַר אַ שיבוש צושטייער דירה־געלט...

מיר זענען, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, געקומען קיין פּוילן, קיין וואַרשע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, מיט אַן „אָנווייזונג" און צוזאָג פון אַ פאַר הונדערט דאָלאַר. ביז איך די ערשטע פאַר וואָכן געשלאָפן אויף צונויפגעשטעלטע האַרטע בענקלעך ביי ח. ש. קאַזשדאַנען אין צי־מער (אויף לעשנאָ 52), צוגעדעקט זיך אין די קאַלטע ווינטער־נעכט מיט אַן אָפּגעטראָגענעם פוטער. ז. מלמד האָט זיך געוואַלגערט ביי נישט־פאַרמעגלעכע קרובים. ביז מיר האָבן געקראָגן, מיט גרויסע שוועריקייטן, צימערן פאַר זיך.

און מיט דער הילף פון אַ הלוואה, און דערנאָך — מיט דער הילף פון געצייילטע הונדערטער דאָלאַר, וואָס מיר האָבן געקראָגן ביים פאַר־שטייער פון פּיפּל־רעליעף (דער צוגעלאָזענער ברוך צוקערמאַן, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן!), האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער קולטור־טעטיקייט, דערווייל מיט זאַמל־העפטן, טאַקע אונטערן נאָמען „קולטור־ליגע". ערב פּסח 1921 איז אַרויס דער ערשטער נומער. די זאַמלהעפטן זענען געווען נישט קיין גרויסע, עס זענען אַרויס 2 זאַמלהעפטן, אינגאַנצן 48 זייטן יעדעס.

עס געדענקט זיך גוט יענער צושטאַנד, דער פיבער, די אימתא דציבורא (די שרעק פאַר דעם ציבור), ביים אַרויסלאָזן דאָס באַשיידענע העפט. דאָס איז דאָך געווען דער ערשטער עפנטלעכער אָנזאָג פון אונ־דזער פאַרמעסט און פאַרנעם אין דער גרויסער שטאָט, ווו עס זענען געווען איינגעפונדעוועטע יידישע צייטונגען, מיט אויטאָריטעטן, מיט אַן אייגע־

נעם איינגעשטעלטן עולם, מיט דערפֿאַרונגען הינטער זיך, מיט גרויסע מאַשינען און גרויסע אַפּאַראַטן און אייגענע הייזער, מיט אָרגאַניזאַציעס און טרייע איבערגעגעבענע מיטגלידער. און מיר, בלויז אַ קליינע גרופּע, אָט־ערשט־געקומענע, אָן ספּעציעלע פֿאָנדן, אָן אַ דאַך איבער די קעפּ, פֿאַרמעסטן זיך אויף אַ „שינוי מעשה בראשית", אויף אַן איבערראַשונג פֿון ווערטן און אויף אַ נייער איבערגרופּירונג פֿון קולטור־געזעלשאַפֿט־לעכע כוחות, איבער די קעפּ פֿון די פֿאַראַנענע אָרגאַניזאַציעס און אָנ־פֿירערשאַפֿטן, אויטאָריטעטן און געקרוינטע אָדער זעלבסטגעקרוינטע צענ־טראַלע פֿיגורן. עס איז געווען אָנגעווענדט צו אונדז די אַלטע טענה: „האחד בא לגור, וישפוט שפוט", — אָט דער — ער איז ערשט אַהער געקומען, ער איז נאָך אַ גר, און ער פֿאַרנעמט זיך גאָר צו אורטיילן און צו משפּטן!"

און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: אין יענער צייט, אין דער צייט פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין דעם פֿעריאָד פֿונעם העפֿטיקן קאַמף צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, דעם קליינבירגערטום, וואָס איז געגאַנ־גען האַנט אין האַנט מיט דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, — אין יענער אויפֿברויז־צייט האָט מען זיך דורכאויס אָריענטירט אויף די סאָציאַליסטישע כוחות, וואָס זענען געווען אין פּוילן, אָרגאַניזירט אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען „בונד", פּועלי־ציון (לינקע) און „פֿאַראייניקטע", און אינגאַנצן האָט מען אויסגעשלאָסן די פֿאָלקס־עלעמענטן, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן און אָרגאַניזירט אין דער פֿאָלקס־פּאַרטיי און אין אַנדערע פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. איצט, אין 1948, זעט עס אויס צו דאָקטרינעריש, אַ צו־שמאָלע באַזע, וואָס גייט קעגן די פֿאָלקס־אינטערעסן און קעגן דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער אידעע פֿון אַ וואָס־ברייטערן פֿאָלקס־פֿראָנט. יאָ, אַזוי זעט עס אויס אִ י צ ט , נאָך די אַלע מוראדיקע איבערלעבענישן און גרויזאַמע געשעענישן, ווען ס'איז דער געבאָט פֿון דער צייט — צו פֿאַראייניקן די פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע פֿאָלקס־כוחות קעגן דעם פֿאַשיזם און נאַציזם . . .

אין 1921 איז די אַלגעמיינע סיטואַציע און איינשטעלונג אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־וועלט און אַזוי אויך אין דער יידישער דעמאָקראַ־טיש־סאָציאַליסטישער וועלט געווען אַ גאַר־אַנדערע. און דעריבער, ווען אונדזער גרופּע האָט גענומען אָרגאַניזירן די „קולטור־ליגע" אין פּוילן, אָדער — ריכטיקער געזאָגט — צו פֿאַראייניקן און צענטראַליזירן די ענער־

גיע און די פאַרשידענע פאַראײנצלטע טואונגען אויפן קולטור־געביט, האָבן מיר זיך געווענדט, און אונדזער אויג און האַרץ איז געווען צו די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן „לאחדים", יעדע איינע פאַר זיך, שוין געפירט זייערע טעטיקייטן אויפן קולטור־געביט, ווי אַ טייל פון זייערע אַלגעמיינע סאָציאַל־פּאָליטישע ארבעטן. זיי האָבן דעריבער נישט געוואָלט אויף זיי גלייך מוותר זיין אָדער איבערגעבן דאָס אַלץ אין אַ קערפּערשאַפט, וואָס שטייט אויסן און דרויסן פון זייערע אָרגאַניזירטע רייען . . .

און אָט ביי די באַדינגונגען האָבן מיר געמאַכט אונדזערע ערשטע שווערע טריט ביי אומגעהויערע שטרויכלונגען און שטערונגען, וואָס זענען בעיקר געקומען פון דער שטאַרקער פּאַרטיי — מצד דעם „בונד".

2

די ערשטע שריט פון דער „קולטור־ליגע"

עס איז ממש אומגלויבלעך דער אימפּעט און ענערגיע, וואָס אונדזער קליינע גרופּע האָט אַרויסבאַוויזן אין וואַרשע, ניט געקוקט אויף די מניעות, וואָס זי האָט באַגעגנט אויף איר וועג ביים צוטרעטן צו פאַרווירקלעכן דעם ווילן און דראַנג אויפצובויען אַ שטאַרקע קולטור־באַוועגונג גלייך און אָן אָפּהאַלט.

נאָך וואָס געקומען קיין פּוילן, קיין וואַרשע, נאָך נישט באַוויזן זיך צוטוליען ערגעץ־ווו, נאָך נישט אַרומגעזען זיך ווו מען האַלט אין דער וועלט און וואָס עס זענען די אויסזיכטן, — די פינאַנציעלע, געזעצלעכע, געזעלשאַפטלעכע, — און נישט געקוקט אויף די וואַרענונגען און אויף די בייזע בליקן פון גאָר נאָענטע פריינט אָן מכלומרשט פאַרבינדעטע, — און אָט שוין דעם 4־טן אַפּריל אַ קאָנפערענץ פון דער „קולטור־ליגע" אין סאַמע וואַרשע, מיט פאָרשטייער פון אַ 30 פונקטן, פון שטעט אין וואָלינער געגנט, פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן, און פון ווילנע, באַראַנאָוויטש און שעדלעץ, חוץ די טוער פון וואַרשע גופא און די פאָרשטייער פון די פירנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פּוילן, פון דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע און

פון צענטראַלן דינעזאָן־שול־קאָמיטעט (די לעצטע מיט באַראַטונגס־רעכט).

עס לוינט זיך אָפּשטעלן א ביסל גענויער אויף דער קאָנפערענץ און אויף די אונטערהאַנדלונגען, וויכוחים, אויף די רעזאָלוציעס, נישט נאָר דערפאַר, ווייל עס איז אַ שטיק יידישע קולטור־געשיכטע פונעם אמאָליקן יידישן פוילן, נאָר עפּעס קאָן מען אראָפּלערנען פון דעם אַלעמען אויך פאַר די איצטיקע באַדינגונגען און באַציאונגען, וואָס הערשן אין דער יידישער וועלט, אויף די שוועריקייטן, וואָס מען באַגעגנט כסדר אויפן וועג צו שאַפן עפּעס רעכטס און דויערהאַפטיקס אין דער יידישער גאַס, וואָס איז צע־שפּליטערט אויף ריכטונגען, פּאַרטייען, קרייזן און קרייזלעך.

אַט ליגט פאַר מיר (עס איז איצט אַ זעלטענע אויסגאַבע!) דאָס ערש־טע זאַמלהעפט „קולטור־ליגע“, וואָס איז אַרויס אַפּריל 1921 (ניסן תרפ״א) אין וואַרשע, אין דער דרוקעריי פון די ברידער וואַיצעקעוויטש, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף אַנהויב נאַלעווקי גאַס אין די נאַלעווקער קראָמען (דאָרט דערנעבן האָט זיך געפונען אַ. גיטלינס יידישע בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג, און אויך דאָס געשעפט פון קאַלאָשן פון הענריך איש, — אַ פאַר־דינסטפולער מיטגליד און טוער פון ליטעראַטן־פאַריין). דער אַרויסגעבער — אויף פּויליש „ווידאַווצאַ“, — איז נ. מייזיל.

עס ווערט געזאָגט אינעם באַריכט, אַז „דער צוועק פון דער קאָנפע־רענץ איז — ערשטנס, פאַראייניקן די טעטיקייט פון די שוין־עקזיסטירנ־דיקע אָפּטיילונגען, און צווייטנס, נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו, אין הסכם מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, צו גרינדן אַ צענטראַלע פאַר־אייניקונג פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור־אַרבעט אין פּוילן“. אגב, אין פּרעזידיום זענען אַריין: ד״ר מ. זילבערפאַרב (פון אָרגאַניזיר־ביוראָ), ש. גאָלדמאַן (ביאַליסטאָק), גילבורד (ראָוונע), ב.ווירגילי־כהן (ווילנע), אין סעקרעטאַריאַט נחמן מייזיל און י. טאָלפּין (אָסטראָה). אגב, פון דעם פּרעזידיום זענען פאַרבליבן איצט נ. מייזיל און י. טאָלפּין (אינזשיניער, וווינט אין שיקאַגאָ).

נאָך די רעפעראַטן וועגן די פּראָבלעמען פון אונדזער קולטור־שאַפן, די צענטראַליזירונג פון דער קולטור־אַרבעט, וועגן אַ קולטור־פאָנד, אָרגאַ־ניזאַציע־פראַגן, פינאַנסן, פאַרלאַג, זענען פאָרגעקומען הייסע דעבאַטן, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס געדרייט אַרום דער פראַגע, צי דאַרף די קאָנ־פערענץ שוין אַרויס מיט איר פּלאַטפאָרם און פאָרמולירן אונדזער פּראָ־

גראם. ב. מיכאלעוויטש, דער פארשטייער פון „בונד", אין א געוויסער מאס אויך זרובבל, פארשטייער פון די לינקע פועלי־ציון, האבן זיך ארויסגעזאגט קעגן דעם, אז אט די קאנפערענץ זאל שוין אננעמען אזעלכע גרונט־רעזאלוציעס, ווען מען האלט נאך ערשט אין מיטן פון די אונטערהאנדלונגען מיט די פארטייען וועגן דער קולטור־ליגע. ב. מיכאלעוויטש האט דערביי אנגעוויזן, אז אזעלכע רעזאלוציעס קאנען שטערן דער ווייטערדיקער ארבעט... אבער נישט געקוקט אויף דער שארפער קעגנערשאפט פון „בונד" איז די רעזאלוציע אנגענומען געווארן, מיט איניקע אויסבעסערונגען. דאס האט, פארשטייט זיך, ארויסגערופן אן אומצופרידנקייט מצד די בונד־פארשטייער, וואס איז גיך אריבער אין א שטארקער קעגנערשאפט.

אבער וועגן די באציאונגען צווישן דער קולטור־ליגע מיטן „בונד", און ריכטיקער — די באציאונג פונעם „בונד" צו דער „קולטור־ליגע" — וועט נאך קומען צו רייד.

עס איז אינטערעסאנט, אז נישט געקוקט אויף אונדזערע מאטעריעלע מאטערנישן, זענען ארומגעגאנגען מעשיות־געשיכטעס, אז מיר האבן מיט זיך מיטגעבראכט „פעסלעך גאלד". האט טאקע מ. זילבערפארב אפיציעל געמאלדן, אז „דאס ארגאניזיר־ביורא האט דערווייל נישט אין זיין רשות קיינע געלט־סומעס, נאר דאס דארף אונדז נישט אפשרעקן. אין גאנג פון אקטיווער ארבעט וועלן געפינען ווערן אויך געלט־מיטלען". און א צווייטער מיטגליד האט אינפארמירט וועגן דער „מאטעריעלער לאגע פון פארלאג" און געזאגט: „די אלע קלאנגען וועגן די גרויסע סומעס, וואס דער פארלאג פארמאגט, זענען, ליידער, נישט ריכטיק. מיר האבן באקומען א הלוואה פון חברים, פריינט פון ק. ל., אויף פארלאגס־ארבעט, אזוי אז דער פארלאג קאן צוטרעטן צו דער ארבעט".

עס זענען אנגענומען געווארן רעזאלוציעס וועגן די צילן און אויפגאבן פון דער „קולטור־ליגע": „די ק. ל. שטעלט זיך דעם ציל: 1. — מיטצוהעלפן אויפבויען די סאציאליסטישע קולטור אויף יידיש פאר און דורך די ארבעטנדיקע מאסן; 2. — די ק. ל. שטרעבט צו באהעפטן דעם יידישן ארבעטער־קלאס צו אלע דערגרייכונגען פון דער אלמענטשלעכער און נאציאנאלער קולטור און אויסצוגעפינען די וועגן און פארמען פון פראלעטאריש־סאציאליסטישן שאפן; 3. — מיטגלידער פון ק. ל. קאנען זיין אלע די, וועלכע אנערקענען די פרינציפן פון ק. ל., ווי זיי זענען פארמולירט אין

די ערשטע צוויי פונקטן; 4.— אויפן יסוד פון די דאָזיקע פּרינציפּיעלע הנחות, באַשליסן די פאַרגעשטעלטע, אויף דער קאָנפערענץ, אָפּטיילונגען „קולטור־ליגע" צו פאַראייניקן זיך אין איין אָרגאַניזאַציע „קולטור־ליגע" און קלייבן אויס אַ ציטווייליקן צענטראַל־קאָמיטעט".

ווי עס איז צו זען, סיי פון די געבראַכטע 4 פּונקטן, און אויך פון איינקע ווייטערדיקע פּונקטן און צוגאַבן (צוליב מאַנגל אין אָרט ברענגען מיר עס נישט) האָט מען געמוזט גיין אויף איניקע פּשרות, כדי לאָזן אָפּן די טיר פאַר ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט די פּאַרטייען, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך באַגנוגענען דערמיט, וואָס זיי שיקן אריין זייערע פאָרשטייער אין אַן אומפּאַרטייאישער אָדער איבערפּאַרטייאישער קולטור־אָרגאַניזאַציע, נאָר זיי האָבן געוואָלט האָבן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווו זיי זאָלן האָבן די העגעמאָניע, און האָבן טאַקע זייער אייגענע פירערשאַפט.

אָבער זייער אַ וויכטיקער פּונקט איז געווען ווייטער אין די אָנגענו־מענע רעזאָלוציעס — דאָס איז דער פּונקט, אַז „די קאָנפערענץ באַשליסט צוטרעטן גלייך צו אָרגאַניזירן דעם פאַרלאַג און צענטראַלן ביכער־לאַגער „קולטור־ליגע" . . .

דאָס איז געווען אַ וויכטיקער רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ און מ'האָט אקצעפּטירט אַ באַשלוס, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט אָנצו־הויבן די אַרויסגעבערישע טעטיקייט, וועלכע האָט אָנגענומען אַ נישט־געהערטן ביזאַהער כאַראַקטער און פאַרנעם.

איידער מיר וועלן דערציילן גענויער וועגן דעם קולטור־ליגע־פאַרלאַג, לאָמיר זיך נאָך אָפּשטעלן אויף די אידעען און כוונות, וואָס זענען געלייגט געוואָרן אינעם יסוד פון דער קולטור־ליגע. זיי פאַרדינען, אָן ספק, פון אַלע הינזיכטן, ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. זיי זענען געווען אַ צייכן פון יענער צייט און אַן אויסדרוק פון דעם אידעען־געראַנגל, וואָס איז געקומען מיט דער רוסלענדישער רעוואָלוציע און מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט בכלל און אין דער יידישער וועלט בפרט.

אין דעם ערשטן העפט „קולטור־ליגע" איז פון פאָרנט, אויף די ערשטע 6 גרויסע זייטן, אָפּגעדרוקט אונדזער „פּלאַטפאָרם", די אידעאישע באַגרינדונג פון דער קולטור־באַוועגונג אונטערן נאָמען „וואָס איז די קולטור־ליגע?" עס איז אָפּגעדרוקט אָן אַ אונטערשריפט, אויף וויפל מיר

געדענקט זיך, האט עס אנגעשריבן א. ליטוואק, אבער עס איז מער געווען א קאלעקטיווע שאפונג פון אונדזער גאנצער גרופע, ווייל גאנצע שטיקער און וויכטיקע טיילן זענען אויפגעשריבן געווארן נאך לאנגע וויכוחים און באטראכטונגען צווישן אונדז. א. ליטוואק איז געווען א בריה אנצושרייבן געגוי, ווארט אין ווארט, וואס מען האט גערעדט און פארמולירט. א. ליטוואק האט געקאנט אנשרייבן מיט א צייט שפעטער א לאנגע רעדע, וואס ער האט געהאלטן, נישט פארלירן דערביי קיין איין ווארט, קיין איין אויסדרוק. ער האט געקאנט איינזאפן אין זיך געדאנקען, פארמולירונגען און אויסדריקן, גאנצע זאצן, נישט פארשרייבנדיק עס, אדער פארצייכענענ־דיק עס אויפן ארט, אויף שטיקלעך פאפיר, אויף דער פאדערונג פון די חברים, דערנאך אבער האט ער זיי פארלוירן מיט זיינע איבעריקע שמות, וואס זענען געווען ביי אים אין טאש. ער האט זיך פארלאזט אלע מאל מער אויף זיין לויטערן זכרון, וואס האט אים זעלטן־ווען פארראטן.

מיר ווילן ברענגען עטלעכע גרעסערע שטעלן פון דעם פראגראם־ארטיקל, וואס הגם ער איז געשריבן מיט 28 יאר צוריק, פארדינט ער מען זאל אים אויפהיטן און ארייננעמען אין א קולטור־געשיכטע פון אונדזערע געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען. עס זענען דא אינעם ארטיקל א 20 אפזאצן, און יעדער פון זיי גיט א קערנדיקע און סינטעטישע פארמולירונג, וואס איז באמת אן אויסדרוק פון דורותדיקע אידעען־גערנגלעניש און אי־דעען־זוכענישן פון דער דענקענדיקער אינטעליגענץ.

„די קולטור־ליגע — הויבט זיך אן דער ארטיקל — דאס איז א בשורה פון די ברייטע יידישע מאסן, וואס גייען ארויס פון טונקעלן אונ־טער־אויוון אויף דער ליכטיקער זון פון דער מאדערנער וועלט־קולטור. גייע מאסן ווילן אנהויבן געניסן און שאפן די מאדערנע קולטור אין איר גאנצער ברייט, אין אלע אירע פארצווייגונגען און שאטירונגען".

און ווייטער: „שוין א פאר צענדליק יאר, אז מען רעדט א סך וועגן דער נייער יידישער קולטור. אבער עד־היום האבן מיר פון איר נאר ראשי־פרקים, נאר שטיקלעך־ברעקלעך... — — — באשאפן ביי יידן א ברייטע אומפאסנדיקע מאדערנע קולטור מיט אלע אירע קאלירן און ניואנסן, מיט אלע אירע דערגרייכונגען און זוכענישן — דאס איז די אויפגאבע פון קול־טור־ליגע".

„אונדזערע ווארצלען — ווערט ווייטער געזאגט — גייען אוועק ווייט

אין גרויען עלטער פון דער מענטשהייט. צוזאמען מיטן שטויב פון דורות האָבן זיי אָנגעזאמלט זאפטן פון דורות. מיר ווילן אָפטרייסלען דעם אַלטן שטויב און אריינגעמען אין זיך די אַלטע קרעפטיקע זאפטן. שאפן פון יידן א נייעם גליד פון דער גרויסער וועלט־קולטור־משפחה, הייסט נישט איבער־זעצן די וועלט־קולטור אויף יידיש. דאָס הייסט אויך נישט בלויז דורכלאָזן די אַלטע מענטשלעכע קולטור דורך דעם טעמפעראמענט פון איין באשטימ־טער נאציע. דאָס הייסט נאָך מער — איבערפלאנצן די נייע קולטור אויף אַן אַלטן באָדן, שאפן א באהעפטונג פון אונדזער געשיכטע, וואָס לעבט אין אונדז, מיט דער קולטור פון דער נייער צייט".

און ווער זענען די טרעגער פון דער יידישער קולטור? דערויף ווערט געענטפערט, אַז עס „זענען די מאסן. די רייכע און פארמעגלעכע, די וואָס האָבן פרייע צייט און מיטלען פאַר קולטור. זענען נישט מיט אונדז".

און וואָס איז די אויפגאַבע פון דער קולטור־ליגע? עס איז „צו אָר־גאַניזירן די יידישע מאסן ארום זייערע קולטור־אינטערעסן, מאכן זיי פאַר דירעקטע שעפער און פאַרשפרייטער פון דער קולטור". און ווייטער מיט א זייטל: „ארויסשעפן פון דער יידישער מאסע אירע באהאַלטענע שאפונגס־כוחות... געבן א מעגלעכקייט די טאַלענטן, וואָס אונדזער מאסע רוקט ארויס, צו וואקסן און געדייען, פונאַנדערוויקלען זייערע מעגלעכקייטן..."

און וועגן דער מחלה, וואָס פרעסט ביז היינט אויף אונדזער פאָלקס־אָרגאַניזם: „אונדזערע מאסן־טוער זענען פּאָליטיש צעשפּאָלטן אויף פאַר־שידענע פּאַרטייען און ריכטונגען, וואָס קעמפן שאַרף מיטאַנאַנד. די היץ פון דעם דאָזיקן קאמף ווערט אריבערגעטראָגן אין אונדזער קולטור־אַרבעט און שטערט אויף יעדן טריט. די זיכערקייט, אַז עס איז פאַראַן איין איינ־הייטלעכע יידישע מאסן־קולטור, אַז דער דאָזיקער סינטעז האָט זיך שוין אָנגעמערקט און ער וועט זיך אינגאַנצן אויסאַרבעטן אינעם פּראָצעס פון דער געמיינזאַמער קולטור־אַרבעט — דאָס איז איינע פון די גרונט־אידעען, אויף וועלכע עס האַלט זיך די „קולטור־ליגע"..."

ווייטער קומט א לענגערער אָפּזאַץ וועגן דער יידישער וויסנשאַפט, עס ווערט באַצייכנט דער כאַראַקטער פון דער יודאַאיקע מיט איר פאַלשן צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע און עס ווערט פאַרלאַנגט דער אמת־וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג, וואָס האָט דעם ציל: „געניי וויסן אונדזער

היינט און זיין אין שטאַנד בעסער אויסצוצייכענען אונדזער וועג פאַרן מאָרגן".

און עס קומט נאָך א וויכטיקער פּונקט: „מיר זענען א פאָלק נישט פון איין לאַנד, נאָר פון דער גאָרער וועלט, יידן, וואָס אַרבעטן, גרויסע מאַסן, וואָס רעדן און דענקען, וויינען און פרייען זיך אין יידיש, לעבן און קעמפן אין א יידישער אַטמאָספער — אזעלכע גרויסע מאַסן קאָן מען היינט צו טאָג געפינען אין פּוילן, רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע, אַמעריקע, אזיע און דרום־אפריקע און אין די יידישע קווארטאַלן פון לאָנדאָן, פּאַריז און אַנטווערפּן. יעדער קיבוץ האָט זיך זיינע באַזונדערע פּאָליטישע אינ־טערעסן, געפינט זיך אין איינגאַרטיקער באַציאונג מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווערט באַאיינפלוסט פון די קולטורן פון שכנישע נאַציעס. אָבער די אַלע קיבוצים בייטן זיך מיט ביכער, מיט אידעען, מיט טוער, אָבער זיי האָבן אַלע איין קולטור, אין וועלכע זיי גיסן אריין זייערע באַ־זונדערע ניואַנסן, מאַכן זי רייכער, פילפאַרביקער — און יידישע דיאַס־פּאָרע־קולטור, דאָס מאַכט אומגעהויער ברייט דאָס פעלד פון אונדזער קולטור, אומגעהויער גרויס אונדזערע מעגלעכקייטן".

און לסוף: „די „קולטור־ליגע" איז... א שיטה, א נייער געדאַנקען־גאַנג, א באַזונדערער דרך אין יידישקייט. דער דאָזיקער נייער דרך האָט זיך אָנגעמערקט נאָך פאַר דער „קולטור־ליגע" אין די מוחות און אין א געוויסער מאָס אויך אין דער אַרבעט פון די יידישע סאָציאַליסטן. די קולטור־ליגע האָט אים געגעבן פעסטע קאָנטורן, זי האָט אים באַטראָטן מיט זיכערע טריט און אין איר גאַנג, אין פּראָצעס פון איר אַרבעט, מאַכט זי אים קלערער, ברייטער און פעסטער, געשאַפן און שאַפט פאַר אים נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען". „יאָ, — ענדיקט זיך דער לייט־אַרטיקל אין דעם ערשטן זאַמלהעפט „קולטור־ליגע", וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן — יאָ, אין דעם פּרט איז פאַראַן נישט נאָר א קולטור־ליגע, פאַראַן אויך א קולטור־ליגיזם, וועלכער דאַרף זיך לאָזן פילן אויף אַלע געביטן פונעם קולטור־שאַפן".

עס איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ מין אַרטיקל, וואָס האָט דרייסט אָנגעצייכנט דעם וועג, זיך אָפּגעטרייסלט פון פאַרשידענע איינשטעלונגען און דאָגמעס און פּרינציפּן, האָט אַרויסגערופן אָפענע און באַהאַלטענע אומצופרידנקייט און אַרויסגערוקט פיל קעגנער קעגן דער גרופּע און קעגן

דער אָרגאַניזאַציע אָדער באַוועגונג, וואָס גייט קעגן דעם אַלגעמיינעם שטראָם. און, פאַרשטייט זיך, אַז די קעגנער זענען געווען פאַרשידענע — סיי פון דרויסן און סיי פון אינעווייניק.

מיר וועלן דאָסמאָל, אין אונדזער דאָזיקער אַרבעט, וועלכע איז גע־צילט וואָס־ברייטער און וואָס־אַלזייטיקער אַרויסברענגען און מאָלן דאָס יידישע קולטור־שאַפערישע לעבן אין פּוילן, נישט אָפּשטעלן זיך אויף אַנ־דערע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, ווי, למשל, אויף דעם אויספירלעכן אַרטיקל „די קולטור־ליגע אין אוקראַינע", ווו עס ווערט געגעבן אַן אויסשעפנדיק בילד, די געשיכטע און אָפּשאַצונג וועגן די פּאָר יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער קולטור־ליגע אין אוקראַינע, וועגן די פאַרשידענע סעקציעס און לסוף וועגן דער באַשטימונג פון דעם „אָרקאָם" (אָרגאַניזיר־קאָמיטעט) מצד דער אוקראַינער מאַכט איבערצובויען די דאָרטיקע קולטור־ליגע. דאָס האָט נישט קיין דירעקטן שייכות צו אונדזער טעמע.

דער ווייטערדיקער וועג פון דער קולטור־ליגע אין פּוילן איז געווען פול מיט שטערונגען און שוועריקייטן, וואָס האָבן נישט געלאָזט דער באַ־וועגונג זיך צעוואַקסן אָרגאַניזאַציאָנעל און אַרומגעוואַקסן ווערן מיט גרויסע צאָלן פאָלקס־ און אַרבעטער־מאַסן. פון די ברייטע פאָלקס־אָרגאַ־ניזאַציעס האָבן מיר זיך אַליין אָפּגעטיילט, און די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט געוואָלט אויפגעבן אייגענע דעראָבערטע קולטור־פּאָזיציעס, אייגענע אָרגאַניזאַציעס צו אַ נייער קערפּערשאַפט, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס צו־אַנדערשדיקע און אפשר אויך צו „אַפּיקורסישע" געדאַנ־קען . . .

באין ברירה איז אויסגעקומען צו פירן די ווייטערדיקע אַרבעט אויף צוויי אופנים, און אין צוויי גאַנץ־באַזונדערע ריכטונגען. פון איין זייט — האָט מען געפירט אומענדלעכע „אונטערהאַנדלונגען", געמאַטערט זיך צו געפינען עפּעס אַ מין אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע און באַמיט זיך אויסצור־אַרבעטן אַזאַ מין מאָדוס, אַז די „פּראָפּאָרץ" פון די פאַרשידענע פּאַרטיי־כוחות זאָל, חלילה, נישט ליידן און אַז דער „קעגנערישער" פּאַרטיי־צד, זאָל חס ושלום נישט האָבן קיין איבערגעוויכט א. א. וו.; פון דער אַנדע־רער זייט — האָבן מיר טאַקע גלייך נעגרינדעט דעם פאַרלאַג, און אויף אָט דעם קאָנקרעטן, רעאַלן וועג האָבן מיר געלאָזט אין גאַנג אונדזערע

פארמעסטן, אונדזער אימפעט, און מיט קנאפע מיטלען און אן קיין שום פאנדן.

מיר האבן שוין געקראגן א דירה (ביי פרוי סעמיאטיצקא) — עס רעדט זיך אזוי א דירה, — ריכטיקער געזאגט — א צימער מיט א צימערל דערביי. האט מען, מיט דער הילף פון א חבר — א סטאליער, אויפגע־קלאפט ארום די ווענט עטלעכע פאליצעס און אנגערופן עס מיט א פיל־זאגנדיקן נאמען: „פארלאג און צענטראלער ביכער־לאגער". דא איז אויך געווען די היים פון דעם, „צענטראל־קאמיטעט", פון דער רעדאקציע א. א. וו. מיר האבן געלאזט אין גאנג די פארלאגס־מאשין און אפילו אנגע־שטעלט איין מענטש און א צווייטן און א דריטן. צווישן אונדזערע מיט־העלפער זענען געווען אויסער דעם שוין דערמאנטן ברודער מיינעם יעקב, אויך דער דיכטער, אנטאלאגיע־פארפאסער עזרא קארמאן, וואס האט נאך געצויגן זיין יחוס פון „קיעווער פארלאג", פון קיעווער „קולטור־ליגע" (איצט וווינט ער אין דעטראיט) און דער יונגער יעקב (יאניע) אראנסאן, מיין שוואגער, וואס פארנעמט איצט אן אנגעזעענעם פאסטן אין תל־אביב, ער איז דער דירעקטאר פון דער עלעקטרישער רידינג־סטאנציע.

אויף דער הילע פון דעם ערשטן זאמלהעפט איז שוין אויף דער לעצטער זייט דא דער נאמען און דער אדרעס פון דער קולטור־ליגע:

> צענטראלער ביכער־לאגער
> „ק ו ל ט ו ר ־ ל י ג ע"
> ווארשע, לעשנא 52, וו. 3

דאס איז געווען אונדזער ערשטע דעראבערטע פאזיציע, אונדזער „פעסטונג" און דער צענטער, פון וואנעט עס זענען געגאנגען „ליכט־שטראלן", בריוו, קאמוניקאטן, ביכער, זשורנאלן, אנווייזונגען, דערמא־נונגען און צו וועלכן עס האבן זיך געצויגן ענטפערס, פאדערונגען, באַ־שטעלונגען, מאנוסקריפטן, לידער, דערציילונגען, ראמאנען, באריכטן וועגן קולטור־טעטיקייטן נישט נאר פון די הונדערטער שטעט און שטעטלעך פון פוילן נאר אויך פון עקן וועלט.

פון דער ווייטנס האט מען געקאנט מיינען, ווער ווייסט, וואס פאר

א גרויס קולטור־הויז עס איז, וויפל שטאָק און צימערן עס פאַרמאָגט די קולטור־ליגע, אָבער אינגאַנצן איז עס געווען איין צימער מיט א צימערל, קאָפּ אויף קאָפּ, פּאָליצעס מיט ביכער, רעדאַקציע־טיש מיט עקספּעדיציע־טישן, — אַלץ צוזאַמען.

עס איז וויכטיק, ווען מיר דערציילן דאָ וועגן די ערשטע שריט פון דער „קולטור־ליגע" אין פּוילן, זיך אָפּשטעלן כאָטש בקיצור אויף די קולטור־ און בילדונגס־אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, וואָס זענען צו יענער צייט, ווען מען האָט ערשט זיך גענומען צו פאַרהיילן די ווונדן פון דעם שווערן קריג און בירגער־קריג און פון די אַלע פּאָגראָמען און שחיטות, — עס איז וויכטיק צו באַווייזן, ווי גרויס עס איז געווען או־מעטום דער ווילן און דער אימפּעט אויפצושטעלן בילדונג־אַנשטאַלטן, וואָס זענען געוואַקסן ממש ווי שוואָמען נאָך א רעגן. עס באַווייזט דעם ווונדערלעכן כוח און דעם לעבנס־ווילן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

טאַקע אין דעם זעלבן ערשטן העפט „קולטור־ליגע" האָבן מיר עטלעכע בלעטלעך געזעצט אין פּעטיט (מיט קליינעם דראָבנעם שריפט), אָבער אָנגעפּיקעוועט מיט פריידיקע און אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן אַן אמתער קולטור־באַוועגונג אין ווילנער געגנט און אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן. לאָמיר דאָ דערמאָנען אייניקע שטעט און זייערע טעטיקייטן. עס איז דאָך פון דעם אַלעמען איצט קיין זכר נישט געבליבן, און ווער ווייסט, צי ערגעץ־ווו לעבן נאָך די טוער אָדער די דעמאָלדיקע קינדער, וואָס האָבן דאַן אָנגעפולט די אַלע קינדער־אינסטיטוציעס, די היימען און די שולן.

עס ווערט דערציילט וועגן דעם אַלעמען אין די באַשיידענע און אינטערעסאַנטע באַריכטן, — באַשיידענע, ווייל עס איז אין ערגעץ נישט אָנגעוויזן קיין נאָמען פון א טוער, און אפילו דער באַריכט איז נישט אונטערגעשריבן מיט קיין נאָמען. עס איז אַלץ דער גרויסער אומבאַקאַנ־טער קולטור־זעלנער, וואָס האָט געטון זיין הייליקע אַרבעט מיט מסירת־נפש, מיט טיפער ליבע און טרייקייט, און טאַקע לשמה, מיט ליבשאַפט צו דער אַרבעט גופא, אָן קיין שום ווילן זיך אַרויסצושטעלן און זיך אַרויסצוטיילן. טייערע, האַרציקע יידישע פאָלקס־טוער אין די אַלע שטעט־לעך, זאָל געהייליקט ווערן אייער הייליקער אָנדענק! זאָל אייער מסירת־נפש אונדז אַלעמען באַגלייטן אין אונדזער אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק!

די אפטיילונגען „קולטור־ליגע" פון דער וואלינער געגנט — ווערט דערציילט — זענען געווען אפטיילונגען פון דער אוקראינער קולטור־ליגע און זיי זענען אפריער געשטאנען אין פארבינדונג מיטן צ. ק. אין קיעוו. דאס איז געווען דאן, ווען וואלין האט נאך געהערט צו רוסלאנד, איידער זי איז אריינגעפאלן צו פוילן. אינאיינעם מיט די אפטיילונגען פון גאנצן לאנד האבן זיי דורכגעמאכט א זיגזאגישן שווערן וועג פון ארגאנישן וואקסן און פון שטענדיקן צאפלען אונטערן הלף פון די צענדליקער איבערקערענישן, באנדעס־אנגריפן, רויבערייען און שחיטות.

עס פלעגן זיך ציען לאנגדויערנדיקע שווערע פעריאדן פון פולשטענדיקער אפגעריסנקייט פון קיעווער צענטער, ווען מ'האט פון דעם אידעאישן אנפירער, פונעם צ. ק., נישט געקאנט באקומען נישט קיין גערדרוקט ביכל, נישט קיין בריוו. און דאך האבן די וואלינער חברים גלענצנד אויסגעהאלטן אלע שווערע נסיונות, אויסגעטראטן, כמעט זעלבסטשטענדיק, אן אייגענעם וועג, בייגעקומען אלע אנגריפן און קלעמענישן מצד דער אינערלעכער און אויסערלעכער רעאקציע — און אויפגעבויט א שיינעם בנין פון קולטור אין זייער שטאט און שטעטל. דער גאנצער וואלינער ראיאן איז באדעקט מיט א נעץ פון בילדונגס־אנשטאלטן, ארום וועלכע עס קאנצענטרירן זיך צענדליקער אויסגעפרפּווטע, געטרייע און באוווּסטזיניקע קולטור־טוער. די גאנצע בילדונגס־ארבעט אין דער געגנט איז ארגאניזירט און פארמאגט אן אנפירנדיקן צענטער, און דורכגעדרונגען מיט אן איינהייטלעכער פּראגראם, זי גייט אין איין באשטימטער קולטור־ליגע־ריכטונג, און שטרעבט צו פארברייטערן און פארשפרייטן זייער טעטיקייט אויף אלע קולטור־געביטן".

עס קומען באריכטן פון שטאט און שטעטל: דובנא (שולן און קינדער־היימען, — שילער א 450, לערער — 13), קרעמענעץ (שולן און קינדער־היימען א 400, לערער — 10), לוצק (שולן און קינדער־היים — קינדער — 240), ראזשישטש (פאלקסשול מיט 120 קינדער), אסטראה, קארעץ, טיטשין, דאמבראוויץ, און לסוף — ראוונע מיט עטלעכע הונדערט קינדער אין די שולן, הונדערטער קינדער אין די קינדערהיימען. אויסער די שולן זענען אומעטום דא ביבליאטעקן, דראמאטישע קרייזלעך, אוונט־קורסן, קורצטערמיניקע קורסן פאר לערער, א. א. וו., א. א. וו. אט די אלע קולטור־אינסטיטוציעס, וואס זענען פאראייניקט ארום

דער קולטור־ליגע, האָבן אָפּגעהאַלטן דעם 4־5 פעברואַר 1921 (נאָך איי־
דער מיר זענען געקומען קיין פּוילן) די ערשטע קאָנפערענץ פון די וואַ־
לינער אָפּטיילונגען פון דער קולטור־ליגע, פאַרגעקומען אין ראָוונע מיט
אַ זייער רייכער טאָג־אָרדענונג, מיט גרויסע אויפגאַבן, פאַרמעסטן און
באַריכטן און באַשלוסן.

אַ פולער און זייער אינטערעסאַנטער באַריכט איז אינעם זעלבן
העפט פאַרעפנטלעכט פון דער ביאַליסטאָקער קולטור־ליגע, וואָס איז
אויפגעקומען נאָך אין יולי 1918, גלייך ווי עס זענען אָנגעקומען אַהין
נריסן וועגן דעם אויפקום פון דער קולטור־ליגע אין אוקראַינע. אָט די
ביאַליסטאָקער קולטור־ליגע האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע נעץ אינסטיטוציעס
אויך אין דער געגנט אַרום, מיט אַ פיינעם אייגענעם פאַרלאַג, לערער־
קורסן, מיט אַ שול־סעקציע, מיט קונסט־אויסשטעלונגען, מיט באַראַטונ־
גען א. א. וו. פרילינג 1921 האָט ביאַליסטאָק צונויפגערופן אַ קאָנפע־
רענץ מיט פאָרשטייער פון 17 שטעט און שטעטלעך פון יענער געגנט.

כדי צו האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן די אַלע פאַראַנענע אָפּטיילונגען
פון דער קולטור־ליגע, פון די פאַרשידענע קולטור־פאַראיינען און קול־
טור־אָרגאַניזאַציעס, האָט דאָס אָרגאַניזיר־ביוראָ פונאַנדערגעשיקט אַן
אַנקעטע־בויגן מיט פיל פראַגן, און דער אַדרעס אויף צו שיקן די ענט־
פערס איז געווען: לעשנאָ 52, דירה 3, קולטור־ליגע.

הקיצור, מיר האָבן זיך גלייך פון אָנהויב פאַרמאָסטן אויף אַ רייך
און פאַרשידנאַרטיק לעבן און שאַפן, און מיר האָבן שוין געהאַט אויף
וועמען זיך אָנצושפאַרן.

3

האַסטיקער וווּקס פונעם קולטור־ליגע־פאַרלאַג

מיר וועלן דערוויַיל לאָזן אָן אַ זייט דעם העפטיקן אָפענעם און באַ־
האַלטענעם קאַמף, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אַרום דער גרינדונג פון
דער קולטור־ליגע אין פוילן, דער קאַמף, וואָס איז אונדז דערקלערט גע־
וואָרן נישט פון אונדזערע שאַרפע קעגנער, נישט פון אונדזערע שונאים,

נאָר גראָד פון דעם שיכט און פון דעם קרייז, צו וועלכן מיר האָבן שטאַרק אַפּעלירט און פון וועלכן מיר האָבן געוואַרט די גרעסטע הילף, — מצד דעם „בונד".

מיר וועלן עס לאָזן אויף אַ קאַפּיטל שפּעטער און דערווייל לאָמיר גיין כסדר און זיך אָפּשטעלן אויף דער פיבערדיקער טעטיקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרום דעם פאַרלאַג קולטור־ליגע, וועלכער האָט געמאַכט ממש ריזן־שריט אין לויף פון געציילטע פּאָר חדשים.

איצט, ווען איך נעם זיך דערמאַנען וועגן יענער צייט, די ערשטע חדשים פון אונזער אויפקום, און טו אַ קוק אויף די אַנאָנסן פון דעם פאַרלאַג נאָך די עטלעכע חדשים פון זיין עקזיסטענץ, — אַנאָנסן וועגן עטלעכע צענדליק ביכער און ביכלעך, גלויב איך פשוט נישט מיינע אייגענע אויגן.

אין 1921, אָנהויב פרילינג, ווען מיר זענען געקומען קיין וואַרשע, מיט אונדזער ביסל אָרעמקייט, און איך גופא — מיט אַ מאָגער רענצל, מיט דעם איין־איינציקן אָפּגעריסענעם און אָפּגעשאָסענעם אנצוג אויף זיך, מיט אַ פּאָר וועש צום איבערבייטן אויפן לייב, — האָבן מיר אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך גרויסע טרוימען, גרויסע אַפּעטיטן, וואָס זענען אויפגעקומען און אויפגערייצט געוואָרן אין קיעוו ביי די גרויסע קולטור־פאַרמעסטן און ביי אַן אויפגעשרויפטער פאַנטאַזיע, און עס האָט זיך געוואָלט איצט שטילן און באַפרידיקן די אַפּעטיטן אין פּוילן. צוזאַמען מיטן ווילן און דראַנג פאַר די אַלע גרויסע פאַרמעסטן און רעאַליזירן דעם טרוים פון אַן אַלוועלטלעכער קולטור־באַוועגונג איז גלייכצייטיק געווען אַן אומצופרידנקייט פון דעם וואָס עס טוט זיך אין פּוילן אַרום. עס איז געווען ביי אונדז אַ קוקן פון אויבן אַראָפּ און געווען די זיכער־קייט, אַז עס לאָזט זיך טון אַנדערש, ברייטער, שענער, רייכער. אָט די ביידע געפילן זענען געגאַנגען האַנט ביי האַנט, און דאָס האָט געטריבן, געיאָגט און נישט געלאָזט זיך אָפּשטעלן און זיך באַגנוגענען מיט קליי־ניקייטן און מיט דעם שוין געטוענעם. מען דאַרף דאָ ספּעציעל דערמאַ־נען ז. מלמדן — אָדער ווי ער פלעגט זיך אַליין אָנרופן אין זיינע בריוו מיט אַן „עיקר שכחתי", וואָס ער האָט געבאָרגט ביי שלום־עליכמען — „מנחם מענדל רבתי". אָפּטמאָל האָט מען טאַקע אין אים געזען די „צע־היצטע פאַנטאַזיע", וואָס האָט נישט געוווּסט קיין גרענעצן און שטע־

רונגען (גרענעצן — טאַקע אין רעאַלן זינען פונעם וואָרט). ער האָט טאַקע געשריבן און געיאָגט און דערביי געקראָגן געלט ממש פון אונטער דער ערד, דער עיקר — גמילת־חסדים, וואָס ער האָט געקראָגן ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט און ביי מענטשן, וואָס עס איז אַמווייניקסטן איינגע־פאַלן, אַז מען קאָן ביי זיי לייען געלט אויף דער „קולטור־ליגע". עס זענען אַרומגעגאַנגען גאַנצע פריינדלעכע מעשיות און אַנעקדאָטן וועגן ז. מלמדן מיט זיינע גמילת־חסדים, מעשיות און געשיכטן, וועלכע זענען כלל נישט געווען איבערגעטריבן אָדער אויסגעטראַכט.

הכלל, אַדאַנק אָט דעם אימפּעט און ענערגיע פון ז. מלמדן, וואָס פיל פון זיינע פריינד האָבן, ליידער, נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט מיט יאָרן שפּעטער, — איז שנעל און האַסטיק אויפגעשטעלט געוואָרן די פאַרלאַגס־מאַשין און עס האָבן זיך גענומען דרייען רעדער מיט רעדלעך און עס איז אַוועק אַן אימפּעטדיקער גאַנג. לכתחילה האָבן מיר געאַר־בעט אין איין דרוקעריי, דערנאָך האָבן מיר גענומען באַשעפטיקן עט־לעכע. אויסער דער דערמאַנטער בר. וואַיצעקעוויטש־דרוקעריי (דער על־טערער ברודער איז אַפילו געווען אַ שטיקל מחבר און אַ טוער אין דער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע האַנטווערקער), האָבן מיר גענומען זעצן און דרוקן אונדזערע ביכער און זשורנאַלן אין דער דרוקעריי פון „די וועלט", די בונדישע דרוקעריי, וואָס נישט געקוקט אויפן פּאָליטישן ברוגז, וואָס מיר האָבן געפירט, האָבן די ח"ח נח־יוזעף פּאָרטנאָי, און בעיקר — א. קאַסטעליאַנסקי אַרויסבאַוויזן פיל פריינטשאַפט און מיטגעהאָלפן אונדז, און דער דרוקער י. הענדלער, וואָס מיר פלעגן אים רופן חבר־באַלעבאָס. זיין דרוקעריי, אַ פיין־איינגעאָרדנטע, האָט זיך געפונען אויף דלוגע 26, — אַ היסטאָרישער הויף, ווו עס איז געווען אַ גרויסע יידישע שול, וואָס האָט טאַקע געהייסן „דלוגע 26", מיט ש. גילינסקי אין דער שפּיץ, און אויך דער פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט פון אַלטער קאַציזנע, אַ מקום מקלט און טרעף־פונקט פאַר קאָמוניסטן און סתם פאַר שרייבער־באַהעמע־מענטשן, אין דער זעצעריי פון נ. בלומענטאַל און זון (סאָלנע 8), אין דער זעצעריי פון פאַרביאַזש און גרינבערג (אין קעלער פון לעש־נאָ 27), — דער דרוקער פאַרביאַזש איז איצט אין חיפה, ער פאַרוואַל־טעט מיט אַ גרויסער קאָאָפּעראַטיווער דרוקעריי, און נאָך און נאָך. מען דאַרף אויך דערמאַנען די מאַטריצן־מאַכער, — דעם אַלטן שריפטגיסער

מיט זיין זון, — דער אַלטער מיט דער לאַנגער זיידענער באָרד, מיט א שיין פּאַטריאַרכאַלישן פּנים, ממש ווי אַן אליהו הנביא אין די פיינע ביל־דער, און דעם מאַטריצן־מאַכער אין „די וועלט" און אַנדערע.

אָט די אַלע האָבן, מיט זייער הייליקער פּראַצע און גראָשענעם באַ־צאָלטם פאַר זייער מי, געהאָלפן אונדז אין אויפשטעלן דעם פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואָס האָט מיט א נישטיקן קאַפּיטאַל און מיט קורצע הלוואות און גמילת־חסדים און שטיצע פון אייגענע חברים און אויך מיט א ביסל הילף פון פּיפּל־רעליף, ארויסגעגעבן בוך נאָך בוך, ביכל נאָך ביכל, און עס איז געוואָרן דער גרויסער מעכטיקער יידישער פאַרלאַג אין פּוילן, וואָס האָט געציילט גאָר גיך קרוב צו 100 אייגענע אויסגאַבעס.

צו יענער צייט האָבן שוין עקזיסטירט אין פּוילן, און בעיקר אין וואַרשע, א שיין ביסל פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן, — איי־ניקע מיט א געשיכטע פון א פּאָר צענדליק יאָר, און אייניקע — ניי־געגרינדעטע. די פאָדערונג אויף יידישע ביכער, סיי אין פּוילן און די נייע געגנטן, וואָס זענען צוגעקומען קיין פּוילן, און סיי פון אַנדערע לענדער איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז געווען אַן אָרט פאַר א נייעם פאַרלאַג. און ווירקלעך, וויפל ביכער מען האָט נישט ארויסגעגעבן, איז געווען ווייניק, מען האָט פאַרלאַנגט נאָך און נאָך.

מיר וועלן, בקיצור, אויסרעכענען די יידישע פאַרלאַגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין ארויסגעבן אַלטע, איבערגעדרוקטע, און נייע יידישע ביכער און לערן־ביכער. פריער פון אַלץ — דער גרויסער פאַראייניקטער פאַר־לאַג־און בוכהאַנדלונג „צענטראַל", וואָס האָט אריינגענומען (אויף נאַ־וואָליפּקי 7) די פאַרלאַגן פון י. לידסקי, „יידיש", ש. שרעברעק, ב. שימין; דערנאָך קומען דער א. גיטלין־פאַרלאַג, דער אַלטער פאַרלאַג פון די „ברי־דער לעווין־עפּשטיין" (אויף גענשא 5) אינצווישן די גרויסע מאַנופאַק־טור־געשעפטן פון גענשא־גאַס, דער פאַרלאַג „יהודיה", וואָס זיין באַלע־באָס איז געווען נחמיה פינקלשטיין מיט זיין ברודער נח, — די ארויס־געבער און מיטשותפים פונעם „היינט" (דער צווייטער שותף איז געווען ש. י. יאַצקאַן, — אַמאָל אויך רעדאַקטאָר פון דער צייטונג); דער בונדי־שער פאַרלאַג „די וועלט" (אויף נאָוואָליפּיע 7) מיט א ביכער־לאַגער, וואָס זיי האָבן דערנאָך ליקווידירט; און ס'איז צוגעקומען דער פאַרלאַג „די צייט", וואָס דער אַמביציעזער ש. י. לאַנדינסקי (איצט אין ניו־

יאָרק) האָט געגרינדעט; אויך דער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן־פאַראיין האָט געגרינדעט אַ פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע בעלעטריסטישע ווערק (די ערשטע ביכער זענען געווען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי, ז. סעגאַלאָוויטש, שלמה גילבערט, אורי צבי גרינבערג), — דער אַדרעס: טלאָמאַצקע 13, — דער היסטאָרישער צענטראַל־פּונקט פון דעם יידישן שרייבער און קינסטלער. אויך דער דינעזאָן־שול־קאָמיטעט האָט געשאַפן אַ פאַרלאַג מיטן נאָמען „שול און לעבן“, בעיקר מיטן צוועק אַרויסצוגעבן לערנביכער און שול־מכשירים.

אויסער די וואַרשעווער פאַרלאַגן דאַרף מען דערמאַנען דעם „ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין“, וואָס האָט זיך ווידער גענומען צו אַרויסגעבערישער טעטיקייט, דעם „יעקאפּא“־פאַרלאַג, וואָס דער ענערגישער משה שאַליט, דער שרייבער, קולטור־טוער און דער אַזוי־גערופענער ווילנער יידישער „גובערנאַטאָר“ אין דער נאָך־מלחמה־צייט, האָט געשאַפן, מיט אַ רייכן און ענערגישן ביכער־לאַגער פאַר דער ווילנער געגנט. און דעם לאָדזשער יונגער, שטיפערישער „יונג־יידיש“ פ׳ין דער לאָדזשער באָהעמע מיט משה בראָדערזאָן אין דער שפּיץ, און לאַזאַר קאַהאַנס פאַרלאַג אין לאָדזש, און דער פאַרלאַג פון א. אַלבעק פון ביאַליסטאָק, אַ פּאַפּיר־סוחר, מיט אַ שוואַכקייט פאַר פאַרלאַגס־אַרבעט.

יעדער איינער פון אָט די פאַרלאַגן האָט געהאַט זיין דרך, זיין אופן, זיין טראַדיציע אַרויסצוגעבן ביכער, און אויך זיינע פּאָליטישע, אידעאישע, געזעלשאַפטלעכע, קינסטלערישע און אויך קאָמערציעלע אויפגאַבן און צוועקן. אָפטמאָל האָבן זיך געביטן די „יוצרות“, און ס׳האָט זיך געמישט דער כאַראַקטער: דער פּריוואַטער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן ערנסטע, גוטע, אָפּגעקליבענע ווערק, בעיקר — פון די אַלטע מאַטריצן און פּלאַטן, וואָס מ׳האָט כסדר געהאַלטן אין דרוקן און איבערדרוקן אויפן סמך פון אַלטע אָפּמאַכן און אינערציע, — און גראָד דער געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן בראָשורלעך אָדער סתם אַזוי צייט־מעסיקן שטאָף פון אַ טאָג־כאַראַקטער. די פּריוואַטע פאַרלאַגן זענען דער־צו געווען סאָלידע, פינאַנציעל־איינגעפונדעוועטע אַרויסגעבערישע אונ־טערנעמונגען, און די אויפגעקומענע פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן האָבן, לײדער, נישט געהאַט נישט קיין קאַפּיטאַל און נישט קיין דערפאַרונג.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט די יידישע פאַרלעגעריי אין וואַרשע פאַרנומען א גאַר וויכטיקן אָרט און אַרויסגעגעבן אין יענער צייט יאָר־יערלעך אַ 300־200 יידישע ביכער און א גרויסע צאָל לערן־ביכער, וואָס מען האָט צו יעדן לערן־סעזאָן איבערגעדרוקט אָפּט מעכאַניש און אויטאָמאַטיש. פיל יידישע דרוקערייען, זעצערייען (דאָס רוב האַנט־זעצעריי), מאַטריצערייען, איינבינדערס זענען געווען באַשעפטיקט אַרום אָט דער גרויסער פאַרלעגערישער פּראָדוקציע. און גראָד ווייניקער פון אַלץ האָבן דערביי געאַרבעט שרייבער, רעדאַקטאָרן, קאָרעקטאָרן. דאָס איז שוין געווען, ווי דער שטייגער ביי אונדז יידן ביז אויף היינט צו טאָג — און אַזוי אויך אין דער רייכער, משטיינס געזאָגט יידישער אַמעריקע — דער איינשטעל, אַז אַ שרייבער, רעדאַקטאָר און קאָרעקטאָר איז נישט דער עיקר אין דעם פאַרלאַג־וועזן.

עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז גראָד די נייערע פאַרלאַגן, וואָס האָבן נישט געהאַט אין זייערע לאַגערן קיין פאַרטיקע, פיל־מאָל־גענוצטע מאַטריצן (אָפּטמאָל פון מלך סאָביעסקיס צייטן), האָבן זיך גראָד פאַרנומען אויף נייערע וועגן. האָט דער רעליגיעזער פאַרלאַג פון די ברידער לעווין־עפשטיין, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט אין זיין גרויסער אייגענער דרוקעריי ש״סן, פרומע ספרים, מחזורים, סידורים, חק לישראל׳ס, חומשים, משניות׳ן א. א. וו., אַדאַנק דער שוואַכקייט פון דעם זון שמואל, אַרויסגעגעבן עטלעכע יידישע ביכער, און גראָד זייער פיין אַרויסגעגעבן, צווישן אַנדערע — פון דער דיכטערין מרים אולינאָווער — „דער באָבעס אוצר״, ה. ל. זשיטניצקיס — „נאָוועלן פון טויט״, און „דעם זיידנס הייזל״, דעם חסידס — „אונטער שטילע הימלען״, יהושע פערלעס — „אונטער דער זון״, און די צוויי ביכער (איבערזעצונגען) פון לעאָניד אַנדרייעוו — „דער וואָס קריגט די פּעטש״ און קאַרל גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״ — ביידע איבערגעזעצט פון אברהם מאָרעווסקי, א. א. ביכער.

אַזוי אויך דער פאַרלאַג „די צייט״, ער האָט אַרויסגעגעבן ביכער פון ז. סעגאַלאָוויטש, יהושע פערלע, א. צ. גרינבערג, יואל מאַסטבוים, י. מ. וויסענבערג, פּ. בימקאָ, אברהם זאַק, י. י. טרונק, ש. י. לאַנדינסקי, ווי אויך דראַמאַטישע ווערק פון פּ. בימקאָ, י. ב. ציפּור, און די איבערזעצונגען פון נ. וו. גאָגאָל, זש. ב. מאָליער, א. סטרינדבערג, א.אַ.

דער ב. שימין־פאַרלאַג, ביי „צענטראַל״, האָט זיך אָפּגעגעבן ספּע־

ציעל מיט א „יוגנט־ביבליאָטעק”, וואָס דער פּעאיקער, אָבער אָפּט נישט־גאָר פאַראַנטוואָרטלעכער שרייבער דוד קאַסעל האָט צוגעגרייט פאַרקירצט און אויסגעבעסערט פון אַנדערע שפּראַכן, אָדער בעיקר — פון רוסיש. דער „יהודיה”־פאַרלאַג האָט געהאַלטן אין איבערדרוקן אַ גרעסערע צאָל פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער, וואָס האָבן געהאַט איין אַלגעמיינעם נאָמען „פאָלקס־ביבליאָטעק — קורסן פאַר זעלבסט־בילדונג”, וואָס האָבן געשטאַמט מיט זייער אָרטאָגראַפיע און סטיל פון יאָרן אַפריער. דאָ האָבן מיר געהאַט די געביטן פון נאַטור־וויסנשאַפט, באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, וועלט־געשיכטע, קולטור־געשיכטע, פיזיק און כעמיע. עס איז אויך געווען ביי זיי אַ פאַרקירצטע יידישע געשיכטע פון פּראָפ. גרעץ אין עטלעכע בענד, און ז. וועגדראָפּס הומאָריסטישע דערציילונגען. דער בונדישער פאַרלאַג „די וועלט” האָט צווישן זיינע ביכער געהאַט בראָשורן און ביכלעך פון קאַרל מאַרקס, ק. קאַוטסקי, אָטאָ באַוער, א. לונאַטשאַרסקי, י. באַרכאַרדט, וו. בעלשע, דוד איינהאָרנס און משה בראָדערזאָנס פּאָעטישע ווערק, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרוקן ב. מיכאַלעוויטשעס דערפאָלגרייכע ביכער, די „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט” א. א. דער פאַרלאַג האָט אויך יעדעס יאָר אַרויסגעגעבן אַן „אַרבעטער־לוח” (אין אַ גרעסערער צאָל עקזעמפּלאַרן) מיט בעלעטריסטישן און פּובליציסטישן שטאָף. אין אָט דעם פאַרלאַג האָט זיך אויפגעהיט אַ דערציילונג פון י. ל. פּרץ „די וועבער־ליבע”. אַ גרויסע טייל פון די ביכער, וואָס זענען געגאַנגען בירושה אין מאַטריצן אָדער אין פאַרטיקע בראָשורן פון פריערדיקע יאָרן, נאָך פון דער ווילנער צייט פון 1905־1906.

און אָט ביי אָט דעם צושטאַנד, פון איין זייט — אַן אינטענסיווע יידישע אַרויסגעבערישע טעטיקייט, און פון דער צווייטער זייט — אַן אינערציע־גאַנג אין מיט איינגעשטעלטע פאָרמען און געוווינהייטן, איז געקומען דער נייער יונגער פאַרלאַג „קולטור־ליגע” מיט הייסן באַגער צו שאַפן אַרום דער קולטור־ליגע־באַוועגונג אַ פאַרלאַג, וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע לענדער, אַלע שאַפונגס־צענטערן — מאָסקווע, וואַרשע, ווילנע, ניו־יאָרק, און אויך מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אויסקוק אויף דער צוקונפט און מיט גאַנץ־שאַרפע פּראָגרעסיווע אידעען און סאָציאַליסטישע איינשטעלונגען. אָבער, ווי מען זעט איצט, אין דער רעטראָספּעקטיוו פון יאָרצענדליקער, אויך אַן אַ באַשטימטן פּלאַן און אַן אַ שטרענגן

סדר און סיסטעם. ווייל ווי האָט געקאָנט געמאָלט זיין א ווייטער פּלאַן, ווען יעדעס בוך איז געווען א נס, ווען יעדע אויסגאבע האָט נישט געהאט קיין אַפּריערדיקן פעסטן פאָנד און באזע.

דאָ, אויף דעם אָרט, קאָן מען זיך א ביסל אָפּשטעלן און אינקורצן איבערגעבן די שטימונג און די פאַרהעלטענישן מיינע צו דעם אַלעם, וואָס איך האָב געטראָפן אין יענער צייט אין יידיש־שאַפערישן פּוילן. קיין שום פאַרלאַג האָט דאַן נישט ארויסגעגעבן קיין סאָלידן זשורנאַל, — עס זענען אַרויס די זאמלהעפטן „רינגען", ביי דער רעדאַקציע און נאָענטער מיטארבעט פון ד"ר מ. ווייכערט, אַלטער קאַציזנע, ווו עס זענען געדרוקט געווען לידער, דערציילונגען, ארטיקלען, עסייען פון פאַרשידענע, מער־יינגערע, שרייבער. די יידישע ליטעראַטור און די יידישע שרייבער־קינסטלער זענען על פּי רוב געווען פאַרבונדן מיט די טעגלעכע צייטונגען: „היינט", „מאָמענט", „פאָלקס־צייטונג", וואָס האָבן געגעבן אויך גרעסערע ראָמאַנען, — ערנסטע קינסטלערישע און אויך פאַרפאַסטע, — געמאַכט פון באַוווּסטע פאַרדינסטפולע שרייבער, אָדער גאָר פון דעם באַקאַנטן סאָרט צייטונג־ראָמאַנען, וואָס האָבן געהאַט זייער נאָמען „שונד־ראָמאַנען" (אָפּטמאָל געשריבן דורך גוטע דערציילער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף דער „ווענדקע", באַקומענדיק דערפאַר א וועכנטלעכע שכירות). און הגם מען האָט זיך געטראָפן אַלע, אָדער כמעט אַלע, אין ליטעראַטן־פאַראיין, וואָס האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו באַקומען זיין באַשטענדיק אָרט און מקום־מקלט פאַר שרייבער און קינסטלער פון אַלע ריכטונגען, אָבער דאָך קיין ספּעציעלע קולטור־אַטמאָספער האָט זיך נישט געפילט אין דער גרויסער וואַרשע, און עס איז טאַקע אויך נישט געווען.

עס איז דעריבער געווען נישט קיין צופאַל, וואָס אינעם דערמאַנטן ערשטן זאמלהעפט „קולטור" (אַפּריל 1921) האָב איך פאַרעפנטלעכט אַן ארטיקל מיטן נאָמען „ווו איז פּרץ?" (צום 6־טן יאָרצייט). איך ווייז אָן אינעם ארטיקל, וואָס י. ל. פּרץ איז געווען פאַר אונדז, אין דעם רעוואָלוציאָנערן קיעוו און אין דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַינע, נאָך אין די „ערשטע עטלעכע יום־טובדיקע וואָכן פון דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלוציע, אינעם ליכטיקן און שיינענדיקן פרי־יאָר פון 1917", ווען „די רעוואָלוציע האָט געהאַלטן אין שטייגן און אין וואַקסן. דאָס פּאָליטיש־אויפגעוואַכטע לעבן האָט ארויסגעוואָרפן ענטוזיאַסטישע לאָזונגען,

די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געפּייערט זייער גרויסן נצחון־יום־טוב, די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן זענען אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם ברוזנדיקן רעוואָלוציאָנערן שטראָם, אויף דעם ברייטן, ליכטיקן האָריזאָנט האָט געשיינט די גרויסע זון פון פרייהייט, — און דאַן אין די פּסח־טעג פון 1917 — האָט די יידישע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע איינגעאָרדנט אַ גרויסן קאָנצערט־מיטינג, צום אָנדענק פון י. ל. פּרץ צו זיין 2טן יאָרצייט". און אָט דער קאָנצערט־מיטינג, וואָס ס'האָט איינגעאָרדנט אַ גרופּע „ליטעראַטן־סאָציאַליסטן" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן, פייערלעכן יום־טוב פון דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, פון דער רעוואָלוציאָנערער שאַפונג".

איך דערצייל ווייטער, אַז „פּרץ איז דאַן אויסגעוואַקסן אין אַ ריזיקער, כמעט לעגענדאַרישער הויך, ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון דעם נייעם, מאָדערנעם, צאַפּלדיקן, ער איז געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג פון דורשטיקע, אויפוואַכנדיקע הערצער". און ווייטער גיב איך איבער, אַז מיר האָבן אין יענער צייט, **צו דער פייערונג** **ארויסגעגעבן** אַ פּרץ־זאַמלונג, ווו איך האָב צווישן אַנדערן געשריבן: „אין אונדזער נייעם און באַנייטן לעבן גייט־מיט מיט אונדז פּרץ. פון וואַנעט מיר גייען נישט אָפּ פון יידישער ווירקלעכקייט, פון יידישן לעבן, פון יידישער קאָנאָניזירטער שיינקייט, גייט־מיט מיט אונדז פּרץ". און זינט דאַן, און אַזוי די אַלע אַנדערע יאָרן „איז פּרץ געווען דאָס צויבער־וואָרט פאַר די יונגע שאַפערישע כוחות, וואָס דאָס אויפוואַכנדיקע לעבן האָט פון זיך ארויסגעטיילט, ער איז געווען דער אויפרעג־שטאָף פאַר די זוכנדיקע, נייגעריקע און לעכצנדיקע, ער איז געווען דער הויך־טורעם, צו וועלכן עס האָבן זיך אָן אויפהער געצויגן די דורשטיקע בליקן פון יונגן קינסטלערישן אויג".

אין אָט דעם אַרטיקל „ווו איז פּרץ?", וואָס אין מיינע אויגן איז עס געווען אַ מין מאַניפעסט נישט נאָר פון מיין איינענער פּערזאָן, נאָר פון דעם קאָלעקטיוון גייסט, מיט וועלכן מיר זענען געווען דורכגעדרונגען, יעדער איינער אויף זיין באַזונדערן אופן, — אין אָט דעם אַרטיקל האָב איך אויסגערעכנט די פאַרשידענע פּרוּוון און עקספּערימענטן, וואָס זענען דורך די קינסטלער אין אוקראַינע געמאַכט געוואָרן און וועלכע זענען כסדר געווען פאַרבונדן מיט פּרצס גייסט, „פול מיט שטורעם און דראַנג

— האָב איך אין יענער צייט זיך אויסגעדריקט מיט הויכע מליצהדיקע פראַזן — פול מיט מוט און באַגייסטערונג פאַרמעסט זיך די יידישע רע־וואָלוציאָנערע שאַפערישע אינטעליגענץ אויף ווייטע וועגן, ווייטע פּער־ספּעקטיוון, אויף נייע וועלטן און נייע טרוימען. און דעם אָנלען פּילט זי אין דעם אומרו־גייסט, אין דעם גרויסן פּזרן (פּאַזרען — וואָס זייט פונאנדער מיט א פולער האנט) י. ל. פּרץ, וואָס האָט אין משך פון דריי־סיק יאָר געפלאַקערט און געבליצט, מיט די פיס געשטאָלפּערט אויף דער ערד, און מיטן קאָפּ געשפּאַרט צום הימל״, געשמידט רינג צו רינג און דערגאַנגען ביז דער „גאָלדענער קייט״, דורכגעמאַכט דעם „גלגול פון א ניגון״, געוועזן „צווישן בערג״ און דערגרייכט צו „אויב נישט נאָך הע־כער״ . . .

און אויסגערעכנט, וואָס פּרץ איז אַלץ געוועזן פאַר די אַלע יידישע פאַרמעסטן און אויפטוען, פאַר דער יונגער דראַמאַטישער סטודיע, פאַר די יונגע מאַלער־קינסטלער, פאַר דעם קאָמפּאָזיטאָר משה מילנער, פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אוקראַינע, ווו „אין די שורות און צווישן די שורות טרעפן מיר אומעטום פּרצעס גייסט, פּרצעס אויגן, אָט די שטראַלנדיקע דריי אותיות, וואָס זענען פאַרבונדן געווען ביי אונדז מיט דעם גאַנצן מהות און עצם פון דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן״.

און איך פיר אוים דעם ארטיקל „ווו איז פּרץ?״: „און מאָדנע און נישט פאַרשטענדלעך איז, וואָס דאָ, אין דער גרויסער יידישער וואַר־שע, טרעפן מיר אין ערגעץ נישט פּרצן. אין טעאַטער — קיין זכר פון אים, אין ליטעראַטור — קיין שפּור נישט. אין יידישן טעאַטער און ארום אים האַלט מען אין איין דבקהנען זיך מיטן „דיבוק״ און „מיטן כוח פון דיבוק״ (א קאָמעדיע־פּאַראָדיע פון ב. יאושזאָן און מנחם קיפּנים, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אינעם יידישן טעאַטער). אין דער ליטעראַ־טור הערשט א צעשוווּמענע ליטעראַרישקייט, אַן איבערפּליסנדיקע פאַר־פּלייצונג פון נעמען, ביכער און לידער, לידער אָן א שיעור. און אפילו אין די גרויסע פענסטער פון די יידישע ביכער־קראָמען, ווו עס איז אַרויסגע־שטעלט פון אַלטס און נייס, פון עטינגערס „משלים״ ביז... קראַנענבערגס „ווערק״, איז נישט צו געפינען פּרצן״.

און איך פרעג: „כאַראַקטעריזירט דען נישט אָט די באַציאונג צו פּרצן די היגע ליטעראַריש־קינסטלערישע וועלט, וואָס איז צעשטויבט און

צעשפּליטערט, אָן דער גרויסער איינהייטלעכער אידעאָלאָגיע פון דעם נייעם מאָדערנעם שאַפן ?״

פון אָט די אַלגעמיינע, פאַר דער איצטיקער צייט — סענטימענטאַלע, נאַאיווע און מליצהדיקע ווערטער, — איז צו זען, ווי מיר האָבן אויפגע־פאַסט די יידישע ליטעראַרישע ווארשע פון יענער צייט.

מיר האָבן געוואָלט אַריבערפּלאַנצן די געוויקסן, וואָס זענען אַזוי בונט און ראַשיק אויפגעגאַנגען אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער או־קראַינע, און עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס ערשטע ביכל אין אונדזער פאַרלאַג איז געווען די דראַמאַטישע שאַפונגען פון דעם יונגן פריי־צייטיק־אומגעקומענעם דיכטער־שרייבער ביינוש שטיימאַן (געב. 1897 ־ אומגעקומען 31 אויגוסט 1919) — די דריי דראַמאַטישע זאַכן, אין תוך אָנהויבערישע, אָבער וואָס האָבן געהאַט אין זיך דעם פּאַטאָס, דעם ברען, דעם אומרו פון דער אויסטערלישער צייט פון זוכן דעם גואל, פון גאַרן נאָך גאולה. אויף זיינע דריי דראַמאַטישע פּאָעמעס — „ביים טויער״, „משיח בן יוסף״, „דאָס רויטע קינד״ — ליגט דער בלוטיקער צייכן פון די גליקלעך־טראַגישע רעוואָלוציע־יאָרן, וואָס דער יונגער דיכטער האָט אין זיי געלעבט און אין זיי דערהויבן געוואָרן צו זיין אַדער ריכטיקער — צו קאָנען ווערן איר זינגער, איר דיכטער. עס איז געווען, זאָג איך, אַ באַזונ־דערער מיין, אַ כוונה דווקא אַרויסצוקומען מיט אָט דעם בענדל דראַמאַ־טישע שאַפונגען, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק, אין אַ רויער פאָרם, דאָס ברויזנדיקע און טראַגיש־פייערלעכע פון דער יידישער אוקראַינע, ווו יום־טוב און שחיטה, גאולה און פאַרראַט האָבן זיך אַזוי טראַגיש געפּאָרט.

איך וויל דאָ אַ ביסל פאַרלויפן דעם וועג און ציטירן פון מיין אַרטיקל וועגן ביינוש שטיימאַן, געשריבן אין 1922, שוין נאָכן דערשיינען פונעם בוך און נאָך די פּאָר אָפּרופן, וואָס זענען געדרוקט געווען אין דער וואַר־שעווער פּרעסע. איך האָב געשריבן אין מיין אַרטיקל (ער איז אָפּגעדרוקט אין מיין בוך „נאָענטע און ווייטע״, צווייטער באַנד, ז״ז 214־223): „דער יידישער לייענער אין פּוילן, וועלכער האָט נישט איבערגעלעבט די רוסלענ־דישע רעוואָלוציע, און איז נישט בייגעווען די גרויסע הערלעכע און טראַ־גישע געשעענישן פון דער סטיכישער רוסלענדישער רעוואָלוציע, ווו טרוים און וואָר, בויאונג און צעשטערונג האָבן זיך לכתחילה אַזוי משונה־ווילד געפּלאָנטערט, און לסוף איז די אויפגייענדיקע זון פון פרייהייט פאַר־

טרונקען געוואָרן אין די בלוט־רויטע פלאַמען פון שחיטות און חורבונות, — דער יידישער לייענער אין פוילן, וועלכער געפינט זיך אינעם קלעם פון נישטיקער, קליינלעכער ווירקלעכקייט, אין די צוואַנגען פון רויער־גרויער טאָג־טעגלעכקייט, וועט אפשר אָננעמען שטיימאַנס דראַמען פאַר אויסגע־טראַכטע און צוגעטראַכטע, פאַר געדאַנקלעכע און אבסטראַקטע עפעקטן. און עס איז שוין דאָ געשען מיט דעם רעצענזענט פון שטיימאַנס דראַמען, — מיט א. ל. יאַקובאָוויטש פון „היינט", און אזוי „טיפּזיניק" האָט אויך אויפגענומען די דראַמען דער „קריטיקער" ב. ש. אין „מאָרגענשטערן"..." (ז' 216).

אויף דער פאָרלעצטער זייט פון דער הילע אין צווייטן זאַמלהעפט „קולטור־ליגע", וואָס איז אַרויס אָנהויב מאַי 1921, האָבן מיר א גאָר־קליינע און באַשיידענע מודעה, — אייגנטלעך די ערשטע שעמעוודיקע מודעה פונעם נייעם פאַרלאַג „קולטור־ליגע" וועגן ב. שטיימאַנס דראַמען — מיט א פאָרוואָרט פון י. דאָברושין, דער פּרייז 120 מאַרק, און עס איז טאַקע אָנגעגעבן דער אַדרעס — וואַרשע, לעשנאָ 52, וו. 3.

פון אָט דעם באַשיידענעם אָנהויב, פון אָט דעם יונג צווייגל איז גאָר־גיך אויסגעוואַקסן א גאַנצער בוים — דער פיל־פאַרצווייגטער פאַרלאַג „קולטור־ליגע".

אינעם זעלבן צווייטן קליינעם, מאָגערן זאַמלהעפט „קולטור־ליגע" האָבן מיר אויף זייט 2 פון שער־בלאַט אַן אָפּטיילונג „ליטעראַרישע כראָ־ניק", ווו עס ווערט דערציילט, אַז דער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" גרייט צום דרוק, אויסער ב. שטיימאַנס דראַמען, אויך אַנדערסענס מעשהלעך אין דער איבערזעצונג פון דעם נסתר אין איין באַנד און יעדע מעשה אין איינצלנע העפטן; א סעריע ביכלעך „שול־ביבליאָטעק", וואָס ח. ש. קאַזשדאַן און איך האָבן צונויפגעשטעלט, רעדאַקטירט, און עס ווערט אויך אָנגעזאָגט די נייע פאַרברייטערטע אויסגאַבע פון דעם „רויטן פּנקס", געווידמעט דער געשיכטע פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס גיבן איבער גאַנצע קאַפּיטלען און פּעריאָדן פונעם לעבן פון די פאַר־שידענע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און רעוואָלוציאָנערע שטרע־מונגען ביי יידן. (די ערשטע אויפלאַגע איז דערשינען אין קיעוו אין 1919). צו דער נייער אויפלאַגע זענען פאַרבעטן די סאָציאַליסטישע טוער ב. מי־כאַלעוויטש, זרובבל, ב. גוטמאַן, מ. זילבערפאַרב, — אין די צוגאָב צו

די אַרטיקלען, וואָס זענען געווען געדרוקט אין דער ערשטער קיעווער אויפ־לאַגע פון א. ליטוואַק, פּ. אַנמאַן, י. ברעגמאַן, משה ראַפּעס, נחמן מייזיל, דוד זאַסלאַווסקי א. א.

עס זענען אויך אָנגעזאָגט צום דרוקן: דער נסתר — מעשהלעך אין פערזן, ו. הויף — מעשהלעך — יידיש נח לוריא, מעשהלעך פאַר קינדער פון בער סלוצקי, א. פראַנס — „טאַיס" (פון פראַנצויזיש י. דאָברושין).

דאָס איז געווען אין מאַי־חודש, און דאָס יאָר 1921 איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט, און דער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" איז פּלוצים, ווי איבער נאַכט, אויסגעוואַקסן אין אַ פאַרלאַג מיט אַ 70 ביכער און ביכלעך, וואָס געהערן צו פאַרשידענע צווייגן פון דער ליטעראַטור און קולטור, לויט די אָפּטיילונגען: אַלגעמיינע אָפּטיילונג פאַר דערוואַקסענע, זאַמלביכער, פּאָעטישע ווערק, דערציילונגען און ראָמאַנען, לערנביכער, כרעסטאָמאַטיעס א. אַ. וו., אַן אָפּטיילונג — קינדער־ליטעראַטור, שול־ביבליאָטעק, מעשהלעך פאַר קליינע קינדער, קלאַסיקער־ביבליאָטעק פאַר יוגנט, שלום־עליכמס און אַנדערסענס ווערק אין העפטן, און לסוף נאָטן — משה מיל־נערס צו י. ל. פּרצעס קינדער־לידער און א. דזימיטראָווסקיס מוזיק צו לידער.

מען דאַרף זיך אָפּשטעלן, כאָטש מיט אַ פּאָר ווערטער, וועגן אייניקע ביכער, וואָס זענען דאָ אין דער רשימה פון די אַרויסגעגעבענע ביכער סוף 1921.

ראשית — פּרץ מאַרקישעס צוויי לידער־ביכער, וואָס אַט דער דאַן גאָר יונגער דיכטער האָט מיט זיי זיך פאַרגעשטעלט פאַר דעם יידיש־פּוילישן עולם, ווו ער איז געוואָרן שנעל באַליבט און פאַרערט. זיין גרויסע לידער־זאַמלונג, געדרוקט אויף אַ פּשוטן, ממש־באַבול־פּאַפּיר, „סתם", וווּ פּרץ מאַרקיש האָט אויפגעזאַמלט זיינע פלאַם־פייערדיקע און בליץ־שפּריצנדיקע לידער מיט דעם באַטאָס און ברען, מיט די הויכע און געפּליגלטע מאַרקיש־בילדער און אויסדריקן, מיט דעם אימפּעט און דינאַמיק, וואָס ער האָט כסדר געטראָגן אין זיך, און מיטן דורשט זיי אַרויסברענגען אין וואָס־אויפּברויזנדיקערע און צעבראַסטעטע פאָרמען און אייגנאַרטיקע מעטאַפאָרן.

דאָס צווייטע בוך פון פּרץ מאַרקיש איז געווען „די קופּע", געדרוקט אין אַ גרויסן פאָרמאַט, מיט גרויסע אותיות, מיט אַ שוואַרצער הילע און מיט אַ מין טורעם אַרויף, — דאָ האָט פּרץ מאַרקיש אַרויסגעבראַכט דעם

צער און צאָרן, מער צאָרן ווי צער, דעם ווײ־געשריי, פּראָטעסט, דעם בונט קעגן גאָט און הימל, וואָס ער לעסטערט און שימפּט פאר די שחיטות און פּאָגראָמען פאר די עינויים קשים, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט אויסצושטיין די לעצטע פאר יאָר אין אוקראַינע.

איך געדענק, ווען ד"ר מ. ווייכערט האָט מיך פארבעטן, באַלד נאָך מיין קומען קיין ווארשע, צו געבן אים אַן ארטיקל פאר דעם נאָענטן טאָפּל־נומער „רינגען", וואָס האָט באַדאַרפט דערשיינען צו פּסח. האָב איך אים פארגעלייגט, פאר מיין דעביוט אינעם זשורנאַל, אַן ארטיקל וועגן אַ יונגן יידיש־סאָוועטישן דיכטער פּרץ מארקיש. האָט ער געקנייטשט מיט די זייטן און צו מיר געטענהט:

— ווער ווייסט וועגן אַזאַ מין דיכטער, דער נאָמען איז אינגאַנצן נישט באַקאַנט!

— וועל איך אים ארויספירן פאר דעם היגן לייענער, — האָב איך געענטפערט.

אין אָט־דעם ארטיקל האָב איך געמאַכט אַן איילינקן שפּאַציר איבער דער יידישער דיכטונג, און ווי עס פּאַסט פאר יענער צייט, מער קריטיקירט, מינימיזירט זי, ווי געשאַצט און אָפּגעשאַצט. איך האָב געשריבן: „אונדזער יידישע דיכטונג איז ביז דער לעצטער צייט געוועזן ביז גאָר אָפּגעשטאַנען, הן לויט איר אינהאַלט, הן לויט איר פאָרם. אין דער צייט, וואָס אונדזער פּראָזע האָט שוין פארמאָגט מענדעלען, שלום־עליכמען, פּרצן, אַשן, בערגעלסאָנען, אין דער צייט, וואָס די פּראָזע האָט שוין דערגרייכט צו אייגנאַרטיקע פאָרמען און געשאַפן מוסטערהאַפטע, אמת־קלאַסישע ווערק, איז אונדזער פּאָעזיע געוועזן שטאַרק אָפּגעשטאַנען, און זיך געהאַלטן ביי פּרימיטיוו־פארעלטערטע סאָציאַלע מאָטיוון און איינטאָניק־באַשרענקטע לירישע געזאַנגען און נאַטור־שילדערונגען".

און אָפּגעפּאַרטיקט זיך אַזוי שנעל מיט דער פריערדיקער יידישער דיכטונג, האָב איך געזאָגט, אַז „די יונגע יידישע פּאָעטן אין אוקראַינע, צוזאַמען מיט דער יונגער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע (אין קלאַמערן האָב איך אויסגערעכנט די דיכטער מאַני לייב, זישא לאַנדוי, ה. לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, י. י. שווארץ, א. אַ.) שיידן זיך לחלוטין אָפּ פון דער על־טערער יידישער פּאָעזיע דערמיט, וואָס זיי רעאַגירן נישט סתם אויף אויסער־לעכע פּאַסירונגען, פיקסירן נישט אין זייערע לידער סתם־אויסערלעכע

געשעעניש. זייערע לידער שטרעבן צו זיין דער סך־הכל, דער אפּקלאַנג, פון פּאַרטיפּטע איבערלעבונגען, דיכטערישער תמצית פון אינערלעכער פרייד און לייד, וואָס איז אויסגעטראָגן אינעם האַרץ און נשמה פונעם דיכטער... די עלעמענטן פון באַגייסטערונג און פּאַרצווייפלונג, פון גלויבן און לייקענען זענען דורך אים סוביעקטיווירט געוואָרן, געוואָרן מער פּסי־כישע, מער מענטשלעכע".

און פאַרגעשטעלט פּרץ מאַרקישן, זאָג איך, אַז „אין דעם דראַנג אויסצולאָדן זיין אינעווייניקסטע שפע, אין דעם ווילן אויסצודריקן דעם אימפּעטפולן גייסט, וואָס באַהערשט אים, ווייסט ער נישט פון קיינע גרע־נעצן און מחיצות". און נאָך: „זיינע לידער קומען צו אונדז פונעם נעפּל און כאַאָס פון זיינע איבערלעבענישן, ער ווייסט נישט ווי איינצוצוימען זיי, און זיי קומען דעריבער אַרויס רויע, ווילדע, ברויזנדיקע... די אינטור־איטיווע שפע פאַרכאַפּט אים און יאָגט איבער זיינע קינסטלערישע מעג־לעכקייטן. ער לעבט אָן אויפהער אין אַן אַטמאָספער פון געררייצטע און אויפגערעגטע געשעענישן, ווילן און געפילן, און ער איז נישט ביכולת זיי באַהערשן און פאַרהאַרטעווען זיי..." (איבערגעדרוקט אין מיין בוך „נאָענ־טע און ווייטע", ב. 2, ז' 248).

צווישן די ערשטע אַרויסגעגעבענע ביכער אינעם „קולטור־ליגע"־פאַרלאַג איז אויך דאָ אַ בוך פון י. י. זינגער „ערד־וויי", אַ דראַמע אין דריי בילדער (52 זייטן). עס איז געווען דאָס ערשטע ווערק אין אַ בוך־פאָרם פון דעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם טאַלענטפולן דערציילער, וואָס וואָלט זיכער געקאָנט נאָך פיל געבן דער יידישער ליטעראַטור. ז. רייזען אין זיין „לעקסיקאָן" כאַראַקטעריזירט דאָס ווערק אַזוי: „אַ דראַמע אין 3 בילדער, וווּ עס ווערט געמאָלט דער בראָך און די שרעק און די חבלי־לידה פון דער נייער וועלט, וועלכע גייט־אויף פון טויט און חורבן". (ב. 1, ז' 1086). אין אַן אַרטיקל פון יענער צייט איבער י. י. זינגער האָב איך אָט־וואָס געשריבן וועגן אָט דער זינגערישער שאַפונג:

> „ערד־וויי — אַ סימבאָל־דראַמע פון וועלט־שרפה און וועלט־חורבן — איז געווען ביי זינגערן אַ גאָב דער צייט, דער תקופה — די רעוואָלוציע און שחיטה־יאָרן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין אוקראַינע. די דראַמע שטייט און וועט מסתמא בלייבן שטיין אָן דער זייט פון י. י. זינגערס רעאַלן שאַפן. דער אָנגעצויגענער פּאַטעטישער

סטיל און די הילכיקע באפליגלטע פראזע זענען נישט כאראקטערים־טיש פאר דעם ניכטערן און ווייניק־ראמאנטישן זינגער. דער פאטאס און די וויי־געשרייען קומען אין דער דראמע מער פון אויסן, מער פון ארום־ און ארום, ווי פון זינגערן גופא. זינגער לאזט זיך נישט מיטרייסן פון פרעמדע רויש־געזאנגען, ער האט א דורכדרינגענדיקן בליק, א שארפן געהער, — אט דאס זענען בעיקר זיינע קינסטלע־רישע כלי־זיין". (זע „נאענטע און ווייטע", ב. 2, ז'ז 233-234).

איך וויל נאך צוגעבן אייניקע שורות פון פרץ מארקישעס רעצענזיע איבער זינגערס בוך (געדרוקט אין „ביכער־וועלט", נ' 1, 1922). פ. מאר־קיש זאגט אין זיין קורצן און היים־געשריבענעם ארטיקל:

„זינגער האט דאס גייענדיקע פייער פונעם גרויסן טאג־באגי־נען נישט דערזען, שטייענדיק פון אויבן, אויפן בארג פון חורבן ווי אן אויסקוקער פון א טורעם־שפיץ. ער האט דערשמעקט דעם ריח פון פייער, ער האט דערהערט א געזאנג פון פייערדיקע קוילן, וואר־גנדיק זיך אונטן מיט אש און מיט שטיינער — האנט ביי האנט מיטן גאנצן אנסאמבל הינקענדיקע, טויבע, בלינדע און שטומע, מיטן גאנצן מאטעריאל פונעם ריזיקן סקעלעט, פון וועלכן ער האט אנגע־ווארפן א דרייפאכיקע ארכיטעקטאנישע סכעמע, א דריי־פארביקן פאן פון שווארץ, רויט, גרין — טויט, בלוט און געבורט, און עס גע־ווארפן אנטקעגן דעם פון ערגעץ־גייענדיקן טאג..."

פרץ מארקיש האט פארענדיקט זיין ארטיקל:

„און איבער דעם געמיש פון קברים, חורבות און אש, וואס פארשיט די אויגן פון דער וועלט, גייט, אפשר, זינגער מיט זיינע ערד־ווייטיקדיקע בשורה־טריט דורך אין אונדזער ליטעראטור דער ערשטער". (ביכער־וועלט", ווארשע 1922, נ' 1, ז' 42).

עס איז אן אנדער פראגע, צי זינגער איז אויך אין די ווייטערדיקע יארן געגאנגען אויף דעם וועג, אבער פאר יענער צייט זענען זייער כאראק־

טעריסטיש אי זינגערס שאַפונג „ערד־וויי" און דער הייסער אָפּרוף פון מאַרקישן.

און אַ פּאָר ווערטער וועגן נאָך צוויי ביכער, וואָס זענען דאָ אין דער רשימה פון די קולטור־ליגע־אויסגאַבעס פאַר די עטלעכע חדשים פון איר עקזיסטענץ: דאָס זענען י. אָפּאַטאָשוס „אין פּוילישע וועלדער" און ה. לייוויקס „דער גולם". אין אונדזער שטרעבן צו שאַפן פון דער קולטור־ליגע אַן אַלוועלטלעכע יידישע קולטור־באַוועגונג, האָבן מיר, פון די ערשטע שריט, זיך פאַרמאָסטן ארייננצונעמען אין קרייז פון אונדזער טעטיקייט און השפעה די שרייבער און קינסטלער, ווי אויך די יידישע מאַסן פון אונדזערע לענדער. און אין דער ערשטער ריי — די שרייבער פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן. מיר האָבן פון דער ווייטנס געוווּסט, אַז אין דער יידי־שער אַמעריקע האָבן זיך באַוויזן פאַר די עטלעכע מלחמה־יאָרן וויכטיקע שרייבער און עס זענען דערשינען באַדייטנדיקע ווערק. צוליב דעם קריג איז מען געווען אָפּגעריסן איינער פונעם אַנדערן (איבערהויפּט זענען מיר געווען אין רוסלאַנד אין דער קריגס־און נאָך דער קריג־צייט אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון אַמעריקע). האָבן מיר, איך און מלמד, ניט אָנפרעגנדיק זיך ביי אונדזער „אָרגאַניזיר־ביוראָ", געאיילט מיט אַ פאָרשלאָג צו י. אָפּאַ־טאָשו און ה. לייוויק, וואָס עס זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות וועגן זייערע צוויי וויכטיקע ווערק „אין פּוילישע וועלדער" און „דער גולם", זיי זאָלן אונדז איבערגעבן דאָס רעכט איבערצודרוקן זיי פאַר אייראָפּע.

און עס איז געווען איינמאָל מיטאָג־צייט, מיר באַקומען אַ וואַרעמע פּאָזיטיווע תשובה פון י. אָפּאַטאָשו, האָבן מיר באַשטעלט אונדזער פאַר־זיצער ד"ר משה זילבערפאַרב אין ליטעראַטן־פאַראיין און מיט גרויס שמחה אים איבערגעגעבן די פריידיקע נייעס וועגן דעם אָפּאַטאָשו־בריוו. מיר האָבן עס אים איבערגעגעבן ווי אַ מעלדונג וועגן אַ גרויסן זיג. אָבער ד"ר משה זילבערפאַרב, ווי עס איז געווען שטענדיק זיין באַרעכנטער און געצוימטער כאַראַקטער, האָט אונדז אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער: „ווי קאָנען מיר עס נעמען אויף זיך נייע התחייבותן, ווען קיין געלט האָבן מיר נישט, און מיר זענען שוין מיט די פריערדיקע אויסגאַבעס געגוג פאַרבאָרגן אין גרויסע חובות?" הויבן מיר אָן אים אויפצוווייזן, אַז מיט די ווע־ פון די אַמעריקאַנער באַוווּסטע שרייבער ווערן מיר פעסטער, און מיר עפענען פאַר אונדז טיר און טויער צו דער יידישער אַמעריקע און פירן

אריין קיין פּוילן ווערק און שרייבער, וואָס זענען דאָ נאָך ווייניק באַקאַנט! הקיצור, נאָך לענגערע שמועסן און אַמפּערנישן — גיט צו ד"ר זילבער־פאַרב, אַז פאַרפאַלן, אויב מיר באַשטייען דווקא אַרויסצוגעבן די ווערק, קענען מיר עס טון, אָבער ער נעמט פון זיך אַראָפּ די התחייבות און אחריות. און לסוף טוט ער אַ קוק איבער די בענקשנע זיינע און טוט אַ פרעג:

— האָט כאָטש נחמן געלייענט די ווערק, זענען זיי טאַקע ראוי פאַר־עפנטלעכט צו ווערן? "

הקיצור, אין דעם זעלבן טאָג האָבן מיר אָנגעשטעלט נאָך אַ זעצער, און אין משך פון אַ פּאָר וואָכן איז אַרויס די ערשטע אויפלאַגע פון די „פּוילישע וועלדער", אין 3.500 עקז. און אין לויף פון די נאָענטע פּאָר יאָר נאָך און נאָך אויפלאַגעס. דאָס בוך איז געווען „דער שלאַגער" אינעם יידישן ביכער־מאַרק, אָדער ווי עס הייסט דאָ אין אַמעריקע „דער בעסט־סעלער", — דאָס בעסט פאַרקויפטע בוך אין לויף פון עטלעכע יאָר. עס זענען דערשינען כסדר איין אויפלאַגע נאָך דער אַנדערער, גאַנצע 15 אויפלאַגעס. גרויס דערפאָלג האָט אויך געהאַט ה. לייוויקס „דער גולם", וואָס די ערשטע אויפלאַגע איז דערשינען אָנהויב 1922, אין 3.500 עקז. אין ערשטן נומער „ביכער־וועלט", וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אָנהויב 1922, האָב איך מיין רעצענזיע וועגן אַפּאַטאָשוס „פּוילישע וועל־דער" אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „צו די עטלעכע געציילטע באַדייטנ־דיקע ביכער אין דער יידישער ליטעראַטור איז צוגעקומען אַ ניי, וואָגיק און באַדייטנדיק בוך". דאָס בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פּויליש, עס איז געגאַנגען אין פאָרזעצונגען אין דער טעגלעכער וואַרשעווער יידיש־פּוילישער צייטונג „נאַש פּשעגלאָנד", עס האָט זיך געדרוקט דערנאָך אין פאָרזעצונגען אינעם „מאָמענט", און קינדער און קייט האָבן געלייענט דאָס בוך און פאַרשאַפט דעם מחבר און דעם פאַרלאַג גרויס אָנזען.

אָט אַזוי איז געגאַנגען דער האַסטיקער וווּקס פון דעם קולטור־ליגע־פאַרלאַג אין די ערשטע עטלעכע חדשים פון זיין אויפקום, און גלייך האָט ער פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער יידישער קולטור־שאַפערישער וועלט פון פּוילן. אַלע הענט זענען געווען ביי אונדז פאַרנומען מיט דער אַרויס־געבערישער אַרבעט און מיט דער פאַרשפּרייטונג פון די ביכער. דער ברייט־ביניקער און נידעריק־געפּאַקטער אָנגעשטעלטער ל. צימערמאַן האָט גע־מאַכט די פּאַקט־פּעקלעך אין די הונדערטער און יידישע טרעגער אויף די

האַנט־וועגעלעך האָבן זיי אָפּגעפּירט אין דער פּאָסט, וואָס האָט די יידישע ביכער פונאַנדערגעשיקט איבער גאָר דער וועלט. דער פאַרלאַג איז געוואַקסן און אויך אונדזערע הערצער זענען געוואַקסן פון פרייד צוצוזען דעם אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג פון דעם יידישן בוך.

4

דער קאַמף פאַר דער קולטור־ליגע

אונדז איז גאָר נישט איינגעפאַלן, מיר זאָלן מיט אונדזער ווילן אויפשטעלן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט פאַר דער קולטור־ליגע אין פּוילן, וואָס האָט שוין געהאַט דאָ און דאָרטן אָפּטיילונגען, גרופּעס און בעיקר, — שטאַרקע סימפּאַטיעס, — אונדז איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז מיר זאָלן אָנטרעפן אַזאַ שטאַרקע קעגנערשאַפט און עס זאָל אונדז אויסקומען אַריינגעוויקלט צו ווערן אין אַ העפטיקן קאַמף מיט די, וואָס האָבן געזאָלט זיין אונדזערע שטיצער, אונדזער אַלעמען.

האָבן מיר זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות, פּונקט ווי אונדזער זיידע יעקב האָט אַמאָל געטון, צוליב זיין ברודער עשיו, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען אַהיים. מיר האָבן זיך געטיילט אויף צוויי מחנות — איינע ד״ר מ. זילבערפאַרב, יוסף לעשצינסקי (ער איז גיך אַוועק פון אונדזער גרופּע און אַריין אין „בונד״ און אין דער „פאָלקסצייטונג״ אָן גענומען אויך פירן דעם קאַמף קעגן אונדז), און מיר, — ז. מלמד, איך און ח. ש. קאַזדאַן, האָבן געבויט דערווייל דעם פאַרלאַג, און אויך געפירט די אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט פון דער קולטור־ליגע.

מיר וועלן דאָ זיך נישט אַריינלאָזן אין אַלע קליינינקייטן, מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַלע פּרטים, אויף די גראַנגלעכישן פאַרן „קוצו של יוד״, וואָס די פּאָליטיקער האָבן אַריינגעבראַכט אין דעם קאַמף, וואָס האָט אָנגענומען אַלץ־ווייטער אַלץ־שאַרפערע פאָרמען. ווי דער שטייגער, האָט יעדער צד צוגעקראָגן זיינע פאַרברענטע חסידים און אויך זיינע פאַרביטערטע קעגנער, און אויב לכתחילה האָט זיך דער שטרייט געפירט צווישן

די פיר ווענט, אויף קלענערע פאַרזאַמלונגען און זיצונגען, איז ער נישט־ווילנדיק אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דער גאַס, און אַריינגעצויגן אַלץ־מער מענטשן און קרייזן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָרטן, אין די בירגערלעכע קרייזן, האָט מען זיך געפרייט, וואָס אָנשטאָט צו ווערן אַ שטאַרקער גע־אייניקטער כוח, רייסן זיך און בייסן זיך די טוער פון דער יידיש־וועלט־לעכער און סאָציאַליסטישער קולטור־באַוועגונג. אויסער דער גרופּע פון דער אָרגאַניזיר־ביוראָ — מ. זילבערפאַרב, י. לעשצינסקי, ז. מלמד, נ. מייזיל און ח. ש. קאַזדאַן, — האָבן מיר געהאַט נאָך איניקע מיטגייער, מיטטוער, מיטקעמפער — דאָס זענען געווען א. גאָלאָמב (זיך באַזעצט אין ווילנע און געאַרבעט אין לערער־סעמינאַר, איצט אין מעקסיקע), ב. איי־סוראָוויטש (דאַן אַ טוער פון פאַר־שול־אַרבעט, איצט אַ טוער אין „אָרט”). מיר האָבן אויך צוגעקראָגן דעם פּאָפּולערן אין וואַרשע, דאַן נאָענט צו דער פאָלקס־פּאַרטיי — שלמה מענדעלסאָן. און וואָס נאָך וויכטיקער — מיר האָבן צוגעקראָגן אַ פעסטן פאַרבינדעטן: די קולטורעלע יידישע ווילנע, וואָס איז געווען אַ גרויסער כוח אינעם יידישן לעבן און האָט פאַרמאָגט דעם שטאַרקסטן יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן מיט יידישע שולן און יידישע לערער, מיט אַ געשיכטע פון אַ 15 יאָר. דערצו איז דאַן ווילנע געווען דער צענטער פון דעם לינקן „בונד”, וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטן אָפיציעלן רעכטן „בונד” אין פּוילן. אין פיל קאַרדינאַלע פראַגן. מען ווייסט איצט קוים גלויבן, אַז איינער פון די אָנפירער פונעם לינקן „בונד”, אָדער ווי מען האָט אים אַמאָל גערופן אין איניקע ערטער פונעם „קאָמבונד”, איז געווען יעקב פּאַט, וועלכער האָט דאַן אין קאַמף קעגן דעם אַלגעמיינעם רעכטן „בונד” געפירט אויך אַ קאַמף מיטן „בונד” אויפן קולטור־פראָנט.

אין אונדזער צווייטן זאַמלהעפט „קולטור־ליגע” (וואַרשע, מאַי 1921) איז פאַרעפנטלעכט אַ בריוו פון ווילנע, געחתמעט י. פּ. (טאַקע יעקב פּאַט), ווו עס ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „מיט איניקע חדשים צוריק איז מען צוגעטראָטן אין ווילנע צו פאַרוואַנדלען די „קולטור־ליגע” אין אַ גרויסער מאַסן־אָרגאַניזאַציע. די אַנטוויקלונג און וווּקס פון דער קולטור־אַרבעט אין ווילנע האָט דורכאויס געפאָדערט צו צענטראַליזירן די אַרבעט, פאַראייניקן צווישן זיך די עקזיסטירנדיקע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, ווי צענ־טראַלער בילדונגס־קאָמיטעט, שול־אָרגאַניזאַציע, פאָלקס־אוניווערזיטעט וכדומה. אויסער פאַראייניקן און צענטראַליזירן און שאַפן נייע געביטן

פון אַרבעט, איז נויטווענדיק געוואָרן אַרויסצופירן די טעטיקייט פון די ענגע ד׳ אמות פון די קאָמיטעטן און פאַרשלאָסענע אָרגאַנען און שאַפן אַ גרויסע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע״.

און עס ווערט ווייטער דערציילט אין דעם בריוו פון ווילנע, אַז „עס האָט זיך אָנגעפירט אַ העפטיקער קאַמף איבער די יסודות און כאַראַקטער פון דער דאָזיקער נויטיקער אָרגאַניזאַציע — פון דער „קולטור־ליגע״. עס האָבן צווישן זיך געשטריטן צוויי ריכטונגען: איין ריכטונג — די „קול־טור־ליגע״ לויט איר מהות און געבוי דאַרף זיין אַ ברייט־פאַרצווייגטע פּראָ־לעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, און די צווייטע ריכטונג — די „קולטור־ליגע״ דאַרף זיין אַן אַלגעמיינע „יידיש־וועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אַרבעט אין סאָציאַליסטישן גייסט״... אַרום דער רעאָרגאַניזירונג פון דער „קולטור־ליגע״ האָט זיך געשאַפן אַן אויסערגעוועגלעכער אינטערעס. עס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אַלע ווילנער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קולטור־אָרגאַניזאַציעס״.

„ענדלעך — ווערט ווייטער געזאָגט — נאָך גרויסע הכנות און שטאַר־קער אַגיטאַציע זענען פאָרגעקומען צוויי גרינדונגס־פאַרזאַמלונגען (די ערש־טע אין אַפּריל, די צווייטע — אין מאַי), אויף ביידע פאַרזאַמלונגען האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַן איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער לינקער ריכטונג, פון דער אַזוי־גערופענער „אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע״. אויף דער לעצטער גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז צו דער רעזאָלוציע פון דער „אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע״ האָבן אַרויסגעזאָגט זייער הסכם אויך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „בונד״, „פאַראייניקטע״ און „פּועצ׳״. עס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַלס יסוד פאַר דער אַרבעט פון דער „קולטור־ליגע״ די רעזאָלוציעס פון דער וואַרשעווער קאָנפערענץ פון די ק. ל. אין אַפּריל (וועגן דעם — שוין איבערגעגעבן אין צווייטן קאַפּיטל פון בוך)... — — אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט 650 מיטגלידער, זענען פאָרגעקומען פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. אין קאָמיטעט פון „קולטור־ליגע״ זענען אויסגעקליבן פאָלגנדיקע חברים: פון „אַרבעטער צעטל״ — יעקב פּאַט, לייוויק האדעס, ש. ידידאָוויטש, מ. יאפע, אסתר בערגער, זשעניע שעפּצאָוויטש, י. האָלאַנד, א. שאַפּיראַ, מ. חיימסאָן; פון בונד (ס. ד.) — רבקה עפּשטיין, י. כאַרלאַש, א. אָקון; פון „פאַראייניקטע״ — י. רובין; פון פּוע׳צ — קובלאַנאָוו און נאָך אַ חבר.

דער קאמיטעט קאאפטירט צו דער ארבעט אלס גלייכבארעכטיקטע מיטגלי־
דער די ח'ח ז. רייזען, ב. כהן (ווירגילי) א. א.״ (זע ז' 37).

דעם 18־19־טן אפריל 1921 איז פארגעקומען אין ביאליסטאק א דערפאלגרייכע קולטור־קאנפערענץ, צו וועלכער עס זענען געקומען 26 דעלעגאטן פון 18 ערטער: ביאליסטאק, בריסק, ביעלסק, ברייענסק, וויסאקע־ליטאווסק, ארלע, מיליטשיץ, באטקע, קלעשטשעל, וואלקאוויסק, סלאנים, דערעטשין, ראזשאנאי, קריניק, סאקאלקע, אמדור, וואשילקאווע, האראדאק. די קולטור־קאנפערענץ איז צונויפגערופן געווארן דורך דער צענטראל־ביורא פון ביאליסטאקער „קולטור־ליגע״, כדי צוצוגרייטן זיך צו דער שול־בארא־טונג, וואס איז גערופן געווארן קיין ווארשע אויף חוה'מ פסח (דעם 26־27־סטן אפריל). פון די באריכטן, וואס יעדער דעלעגאט האט אפגעגעבן, איז צו זען, אז אין די אלע שטעט און שטעטלעך איז אנגעגאנגען א זייער אינטענסיווע קולטור־ארבעט, נישט געקוקט אויף די שווערע צייטן און אויף די אלע שטערונגען. די באריכטן ווייזן אויף דער טרייקייט פון די יידישע קולטור־טוער און לערער צו שאפן וואס־מער בילדונגס־און דערציאונגס־אינסטיטוציעס, פאר וועלכע מען האט געארבעט מיט לייב און לעבן.

אין ביאליסטאק גופא, לויטן באריכט פון דעם איבערגעגעבענעם שול־און קולטור־טוער ש. גאלדמאן, וואס האט געפירט דעם פארזיץ פון דער קאנפערענץ, האבן דאן עקזיסטירט 10 יידישע שולן מיט 55 קלאסן, אן אוונט־שול מיט אוונט־קורסן, א פאליטעכנישע אוונטשול, חוץ די באוווסטע שלום־עליכם־ביבליאטעק, וואס איז געוועזן, נאך דער ווארשעווער און ווילנער יידישע ביבליאטעקן, — די גרעסטע און פולסטע זאמלונג פון יידישע ביכער מיט א גאר־גרויסער צאל איבערגעגעבענע יידישע לייענער.

אינעם באריכט, וואס איז אפגעדרוקט אין דעם צווייטן זאמלהעפט „קולטור־ליגע״ (ז'ז 38־42) קומען אינטערעסאנטע און פריידיקע ידיעות אויך פון אנדערע שטעט און שטעטלעך וועגן שולן, וואס האבן אמאל עקזיסטירט, אבער בעת דעם קריג און בירגער־קריג זענען זיי אומגעקומען, און איצט ווערן זיי פונדאסניי אויפגעשטעלט דורך די ארטיקע טוער. עס ווערט אויך דערציילט וועגן ביבליאטעקן מיט א גרעסערער און קלענערער צאל ביכער, וואס מען האט געשאפן און וועגן דער צאל לייענער.

אין דער שטאט ביעלסק, למשל, איז דא א ביבליאטעק מיט 7.500 ביכער. אין ארלע איז די „יידישע שול געגרינדעט אין דעצעמבער 1919״.

בעת דער אינוואזיע זענען געווען 3 קלאַסן מיט 120 קינדער. דערנאָך איז די שול צעשטערט געוואָרן. מיט גרויס מי האָט זיך אין דעצעמבער 1920 ווידער געעפנט די שול. געווען אַ ביבליאָטעק, איז זי אין דער צייט פון דער אינוואַזיע צעשטערט געוואָרן. אין קריניק, ווערט דערציילט, האָט די שול איבערגעלעבט אַ סך אינטערעסאַנטע מאָמענטן בעת די פאַרשידענע פּאָליטישע איבערקערענישן. און אַזוי ווייטער און ווייטער קומט יעדע שטאָט מיט איר באַזונדערער מגילה פון אָנגעשטרענגטער קולטור־טעטיקייט מיט איבערמענטשלעכע באַמיאונגען אויפצובויען אַ שול, עפענען אָוונט־קורסן, וואָס די מאַכט פאַרמאַכט, און אָרגאַניזירן דערביי אַ ביבליאָטעק. דערביי האָט מען אויסצושטיין שטערונגען מצד די אַנדערע ריכטונגען א. אַ. וו.

מיר וועלן דאָ ברענגען די רעזאָלוציע, וואָס האָט אַ שייכות צו דער „קולטור־ליגע”. אָט וואָס מיר לייענען: „אויסהערנדיק די באַריכטן פון די ערטער, שטעלט די קולטור־קאָנפערענץ אין ביאַליסטאָק פעסט: 1) אַז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס צוליב די לעצטע מלחמה־געשעענישן זענען כמעט אַלע קולטור־אינסטיטוציעס חרוב געוואָרן, איז דאָך די קולטור־אַרבעט אין דעם גאַנצן ראַיאָן זיך אויפסניי ברייט פונאַנדערגעוואַקסן: אומעטום זענען סטיכיש ווידער אויפגעבויט געוואָרן שולן, קינדערהיימען, קורסן, ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קרייזן און אַנדערע ענלעכע אינסטיטוציעס. 2) אַז די אַרבעט, נישט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען, האָט זיך נישט געקאָנט נאָרמאַל אַנטוויקלען און שטיין אויף דער געהעריקער הויך צוליב דעם, וואָס אין די שטעט גופא איז די אַרבעט נישט געווען פאַראייניטלעכט און צענטראַליזירט, און אויך צוליב דעם, וואָס מיטן אויסנאַם פון שול־געביט, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון שול־סעקרעטאַריאַט ביי דער ביאַליסטאָקער קולטור־ליגע — האָט געפעלט אַ צענטער, וועלכער זאָל פאַרבינדן און קאָאָרדינירן די קולטור־אַרבעט אויף די איבעריקע געביטן. 3) אַרויסגייענדיק פון אָט די הנחות, באַשליסט די קאָנפערענץ גלייך צוטרעטן צו שאַפן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן אָפּטיילונגען פון „קולטור־ליגע” אין הסכם מיט די אויבנאָנגעוויזענע צילן און אויפגאַבן. 4) די אַלע אָפּטיילונגען פון דער ק. ל. שאַפן אַ צענטראַל־ביוראָ, דער זיץ־אָרט פון וועלכן איז ביאַליסטאָק. די גרעסטע קרייז־שטעט בילדן אונטער־ראַיאָנען. 5) יעדע אָפּטיילונג פון דער ק. ל. שטרעבט צו פאַראייניטלעכן און צענטראַליזירן די קולטור־

ארבעט ביי זיך אין שטאט, שאפן נייע און נעמען אונטער איר אנפירונג אלע עקזיסטירנדיקע פּראלעטארישע קולטור־אינסטיטוציעס".

וואס שייך די צילן און אויפגאבן פון דער „קולטור־ליגע" זענען אנגענומען געווארן די רעזאלוציעס, וואס זענען אנגענומען געווארן אויף דער קאנפערענץ פון דער „קולטור־ליגע" אין ווארשע.

אט אזוי שטארק איז געווען דער דראנג און דער ווילן צו פאראייניקן די יידישע קולטור־ארבעט, צענטראליזירן זי און פארבינדן זי מיט דעם צענטער פון דער „קולטור־ליגע" אין ווארשע. — —

אין דער זעלביקער צייט איז ווייטער אנגעגאנגען די ארגאניזאציא־נעלע און קולטור־טעטיקייט פון דעם צייטווייליקן צענטראל־קאמיטעט פון דער „קולטור־ליגע" אין ווארשע. עס איז באשטימט געווארן אנצוהייבן צו פירן אויך די ארבעט פון פארשול־דערציאונג און עס איז איבערגעגעבן געווארן ב. אייסוראוויטשן צו גרינדן א פארשול־סעקציע. די פרעבל־סעקציע פון דער יידישיסטישער אפטיילונג פונעם לערער־פאראיין האט באשטימט צו בייטן דעם נאמען און דערקלערן זיך אלס פארשול־סעקציע. און דעם 20־21סטן מאי איז פארגעקומען אין ווארשע די ערשטע קאנפערענץ פון פארשול־דערציאונג אין פוילן. פון די 27 קינדערהיימען פון פוילן זענען געווען 18 דעלעגאטן (פון 21 קינדערהיימען).

עס איז, לויטן באשלוס פון דער אפריל־קאנפערענץ פון „קולטור־ליגע" פארגעשלאגן געווארן דעם צענטראלן דינעזאן־שול־קאמיטעט צו קאאפטירן דריי מיטגלידער פון צ. צ. ק. פון ק. ל., און מ. זילבערפארב, י. לעשצינסקי, ח. ש. קאזדאן זענען אריינגעטראטן אין צ. ד. ש. ק. יוסף לעשצינסקי איז באשטימט געווארן אלס סעקרעטאר און ח. ש. קאזדאן — פארוואלטער פון דער רעדאקציע.

אויף א זיצונג פון צ. ק. (צייטווייליקער צענטראל־קאמיטעט) פון ק. ל. איז אויסגעהערט געווארן אן אויספירלעכער פארטראג פון דעם באוווסטן ביבליאטעק־טוער א. קאטיק (דער זון פון יחזקאל קאטיק) וועגן דעם פארוואָרלאזטן מצב פון דעם יידישן ביבליאטעק־וועזן אין פוילן, און עס איז אויסגעארבעט געווארן א ברייטער פלאן לטובת די יידישע ביבליאטעקן. עס איז באשלאסן געווארן צו שאפן א ביבליאטעק־סעקציע און רופן א ספּעציעלע קאנפערענץ פון די יידישע ביבליאטעקארן אין פוילן, מאכן א רעגיסטראציע פון אלע ביבליאטעקן א. א. וו.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען בריוו־וועגדונגען פון אנדערע לענ־דער, און בעיקר — פון רומעניע, פון דער דאָרטיקער יידישער קולטור־פעדעראַציע אין טשערנאָוויץ, וואָס האָט ביי די גאָר שווערע באַדינגונגען געפירט אַ טעטיקע און פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, און דער צ. צ. ק. האָט באַשלאָסן זיך שטעלן אין ענגער פאַרבינדונג און פאַרגעלייגט צו פאַרבייטן דעם נאָמען פון קולטור־פעדעראַציע אויף „קולטור־ליגע”.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צו אָרגאַניזירן אין וואַר־שע אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע אויסצואַרבעטן דעם לערן־פּלאַן און צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט לעק־טאָרן און אויסאַרבעטן אַ סטאַטוט. מען האָט אויך געפירט אונטערהאַנד־לונגען מיט דעם באַוווּסטן דיריגענט מ. שניאור וועגן אָרגאַניזירן אַ קינסט־לערישן פאָלקס כאָר א. א. וו.

און אין דער זעלבער צייט, וואָס די אַרבעט האָט זיך אַלץ מער צע־צווייגט און פאַרשפּרייט און עס זענען געוועזן די גלענצנדיקסטע מעגלעכ־קייטן און פּערספּעקטיוון פאַר דעם פונאַנדערוווּקס פון דער קולטור־ליגע־באַוועגונג, זענען נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען די אונטערהאַנדלונגען, און מען האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו אַן אויסגלייך מיטן „בונד”, וואָס האָט געוואָלט האָבן די הויפּט־דעה אין דער „קולטור־ליגע”, מיט אַ פאַר־אויס־פאַרזיכערטער מערהייט.

דערווייל איז דאָס יידישע קולטור־לעבן אין פּוילן געשטאַנען פאַר אַ זייער וויכטיקער געשעעניש. מען האָט זיך געגרייט צו דעם שול־צוזאַמענ־פאָר, און דעם זעלבן חודש אַפּריל (קיין עין־הרע — אַ מזלדיקער חודש!). דעם 26־27סטן איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ שול־באַראַטונג פון די יידישיסטישע וועלטלעכע שול־אָרגאַניזאַציעס וועגן דעם פאַרשטייענדיקן שול־צוזאַמענפאָר. עס זענען געקומען אַ 40 דעלעגאַטן פון וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, ראָוונע, בריסק, טשענסטאָכאָוו, פון מזרח־גאַליציע א. אַ. אין אָט דער באַראַטונג האָבן זיך אויך באַטייליקט דעלעגאַטן פון ביאַליסטאָקער און ווילנער „קולטור־ליגע”. פון צייטווייליקן צענטראַל־קאָמיטעט זענען דעלעגירט געוואָרן מ. זילבערפאַרב און ב. אייסוראָוויטש. מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף די אַלגעמיינע באַשלוסן פון דער באַ־ראַטונג, זיי זענען איבערגעגעבן אין די פאַרשידענע ווערק, וואָס דערציילן די געשיכטע פונעם יידישן שול־וועזן אין פּוילן. מיר וועלן אַרויסנעמען

בלויז דעם פונקט, וואס האט א שייכות צו דער ק. ל., וואס אינטערעסירט אונדז, אויף וויפל ער האט געצייכנט דעם ווייטערדיקן גאנג פון דער קולטור־באוועגונג אין פוילן.

עס איז דא א באזונדערע רעזאלוציע, מיט דריי פונקטן, וואס זענען געווען א פשרה נאך זייער לאנגע פארהאנדלונגען. די רעזאלוציע הייסט טאקע: „וועגן דער באציאונג צו דער קולטור־ליגע. 1) די שול־בארא־טונג געפינט, אז אין די אינטערעסן פון דער אנטוויקלונג און וווקס פון דער שול־ארבעט, מוז אויפגעבויט ווערן א צענטראלע פראלעטארישע ארגאניזאציע, וועלכע זאל ארומנעמען די ארבעט אויף אלע געביטן פון דער מאדערנער יידישער קולטור. 2) די באראטונג באגריסט דערום די אונטערהאנדלונגען פונעם צייטווייליקן צענטראל־קאמיטעט פון „קולטור־ליגע" מיט די סאציאליסטישע פארטייען מכוח א קולטור־ליגע אין פוילן. 3) די באראטונג רופט אלע שול־טוער מיטצוהעלפן דעם אויפבוי פון קולטור־ליגעס אויף די ערטער."

ווער עס פארשטייט זיך אויף די „קליינע פינטעלעך" און אויף די באזונדערע אויסדריקן אין א רעזאלוציע, וואס ווערט אנגענומען דארטן, ווו עס זענען דא שארפע חילוקי־דעות, דער קאן באגרייפן, ווי יעדעסווארט אין דער רעזאלוציע איז געווען א פועל־יוצא פון די ספעציפישע „דקדוקי־עניות", וואס מען ברענגט אריין אין אן ענין, וואס איז זייער גליטשיק און מען קאן, חלילה, איבערקערן די גאנצע שיסל . . .

פון די אלע איבעריקע רעזאלוציעס און אויך פון דעם אויפרוף צום שול־צוזאמענפאר איז געווען אבער צו זען, אז דער ארגאניזיר־קאמיטעט און איבערהויפט די הויפט־אנפירער האבן געאנט, אז „שטופ ארויס די פראגע וועגן דער „קולטור־ליגע" דורך דער טיר, קריכט זי אריין דורכן פענסטער אדער גאר דורכן קוימען"... מען האט זיך באמיט, אז מען זאל וואס־פעסטער ארומצוימען און ארומגרענעצן דעם קומענדיק צונויפפאר דורכאויס און בלויז מיט שול־פראגן, כדי אויסצומיידן דעם שטרויכל־שטיין, די קולטור־ליגע־פראבלעם.

האבן מיר טאקע אינעם מאי־העפט פון אונדזער „קולטור־ליגע", אין פוילן, פארעפנטלעכט אן ארטיקל (ז'ז 4־6) פון א. גאלאמב מיטן נאמען „שול־ארגאניזאציע אדער קולטור־ארגאניזאציע — צום שול־צוזאמענפאר", ווו ער באווייזט מיט פאקטן און מאטעריאלן, אז א שול־

אָרגאַניזאַציע „ מיט פאַראויס באַשטימטע ראַמען פון איר קאָמפּעטענץ" קאָן נישט „באמת באַפרידיקן אַלע פּעדאַגאָגישע און געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן און פונקציעס" אפילו „פונעם אָנגעמערקטן סדר־היום". ער רעכנט אויס די אַלע פּונקטן, די אַלע אויפגאַבן פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, די פראַגע וועגן לייען־און לערן־ליטעראַטור, א. א. וו., און ער זאָגט: „אַזוי איז מיט אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס שטייען אויפן סדר־היום פונעם צוזאַמענפאָר. רעכטלעכע, געזעלשאַפטלעכע און מאַטעריעלע לאַגע פון שול, אויסער־שול און פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, לערער־צוגרייטונג און נאָך און נאָך, — דאָס אַלץ פאָדערט ברייטערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, איידער אַ שול־אָרגאַניזאַציע קאָן זיין". א. גאָלאָמב פירט אויס גאַנץ ריכטיק: „דער צוזאַמענפאָר וועט אומבאַדינגט מוזן קומען צום באַשלוס, אַז מיר נויטיקן זיך נישט אין אַ שול־אָרגאַניזאַציע, נאָר אין אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע. און אונטער דעם צייכן דאַרף דורכגיין דער גאַנצער צוזאַמענפאָר, ווייל די שול איז נאָר אַ צווייג פון דער קולטור און אין דעם שטאַם קאָן נישט געמאָלט זיין, דער צווייג זאָל לעבן און וואַקסן".

מען דאַרף דאָ באַטאָנען, אַז דער אַרטיקל, געשריבן פון א. גאָלאָמב, איז אייגנטלעך געווען דער אויסדרוק פון די ווילנער יידישע שול־און קולטור־טוער, צו וועמען מ'האָט זיך שטענדיק שטאַרק צוגעהערט בנוגע שול־פראַגן, ווייל ווילנע איז דאָך געווען דאָס וויגעלע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול און פאַרמאָגט פיל שול־אַנשטאַלטן מיט אַ גוטער לערערשאַפט.

און טאַקע אינעם זעלבן העפט איז דאָ „אַ בריוו פון ווילנע" אונטערגעשריבן א. ג. (דער זעלבער א. גאָלאָמב), וווּ ער רעדט וועגן דעם יידישן שול־וועזן אין ווילנע, וועגן דער יוגנט, וואָס נאָך איר פאַרענדיקן די שול, פאַרבלייבט אויף גאַס באַראָט און עס זענען נישטאָ קיין אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן, וועלכע זאָלן שטילן איר דורשט נאָך קולטור, קונסט און וויסנשאַפט און ער זאָגט, אַז „די שול קאָן נאָר דאַן האָבן אַ קיום, ווען זי איז איין רינג אין אַ גאַנצער קייט, איין גליד אין אַ גאַנצן קולטור־אָרגאַניזם. די שול נויטיקט זיך אין אַ וואַרעמער און ליכטיקער קולטור־אַטמאָספער, זי מוז האָבן אַרום זיך אויך אַ סביבה פון קונסט. אין אַ רייכער ליטעראַטור, אין טעאַטער, אין מוזיק און קונסט, אין אַ ברייטער

טער קולטורעלער געזעלשאפטלעכקייט בלייבט די שול ווי אן איינזאמער בוים אין מיטן מדבר". און דער אויספיר איז אזא: „אין ערגעץ איז ניט אזוי בולט די דרינגנדיקע נויט אין א פאראייניקטער און צענטראליזירטער, אלזייטיקער קולטור־ארבעט ווי דא אין ווילנע". (ז' 36).

און אט איז געקומען דער לאנג־דערוואַרטער טאָג, ווען עס האָט געדאַרפט אַרויסגעטראָגן ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט די פראגע וועגן דער קולטור־ליגע און איר ווייטערדיקן גאנג און אָרגאַניזאַציאָנעלער בוי און וווּקס און אַנטוויקלונג*).

דעם 15־טן יוני 1921 איז געעפנט געוואָרן דער ערשטער יידישער שול־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט צוגעצויגן עטלעכע הונדערט דעלעגאַטן פון קאָנגרעס־פּוילן, ליטע, גאַליציע, וואָלין. הגם איך בין נישט געווען קיין דעלעגאַט, און אויך נישט קיין ספּעציעלער שול־טוער, האָט מען מיך איבערגעגעבן דעם כבוד און די אַרבעט אַרויסצוגעבן אַ ביולעטין פונעם שול־צוזאַמענפאָר. עס זענען אַרויס דריי נומערן מיטן נאָמען „ערשטער יידישער שול־צוזאַמענפאָר" פון אַ גרויסן פאָרמאַט, מיט גאַנץ־אויספירלעכע באַריכטן און איינדריקן פון אָט דעם היסטאָרישן צונויפקום. איך האָב געהאַט אַ געהילף, דעם ה' ד"ר י. רובין, וואָס וווינט איצט אין תל־אביב, ער שרייבט העברעאיש אונטערן נאָמען י. רב־קאי, אַן אַלטער חבר און גוטער פריינד פון פיל יאָרן, מיט וועמען איך האָב מיך לעצטנס ווי גוטע פריינד געטראָפן אין ארץ־ישראל.

אויף איינער פון די זיצונגען, אינעם גרויסן זאַל פונעם קינאָ־טעאַטער „אַפּאָלאָ", ביים באַהאַנדלען דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פּלאַן (רעפערענט ב. וויר־גילי־כהן) איז אַרויפגעשווומען די פראַגע וועגן דער „קולטור־ליגע", וועגן איר באַפעסטיקונג און ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

מ. זילבערפאַרב (ווי שוין געזאָגט, בטבע אַ געזעצטער און געזעלכער מענטש און אַ דורכאויס דיסציפּלינירטער און דערצו אַ יוריסט, וואָס איז גוט באַקאַנט מיט די אַלע געזעצן און מנהגים פון אַ פּאַר־

*) עס איז באַזונדערס נויטיק זיך אָפּצושטעלן גענויער אויף די אַלע מאָמענטן, ווייל אין דעם נישט־לאַנג דערשינענעם בוך פון ח. ש. קאַזדאַן „די געשיכטע פון יידישן שול־וועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן", מעקסיקע, 1947, 430, ווערט דער קאַמף פאַרשוויגן אָדער ווערט געגעבן אין אייניקע פּרטים אין אַן איינזייטיקער באַלויכטונג.

זאמלונג און א סדר־היום א. א. וו.) איז אויפגעטראָטן מיט אַ הייסער רעדע און געפאָדערט, מען זאָל אומבאדינגט אויפנעמען די פראגע וועגן דער „קולטור־ליגע": „איר טאָרט זיך נישט פונאנדערפאָרן, כל זמן איר וועט נישט איבערגעבן די גרינדונג פון דער „קולטור־ליגע" אין זיכערע הענט, אין דער קאָמפּעטענץ פון אַן אָרגאַן, וואָס לויט זיין אויטאָריטעט זאָל זיך קאָנען אויפהויבן איבער אַלע פּאַרטיי־חשבונות און פּאַרטיי־רייבונגען. אַזאַ אָרגאַן קאָן זיין דער צענטראַל־אָרגאַן, וועלכן איר וועט אויסקלייבן און וואָס וועט רעדן אין אייער נאָמען, אין נאָמען פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער לערערשאַפט, וועלכע באַשטייט אין איר איבער־וויגנדיקער מערהייט פון אָנהענגער פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען".

עס איז וויכטיק איבערצוגעבן, אַז פריער, ערב דעם שול־צוזאַמענ־פאָר, איז שוין דער „בונד" כמעט איינגעגאַנגען, אַז דער שול־צוזאַמענ־פאָר און דער אָרגאַן, וואָס ער וועט אויסקלייבן, זאָל נעמען אויף זיך צו גרינדן די „קולטור־ליגע". נאָר וואָס דען? אויף דעם שול־צוזאַמענפאָר איז דער „בונד" גאָר אומגעריכט פאַר זיך און פאַר אַלע געבליבן אין אַ שטאַרקער מינדערהייט. עס זענען בעת די וואַלן צום פּרעזידיום געווען פיר „ליסטעס": ליסטע 1 (פּאַראייניקטע) — 53 שטימען, ליסטע 2 — (בונד „אונדזערע־קינדער") — 133, ליסטע 3 — אומאָפּהענגיקע (דאָס רוב קולטור־ליגיסטן) 63, ליסטע 4 (לינקע פּוע"צ, „באָראָכאָוו") — 126 שטימען. אַזוי אַרום איז די בונדישע פראַקציע געווען בלויז אַרום אַ דריטל. אָט די סיטואַציע, פאַרבלייבן אין אַזאַ צושטאַנד אין אַ וויכטיקער ניי־געשאַפענער קולטור־אָרגאַניזאַציע, האָט דעם „בונד" שטאַרק נישט גע־שמעקט, און מען האָט גענומען דרייען און דראָען און באַווירקן אונ־דזער גרופּע, מיר זאָלן בעסער מיט „גוטן" צוריקציען אונדזער פאָדערונג אויפצונעמען און צו שטימען אויפן שול־צוזאַמענפאָר די פראַגע וועגן קולטור־ליגע, און אויב נישט, וועט זיין שלעכט . . .

און פאַרקערט, די לינקע פּוע"צ, וואָס זענען געווען אין אַזאַ פרעכ־טיקער לאַגע, געהאַט דעלעגאַטן און שטימען כמעט ווי דער „בונד", האָבן יאָ געוואָלט, מען זאָל די פראַגע אויפנעמען און באַשליסן, ווייל די סי־טואַציע איז געווען אַ ביז גאָר גינסטיקע פאַר זיי. האָט טאַקע זרובבל, דער פאָרשטייער און פירער פון דער באָראָכאָוו־פראַקציע (געווען פריער אַ מיטגליד פון דעם צ. ק. פון דער קולטור־ליגע אין קיעוו) — געשטיצט

אונדזער פארשלאג און באווויזן, אז דער שול־צוזאמענפאר איז דער איינ־ציק־בארופענער צו נעמען אויף זיך די איניציאטיוו און צו לייגן דעם יסוד פאר דער ק. ל. אין פוילן. ער האט געפאדערט, אז דער שול־צוזאמענפאר זאל דער ניי־אויסגעקליבענער צענטראל־פארוואלטונג איבערגעבן די אויפ־גאבע אויסצובילדן די צענטראלע קולטור־ליגע פאר גאנץ פוילן. אויך דער פארשטייער פון די „פאריייניקטע", ישראל רובין, האט געשטיצט דעם פארשלאג און אנגעוויזן, אז „דער אומבאדינגטער תנאי פון דעם דערפאלג פון דער שול איז איר ארגאנישער צוזאמענבונד מיט דער ארבעט אויף א ברייטן און אלזייטיקן קולטור־געביט, און דעריבער זאל דער שול־צוזא־מענפאר, ווי דער אויטאריטעטער ארגאן, ברענגען צום לעבן די צענ־טראלע קולטור־ליגע".

עס איז שוין זינט יענער זיצונג אריבער איבער 27 יאר, אבער עד־היום געדענק איך גוט יענע שפאנונג, יענע אויפגערעגטע שטימונג, ווען דער גורל פון דער „קולטור־ליגע", פאר וועלכער מיר אלע און הונדערטער דעלעגאטן און געסט האבן געהאט אזויפיל ליבע און פיעטעט און אויף וועלכער מיר האבן געלייגט אזוי פיל האפענונגען און טרוימען, — עס געדענקט זיך גוט די אנגעצויגנקייט און ממש דער פארהאלטענער אטעם ביי די הייסע און צעהיצטע און ליידנשאפטלעכע דעבאטן. מיר האבן גע־מיינט, אז דער „בונד", און זיין פראקציע, און בעיקר זיינע פירער, וועלן דאסמאל זיך שטעלן איבער די פארטיי־חשבונות און זייער ווילן צו האבן אומבאדינגט די העגעמאניע אויף א נייער ערשט־צום לעבן געקומענער קערפערשאפט. אבער, ליידער, איז אזוי נישט געשען! עס איז ארויף אויף דער טריבונע ב. מיכאלעוויטש און, צו אונדזער אלעמענס אנטוישונג און צארן, האט ער שארף און מיט ביטערניש פראטעסטירט קעגן די אלע, וואס האבן די פראגע וועגן דער קולטור־ליגע און די פארשלאגן, דער שול־צו־זאמענפאר זאל ארויסטראגן א פאזיטיווע רעזאלוציע, ארויפגעבראכט אויפן פארום פונעם שול־צוזאמענפאר. „מען קאן נישט — האט ער דער־קלערט — פארוואנדלען דעם שול־צוזאמענפאר אין א קולטור־צוזאמענ־פאר". און ווייטער: „מיין פראקציע (פון בונד — „אונדזערע קינדער") איז איבערצייגט, אז דער פראלעטארישער קולטור־ צענטער קאן באשאפן ווערן נאר מיטן פולן הסכם און מיטהילף פונעם רעוואלוציאנערן יידישן פראלעטאריאט (געמיינט דעם „בונד" — גיט צו ח. ש. קאזדאן אין זיין

דערמאָנט בוך „די געשיכטע פון יידישן שול־וועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן" — נ. מ.), און יעדער פּרווו אָנצוּוואַרפן אים אַ קולטור־צענטער קאָן נאָר שטערן און אָפּשלעפּן דאָס פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן אין לעבן. אַרויסגייענדיק דערפון, דערקלערט די פראַקציע „אונדזערע קינדער", אַז זי וועט נישט נעמען קיין אנטייל אינעם אָפּשטימען דעם פאָרשלאָג און וועט ציען דערפון אַלע קאָנסעקווענצן אין דער צוקונפט".

אָט די בפירושע דראָאונג און באַטאָנונג, אַז אַזאַ מין פּרווו פון די אַלע וואָס האָבן געוואָלט איין מאָל פאַר אַלעמאָל שאַפן דעם פּירנדיקן אָרגאַן פאַר די שוין פאַראַנענע קולטור־ליגע־אָפּטיילונגען איבערן לאַנד און אין וואַרשע גופא, — אָט די אָפענע דראָאונג מצד נאָענטע חברים און מיטקעמפער, בלויז צו דעם פּאַרטיי־שליסל, האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף אַלעמען, און אויך אויף אַ גרויסער צאָל לערער און טוער, וואָס האָבן געהערט צו דער בונדישער פראַקציע. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, עס האָבן זיך געהערט פּייניקלעכע שטימען און אויסרופן קעגן דער דערקלערונג, און כדי צו שטילן די געמיטער, האָט געבעטן אַ וואָרט ה. ערליך און גענומען דערקלערן, אַז די „קולטור־ליגע" איז אַ... פּאָליטישע פראַגע. ער האָט איבערגעגעבן וועגן די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט און וועגן דעם, אַז מען איז שוין אפילו דורכגעקומען מכוח דער צאָל מאַנדאַטן פאַר יעדער גרופּע אין דער קינפטיקער „קולטור־ליגע" און עס איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז דאָס פּרעזידיום פון דער ק. ל. זאָל אויסגעקליבן ווערן אויף זאַכלעכע יסודות... — האָט ה. ערליך ווייטער זיך אַרויסגעבאַפּט מיט אַ וואָרט — די פּועלי־ציון האָבן פאַרלאַנגט, אַז זייער פאָרשטייער זאָל גאַראַנטירט ווערן אַן אָרט אין פּרעזידיום. און דאָס איז געווען — דערציילט ווייטער ה. ערליך — די סיבה, פאַרוואָס די בונדישע פראַקציע האָט זיך אָנטקעגנגעשטעלט צו לייזן דעם ענין ק. ל. דאָ אויפן צוזאַמענפאָר. און ה. ערליך, ווי ב. מיכאַלעוויטש, האָט געוואָרנט דעם צוזאַמענפאָר, ער זאָל נישט אויסנוצן די צופעליקע מערהייט (!!!), און מען זאָל נישט אַרויפצווינגען דעם „בונד" די באַשלוסן פון אָט דער מערהייט..."

נאָך אָט דער הייסער דעבאַטע, וואָס דער „בונד" האָט בעת מעשה געעפנט זיינע קאָרטן, און אויפגעדעקט זיין שטעלונג צו דעם פּראָבלעם אין פאַרבינדונג מיט דער „צופעליקער מערהייט" אויפן שול־צוזאַמענ־

פאַר, זענען אַרייַנגעטראָגן געוואָרן צוויי רעזאָלוציעס: איין רעזאָלוציע פון די דריי פראַקציעס (באָראָכאָוו, פאַראייניקטע און אומאָפּהענגיקע), וואָס האָבן געהאַט כמעט צוויי דריטל דעלעגאַטן, — לערער, טוער, געקומען פון די אַלע ערטער איבער פוילן — און די צווייטע רעזאָלוציע פונעם בונד („אונדזערע קינדער”). די בונדישע פראַקציע, טריי צו איר מעלדונג, האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען, און די רעזאָלוציע פון די דריי פראַקציעס איז אַזוי־אַרום אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. די רעזאָלוציע האָט האָט באַפולמעכטיקט דער ניי־אויסגעקליבענער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע, „זיי זאָלן גלייך נאָך דער קאָנסטיטואירונג זיך פאַרנעמען מיט דער אַרבעט צו שאַפן אין לויף פון צוויי חדשים אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר דער „קולטור־ליגע”. אויב אירע באַמיאונגען צו שאַפן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר דער „קולטור־ליגע” וועלן אין משך פון די צוויי חדשים נישט ברענגען קיין רעזולטאַטן, מוז די ניי־געקליבענע צענטראַל־פאַרוואַלטונג דעם דאָזיקן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אַליין שאַפן”.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך פאַרענדיקט נאָך איין פאַזע אין דעם קאַמף צו שאַפן די צענטראַלע פאַראייניקטע קולטור־ליגע־קערפּערשאַפט, וואָס אַלע האָבן געהאַלטן, אַז עס איז די העכסטע צייט אויפצובויען זי. דער „בונד” האָט געפילט, אַז אַנשטאָט צוצולייגן אַ האַנט, אונטערשטעלן אַ פּלייצע, האָט ער מיט זיין האַנדלונג געמאַכט נייע שוועריקייטן און נייע שטערונגען פאַר דעם ווייטערדיקן וווּקס און אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג. אָבער עס העלפט נישט — אין דעם ביטערן קאַמף קעגן זיינע „פּאָליטישע קעגנער”, מיט וועלכע מען איז געזעסן ביי איין טיש און אין איין פאַרוואַלטונג, אין דער שול־אָרגאַניזאַציע, — זענען אַלע מיטלען געווען כשר וישר.

און אַז דער „בונד” האָט געהאַלטן וואָרט, און אַז זיין דראָאונג איז געווען אַ פעסטע און אַן „אויסגעהאַלטענע”, האָט מען געזען שפּעטער, ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אַרום דער קולטור־ליגע — דאָס געראָטענע קינד, וואָס מען האָט נישט געלאָזט וואַקסן.

און טשעקאַווע דערביי איז, וואָס ח. ש. קאַזדאַן, איינער פון די עקשנותדיקע קעמפער פאַר דער „קולטור־ליגע”, איינער פון די, וואָס האָט ווייטער געפירט צוזאַמען מיט די קולטור־ליגיסטן אַ העפטיקן קאַמף קעגן

דעם „בונד" און זיינע פירער, דער זעלבער ח. ש. קאַזדאַן אין זיין דער־מאַנטן בוך גיט איבער די פאַרהאַנדלונגען אויפן שול־צוזאַמענפאָר און מאַכט אַזאַ מין אויספיר: „די ווייטערדיקע געשיכטע האָט אָבער באַוויזן, אַז מיט געוואַלט און קעגן דעם ווילן פון דער שטאַרקסטער פּאַרטיי פון די יידישע אַרבעטער, האָט טאַקע אַזאַ אינסטיטוציע ווי קולטור־ליגע נישט געקאָנט געשאַפן ווערן". (ז' 101).

דער העפטיקער קאַמף פאַר דער קולטור־ליגע האָט זיך דערמיט נישט פאַרענדיקט, נאָר זיך ערשט אָנגעהויבן, ווי מיר וועלן זען אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

5

אַ נייער וויכטיקער ליטעראַרישער פאַרמעסט

איידער מיר גייען ווייטער און וועלן זיך אָפּשטעלן גענויער ביי אַ נייעם ליטעראַרישן פאַרמעסט, — ביי דער נייער ליטעראַרישער אויס־גאַבע „ביכער־וועלט", וואָס מיר האָבן אין דעם „קולטור־ליגע"־פאַרלאַג גענומען גרייטן אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1921, לאָמיר אַ ביסל דערציילן וועגן זיך גופא, וועגן מיין איינבירגערן זיך אין וואַרשע און וועגן מיינע דעמאָלסדיקע ליטעראַרישע אַרבעטן.

ראשית ווילט זיך, כאָטש בקיצור, דערציילן וועגן דער ערשטער דירעקטער באַגעגעניש מיט דער פּוילישער פּאָליציי און מיט דעם „צוזאַ־מענשטויס", וואָס איך האָב געהאַט מיט די היטער־באַשיצער פון דעם לעבן און ווילזיין פון דעם פרייען פּוילישן בירגער. אָט דער קליינער, נישט־וויכטיקער עפּיזאָד וואַרפט אַ ליכט אויף דעם רעכטלעכן מצב פון ייד און מענטש אין דעם נייעם „פרייען" פּוילן, וואָס האָט געגאָלטן פאַר דער וועלט פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג, אָבער אין דער אמתן איז עס געווען אַ פּאָליצייאישער שטאַט, שוין פון די ערשטע יאָרן פון זיין אויפקום.

דאָס איז געווען דעם ערשטן מאַי 1921, דער אַרבעטער־יום־טוב,

וואָס איז אין פלוג דערלויבט געוואָרן עפנטלעך צו פייערן אין פוילן. עס איז געווען עטלעכע וואָכן נאָך מיין קומען קיין פוילן, קיין ווארשע, און מיט דעם נייגיר און ווילן זיך צו באַהעפטן מיטן יידישן מאַסן־לעבן, מיט זיינע פריידן און אַספּיראַציעס, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט גאַנץ פרי, אין דעם שיינעם זוניקן פרילינג־טאָג, איבער די ווארשעווער גאַסן, און אויפגעכאַפּט און אויפגענומען די באַוועגונג איבער די גאַסן פון אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן זיך געצויגן צו זייערע באַשטימטע זאַמל־פּונקטן. מיט מיר איז מיטגעגאַנגען דער דיכטער חיים לייב פוקס פון לאָדזש, וואָס איז געווען אַ גאַסט אין ווארשע. זענען מיר ביידע געגאַנגען און געקומען צום אָרט, וואָס עס איז געווען באַשטימט פאַר דער בונדישער דעמאָנסטראַציע. עס איז געווען אין דעם ווינקל פון דעם אייזערנעם טויער, ביים אַריינגאַנג אין זאַקסישן גאָרטן. נישט געקוקט אויף די לאָזונגען „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!", איז נאָך דערוויילע נישט געקומען צו אַ פאַראייניקונג פון די פּראָלעטאַריער אפילו פון איין שטאָט. יעדע פּאַרטיי איז זיך געגאַנגען באַזונדער און איזאָלירט פון דער אַנדערער, פון די אַנדערע, און נאָך מער — אַרום יעדער פּאַרטיי איז געגאַנגען די „באָיוווקע", די שלאָג־גרופּעס, נישט צו דערלאָזן חס ושלום, אַז די דעמאָנסטראַציע פון איין פּאַרטיי זאָל קורמען אין אַ באַריר מיט די אַרבעטער־מאַסן פון אַ צווייטער פּאַרטיי. און דער עיקר איז מען געווען וואַך און אָנגעשטעלט קעגן דעם, אַז די קאָמוניסטן, וואָס זייער דעמאָנסטראַציע איז געווען דורכאויס פאַרווערט דורך דער פּאָליציי, זאָל זיך נישט אַריינגיסן אין וואָסער ס'איז אַנדערער גרופּירונג.

די פּ. פּ. ס. — ווי די הערשנדיקע פּאַרטיי און מקורב צו דער רעגירונג — האָט פאַר זיך שטענדיק גענומען דעם שענסטן פּלאַץ, — דעם גרויסן און שיינעם טעאַטער־פּלאַץ, דאָסמאָל האָט דער „בונד" געהאַט דעם פּלאַץ פאַרן אייזערנעם טויער, די לינקע פּועל־צ — אויף דעם מוראַנאָווער פּלאַץ, די פאַראייניקטע, די קלענסטע יידישע פּאַרטיי, האָט זיך גרופּירט אַרום איר לאָקאַל אויף לעשנאָ נאָך קאַרמעליצקאַ א. א. וו. די קאָמוניסטן פלעגן שטענדיק אַרויס פון איין גאַס און אַן אַנדערער, געפּרוווט דאָ און דאָרטן צו בילדן אַ קאָלאָנע, אַרויסצוּוואַרפן אַ רויטע פאָן, אָבער די פּאָליציי, די רעגולערע און די געהיימע, האָבן מיט שטעקנס, גומענע שלאָגערס

און ביקס־קאָלבעס זיי ביטערלעך געשלאָגן און צעטריבן. דאָס איז געווען דער סדר און דער שטייגער פֿון דעם „ברידערלעכן" אַרבעטער־יום־טוב, ווען מען האָט געזונגען וועגן אייניקונג, וועגן דעם אַרבעטער, וואָס האָט צו קעמפֿן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און הערשער, און אין דער אמתן האָט עס געבראַכט, ביי די ספּעציפֿישע פּוילישע באַדינגונגען, שנאה און האַס פֿון די אַרבעטער איינער צום אַנדערן. בלוט האָט זיך כּמעט יעדן ערשטן מאַי געגאָסן, און געשלעגן צווישן אַרבעטער גופֿא זענען געווען אַ געוויינלעכע זאַך, און דאָס האַרץ האָט באמת געבלוטיקט צוצוזען ווי מען פֿאַרשוועכט דעם שיינעם פֿרידלעכן אַרבעטער־יום־טוב.

זענען מיר, איך מיט ח. ל. פֿוקס, געקומען צו דער בונדישער דעמאָנסטראַציע. און ווי אַלע יאָר, זענען די טויערן פֿון אַלע עפֿנטלעכע גערטנער געווען, לויט דעם באַשלוס פֿון דער פּאָליציי, פֿאַרשלאָסן אויף רינג און קייט, מען זאָל, חלילה, נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו אַנטרינען און לויפֿן ווען די פּאָליציי וועט נעמען די „אָרדענונג" אין אירע הענט. דער ווינקל האָט זיך אָנגעפֿילט. מיר ביידע האָבן זיך געשטעלט אויף אַ דריי טרעפּלעך, וואָס האָט געפֿירט צו אַ מאַנופֿאַקטור־הורט־געשעפֿט, וואָס איז געווען, צוליב פֿאַרזיכט, פֿאַרשלאָסן און פֿאַרהאַקט מיט ברעטער און אייזערנע שטאַנגען. מען האָט אָנגעהויבן דעם „מיטינג" און אויף דער ספּעציעל־אויפֿגעשטעלטער טריבונע האָט איין רעדנער נאָכן אַנדערן גערעדט וועגן דעם פֿרייהייט־יום־טוב, און ווי די פֿרידלעכע יידישע אַרבעטער־מאַסע איז געשטאַנען שטיל און פֿייערלעך פֿאַרנומען די ווערטער וועגן דעם יום־טוב, זענען אָנגעלאָפֿן פּאָליציי־רייטער אויף פֿערד, אַ שטיק 20־24, און אַזוי מיט אימפּעט זיך אויסגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט פֿון דעם ווינקל און זיך געלאָזט אויף דער מאַסע. נישט האָבנדיק קיין וועג וווּהין צו לויפֿן, אָפּגעשלאָסן פֿון ביידע זייטן דורך די מויערן, פֿון הינטן די הויכע אייזערנע שטאַכעטן פֿונעם זאַקסישן גאָרטן, און פֿון פֿאָרנט די רייטער־פּאָליציי, וואָס רוקט זיך אויף דער מאַסע — אַלט און יונג, מאַן און פֿרוי, — איז געוואָרן אַן אומבאַשרייבלעכע פּאַניק, ס'האָבן זיך געהערט געוואַלדן און געשרייען, קוויטשערייען פֿון פֿרויען און געוויין פֿון קינדער. די מאַסע האָט גענומען פֿאַלן ווי זאַנגען בעת אַ שטורעם און פֿון די זייטן האָט מען אָנגעהויבן לויפֿן פֿונעם ווינקל צו דעם פּלאַץ פֿון אייזערנעם טויער, צו די מיראַווסקער „האַלעס". ביי די זייטן זענען צוגעגרייט געווען ציווילע פּאָליציי מיט די

גומענע שטעקנס אין געשניטן אויף די פּלייצעס און פּנימער פון די, וואָס זענען אנטרונען. איך האָב פארלוירן מיין חבר, און גענומען זיך רוקן ביי דער וואַנט צום ארויסגאַנג. גליקלעכערווייז האָב איך אויסגעמיטן דעם טעם פון א גומענעם שטעקן, און זיך געלאָזט איבער דער גאַס צום סקווערל, וואָס האָט געהאַט נישט קיין הויכע אייזערנע שטאַכעטן, און איבערשפּרינגענ־דיק, האָב איך צעריסן מיינע הויזן אויף זיך און צעבלוטיקט די פּיס. און אזוי, מיט אָפּגעריסענע שטיקער הויזן און מיט א צעבלוטיקטן פוס, האָב איך זיך געלאָזט דורכן מיראַוווסקע געסל אויף עלעקטאָראַלנע, פון דאָרטן דורך סאָלנאַ אויף לעשנאָ און אזוי דערשלאָגן זיך צו דעם נומער 52, ווו איך האָב געוווינט . . .

דאָס איז געווען אזוי צו זאָגן מיין ערשטע „בלוטיקע באַגעגעניש" און טאַקע פּנים אל פּנים מיט דער פּוילישער ווילקיר־מאַכט. מיר האָבן, הייסט עס, שוין געשניטן א „בונד" מיט דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, און דערמיט ווי געוואָרן דער אמתער בירגער אויף צו לעבן און צו ארבעטן און צו פירן א קאַמף פאַר דער יידישער קולטור, יידישן לשון און פרייהייט פונעם וואָרט, און טאַקע אזוי האָב איך און חברים און פריינד אָנגענומען דעם ערשטן בלוטיקן צוזאַמענשטויס מיט דעם „דעמאָקראַטישן" פּוילן.

אָבער ווער האָט געלייגט אכט אויף אזעלכע קלייניקייטן, ווען מען איז געווען יונג און מונטער און פול מיט לעבן און מיט מוט און מיטן דראַנג צו קערן וועלטן אין דער יידישער גאַס און וועלט? איז עס געווען בלויז אן עפּיזאָד און מער גאָרנישט, וואָס האָט זיך דאָך איינגעשניטן נישט נאָר אויף דעם פוס, נאָר אין מוח, אין זכרון אויף לאַנגע צייטן און ביז אויף היינט צו טאָג . . . — — —

וויפל דער פאַרלאַג און די ארבעט ארום דעם אויפשטעלן די קולטור־ליגע האָבן נישט פאַרנומען קיין צייט און מי און געלט, אָבער דאָך האָט זיך געוואָלט נאָך און נאָך. האָבן מיר באשלאָסן צוצוטרעטן צו באַנייען די „ביכער־וועלט" — דעם קריטיש־ביבליאָגראַפישן זשורנאַל, באַנייען — ווייל אין יאָר 1918 - 1919 האָבן מיר אין קיעוו, אין „קיעווער פאַרלאַג", אונטער מיין רעדאַקציע מיט דער מיטהילף פון י. דאָברושין ארויסגעגעבן א קריטיש־ביבליאָגראַפישן זשורנאַל אונטער **דעם זעלבן נאָמען.**

בכלל ווילט זיך דאָ באַזונדערס צו באַמערקן, אז אין כמעט אַלע אונדזערע פאַרמעסטונגען און פּלענער און אויפטוען, וואָס מיר האָבן פיר־

געקומען אין װאַרשע, האָבן מיר געזען אַ המשך, אַ פאָרזעצונג פון די קול־טור־טעטיקײטן אין אוקראַינע. אין אונדזערע זאַמלהעפטן און זשורנאַלן, אויך צװישן די ערשטע אויסגאַבן פון דער װאַרשעװער „קולטור־ליגע", האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען פון די שרײַבער־קאָלעגן פון קיעװ און מאָסקװע. אַזױ אין די זאַמלהעפטן „קולטור־ליגע" (אַפּריל־מאַי 1921) און אַזױ אויך אין דער „ביכער־װעלט", װאָס מיר זענען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אין װאַרשע. הגם דער פאָרמאַט און דער שער־בלאַט און די הילע זענען געװען אַנדערש, אָבער דער כאַראַקטער פון־נעם זשורנאַל און זײַנע צילן און אויפגאַבן זענען געװען די זעלבע.

דער זשורנאַל, װאָס האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען אָנהויב 1922, יעדע צװײ חדשים אַ העפט, גרויסער פאָרמאַט 112 עמודים, איז נישט געװען נאָר אָנגעפּיקעװעט מכל טוב, בײַ דער מיטאַרבעט פון אַ גרויסער צאָל שרײַבער און קינסטלער, נאָר ער ברענגט צום אויסדרוק דעם ליטע־ראַרישן מצב, דעם ניװאָ, דעם גײַסט פון יענער צײַט, נישט נאָר אין װאַר־שע, פּױלן, נאָר פון אַ שטיק ייִדישער װעלט.

אָט ליגן פאַר מיר די נומערן פון אָט דער ליטעראַריש־ביבליאָגראַ־פישער אויסגאַבע, װאָס איז דערשינען מיט 26 יאָר צוריק, און עס איז אמת צום שטוינען פון דעם פאַרנעם, פון דעם פאַרמעסט, פון דער פאַר־שידנאַרטיקײט און פאַרשידנפאַרביקײט פון אַ זשורנאַל, װאָס עס האָט אַרויסגעגעבן אַ גרופּע אָן קײן שום געלט־מיטלען, אָן קײן געהעריקע טעכ־נישע באַדינגונגען, אָן קײן שום גרעסערן אינערלעכן קאָלעקטיװ מיטאַר־בעטער און רעדאַקטאָרן. אַזױ גרויס איז געװען די אָנגעזאַמלטע ענערגיע און אַזױ גרויס איז געװען דער אָנגעהויפּטער שטאָף, אַז מ'האָט פּשוט געקאָנט גײן מיט גרויסע לאַפּעטעס און אַזש צונויפשאַרן. און דער אימ־פּעט, װאָס שלאָגט פון די אַרטיקלען און די שלאַג־פערטיקײט, און די „חוצפּה" צו פאַרמעסטן זיך אויף אַלץ און אַלעמען און אפילו אויף די אויטאָריטעטן! און נאָך זײער אַ װיכטיקער מאָמענט, װאָס איז איצט, אין 1948, באמת צום באַװוּנדערן און צום שטוינען: דער פּרוּװ אויפצוזאַמ־לען אונטער אײן דאַך, אין אײן זשורנאַל נישט נאָר די פאַרשידענע צװײַגן, געביטן פון דער ייִדישער קולטור, נאָר אויך די שרײַבער, װאָס געהערן צו פאַרשידענע לאַגערן, צו פאַרשידענע ריכטונגען און קרײַזן אין דער ייִדישער װעלט! װײַזט אויס, אַז דער לאָזונג פון אַ פאָלקס־פראָנט, פון אַ װײַטגײענ־

דיקער אייניקייט אין דער ספערע פון קולטור איז געווען אויך דאָן א געבאָט פון דער צייט און עס איז געווען דער הייסער ווילן צונויפצונעמען וואָס־מער ליטעראַריש־שאַפערישע כוחות פאַר דער יידישער קולטור־ארבעט.

די דערשינענע נומערן „ביכער־וועלט" פאַרדינען אָן ספק א ברייטערע אָפּהאַנדלונג, ווייל זיי גיבן א באַגריף, זיי שאַפן א בילד פון דעם יידישן קולטור־שאַפן אין יענע יאָרן און זיי ברענגען אויך אינטערעסאַנטע שטריכן צו די געשטאַלטן פון שרייבערישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פאַרנומען א וויכטיקן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור אין די שפּעטערדיקע יאָרן. און נאָך עפּעס: דער זשורנאַל „ביכער־וועלט" איז שוין איצט א יקר־המציאות און זעלטן־ווו מען קאָן אים קריגן. ווען מיר א ביסל אויספירלעכער אויף אים זיך אָפּשטעלן.

קודם כל — דער שער־בלאַט מיטן באַרימטן לאַנגן „למד", וואָס ציט זיך אין דער גאַנצער לענג, איז געצייכנט פון אונדזער מלך ראַוויטש, וואָס אויסער זיינע אַלע אַנדערע פעאיקייטן, האָט באַזונדערס זיך געגרויסט מיט דער פעאיקייט צו צייכענען שער־בלעטער. אויף זיין קרעדיט זענען דאָ פיל אַזעלכע געצייכנטע שער־בלעטער (אויך דער שער־בלאַט, דער טיטל פון די ערשטע „ליטעראַרישע בלעטער").

דער ערשטער נומער, מיט דער דאַטע ערשטער יאָרגאַנג, 1922, יאַנואַר־פעברואַר נ' 1, האָט פאָלגנדיקע אַטיקלען: י. דאָברושין, — דאָס בוך און דער לעזער; בעל־מחשבות — דער יידישער מיטאָס; נחמן מייזיל — דאָס געזאַנג פון אונדזער צייט; ד"ר מיכאל וויכערט — בינע און בוך; יעקב לעשצינסקי — די יידישע פובליציסטיק אין אוקראַינע און רוסלאַנד — 1917־1919; מלך ראַוויטש — ווו איז דער צענטער?

נאָך אַט די זעקס אַרטיקלען, וואָס באַהאַנדלען פאַרשידענע צווייגן און פּראָבלעמען פון דעם יידישן קולטור־שאַפן, קומען גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן די פאַרשידענע לעצטע ליטעראַרישע דערשיינונגען, געטיילט אויף די אָפּטיילונגען: פּאָעזיע און בעלעטריסטיק; דראַמאַטישע ווערק; קונסט־אויסגאַבעס; געשיכטע; פאָלקלאָר; אַרבעטער און סאָציאַלע באַוועגונג; לערנביכער; פּאָפּולערע נאַטורוויסנשאַפט; שול־ליטעראַטור; קינדער־ליטעראַטור. ווי מיר זעען, — גאַנצע צען אָפּטיילונגען! קאָנען מיר דען איצט, אין א חודש־זשורנאַל זיך פאַרגינען אַזא לוקסוס

צו ברענגען אַרױפֿן און רעצענזיעס איבער צען באַזונדערע און פֿאַרשי־דענע אָפּטײלונגען? דערשײנען דען אַזױפֿיל ביכער אױף אַלערלײ געביטן? װײַזט זיך אַרױס, צו אונדזער װײטיק, אַז פֿאַר די 26 יאָר האָבן מיר קײן פֿאָרשריט נישט געמאַכט אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר, אדרבא, מיר זענען שטאַרק הינטערשטעליק. דער בעסטער און באַשײַנפּערלעכער באַװײַז איז אַלעמאָל דער רעאַלער פֿאַרגלײַך פֿון ציפֿערן, פֿון פֿאַקטן, פֿון ממשותדיקע זאַכן!

די פֿיל צענדליקער נײַ־דערשינענע ביכער װערן רעצענזירט און קרי־טיקירט דורך נ. מײַזיל, ע. קאַרמאַן, פּרץ מאַרקיש, יעקב שאַצקי, העגריק בערלעװי, ד״ר יצחק שיפּער, ש. ניגער, װ. שולמאַן, נ. ראַפּאַלקעס, ש. סטערנין, א. גאָלאָמב, ש. מענדעלסאָן, ח. ש. קאַזדאַן. נאָך די אַלע רע־צענזיעס גײט דער אָנהױב פֿון י. יאַשונסקיס אַ גרעסערער אַרבעט „די ייִדישע פּעריאָדישע פּרעסע זינט 1917 — די פּרעסע אין געװעזענעם רוס־לאַנד פֿאַר די יאָרן 1917־1918״. דערנאָך קומט אַן אָפּטײלונג „נײַע בי־כער״, װוּ עס קומען גאַנץ־אױספֿירלעכע ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצן װעגן די ביכער, װאָס זענען דערשינען אין יאָר 1921; די עטלעכע הונדערט ביכער זענען געטײלט אױף די ספּעציעלע געביטן: פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, דראַ־מאַטישע װערק, זשורנאַלן, זאַמלביכער, קונסט־ביכער, צײַטונגען, קריטיק און פּובליציסטיק, טעאַטער־פֿראַגן, געשיכטע פֿון אַרבעטער־באַװעגונג, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַװעגונג, מעמואַרן, ערד־אַרבעט און לאַנדװירטשאַפֿט, הומאָר און סאַטירע, נאָטן, שול און פּאָלקסשול, לערנביכער, נאַטורװיסנשאַפֿט, יוגנט־ליטעראַטור, קינדער־ליטעראַטור, קינדער־פּיעסעס, קינדער־זשורנאַלן, פֿאַרשידענע. פֿון די נעמען גופֿא פֿון די פֿאַרשידענע געביטן איז צו זען, אַז עס איז געװען אין יענע יאָרן אַ געװאַלדיקע שפֿע, און עס איז געװען פֿון גרױס ליטעראַריש־געזעל־שאַפֿטלעכן באַטײַט צו פֿאַררעגיסטרירן און צו פֿירן אַ חשבון פֿון דער געװאַלדיק־רײַכער ייִדישער ביכער־פּראָדוקציע.

אױך די אָפּטײלונג „ליטעראַרישע נײַעס״ האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנט בילד פֿון די ציִלן און אױפֿגאַבן און פֿון די פֿאַרמעסטן פֿון די אַלע פֿאַר־לאַגן אין װאַרשע, ביאַליסטאָק, װילנע, װין, בערלין, קאָװנע, טשערנאָװיץ, מינסק, ניו־יאָרק, ירושלים, כאַרבין. מיט אײניקע בריװ אין רעדאַקציע איז דער ערשטער רײַכער נומער געשלאָסן געװאָרן.

עס איז נאך פארעפנטלעכט צום סאמע סוף א מעלדונג „פון דער רעדאקציע", אז אין דעם דאזיקן נומער איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו געבן אויסשעפנדיקע ארטיקלען און מאטעריאלן וועגן אונדזער ליטעראטור אין אמעריקע א. א. וו., און אז מען האט זיך ספעציעל פארבונדן מיט די דארטיקע שרייבער — זיי זאלן מיטארבעטן אין זשורנאל.

מען דארף נאך צוגעבן, אז אויף 7 גרויסע זייטן זענען פארעפנטלעכט עטלעכע און צוואנציק אנאנסן פון דרוקערייען און בעיקר — פון פארלאגן וועגן זייערע הונדערטער ביכער.

מען דארף פארשטיין דעם תוך, דעם כאראקטער פונעם זשורנאל. נאך די עטלעכע יארן פונעם וועלט־קריג, ווען איין ישוב איז פונעם צווייטן געווען לחלוטין אפגעריסן און אפגעפרעמדט, איז געווען א געוואלדיקער באגער צו פארבינדן זיך און דערצו אויך א נייגיר צו דערוויסן זיך וואס עס טוט זיך אין די ווייטע יידישע ישובים און צו באקענען זיך נענטער און אנצובינדן א קאנטאקט פאר קעגנזייטיקער באווירקונג. דער זשורנאל האט דעריבער געהאט אויסצופירן א וויכטיקע שליחות — צו דערנענטערן די דערווייטערטע און מאכן מעגלעך איבערצורופן זיך פון איין וועלט צו דער אנדערער. און טאקע אין אט דער ריכטונג איז געגאנגען דער זשורנאל, אנגעהויבן פונעם ערשטן נומער און אזוי ווייטער פון נומער צו נומער.

אזוי ארום האט די „קולטור־ליגע", וואס צוליב די חילוקי־דעות און די אינעווייניקסטע גרענגלעכישן צווישן די פארטייען און ריכטונגען האט נישט געקאנט פארווירקלעכן אירע גרויסע אויפגאבן אויפן ארגאניזאציאנעלן געביט, האט זי געכומען רעאליזירן איר אויפגאבע פון א „קיבוץ־גלויות", פון א וואס־ברייטערער פאראייניקונג אונטער אירע פליגל די קולטור־טעטיקייטן און די שאפערישע פארמעסטן פון די פארשידענע יידישע ישובים איבער דער וועלט, דורך אט דעם קריטיש־ביבליאגראפישן זשורנאל „ביכער־וועלט".

און נישט נאר ווייטע יידישע ישובים זענען אינעם זשורנאל געקומען אין באריר, אין קאנטאקט, און זיי זענען צונויפגענומען געווארן אונטער איין דאך, נאר אויך יידישע שרייבער פון פארשידענע ריכטונגען און פון פארשידענע געביטן און פאכן. אין איין נומער א בונדיסט, א פועלי־ציון, און א סאוויעטיש־יידישער שרייבער און אזעלכע, וואס זענען נע־

שטאנען דאָן אָן דער זייט פון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור, ווי יצחק שיפּער, יעקב שאַצקי, און אין אַ צווייטן נומער — פּראָפ׳ מ. באַ־לאַבאַן, ד״ר ש. קאַמענעצקי א. אַ.

איך וויל טאַקע דאָ נעמען אויף זיך דעם קרעדיט, וואָס ד״ר יעקב שאַצקי, — דאַן אַ יונגער יידיש־פּוילישער שרייבער, האָט געמאַכט זיין דעביוט אין יידיש אונטער מיין רעדאַקציע און אויפזיכט. זיין יידיש איז דאַן געווען אַ גאָר־רויער, און מען האָט אים באַדאַרפט גוט אַרומפּיילן און אַרומשניצן. אַזוי אויך דער יידיש פון ד״ר י. שיפּער און מ. באַלאַבאַן, וועלכע האָבן אין יענער צייט געשריבן גאָר זעלטן יידיש.

נאָך מער פאַרשידנאַרטיקער לויט זייער מהות און אינהאַלט זענען געווען די ווייטערדיקע נומערן פונעם זשורנאַל „ביכער־וועלט", וואָס האָבן זיך באַמיט אָפּצושפּיגלען אין זיך אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, ווי אויך אין דער יידישער קינסטלערי־שער וועלט און מ׳האָט עס געטון מיט דער הילף פון די פאַרשידנסטע און פאַרשידנאַרטיקסטע שרייבער פון גאָר דער וועלט. מיר האָבן אין די ווײ־טערדיקע נומערן אַריינגענומען אינטערעסאַנטע באַריכטן פון ביבליאָטעקן (לויט ספּעציעלע אַנקעטעס צווישן די יידישע אַרבעטער־ביבליאָטעקן — באַאַרבעט דורך דוד מייער — איצט אין אַמעריקע). מיר האָבן איינגעפירט אַ „ליטעראַרישן פּנקס", וווּ מיר האָבן געגעבן בריוו פון פאַרדינסטפולע שרייבער, וועלכע האָבן געוואָרפן ליכט אויף תקופות און ריכטונגען אינעם יידישן לעבן און שאַפן.

אין די ווייטערדיקע נומערן „ביכער־וועלט" האָבן זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען און רעצענזיעס, אויסער די שוין אויסגערעכנטע — ה. ד. נאָמבערג, י. מ. ניימאַן, י. י. זינגער, א. קאַציזנע, י. י. סיגאַל, א. כּאַשין, א. ליטוואַק, וו. וויינטרויב, ב. רובשטיין, א. אַלמי, וו. לאַצקי־בערטאָלדי, ש. שפּיגעל, ח. לונסקי, פּרץ הירשביין, י. אָפּאַטאָשו, נ. מינקאָוו, ד. לייבל, ס. גורעוויטש, זלמן רייזען, מ. וויינרייך, לעאָ קעניג, ש. פּאַן, א. הירשין, ח. גאָלדבערג, ד״ר י. ציפּור, ב. אַראָנסאָן, מ. פּראָסט, ב. עפּעלבוים, בעל־דמיון, י. פּיכמאַן, מ. ד. גיסער, ש. ראָזענפעלד, א״אַ — איבער 55 שרייבער בלויז אין די ערשטע זעקס נומערן פון יאָר 1922! איבער אַ העלפט זענען שוין אויפן עולם האמת! זכרונם לברכה!

ביי די קענגזייטיקע פאַרשאַרפטע באַציאונגען פון די שרייבער פון

פארשידענע לאגערן אין יענער צייט (און אין וואס פאר א צייט — נישט?) — איז עס געווען א זאך א נישט - גערדאכטע און אן אומגלויב־לעכע! אין דעם צווייטן יאר, אין 1923, איז דער קרייז שרייבער און ספעציעלע פאבליק, וואס האבן געשריבן און רעצענזירט ביכער, אלץ מער געוואקסן, און אזוי אויך איז געוואקסן דער קרייז אינטערעסן און שאפונג־פראבלעמען, וואס זענען אין די ארטיקלען באהאנדלט און אויפ־געהויבן געווארן. און איצט, איבער 25 יאר נאך דעם ווי דער זשורנאל „ביכער־וועלט” איז דערשינען, איז דער זשורנאל און פיל פון די ארבעטן, וואס זענען דארטן פארעפנטלעכט, כלל נישט פארעלטערט און אומאינ־טערעסאנט. סאר א רייכע, פילפארביקע יידישע קולטור־שאפערישע וועלט וויקלט זיך פאר אונדז פונאנדער, ווען מיר בלעטערן אזוי זייט נאך זייט פון דעם שיין־ארויסגעגעבענעם זשורנאל, וואס איז דערצו באצירט מיט שער־בלעטער און הילעס, פון די דערשינענע ביכער, געצייכנט דורך באַ־וווסטע יידישע קינסטלער פון פוילן, דייטשלאנד, סאוועטנפארבאנד און אמעריקע.

א פארשידנארטיקע און קאלאריטרייכע יידישע קולטור־שאפערישע וועלט, וואס איז פארשוווּנדן אויף אייביקע צייטן!

6

נייע פייגל — נייע געזאנגען

יא, נייע פייגל — נייע געזאנגען. עס איז, אן קיין שום מליצות, געווען אמתער פרילינג. מען איז נישט נאר געווען יונג אין יארן, אויך די צייט איז געווען א יונגע, א פרילינגדיקע. יונג און פריש און גרין. און בליטן אומעטום, און אנזאג אויף וווּקס. האט מען געשוועבט אין דער הויך און זיך געבאדן אין דער פרישער לופט אין אין דער העלער, בלענדנדיקער שיין. ווארשע איז געווארן א צוצי־ארט, א צענטער פאר אלדאס צוזאגנדיקע. קומט אן א בריוו פון מלך ראוויטש פון ווין, — ווי ער מיט אייניקע אנדערע, מיט משה זילבורג, משה גראס, מלך כמעל־

ניצקי, יעקב מעסטל, דוד קעניגסבערג, בער האָראָוויץ האָבן געהאַט זייער באַשיידענעם פאַרלאַג „קוואַל", מיט אַן אייגענער ליטעראַרישער מאַנאַט־שריפט „קריטיק", — קומט אָן פון אים אַ בריוו, געשריבן מיט זיינע פעסט־אויסגעמאָסטענע און גוט־אויסגעפּלאַנירטע שורות און שטאַרק געציקלטע, — קומט אָן אַ בריוו פון אים, אַז ער איז גרייט אַלץ אוועק־וואַרפן, זיין גוטמוטיקע, וווילע און ליבע שטאָט ווין, אין וועלכער אַלע זענען סענטימענטאַל און ראָמאַנטיש פאַרליבט, און אויך זיין פיין־באַצאָלטן אַמט אין דער באַנק, וואָס גיט אים רעגלמעסיקע חיונה, פאַר אים און זיין פרוי און קינדער, און ער לאָזט זיך קיין וואַרשע, אין דער מעט־ראָפּאָליע פונעם יידישן שאַפן, פון יידישער אויפגייענדיקער דיכטונג. קומט אויך אָן אַ בריוו ערגעץ פון אַ גאַליציש ראַבייאיש שטעטל פון אורי צבי גרינבערג, דער מחבר פון די לידער, וואָס זענען ערשט אַרויס, „פאַר־נאַכטנגאָלד", און דער פאַרפאַסער פון דעם בייזן, סאַרקאַסטישן און בייסנדיקן און צאַרנדיקן קריגס־ווערק „מעפיסטאָ", — קומט אָן פון אים אַ בריוו, געשריבן אין געדיכטן לענגלעכן רבניש־למדנישן יידיש, אַז זיין האַרץ ציט אהער, ווו דער יידישער געדאַנק און געפיל פאַרנעמט זיך אויף נייע וועגן. און אַזוי אינמיטן דערינען, רייסט זיך אַריין מיט אימפּעט פּרץ מאַרקיש, דער אומרואיקער און אימפּעטפולער, וואָס יוירט און ברויזט און קאָן גאָר קיין וועדטער און קיין אויסדריקן נישט געפינען פאַר זיינע געפילן, מעטאַפאָרן און איבערלעבענישן. און עס ציען זיך אויך פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך פונעם גרויסן פּוילן, פון וואָלין, פון ליטע, פון ווייסרוסלאַנד, עס ציען זיך אַלע קיין וואַרשע. אַלץ „בני־נביאים", יונגע און יונגיטשקע נביאים, און יעדער איינער מיט אַ ניי גאָטס וואָרט אין זיינע לעפצן, אין זיינע פריש־צאַפּלדיקע שורות.

און עס דערשיינען העפטלעך, ביכער און ביכלעך, וואָס זאָגן אָן די ליכטיקע בשורה פון דעם נייעם לעבן, פון די נייע געפילן, פון די נייע געזאַנגען.

אַ גרויסע איבעראַשונג איז געווען פאַר אַלעמען די דערשיינונג פון די „שמוגלאַרס", געשריבן פון אַ גאַר־יונגן, ביז דאַן אַן אומבאַקאַנ־טער נאָמען — עוזר וואַרשאַווסקי. עס איז געווען אָנהויב זומער 1921, ווען דאָס בוך איז אַרויס דורך י. מ. וויסנבערג, און עס געדענקט זיך גוט, ווי אין איינעם אַ פּרייטיק האָבן זיך באַוויזן אין אַ 4־5 צייטונגען

און צייטשריפטן באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן אָט דעם אָנפאַנגער, ווי
יעדער איינער אויף זיין אופן האָט אָנגעזאָגט די בשורה פון אַ נייעם
קרעפטיקן טאַלענט אין דער יידישער ליטעראַטור. עס האָבן געשריבן א. ל.
יאַקובאָוויטש (איצט אין ישראל) אין „היינט", ב. קאַרליניום (קאַרלינס־
קי) אין „מאָמענט", בן־שמחה (דוד קאסעל) אין „מאָרגענשטערן" און
איך — אין דער וואָכנצייטונג „שטראַל", י. וו. (זרובבל?) אין „נייע
וועלט". עוזר וואַרשאַווסקי האָט שאַרף און שניידיק און אויך ברוטאַל־
רעאַליסטיש אַרויסגעבראַכט דאָס יידישע לעבן אין פוילן בעת דער דייטש־
עסטרייכישער אָקופּאַציע און אומברחמנותדיק געשילדערט מענטשן און
סיטואַציעס. דער ראָמאַן איז אילוסטרירט געווען דורך דעם זייער באַ־
גאַבטן יידישן קינסטלער יוסף זיידענבייטל, וואָס איז פריצייטיק גע־
שטאָרבן, און איבערגעלאָזט נאָך זיך פיל פאַרערער און גוטע פריינט,
וואָס האָבן געטראָגן דעם אָנדענק וועגן אים יאָרן נאָך זיין טויט. אגב,
עס זענען פאַרבליבן פון אָט דעם טאַלענטפולן קינסטלער צוויי ברידער,
אַ צווילינג, געראָטן איינער אויפן אַנדערן ממש ווי צוויי טראָפּן וואַסער,
וואָס האָבן געטראָגן די טראַדיציע פון זייער ברודער אין דער קונסט...*)

נישט באַגנוגנט זיך מיט מיין באַגייסטערטן אַרטיקל פאַר עוזר
וואַרשאַווסקין אין „שטראַל" (די וואָכנצייטונג פון די „פאַראייניקטע",
אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר יוסף קרוק און בערל גוטמאַן), האָב איך
פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין זאַמלהעפט „קולטור־ליגע", נומ' 2 (מאַי
1921), ווי איך האָב געשריבן צווישן אַנדערן: „די יונגע יידישע בעֶ־
לעטריסטיק אין פוילן איז באָדנלאָז, צעשטויבט און צעשוווּמען. זי גע־
פינט זיך עפּעס אָן אַ זייט פונעם לעבן, אַרום דעם לעבן. פאַראַן שריי־
בער, פאַראַן ביכער, נעמען, ס'איז אָבער נישטאָ קיין פונדאַמענטאַלע
יונגע יידישע בעלעטריסטיק, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם בכבודיקן אָרט
אינעם לעבן, וואָס זאָל זיין אַ גאַנצע וועלט, אַ וועלט פאַר זיך". און אָנ־
ווייזנדיק, אַז ביז אַהער האָבן מיר אַ מין „ערב ליטעראַטור" און „נישט

---

*) פאַראַן אויך אַ ברודער פון די זיידענבייטלס אין אַרגענטינע. ער
איז אַן אָנגעשטעלטער אין אַ טעמפּל און גלייכצייטיק אַ באַגאַבטער סקולפּ־
טאָר, וואָס האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג אין דעם אַרגענטינישן
מלוכהשן קונסט־סאַלאָן (יאָר 1949).

קיין ליטעראטור גופא", און אז „א גאנץ, גרויס לעבן בלייבט אויסער דער ליטעראטור און מאנט און רופט", האב איך געזאגט: „עוזר ווארשאווסקי מיט זיין ראמאן „שמוגלארס" שיינט צו זיין דער גליקלעכער אנזאג, אז אונדזער יידישע בעלעטריסטיק גייט ארויס פון אירע ענגע ראמען אויפן ברייטן וועג פון שאפן. עס איז אן ספק דאס ערשטע גרויסע ווערק פאר די לעצטע יארן, אין וועלכע עס גיסן זיך צונויף די צוויי באזונדערע שטראמען (דער פאלקסטימלעכער און אינטעלעקטועלער — נ. מ.)". דעם באגייסטערטן ארטיקל האב איך פארענדיקט מיט די ווערטער: „אין אונ־דזער צעשטויבטער, באדנלאזער יונגער בעלעטריסטיק איז די „שמוגלארס" א מערקווירדיק און אינטערעסאנט ווערק, און עוזר ווארשאווסקי דארף און וועט אן צוויפל פארנעמען א בכבודיקן ארט אין אונדזער ליטעראַ־טור. ער דארף וואקסן און פארטיפן זיך, — ער פארמאגט די מעגלעכ־קייט דערצו". (ז'ז 20־23). ע. ווארשאווסקי איז דאן אלט געווען קוים **23 יאר!**

אין דער „ביכער־וועלט" אינעם ערשטן נומער (יאנואר 1922) האב איך מקבל פנים געווען גאר פייערלעך מלך ראוויטשן און זיין בוך לידער, וואס ער האט ארויסגעגעבן אין ווין מיטן נאמען „נאקעטע לידער". אין א. ליטוואק, וואס איז געווען די ערשטע צייט מיטרעדאקטאר אינעם זשורנאל, האט געקרימט מיט זיין נאז און, ווי זיין שטייגער, ווען ער איז געווען אומצופרידן, האט ער אנגעשטעלט א זויערלעכן פנים. איך אבער האב אין ראוויטשעס לידער געפילט און געשפירט „דעם געזאנג פון דער צייט", ווי מיין ארטיקל האט געהייסן, און ער איז געגאנגען נישט ווי א רעצענזיע איבער א בוך, נאר ווי א באזונדערער ארטיקל. איך האב דורך ראוויטשעס לידער באטאנט דעם כאראקטער פון דער נייער יידישער דיכטונג, וואס רייסט־איבער מיט דער פריערדיקער. האב איך מיין ארטיקל אנגעהויבן מיט די „העכסטע טענער", ווי מען איז אין יענער צייט געוווינט געווען צו שרייבן און צו רעדן: „די הילכיקע טענער פון דער מאדערנער יידישער דיכטונג, אירע ברוייזנדיקע רויש־געזאנגען רייסן זיך וואס־ווייטער אלץ־מער אריין אין אונדזער ליטעראריש וועלטל און הויבן אן צוצוציען די אויפמערקזאמקייט פונעם ערנסטן יידישן לע־זער. דער ברייטער עולם אבער איז נאך נישט איינגאנצן תופס די יונגע יידישע פאעזיע און איז נאך מיט איר גיט אדורכגעקומען. דער דורכשניט־

לעבער לעזער איז נאך שטארק באהעפט מיט דער פארעלטערטער יידישער דיכטונג, און די מאטיוון און פארמען פון דער יונגער דיכטונג ווייזן זיך אים אויס צו־שרייענדיקע און האמעטנע. אין קיין געביט — הערשט נישט אזוי די שליטה פונעם סקארבאוון נוסח, פונעם אנגענומענעם שא־בלאן, ווי עס הערשט אין פאעזיע, וועלכע קאן פארהיטן די ראזע פארב, דעם אויסערלעכן צויבער, הגם זי האט שוין זיך איבערגעלעבט און לח־לוטין אנגעוווירן די לעבנס־קראפט און דעם צאפל פון וואקסן און ווירקן".

און איך האב פעסטגעשטעלט און געפסקנט, אז „ס׳איז אבער קלאר: די דיכטערישע אידיליע פונעם געפיל און געדאנק, די סענטימענטאלע ווייך־הארציקע הארמאניע, דאס אינערלעכע, רואיקע צוזאמענלעבן פון דיכטערישער פאנטאזיע און שאפנדיקן גייסט זענען שוין א דורכגעגאנ־גענע שטופע אפילו אין אונדזער דיכטונג, און קומען איצט מיט א סוב־יעקטיוו־עלעגישער שטילקייט, מיט א סענטימענטאל־ראמאנטישן שלייער, הייסט קומען מיט א פארשפעטיקטן אפקלאנג פון אן אוועקגייענדיקער צייט".

און עס איז געוועזן אינגאנצן אין דער ריכטונג, אין דעם איינשטעל פון יענער צייט, ווען איך האב געזאגט, אז עס איז „שווער איצט צו זיין פארשלאסן אין די ד׳ אמות פון אייגן־ענגן וועלטל און דארט, אין דער שטיל, וועבן א חלום פון אינטימע איבערלעבענישן. דער מאדערנער דיכ־טער איז קעגן זיין אייגענעם ווילן אריינגעשלײדערט אינעם שוימיקן קעסל פון וועלט־געשעענישן און וועלט־פראבלעמען, ער האט פארלוירן זיין אינערלעכע הארמאניע, און זיין שטים רייסט זיך אריין אין דעם אלגע־מיינעם וויי־געשריי און שטורעם־גערודער, וואס עס פילט אן גאר די וועלט".

און איך קוועל אן אינעם ארטיקל פון ראוויטשעס ווערטער: „כ׳בין א רויש־געזאנג פון שטורעמדיקע בלוטן".

און אט אזא מין פארגלייך צווישן די פריערדיקע און איצטיקע פרייהייט־לידער: „אמאל, אין די אמאליקע פרייהייט־לידער, האט דער דיכטער גערופן די מאסן, געמאנט פון זיי, געטאדלט דעם „ארעמען" ארבעטער. איצט איז דער דיכטער באהערשט פון דעם אימפעט, וואס עס פארמאגן די מאסן, און ער איז א כוואליע אין דעם ברויזנדיקן ים".

און עס קומט ווייטער א פארגלייך מיט די יונגע יידישע דיכטער

אין אוקראַינע, וואָס מען איז אַלץ געווען באַהערשט פון איר כוח, פון איר געזאַנג, — די יידישע דיכטונג אין אוקראַינע, וואָס „איז געשטאַנען אין מיט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פלאַקער, געברענט און געצונדן, זיך געוואָרפן אינעם שווימיקן רעוואָלוציאָנערן קעסל און אַליין צעפלאַמען געוואָרן אין דעם ווילדן געווירבל פון די געשעעענישן". און אָט איז די באַצייכענונג פונעם בוך לידער פון מלך ראַוויטש: „אַ שוואַרצער טונקעלער פאָן: שרעק און שגעון, קרענקלעכע, ליידנפולע קאָנוווּלסיע און אַ שטראַלנדיקע, שטורעמדיקע פרייד". („ביכער־וועלט", יאַנואַר 1922, ז'ז 11-16).

און מלך ראַוויטש, וואָס איז אָקאָרשט געקומען קיין וואַרשע, געווען נאָך ביי אונדז אַ גר, נאָך נישט באַוויזן פריי אָפּצואָטעמען, ווערט גלייך דער גרויסער חסיד, דער פאַרערער, דער אָנהענגער פון דער יידישער וואַרשע, פונעם יידישן פּוילן. אין אַן אַרטיקל (אין „ביכער־וועלט") מיטן נאָמען „וווּ איז דער צענטער?" זאָגט ער: „אין דעם קנויל פון פּראָבלעמען, וואָס ליגן ווי אַ מוטנע וואַסער אינעם האַרץ פון אַ יידישן דיכטער, איז עס אפשר דאָס סאַמע וויכטיקסטע: וווּ איז דער צענטער פון אונדזער ליטעראַטור?" און נאָך אַרומרעדן און פאַרגלייכן דעם מצב פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור, פּרעסע און שול אין פאַרשידענע לענדער, קומט מלך ראַוויטש צום אויספיר, אַז „דאָ אין פּוילן איז דער לעבעדיקער עלעמענט פון יידיש־רעדערס און ממילא פון יידיש־לעזערס. מאַני לייב האָט דאָך, אָדער קאָן האָבן דאָ, מער באַגייסטערטע לעזער איידער אין אַמעריקע". און ראַוויטש זאָגט ווייטער: „דאָ און נאָר דאָ מוזן געמאַכט ווערן די שווערסטע און קרבנות־פולסטע אָנשטרענגונגען. נאָך שטייען דאָ און שטאַרן נאַקעט אַרויס די ציגל־שטיינער פון דעם גרונט־פעסטיקטן און נישט־אויפגעריכטן קולטור־בנין פון אונדזער פּיל־הונדערטיעריקער טראַדיציע. דאָ דאַרף מען נאָך נישט „אָנקניפּן" די טראַדיציע, זי איז נאָך פאַרקניפּט. דאָ און נאָר דאָ. דאָס הייסט, אַז אפילו נישט אין אַמעריקע, אַ פּשיטא שוין נאָר אין בערלין, אָדער אַזש אין ווין — — — ניין, דאָ און נאָר דאָ!" („ביכער־וועלט"), יאַנואַר 1922, ז' 30).

און עס ווילט זיך דאָ אָפּשטעלן זיך אויף דעם מערקווירדיקן פאַקט, וואָס י. י. זינגער, דער פּריציייטיק־פאַרשטאָרבענער דערציילער, האָט אָנ־

געווירן, לכל הפּחות אויסערלעך, דעם אינטערעס און אחריות פאַר קול־טור־געזעלשאַפטלעכע פראַגן און האָט כסדר באַטאָנט זיין נעגאַטיווע באַציאונג צו אַ קולטור און ליטעראַטור, וואָס איז באַרופן צו קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט (כאָטש צו דערמאָנען זיין אַרטיקל אין קאַדיע מאַלאַדאָוּסקים זשורנאַל „סביבה“ אין ניו־יאָרק, ווו ער האָט פּאַרטיי־דיקט אַ דורכאויס־פּאַרוויילישע ליטעראַטור!), — דער זעלבער י. י. זינ־גער פון יענע יאָרן איז געווען אַ לחלוטין אַנדערער. ער האָט אינעם צווייטן נומער „ביכער־וועלט“, צו וועלכע ער האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „די פּראָזע אין אונדזער צייט“, וואָס עס איז כדאי צו ברענגען פון דאָרטן אַ פּאָר אויסצוגן.

„קיין שום צייט — הויבט אָן י. י. זינגער זיין אַרטיקל — איז נישט אַזוי גינסטיק פאַר דער פּראָזע, ווי די צייט פון שטורעם און דראַנג; קיין שום צייט איז נישט אַזוי קאַטאַסטראָפאַל פאַר דער פּראָזע, ווי די צייט פון שטורעם און דראַנג. פון איין זייט האָט זיך געעפנט פאַרן קינסט־לער (דער עיקר פאַר דעם פּראָזע־שרייבער) אַזאַ קאָלאָסאַלע עשירות פון טרייסלונג און קאָנפליקט, פון באַוועגונג און פאַרבנשפּיל, וואָס די שפּע־טערדיקע דורות וועלן מיט דער גרעסטער קנאה ריידן דערפון. עס איז דאָך קיין סוד נישט, אַז די גאַנצע שרעקונגס־ליטעראַטור: דאָס איבער־שטייגן זיך מיט ספּיריטואַליסטישע און היפּנאָטישע טעמעס, וואָס האָט געהאַט פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור אין די לעצטע יאָרן פון פאַר דער מלחמה, איז נאָר געווען אַ פּועל־יוצא פון אַרומיקער פּוסטקייט, אייִנטאָניקייט און גלייווער, אין וועלכער די וועלט און די מענטשן האָבן געשטעקט“. און דערמאָנענדיק, אַז „אויב די מלחמה צווישן נאַפּאָלעאָן און אַלעקסאַנדער (נישט צווישן די פראַנ־צויזן און רוסן) האָט „געפונען איר אויסדרוק אין אַזאַ עפּאָפּייע ווי אין טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום“, אויב די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געפונען איר אויסדרוק אין דיקענסעס „צוויי שטעט“, ביי הוגאָ א. אנד., היינט וואָס פאַר אַן עפּאָפּייען וועט געבוירן די איצטיקע צייט, די איצ־טיקע וועלט־צעטרייסלונג, די מלחמות און רעוואָלוציעס צווישן קלאַסן און שטאַנדן, פעלקער און לענדער?“

און י. י. זינגער, דער דעמאָלדיקער זינגער פון דעם „ערד־ווי“, זאָגט ווייטער: „אין די אַמאָליקע אומרואיקע צייטן, ווען דער קאַמף האָט

זיך געפירט צווישן אדעל, און די גרויסע מערהייט פון פאלק איז אידעאָ־לאגיש פארבליבן ווייט פון עצם קאמף, האט אויך דער קינסטלער גע־קאנט לעבן און שאפן אין זיין ווינקל. איצט אָבער איז יעדע באוועגונג, יעדער ריר מריסלט מיט מיליאנען מענטשן, מיט מיליאנען מוחות און הערצער און ממילא — אויך מיטן קינסטלער. עס ווערט געבראכן אייך זיין קינסטלערישער איך, קינסטלערישע גלייכגעוויכט און עס פיבערט זיין האנט".

און י. י. זינגער פירט אויס: „די צייט וועט מוזן איר עפאפעע גע־בוירן. נישט קיין היסטארישע, וויסנשאפטלעכע ביכער וועלן די דאזיקע צייט פאראייביקן, נאר דאס גרויסע קינסטלערישע ווערק. אָבער כדי צו געבן דער צייט איר תיקון, מוז מען די צייט באהערשן, אויפהויבן זיך העכער פון איר, זיין שטארקער פון איר, און גרוים דארף זיין די קינסט־לערישע פאטענץ און דרייסטקייט, שטארק מוז זיין דער קינסטלער, יואס זאל מיט דער איצטיקער צייט פארמעסטן זיך וועלן".

אט אזוי האט י. י. זינגער, דער פראזאיקער, וואס איז געווען אויינ־געצויגן אין דעם לעבנס־געוויכער, געזען די אויפגאבע פונעם פראזאי־קער: „מען פרעגט — זאגט ער ווייטער — דארף זיך דען דער קינסטלער רעכענען מיטן „המון"? געוויס! ווארעם וואס איז דען די אויפגאבע פון קונסט, אויב נישט צו ווירקן? און וויל מען ווירקן, מוז מען זוכן די וועגן אויפצורעגן דעם מענטשלעכן מוח און הארץ."

און ריכטיק באטאנט זינגער, אז „מער פון אלע איז די יידישע סביבה פון אירע ראמען ארוים, די גאנצע לאגע, עקאנאמיש און גייס־טיק, האט זיך ביזן שורש געביטן; און ווי אזוי קומט מען ריידן צו דעם אויפגעטרייסלטן יידישן לייענער מיט אלטע אפגעלעבטע פארמע און אינהאלט?" און י. י. זינגער פארענדיקט זיין ארטיקל: „קיין יונגדער נישט, וואס בעת די יידישע פאעזיע האט געזאגט איר ווארט אין דער איצטיקער צייט פון וועלט־ און יידישן בראך שוויגט די מאדערנע פראזע און א חוץ עטלעכע גרעסערע זאכן פון עבר, האט זי פארן הוה (געגנוואַרט) ביז איצט קיין איין ווארט נישט געפונען". (ביכער־וועלט, 1922, מערץ, ז'ז 143־146).

עס איז גרינג צו פארשטיין, אז אונדזערע ווערטער, אונדזערע אנ־טוישונגען פון דער ארומיקער יידישער ליטעראַרישער סביבה, אונדזערע

טענות און מאַנונגען צו דער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור, צו דער דיכ־טונג און פּראָזע, האָבן אַרויסגערופן אין דער ליטעראַרישער משפּחה אומצופרידנקייט און פאַרביטערונג. טוט נאָר אַ קוק! — ערשט געקומען און שוין ווערן זיי גאַנצע בעלי־דעות און מישן זיך אַריין אין אַלץ און צייכענען גאָר אָן נייע ריכטליניעס. אָט די מורמלענישן און פאַראיבלען האָבן מיר גענומען הערן אַלץ אָפטער און אָפענער. און ווי עס טרעפט בסדר, האָבן זיך שוין געפונען מענטשן און האָבן עס פאַרשאַרפט און פאַרשפּיצט. און עס איז אויסגעוואַקסן אַ מין וואַנט, צווישן פאַרשידענע שרייבער, און מען איז געוואָרן „צדדים". צווישן די אומצופרידענע זענען געווען אפילו ה. ד. נאָמבערג, ז. סעגאַלאָוויטש, אויך אין דער דע־מאָלסדיקער יידישער פּרעסע, אין „היינט" אָדער „מאָמענט" און אויך אינעם בונדישן „מאָרגענשטערן", האָבן זיך פון צייט צו צייט דורכגע־ריסן אַרטיקלען, אָפענע און פאַרשטעלטע, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו באַקעמפן די „חוצפה", די „העזה" פון די ערשט־געקומענע, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן גאָרנישט צו שאַפן דאָ, אין פּוילן, און מען פאַרמעסט זיך שוין אויף אַלץ, אויף אַלע אויטאָריטעטן ! . . .

עס געדענקט זיך גוט, אויף איינער אַ פאַרזאַמלונג אינעם פאַרלאַג „קולטור־ליגע", ווו עס איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון יידישע שריי־בער וועגן עפּעס אַ וויכטיקער ליטעראַרישער פראַגע, איז נאָך אָן אַרויס־טריט פון ה. ד. נאָמבערג, האָט י. י. זינגער זייער שאַרף און בייסיק גע־רעדט קעגן ה. ד. נאָמבערגן און קעגן די וואַרשעווער אַלטע און עלטערע שרייבער, וואָס קאָנען נישט פאַרליידן דעם אָנגריף פון די יונגע.

די קעגנזייטיקע פאַרשאַרפטע באַציאונגען און די ביטערע רייד פון איין „צד" אויפן צווייטן האָבן זיך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פאַרשטאַרקט און פאַרשפּיצט ווען די זעלבע גרופּע שרייבער האָט אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן די „ליטעראַרישע בלעטער", די וואָכנשריפט, וואָס האָט געהאַט אַ גאָר ספּעציעלן דערפאָלג און איז דערשינען איבער 15 יאָר, ביז דער צייט, ווען די מערדער־היטלעריסטן האָבן פאַרשניטן אַ שטיק יידישע אייראָפּע, און אומגעבראַכט דאָס יידישע לעבן צוזאַמען מיט די שריי־בער און קינסטלער און אַלע די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און אויס־גאַבעס.

אין וואַרשע האָבן מיר צוגעקראָגן אָן אָפּן האַרץ און אויער, אַ

חבר און קאָלעגע, אַ מיטשאַפער — דאָס איז געווען אַלטער קאַציזנע. הגם אַ תושב זינט פיל יאָרן אין וואַרשע, זינט 1910 אָדער אַ יאָר־צוויי שפּעטער, אַן אַריינגייער און דערנאָך חסיד פון פּרצן, און שוין אַ שרייבער זינט 1915 און אַ מחבר פון פאַרשידענע ווערק, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען אינגאַנצן אַ וועלט פאַר זיך, און נישט געווען פאַרבונדן מיט דער וואַרשעווער סביבה. ער האָט פאַרעפנטלעכט זאַכן, עסייען, לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען, געפּרוווט אַרויסגעבן (מיט דוד איינהאָרן) אַ זאַמלהעפט „די תיבה", און דערנאָך מיט יעקב וואַסערמאַן „די גלאָקן", וואָס זענען, דאַכט זיך, געבליבן ביים ערשטן נומער, און דערנאָך, אין 1920־1921, צוזאַמען מיט ד"ר מ. ווייכערט אַרויסגעגעבן די זאַמלונגען „רינגען", אָבער דאָך איז ער פאַרבליבן אַלץ אָן דער זייט, געהאַט אַ ספּעציעלן צוגאַנג צו שרייבער און ווערק, זיך געטוליעט צו י. ל. פּרץ און שפּעטער צו ש. אַנסקין — און אַלץ נישט געקאָנט קומען צו אַן אייגענעם סינטעז, צו קאָנסאָלידירן זיינע אייגענע קינסטלערישע אַספּיראַציעס און מעגלעכקייטן. ער האָט געהאַט אין וואַרשע פריינד און נאָכמער — שונאים, אָדער מענטשן, וואָס האָבן אים און זיין שרייבן מבטל געווען אָדער נישט געקאָנט סובל זיין.

ער איז צוגעקומען צו אונדז אַלץ־נענטער, און אָפט האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז שוין אינגאַנצן אַן אייגענער היימישער, אָבער דאָך איז ער פאַרבליבן אָן דער זייט, און אַלץ געהאָפט און געשטרעבט צו אַן אייגענעם ליטעראַרישן עמוד. ער האָט דערנאָך גענומען שרייבן דראַמאַטישע ווערק, וואָס האָבן פאַרמאָגט פיל מעלות, אָבער דאָך האָט אין זיי אויך געפעלט אָרגאַנישקייט, די נויטיקע פּשטות, וואָס מאַכט אַ ווערק אייגן און אייגנאַרטיק. ער האָט אָפט געשריבן מייסטערהאַפטע אַרטיקלען, געווען אַ גלענצנדיקער סטיליסט, און אַלץ איז ביי אים געווען און פאַרבליבן אין דער שטופע פון אינטערעסאַנטע עקספּערימענטן, פון מייסטערישע פּען־פּרוּוון. דער עיקר האָט ביי אים נישט געקאָנט קומען צו אַ פולן סינטעז זיין אינטעלעקטועלקייט, ראַפינירטקייט און גלייכצייטיק — דאָס כסדרדיקע שטרעבן צו פאָלקסטימלעכקייט.

אַלטער קאַציזנע האָט אויפגענומען דעם רעוואָלוציאָנערן ברען, דעם שאַפערישן בונט, און געפּרוווט עס ברענגען צום אויסדרוק דורך זיין

איבערזעצן אַל. בלאקס „צוועלף״. אין דער „ביכער־וועלט״ איז אויך א. קאַציזנע געווען באַטייליקט, נישט אָפּט, ער איז דערנאָך אַריינגע־וואַקסן מער אין אונדזער גרופּע, און געוואָרן אַ שטענדיקער מיטגייער, מיטטוער, מיטשאַפער אין אונדזערע אויסגאַבעס.

א. קאַציזנע האָט זיך אָפּגערופן וועגן ברוך גלאַזמאַנס „גאָוועלן״ (1921), און ער האָט אויפגעכאַפּט אייניקע שטריכן, וואָס זענען אים געווען ספּעציעל נאָענט; „מיר האָבן פאַר זיך, שרייבט א. קאַציזנע, — אַ צאַפּלדיקע, בלוטיקע סאַטירע פון גרויסן קינסטלערישן ווערט... ווייל דער קינסטלער לעבט נישט בלויז מיט זיין שרייב־טיש, ווייל אים אינ־טערעסירן נישט בלויז די שאָטנס פון זיין איך. ער טראָגט אין זיך אַ גרויסן עטישן אמת און בלוטיקט אים אַרויס פון זיך. אַמאָל דורך שמילע זיפצן. און אַז מען דאַרף — דורך אַ לייב־געשריי״. („ביכער־וועלט״, מערץ־אַפּריל, 1922, ז׳ 150).

דאָ האָט א. קאַציזנע גערעדט מער וועגן זיך, ווי וועגן דעם רע־צענזירטן בוך. „עס רעדט אַ מענטש מיט אַ גאָט אין האַרצן, מיט אחריות פאַר זיך און פאַר דער וועלט״, — זאָגט א. קאַציזנע וועגן ב. גלאַזמאַן און אויך וועגן זיך.

און אָט ווידער געסט אין וואַרשע, ווידער נייע פייגל און מיט נייע געזאַנגען. דאָס מאָל שוין פון דער יידישער אַמעריקע. עס איז געקומען י. אָפּאַטאָשו, מיט זיין פרוי און יונג קינד (איצט דער באַקאַנטער דוד אָפּאַטאָשו). און עס איז ווי עס וואָלט אָנגעקומען אַ נייער פאַרבינדע־טער, געקומען צו הילף, צו שיצן די נייע קולטור־פּאָזיציעס, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט אויפהאַלטן אָדער אויסקעמפן אין קאַמף פון די אַלט־געזעסענע, אָדער אַלט־פאַרזעסענע. ער גיט איבער אַ פריידיקן גרוס, גוטע גריסן פון דער יידיש שאַפערישער אַמעריקע, און מען פילט זיך דערמיט אין פוילן קרעפטיקער, פעסטער. עס אימפּאָנירט, וואָס די רייכע אַמעריקע קומט אַראָפּ צו אונדז, צום אָרעמען יידישן פוילן, און דאָ פאַרעפנטלעכט מען זייערע ווערק, מען לייענט זייערע שאַפונגען אין זיי ווערן ווי געהע־ריק אָפּגעשאַצט און אויפגענומען דורך דער יידישער מאַסע, וואָס ווייזט אַרויס פיל ליבע, פיל פאַרערונג און רעספּעקט פאַר די יידישע שרייבער.

אין מיין מאָנאָגראַפיע וועגן יוסף אָפּאַטאָשו (אַרויס אין וואַרשע,

פארלאג „ליטעראַרישע בלעטער", 1937, 192 זייטן) דערציי̇ל איך אויס־פירלעך וועגן דעם באַטייט פון י. אָפּאַטאָשעס דעמאָלסדיקן באַזוך אין פּוילן, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טריאומף־רייזע, צו וועלכער אַ יונגער שרייבער איז זעלטן־וועגן זוכה". דער ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער", וואָס מיר האָבן דאַן אַרויסגעגעבן, מיט דער הילף פון אַ הלוואה ביי אַ חבר, איז געדרוקט געוואָרן איין אויפלאַגע נאָך דער אַנ־דערער אין פיל טויזנטער עקזעמפּלאַרן. ער איז געלייענט געוואָרן דערצו אין די המשכים אין „מאָמענט" דורך צענער טויזנטער יידן, ער איז געדרוקט געוואָרן אין דער טעגלעכער צייטונג „נאַש פּשעגלאָנד", דערצו האָט מען אויפגעפירט אין „צענטראַל־טעאַטער" (לעשנאָ 1) אַ דראַמאַ־טיזירונג פון זיין „ניו־יאָרקער געטאָ"), אונטערן נאָמען „היים בלוט". י. אָפּאַטאָשו האָט זיך גיך איינגעגלידערט אין אונדזער קרייז, און מיר האָבן זיך געפילט מיט אים און זיין נאָענטער חברשאַפט פעסטער, זיכע־רער און רייכער.

און באַלד זענען אָנגעקומען פּרץ הירשביין און אסתר שומיאַ־טשער, — געקומען אַזעלכע מערקווירדיקע און אַנדערשדיקע פון וויטע לענדער און מיט דער היימישקייט, וואָס פייגל קומען פון ערגעץ וויטע מקומות צו איבערגעלאָזטע אייגענע נעסטן.

י. אָפּאַטאָשו און זיין פרוי און קינד, אויך פּרץ הירשביין מיט אסתר שומיאַטשער האָבן גראַד געוווינט אין צימערן אין דעם זעלבן הויף פון דער „קולטור־ליגע", אויף לעשנאָ 52, און עס האָט גענומען הערשן אַ יום־טובדיקע, פייערלעכע שטימונג. די „קולטור־ליגע" איז געוואָרן אַלץ מער אַ מיטלפּונקט, אַ גייסטיק־שאַפערישער צענטער, און אויך איז זי געוואָרן די בריק צווישן דעם נייעם יידישן פּוילן מיט דער איינגע־פינדעוועטער יידיש־שאַפערישער אַמעריקע.

אינעם דריטן נומער „ביכער־וועלט" האָבן מיר אַ לענגערן שמועס מיט י. אָפּאַטאָשון „וועגן דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", וואָס איך האָב געהאַט מיט אים, און אויף אַן אינטימען אופן ווערן מיר אַריינגעפירט נישט נאָר אין דער ליטעראַרישער סביבה פון דער יידישער שאַפערישער אַמעריקע, נאָר אויך אין די לאַבאָראַטאָריעס פון די יונגע יידישע דיכטער און פּראָזאַיקער. אָפּשטעלנדיק זיך אויפן כאַראַקטער פון

די גרעסערע ווערק, וואָס ווערן געשאַפן אין אַמעריקע, זאָגט אָפּאַטאָשו, אַז „אומעטום פילט זיך דער ריזיקער אַמעריקאַנער שווונג, די ווערטי־קאַלע ליניע, וואָס שפּאַרט צום הימל". און אַט ווי מען קוקט אין איי־ראָפּע, פון וועיטנס, אויף דער יידישער אַמעריקע אין יענער צייט. יוסף אָפּאַטאָשו זאָגט: „פיל קוקן מיט פאַרצווייפלונג אויף דער צוקונפט פון יידיש און יידישער קולטור און ליטעראַטור אין אַמעריקע. איך האָב עס דאָ געהערט נישט איין מאָל, און איך ווייס נישט, מיט וואָס ס'איז באַ־גרינדעט אָט די פאַרצווייפלונג. די פּערספּעקטיוון פון יידיש (אין אַמע־ריקע) זענען גלענצנדיקע. די לאָגיק איז דאָ גאָרנישט ווערט. פאַקטן רעדן מער. די צאָל יידישע שולן איז אין אַמעריקע פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי אין פּוילן, למשל, הגם די באַוועגונג פאַר יידישע שולן ביי אונדז ציילט אינגאַנצן עטלעכע יאָר. ס'איז אָבער פאַראַן אַ באַוועגונג און ס'איז וויכ־טיק און אינטערעסאַנט: די עלטערן אליין האַלטן אויס מיט אייגענע כוחות די יידישע שולן אויף יידיש. מיך פּערזענלעך צווינגט צו גרינדן אין מיין בראָנקס ביי ניו־יאָרק אַ יידישע שול פאַר מיין קינד און כ'בין זיכער, אַז אַזאַ שול וועט געגרינדעט ווערן."

און דער אויספיר פון דעם שמועס, וואָס איז די אויפגאַבע פון דעם יידישן שרייבער צו יענער צייט: „עס איז געקומען די העכסטע צייט צונויפצונעמען די צעזייטע און צעשפּרייטע, אָבער דורכאויס־וואַקסנדיקע יידישע ליטעראַטור און צונויפבינדן זי אין איין מעכטיקן צענטער". דאָס איז געווען די הויפּט־כוונה און דער עיקר־ציל ביי די באַזוכן פון די געסט אין דעם יידישן פּוילן, און דאָס איז געווען אויך דער הויפּט־ציל פון אונזערע ליטעראַרישע פאַרמעסטן און געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען אַרום דער „קולטור־ליגע".

און אָט ווי עס האָט רעאַגירט אויף דעם אַלעמען, אויף די נייע יידישע דיכטער און זייערע געזאַנגען פּרץ הירשביין, וואָס איז דאַן אַראָפּ־געקומען מיט זיין אסתר, און זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ טיפן אינטע־רעס צו אונדז אַלעמען. פאַרגאַפטע זענען זיי אַרומגעגאַנגען, איינגע־זאַפּט אין זיך דעם נייעם כאַאָס, און יום־טובדיקייט געשפּרייט אַרום זיך. זיי האָבן גלייך אויפגעכאַפּט דאָס נייע, צאַפּלדיקע פון די „שטורעם־פייגל" אין דעם אויפגעשטורעמטן יידישן פּוילן פון יענער צייט. די באַ־

בעגענישן און אינטימע שמחהלעך מיט זיי ביידן ליגן נאָך עד־היום אין זכרון ביי די אַלע, וואָס זענען לעבן געבליבן נאָך דעם וועלט־חורבן.

פּרץ הירשביין האָט אויף אונדזער בקשה אָנגעשריבן (פאַר דער „ביכער־וועלט", מאַי 1922) אַן אַרטיקעלע מיטן נאָמען „לייענענדיק אונ־דזערע נייע דיכטער", און אָט וואָס ער שרייבט:

„בין אַהער איבער ווייטע ימען אַריבערגעקומען צו פאַרנעמען דעם בת־קול פון די חורבות אין די גאַסן פון אונדזער לעבן —

רינגלען מיך אַרום געזאַנגען.
גרויסע לידער, דערהויבענע, געלייטערטע.
אונדזער פעלד איז ווידער געבענטשט.
בלעטער איך בלאַט נאָך בלאַט —
רינגלען מיך אַרום אומרואיקע לידער — טאַנצנדיקע לידער —
קינדער פון אונדזער צייט.
אונדזערע לידער.

אַ ניסן־ווינט אַ שאַרפער רייסט זיך צווישן די בלעטער. כוואַליען זיך צווישן די שורות קלאַנגען און אָפּקלאַנגען —

ים און שטורעם גיבן זיך די הענט.
אונדזער פעלד איז ווידער געבענטשט.

באַגינען־רויט און אָוונט־גלוט קומען אָן אַנטקעגן איינער דעם אַנדערן און בלייבן הענגען איבער אונדזער פעלד.

ווייל איך זוכן שפּורן פון חורבן אין אונדזער ליד — ווינקט נאָר צו מיר אַ יונג — דעמביק שטאַרק:

— נישטאָ קיין חורבן אין אונדזער מחנה!

מיר ווערן איצטער ערשט געבוירן:

און ווער קאָן דען דעם יאוש אַ האַנט געבן אפילו בלעטערנדיק יאוש־לידער?

דער יאוש ווערט אין דיכטערס גבורה דערטרונקען.

קלאָגט דער יחיד אויף דעם חורבן פון דעם כלל, לעבט דאָך ווידער דער כלל אין יחידות־ליד פון דעם יחיד.

טאַנצט איינער אַ שווייגנס מיט דער שטילקייט.

טאנצט דער צוווייטער מיטן ווינט, אנהאלטנדיק זיך אָן זיינע גריוועס.

טאנצט מיט וועלטן, טעג און יאָרן, שטאַרבט און ווערט געבוירן.

ווער וועט דען אונדזערע זינגער, אונדזערע טענצער א פוס אונ־טערשטעלן ?

האָבן דאָך שוין שטיינער אויף בײדנס קעפּ געהאָגלט, האָט דען ווער מיט א שילד זייער קאָפּ באשיצט ?

עס איז דאָס לעבן אין זיין קוואַל נאָך טיפער פארבאָרגן. פון דעם אייגענעם קוואַל טרינקען מיר דאָך אַלע איצטער.

וואָרום פון וואַנעט דען האָט איינער כוח צו טראָגן אויפן פּלייצע זוימען און זייען זיי ביי ווילד־פרעמדע פענצטער, ביי ווילד־פרעמדע היימען ?

און ווען אפילו מעפיסטאָ האָט אויסגענאָגט דעם תמצית פון א יעדן פרויען־כישוף און פון גאָר דער ליבשאַפט — איז דאָך אַלץ געבליבן דער וווּנדער צו באוווּנדערן מאָרגנרויט און פאַרנאַכטגעגאָלד !

און צי קאָן גאָר מעפיסטאָ דעם וועג פארשטעלן די קינדער פון אונדזער צייט, וואָס זינגען אין אונדזער פעלד. טאַנצן אין אונדזער פעלד?

בלאָנדזשע איך אום צווישן גאַליציע, אוקראַינע און דער אומע־טיקע ליטע,

פלעכטן זיך אַרום מיר לידער און זייערע לויטערע זינגער.
אונדזערע זינגער !
אונדזער פעלד איז ווידער געבענטשט".

דאָס ארטיקעלע איז א לויב־געזאַנג, א הימן דער נייער יידישער דיכטונג, — און מיט גאַנץ קלאָרע אָנדייטונגען און ציטאַטן און די נע־מען פון די לידער־ביכער פון פרץ מארקיש און אורי צבי גרינבערג, דאָס אַרטיקעלע איז אָנגעשריבן, אָדער אויסגעדיכטעט אונטער דעם דירעקטן איינפלוס פון די יונגע יידישע דיכטער, וואָס פרץ הירשביין, דער טיף־פילנדיקער און וואַכער קינסטלער, האָט ביי זיין קומען קיין פוילן אויפ־גענומען אין זיך. עס איז אָנגעשריבן אין חודש תמוז תרפ״ב, — ווי עס איז דאַטירט, — דאָס מיינט אין חודש מאַי 1922.

און די אַלע דיכטער, פּראָזאאיקער, די ערשט־געקומענע צו פאַרבלייבן

תושבים אין פוילן, ווי אויך די געסט און מיט דער באטייליקונג פון די נאָענטע קינסטלער אין יידישן פוילן, פארליינגן אייגענע צעלטן, אייגענע באשיידענע טריבונעס, אָבער מיט פארמעסט אויף באנייאונג און אויף דורכשלאָגן אייגענע וועגן אין דעם קולטור־לעבן.

אין דעם זעלבן נומער „ביכער־וועלט" פון חודש מאי 1922, אויף איין זייט זענען אנאָנסירט דריי נייע פעריאָדישע אויסגאבעס אין ווארשע: דאָס ערשטע זאמלהעפט „כאַליאַסטרע" (לייטונג פּרץ מארקיש, י. י. זינגער), „אלבאטראָס" (זשורנאַל פאר דעם נייעם דיכטער־און קינסטלער־אויסדרוק, רעדאקטאָר אורי צבי גרינבערג), „די וואָג" — קולטור, ליטעראַטור, לעבן, חודש־זשורנאַל, רעדאקטירט פון מלך ראַוויטש. עס איז כדאי צו באמערקן, אז אין די אַלע דריי באזונדערע אויסגאַבעס באטייליקן זיך כמעט די זעלבע גרופּע שרייבער. מיר האָבן דאָ י. אַפּאַטאָשו, משה בראָדערזאָן, פּ. הירשביין, א. צ. גרינבערג, פּרץ מארקיש, י. י. זינגער, נחמן מייזיל, א קאַציזנע, אסתר שומיאַטשער, מלך ראַוויטש א. אַ., ווי אויך א צאָל יידישע שרייבער און דיכטער פון סאָוויעטנפארבאנד. און וואָס עס איז באזונדערס ווערט צו באצייכענען, — אין די אַלע אויסגאבעס זענען באטייליקט אויך די יונגע קינסטלער־מאָלער, מיט צייכענונגען, מיט געמאָלטע הילעס, מיט בילדער, — ווי וו. ווײַנטרויב, י. ברוינער, יוסף טשייקאָוו, מארק שאַגאַל, ה. בערלעווי, א. אַ.

די דערמאָנטע יונגע גרופּע שרייבער, די יונגע דיכטער האָבן גלייך מצרף געווען צו זייער מנין די קרעפּטיקע, אָריגינעלע און פּיל־צוזאָגנדיקע דיכטער: משה קולבאַק, וואָס האָט מיט זיינע זאַפטיקע און קערנדיקע מאָטיוון און בילדער, מיט זיין יאָדערדיקער שפּראַך און סטיל אַרויסגערופן אַלגעמיינע באגייסטערונג, און דעם דיכטער ישראל שטערן, וואָס האָט אין זיך געטראָגן טיף־אָריגינעלע עמקות, ווייטיקדיקע גלויביקייט און א מערקווירדיקן נאָך נישט איינגאַנצן פארטיקן סינטעז פון יידישער עטיק און אוניווערסאַלע געפילן. מיר האָבן טאַקע אין דערזעלבער צייט אַרויסגעגעבן משה קולבאַקס א בוך „נייע לידער" און אַלץ אַרויסגעקוקט אויף ישראל שטערן, ווען ער וועט שוין קאָנען צונויפזאַמלען א באנד לידער און פּאָעמעס.

אין משך פון א קורצער צייט — אין וואָסערע 12־15 חדשים —

זענען מיר געוואָרן א כוח — א קולטור־געזעלשאַפטלעכער און קינסט־לעריש־שאַפערישער פאַקטאָר אין דעם יידישן פּוילן.

איידער מיר פאַרענדיקן דעם דאָזיקן קאַפּיטל, וואָס נעמט אַרום דעם פרילינג און דעם זומער 1922, ווילט זיך נאָך אָפּשטעלן אויף איי־נער א פּאַסירונג, וואָס גייט אמת אַרויס פון די ראַמען פון קולטור און ליטעראַטור, אָבער וואָס כאַראַקטעריזירט זייער גוט דאָס פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע לעבן פון פּוילן בכלל, און ווייזט אין וואָס פאַר א ווילקיר־פּאָליציייאישע באַדינגונגען מען האָט געלעבט אין דער הויפּט־שטאָט פונעם „פרייען" פּוילן.

דער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין האָט צוגעגרייט אויף טיטוציעס, מען האָט איבערגעגעבן די אָרגאַניזירונג און אויסשטאַטונג און זיין פרוי. עס זענען פאַרבעטן געוואָרן א צוויי הונדערט חשובע געסט פון די אָנגעזעענסטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינס־טיטוציעס, מען האָט איבערגעגעבן די אָרגאַניזירונג און אויסשטאַטונג פונעם באַנקעט געניטע סאַרווערס, און עס האָט באַדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין א גרויסן יידיש־קינסטלערישן יום־טוב. דער באַנקעט מיט דעם פיינעם אָוונט־ברויט איז באַשטימט געווען אויף אַזייגער 8 אָוונט. איידער מען האָט געדאַרפט גיין צו דער פייערונג, האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט עטלעכע מענטשן אין דער דירה פון אונדזער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" אויף לעשנא 52. מיר זיצן אַזוי אַרום אַזייגער 6 אין צימער, די אַרבעט איז שוין פאַרענדיקט, און מען פאַרברענגט פריינדלעך און לעבעדיק. עס זענען געווען יוסף אָפּאַטאָשו, איך, עזרא קאָרמאַן, יעקב אַראָנסאָן, וויג־דאָר מענדעלסאָן (דער ברודער פון שלמה מענדעלסאָן, א פריינד און א צושטעלער פון פּאַפּיר) און נאָך איניקע פון אונדזערע מיטאַרבעטער אין דעם ביכער־לאַגער.

פּלוצים רייסט זיך אויף די טיר, און עס קומען אַריין פאַרשוינען, וואָס שטעלן זיך פאָר פאַר געהיים־פּאָליציי (דעפענסיווע־אַגענטן), ביי דער באַגלייטונג פון דעם הויז־וועכטער (סטרוזש) און א פּאָר פּאָליציאַנטן. און ווי דערזען אונדז, האָט דער עלטסטער מיט א פריידיקן און צופריי־דענעם א־הא אויסגערופן: „געפּאַקט?!" און ער הייסט אונדז פאַרבלייבן אויף די ערטער, נישט רירן זיך פון די פּלעצער. מיר נעמען דערקלערן, אַז עס איז די רעדאַקציע און דער ביכער־לאַגער פון דער „קולטור־ליגע",

א לענגלער פארלאג מיט אן אפגעצאלט בלעטל אויף דער וואנט, אבער עס העלפט נישט. דער עלטסטער, א מאן א הויכער מיט א שטרענגן פנים און מיט שטעכעדיקע וואנצעס, גייט צו האסטיק צום טעלעפאן, רופט ארויס א נומער, און „דאקלאדעוועט" אויף אן אונטערטעניקסטן אופן, אז יא, ער האט געפאקט א געהיימע פארזאמלונג, פארדעכטיקטע פאר־שוינען, און אפווארטנדיק אויף אן ענטפער, רופט ער אויס: „ראסקאז!" „סלוכאם!" „ראסקאז!" (באפעל, גרייט צו הערן!). און אוועקלייגנדיק דאס טרייבל, הייסט ער אונדז אלעמען גיין מיט אים... מיר פרווון זיך ווערן, מיר פארלאנגען א פאפיר־דערלויבעניש אויף דעם ארעסט, אבער עס העלפט נישט. יוסף אפאטאשו ווייזט זיין אמעריקאנער פאס, ער איז אן אמעריקאנער בירגער, אבער עס זענען ארויסגעווארפענע רייד. און מיט א נאך העכערן באפעלערישן קול: — „אן טענות! געגאנגען! דארטן וועט מען זיך פונאנדערקלייבן ! "

און נישט ווילנדיק האבן מיר געמוזט אלע זיך צונויפנעמען, און צוויי אין דער ריי, און פון פארנט און אינמיטן און פון הינטן באוואכט מיט פאליציי, האבן מיר זיך געלאזט גיין אין דער לענג פון לעשנא, און דערנאך אויף טלאמאצקע, און מעשה־שטן, זענען מיר פארביי דורך דעם טויער פון דעם ליטעראטן־פאראיין, ווו אין דער צייט האט מען שוין גע־האט פארענדיקט גרייטן די לאנגע טישן, פונאנדערגעשטעלט טעלער, גאפל, לעפל און מעסערס און מיט פרעכטיקע בלומען אויף די טישן. און ווייבאלד אז מען פירט ארעסטירטע אין א זומער־פארנאכט איבער די רוישיקע גאסן, האט אן עולם אונדז אויך מלווה געווען, נישט פאר־שטאנען וואס ס'איז געשען. די פאליציי האט אפגעטריבן די נייגעריקע. ביים טויער פון ליטעראטן־פאראיין האבן מיר אנגעטראפן עטלעכע קא־לעגן, חברים־פריינד. עס געדענקט זיך דאס פארחידושטע, דערשטוינטע פנים פון מ. פלאקסער, ווען ער האט אונדז דערזען.

אבער דערקלערן וואס עס איז געשען — קאנען מיר נישט. די פאליציי דערלויבט נישט. האט מען די גאנצע גרופע „געפערלעכע פאר־ברעכער" ארייגעפירט אין דעם ארעסט־הויז אויף ביעלאנסקע אין הויף, און דארטן אונדז ארייגעזעצט אין דער טונקל, צו עטלעכע אין א צימער. דערווייל האט זיך געגלוסט עסן, מיר אלע האבן זיך געגרייט אויף א גר־

מער, זאטער „וועטשערע" אויפן באנקעט, האבן מיר גארנישט געגעסן נאכן מיטאג. אבער עס העלפט נישט! זיצן מיר אזוי, שמועסן זיך דורך און ווארטן וואס דערפון וועט ארויס. ביי אייניקע פון די ארעסטירטע זענען די „פאפירן" נישט גאר אין ארדענונג, כאפן זיי א ציטער און טראכטן אלץ, וואס פאר א דערקלערונגען זיי זאלן געבן ביי דער אויס־פארשונג. מיר זענען צופרידן, וואס מיט אונדז זיצט אויך אן אמתער אמעריקאנער, מיט אן אמעריקאנער פאס און מיט די אלע נויטיקע פוי־לישע וויזעס. און כדי צו פארוויילן זיך, דערציילט מען גלייכווערטלעך און מען באשליסט ביי זיך אויף ווייטער צו האבן שטענדיק ביי זיך א פעקל עסנווארג, דאס הארץ זאל נישט קלעמען, ווען מען וועט אזוי־א פלוצים ארעסטירן. י. אפאטאשו איז באזונדערס אויפגעבראכט, פונקט פאר דעם פייערלעכן באנקעט, זאל אזוינס טרעפן. עס ציען זיך די מינוטן און עס שלעפט זיך אזוי א שעה און נאך א שעה. ביז ענדלעך מען עפנט די טיר און מען רופט אויס: „ווער איז דא אפאטאשו?" מען רופט אים אוועק. הייסט עס, אז עמעץ טוט שוין פאר די ארעסטירטע. ווערט אונדז נאך אומעטיקער. דער „מיוחס", דער פרעמדער בירגער, איז באפרייט, און מיר וועלן נאך פארבלייבן דא זיצן. מיט א צוויי שעה שפעטער — ווידער אן עפן אויף די טיר, און מען רופט שוין מיין נאמען . . .

איך האב אין דער באגלייטונג פון א חבר, וואס האט געווארט ביים ארויסגאנג, גלייך זיך געלאזט צום ליטעראטן־פאראיין. עס איז שוין געווען ארום 11, — שוין נאכן עסן, און מען האלט שוין די דערהויבענע רעדעס. מען האט מיך פייערלעך אויפגענומען, מיט אפלאדיסמענטן, ווי ווער ווייסט וואס פאר א „העלד" און אוועקגעזעצט אויבנאן ארום גאסט, דעם קאלעגע י. אפאטאשו, און „דעם חבר פון אומגליק". מען האט מיך מכבד געווען מיט א ווארט. איך האב עפעס גערעדט, וואס געדענק איך נישט. מסתמא וועגן דער עצם פאסירונג און דערמאנט די איבעריקע, וואס שמאכטן נאך אין ארעסט־הויז.

אט אזוי איז דער פייערלעכער אפאטאשו־באנקעט ארויסגעקומען א מאדנער, אן אויסטערלישער, באגלייט מיט פארדרוס און צארן פאר דער הפקרות, וואס עס האט געהערשט אין פוילן און באזונדערס בנוגע צו יידן, וואס פאר זיי איז לית דין ולית דיין... אגב, די אלע איבעריקע

ארעסטירטע האָט מען באַפּרייט ערשט אין עטלעכע טעג אַרום, און אַ לענגערע צייט זענען געווען ביי יעדן פון אונדז נאָכווייען, אויספאָרשונ־ גען, נאָכפאָרעגעניש, אונטערזוכונגען א. א. וו. מען איז קוים פּטור גע־ וואָרן פון דעם אַלעם ! . . .

7

אַמפּערנישן און טעטיקייטן

און דערווייל, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר זענען אַוועק מיט אונדזער פּאַרלאַגס־טעטיקייט גאָר־ווייט און האָבן באַוויזן צוציען צו אונדזערע טעטיקייטן אַן אַלץ־ברייטערן קרייז פון שרייבער און קינסט־ לער פון פאַרשידענע געביטן און צווייגן און אויך פון אַנדערע לענדער — דערווייל איז די אָרגאַניזאַציע גופא פון דער „קולטור־ליגע" געשטאַ־ נען אַלץ אויף איין אָרט. דער אָפּגעהאַלטענער שול־צוזאַמענפאָר, ווי אַ גרויסער און וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער אויטאָריטעט, האָט טאַקע גוט־ געהייסן אונדזער אַרבעט, געבענטשט אונדזערע צילן און אויפגאַבן, אָבער צוליב די אַלץ־פאַרשאַרפטע פּאַרטיי־שטרייטן האָט מען נישט געקאָנט רירן דעם וואָגן פאָראויס.

און נאָך ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען, אינטערווענצן און אומ־ צאָליקע דינגעניש, האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז מיר וועלן ווייט נישט אַוועק אויף אַט דעם וועג, און מיר האָבן באַשלאָסן פונדאַסניי, איבער די קעפּ פון די בונדישע פירער, צוטרעטן צו רעאַלע מעשים און אָרגאַ־ ניזאַציאָנעל אויפבויען די „קולטור־ליגע" אויף ברייטע און פעסטע גע־ זעלשאַפטלעכע יסודות. מיר האָבן איינגעזען, אַז פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ), וועמען עס איז איבערגעגעבן גע־ וואָרן צו שאַפן די „קולטור־ליגע", וועט גאָרנישט אַרויס, ווייל מען האָט דאָרטן אינעווייניק פּשוט סאַבאָטירט דעם גאַנצן ענין.

האָבן מיר, נאָך לאַנגע ישוב־הדעת'ן, באַשלאָסן צו גרינדן, אין אַ נאָווינע, אַ נייע קערפּערשאַפט, וואָס האָט געטראָגן אַ שפּאָגל־נייעם נאָ־

מען „איניציאַטיוו־גרופּע: קולטור־ליגע". אָט די „איניציאַטיוו־גרופּע" האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן, — „קולטור" — חודש־זשורנאַל, ארויסגעגעבן דורך דער איניציאַטיוו־גרופּע קולטור־ליגע, וואַרשע. דער ערשטער נומער איז ארוים נאָוועמבער 1922, דער צווייטער — דעצעמבער 1922. יעדער נומער האַלט 64 זייטן פון גרויסן פאָרמאַט, און האָט פאַרמאָגט פאַרשידנאַרטיקן אינטערעסאַנטן שטאָף, — אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, נאָטיצן, באַריכטן, פּראָיעקטן און פאָרשלאָגן, ווי אויך פּאָלעמישע נאָטיצן מיט די קעגנער און דערצו — כראָניק וועגן קולטור־טעטיקייטן ארום דער „קולטור־ליגע" און איבער דער יידישער קולטור־וועלט.

אונדז גייט איצט נישט אין איבערגעבן אויספירלעך וועגן דעם זשורנאַל גופא, פאַר אונדז זענען וויכטיק, צוליב דער געשיכטע פון די פאַרהעלטענישן וואָס האָבן געהערשט אין יענער צייט צווישן די „צדדים" און כדי צו באַלייכטן דעם גאַנג פון דער אינטערעסאַנטער און וויכטיקער קולטור־באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין אַזוי פיל שטערונגען אויף דעם וועג פון איר רעאַליזירונג.

אינעם ערשטן נומער „קולטור" איז פאַרעפנטלעכט אַ לענגערער קאָמוניקאַט פון דער „איניציאַטיוו־גרופּע", וואָס גיט אונדז אַ באַגריף פון דעם קאַמף, פון די הינטער־קוליסן־שטערונגען, וואָס די נייע איניציאַטיוו־גרופּע האָט געהאַט אויסצושטיין און פון די אויפגאַבן, וואָס זי האָט זיך געשטעלט. „פּאַריקע וואָך — ווערט געזאָגט — האָט זיך אין וואַרשע געבילדעט אַן „איניציאַטיוו־גרופּע" צו אָרגאַניזירן אין פּוילן אַ יידישע „קולטור־ליגע". אין משך פון די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר האָט מען אין וואַרשע אַ סך געטראַכט, זיך באַמיט און געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן גרינדן אַ „קולטור־ליגע". עס איז שוין געווען אַ „ציטווייליקער קאָמיטעט", אַן „אָרגאַניזיר־גרופּע" און אַן „אָרגאַניזיר־קאָמיסיע". אָבער דערפון איז גאָרנישט ארויסגעקומען: קיין „קולטור־ליגע" איז נאָך אין פּוילן נישטאָ, הגם איר נויטווענדיקייט פילט זיך דרינגענדיק אויף אַלע געביטן פון אונדזער קולטור־אַרבעט".

„די סיבה איז — ווערט ווייטער געזאָגט — דער שטרייט צווישן די ריכטונגען וועגן דעם וועג, ווי אַזוי די „קולטור־ליגע" זאָל אָרגאַניזירט ווערן".

און עס גייט אָן אויספירלעכע אויפקלערונג פון די חילוקי־דעות: „לויט איין ריכטונג קאָנען אין דער „קולטור־ליגע" אריינגענומען ווערן נאָר מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און געגרינדעט דאַרף זי ווערן אויפן וועג פון צונויפריידעניש צווישן די מאַסן־פּאַרטייען". „לויט דער צווייטער ריכטונג — דאַרפן די יידישע מאַסן זיין אָרגאַניזירט אַרום זייער קולטור־שאַפן און קולטור־געביטן פּונקט אַזוי זעלבשטענדיק, ווי זיי זענען אָרגאַניזירט אַרום זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, אָדער קאָנסום־אינטערעסן. די קולטור־אָרגאַניזאַציע פון די יידישע מאַסן דאַרף זיך געפינען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיוון און ד. גל., זי דאַרף אָבער זיין אויטאָנאָם, טאָר נישט ווערן בלויז אַ צוגאָב, אַ מין קאָמיסיע, נישט ביי די פּראָפ. פאַראיינען און נישט ביי די פּאַרטייען. דעריבער מוז די „קולטור־ליגע" פון אָנהויב אָן אָרגאַניזירט ווערן אויפן ריין־פּערסאָנעלן פּרינציפּ. און אין איר דאַרפן אריינגענומען ווערן אַלע, וואָס שטייען אויפן באָדן פון דער מאָדערנער יידישער מאַסן־קולטור, אַלץ איינס צו וועלכער פּאַרטיי זיי זאָלן נישט געהערן, אויך אַפילו ווען זיי שטייען אויסער יעדער פּאַרטיי".

און ווייטער באַטאָנט דער קאָמוניקאַט דעם שאַרפן אונטערשייד צווישן דער ערשטער און צווייטער ריכטונג: „די קולטור־ליגע — האָט געהאַלטן די צווייטע ריכטונג, דאָס מיינט די קולטור־ליגיסטן — דאַרף זיין אַ קאָנצענטראַציע פון אונזערע קולטור־כוחות, און דער פּאַרטיי־פּרינציפּ טראָגט לכתחילה אריין אַ שפּאַלטונג, ער שליסט אין אַ גרויסער מאָס אויס פון אַקטיווער אַרבעט און אָנפירונג אומפּאַרטייאישע קולטור־טוער. די צאָל טוער פון יעדער פּאַרטיי, וואָס ווערן צוגעלאָזן צו אַרבעט און אָנפירונג, איז נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל קולטור־כוחות, וואָס די פּאַרטיי־פאַרמאָגט, נאָר צו איר אַלגעמיינער פּאָליטישער וואָג, און די פּאַרטייען טראָגן, נישט ווילנדיק, אַריבער אין דער קולטור־אָרגאַניזאַציע זייערע אַלגעמיינע פּאָליטישע שטרייטיקייטן, וואָס האָבן צו דער „קולטור־ליגע" קיין שום שייכות נישט..."

און עס ווערט ווייטער איבערגעגעבן, אַז „די אָנהענגער פון פּערסאָנעלן פּרינציפּ זענען אין דער לעצטער צייט געגאַנגען אויף אַלע קאָמפּראָמיסן; זיי האָבן אַפילו מסכים געווען איינגאַנצן צו פאַרבויגן זייער פּרינציפּ און צו בויען די „קולטור־ליגע" אויפן יסוד פון זייערע קעג־

נער, „אבי עס זאל עפעס געטון ווערן”. אבער „די לאנגע פראקטיק האט באוויזן, אז די אלע פשרות און הנחות האבן צו קיין רעזולטאטן נישט געבראכט, אז אויפן פרינציפ פון אינטערפארטייאישע צונויפרײדעניש קאן מען קיין „קולטור־ליגע” נישט בויען. העכער א יאר איז אוועק אין אונטערהאנדלונגען, ביז עס האט זיך ווי עס איז איינגעגעבן צונויפשטעלן אן ארגאניזיר־קאמיסיע, וואס איז געווען דורכאויס אן אינטערפארטייאישע. העכער 4 חדשים האט די ארגאניזיר־קאמיסיע עקזיסטירט און האט גארנישט אויפגעטון, אפילו גארנישט אנגעהויבן צו טון. זי האט נישט געשאפן קיין אפאראט, נישט ווערבירט קיין מיטגלידער, נישט געעפנט קיין איינציקע אפטיילונג, נישט געגרינדעט קיין איינציקן אנשטאלט. נאך מער — אין א משך פון 4 חדשים האט זי אפילו קיין איין פלענארע זיצונג נישט געהאט, און די שולד פאלט נישט אויף פערזאנען אדער גרופעס, שולדיק איז דער פאלשער פרינציפ, אויף וועלכן מען קאן קיין זאך נישט בויען”.

„דאס אלץ — ווערט דערקלערט — האט געצוואונגען די אנהענגער פון פערסאנאלן פרינציפ, וועלכע האבן זיך געפונען אין דער אינטערפארטייאישער ארגאניזיר־קאמיסיע, זיי זאלן פון דארטן ארויסטרעטן, און צוזאמען מיט א פאר צענדליק חברים, טוער אויף אלע געביטן פון דער מאדערנער יידישער קולטור, וואס שטייען אויפן זעלבן פרינציפ, גרינדן א נייע איניציאטיוו־גרופע”.

דער קאמוניקאט איז געווען געחתמעט, אין נאמען פון ארגאניזיר־קאמיטעט, פארזיצער — ד״ר מ. זילבערפארב, סעקרעטאר — ח. ש. קאזדאן.

אין דער איניציאטיוו־גרופע זענען אריין צווישן אנדערע (לויט דער רשימה אינעם ערשטן נומער „קולטור”): י. אפאטאשו, פרץ הירשביין, י. י. זינגער, ב. רובשטיין, ד״ר יוסף קרוק. מלך ראוויטש, מענדל עלקין, הענעך איש, נחמן מייזיל, א. גאלאמב, ד״ר י. רובין, ראזע סימכאוויטש, מ. שור, מ. פרוינד, יצחק גיטערמאן, י. ווערניק, זלמן מייזנער, מ. שניאור, מ. קארעצקי, משה רודינאוו א. א. די אויספיר־ביורא איז באשטאנען פון: ד״ר משה זילבערפארב, א. ליטוואק, ח. ש. קאזדאן, ד״ר י. שיפער, שלמה מענדעלסאן, מ. מענדעלסבערג, ז. מלמד.

יעדער נאמען, וואס איז דא אויסגערעכנט, רעדט גאנץ־קלאר וועגן

דעם כאַראַקטער און ריכטונג פון דער „קולטור־ליגע". ס'וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט צו געבן כאַראַקטעריסטיקעס פון יעדן איינעם פון די באַטייליקטע, אויסער די עטלעכע באַוווּסטע נעמען.

עס איז אין דעם קאָמוניקאַט, ווי אויך אין די באַריכטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין נומער, אויסגערעכנט אַ גרויס צעטל פון פאַרשידענע טעטיקייטן, וואָס זענען אָנגעמערקט געוואָרן, און עס זענען שוין אויך דאָ באַריכטן פון אונטערנעמונגען און פאַרזאַמלונגען, וואָס די „איניציאַטיוו־גרופּע" האָט שוין אַראַנזשירט אין ווארשע און אין אַנדערע שטעט. עס זענען שוין אָרגאַניזירט געוואָרן עטלעכע סעקציעס, ווי פאָלקס־אוניווערזיטעט־סעקציע, אַ מוזיק־סעקציע, אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע, עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער פאַר קאַמער־אָוונטן, פאַר עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, פאַר קולטור־אָוונטן, פאַר אינטימע ליטעראַרישע שמועסן א. אַ. וו. עס איז אָוועק אַ פיבערדיקע אַרבעט, עס זענען אָנגעקניפּט געוואָרן פאַרבינדונגען און באַציאונגען מיט ניו־יאָרק, מיט אַרגענטינע, מיט ליטע, ווו עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו שאַפן דאָרטן „קולטור־ליגע"־אָרגאַניזאַציעס.

אינעם ערשטן נומער „קולטור" האָבן מיר געהאַט פאָלגנדיקע אַרטיקלען: „וואָס ווילן מיר?" — אַ לייטאַרטיקל, וווּ מיר האָבן אויסגערעכנט אונדזערע אויפגאַבן און קאָנקרעט אָנגעצייכנט די נאָענטע טעטיקייטן. דערנאָך קומען: „פּראָלעטאַרישע קולטור" — א. ליטוואַק; „ספקות פון אַ פאַרשול־טוער — ראָזע סימכאָוויטש; דער פאָלקס־לערער און די קולטור־בויאונג — ח. ש. קאַזדאַן; אויף פּערסאָנאַלע אָדער פּאַרטייאישע יסודות — ד"ר מ. זילבערפאַרב; אונדזער קולטור־אַטמאָספער — ש. מענדעלסאָן; זעלבסבילדונג — ח. זעלדעס; אונדזער טעאַטער — מ. עלקין; נאַכאַמאָל קולטור און פּאַרטיי — ח. קאַזדאַן; וועגן אַ יידישער הויך־שול — א. גאָלאָמב; אַ ניי בוך וועגן טעאַטער — נ.מייזיל; מוזיק־סעקציע ביי דער קולטור־ליגע — מ. קאַרעצקי; פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן בוך — ב. רובשטיין; וועגן אַ קולטור־אויפגאַבע — ע. קאַרמאַן; דערנאָך קומען נאָטיצן, באַריכטן, קולטור־כראָניק, אַן אָפּטיילונג „וואָס מען שרייבט" א. אַ. וו.

אינעם צווייטן דעצעמבער־נומער זענען אויסער די פריערדיקע צוגעקומען פאָלגנדיקע שרייבער: ס. דובנאָוו־ערליך; לעאָ קעניג, ח. ראַ־

פאלאוויטש (פון ליטע), און א קולטור־כראניק און פאלעמישע נאטיצ:. עס קומען אויך קוויטירונגען פון אריינגעפלאסענע סומעס, די נעמען פון די מנדבים לטובת דער „קולטור־ליגע". עס איז אויפגעזאמלט א סומע פון איבער צוויי מיליאן מארק. וואס עס האט באטייט אט די גרויסע סומע פון גאנצע זיבן ציפערן, קאן מען זיך פארשטעלן, ווען מען נעמט אין אכט, אז א נומער „קולטור" האט געקאסט אין פארקויף 900 מארק, און דער צווייטער נומער — 1.600 מארק.

ס'וואלט כדאי געווען אויסצורעכענען די פולע רשימה פון די ביישטייערער כדי צו ווייזן, אויף וועמענס פלייצעס דער נייער גלגול פון דער „קולטור־ליגע" האט זיך געהאלטן אין דער ערשטער צייט. עס זענען דא חודשלעכע ביישטייערונגען, ווי אויך איינמאליקע. צווישן די ביישטייערער און מיט־גלידער האבן מיר א גרויסע צאל יידישע שרייבער און זשורנאליסטן, צווישן אנדערע — ה. ד. נאמבערג, ד"ר י. שיפער, זלמן רייזען, ראובן יוקעלסאן, ב. זינגער, ז. סעגאלאוויטש, ש. ראזענפעלד, אברהם זאק, ה. ל. זשיטניצקי, אברהם גאלדבערג, ב. מיכאלעוויטש, יהושע פערלע, בערל לאקער, יוסף טונקעל, י. אפאטאשו, י. יאשונסקי, פרץ מארקיש, מלך ראַ־וויטש, הערשעלע, פלאקסער און נאך און נאך. עס זענען אויך דא די יידישע קינסטלער, מוזיקער, לערער, פאליטישע און געזעלשאפטלעכע טוער פון פארשידענע לאגערן. עס האבן אויך אריינגעטראגן זייער האָ־נאראר פאר זייערע ארבעטן אין דער „קולטור" נ. מייזיל, ח. ש. קאזדאן, מ. זילבערפארב, ע. קארמאן א. א. די רשימות ווייזן, מיט וואס פאר אן איבערגעגעבנקייט און טרייקייט מען איז צוגעטראטן צו בויען די קול־טור־ליגע אין איר נייער איבערוואנדלונג.

עס ווילט זיך, בתכלית־הקיצור, איבערגעבן די גייסטיקע יסודות, דעם איינשטעל פון די טוער ארום דער קולטור־ליגע. זיי זענען אנגע־צייכנט אין דעם לייט־ארטיקל „וואס ווילן מיר?", וואס איז פארעפנט־לעכט אין אנהויב פונעם ערשטן נומער. עס איז דאס פראגראם, די ריכט־ליניע, און עס דארף זיין אינטערעסאנט אויך פאר איצט, איבער 25 יאר, ווי דאס פראגראם איז אויסגעארבעט געווארן. מען קאן נאך איצ'ט פון אים פיל לערנען און אפלערנען.

לאמיר טאקע ארויסבאפן איניקע אפזאצן, ווי זיי זענען דאן קאָ־לעקטיוו אויסגעארבעט געווארן דורך אונדז, די גרופע שרייבער און טוער.

זיי קאָנען אויך איצט דינען פאַר אַ וועגווייזער. ראשית ווערט אָנגעוויזן, אַז „דער קאָלעקטיווער געדאַנק פון די יידישע מאַסן איז פאַרנומען מיט פּאָליטישע פראַגן, מיט פראַגן פון אונדזער עקאָנאָמיק. אונדזערע קולטור־פּראָבלעמען זענען פאַרלאָזט, פאַרוואָרפן אין אַ ווינקל". ווייטער ווערט אָנגעוויזן, אַז „אַ מאַסע, וואָס שטייט אויף אַ נידעריקער מדרגה פון קול־טור, קאָן נישט דערגרייכן קיין פעסטע פּאָזיציעס אויך אויף אַנדערע געביטן".

עס ווערט דערנאָך באַטאָנט, אַז „יעדער קולטור־טוער ווייטיקט איבער זיי, די קולטור־פּראָבלעמען, אַליין פאַר זיך, ווי אַ ראָבינזאָן קרוזאָ. יעדע שטאָט, אָפט אפילו יעדער אַנשטאַלט איז אַן איינזאַם וועלטל. קיי־נער זאַמלט נישט די דערפאַרונג פון אונדזער גאַנצער קולטור־אַרבעט, קיינער אָרגאַניזירט נישט די דאָזיקע דערפאַרונג, ציט נישט פון איר די נויטיקע פּועל־יוצאס".

באַזונדערס ווערט אונטערגעשטראָכן אין דעם לייט־אַרטיקל דער באַטייט פון דער קאָנצענטרירונג און פאַראייניקטהייטלעכונג פון דער קול־טור־אַרבעט. מען מיינט עס נישט „בלויז אין די ראַמען פון איין לאַנד, נאָר אין אַ סך אַ גרעסערן מאָסשטאַב. פּאָליטיש לעבן די יידישע מאַסן אין פּוילן און אין רומעניע, אין ליטע און אין אוקראַינע, אין ווייסרוס־לאַנד און אין לעטלאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע, אין אַרגענטינע און אין דרום־אַפריקע אין באַזונדערע ספּעציפישע באַ־דינגונגען. די קולטור־אַטמאָספערע און די באַדינגונגען אָבער פון קולטור־אַרבעט זענען אין די אַלע לענדער אַ סך נענטער איינע צו די אַנדערע. אַ סך אַרבעט, וואָס ווערט געטון אין פּוילן, קומט צו נוץ דער יידישער מאַסן־קולטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און פאַרקערט: עס זענען פאַ־ראַן אויך אַזעלכע קולטור־ווערטן, וואָס קאָנען געשאַפן ווערן נאָר מיט די פאַראייניקטע כוחות פון אָט די אַלע לענדער". עס איז איין ברייטע גרויסע קולטור־אַרענע, וואָס „מוז האָבן איין פעדעראַטיוו־אָרגאַניזירטן קולטור־קאָלעקטיוו". און דער אויספיר: „עס איז צייט אָנצוהויבן שאַפן דעם צווישן־לענדערישן קאָלעקטיוו פאַר דער יידישער מאַסן־קולטור, צו־נרייטן די פאַרבינדונגס־עלעמענטן, פון וועלכע ער וועט אויסוואַקסן".

און אָט די ווערטער, וואָס ווייזן זיך אויס, ווי זיי וואָלטן אין אונ־דזערע איצטיקע טעג, פון 1949, געשריבן געוואָרן: „די מאָדערנע יידישע

מאַסן־קולטור האָט א סך שונאים און קעגנער, וועלכע לויערן אויף יעדן שריט אירן. שונאים פון דעם בורזשואַז־אַסימילאַטאָרישן לאַגער פון איין זייט, פון דעם העברעאיסטיש־ציוניסטיש־קלעריקאַלן לאַגער — פון דער צווייטער זייט, קעגנער, אָפט ברידער־קעגנער פון די עלעמענטן, ביי וועלכע די קולטור־שאַפונג פון די יידישע מאַסן איז נישט קיין גלייכבאַ־רעכטיקטער טייל פון זייער גאַנצער באַוועגונג, נאָר א צוגאָב, א טפל צו דער פּאָליטישער אָדער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, א פּאָזיציע פאַר דער אָדער יענער פּאַרטיי אָדער גרופּע, א זאַך פון „אויסנוצן". שאַפן קולטור הייסט אין דער זעלביקער צייט פירן א קולטור־קאַמף. דער „קול־טור־ליגע" און איר אָרגאַן, די „קולטור", וועט אויסקומען אין איין האַנט האַלטן געצייג פון בויען, אין דער צווייטער — געווער פון קאַמף".

עס זענען פון גרויס באַטייט די פּאָלעמישע אַרטיקלען און נאָטיצן וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין די צוויי נומערן „קולטור", זיי וואַרפן א ליכט אויף די מעטאָדן, אויף די אומפאַראַנטוואָרטלעכע אַרויסטריטן, וואָס מען לאָזט זיך כדי צו באַקעמפן א אידעאישן קעגנער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די קעגנער האָבן כלל נישט געשאַנעוועט די קולטור־ליגע, אירע טוער און צוגעשריבן זיי זאַכן און געדאַנקען, וואָס זענען געווען איר אינגאַנצן פרעמד. דער זייער טאַקטישער און שטענדיק דזשענטלמענישער ד"ר מ. זילבערפאַרב האָט שוין אויך געמוזט פאַרלירן זיין געדולד, און אין זיין אַרטיקל „אויף פּערסאָנאַלע אָדער אויף פּאַרטייאישע יסודות" ענטפערט ער זייער שאַרף ב. מיכאַלעוויטשן, וואָס האָט אין דער „פּאָלקס־צייטונג" אָנגעגריפן די טוער פון דער „קולטור־ליגע". ד"ר מ. זילבער־פאַרב שרייבט מיט פאַרביטערונג, אַז

„די אַלע באַשולדיקונגען אין אָפּאָרטוניזם, אין קליינבירגער־לעכקייט, שיער נישט אין קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס שיטן זיך און וועלן זיך נאָך שיטן אויף אונדזערע קעפּ — לאָזן מיר פאַרביי. איר זאָגט עס אויף אונדז, און אַנדערע זאָגן עס אויף אייך... מיר וועלן אַרבעטן, אויף וויפל אונדזערע כוחות וועלן טראָגן און אונ־דזערע מעשים וועלן באַווייזן אונדזער גערעכטיקייט".

שלמה מענדעלסאָן, אין יענער צייט אַן אומפּאַרטייאישער און א שטאַרקער אָנהענגער און טוער אין דער „קולטור־ליגע", האָט זיך אָפּ־

געשטעלט אויף דער קולטור־אַטמאָספער אין פאַרשידענע קרייזן און גע־ביטן און געמאַכט דעם אויספיר:

„דער סך־הכל — אַ טרויעריקער, קערנדלעך געזונטע, פּעס־טע זענען פאַראַן. אָבער ס'איז נויטיק דער צעמענט, וואָס זאָל פאַר־בינדן אַלץ. די קולטור־אַרבעט דאַרף אַ תיקון. אַלץ מוז צונויפגע־בונדן ווערן אין איין גרויסן אָרגאַניזם, אין איין קולטור־קאָלעק־טיוו. דאָס איז דער ערשטער שטאַפּל צו אויסבעסערונג".

אַט אַזוי האָבן די פירער אין דער „קולטור־ליגע" געהאַמעוועט אויף דעם איין פונקט — צו פאַראייניקן אַלע קולטור־כוחות, אָרגאַניזירן די גרויסע יידישע מאַסע פאַר דער יידישער קולטור.

און אויף וויפל די ענגהאַרציקייט פון די בונדיסטישע טוער האָט געפירט, איז צו זען פון אַ פּאָר שורות אין די „נאַטיצן". עס ווערט גע־שריבן אַט וואָס:

„די „פאָלקסצייטונג" — די צייטונג פון די בונדיסטן — האָט נישט געדרוקט נישט אינגאַנצן און נישט בקיצור דעם קאָמו־ניקאַט פון דער איניציאַטיוו־גרופּע, קעגן וועלכן זי איז אַרויס מיט דריי קנאַקעדיקע אַרטיקלען. מילא... אָבער צי וועט עמעצער גלויבן, אַז די „פאָלקסצייטונג" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אין כראָניק נאָטיצן אפילו וועגן די צוויי קולטור־אָוונטן פון דער איניציאַטיוו־גרופּע?"

עס איז באַזונדערס כדאי צו דערמאָנען, אַז פאַרשידענע יידישע קינסטלער, מוזיקער, פּלאַסטיקער, זינגער, שוישפּילער האָבן אַרויסבאַוויזן אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דער אַרבעט און וווּקס פון דער איני־ציאַטיוו־גרופּע און האָבן מיט אַלע מיטלען אַרויסגעזאָגט און אַרויסגע־וויזן זייער גרייטקייט צוצולייגן אַ האַנט צו די פאַרשידענע טעטיקייטן. דער גרויסער פאָלקס־כאָר פון דעם באַוווּסטן דיריגענט און מוזיקער מ. שניאור, וואָס איז געוועזן טעטיק אין וואַרשע, אָבער אָן דער אויפ־זיכט און שטיצע פון אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, איז אַריבער־געגאַנגען צו דער קולטור־ליגע און גענומען זיך גרייטן צו עפנטלעכע אַרויסטריטן. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן ספּעציעלע קאַמער־מוזיק־

אָוונטן מיט ספּעציעלע ארײַנפיר־ווערטער וועגן יידישער און מאָדערנער מוזיק. א גאָר באַזונדערן צושטייער האָבן דאַן צוגעטראָגן די פּרעכטיקע זינגערס, משה רודינאָוו און זײַן פרוי רות לעוויאַש, וואָס האָבן געגעבן, נאָך א לענגערער שטודירונג, משה מילנערס פאַרשידענע מוזיקאַלישע שאַפונגען, ווי די באַרימטע פּרץ־סויאַטע, מוזיק געשריבן אויף פּרצעס צען קינדער־לידער, ווי אויך מילנערס מוזיק אויף ח. נ. ביאַליקס „אל הציפור", אויף קרילאָווס משל (אין מ. ריוועסמאַנס איבערזעצונג) „דער אייזל און דער סאָלאָווײ", מ. מילנערס פאָלקס־ליד „איבער די הויפן" און באַזונדערס „אין חדר", און אויך דאָס קאַפּיטל תהלים „עד אנה ה'" עס האָט אַקאָמפּאַנירט די זינגער — פרײַלין א. עלקין, די טאָכטער פון מענדל עלקין. א רעפעראַט וועגן משה מילנער האָט געהאַלטן דער חזן און מוזיקער א. הירשין. די אָוונטן זענען געווען גאָר א נײַעס אין דער יידישער וואַרשע מיט דעם ערנסטן צוגאַנג, מיט דער פּיעטעט צום מוזי־קער און מיט דער אַלזײַטיקייט פון די מוזיקאַלישע אַרויסטריטן. עס איז אויך אַרויסגעטראָטן אויף די קאָנצערטן דער פּיאַניסט נחום נרדי, ער האָט דאַן געהייסן נחום נאַראַדעצקי, — איידער ער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

מען דאַרף צוגעבן, אַז משה רודינאָוו און רות לעוויאַש, זײַן פרוי, זענען איצט אין ניו יאָרק, ער איז דער חזן פון דעם גרויסן עמנואל טעמפּל אין ניו יאָרק, מ. עלקין און זײַן טאָכטער — זענען אויך אין ניו יאָרק און א. הירשין איז אין פּאַריז. עס איז אַ באַזונדערע פרייד צו קאָנען דערמאָנען מענטשן־קינסטלער, וואָס לעבן און זענען טעטיק אינעם יידישן לעבן. צום באַדויערן, איז די צאָל לעבן־פאַרבליבענע פון יענע צײַטן נישט גרויס!

די מילנער־אָוונטן האָבן שטאַרק אויסגענומען און עס זענען געווען אומעטום באַגײַסטערטע אָפּרופן. די מילנער־אָוונטן זענען געגעבן גע־וואָרן אין קלענערע און דערנאָך אין גרעסערע זאַלן, און עס איז צום ערשטן מאָל געבראַכט געוואָרן צום יידישן עולם די מאָדערנע יידישע מוזיק אין דער גלענצנדיקער אויסטײַטשונג פון צוויי ערנסטע זינגער — משה רודינאָוו און רות לעוויאַש, וועלכע האָבן מיט א באַזונדערער פּיע־טעט און יראת־הכבוד צוגעטראָגן די אָריגינעלע מילנער־שאַפונגען צו דער מאַסע. משה רודינאָוו האָט ממש פאַרגעטערט מילנערן, ער האָט אים

געדענקט פון די יאָרן, ווען ער, רודינאָוו, איז געווען אַ יונג משורר אין קיעווער כאָר־שול (בראָדסקי־שול), ווו אויך משה מילנער האָט גע־זונגען.

לאָמיר דאָ, אגב, איבערגעבן אַ טשעקאָוון פּרט: איך געדענק, מיר זענען אַרויס אַמאָל פון אַ קאָנצערט, אויף וועלכן רודינאָוו־לעוויאַש האָבן פּרעכטיק געזונגען. בין איך אַ באַגייסטערטער צוגעגאַנגען צו מ. גוט־מאַן, חבר בערל, — אַנגעזעענער טוער פון די „פּאַראייניקטע", — און שטאָלץ געפרעגט: „נו, חבר בערל, וואָס זאָגט איר אויף זייער זינגען?" האָט ער מיך אָפּגעמאָסטן גאַנץ קאַלט און ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַ־סער מיר הארט און הארב געענטפערט: „מען האָט געהערט די גאַנצע צייט דעם שטומען „עין" אין זייער זינגען!" בערל איז געווען אַ גרויסער און פאַנאַטישער אָנהענגער פון דער נייער אָרטאָגראַפיע, ער האָט עקש־נותדיק געקעמפט אין װאַרשע, מען זאָל אַרויסוואַרפן די שטומע „עינס" און די איבעריקע „הייען", און דאָ קומט מען אויף אַן עפנטלעכן „קול־טור־ליגע" קאָנצערט און מען דערלאַנגט אים די לידער מיט שטומע „עינס" . . .

און נאָך אַ שאַרפע קריטיק האָבן מיר געהאַט, נאָך אַ גרויסער קולטור־אונטערנעמונג אינעם זעלבן „צענטראַל"־טעאַטער אין וואַרשע, אויף לעשנאָ נומ׳ 1, וואָס איז דערנאָך צוגענומען געוואָרן פאַר דעם פּוילישן בראַנפן־מאָנאָפּאָל. אונדזער א. ליטוואַק האָט געהאַלטן שבת אינ־דערפרי אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער קולטור און די אַרבעטנדיקע מאַסן, און דער רעפעראַט, ווי אַלע מאָל, ווען א. ליטוואַק האָט גערעדט, איז געווען גוט געבויט, פול מיט אינהאַלט, און גלענצנד אַרויסגעבראַכט, אָבער א. פויגל (י. מ. ניימאַן) אין „היינט" האָט גאָר געהאַט טענות צום לעקטאָר, הלמאי ער איז געקומען צו דער לעקציע מיט נישט קיין געפוצטע שיך... ווער עס האָט געקענט א. ליטוואַקן, האָט גוט געוווּסט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין אָנטון, און אפשר גאָר פאַרקערט, ער איז עפּעס ווי בכיוון געווען אין הילוך אָפּגעלאָזט, ווי דערמיט געוואָלט אונטערשטרייכן זיין נאָענטקייט צום אַרבעטער. אָבער א. ליטוואַקן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, און ער האָט גאַנץ שאַרף דער־נאָך אין זיינע „נאָטיצן" (אין „קולטור") אַריינגעזאָגט א. פויגעלן. א. ליט־וואַק שרייבט אגב: „...דערפאַר שטעלט ער (א. פויגעל) זיך אָפּ לענגער

אויף דעם, וואָס די פּאַסטע, מיט וועלכער איינער פון די רעדנער „פּוצט די שיך איז נישט פון ערשטן קוואַליטעט"..." און ער גיט צו: דער „היינט" איז אַ רייכע צייטונג, וואָס קאָן זיך דערלויבן אַ לוקסוס צו האָבן אַ ספּעציעלן רעצענזענט אויף די שוך־פּוצער" . . .

יאָ, אונדזערע אויפטריטן און קאָנצערטן האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, און עס זענען דערביי געוועזן אויך פאַרשידענע קוריאָזן, וואָס ווייזן די וואַרשעווער אַטמאָספער, די קעגנזייטיקע באַציאונגען און די לעבעדיקע, אָפּטמאָל־משפּחהדיקע סביבה, ווו מען האָט זיך, מעשה גוטע ברידער, געקריגט און גלייך זיך איבערגעבעטן. מען איז געווען אָפּט־שקאָציש און עס זענען דערביי אויך געווען שפּיצלעך פון ווייסע־חברהניקעס. און דער עיקר — מען איז געווען יונג, און מען האָט דערלויבט זיך אָפּט אַ שטיף צו טון, גלייכצייטיק מיט די וויכטיקע פאַרמעסטן און בונטאַרישקייטן. נישט אומזיסט האָט איין אויסגאַבע אין לאָדזש געהייסן „יונגיידיש", און אַ צווייטע אין וואַרשע — „כאַליאַסטראַ". און עס זענען זייער טשעקאַווע געווען די הוליאַנקעס, וואָס מען פלעגט פּראַווען אין יענער צייט אין וואַרשע, אין אָטוואָצק, ווען נאָך אַ פּאָר גלעזלעך משקה, איז מען אַרוים פון די כלים און מען האָט געטאַנצט און געהאָפּקעט מיט רעש און געפּילדער, געזונגען ביז הייזעריק ווערן. האָט פּרץ מאַרקיש געזונגען אויף זיין לירישן טענאָר מיט האַרץ און מיט בענקשאַפט: „איך וויל דיך משקה טייער האַלטן", אַ לאַנג ליד מיט פאָלקסטימלעכע פערזן, וואָס מען פלעגט אין גאַנג פון זינגען דערביי צוגעבן און פאַרפאַסן נייע פערזן. און י. י. זינגער פלעגט אַרויסקומען מיט זיינע פּויליש־זעלנערישע לידלעך, וואָס ער פלעגט זינגען ווי אַ מאַזורקע. און מיין יינגערער ברודער, יעקב ע"ה, פלעגט אַרויסקומען מיט זיינע האַרציק־חסידישע און אוקראַיינישע יידישע לידלעך, ווי „סערעדו נאַסטיאַ, סערעדו ליובקאַ!" אָדער איך פלעג אַריינפאָרן מיט „אמר ה' ליעקב, — ניע באָיום ניקאָוואָ!" און אַזוי ווייטער און ווייטער. יאָ, עס איז געווען אַן אַנדער צייט, — עפּעס קומט אוים, ווען מען טראַכט וועגן יענע מערקווירדיקע יאָרן, אַז נישט נאָר אַליין איז מען געווען אויף אַ 26-27 יאָר יינגער, נאָר ווי די גאַנצע וועלט, דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז געווען יונג און שטיפעריש...

* * *

מיר האָבן דאָ אונטערגעפירט אַ ליניע, אַ מין הפסקה.

אָט מיש איך איצט און בלעטער די „קולטור" — דעם חודש־זשורנאַל פון דער איניציאַטיוו־גרופּע „קולטור־ליגע" פון סוף 1922, און איך האָב אויפגעמישט דאָס בלאַט 59 און איך זע פאַר זיך אַ נאָטיץ אונטערן נאָמען: „פּראָטעסט פון די יידישע שריפטשטעלער אין וואַרשע קעגן דער גזירה צו פאַרמאַכן יידישע שולן".

איך וועל דאָ ברענגען דעם „פּראָטעסט" אינגאַנצן מיט די אַלע אונטערשריפטן פון די שרייבער און זשורנאַליסטן אין וואַרשע. אַ גרויסער טייל פון די אונטערגעשריבענע איז שוין נישט צווישן די לעבעדיקע, פיל זענען פאַרפּייניקט געוואָרן דורך די דייטשע אויסוואָרפן, און אייניקע זענען איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. מיט 26 יאָר צוריק האָט מען אַלע געלעבט אין איין שטאָט און עס זענען געווען פראַגן, וואָס האָט אַלעמען פאַראייניקט, אַלצאיינס, צי מען האָט זיך באַטייליקט אין „היינט", „מאָמענט", „פאָלקסצייטונג" אָדער אין „נאַש פּשעגלאָנד".

אָט איז דער פולער טעקסט פון דעם פּראָטעסט :

„די יידישע שריפטשטעלער, פּובליציסטן און זשורנאַליסטן, וואָס געפינען זיך אין וואַרשע פּראָטעסטירן קעגן דער געוואַלדטאַט, וואָס איז איצט געשען איבער די יידישע שולן.

„דורך דעם בילדונגס־מיניסטער זענען געשלאָסן געוואָרן אין וואַרשע 6 יידישע שולן פאַר יידישע קינדער. דעם ערשטן סעפּטעמבער, ווען טויזנט יידישע קינדער זענען געקומען לערנען אין זייערע שולן, האָבן זיי געפונען די שולן פאַרשלאָסן. אין דער צייט פון ביטערן עלנט פון וועלט־קריג האָט מען די שולן אָנגעהויבן צו בויען. יידישע פאָלקס־לערער, אידעאַליסטישע קולטור־טוער, האָבן צייט אַכט יאָר צונויפגעבראַכט ביי די שולן ליבע, מסירת־נפש און טרייקייט. אייניקע טויזנט קינדער האָבן צייט אַכט יאָר דאָ געהאַט זייער היים.

„דורך אַ וועג פון יסורים און מכשולים שלאָגט זיך דורך די נייע יידישע קולטור, וואַקסט אַרויס פון געטאָ און וואַקסט אַריין אין אייראָפּע, אין דער וועלט מיט גלייכן ווערט, מיט גלייכן רעכט. די שול איז דער עלעמענטאַרער יסוד פון דער קולטור. דאָס שליסן און פאַרניכטן אומברחמנותדיק די זעקס שולן אין דער רעזידענץ, אין סאַמע וואַרשע, איז אַ ווייטאָגדיקער קלאַפּ, איז אַ שרייאיקער אומרעכט. עס איז באַר־

באַריש, אַז מיר זאָלן באַרויבט ווערן אפילו פון דאָס עלעמענטאַרסטע און איינפאַכסטע — אַן אייגענע שול פאַר אונדזערע קינדער.

„נישט לאַנג האָבן די בעסטע און ערלעכסטע זין פון פוילן גע־קעמפט פאַר איר פרייהייט, פאַר איר שפּראַך, פאַר איר שול. אַלץ אין דער וועלט, וואָס ס'איז ערלעך, וואָס ס'איז מענטשלעך, איז געוועזן מיט איר און פאַר איר אין דעם דאָזיקן קאַמף. דעריבער איז נאָך שמערצ־לעכער און ווייטאָגדיקער דער איצטיקער געוואַלדטאַט איבער די יידישע שולן אין פוילן גופא.

„דאָס, וואָס ס'איז איצט געשען איבער זעקס קינדער־הייזער, וועל־כע זענען געשאַפן געוואָרן דורך ליידן און קרבנות, איז קעגן יעדער רעכט, קעגן יעדן אמת, קעגן יעדן שכל און רופט אַרויס אויפרעגונג, פאַרדראָס און פאַרביטערונג.

„מיר פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס עס ווערן צעטראָטן מיט די פיס אונדזערע עלעמענטאַרסטע רעכט, מיר פּראָטעסטירן קעגן דעם דאָ־זיקן אומרעכט און גוואַלט. די שולן מוזן אַריינגעצויגן ווערן אין מלוכהשן שול־נעץ. די האַנט, וואָס האָט אכזריותדיק זיך אויסגעצויגן איבער דער יידישער שול, מוז צוריקגעצויגן ווערן."

„וואַרשע, דעם 4־טן סעפּטעמבער 1922".

עס זענען אונטערגעשריבן אויפן פּראָטעסט:

י. אַפּאַטאָשו, אהרן איינהאָרן, ב. אייסוראָוויטש, חנוך איש, יעקב אַפּענשלאַג, א. מ. אַפּעלבוים, מ. בירנבוים, ש. ביבער, אורי צבי גרינ־בערג, אברהם גאָלדבערג, ש. גילינסקי, רפאל גוטמאַן, ש. הירשהאָרן, דעפּוטאַט אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, הערשעלע, מנחם מענדל הורוויץ, ש. וואָלקאָוויטש, ד"ר מיכאל ווייכערט, עוזר וואַרשאַווסקי, ש. וואַגמאַן, י. י. זינגער, ה. ל. זשיטניצקי, ב. זינגער, ד"ר משה זילבערפאַרב, גרשון זי־בערט, י. ח. זאַגאַראַדסקי, י. י. טרונק, ש. י. יאַצקאַן, א. ל. יאַקובאָוויטש, יוסף לעשצינסקי, יצחק לעוו, ד"ר גרשון לעווין, פּרץ מאַרקיש, נחמן מייזיל, שלמה מענדעלסאָן, ב. מיכאַלעוויטש, ל. מלאך, ז. מלמד, י. מ. ניימאַן, ז. סעגאַלאָוויטש, יהושע פּערלע, נח פּרילוצקי, צבי פּרילוצקי, אשר פּערלמאַן, ל. פינקלשטיין, יעקב פאַט, י. י. פּראַפּוס, ד"ר י. ב. ציפּור, אהרן ציטלין, הלל צייטלין, אלחנן צייטלין, א. קליינמאַן, ד"ר מ. קאַנ־בער, א. קאַגאַנאָווסקי, ח. ש. קאַזדאַן, ד"ר יוסף קרוק, ב. קאַרלינער,

אלטער קאַציזנע, ישראל רובין, א. ראָזענפעלד, דעפּ. חיים ראָסנער, פּועה ראקאָווסקי, בנציון רובשטיין, נתן שוואַלבע, י. שווייגער, ד״ר יעקב שאַצקי, שמעון שפּיגעל, ד״ר יצחק שיפּער.

און אָט איז דער קורצער און טראַגישער סך־הכל פון אָט די 68 יידישע שרייבער, פּובליציסטן און זשורנאַליסטן, וואָס זענען דאָ אויסגערעכנט.

פון די 68 חברים און פריינד זענען 20 אומגעקומען דורך די דייטשע בעסטיעס, 18 זענען געשטאָרבן פאַר דער היטלער־אָקופּאַציע אין פּוילן, 3 געשטאָרבן אין אַמעריקע, און דריי אין דרום־אַפריקע, אין פראַנקרייך און אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אָט אַזוי האָט דאָס לעבן געפירט און דערפירט א לעבעדיקן אַקטיוון, טעטיקן יידישן ישוב צו אַזאַ טראַגיש־קליינער צאָל!

וואָס קאָן זיין מוראדיקער און טראַגישער און גרויזאַמער!

8

ביכער־פּראָדוקציע, ביבליאָטעקן און לייענער

ווילן מיר מעסטן די קולטור־הויך, די קולטור־באַדערפעניש פון א לאַנד, פון א מאַסע, דאַרפן מיר אָנקומען צו דער גרייס און פאַרנעם פון דער ביכער־פּראָדוקציע, פון דער צאָל ביבליאָטעקן און זייערע לייענער. אוודאי האָבן דערביי אויך פיל וואָס צוזאָגן די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון די פאָלקס־מאַסן, די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אינעם לאַנד, דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון דערציאונג און בילדונג, דאָס אָרט און די ראָלע פון דער פּרעסע, פון די קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, דאָס טעאַטער און אַזוי ווייטער.

מיר ווילן אין דעם דאָזיקן בוך וואָס־ברייטער אַרויסברענגען דאָס יידישע קולטור־שאַפערישע לעבן פאַר דער צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, פון יאָר 1921 ביז דעם גרויליקן און ברוטאַלן אָנפאַל פון די היטלעריסטישע באַנדעס — אין יאָר 1939. ווען מיר, אויף וויפל עס

לאָזט זיך, ארויסכאַפּן פון דאָ און דאָרטן מאַטעריאַלן, ציפערן און פאַקטן, וואָס זאָלן אונדז העלפן אויפשטעלן א וואָס־גאַנצער בילד פון דעם יידישן פוילן אין יענער צייט.

מיר האַלטן נאָך אַלץ ביי די יאָרן 1921־1923, ווען דאָס יידישע קולטור־לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו סטאַביליזירן און גענומען זיך אויסצוגעשטאַלטיקן און צו באַקומען אַן אייגענע פיזיאָנאָמיע. און ווידער אַמאָל מוזן מיר איבערחזרן אונזער באַוואָרעניש, אַז מיר קאָנען נישט און ווילן נישט געבן אַן אויסשעפּנדיק בילד פון אַלע ווינקלען און געביטן פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן, נאָר איך גיב בעיקר די ווינקלען און געביטן, וואָס זענען מיר נענטער באַקאַנט געווען און אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זיין טעטיק און מיטבאַטייליקט.

קודם כּל וועגן דער יידישער ביכער־פּראָדוקציע אין פּוילן, — אין בעיקר די ביכער־פּראָדוקציע אין דער יידישער שפּראַך פאַר די עטלעכע יאָר — 1921, 1922, 1923 — די יאָרן, ווען מיר איז אויסגעקומען אין דעם זשורנאַל „ביכער־וועלט" צו זאַמלען די רשימות פון ביכער, רעגיס־טרירן און דערנאָך קלאַסיפיצירן זיי און מאַכן די נויטיקע אויספירן. איך האָב אין מיינע רשימות און אָפּהאַנדלונגען דאַן כּסדר אָנגעוויזן, אַז די ציפערן און סך־הכּלען זענען ווייט נישט קיין פולע און גאַנצע. קודם כּל איז נישט געווען קיין אינסטיטוציע, וואָס זאָל צווינגען אַלע פאַרלעגער, זיי זאָלן צושטעלן אַלע, אַן אויסנאַם אויסגאַבעס. אייניקע פאַרלעגער האָבן, כּדי אויסצומיידן האָנאָראַר, געדרוקט און איבערגעדרוקט ווערק און נישט אָנגעוויזן דאָס יאָר, די דאַטעס. אייניקע פאַרלאַגן האָבן כּלל נישט געהאַלטן פון „אַזעלכע נאַרישקייטן" ווי ביבליאָגראַפיע, סטאַ־טיסטיק. דערצו זענען אויף אייניקע ביכער, וואָס זענען אַרוים אין מיטן זומער, שוין געשטעלט געוואָרן דאָס קומענדיקע יאָר, הגם עס זענען נאָך געווען עלעכע חדשים ביזן ניי־יאָר. אין מיינע רשימות זענען אַריין אויך ביכער, וואָס זענען דערשינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. אָבער די ידיעות וועגן זייערע אַרויסגעבערישע טעטיקייטן זענען געווען ווייט נישט קיין פולע. דעריבער קומט אויס (מסתמא אומגערעכט), אַז אין פּוילן זענען דערשינען פיל מער ביכער ווי אין יענע אַנדערע לענדער, ווייל פון פּוילן האָט מען דאָך געקראָגן מערערע און פולערע ידיעות וועגן דער בוך־פּראָדוקציע ווי וועגן די אַנדערע לענדער.

נאָך אַט די עטלעכע פאַרבאַמערקונגען קאָן מען גיין ווייטער און איבערגעבן די ציפערן, צאָלן און אויספירן פון די ערשטע דריי יאָר (1921־1923).

פון די פאַרעפנטלעכטע, נישט גאָר פולע, ידיעות איז אויסגעקו־מען, אַז אין לויף פון די פּאָר יאָר זענען אין פּוילן ארויס ארום 70 פּראָ־צענט פון דער אַלגעמיינער צאָל דערשינענע יידישע ביכער אין דער וועלט.

פון די 418 יידישע ביכער, וואָס זענען ארויס אין יאָר 1921, זענען ארויס אין פּוילן — 294 ביכער, פון די 425 אין יאָר 1922 — איז אין פּוילן ארויס 286 ביכער, און פון דער צאָל 364 אין יאָר 1923 — איז אויפן חשבון פון פּוילן אויסגעפאַלן 285 יידישע ביכער.

דאָס מיינט, אַז אין די־אָ יאָרן האָט דאָס יידישע פּוילן ארויסגע־געבן יעדעס יאָר אַ 300 יידישע ביכער. אין דעם קומען נישט אריין, ווי געזאָגט, אייניקע ווערק, וואָס זענען איבערגעדרוקט געוואָרן און זענען נישט אריין אין חשבון א. א. וו. דאָס איז אַ זייער גרויסע צאָל, ווען מען נעמט באַזונדערס אין אַכט די קלאָגעדיקע מאַטעריעלע לאַגע פון די יידישע מאַסן אין פּוילן אין יענע יאָרן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קויפן גרעסערע צאָלן און טייערע ביכער. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז דער פּיפּל־רעליעף האָט אין יענער צייט אריינ־געשיקט פון דער יידישער אַמעריקע גרעסערע טראַנספּאָרטן יידישע בי־כער, וואָס זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אָן געלט איבער די פּאָר הונ־דערט יידישע געזעלשאַפטלעכע און אַרבעטער־ביבליאָטעקן, און דערמיט נישט־ווילנדיק פאַרקלענערט די פאָדערונג אויף דעם אייגענעם בוך אין פּוילן, פאַר וועלכן מען האָט באַדאַרפט צאָלן געלט.

פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען געדענקען, אַז צוליב דער נידע־ריקער וואַליוטע אין פּוילן און צוליב דער ביליקייט פון די דרוק־פּרייזן, זענען געדרוקט געוואָרן אין אָט די יאָרן ביכער פון אַמעריקאַנער יידישע שרייבער, וואָס זענען אין גרעסערע צאָלן געשיקט געוואָרן קיין לעטלאַנד, ליטע, רומעניע און אויך קיין אוקראַינע (קיין קיעוו און כאַרקאָוו — דורך דער אוקראַינישער אַמבאַסאַדע — דער פאַרשטייער אין וואַרשע איז דאַן געווען סאַניאַ כורגין, מיינער אַ גוטער פריינט, — זיין געהילף — מ. מאגידסאָן).

אַז די צאָל פון אַ 300 ביכער אַ יאָר איז אַ לייטישע, אַ גרויסע, איז

געגוג צו זאָגן, אַז ביי היינטיקן טאָג, אין די לעצטע יאָרן, דערשיינען אין דער גרויסער יידישער אַמעריקע, ווען די יידישע אייראָפּע געפינט זיך אין איר נאָך־מלחמהדיקן חורבן־צושטאַנד, ווייט נישט קיין 150 ביכער א יאָר. עס איז וויכטיק דערביי צו באַטאָנען, אַז די גרעסטע צאָל ביכער זענען דערשינען דורך פאַרלעגער, און דורך פּריוואַטע פאַרלעגער. אַ יידיש בוך איז געווען אַ סחורה, אַ סחורה עובר לסוחר, וואָס האָט אַריינגע־בראַכט רווח.

חוץ דעם זענען אין פּוילן דערשינען ביכער נישט בלויז פון „שייר־נער ליטעראַטור", וואָס דאָס איז געוואָרן דער עיקר געביט ביי אונדז, אין דער יידישער אַמעריקע, ווו די יידישע ליטעראַטור איז רעדוצירט געוואָרן כמעט צו אַ בעלעטריסטיק־ליטעראַטור, צו אַ מעשה־ביכל . . .

עס וואַרפט זיך אין די אויגן די גרויסע צאָל איבערגעזעצטע ביכער, פון אַנדערע שפּראַכן, — אַ זאַך, וואָס איז איצט כמעט נישט בנמצא ביי אונדז. אין די יאָרן 1922 און 1923 זענען אַרויס 130 איבערגעזעצטע ביכער, — אַ גרויסע צאָל — פון מאָדערנע שרייבער. דאָס ווייזט, אַז מיר האָבן געהאַט פאַר זיך אַ לייענער, וואָס האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויסגעלעבט אין דער יידישער שפּראַך און וואָס האָט דורך יידיש זיך באַקענט מיט דער וועלט־ליטעראַטור.

און נאָך אַ זאַך: עס זענען דערשינען אין פּוילן אין די עטלעכע יאָר צו 25 און מער דראַמאַטישע ווערק, אַ צאָל פון זיי איבערגעזעצט פון אַנדערע שפּראַכן, — אַ זאַך, וואָס איז איצט כמעט נישט בנמצא ביי דראַמאַטורגיע, אויסגערונען אין דער ביכער־פּראָדוקציע.

און וואָס מען דאַרף באַזונדערס אונטערשטרייכן — איז די פיינע צאָל לערן־ביכער און קינדער־ און יוגנט־ליטעראַטור, — איבער 25 און 30 לערנביכער און איבער 40־45 קינדער־ליטעראַטור. אויך אין דעם אָפּשניט האָט דאָס יידישע פּוילן געהאַט פאַר זיך אַ גוטן באָדן, גאָרנישט אין פאַרגלייך אַ בעסערן ווי ביי אונדז אין דער יידישער אַמעריקע.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אין יענער צייט, אין די יאָרן 1922־1923, האָבן מיר געהאַט אין יידישן פּוילן אויסער די 14־15 טעגלעכע יידישע צייטונגען, אויך 30 וועכנטלעכע צייטשריפטן. די דרוק־פּראָדוק־ציע אין דער יידישער שפּראַך איז געווען אַזוי־אַרום אַ זייער גרויסע, און בפרט, ווען אין דער זעלבער צייט האָבן אייניקע פאַרלאַגן אויך אַרויס־

געגעבן ביכער אין העברעאיש, רעליגיעזע און רומ'ל ספרים — תנ"ך, גמרא'ס, ספרי־מוסר, סידורים, מחזורים, תחינות, סליחות, הגדות, טאָג־ און וועכנטלעכע קאַלענדאַרן מיט שטיקער ליטעראַטור, וויצן, ביאָ־גראַפיעס, דערקלערונגען א. א. וו.

צו דער צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער אין פּוילן דאַרף מען צוגעבן די שיין געדרוקטע ביכער, וואָס מען האָט אין יענע יאָרן, אין 1921, 1922, 1923, אָנגעהויבן צו דרוקן אין בערלין. צו יענער צייט זענען מיט דער הילף און באַטייליקונג פון די שרייבער בעל־מחשבות, נ. שטיף, בער־טאָלדי־לאַצקי, דוד בערגעלסאָן, מ. וויינרייך, ע. קאַרמאַן און אַנדערע געגרינדעט געוואָרן נייע יידישע פאַרלאַגן, ווי „וואָסטאָק", „כלל־פאַרלאַג", „ליטעראַרישער פאַרלאַג", וואָס האָבן אַנטוויקלט א גאַנץ־לעבעדיקע אַרויסגעבערישע טעטיקייט. די ביכער זענען אין באַדייטנדיקע צאָלן פאַר־שפּרייט געוואָרן אין פּוילן.

און דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז יידישע ביכער, און באַזונדערס לערנביכער, זענען געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס זעלבע אויך י. אָפּאַטאָשוס „אין פּוילישע וועלדער". און שלום אַשס ביכער זענען געדרוקט געוואָרן אין מערערע טויזנטער עקז' (ווי „קידוש השם" און „כישופמאַכערין פון קאַסטיליען" און דערנאָך אויך זיין „מאָטקע גנב").

און ווי האָט מען געהאַלטן מיטן יידישן ביבליאָטעק־וועזן אין פּוילן ?

עס זענען פאַרבליבן אייניקע ציפערן און מאַטעריאַלן, וואָס ווייזן, אַז אויך אויפן געביט פון ביבליאָטעקן האָבן די יידישע מאַסן אין פּוילן אַרויסבאַוויזן פיל אַקטיוויטעט.

אין יאָר 1921 האָט איינע א יידישע אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט סובסידירן די יידישע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אַרבעטער־אַנשטאַלטן, דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן די יידישע אַרבע־טער־ביבליאָטעקן. עס האָבן געענטפערט אויף דער אַנקעטע 48 שטעט פון קאָנגרעס־פּוילן, וואָס האָבן פאַרמאָגט 66 יידישע ביבליאָטעקן. ווי מיר זעען, האָט די אַנקעטע און אירע ציפערן אַריינגענומען בלויז א טייל פונעם יידישן פּוילן. ווייזט זיך אַרויס, אַז פון די 66 ביבליאָטעקן זענען א 60 אויפגעקומען נאָכן פאַלן פון דער צאַרישער רעגירונג. ערשט די

לעצטע עטלעכע יאָר איז געשאפן געוואָרן די מעגלעכקייט, אז די פאָלקס־ און ארבעטער־מאסן זאָלן עפענען יידישע ביבליאָטעקן אויך אין די קליינע שטעטלעך.

די 66 יידישע ארבעטער־ביבליאָטעקן אין קאָנגרעס־פוילן האָבן צי יענער צייט, 1921, פארמאָגט 67 טויזנט ביכער, — פון דעם — יידישע ביכער 45,460, — דאָס מיינט — א 68 פראָצענט פון דער אלגעמיינער צאָל ביכער. פוילישע ביכער האָבן זיי פארמאָגט איבער 10 טויזנט, א 16 פראָצענט, און העברעאישע ביכער בלויז 2.485, ביי 4 פראָצענט, רוסי־ שע ביכער האָבן זיך נאָך געפונען א קנאפע 10 פראָצענט — 6.582.

די גרעסטע צאָל ביכער האָט דאן פארמאָגט די ביאַליסטאָקער שלום־עליכם־ביבליאָטעק, — 7.640 — עס איז געווען א פאראייניקטע יידישע ביבליאָטעק, א צווישנפארטייאישע, סיי פון „בונד" און סיי פון די „פאראייניקטע" א. א., האָט זי טאקע געהאט דערפאר א 900 לייענער (מיט עטלעכע יאָר שפעטער האָט שוין די ביבליאָטעק פארמאָגט א 50 טויזנט ביכער און איבער 2.500 לייענער).

דאַקעגן זענען אין פיל ערטער געווען צו עטלעכע ביבליאָטעקן, וואָס יעדע איינע האָט געהאט קלענערע צאָלן ביכער און לייענער, מיט נישטיקע לאָקאַלן, און דעריבער געפירט א קלעגלעך לעבן. אויך אין ווארשע, אין לאָדזש, נישט געקוקט אויף די פארשידענע באשלוסן, האָט יעדער פראָפעסיאָנעלער פאראיין געהאט זיך זיין אייגענע ביבליאָטעק און דאָס האָט, פארשטייט זיך, שלעכט זיך אָפגערופן אויף זייער מצב. טשענסטאָכאָוו האָט געהאט אזויפיל ביבליאָטעקן, וויפל פארטייען עס זע־ נען דאָרטן געווען. מאכט נישט אויס, וואָס איין ביבליאָטעקל האָט פאר־ מאָגט קוים 120 ביכער.

ביי די 66 ביבליאָטעקן האָבן זיך געפונען 32 לייען־זאַלן פאר צייַ־ טונגען און ביכער. א גרויסע צאָל פון די ביבליאָטעקן האָבן אויך אָנגע־ פירט פארשידענערליי קולטור־טעטיקייטן, אָרגאניזירט פאָרלעזונגען, שמועסן וועגן ביכער, און געהאט אויך ארום זיך לייען־קרייזן. מיט עט־ לעכע יאָר שפעטער האָבן זיך ארום די יידישע ביבליאָטעקן קאָנצענט־ רירט די פארשידענערליי פאָליטיש - געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן, און פון איין זייט די פאָליציי און פון דער צווייטער זייט — די קלעריקאַלע עלעמענטן אין די שטעטלעך, האָבן געפירט א גאנץ־העפטיקן קאמף מיט

אַט די קולטור־צענטערן, וואָס האָבן אויפגעזאַמלט אַרום זיך די פּראָ־גרעסיווסטע שיכטן און קרייזן פון דעם שטעטל. די פּאָליציי האָט פאַר־מאַכט און פאַרהאַקט אַן אַ פאַרוואָס די ביבליאָטעקן, אַרעסטירט אירע אָנפירער, און אָפט האָבן די פינצטערע יידישע כוחות באַפאַלן, צעריבּט די ביבליאָטעקן, אָדער זיי גאָר אונטערגעצונדן.

לערך מיט אַ יאָר שפּעטער, אויגוסט 1922, האָבן מיר געהאַט אַ נייע מעגלעכקייט צו באַקומען אַ מער־ווייניקער גענוי בילד וועגן דעם יידישן ביבליאָטעק־וועזן אין פּוילן.

צו יענער צייט זענען אָנגעקומען יידישע ביכער פון אַמעריקע, צו־געשיקט דורכן „פּיפּל־רעליעף". די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע האָט פונאַנדערגעשיקט אַ פרעג־בויגן צו אַ גרעסערער צאָל יידישע אַר־בעטער־און פאָלקס־ביבליאָטעקן אין פּוילן. עס זענען אָנגעקומען ענט־פערן פון 107 שטעט, וואָס האָבן פאַרמאָגט 138 ביבליאָטעקן. אויב די דערמאָנטע פריער 66 אַרבעטער־און פאָלקס־ביבליאָטעקן האָבן פאַרמאָגט 67 טויזנט ביכער, האָט שוין די איצטיקע רשימה פון די 138 ביבליאָ־טעקן אָנגעוויזן אַן אוצר פון 147.177 ביכער. יענע 66 יידישע ביבליאָ־טעקן האָבן געהאַט קנאַפּע 12 טויזנט לייענער, און די 138 — כמעט טאָפּל: 23.312 יידישע לייענער. דוד מייער, אַ באַקאַנטער קולטור־טוער דאַן אין פּוילן, האָט דיביידע רשימות באַאַרבעט און געמאַכט די אַלע אויספירן (זע „ביכער־וועלט", וואַרשע, 1922, נ"נ 3 און 4־5), ער האָט געגעבן אינ־טערעסאַנטע באַמערקונגען און סך־הכלען צו די אויספירלעכע ציפערן און מאַטעריאַלן. פון די 147.177, וואָס אַלע 138 ביבליאָטעקן פאַרמאָגן, זע־נען געווען 93.115, דאָס מיינט 63 פּראָצענט, יידישע ביכער, אַ 15 פּראָ־צענט פּוילישע, אַ 12 פּראָצענט רוסישע, אַ קליינער פּראָצענט העברעאישע א. א.

די גרייס פון די יידישע ביבליאָטעקן איז פאַרשידנאַרטיק: 7 האָבן ווייניקער ווי צו 100 ביכער, 58 — פון 100 ביז 500 ביכער, 31 פאַרמאָגן פון 500 ביז 1.000 ביכער, 22 ביבליאָטעקן האָבן שוין פון טויזנט ביז 2.000 ביכער, און 20 ביבליאָטעקן זענען שוין גאָר לייטישע — זיי האָבן אוצרות פון איבער 2.000 ביכער. דערביי איז ביאַליסטאָק אויפן ערשטן אָרט מיט אירע 14.000 ביכער און איבער 1.000 לייענער.

אין דעם צעטל פון די יידישע ביבליאָטעקן זענען נישט אַריין די

גרויסע ביכער־אוצרות פון ווארשע, ווי די סינאַגאָגע־ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקע, אויך נישט די גרויסע און בארימטע ביבליאָטעקן פון ווילנע, — די כמראַשון־ביבליאָטעק און די „מפיצי־השכלה" - ביבליאָטעק מיט זייערע פיל־צענדליקער טויזנטער בענד.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס 73 ביבליאָטעקן — איבער העלפט — האָבן געהאַט נאָר יידישע ביכער. און עס איז פארשטענדלעך, ווייל אלגע־מיינע, נישט־יידישע ביכער איז געווען לייכט צו קריגן אין די עפנטלעכע און שטאָטישע ביבליאָטעקן.

דוד מייער גיט צו: „די ביבליאָטעקן האָבן 23.312 לייענער. פאַר פוילן מיט אירע העכער 3 מיליאָן יידן איז דאָס זייער ווייניק. דאָס איז אומגעפער איין דריטל פון דער צאָל פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין פוילן. דאָס יידישע בוך האָט נאָך אין פוילן אַ גענוג־ברייטן פּלאַץ זיך צו פאַרשפּרייטן. מ'דאַרף נאָר געפינען די געהעריקע מיטלען צו דערגרייכן צום ווייטסטן לייענער, און פאַרלייכטערן אים דעם צוטריט צום בוך".

אין דעם צעטל פון די ביבליאָטעקן זענען בעיקר פאַרטראָטן די אַר־בעטער־און פאָלקס־ביבליאָטעקן, וואָס זענען אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דורך די אַרבעטער־פּאַרטייען. עס זענען זיכער געווען אין פוילן גרעסערע צאָלן ביבליאָטעקן, וואָס האָבן געהערט צו די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געשטאַנען מחוץ און אויסער די רייען פון דער צ.י.ש.אָ. (צענטראַלע יידי־שע שול־אָרגאַניזאַציע). חוץ דעם זענען בכלל פיל צענדליקער שטעט און שטעטלעך, צוליב פאַרשידענע סיבות, נישט אריין אין דעם צעטל פון דער אַנקעטע. אַזוי אַרום איז די צאָל יידיש־לייענער און די צאָל ביכער אין די יידישע ביבליאָטעקן געווען באַדייטנדיק גרעסער ווי די אָנגעגעבענע צאָלן.

און דערצו, איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער מאַנגל אין יידישע ביכער. פיל ווערק, און צווישן זיי די יידישע אַממערסטן פּאָפּולערע שריי־בער, ווי מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, אַש, בערגעלסאָן א. אַ., — זענען נישט געווען אויפן ביכער־מאַרק. מען האָט ערשט אָנגעהויבן אין יענער צייט זיי איבערצודרוקן, און זיי צו באַקומען, צוגלייך מיט פיל אַנדערע ביכער, פון אַנדערע לענדער און בעיקר — פון סאָוועטנפאַרבאַנד און אַמע־ריקע. — און דאָס נעמלעכע איז אויך מיט די איבערזעצונגען פון קלאַסי־קער. אָט דער געביט איז נאָך דאַן געווען אינגאַנצן אָן אָרעמער. ערשט אין

די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער און שטאַרקער צו־פלוס פון איבערזעצונגען פון קלאַסישע און מאָדערנע שרייבער, וועלכע זענען געלייענט געוואָרן מיט דעם גרעסטן אינטערעס. דאָס האָבן מיר גע־זען שפּעטער, ווען עס זענען צוגעקומען די איבערזעצונגען פון א. נ. טאָל־סטאָי, מאַקסים גאָרקי, ראָמען ראָלאַן, אַנרי באַרביוס, — שוין נישט רעדנ־דיק וועגן די עלטערע און אַלטע וועלט־שרייבער, וואָס זענען געווען פון די בעסט־געלייענטע אין די יידישע ביבליאָטעקן.

ווען מיר רעדן איצט אין יאָר 1949, אין ניו־יאָרק, וועגן דעם יידישן לייענער אין פּוילן פון צוריק מיט אַ 26־27 יאָר, פאַרשפּאַרט מען פיל צו ברייען, ווי אַנדערש ער איז געווען לויט זיין עלטער, כאַראַקטער און זיין גאַנצן וועלט־באַנעם פון דעם דורכשניטלעכן יידיש־לייענער, וואָס מיר קאָנען דאָ ביי אונדז, אין אונדזער „נייער" יידישער וועלט. עס איז דאָך גוט באַקאַנט, אַז אין די אַלע לענדער, אַריינגערעכנט די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, מעקסיקע, קובע, דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, אויסטראַליע, איז אונדזער יידיש־לייענער בעיקר אַ מיטליאָריקער. דער פּראָצענט פון יונגע און יוגנטלעכע איז אַ קליינער, אויב נישט — קיין גאָר־קליינער. גאָר אַנדערש איז געווען אין דעם יידישן פּוילן. הגם אויך דאָרטן האָט די אַסימילאַציע זיך גערוקט דורך טיר און טויער, פאַר־כאַפּט וויכטיקע פּאָזיציעס אין יידישן לעבן, אָבער מיר האָבן פאַרמאָגט אומעטום אַ יונגן יידישן לייענער, צי איז ער געקומען פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, צי פון דעם ציוניסטיש־העברעאישן שול־וועזן, צי פון דער תלמוד־תורה און ישיבה. און דערצו — זענען די יונגע יידישע אַר־בעטער־באַוועגונגען געווען דורכאויס יידישע אין אירע יונגע מיטגלידער האָבן זיך אויסגעלעבט בעיקר אין יידיש. יאָ, מיר האָבן אין גרויסן יידישן פּוילן, ווי אין ליטע, געהאַט אַ יונג יידיש לעבן, און צווישן אונדזערע שרייבער, ווי לייענער, שוישפּילער און צישויער, זענען געווען יונגע, אין די צוואַנציקער און אין די דרייסיקער יאָרן. דאָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן כאַראַקטער און אויפן אויסזען פון אונדזער יידישן קולטור־שאַפן.

הבל על דאבדין, אַ שאָד און אַ וויי געשריי אויף די אַלע, וואָס זענען פאַרשוווּנדן!

און אָט א פּאָר קלאָרע באווייזן וועגן דעם עלטער פונעם יידישן לייענער אין יידישן פּוילן:

אין דער „ביכער־וועלט" (1922, נ' 2) האָבן מיר ענטפּערן פון 3 פארשידענע ווארשעווער ביבליאָטעקן; די „הזמיר"־ביבליאָטעק (א מער־אומפּאַרטייאישע), פון דער ביבליאָטעק א. נ. אברהמל שטריקער — ביים פּראָפ. פאראיין פון טעקסטיל־ארבעטער (א לינקע, קאָמוניסטישע) — און פון דער גראָסער־ביבליאָטעק (א בונדישע).

צום 1־טן יאנואר 1922 האָט די „הזמיר"־ביבליאָטעק, וואָס האָט אין יענער צייט געהאט איבערגעלעבט פארשידענע קריזיסן און נישט גע־האט קיין פּאַסיקע דירה און קיין געניג מיטלען, — געהאט 307 לייענער, — מענער 256 און פרויען 51. אין לויף פון יאָר — 420 לייענער.

לויט די באַשעפטיקונגען: ארבעטער — 148, שילער פון פאָלקס־שולן (פון די ציישאָ־שולן) — 80, האנדלס־אָנגעשטעלטע — 79, שילער פון האנטווערקער און מיטל־שולן — 34, א. א. וו.

לויטן עלטער טיילן זיך די לעזער אזוי: פון 11 ביז 15 יאָר — 121, פון 16 ביז 20 יאָר — 200, פון 21 — ביז 30 יאָר — 31. מיר זעען, אז פון 420 לעזער זענען 321 געווען אין עלטער ביז 20 יאָר, אזוי גרוים איז געווען די צאָל יונגע און יונגעטשקע לייענער אין איין ביבליאָ־טעק!

אין דער צווייטער ביבליאָטעק (מ'האָט זי גערופן די טעקסטיל־בי־בליאָטעק), זענען געווען 275 לייענער, — מענער — 182 און פרויען — 93. לויטן עלטער — ביז 20 יאָר — 168, ביז 30 יאָר — 92, די איבע־ריקע — עלטער פון 30. מיר זעען אויך דאָ דאָס זעלבע בילד: פון 275 לייענער יונגעלייט ביז 20 — 168, און ביז 30 — 260 לייענער. אגב, אינעם פאראיין זענען געווען דאַן 3.502 מיטגלידער, האָבן זיך באנוצט מיט דער ביבליאָטעק — בלויז א % 8 פון דער צאָל מיטגלידער.

ביי אָט דעם טעקסטיל־פאראיין אויף קאַרמעליצקע אין הויף אינע־ווייניק און דערנאָך אויף גענשא גאס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן כמעט טאָג־טעגלעך פארשידענע לעקציעס איבער פּאָליטישע און קולטור־געזעל־שאַפטלעכע טעמעס און פראגן. מיר איז אויסגעקומען צו האלטן אין זייער ענגן לאָקאַל רעפעראַטן איבער קלאַסישער און מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין משך פון עטלעכע יאָר, בעיקר — אין די שבת־פארנאכטן.

ביי דעם פאַראיין איז אויך געווען אַ זייער טעטיקער דראַמאַטישער קרייז, וואָס האָט אויפגעפירט זייער אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונגען, — אין קאַמינסקיס טעאַטער אויף אַבאַזשנע, — וואָס האָט אַריינגענומען אַ 2.000 צושויער.

די דריטע גראָסער־ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט 2.427 ביכער, און לייענער לויט די פּראָפ׳ פאַראיינען — 212. קיין עלטער איז נישט אָנגעוויזן, אָבער זיכער זענען עס אויך געווען לעזער אין דעם יונגן עלטער.

הקיצור, מיר האָבן דאָן אינעם יידישן פּוילן געהאַט אַ פּולבלוטיק און פיל־צוזאַגנדיק יידיש לעבן מיט אַ גרויסער יונגער ענערגישער מחנה טרייע שאַפער און לייענער.

9

יידיש טעאַטער אין יענער צייט

ווי האָט אויסגעזען דאָס יידישע טעאַטער אין די יאָרן 1923־1921 — די יאָרן, וואָס ווערן אין די ערשטע קאַפּיטלען פון דעם־אָ בוך באַשריבן און געשילדערט ?

ווען איך בין געקומען קיין פּוילן, קיין וואַרשע, האָב איך געטראָפן אָן אמתן „דיבוק־פּסיכאָז", וואָס האָט באַהערשט ממש אַלעמען, — די יידן, די גאַסן, די הויפן, די הייזער. אז אַ פּיעסע זאָל גיין נאָכאַנאַנד עטלעכע חדשים, אָן אַן איבעררייס, איז כּלל קיין נייעס נישט. אָבער דער „דיבוק" פון ש. אַנסקין, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע דורך דער „ווילנער טרופּע", אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן, האָט אַריינגעדרונגען אין אַלעמענס הערצער און געמיטער. פון אַלעמען האָט אַרויסגערעדט און אַרויסגעזונגען דער דיבוק, נישט נאָר פון מרים אָרלעסקאַ, דער יונגער צאַרטער און פיינפילנדיקער אַרטיסטין, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון לאה. די ניגונים פון די בטלנים און פון די חסידים, אַראַנזשירט פון מ. שניאור, זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך אַלעמען, דורך יידן און נישט־יידן, דורך קינד און קייט, דורך הויפ־

זינגערס און קלעזמער, און ווו מען איז געשטאַנען און געפאָרן, האָבן זיך דערטראָגן די דיבוק־מאָטיוון און די דבקותדיקע דיבוק־געזאַנגען. „דיבוקיאַדע" — אזוי האָט מען כאַראַקטעריזירט דעם־אָ פעריאָד אינעם יידישן טעאַטער, נישט ווייסנדיק, אז אויך אין מאָסקווע הויבט זיך אָן ביי דער „הבימה" א „דיבוק"־פעריאָד, וואָס וועט זיך ציען יאָרן און יאָרן.

די „ווילנער טרופּע", נאָך אירע פאַרשידענע זוכענישן און עקס־פּערימענטן און בלאָנדזשענישן, וואָס האָבן זיך געצויגן עטלעכע יאָר זינט דער פאָרהאַנג האָט זיך ארויפגעצויגן צום ערשטן מאָל אין ווילנע דעם 18־טן פעברואַר 1916, אונטער דעם נאָמען „פאַראיין פון די יידישע דראַמאַטישע ארטיסטן (פאדא), האָט אליין גאָרנישט געאַנט, אז מיטן „דיבוק" הויבט זיך אָן ביי איר א נייַ בלאַט געשיכטע, וואָס וועט זי הויבן ביז די העכסטע הויכן און וועט זי אויך וואַרפן ביז די נידעריקסטע שטאַפּלען.

פאַר די עטלעכע יאָר, ביז מען האָט זיך גענומען צום „דיבוק" (גלייך נאָכן טויט פון ש. אנסקי, נאָוועמבער 1920), האָט די טרופּע געשפּילט פאַרשידענעם רעפּערטואַר אונטער דער רעזשי און פירונג פון אלערליי רעזשיסערן און אויף פאַרשידענע אופנים, — בעיקר פון א מער־רעאַליסטישן כאַראַקטער און סטיל. אונטער דער לייטונג פון מ. קאַ־וואַלסקי, ל. קאַדיסאָן, סאָניע עלמית, אלעקסאַנדער עזרא, פאַרוואַלטעריי אונטער דער פירונג פון מרדכי מזאה. ביי דער נאָענטער באַטייליקונג פון באַקאַנטע און ווייניק־באַקאַנטע און אויך גאָר יונגע, ווייניק־דער־פאַרענע מיטגלידער, האָט מען זיך ערנסט געגרייט און צונויפגעשטעלט אַן אַנסאַמבל, וואָס האָט מיט יראת־הכבוד זיך גענומען גרייטן צו דער טעאַטראַלער אַרבעט אָדער עבודה. עס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פיל אידעאַליזם און באַגייסטערונג און אמתער דראַנג פאַר א בעסערן יידישן טעאַטער. נישט אלע האָבן געוווּסט וואָס זיי ווילן, נישט אלע זענען געווען גלייכמעסיק צוגעגרייט, קינסטלעריש און פּסיכאָלאָגיש, פאַר די פאַרמעסטן, אָבער עס האָט געהערשט לכתחילה אין דעם אַנסאַמבל דער ווילן צו שאַפן אַן ערנסטע אינסטיטוציע, וואָס זאָל אויפריכטן די מערכה פונעם פאַרוואָרלאָזטן יידישן טעאַטער.

איך גיי דאָ נישט שילדערן דעם גענויעם וועג, די וועגן און אומ־

וועגן פון דעם טעאַטער, זיין אויפקום, זיין באַרג־אַרויף און זיינע באַרג־אַראָפּ. דער אָנהויב איז מיר ווייניקער באַקאַנט, איך בין דאַן געווען אין קיעוו, אין מאָסקווע, ווייט פון וואַרשע, אָבער מיט יאָרן שפּעטער איז מיר שוין אויסגעקומען נישט איין מאָל צו זיין גאָר נאָענט צו דער „ווילנער טרופּע" אין אירע פאַרשידענע גלגולים, אין אירע אַלערליי אי־בערוואַנדלונגען. איך בין בייגעווען אויף פיל באַראַטונגען, זיצונגען, זיך באַטייליקט אין פיל קאָמיטעטן און קאָמיסיעס, בייגעווען ביים נייעם ווידערגעבורט און אויך — ביי צוזאַמענפאַלן, געווען אויף גרויסע יום־טובים אין דער „ווילנער טרופּע", ווען דער עולם האָט געיובלט, און אויך געווען אין טעאַטער ביי פּוסטע זאַלן, ווען פאָרשטעלונגען זענען נעגאַנגען פאַר אַ צוויי מנינים צושויער. איך האָב נאָענט געקאַנט פיל פירנדיקע שוישפּילער, עלטערע און יינגערע, וואָס זענען געקומען מיט באַגייסטערונג אין דער טרופּע און אַוועק פון די „ווילנער", מיט אַ קללה אויף די ליפּן אָדער מיט טיפן ווייטיק אין די הערצער.

יאָ, מען האָט גערעדט וועגן אָט דער „ווילנער טרופּע", וואָס האָט אין משך פון איבער 20 יאָר, ביי פאַרשידענע סיטואַציעס, אין פאַרשי־דענע לענדער, דורך די פאַרשידנסטע אַנסאַמבלען, גוטע, בעסערע און אויך מיטלמעסיקע, געפּרוּווט יעדעס מאָל פונדאָסניי מיט גוטע, דער־הויבענע כוונות און אויך אָפטמאָל מיט עגאָאיסטישע חשבונות, נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל אויפהויבן די פאָן פון דער „ווילנער טרופּע" פון דער און יענער זייט אָקעאַן אין לויף פון יאָרצענדליקער. יאָ, מען האָט גע־דאַרפט און מען האָט שוין אפילו נישט איין מאָל אָנגענומען באַשלוסן צו שרייבן די געשיכטע פון די „ווילנער" און אפילו נדרים זיך געגעבן און ביי אָפענע קברים פון געוועזענע „ווילנער" זיך געשוווירן עס טון. אָבער, ווייזט אויס, אַז עס איז נישטאָ דער פּאַסיקער מענטש, וואָס זאָל עס טון, און די אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל סובסידירן אַזאַ וויכטיקע קול־טור־היסטאָרישע מאָנאָגראַפיע וועגן דער „ווילנער טרופּע".

פּרעטענדירן נישט מיינע איצטיקע באַמערקונגען און זכרונות אויף אַן אויסשעפּנדיקער געשיכטע פון דער „ווילנער טרופּע", וועגן אירע אויפ־פירונגען און וועגן די שוישפּילער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער טרופּע אין די פאַרשידענע תקופות פון איר לעבן און ווירקן, אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער.

אין די ערשטע עטלעכע יאָר, איידער איך האָב מיך נעענטער באַ־קענט מיט דער „ווילנער טרופּע" און מיט איר אַנסאַמבל, האָט די טרופּע געשפּילט „מכל הבא ביד", פון וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט. די פראַגע רעפּערטואַר איז אומעטום אַ האַרבע און קאָמפּליצירטע, האַרבער און שווערער איז זי אין יידישן טעאַטער און בפרט — אין יענער צייט, ווען מען איז אין ווילנע ווי אין גאַנץ אייראָפּע געווען אָפּגעריסן פון אַנדערע טיילן וועלט און דעריבער געווען אָנגעוויזן אויף אייגענע שאַ־פונגען.

איך האָב איצט נישט גענוג מאַטעריאַלן און דאָקומענטן צו קענען דערציילן גענוג וועגן די קינסטלערישע שריט און פּאַרמעסטן פון די „ווילנער". דער אַנסאַמבל האָט אָנגעהויבן, ווי געזאָגט, אין ווילנע דעם 18־טן פעברואַר 1916 מיט שלום אַשס „דער לאַנדסמאַן". דערנאָך האָט מען געשפּילט פּרץ הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", ה. ד. נאָמבערגס „די משפּחה", שלום אַשס „גאָט פון נקמה", דוד פּינסקיס „יעקל דער שמיד", מאַרק אַרנשטיינס „דער ווילנער בעל־הביתל", שלום אַשס „יחוס", דוד פּינסקיס „די מוטער", מ. ריוועסמאַנס „די גליקן". מען האָט אויך אויפגעפירט יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", „דער אומבאַ־קאַנטער", „די שבועה", ל. קאָברינס „יאַנקל בוילע" א.א.

די טרופּע איז געקומען קיין וואַרשע סוכות 1917 און אָנגעהויבן שפּילן אין דעם „עליזעאום"־טעאַטער, וווּ דער אַנסאַמבל האָט געקראָגן דעם נאָמען „ווילנער טרופּע" (דער נאָמען קומט פון ה. ד. נאָמבערג) און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פריידיקער פּעריאָד אינעם לעבן פון דעם טעאַטער, די טרופּע האָט אָנגעהויבן קריגן אַ נאָמען איבערן לאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער.

די אמתע געשיכטע ווי די „ווילנער טרופּע" איז געקומען צו ש. אַנסקיס „דיבוק" איז זייער אַ טשעקאַווע און אַ לאַנגע און זי האָט שוין פאַרשידענע נוסחאות. נאָך פאַרשידענע אונטערהאַנדלונגען, יאָ־ און ניין־באַשלוסן, חילוקי־דעות, אָפּמאַכן און אָפּשמועסן מיט ש. אַנסקין גופא וועגן אויפפירן דעם „דיבוק" און ווידער אָפּלייגן, וואָס האָט פאַר־שאַפט אַנסקין גענוג האַרצווייטיק און צער און פאַרדרוס, שטאַרבט ש. אַנסקי אין וואַרשע. ביים אָפּענעם קבר גיט מען עפּנטלעך אַ נדר, אַז צו „שלושים" זאָל מען אויפפירן דעם „דיבוק". אַט אַזוי, דורך פאַרשידענע

וועגן און אומוועגן, איז די „ווילנער טרופּע" געקומען צו דער אויפפי־רונג, וואָס האָט באַטייט אַ וויכטיקע דאַטע אין איר אייגענעם לעבן און אַ גרויס געשעעניש — אַ פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע — אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער.

די פּרעמיערע פון ש. אַנסקיס „דיבוק" איז טאַקע פאָרגעקומען צו „שלושים" נאָך ש. אַנסקים טויט, דעם 9־טן דעצעמבער 1920. דער טייע־רער, האַרציקער, אמת־פּוילישער ייד דוד הערמאַן האָט אַריינגעלייגט אין דער אויפפירונג זיין האַרץ און נשמה. די הויפּט־ראָלע — דעם מיראָפּאָלער צדיק האָט געשפּילט דער אינטערעסאַנטער מענטש און קינסטלער אברהם מאָ־רעווסקי. לאה איז געשפּילט געוואָרן דורך מרים אָרלעסקאָ. אויך די אי־בעריקע ראָלן זענען צעטיילט געוואָרן צווישן די בעסטע מיטגלידער פון דער טרופּע, און יעדער איינציקער האָט זיך איינגעאייגנט אין זיין ראָלע און אַרויסגעשלאָגן פון איר און אויך פון זיך דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דער דיבוק" איז טאַקע געווען גוט אויסגעפאָר־מירט, און די מוזיק און די בילדער און די שאָטנס און האַלבע שאָטנס פון דער אַלגעמיינער אַטמאָספער זענען געווען גוט צונויפגעפּאַרט, און דער עולם איז געווען שטאַרק באַגייסטערט. און נישט נאָר די וואַרשעווער יידן האָבן געכאַפּט התפעלות פון דער פאָרשטעלונג. עס האָט זיך אָנ־געהויבן אַן אמתער „עולה רגל" זיין, — מען איז געקומען פון אַנדערע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך צו זען דעם סצענישן וווּנדער. אויך די נישט־יידישע וועלט האָט מיט גרויס פאַרגאַפונג געזען די עקזאָטישע וועלט פונעם „דיבוק" ביי דער „ווילנער טרופּע", און וואָס־ווייטער האָט דער „די־בוק" צוגעצויגן אַן אַלץ־גרעסערן עולם. ווען איך בין געקומען סוף מערץ 1921 קיין וואַרשע, איז די פאָרשטעלונג נאָך אַלץ געגאַנגען ביי פול־גע־פּאַקטע זאַלן.

און ווי עס טרעפט אָפט נאָך אַ באַזונדער־דערפאָלגרייכער אויפפי־רונג, האָבן שוין די ווייטערדיקע סצענישע פּרוון נישט „גענומען" דעם עולם. מ'האָט אויפגעפירט שלום אשם „אמנון" און תמר", געגעבן נאָך עפּעס אַן אויפפירונג, אָבער אָן דערפאָלג. אינצווישן זענען די „ווילנער" אַרויסגעפאָרן אויף אַ טור איבער די גרעסערע שטעט פון פּוילן, צוריק־געקומען קיין וואַרשע און זיך געלאָזט איבער גאַליציע, פון דאָרטן געמאַכט אַ טריומף־רייזע קיין ווין, בערלין, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, ענגלאַנד,

און אומעטום איז די „ווילנער טרופּע" געווען אן אמתע אנטפּלעקונג. אין משך פון אַט דער צייט, פאַר די צוויי יאָר, זענען צוליב פאַרשידענע סיבות און מאָטיוון פאָרגעקומען אָפּפלוסן פונעם שוישפּילערישן מאַטעריאַל, און מאַי 1923 איז די טרופּע געשפּאָלטן געוואָרן: — א טייל, מיט ניי־צוגעקומענע שוישפּילער, איז אוועק קיין אַמעריקע, און א טייל — קיין רומעניע. און ביידע טיילן, יעדער איינער אויף זיין אופן, האָט קיין האָניק נישט געלעקט. אָבער דאָס איז שוין א ווייטערדיקער קאַפּיטל געשיכטע פון די „ווילנער", צו וועלכע אונדז וועט נאָך מסתמא אויסקומען זיך אומצוקערן, ווען מיר וועלן דערציילן וועגן דעם ווייטערדיקן לעבן און שאַפן אין יידישן פּוילן.

און דערווייל, ווען די „ווילנער" זענען געווען פאַרטאָן איבערן קאָפּ מיטן „דיבוק" און געשניטן די פּרוכט פון זיין אומגעריכטן און נישט־געעדאַכטן דערפאָלג, האָט זיך אין וואַרשע אָרגאַניזירט אינעם „צענטראַל"־טעאַטער, אויף לעשנא 1, א נייע טרופּע מיט זיגמונט טורקאָוו און אידא קאַמינסקי בראש (אין אייניקע פּיעסעס האָט זיך באַטייליקט אסתר רחל קאַמינסקי, מאַמע פונעם יידישן טעאַטער, די מוטער פון אידא קאַמינסקי). נאָך אייניקע פּיעסעס פון א פריערדיקן רעפּערטואַר קומט די ערשטע ערנסטע ז. טורקאָוו־אויפפירונג — מאָליערס „קאַרגער" (איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש אהרן איינהאָרן). די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען דעם 16־טן אויגוסט 1921. דאָס איז געווען א נייער אַטעסטאַט פאַר דעם טאַלענטפולן און אַמביציעזן רעזשיסער און שוישפּילער זיגמונט טורקאָוו. נאָך דעם זענען געגאַנגען נאָך אויפפירונגען, ווי מאָליערס „ליבע אַלס דאָקטאָר" און „שטיגליץ".

און אין א צייט פון א שטילשטאַנד און פאַרצווייפלונג, ווען מ'איז, ווי עס טרעפט אָפט אין א טעאַטער, געשטאַנען ווי פאַר א טויבער וואַנט, איז עמעצן איינגעפאַלן, מען זאָל פּרוּוון דאָס מזל מיט שלום אשס „מאָטקע גנב", א פּיעסע וואָס איז צוגעשניטן פונעם ראָמאַן, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. מען איז צוגעטראָטן צו אָט דער אויפפירונג אָן ווילן, אָן גרויסער האָפענונג, מ'האָט אפילו געקאַרגט א פּאָר הונדערט זלאָטעס אויף דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. דעם 17־טן אַפּריל 1922 האָט מען געגעבן די ערשטע פאָרשטעלונג מיט דער דעה אָפּצושפּילן זי עטלעכע מאָל און פאַרענדיקן ווי ס'איז דעם סעזאָן. אָבער גאָר אומגעריכט האָט די פּיעסע „מאָט־

קע גנב" „אַנגעריסן" און זי האָט זיך געהאַלטן אויף דער בינע לאַנגע צייטן און איז דערנאָך געשפּילט געוואָרן אין אַנדערע שטעט, און איז געווען פאַר דער טרופּע און פאַר אייניקע אַנסאַמבלען און שוישפּילער דאָס, וואָס דער „דיבוק" איז געווען פאַר די „ווילנער". מאָטקע גנב האָט געשפּילט א. סאַמבערג, מערי — קלאַראַ סעגאַלאָוויטש א. א. וו.

דער לײדנשאַפטלעכער און שטענדיק אימפּעטפולער זיגמונט טורקאָוו, אויפגעמונטערט פונעם דערפאָלג, האָט באַקומען נייע גרויסע אַמביציעס, און מיט דער הילף פון דער ענערגישער און דורך־און דורך־טעאַטראַלישער אידאַ קאַמינסקי האָט ער צוגעגרייט און אויפגעפירט איין פּיעסע נאָך דער אַנדערער פון יידישן און פון וועלט־רעפּערטואַר, אין וועלכע ער גופא האָט געשפּילט הויפּט־ראָלן און צוגעצויגן אויך אַנדערע שוישפּילער, וואָס האָבן ביז דאַן געשפּילט גאָר אין דעם מעלאָדראַמאַטישן טעאַטער. עס זענען געשטעלט געוואָרן לעאָניד אַנדרעיעווס „זיבן געהאָנגענע", און גאָגאָלס „רעוויזאָר" (איבערגעזעצט דורך ז. סעגאַלאָוויטש). עס איז אויך געווען דער גרויסער פאַרדינסט פון זיגמונט טורקאָוו אויפצופירן צום ערשטן מאָל דר. שלמה עטינגערס „סערקעלע" (די פּיעסע, וואָס איז געווען געשריבן אין די 20־ער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט — און איז אַמאָל צוערשט געשפּילט געוואָרן דורך די תּלמידים פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול מיט דעם יונגן אברהם גאָלדפאַדען אין דער ראָלע פון סערקעלע). די הויפּט־ראָלע, סערקעלע, די ערשטע „אשת־חיל" פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, האָט געשפּילט די פאַרדינסטפולע, די האַרציקע און טיפע אסתּר רחל קאַמינסקי, דער ליבלינג פונעם יידישן טעאַטער אין פּוילן. שפּעטער איז אויך געגעבן געוואָרן מענדעלעס „פּריזיוו" (מיט אַ פּראָלאָג פון י. מ. ניימאַן), מיט יאָנאַס טורקאָוו אין דער הויפּט־ראָלע.

אָט דער נייער, יונגער טורקאָוו־קאַמינסקי־טעאַטער, מיט זיין ערנסטן צוגאַנג צום יידישן טעאַטער און מיט זיין אומדערמידלעכער אַרבעט אַרויסצוגעפינען נייעם רעפּערטואַר און אים גלענצנדיק מיט גרויס פאַרשטענדעניש און לײדנשאַפט אויפפירן, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער אין פּוילן, פאַר דער באַנייאונג פונעם רעפּערטואַר און פאַר דעם וווּקס פון פיל אַקטיאָרן. נאָך אַ לענגערער טורנע איבער די יידיש־פּוילישע שטעט, איז דער טעאַטער צוריקגעקומען קיין וואַרשע, און אונטער דער אָנפירונג פון ז. טורקאָוו און אידאַ קאַ־

מינסקי איז אָקטאָבער 1926 געגרינדעט געוואָרן אין קאַמינסקי־טעאַטער דער „וויקט" (וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער), וואָס האָט פונדאַסניי געגומען אויפריכטן און אויסבויען אַ שיינע היים פאַרן ערנסטן און קינסט־לערישן יידישן טעאַטער און פאַר בעסערע יידישע און וועלט־פּיעסעס.

ווען די טורקאָוו־טרופּע איז אין 1924 געווען איבער דער פּראָווינץ, איז אינעם זעלבן „צענטראַל־טעאַטער" אין וואַרשע געגרינדעט געוואָרן אַ פיינע טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון משה ליפּמאַן, וואָס האָט געגעבן אייניקע דראַמאַטישע אויפפירונגען, ווי מענדעלעס „פישקע דער קרומער" (דראַמאַטיזירט, נישט גאָר געהויבן דורך יעקב וואַקסמאַן), „יחוס" פון שלום אַש, קאַדעלבערגס „דער שוואַרצער פלעק", חנא גאָטעספעלדס „גע־וואַלד, ווען שטאַרבט ער?" שפּעטער איז אינעם טעאַטער דורך אַ. מאָ־רעווסקי און מ. ליפּמאַן געשטעלט געוואָרן אַלטער קאַציזנעס פּיעסע „דער דוכּוס", וואָס איז געגאַנגען מיט אַ. מאָרעווסקי אין דער הויפּט־ראָלע אַ לענגערע צייט אין וואַרשע, איבער די פּוילישע שטעט און אויך אין אויס־לאַנד.

אויסער די וויכטיקערע טעאַטער־טרופּעס, וואָס האָבן אין די ערשטע יאָרן פון דעם יידישן לעבן אונטער דער פּוילישער מלוכהשאַפט זיך פאַר־מאָסטן אויף וויכטיקערע אויפטועז, זענען געווען נאָך און נאָך יידישע טע־אַטער־טרופּעס, באַשטענדיקע אָדער צונויפגעשטעלטע פון סעזאָן צו סעזאָן, ווי אויך אייניקע אַנסאַמבלען, געשטיצט אין פאַרשידענע שטעט דורך טע־אַטער־געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געפירט אַ מער־וויינציקער פיין טעאַטער־לעבן, מיט מער אָדער ווייניקער טעאַטער־דערפאָלג און מיט אַ נישקשהדיקן אָדער נישטיקן מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר, אָדער פון די באַקאַנטע „מאַכאַרייקעס", ווי מ'האָט עס גערופן אין פּוילן, אָדער פון די אַמערי־קאַנער מעלאָדראַמאַטישע שונד־שטיק, וואָס מען האָט אַריבערגעשמוגלט אָדער אַריבערגעבראַכט קיין פּוילן פון דעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער, אָדער וואָס די אַמעריקאַנער געסט, די גאַסטראָלערן, האָבן מהנה געווען דעם יידישן מאַסן־עולם אין פּוילן מיט פּיעסעס, דורכאויס אַמעריקאַנער־יידישע און מיט די אַנגליציזמען, וואָס מען איז זיך נוהג צו פאַרבראַקן אַ יידישע פּיעסע אין אַמעריקע, דאָס אַלץ האָבן אַריינגעבראַכט די אומ־פאַראַנטוואָרטלעכע „סטאַרן" קיין פּוילן ווי עס שטייט און גייט, אַפילו נישט צוגעפּאַסט פאַר דעם יידישן צושויער אין פּוילן.

עס איז קלאָר, אַז דאָס יידישע טעאַטער, ווי די יידישע קינדער־שול, האָט פון דער מלוכהשער און שטאָטישער קאַסעס גאָרניט געקראָגן, קיין שום סובסידיע איז ניט געגעבן געוואָרן פאַר דעם יידישן טעאַטער, הגם יידן האָבן געטראָגן אויף זיך די לאַסט פון די מלוכה־און שטאָט־שטייערן מיט גאָר דער שווערקייט, און אפשר, ווי אַ שטאָטישער עלעמענט, נאָך פיל מער פּראָפּאָרציאָנעל ווי די נישט־יידן. עס איז געווען אַמאָל אַ זעלטענער אויסנאַם, אין גראָדנע, ווו דאָס יידישע טעאַטער האָט אין משך פון עטלעכע יאָר געקראָגן שטיצע פון דער שטאָט־קאַסע. אַמאָל אויך אין ווילנע. דערפאַר אָבער האָט מען שוין זיך באַמיט אין די רעגירונגס־און שטאָטישע קרייזן, ווו אַנטיסעמיטיזם איז געווען אַלע יאָרן שטאַרק געוואַקסן, אַז מען זאָל אונטערברענגען די יידישע טעאַטער־אונטערנעמונגען. אין די „קרעסן", אין די ווייסרוסישע, גאַליצישע, ליטווישע און וואָלינישע שטעט, ווו די פּוילישע רעגירונג האָט געפירט אַ שטאַרקע פּויליזירונג צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג, האָט מען געשטערט מיט אַלע מיטלען דעם יידישן טעאַטער. אין אייניקע ערטער האָבן די אָרטיקע „מושלים" דורך אייגענע פאַראָרדענונגען געשטערט דאָס נאָרמאַלע שפּילן פונעם יידישן טעאַטער. עס האָט זיך נישט איין מאָל איבערגעחזרט די שווערע לאַגע, וואָס איז געווען אַמאָליקע יאָרן אין צאַרישן רוסלאַנד מיטן יידישן טעאַטער

און נאָך אַ שווערע פּלאָג פאַרן יידישן טעאַטער אין פּוילן, אַזוי אין וואַרשע און אַזוי אויך אין אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט. עס איז שווער געווען צו קריגן אַ לייטישע געביידע, ווו צו שפּילן יידיש טעאַטער. דאָרטן, ווו עס האָט געשפּילט דאָס פּוילישע טעאַטער, האָט מען פאַר אַ יידישער טרופּע אין קיין פאַל נישט געגעבן. מען האָט נישט געלאָזט „מטמא זיין די ווענט, די בינע מיט דער „זשאַרגאָנאָווער" שפּראַך. אין פיינערע גאַסן האָט מען בכלל פאַרבאָטן צו שפּילן יידיש טעאַטער. מען האָט שוין געפונען די בעסטע אויסריידן, אַז „דער אריינגאַנג איז צו שמאָל", אַז „די סטעליע איז געפערלעך", אַז „צוליב שרפה־געפאַר טאָר מען נישט שפּילן"... אַזעלכע קוריאָזן זענען געווען פיל, מען קאָן אָנזאַמלען אַ גאַנץ בוך, וואָס וועט ווייזן, ווי די פּוילישע רעגירונג האָט מיט אַלע מיטלען באַקעמפט דאָס גייסטיקע און מאַטעריעלע לעבן און שטרעבן פונעם יידישן פאָלק. אויך די צענזור האָט געאַרבעט מעשים און

נישט דערלאָזט קיין פריי וואָרט אויף דער בינע. דאָס איז שוין אַן ענין פאַר זיך! די געשיכטע מיט די „צענזורקעס" איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס וואַרפט ליכט אויף דעם ווילקיר פון דער פּוילישער רעגירונג און אָפּט־מאָל אויך אויף אירע יידישע אַרויסהעלפער, די „געלערנטע יידן" אַרום דער מלוכה. עס וועט נאָך קומען צו רייד וועגן דעם ווייטער, אין די שפּע־טערדיקע קאַפּיטלען אין בוך.

צום לויב פון דעם יידישן אַקטיאָר אין פּוילן דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט אין דעם גרעסטן רוב געפּילט די אחריות פאַרן יידישן וואָרט און געטראָגן הויך די פאָן פון דעם יידישן טעאַטער, הגם אָפּטמאָל איז אים אויסגעקומען צו גיין אויף פּשרות און צוליב דערפאָלג נישט שטאַרק מקפּיד זיין אויף דער ערנסטקייט פון דער סחורה, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם עולם (וואָס איז, ליידער, אָפט אַסאָציאירט מיטן אומווירדיקן וואָרט עולם־גולם!). דער בעסערער יידישער אַקטיאָר אין פּוילן איז געווען אַ מענטש פון דער יידישער געזעלשאַפט, געטראָגן דעם עול פון אַ יידישן קינסטלער און ער איז געווען אַריינגעצויגן אינעם אַלגעמיינעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס מען זעט עס און מען פילט עס שאַרפער און באַשיינפּערלעכער אין דער יידישער אַמעריקע, וווּ דער יידישער אַקטיאָר איז זיין גרעסטן רוב איז באַזייטיקט פון דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון די קולטור־פּאָזיציעס.

די יערלעכע פאַרזאַמלונגען פון דעם אַמעריקאַנער יידישן שוישפּי־לער, וווּ זייער אָנפירער האַלט די זעלבע אויסגעדראָשענע דרשה (אָפּקאָ־פּירט און אָפּגעשריבן מיט קליינע ענדערונגען זינט יאָרן!), וווּ קיין איין שוישפּילער דערוועגט זיך נישט עפּעס צו פרעגן אָדער אָפּפרעגן, וואָס ווערט באַגלייט מיט שטילשווייגן פון דער גאַנצער פּראָפעסיע, — יעדעס מאָל, ווען איך הער וועגן דעם, דערמאָן איך זיך די יידישע אַרטיסטן־צוזאַמענפאָרן אין פּוילן, וואָס פלעגן פאָרקומען יעדעס יאָר ביים בייזיין פון אַלע יידישע שוישפּילער און אויך ביי דער באַטייליקונג פון פאָר־שטייער פון דער יידישער פּרעסע און יידישער קולטור־וועלט. די יערלעכע אַרטיסטן־צוזאַמענפאָרן אין פּוילן זענען געווען אַ געשעעניש אינעם יידישן טעאַטער־לעבן, זיי זענען געווען אַן אמתער „יום־הדין" פאַר די פאַרוואַל־טונגען, פאַר די פירער אין אַרטיסטן־פאַראיין (לעשנאָ 2), זיי האָבן גע־האַלטן אין שפּאַנונג עטלעכע טעג די באַטייליקטע און די געסט. עס פלעגן

קומען צו די יערלעכע צוזאַמענפֿאָרן דעלעגאַטן פֿון גאַנץ פּוילן, וווּ ס'איז ערגעץ ווּ געווען אַ יידישע טעאַטער־טרופּע. עס זענען געווען רעפֿעראַטן און באַריכטן און אויספֿירלעכע דיסקוסיעס, אין וועלכע אייניקע האָבן זיך געלאָזט ווילגיין, אָבער אייניקע האָבן פֿאַרמאָגט אין זיך אחריות און ווילן און צילבאַוווסטקייט. נאָך די רעפֿעראַטן, דעבאַטן און באַשלוסן פֿלעגן פֿאָרקומען וואָלן פֿאַר אַ נייער פֿירערשאַפֿט. יאָ, עס איז געווען אַ יידיש־טעאַטראַליש קולטור־שעפֿעריש לעבן אין יידישן פּוילן.

דער יידישער שוישפּילער, סיי זיין אָנפֿירערשאַפֿט און סיי איינצלנע אַקטיאָרן זענען געווען טעטיקע און באַוווסטזיניקע מיטטוער אין די פֿאַרשידענע עפֿנטלעכע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרמעסטן און אויפֿטוען. אין יובילייען, אין פֿאַרשידענע קאָלעקטיווע טעטיקייטן זענען זיי כּסדר געווען באַטייליקט. צווישן טלאָמאַצקע 13 (דער צענטער פֿונעם יידישן שרייבער, ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פֿאַריין, פּען־קלוב) — און לעשנאָ נר. 2 (דער צענטער פֿינעם יידישן שוישפּילער און אַרטיסטן־פֿאַראיין) — איז געווען אַ שטענדיקע פֿאַרבינדונג און אַ בריק איז געווען איבערגעוואָרפֿן פֿאַר אַ הין־און־צוריק פֿאַרקער. קיין איין שמחה פֿונעם טעאַטער איז נישט אַדורך אָן דער פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿונעם יידישן שרייבער, און אַזוי אויך פֿאַרקערט — דער יידישער אַרטיסט איז געווען אַ אָנגעזעענער מחותן אויף ליטעראַרישע חתונות און שמחות. פּרעסע און טעאַטער זענען געווען שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס נישט בלויז אַמאָל אין אַ יובל, נאָר שטענדיק, אין די טאָג־טעגלעכע פֿאַרהעלטענישן און באַציאונגען. דאָס איז, אגב, געווען אַ טראַדיציע פֿון די צייטן פֿון י. ל. פּרץ, וועלכער האָט אין זיין צייט, ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען פֿון דער ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער, — באַמיט זיך אַריינצוגלידערן דאָס יידישע טעאַטער אין דעם קולטור־שאַפֿערישן לעבן, און וואָס אויך פּרץ הירשביין האָט אויף זיין שטייגער, נאָך אין די יאָרן פֿאַרן ערשטן וועלט־קריג, באַמיט זיך צו טון.

און ווען מיר רעדן וועגן אָט די ע־נסטע פּרוּוון צו פֿאַרבינדן ענגער און אינטימער ליטעראַטור מיטן טעאַטער, קונסט מיט דער בינע, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן מיט אייניקע פּרטים און כאָטש בקיצור אויף דעם ערנסטן פּרוּוו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין וואַרשע און גלייכצייטיק אין לאָדזש (שפּעטער אויך אין ווילנע און ביאַליסטאָק) צו שאַפֿן קליינע יידישע טעאַטערלעך, וואָס האָבן געטראָגן דעם אַלגעמיינעם נאָמען „קליין

קונסט־בינע" אין פאַרשידענע וואַריאַציעס, — אין וואַרשע, — „אַזאַזעל", אין לאָדזש „אַראַראַט", און שפּעטער — „סמבטיון", די „באַנדע" א. א. וו.

אין יאָר 1925 איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע, נאָך פיל הכנות און כוונות און צוגרייט־פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען, דער טעאַטער־קאָלעקטיוו „אַזאַזעל" מיט דוד הערמאַן, טעא אַרצישעווסקא (אַמאָל האָט זי געהייסן מרים איזראַעלס, דערנאָך פּרוי קראַטקאַ, וואָס האָט געהאַט אין וואַרשע אַן אייגנאַרטיק קינסטלעריש הויז, אַ מין יידישער סאַלאָן, וואָס האָט איינגעאָרדנט אָפּט פיינע ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן), די קינסטלער ה. בערלעווי און אויך וו. וויינטרויב א. א. אין דער שפּיץ. פון די שוישפּילער זענען געווען אייניקע פיינע יונגע שוישפּילער און אָנ־פאַנגער פון דער יידישער און אויך פון דער פּוילישער בינע, ווי אויך די יוגנט פון דוד הערמאַנס דראַמאַטישער סטודיע. צווישן די נייע טאַ־לענטן האָט זיך אַרויסגערוקט די יונגע שוישפּילערין פון דער פּוילישער בינע אַלאַ לילית, דער אַרטיסט וול. גאָדיק א. א. עס זענען געווען פיינע, געשמאַקע, קורצע געזאַנג־שפּיל און טאַנץ־נומערן, קורצע סצענעס, פיין צוגעגרייט, מיט געשמאַק אויסגעצירט און מיט אָפּטמאָל זייער טרעפלעכע ניואַנסירונגען. נאָך אַ פּאָר חדשים שפּילן אין אַ ספּעציעל־צוגעגרייטן און איבערגעבויטן זאַל אויף נאַלעווקי 2, אין סימאָן־פּאַסאַזש, האָט דאָס טעאַטערל געמוזט איבעררייסן זיינע ווייטערדיקע אויפפירונגען און עס זענען דערנאָך מיט דעם־אָ און אַנדערע נעמען אויפגעקומען פאַרשידענע אַנדערע קליין־קונסט־בינעס, אָבער שוין אָן דעם ערנסט און ציטער און געשמאַק פון דעם ערשטן אמתן „אַזאַזעל".

גאָר לייטיש און מיט אייגנאַרטיקע טענער און סטיל איז געווען דער קליין־קונסט־טעאַטער אין לאָדזש „אַראַראַט", וואָס משה בראָדערזאָן, אָט דער זינגענדיקער טרובאַדור, האָט אויסגעכאַוועט מיט דער הילף פון זיינע אייניקע פריינד קינסטלער, מוזיקער שוישפּילער, ווי יצחק ברוינער, הענעך קאָן, און מיט די דערנאָך זייער פּאָפּולערע קליינקונסט־קינסטלער ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער, און אין וועלכע שיינע מרים, בראָדערזאָנס פרוי, האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע. במשך פון דער צייט האָט משה בראָדערזאָן באַוויזן אַרומצורינגלען זיך מיט אַ פיינער גרופּע יונגע שטי־פער־שוישפּילער, וואָס האָבן לכתחילה אין לאָדזש און מיט יאָרן שפּע־

טער — אין ווארשע און אין אנדערע שטעט געשפּילט פאַר גרויסע אוי־דיטאָריעס זייער איינגאַרטיקן רעפּערטואַר, וואָס האָט געהאַט אין זיך דעם ספּעציפישן בראָדערזאָנישן קאָלאָמבורישן און שפּילעוודיקן כאַראַקטער, ווי אויך שטייגער־סצענעס און מאָנאָלאָגן, וואָס דאָס פּאָרל דזשיגאַן און שומאַכער האָבן דערלאַנגט דעם עולם אויף פאַרשידענע אופנים, אַמאָל מיט גרויס געשמאַק און דערנאָך אויך — נישט שטאַרק איבערקלייבע־ריש. איבערהויפּט, ווען מען האָט זיך דערנאָך פאַראייניקט מיט אַנדערע קליינקונסט־גרופּעס, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אין דעם איינהייטלעכן „אַראַראַט" אַנדערע טענער, סטיל און מאַנירן.

אָבער לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג און נישט רעדן איצט וועגן זאַכן און דערשיינונגען, וואָס זענען געשען מיט יאָרן שפּעטער, שוין אין די 30ער יאָרן, נענטער צום צווייטן וועלט־קריג. מיר האַלטן איצט מיט אונדזערע פאַרצייכענישן פיל פריער, מיר האַלטן ביי די יאָרן 1923־1924.

וואָס מען דאַרף באַטאָנען: דאָס יידישע טעאַטער און דער יידישער שוישפּילער זענען געווען אַ גליד אין דער גרויסער קולטור־קינסטלערישער משפּחה, זיי האָבן געבראַכט צום אויסדרוק די צייט־שטימונגען און צייט־מאָטיוון, — דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע און כאַראַקטעריסטישע פונעם יידישן טעאַטער, וואָס ער האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך אַלדי מעלות און חסרונות פונעם יידישן לעבן אין פּוילן, זיינע ליכט־און שאָטן־זייטן.

10

אומצופרידנקייט, קריטיק און מאָנונגען

עס ליגן איצט פאַר מיר די גרויסע העפטן, די נומערן פון דעם קריטיש־ביבליאָגראַפישן זשורנאַל „ביכער וועלט", וואָס איז אַרויס אַלע צוויי חדשים אַ נומער אין ווארשע דורכן פאַרלאַג „קולטור־ליגע". דער גרויסער שער־בלאַט איז באַצירט מיט דער זייער פיינער צייכענונג, וואָס עס האָט געמאַכט דער דיכטער מלך ראַוויטש. אַרום און אַרום זענען פון אַט דעם זשורנאַל דערשינען 10 גרויסע העפטן, — איינצלנע און טאָפּעלע

גומערן, — פון יאַנואַר 1922 ביז אַפּריל 1924, אַרום און אַרום א 1240 עמודים, — 620 גרויסע זייטן. זיי זענען אָנגעפּיקעוועט און אָנגעשטאָפּט מיט פאַרשידנאַרטיקן רייכן, אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן מאַטעריאַל. א גאַנץ פערטליאָרהונדערט טיילט אונדז אָפּ פון יענער צייט, ווען די גרויסע העפטן זענען דערשינען, און זיי זענען ביז איצט וויכטיק, רייצנדיק און אינטריגירנדיק!

סוף כל סוף זענען די נומערן דערשינען דורך א פאַרלאַג און דורך א גרופּע, וואָס האָבן געליטן מאַנגל אין געלט, מאַנגל אין טעכנישע מיטלען, אָן דעם פּאַסיקן אַרויסגעבערישן און רעדאַקציאָנעלן אַפּאַראַט, און עס איז ממש צום באַוווּנדערן די אַלזייטיקייט און די פּאַכמענערישקייט און די באַהאַוונטקייט פון דער גרופּע און פון די נאָענטע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט אין יענער צייט גרויסע אַמביציעס און טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַלע אירע געביטן! אין יעדן נומער— עטלעכע אַרטיקלען און צענדליקער רעצענזיעס און אַלץ איז געגעבן מיט א טאַלק און מיט א סיסטעם. עס איז געווען א קאָלעקטיוו שאַפן און א קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביים צוגרייטן דעם מאַ־טעריאַל און ביים רעאַליזירן אים. אויף יעדן געביט איז פאַרטראָטן דער פאַכמאַן און מיט גאָר דער ערנסקייט און אָן די גוט־באַקאַנטע „גוטברו־דערישע" אָפּרופן און ליובעניש. מען איז שטרענג איינער צום אַנדערן, און עס איז נישטאָ קיין משא פּנים און מען האַלט זיך נישט אָפּ אָפּט, ווען מ'דאַרף, אַריינצוזאָגן א חבר, א פריינד און א מיטאַרבעטער.

צווישן די פאַרשידענע אַרטיקלען און דער מאַסע רעצענזיעס קאָן מען אָנקלייבן א גרויסע צאָל, ווו די קריטיקער און רעצענזענטן זענען זייער שטרענג און שאַרף. מען טייטלט אָפּן און קלאָר אויף די געמאַכטע פעלערן און מען פאַרשווייגט נישט קיין פעלערן און קיין שוואַכע פּונקטן. עס איז זייער אינטערעסאַנט אָט די אומצופרידנקייט, די נישט־באַפרי־דיקייט פון ווערק, פון זשורנאַלן, פון זאַמלביכער. די קריטיק איז אַן ערנסטע, זי איז געצילט אין פּונקט אַריין און רופט קלאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. מען מאָנט און וואָרנט. דאָס איז דער צייכן פון יענער צייט און פון דער גרופּע, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן זשורנאַל און וואָס איז געווען אָנגערעגט און געשפּאַנט פאַר קאַמף, פאַר געראַנגל. אָט די אומצו־פרידנקייט און נישט־באַפרידיקייט איז געווען א וויכטיקער קען־צייכן און

איינגשאַפט פון דער גרופּע שרייבער, פון די דיכטער און שרייבער־טועראום דער „קולטור־ליגע" און אירע צייטשריפטן. דאָס זענען געווען די הויפּט־שטריכן פון איר ליטעראַרישן וועלט־באַנעם — נישט צו אַנערקענען קיין אויטאָריטעטן און צו פאַרלאַנגען און צו פאָדערן ערנסט אין דראַנג, ציל און צוועק פון אַלע קולטור־שאַפער — צי איז עס אַ דיכטער, אַ דערציילער, אַן איבערזעצער, אַ קינדער־שרייבער, אַ מוזיקער, אָדער אַ פאַרפאַסער פון לערן־ביכער.

אונדז איז שווין אויסגעקומען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען זיך אָפּצושטעלן אויף איניקע אַרטיקלען, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט און אָפּגעשאַצט פאַרשידענע ווערק. און פאַרשידן איז מען צוגעגאַנגען צו קריטיקירן, מיט אַ פאַרשידענער שפּראַך און אויף אַ פאַרשידענעם אופן. עס איז נאָך נישט ביי אַלעמען קלאָר דער וועג, וווּהין מען וויל פירן, מען קאָן נאָך אָפט קלאָר נישט פאָרמולירן די טענות און פאָרוואָרפן, מען בלאָנדזשעט נאָך גענוג אַליין. אָבער אין דעם גופא, וואָס דער שאַבלאָן געפעלט נישט, וואָס ער רעגט אויף — אין דעם אַליין איז דאָ אַ שטיק אמת און נייקייט.

דער הויפּט־שטריך איז געווען — דאָס געפיל, אַז מען הויבט אָן אַ ניי גרויס לעבן, און אַז עס עפענען זיך געוואַלדיקע גרענעצלאָזע מעגלעכקייטן. מען האָט באַשיינפּערלעך געשפּירט די כוחות, וואָס קומען און וואָס וואַקסן אין אַלע ווינקעלעך פונעם לעבן. אין עס איז געווען טיפער גלויבן און מען האָט עס געשפּירט אין זיך און אין אַרום. יעדער אַרטיקל איז אַזוי־אַרום געווען אָנזאָג און פירזאָג. און עס איז דערביי געווען אויך דאָס יונג־פּאַטערלעכע געפיל ביים צוזען ווי די יונגע שאַפער פאַרמעסטן זיך אויף פליען, אויף הויכן, אויף ווייטקייטן. און יעדער איינער איז געקומען מיט פאַרשלאַגן, מיט פּלענער, מיט טרוימען. און עס איז געווען פאַרגאַפונג פון נייע שאַפער, פון נייע דיכטער און דערציילער. הקיצור, פרילינג, אָנהויב, מעשה בראשית. און דעריבער האָט באַזונדערס פאַרדראָסן אָנצוטרעפן דאָ און דאָרטן מידקייט, מהיכי־תיתידיקייט, גלייכגילט, טראַפאַרעט.

פּרץ מאַרקיש איז אויפגעציטערט פון די עטלעכע קליינע לידער־ביכעלעך מיטן נאָמען „ווידערוווקס", וואָס זענען פרישע ערשט־אָ אָנגעקומען פון קיעוו, פון דער נישט־לאַנג צעבלוטיקטער יידישער אוקראַינע,

— לידער־ביכעלעך פון די יונגע איציק פעפער, א. שוחט, מ. כאַטשעוואַצקי, וועלעדניצקי, ד. האָפשטיין. און פרץ מאַרקיש באַגריסט זיי אויף זיין האַרציק־טרויעריקן, פייערלעך־הויכן און לירישן שטייגער: „גרוסן פון אוקראַינע. ווידערגעוווּקס. עפּעס אַ שטילע און צאַרטע טויבן־פּאָסט פון יענער זייט גרענעץ אוקראַינע גנבעט זיך דורך אַהער מיט פריידפולע גרוסן און געזאַנגען. אינאיינעם מיט דער שווידערלעכער יללה פון דרום: „ברויט!" — שווימען איבער דער גרענעץ, ווי אויף אומזעבאַרע כוואַליעס אומעט, — אָפּגעטעסעטע שמעקנדיקע שפּענער פרייד". פרץ מאַרקיש ברענגט עטלעכע פריידיקע שירות פון דעם יונגן איציק פעפער, און ער גיט צו: „אַזוי הויבט אָן זיין „בריוועלע", ניט ביכעלע, נאָר בריוועלע צו אונדז דער יינגסטער און דרייסטעסטער פון דעם ווידער־אויפגעוואַקסענעם שבט דיכטער אויף אַש אין חורבות פונעם אָפּקומענדיקן און אויפקומענדיקן ווײַ־לאַנד — איציק פעפער. אַזוי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן אונדזערע יינגערע ברידער־דיכטער אויף יענער זייט גרענעץ, — ווידערוווּקס . . . "

ווי מאָדנע און מערקווירדיק עס קלינגען איצט, נאָך 27 יאָר, און ווידעראַמאָל נאָך אַ גרויזאַמען חורבן, די פריידיקע און מונטערע ווערטער פון פרץ מאַרקיש, — דאַן, אין 1922, דער יונגער שטיפערישער, צער־ און צאָרנדיקער דיכטער, וואָס האָט אליין איינגעזאַפּט אין זיך גאָר די פרייד, גאָר דעם אויפברויז און גאָר די גרויזאַמקייטן פון דעם בירגער־קריג פון די יידישע שחיטות אין אוקראַינע. פרץ מאַרקיש זאָגט ווייטער אין זיין רעצענזיע: „לאָמיר אויפעפענען דעם ספר־הזכרונות פון שוואַרצן פּאַטאָס פאַר די לעצטע פּאָר יאָר אין אוקראַינע, מיט וועלכן מיר זענען שוין געגאַנגען ווי מיט אַ שוואַרצער „יעוואַנגעל, צו די טויערן פון שגעון", — וועלן מיר דערפילן אין די קלײנינקע ווידערגעוואַקסענע ביכלעך דעם זומערדיקן ריח פון זאַנגען מיט קערנדלעך וויינענדיקע פאַר פרייד. מירן דערהערן דאָס געזאַנג פון תבואה, אויפגעגאַנגענער אויף פעלדער פון אַזאַ פאַרוויסטעוועט און פאַרלאָזט לאַנד, פון וועלכן פאַרטריקענישן האָבן צעטריבן..." („ביכער־וועלט", 1922, נ' 3, ז'ז 274-277).

און מלך ראַוויטש — אַליין אַ יונגער דיכטער מיט נייע מאָנונגען און וואָרענונגען צו דער וועלט — איז פאַרגאַפּט פון אַ צווייטן אומרו־איקן און מאָנענדיקן דיכטער, פון זיין גאָראַנדערשדיק לידער־ווערק, פון

דעם אמאָליקן א. צ. גרינבערגס „מעפיסטאָ״, וואָס זיין צווייטע אויפלאַגע דערשיינט דורכן „ליטעראַטור־פאָנד״ ביים ליטעראַטן פאַראיין אין וואַר־שע. ער רעדט אין זיין רעצענזיע וועגן „דעם טיפן, טיפן, איבערמענטש־לעכן טרויער, וואָס נאָר א דיכטער קאָן איבערלעבן און נאָר א דיכטעריש־צוגעגרייטער מענטש קאָן נאָכפילן״, און ער באַצייכנט דאָס בוך ווי א „שיר־השירים פון טרויער״, וואָס „פאַרשיכורט מיט אזא שיכרות־טרויער דיין צום אויפנעמען פעאיק האַרץ, ווי דו וואָלסט אין דיין בלוט אריין איניצירט א שווערן אָפּיום״. (דאָרט ז׳ 278).

און אין דעם זעלבן נומער „ביכער־וועלט״ (נ׳ 3, מאַי־יוני 1922) איז דאָ אַן אַרטיקל פון י. י. זינגער וועגן די אַמעריקאַנער „שריפטן״ (פרילינג 1921), וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש מיט זיין דעמאָלסדיקן צוגאַנג צו ליטעראַטור און מיט זיינע פאָדערונגען, טענות און תביעות צו די אַמעריקאַנער יידישע שרייבער. הערט נאָר ווערטער פון י. י. זינגער, וואָס האָט, ווי שוין דערמאָנט, אין קאַדיע מאָלאָדאָווסקים „סביבה״, גע־טאַדלט די אידעאישע ליטעראַטור און באַשיצט בלויז די ליטעראַטור, וואָס האָט אין זיך פאַרווײַלערישע עלעמענטן און אויפגאַבן. י. י. זינגער וואַרפט פאָר די אַמעריקאַנער „יונגע״, וואָס זיי האָבן נישט קיין ריכטונג, קיין צילאָנגעווענדטקייט.

„אָריענטאַציע און אָנשויאונג — זאָגט זינגער — זענען דאָך סוף כל סוף אויך א זאַך פון קינסטלער. די איינגערעדטע סברות, אַז דער קינסטלער איז עפּעס א פרייער פויגל און „כאַפּט א בליק דאָ צו גאָט, דאָ אין תהום״ האָבן שוין לאַנג באַנקראָטירט. קינסט־לער, וואָס גייען צוזאַמען, דאַרף דאָך עפּעס בינדן, פאַראייניקן, — און וואָס פאַראייניקט די אַלע אנטיילנעמער אין די לעצטע „שריפ־טן״?...״: „א זאַמלונג פון א גרופּע רייפע קינסטלער — לערנט זיי י. י. זינגער פון 1922 — דאַרף זיין אַן אויסדרוק פון צייט און וועלט. אמת, אמעריקע איז נישט געווען אין זידיקן קעסל, ווו די וועלט האָט זיך איבערגעקאָכט, אמת אויך, אַז נישט באַלד קאָן די צייט געפינען איר אויסדרוק. אָבער א הויך האָט זי דאָך געדאַרפט לאָזן, אַן אָפּשיין אויף אַלעם, א שפּור כאָטש, און זאָל פאַרלוירן גיין דאָס שער־בלעטל מיטן קליינעם אויפשריפט „1921״, ווער ווער

וויסן, אַז דאָס איז אַ פּרוכט פון אַזאַ פּיל־זאָגנדיקער און פול־באַדײַטנדיקער צייט".

און הערט ווײַטער די פּאַטעטישע רייד פון י. י. זינגער, וואָס זענען גאָרנישט אין איינקלאַנג מיטן שפּעטערדיקן ניכטערן און פּאָליטיש־גע־זעלשאַפטלעך־„אָביעקטיוון", נייטראַלן זינגער פון אַמעריקע:

„וואָס איז דען אַ זאַמלונג — אויב נישט קיין געזאַנג פון אַ גאַנצער חברותא קינסטלער, אַ מין עבודה פון יונגע כהנים, וואָס יעדער אויף זיין אופן, מיט זיין באַזונדער שטים און תפילה, גיסט זיך צוזאַמען אין איין האַרמאָניע". (זייט 286).

נאָך דעם אַרטיקל פון י. י. זינגער וועגן די אַמעריקאַנער „שריפטן", קומט מיינער אַן אַרטיקל איבער די זאַמלהעפטן אָדער צײַטשריפט „רינ־גען", וואָס זענען אין יענער צייט אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע, רעדאַק־טירט דורך ד"ר מ. ווײַכערט און אַנדערע (איין צייט מיט דער מיטהילף פון אַלטער קאַציזנע). נאָך אַ לענגערע צייט ראַנגלען זיך, זענען דערשינען פון די „רינגען" צען העפטן. און רעדנדיק וועגן דעם זשורנאַל, האָב איך טענות: „מיר בלעטערן דורך די אַלע דערשינענע ביכלעך, מיר קוקן אַריין אינעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש און מיר טוען קיין צאַפּל נישט, נישטאָ אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן. פאַרשידנאַרטיקער צעברעקלטער מאַטעריאַל, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דער רעדאַקציע דורך אַ 25 דיכטער און לידער, 6 פּראָזאַאיקער, אַ 15 אַרטיקל־שרייבער, א. א. וו., און אינגאַנצן גע־נומען — אָן אַ פייער־זייל, וואָס זאָל באַלייכטן דעם וועג און וואָס זאָל פירן ערגעץ־ווּ. און ווען מיר זאָלן אויפן סמך פון דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אין משך פון אַ גאַנץ יאָר געשאַפן, געוואָלט מעסטן אונדזער גייס־טיקן ווּקס, קינסטלערישן פאַרנעם און מאַכן סך־הכלען, וואָלטן מיר גע־קומען צו גאַנץ־טרויעריקע אויספירן".

איך ציטיר דעם פּראָגראַם־אַרטיקל פון די רעדאַקטאָרן (אין לעצטן נומער), און איך שרייב, אַז עס איז אפשר אַ „גאַנץ־געלונגענער ווידוי פון די אַרויסגעבער". און איך זאָג: „קוקט מען אויף דער איצטיקער צייט, ווי אויף אַ צייט פון צעשוווּמענקייט און צעדרויבלונג", ווײַל מען נישט שאַפט קיין פעסטונג, ווײַל מ'ציטערט פאַר אַ מין סנאָב אָדער שאַרלאַטאַן,

וואָס זאָל חו"ש וועלן דאָ „געוועלטיקן", ווײל מען געבן אַ געמיש פון „שוואַנען־געזאַנג פון דאָס פאַרגייענדיקע מיט דעם שטורעם־געזאַנג פון דאָס אויפקומענדיקע", ווערט מען בכלל „נישט נתפּעל פון קיין איזם", „פּריידיקט מען נישט קיין רענעסאַנס" — קאָן מען פאַרשטייט זיך קיינעם נישט באַגייסטערן, גאָרנישט שאַפן און קיין זאַך נישט אויפטון.

גאָר אַן אויסנאַם איז — אין מיינע אויגן — דער צענטער נומער „רינגען", וואָס איז שוין אַרויס ביי אַן אַנדער רעדאַקציע און ער פאַר־מאָגט שוין אַ נייעם גאַנג און נייע געזאַנגען און נייע מאָטיוון. איך רעכן איבער די זאַכן, וואָס זענען אינעם צענטן נומער פאַרעפנטלעכט, איך ציטיר אייניקע שורות פון פּרץ מאַרקישעס אַרטיקל „עסטעטיק פון קאַמף אין דער מאָדערנער דיכטונג" און איך זאָג: „דער אַרטיקל איז פון טיפן האַרץ אַן אויסגעשריגענער ווײי און איינצייטיק אַ פרייד־געפיל, אַ רעאַק־ציע־פּראָטעסט קעגן דער פריערדיקער דיכטונגס־פּראָדוקציע און אַ פּלאַ־טערנדיקער רוף צו דעם דיכטער, וואָס די מוזעס „זענען זיינע בלוטן, וואָס דרייען זיך אַרום אין זיינע אָדערן, ווי אָנגעצונדענע שלאַנגען און ווילן אַרויס דורך יעדן שפּאַרונקעלע פון זיין לייב", צו דעם דיכטער, וואָס איז „שטענדיק פליסנדיקער שטראָם פון אויסגעמישטע פּיינען און פריידן".

אַט אַזוי האָט יעדער איינער פון אונדז אויף זיין אופן און שטייגער געטאַדלט די גלייכגילטיקע, נייטראַלע דיכטער און שרייבער און געפאָ־דערט אויפברויז, נייע פּאַטעטישע שאַפונגען, וואָס זאָלן זיין אין איינ־קלאַנג מיט דעם אַרום, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט רעוואָלוציאָנערן בונט און נייעם פּאַרמעסט.

שוין גענוג זיך צו פאַרהאַלטן ביי אַט דער צייט — די ערשטע עט־לעכע יאָר פון מיין קומען קיין וואַרשע און ביי דער אַרבעט אַרום דער קולטור־ליגע און ביים זשורנאַל „ביכער־וועלט". איידער איך וועל איבער־גיין צו אַ נייעם „פּעריאָד", צו דער וואָכנשריפט „ליטעראַרישע בלעטער", ווילט זיך נאָך בקיצור דערציילן וועגן נאָך אייניקע זאַכן, קלענערע און גרעסערע, וואָס האָבן אַ שייכות צו די יאָרן 1923-1924, ווייל עס קער זיך אָן מיטן יידישן פּוילן.

אַט ליגט פאַר מיר אַ רוף, וואָס דער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין וואַרשע האָט אַרויסגעגעבן סוף 1923 „צו דער יידישער פּרעסע פון גאָר דער וועלט", ווו עס איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן: „מיט

100 יאָר צוריק אין דעצעמבער 1823 איז אין ווארשע, אין דעם צענטער פון מזרח־יידנטום, דערשינען די ערשטע יידישע פעריאָדישע אויסגאבע: „דער בעאָבאכטער אַן דער ווייכסעל". מיר שטייען אזוי ארום ביים סוף פון א גאנצן יאָרהונדערט אין דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע. דאָס איז א יום־טוב פון אונדזער נייער קולטור, א יובל, וואָס דאַרף פון אַלעמען געפייערט ווערן. הונדערט יאָר יידישע פרעסע הייסט: הונדערט יאָר קולטור־ארבעט אויף דער יידישער גאס; הונדערט יאָר ארבעט פאַר דער פארטיפונג פונעם יידישן און מענטשלעכן באוווסטזיין, פאַר דער פארוואָלטלעכונג און פארשענערונג פון דעם יידישן לעבן, פאַר דער שאַפונג פון יידישע קולטור־ווערטן, פאַר דעם אויפבוי פון א יידישער ליטעראַטור און א לעבעדיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, און לסוף פאַר דער קולטיווירונג און פארפיינערונג פונעם שטאַרקסטן אויסדרוק פון אונדזער פאָלקס־לעבן — פון דער יידישער שפראַך. דער דאָזיקער אָפּגעגאַנגענער שווערער וועג זאָל פון אונדז איצט באצייכנט ווערן. מיר רופן אויף אַלע חברים און אַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס צו פייערן דעם אָנהויב פון צווייטן, נייעם יאָרהונדערט אין דער געשיכטע פון אונדזער פרעסע. אומעטום, וווּ עס עקזיסטירט א יידישער קיבוץ, וווּ עס דערשיינט א יידישע אויסגאַבע, וווּ עס לעבט דאָס יידישע וואָרט. די דאָזיקע פייערונגען זאָלן פארוואַנדלט ווערן אין איין גרויסער מאַניפעסטאַציע פאַר דעם לעבנס־כוח פון אונדזער וואָרט און גייסט, פאַר אונדזערע רעכט אויף אַן אייגן קולטור־לעבן און גלייכצייטיק זאָלן זיי אונדז אויך אויפמוטיקן צו א ווייטערדיקער אומדערמידלעכער ארבעט פאַר דער אַנטוויקלונג און אויפבליאונג פון אונדזער פאָלקס־קולטור".

עס געדענקט זיך גוט, די גרויסע פייערונג, די מאַניפעסטאַציע פון דער יידישער פרעסע אין דעם גרויסן יידישן קאַמינסקי־טעאַטער, וווּ עס זענען בייגעווען א צוויי טויזנט פאָלקס־מענטשן און פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס און באוווּסטע שרייבער האָבן באגריסט. עס איז געווען ביי אַלעמען דאָס געפיל, אז עס איז דאָ א פולבלוטיק און קרעפטיק יידיש לעבן מיט א פעסטן באָדן און מיט טיפע וואָרצלען אין דעם באָדן און מיט ווייטע און זיכערע אויסבליקן אויף ווייטערדיקן לעבן.

אין יענער צייט זענען אין פּוילן געווען א 15 טעגלעכע יידישע צייטונגען, מיט צענדליקער וואָכנשריפטן און זשורנאַלן מיט פארלאַגן, וואָס

האָבן אַרויסגעגעבן אַ יאָר עטלעכע הונדערט ביכער מיט אַ פּאָר הונדערט ביבליאָטעקן און מיט צענער טויזנטער יונגע טריַיע באַגיַיסטערטע לייענער, מיט יידישע טעאַטער־אַנסאַמבלען איבער די גרעסערע שטעט, מיט אַ וואַק־סנדיקער יידישער יוגנט אין די יידיש־וועלטלעכע שולן, אין די תלמוד־תורות, אין די פּריוואַט שולן, און דער עיקר העיקרים — אַן איינגע־וואָרצלט יידיש פאָלקס־לעבן מיט אַן אייגנעם לעבנס־שטייגער. און ווען־מען האָט געקאָנט דאַן איינפאַלן אַ ווילדע בייזע מחשבה, אַז מיט 25 יאָר שפּע־טער, דעצעמבער 1948, זאָל פון דעם גרויסן יידישן פּוילישן קיבוץ, וואָס ציילט מיליאָנען, פאַרבלייבן קוים אַ 100 טויזנט! אמת, די פּוילישע רע־גירונג אין דער איצטיקער צייט איז אַ מענטשלעכע, אַ דעמאָקראַטישע, אַ יידנפריינטלעכע, וואָס זאָרגט פאַר דעם סאָציאַלן און קולטורעלן וווּל־זיין פון דער יידישער מאַסע, — אָבער דאָך: אָנשטאָט דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן בלויז אַ הונדערט טויזנט, און אָנשטאָט — אַ רייכער טעגלע־כער פּרעסע — בלויז אַ פּאָר וואָכנצייטונגען! ווער האָט געקאָנט זיך דאַן פאָרשטעלן אַזאַ ביטערן גאַנג פון דער וועלט־און יידישער געשיכטע, מיט אַזעלכע מוראדיקע רעזולטאַטן!

יאָ, אַזוי איז געווען דער ביטערער און גרויזאַמער גורל פון דעם פּוילישן יידנטום, וואָס אין זיין געוואַלדיקן וווּקס, אין זיין האַסטיקן פאַר־מעסט האָט ער פאַרמאָגט אַזוי פיל קראַפט, אַזוי פיל ווילן, אַזוי פיל מעג־לעכקייטן פאַר דעם וויַיטערדיקן אויפבלי פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן, ווי מיר וועלן טאַקע זען פון די וויַיטערדיקע טעטיקייטן און פאַרמעסטן.

אין יענער צייט, סוף 1923, האָט די בעלעטריסטן־פאַראייניקונג ביים ליטעראַטן־פאַראיין אַרויסגעגעבן אַ גרויסן זאַמלבוך אונטערן נאָמען „וואַרשעווער אַלמאַנאַך", וואָס האָט געהאַלטן 544 זייטן. מיר וועלן נישט זיך אָפּשטעלן אויף די אַלע גוטע, בעסערע און שוואַכערע זאַכן פונעם זאַמלבוך. מיר ווילן נאָר אויסרעכענען איינציקע נעמען פון די באַטייליקטע, כדי צו געבן אַ בילד פון די שאַפנדיקע שרייבער, דיכטער, דערציילער צו יענער צייט אין פּוילן, וועלכע האָבן דאַן ערשט אָנגעהויבן זייער שאַפעריש לעבן, אָדער וואָס האָבן שוין געהאַט הינטער זיך עטלעכע יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַ פּאָר ביכער אין זייער אייגענעם שאַפערישן אוצר. אָט זענען זיי די שרייבער: די פּראָזאַיקער י. י. זינגער, א. מ. פוקס, וועלכער האָט אמת געלעבט אין ווין, אָבער ער האָט געשטאַמט פון מזרח־גאַליציע און

ער האָט געלאָזט זיינע וואָרצלען אין דעם יידישן לעבן אין גאַליציע, יהושע פערלע, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן מיט זיינע ראָמאַנטישע דערציילונגען פונעם קליינבירגערלעכן יידישן לעבן אין שטאָט, ב. עפּעלבוים, וועלכער האָט דורכגעמאַכט שווערע גרויע יאָרן אין אוקראַינע, אין אָדעס און ער האָט געהאַלטן, דאָ אין פּוילן, אינמיטן דאָס אַלץ אויסצומאָלן, יואל מאַסטבוים מיט זיינע אימפּעטדיקע דערציילונגען פונעם יידישן פאָלקס־לעבן אין פּוילן בעיקר פון נאָך די רעוואָלוציע־יאָרן, דער דיכטער און ראָמאַניסט ז. סעגאַלאָוויטש, דער עלעגישער דערציילער, ה. ל. זשיטניצקי, וואָס האָט ליב געהאַט באריכות צו דערציילן און שילדערן אַ מעשה, אַ סיטואַציע, דער אייגנאַרטיקער קרענקלעכער און אינערלעך־גליענדיקער שלמה גילבערט מיט זיינע קרענקלעכע און מיט הויכער טעמפּעראַטור מענטשן, דער שאַפער־נאַטוראַליסט פון יענער צייט לייב אָליצקי, און אַ לאָדזשער דערציילער א. שמולעוויטש און דער יונגער מנחם פלאַקסער, וואָס האָט געזוכט פאָרם און סטיל.

אָט די דערמאָנטע שרייבער האָבן פאָרגעשטעלט די פּראָזע אין דעם קאָלעקטיוון אַלמאַנאַך. דערנאָך איז געקומען די פּאָעזיע, וואָס האָט געהאַט פאָלגנדיקע פאַרטרעטער: דוד קעניגסבערג, דער גאַליצישער, לעמבערגער טרובאַדור, וואָס האָט כסדר געקעמפּט מיט אינטעלעקטועלע און פאָלקסטימלעכע מאָטיוון, וואָס איז געלאָפן פון דער אייראָפּעאישער קולטור צום פּרימיטיוו אַזוי אין לעבן און אַזוי אין זיין דיכטונג; און אָט איז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי מיט אירע הארצנאָגנדיקע בענקנדיקע לידער „אָטוואָצק”, ווו עס איז געקומען צום אויסדרוק אירע ליריש־דורכזיכטיקע שטימונגען און וויעז; און דער קרעפּטיקער, אָפּטמאָל שווערער, אָבער פעסטער יוסף קירמאַן; די ערשטע קערנדיקע לידער פון רחל ה. קאָרן, וואָס האָבן שוין געהאַט אין זיך כוח און אייגנאַרט און אָנזאָג אויף ווייטערדיקן שנעלן וווּקס; און אַ סעריע לידער פון ישראל שטערן מיט זיין דבקות און שווערער משא, מיט זיין פּיין און לייד, וואָס האָט געזוכט אויסדרוק, מיט זיין טיפער יידישער נשמה, וואָס האָט געצאַפּלט צווישן קדושה און וואָכעדיקייט; און די אַלטמאָדישע, גאַנץ־פּרימיטיווע לידער פון דעם פאָלקס־מענטש הערשעלע; און די סענטימענטאַלע פּרוויאישע לידער פון ראָזאַ יאַקובאָוויטש, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן ביי אירע ראָמאַנטישע מאָטיוון; און די נאָך נישט־רייפע שורות פון ש. זאראמב, וואָס האָט זיך אַלעמאָל גע־

ראַנגלט מיט זיך גופא און מיט די אינעווייניקסטע כוונות און זוכענישן; און אהרן צייטלין, וואָס זיין דיכטונג איז געווען אַ געמיש פון זוהר, מיס־טיק, פון אינטעלעקטועלער ראַנגלעניש מיט וואָרט, פאָרם, מיט געפיל און מוח, וואָס זענען נאָך נישט געווען סינטעזירט; און לידער פון שמואל יעקב אימבער, דער מייסטער פון פיין־געטאָקטע לידער, דער ראַפינירטער מענטש און פּערזענלעכקייט, וואָס האָט באַווירקט מיט זיינע לידער; און בער האָראָוויץ, דער דיכטער פון בערג, פון די געזונטע קרעפטיקע מענטשן, מיט דער איבערפליסנדיקער שאַפונגס־ענערגיע, וואָס האָט אָפט איבערגעפלאָסן זיינע שורות און גראַמען; און אַ שטימונגספולע רעאַלע תפילה פון אברהם זאַק. און אַ ליד פון אייזיק פּלאַטנער מיט אַ פּרעטענציעז ליד מיטן נאָמען „יצירה ־ ליד י״ג״, און לסוף עטלעכע לידער, קלאַנגפולע און געצאַצקעטע פון דער ליטעראַרישער ירושה פון לייב ניידוס. אַ קנאַפּע דריי מנינים דיכטער און דערציילער מיט אייגענע וועלטן און אייגענע שאַפונגס־פאָרמען און אייגענעם האָב און גאָב.

און איצט, איבער אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך דעם ווי דער וואָרשעווער אַלמאַנאַך איז אַרויס — פיר איך איבער אינעם וואַכן זכרון דעם ווייטערדיקן גאַנג פון יעדן איינעם פון די דערמאָנטע שאַפער, דער ווייטערדיקער גאַנג, וואָס האָט זיך אָפט איבערגעפלאָכטן מיט מיינע אייגענע ליטעראַרישע אַרבעטן אין לויף פון יאָרן און יאָרן, ווען יעדער איינער איז דערנאָך געגאַנגען איבער וועגן און אומוועגן, און וועמען דער גורל האָט געבראַכט אין די קאַלכאַויוונס, אין די אויסראָט־קאַמערן פון דער היטלעריסטישער בעסטיע, און ווער עס איז אַוועק מיטן נאָרמאַלן וועג פון אַלע מענטשן, געשטאָרבן אויפן נאַטירלעכן אופן, און ווער עס לעבט דאָ און דאָרטן און זעצט פאָר זיין ליטעראַריש שאַפן, אין ניו־יאָרק, אין מאָנטרעאַל, אין תל־אביב, אין וואַרשע אָדער לאָנדאָן . . .

יעדער שרייבער — אַ וועלט פאַר זיך, און די ווייטערדיקע געשיכטע פון יעדן איינעם איז אַ שטיק געשיכטע פון יידישן לעבן און שאַפן אין די אַלע שפּעטערדיקע יאָרן.

„ביכער־וועלט״, דער קריטיש־ביבליאָגראַפישער זשורנאַל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען יאַנואַר 1922 און באַוויזן אין זיינע העפטן אַריינצוציען אַ גרעסערע צאָל שרייבער פון די פאַרשידנסטע ריכטונגען און געביטן, איז אין 1924 דערשינען ווי אַ טאָפּל־נומער 1־2 (יאַנואַר־

אפריל), ווּ עס זענען געווען באטייליקט דוד בערגעלסאָן, צבי הירשקאַן, ברוך גלאזמאַן, ראָזע לאַקס־פּריז, ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, אהרן צייטלין, י. מ. ניימאַן, י. יאַשונסקי, יעקב פּיכמאַן, נחמן מייזיל, י. י. זינגער, ש. ניגער, מ. זילבערפּאַרב, א. ליטוואַק, ד"ר א. גליקסמאַן, ד"ר ש. א. קאַמענעצקי, נ. ראַפּאַלקעס (ניר), י. רובין, ח. ש. קאַזדאַן, משה שאַליט. אויך פון די דערמאָנטע זענען שוין 12 שוכני־עפר, און נײַן לעבן אין אַמעריקע און אין ישראל.

די „ביכער־וועלט" האָט זיך בײַ אָט דעם טאָפּל־נומער אָפּגעשטעלט, און געמאַכט אָרט פאַר אַ נײַעם ליטעראַריש־קינסטלערישן און מער־דויערנדיקן פאַרמעסט — פאַר די „ליטעראַרישע בלעטער".

11

אויפקום פון די „ליטעראַרישע בלעטער"

ווען מיר זענען אָנהויב מאַי 1924 צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן די „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט־פראַגן" — די „ליטעראַרישע בלעטער", איז קיינעם פון אונדז, די גרינדער און איניציאַטאָרן־אַרויסגעבער פון דער צייטשריפט, גאָרנישט אײַנגעפאַלן, אַז זי וועט האָבן אַזאַ אריכת ימים ושנים, אַז זי וועט דערשײַנען וואָך־אויס וואָך־אײַן איבער 15 יאָר און וועט דערגיין ביז קרוב צו אַ 800 נומערן, דאָס מיינט אַ 800 וואָכן, אָן קיין שום איבעררייס. דאָס אַליין — אַז אַ ליטעראַרישע וואָכנשריפט זאָל בײַ אונדז, יידן, דערשײַנען אַזאַ לאַנגע צייט און בײַ די סאַמע שווערסטע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און מאַטעריעלע באַדינגונגען — איז באמת איינער פון די גרעסטע וווּנדער. מיר האָבן זיך אויך, בײַם גרינדן די צייטשריפט, אַזוי איינס און צוויי, נישט פאָרגעשטעלט, אַז די וואָכנשריפט זאָל אַרויסרופן גלײַך פונעם אָנהויב אַזאַ אינטערעס און זאָל גאָר אײַנגיכן ווערן אַ מין צענטראַל־אָרגאַן פון דעם יידישן שאַפן איבער גאָר דער וועלט.

עס איז איצט, נאָך דעם ווי מיר האָבן דורכגעמאַכט די מוראדיקסטע

און גרויזאמסטע איבערלעבענישן, איצט אנהויב 1949 — באלד צען יאר, ווי די „ליט. בלעטער" זענען באגלייך און צוזאמען מיטן יידישן קולטור־שאפערישן לעבן אפגעמעקט געווארן — עס איז איצט וויכטיק פאר זיך און פאר דער קולטור־געשיכטע צו דערציילן אייניקע פרטים ווי אט די מערקווירדיקע, די איינציקע אין איר מין יידישע ליטעראַרישע צייטשריפט, איז אויפגעקומען און דערנאך פאמעלעך און בהדרגה זיך צעוואקסן און אנגעהויבן פארנעמען אן ארט אינעם יידישן לעבן לכתחילה אין ווארשע, אין פוילן און דערנאך — אין גאר דער יידישער וועלט.

אויף דער ערשטער זייט פון די „ליטעראַרישע בלעטער" פון דעם ערשטן גרויסן פארמאט (אט דער גרויסער פארמאט האט אנגעהאלטן ביז נ' 65 — אויגוסט 1925), איז צוגעגעבן, אז די וואכנשריפט דערשיינט „ביי דער נאענטער מיטארבעט פון י. י. זינגער, פרץ מארקיש, נחמן מייזיל און מלך ראוויטש". דער ערשטער נומער איז ארויס דעם 9־טן מאי 1924. דער „קאפ" איז, פארשטייט זיך, געצייכנט דורך מלך ראוויטש (ער איז אויך געווען דער „אפיציעלער רעדאקטאר" פאר דער מאכט — „ז. בערגנער" — לויט זיין אמתן און פאס־נאמען), און דער אדרעס: מיראווסקי 1, ווינונג 7, אדער ווי מיר פלעגן זאגן מיטן גראם — מיראווסקע יעדען, מיעשקאניע שיעדעם", דאס איז געווען דאס באשיידן דירהלע, פון דער משפחה מייזיל, צוויי צימערן און א טונקעלע קיך, וואס איר ברייט פענסטער איז אריין אין עס־צימער. אט דאס דירהלע, וווּ מיר האבן געוווינט, מיין פרוי כיענע, אונדזערע צוויי וואקסנדיקע זין — בערל און מאניש — און איך — איז געווען א לענגערע צייט מיט יארן א „בית־ועד לחכמים", א צונויפטרעף פון שרייבער, שוישפילער, מוזיקער פון ווארשע, פוילן, און אויך פאר געסט פון אלע עקן וועלט. די דירה מיט אירע פענסטער זענען ארויס צום מיראווסקער מארק, עס זענען געלאפן דורך דער גאס הין און צוריק שטאט־טראמווייען, און עס האבן זיך געשלעפט שווערע משא־וועגענער, און ארום און ארום, ווי אויף א קליינשטעטלדיקן יאריד, זענען געווען אנגעשטעלט ביז נאך מיטאג, דארפישע וואגנס מיט הינער, גענדז, קאטשקעס, חזירים, גרינס, פרוכט און כל טוב. און אנטקעגן זענען געווען די מארק־ביידלעך און הענדלער מיט קוישן און קויפערס און קויפערינס פון די פארשידענע געגנטן פון דער גרויסער שטאט ווארשע.

צוליב דעם שווערן מאנגל אויף דירות, האבן מיר על פי צופאל

געפּאַקט אַט די דירה, מיט דער האָפענונג, אַז אָט־אָט וועט מען קאָנען אַריבער אין אַ בעסערער וווינונג, אָבער מיר האָבן אַזוי אָפּגעלעבט אַ צען יאָר, אונדזערע קינדער זענען אויסגעוואַקסן, פאַרענדיקט די מיטל־שולן און אַוועק קיין ארץ ישראל, מען איז אַליין אויך געוואָרן באַיאָרטער, און מען האָט זיך אַלץ „פּאַמיעשטשעט" אין די צוויי ליכטיקע צימערלעך, וואָס האָבן מיט דער צייט געקראָגן חן און סטיל און וואַרעמקייט, און אין דער סאַמע ענגשאַפט איז געשאַפן געוואָרן אַ „וואַרעם ווינקל", און ס'איז געווען, ווי מיר זאָגן אויף אונדזער רוסישן יידיש — אַן „אוּיוּטנע" דירהלע.

די „ליטעראַרישע בלעטער", הגם דער אַדרעס אויף מיראַוווסקע 1, דירה 7, האָט זיך געהאַלטן גוטע עטלעכע חדשים, אָבער קיין ספּעציעלער רעדאַקציע־טיש איז דאָרט נישט געווען. עס איז גיכער געווען אַ „גייענ־דיקע" רעדאַקציע, וואָס די רעדאַקציע־מיטגלידער האָבן זי געטראָגן אין די אייגענע קעשענעס, אָדער אין מיין טיש־קעסטל אין דעם פאַרלאַג „קול־טור־ליגע" אויף לעשנאָ 40, אין הויף אינעווייניק, אין דער דירה, וואָס איז איבערגעאַרבעט געוואָרן פון אַ פאַבריק אין אַ ביכער־לאַגער.

די פאַרגעשיכטע און די הכנות־צוגרייטונגען פאַר דער וואָכנשריפט זענען געווען גאָר קורצע און דערביי — מערקווירדיקע. עס איז מיט דער צייט, אין משך פון די לעצטע פאַר יאָר און דורך דעם צוויי־חדשימדיקן קריטיש־ביבליאָגראַפישן זשורנאַל „ביכער־וועלט" ווי צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, אָבער נישט קיין אַפּאַראַט, נישט קיין דערפאַרונג און אוודאי נישט קיין שום קאַפּיטאַל האָבן מיר נישט פאַרמאָגט ביים צוטרעטן צו אַזאַ מין אונטערנעמונג.

ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אַזוי פּלוצים אינמיטן דרינען צוטרעטן אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע וואָכנשריפט ?

איז די מעשה אַזוי געווען. ראשית, מיט עטלעכע וואָכן פריער האָט אין וואַרשע אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ רייכע פּוילישע ליטעראַרישע צייטשריפט מיטן נאָמען „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע", אַרויסגעגעבן דורך אַ רייכן פאַרלאַג און רעדאַגירט דורך משומדים. די צייטשריפט איז איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ גרויסן פאָרמאַט אויף אַ גוטן פּאַפּיר און זי איז פּרעכטיק געווען געדרוקט. מען איז צוגעטראָטן מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל און מיט אַ גרויסן גוט־באַצאָלטן קרייז שרייבער, מיטאַרבעטער

און מיט א גוט־אוועקגעשטעלטער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע, מיט א פּרעכטיקער דירה און אַזוי ווייטער. הקיצור, ווי ביי לייטן! האָט מען געכאַפּט אָט די צייטשריפט, געווען נתפּעל פון דעם פאַרנעם, און א קנאה האָט געטליעט אינעווייניק, און די ציין זענען ממש געוואָרן איילק.

דערווייל באַשליסט די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אַרויס־צוגעבן צו פּרצעס 9־טן יאָרצייט, אַפּריל 1924, א ספּעציעלן גרויסן פּרץ־נומער, און עס ווערן פאַרבעטן איך און ישראל רובין, מיר זאָלן אויף גיך, איינס און צוויי, באַשטעלן אַרטיקלען, צונויפזאַמלען דעם מאַטעריאַל און אַרויסלאָזן א נומער געווידמעט י. ל. פּרצן. האָב איך געקראָגן א דרוקער (די „הצפירה"־דרוקעריי, טאַקע אויף לעשנא 52, אין פראָנט, פּאַרטער), און שנעל באַשטעלט דעם מאַטעריאַל, און געגעבן אים זעצן, זענען מיר געזעסן מיט י. רובין אין דרוקעריי, ביי א קליין דרוקער־טישל און גע־לייענט די קאָרעקטורן, די לאַנגע „געלעס", פאַרריכט זיי, צוגעשריבן, געקירצט, ווי דער שטייגער, און צונויפגעשטעלט די זייטן. און אַזוי זיצנ־דיק און „געמאַכט די זייטן", רוף איך זיך אָפּ צו י. רובין:

— ווי מיינט איר, ח' רובין? פאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט אַרויס־געבן א פּעריאָדישע ליטעראַרישע צייטשריפט, און טאַקע מיטן זעלבן גרויסן פאָרמאַט, וואָס זאָל דערשיינען יעדע וואָך, און בשעת הדחק — איין מאָל אין צוויי וואָכן?

גיט י. רובין א קוק אויף מיר איבער זיינע ברילן, און לייענענדיק די קאָרעקטור פון עפּעס אַן אַרטיקל, טוט ער א ברום אונטער:

— נישט קיין שלעכטער פּלאַן!

און אָנגעצונדן פון דעם איינפאַל און פון דער אידעע, גיב איך זיך א הויב און גיי צו צום פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי, נח שאַפּירא, א פּאַמעלעכער, א צווייפלער, שוין א געניט־אָנגעפּרוּווטער ייד אין ערנסטע פאַרלאַגס־ענינים, און איך בעט אים, ער זאָל מיר מאַכן א רעכענונג וואָס עס דאַרף קאָסטן אַזא וועכנטלעכע אויסגאַבע — זאַץ און דרוק. שאַפּירא האָט גאַנץ־לאַנגזאַם באַטראַכט מיך און גלייכגילטיק און נאָכטראַכטנדיק געענטפערט מיט א קאַלטער שטימע:

— וואָס איז די איילעניש? מען וועט מאַכן א רעכענונג, עס איז דאָ צייט!

ער האָט שוין אַרום דער „הצפירה"־דרוקעריי, וואָס איז געווען א

גלגול פון דער פריערדיקער „אחיאסף"־דרוקעריי, א שיין ביסל זיך אפּ־געבריט פון פארשידענע פארלעגערישע פרוון און געווען אן עדות פון נישט איין נישט־איינגעגעבענער אויסגאבע אין העברעאיש און אין יידיש, האט שוין פון פריער געהאט די זיכערקייט, אז עפעס א נייער אומגליקלע־כער פרוו ווערט דא געפלאנט, האט ער זיך אויסגעדרייט און אוועק צו זיינע ענינים אין דער דרוקעריי. אבער וויבאלד שוין ארייגעגומען אין געדאנק עפעס א נייעם פראיעקט, האט ער שוין נישט געלאזט רוען און נעעקבערט אין מוח אן אויפהער. עס האט ממש געהויבן פונם ארט. האב איך דאך ארויסגעשלעפט ביי שאפיראן א חשבון. מיט א פאר שעה שפע־טער בין איך אין פארלאג „קולטור־ליגע", ביי מיין ארבעטס־טיש, הער איך ווי עס עפנט זיך די שווערע טיר מיט רעש און געפילדער, און עס לאזן זיך הערן פרץ מארקישעס הילכיקע טריט. שפרינג איך ארויס פונעם צי־מער, לאז זיך אנטקעגן מארקישן אין דעם שמאלן לאנגן קארידאר פונעם פארלאג.

— פרץ, איך האב א פלאן! — שים איך אוים מיטאמאל.

טוט פרץ מארקיש א טרייסל מיט זיין שיינעם קאפּ האר, טוט א חנעוודיקן פארקרים מיט די געפעשטשעטע ליפּן און א זשמורע מיט די שטיפערישע „גנבהשע" אויגן, און טוט א זאג :

— איז לאמיר הערן, נחמוני! עפעס א גוטער פלאן? א לייטישער? מיט א פארנעם ?

— יא, א פלאן פון א ליטעראַרישער צייטשריפט.

הקיצור, איך לייג אוים מיין פלאן, איך גיב אן די ציפערן, וואס איך האב בגוואלד ארויסבאקומען ביים פארוואלטער פון דער „הצפירה"־דרוקעריי, וואס עס דארף קאסטן א נומער. און עס גדוויערט נישט לאנג, און עס קומט זיך צונויף דער „קווארטעט" — זינגער, מארקיש, ראוויטש און איך. מיר, מארקיש און איך, ברענען ווי אין א הויכן פיבער, זינגער איז עטוואס קילער, פארריכט כסדר זיינע „פענסנע", ווערט דערביי רויט און בלייך, עס געפעלט אים דער פלאן, און דאך איז ער דער ניכטערער. מלך ראוויטש טוט א שווערן שלונג, ווי זיין שטייגער איז, אין אזעלכע ערנסטע מאמענטן, א באוועג מיטן קאפּ, ער טוט א גלעט זיין יעזוס־בערדל, וואס האט באצירט זיין פנים אין יענער צייט. און מען נעמט רעדן וועגן פינאנצן, וועגן אדמיניסטראציע, וועגן אלערליי קלייניקייטן, און מען בא־

שליסט דורכצושמועסן זיך מיט דעם אין יענעם, כאַפּן אַ הלוואהלע ביי יצחק גיטערמאַן, ביי די שטאַביזבס (פון גאָוואָליפּקי), מען קראַצט אויס אַ הונדערט „מיליאָנען" מאַרק פון די אייגענע טאַשן, און מען באַשליסט צוטרעטן גלייך צו דער וואָכנשריפט. ווארפט מען אָן אויפן אָרט פאַר־שידענע נעמען פאַר דער אויסגאַבע, גייט מען אַלע איין אויפן נאָמען „ליטעראַרישע בלעטער", און דער אַדרעס — מיראַוווסקע 1, און ז. בערגנער (מלך ראַוויטש) דערלאַנגט אין דער פּאָליציי אַ בקשה, און אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה — און דער ערשטער נומער איז אַרוים גלייך אין אַ וואָך־צוויי אַרום — דעם 9־טן מאַי (אין דעם נומער איז אַריין אַ פאַר־דריסלעכער טעות — אנשטאַט דעם 9־טן מאַי — איז אָפּגעדרוקט דעם 9־טן אַפּריל). אגב, אַן איינצל־נומער האָט געקאָסט אין פאַרקויף 750.000 מאַרק (דריי פערטל מיליאָן מאַרק!), אָט אַזוי האָבן מיר דאַן געהאַלטן מיט דער פּוילישער וואַליוטע, וואָס איז כסדר האַסטיק געפאַלן אין איר ווערט. אַזוי נאָרמאַל און סטאַביל האָט אויסגעזען דאָס דעמאָלסדיקע עקאָנאָמישע לעבן אין פּוילן!

מיר האָבן נישט אָפּגעשמועסט קיין פּרטים, נישט אָנגעצייכנט די פונקציעס און געביטן פון יעדן איינעם, מיר האָבן פאַרשפּאָרט די אַרבעט פון באַשטימען שׂבֿירות און האָנאָראַר־באַדינגונגען, ווייל מיר אַלע האָבן געאַרבעט און זיך פירגענומען אַרבעט אָן קיין באַצאָלט, הגם קיינער פון אונדז איז נישט געווען מאַטעריעל גענוג באַזאָרגט. מען האָט אויך נישט געהאַט קיין שוועריקייטן ביים פאָרמולירן אונדזער פּראָגראַם, די אויפ־גאַבע פון דער וואָכנשריפט, די צילן און צוועקן. דאָס אַלץ איז דאָך שוין אין לויף פון די קנאַפּע דריי יאָר פון געמיינזאַמען לעבן און אַרבעטן גענוג קלאָר געוואָרן. עס איז שוין אויסגעשטאַלטיקט געוואָרן דער כאַ־ראַקטער און דער פּאַרנעם פון אונדזערע מעגלעכקייטן, באַציאונגען, וועלט־באַנעם און אונדזער קריטישע אויפפאַסונג פון דער ליטעראַטור, פון דעם קולטור־שאַפן אויף אַנדערע געביטן. מיר האָבן זיך אפילו קיין מי נישט געגעבן צו פאַרפאַסן אַ פּראָגראַם־אַרטיקל, אַן אָפיציעלע ווענדונג צו די לייענער. מיר זענען געווען זיכער, אַז שוין פון די ערשטע פּאָר נומערן וועט קלאָר ווערן וואָס מיר ווילן און וואוהין מיר רופן און קענען וועמען מיר טרעטן אַרויס, מען וועט שוין גלייך פאַרשטיין, אויף וועמען מיר שטיצן זיך און קעגן וועמען מיר וועלן פירן אַ קאַמף.

און אייגנטלעך זענען דאָך די „ליטעראַרישע בלעטער" געווען אַ דירעקטער המשך פון דער „ביכער־וועלט", פון די רעפעראַטן און עפנט־לעכע אַרויסטרעטונגען, וואָס מיר האָבן געהאַלטן און געהאַט אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט. ערשט אין דעם נומער 4 (פון דעם 30סטן מאַי 1924) האָבן מיר אין אַן אַנאָנס אויף דער לעצטער זייט אָנגעגעבן אין קורצע זאַצן די אויפגאַבן פון די „ליטעראַרישע בלעטער".

זיי זענען אַזוי אויסגעדריקט:

„ליטעראַרישע בלעטער"

„פירן אַריין דעם לעזער אין קרייז פון יידישע און אַלגעמיינע ליטעראַטור און קונסט־פּראָבלעמען".

„רופן זיך אָפּ אויף די וויכטיקסטע ליטעראַטור־ און טעאַטער־דערשיינונגען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. זיי אָריענטירן דעם לעזער אין דעם לאַבירינט פון די מאָדערנע וואָרט־ און קונסט־געשעענישן.

„וועקן דעם אינטערעס צום בעסערן יידישן בוך, באַסטמפּן דאָס טאַלענטלאָזע און דילעטאַנטישע.

„ברענגען גענויע ידיעות וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויפן יידישן און נישט־יידישן ביכער־מאַרק. אַלץ, וואָס ס'איז אַקטועל אין דער ליטעראַטור־וועלט, געפינט אין זיי אַן אָפּקלאַנג.

„קעמפט פאַר דעם מאָדערנעם אויסדרוק אין דער ליטעראַ־טור, אין טעאַטער און אין דער קונסט. זיי קעמפן פאַר דאָס אמת־קינסטלערישע, דאָס אייביק־שאַפערישע.

„פאַרבינדן די פאַרשיידענע צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע ליטעראַטור און קולטור־קיבוצים.

„ווילן שאַפן אַן ענגן קאָנטאַקט צווישן דעם בוך, דעם לעזער און דעם שריפטשטעלער.

„שטרעבן צו פאַראייניקן אַרום זיך אַלע בעסטע יידישע לי־טעראַרישע און קינסטלערישע כוחות פון פוילן און פון גאָר דער וועלט.

„דרוקן איבערזיכטן און אָפּהאַנדלונגען פון אַלע וויכטיקערע וועלט־ליטעראַטורן, ברענגען כאַראַקטעריסטיקעס פון באַרימטע

שרייבער אין דער וועלט און פארברייטערן אזויארום דעם ליטע־ראַרישן האָריזאָנט פונעם יידישן לעזער."

דאָס איז געווען, ווי מיר זעען, דאָס „פּראָגראַם" פון דער ליטעראַ־רישער וואָכנשריפט, ווי עס איז אויסגעדריקט אין די קורצע אַפּזאַצן אי־נעם 4־טן נומער פון די „ליטעראַרישע בלעטער".

ווי זעען אויס די ערשטע עטלעכע נומערן, וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל איז אַריין אין זיי, וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען זענען אַרויסגערוקט געוואָרן, וואָס פאַר אַ קולטור־און קונסט־געביטן זענען באַהאַנדלט געוואָרן און ווער זענען געווען די הויפּט־מיטאַרבעטער?

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זענען שוין דאַן געהאַט פאַרי־בער עטלעכע יאָר זינט דער וועלט־מלחמה, און אַ פּאָר יאָר פונעם בירגער־קריג, און די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן געגומען אַריין אין זייערע ברעגעס, לעבט נאָך דאַן די יידישע וועלט אונטער דעם שווערן איינדרוק פון דעם חורבן און דעם שטאַרקן דראַנג צום בויען. עפּעס ענלעכס זעט מען אויך איצט, אין 1949, עטלעכע יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם נאָך גרעסערן יידישן חורבן.

דער ערשטער נומער „ליט. בלעטער" הויבט זיך אָן מיט אַן אַרטיקל פון פּרץ מאַרקיש, וועלכער האָט אין די ערשטע פּאָר צענדליק נומערן געשפּילט אין אונדזער אָרקעסטער די ערשטע פידל, און געווען אָפט אין אַזעלכע אויפטריטן דער סאָליסט. און אָט זענען די ערשטע עטלעכע שורות: „דער חורבן אויפן פראָנט פון דער אַלוועלטלעכער קולטור נאָך דער מלחמה, רעוואָלוציעס און סאָציאַלער ערד־ציטערניש, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט כמעט די גרעסטע טייל אייראָפּע, האָט זיך נאָך נישט אי־בערגעגעבן אין רשות פון בויאונג". אויף זיין שטייגער צו רעדן מיט באַ־פליגלטע ווערטער. כאַראַקטעריזירט אַזוי פּרץ מאַרקיש די צייט און דעם מצב פון דער קולטור: „...אַזאַ צייט פאַרפליכטעט צו טאַט. ווייל אי די פאַרשטאַרקטע רעאַקציע, אי דער באַפליגלטער רעוואָלוציאָניזם פון צע־שטערונג, וואָס זענען פאַקטישע הערשער אין אַזאַ בין־השמשות — פאַר־סמען די לופט פון העכערער קולטור און קונסט אין זייער אומאָפּהענגיקן זעלבסטשטענדיקן זין פון וואָרט". און ווייטער: „די יידישע קולטור־אָרגאַנזשעריע איז אויסגעפליקט געוואָרן מיט די וואָרצלען".

פרץ מארקיש באטאנט, אז „צווישן בוך און לעזער איז געשאפן געווארן א דיסטאנץ — נישט קיין שטחדיקע, נאר א פסיכישע", און ער שטעלט זיך אפ אויף די סיבות פון אט דער פארפרעמדקייט צווישן בוך און לעזער. און ער פארלאנגט אן „ארויסרוף צום לעבן, געזונטע און פרוכטבארע קעגנזייטיקע פארבינדונגען"... וואס זאלן געבן די מעגלעכקייט „צו שאפן און בויען די אייגענע און אלגעמיינע קולטור אין דער צוקונפט".

אויסנוצנדיק די יובליי־פייערונגען פון אנאטאל פראנס, דעם גרויסן פראנצויזישן שרייבער, וואס מ'האט דאן געפייערט צו זיין 80סטן געבוירנטאג, ווידמעט י. י. זינגער אים אן ארטיקל, שטעלט זיך אפ אויף זיין אייגנארטיקייט און ער שרייבט, אז „מער ווי פאר אלע, דארף אנ. פראנס זיין דער רבי און מוסטער פארן יידישן שריפטשטעלער". אין דער יידישער ליטעראטור, זאגט זינגער, האט מען געפירט „א קאמף קעגן יעדער אינטעלעקטועלער דערשיינונג". „די קונסט — האט מען געזאגט — דארף באשטיין פון בילד, פון דער שילדערונג; נישט פון געדאנק". און י. י. זינגער זאגט ווערטער, וואס זענען געווען כאראקטעריסטיש פאר אים אין יענער צייט: „די קונסט ליגט דאך סוף כל סוף נישט אין בעסער אדער ערגער אפמאלן א פלויט אדער א מענטש, נאר אין דער גרויסער קינסטלערישער אויפפאסונג, אין גרויסן פארנעם... נעמען געשעענישן אין גרויסן קאפ אריין און צוגעבן זיי די גרויסקייט פון קינסטלער. דערהויבן זיי".

און ווייטער קומט מיינער אן ארטיקל וועגן א. ווייטער אונטערן נאמען „דאס געוויסן פון אונדזער אינטעליגענץ". עס איז דאן געווארן 5 יאר נאך זיין טראגישן מארד דורך די פוילישע אנטיסעמיטישע זעלנער אין ווילנע, און אן אויספירלעכער ארטיקל פון פרץ מארקיש (געחתמעט פע ד'עם) וועגן „ווארשעווער אלמאנאך", ערווארפט פאר אידעענלאזיקייט און שטעלט זיך אפ אויף לידער, וואס זענען כלל נישט אין איינקלאנג מיט דער צייט, מיט איר דראנג און גייסט. עס איז אויך פארעפנטלעכט א שארפע רעצענזיע וועגן דער נייער אויסגאבע פונעם יידישן ארטיסטן־פאראיין אין פוילן וואס דער דעמאלסדיקער פארזיצער, א זייער פראסטער מענטש, האט גענומען ארויסגעבן. א. ב. (דער פסידאנים פון נחמן מייזיל) האט געטאדלט דעם יידישן ארטיסט, וואס ער דערלויבט י. קעל־

טערן צו רעדן אין נאָמען פון יידישן אַרטיסט, וואָס עס פאַרשאַפט בכלל נישט קיין כבוד דעם יידישן שוישפּילער. עס זענען דאָ אַרטיקלען וועגן דער העברעאישער ליטעראַטור (פון אהרן ציילין), וועגן דער פראַנצויזישער ליטעראַטור (ל. בלומענפעלד), אַ שאַרפער אַרטיקל קעגן י. מ. ווייסנבערג, וואָס האָט זיך דערלויבט אָנצושרייבן, אַז דעם וויסן פונעם מחבר, אַ גאַנץ קאַפּיטל (קאַפּ. 46) צו שמעון האַראָנטשיקס בוך „פאַרפלאָנטערטע וועגן", ווו ער האָט געזידלט דעם ליטעראַטן־פאַראיין און פאַרשידענע יידישע שרייבער.

עס איז אויך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון אַלטער קאַציזנע וועגן „טעאַטער", ווו ער קריטיקירט די פּראָגראַמלאָזיקייט פונעם צענטראַל־טעאַטער, און ער שרייבט: „לעבעדיק טעאַטער איז אַ לעבעדיקער נערוו ביי אַ פאָלק... יידיש טעאַטער מיינט: אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט פון דער בינע מיטן נאָר וואָס אָנגעשריבענעם וואָרט, אויף וועלכן די טינט איז נאָך פייכט".

מיר האָבן דאָ אַ לענגערן שמועס מיט משה רודינאָוו, דער דער־פאָלגרייכער זינגער, וועגן דעם מצב פון דער יידישער מוזיק (אינטערוויוירט דורך מיר). ער האָט גערעדט וועגן דער פּאַרוואָרלאָזקייט, וואָס עס האָט געהערשט אויף דעם געביט פון יידישער מוזיק, דערמאָנט די פאַרשידענע פּרוּוון אַרויפצופירן די יידישע מוזיק אויף אַ ברייטערן וועג, און ער האָט אויסגעפירט, אַז „אויב פריער האָט מען זיך פאַרנומען דער עיקר מיט פּרימיטיוון, מיט פאָלקס־לידער, קומט איצט אַ נייע תקופה אין דער יידישער מוזיק: עס גייט איצט אַן ערנסטע און אפילו קאָמפּליצירטע שאַפונגס־אַרבעט צווישן די בעסערע יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, — עס ווערן געשאַפן גרעסערע אָריגינעלע מוזיקאַלישע ווערק". ער האָט טאַקע אויס־גערעכנט פאַרשידענע מוזיקאַלישע שאַפונגען פון אַן ערנסטן כאַראַקטער. ער האָט אויך דערמאָנט די יידישע אָפּערע „דוד און בת שבע", וואָס מ'האָט געהאַט געגרייט צו שפּילן אין וואַרשע. ער האָט זיך געקלאָגט וואָס עס איז נישטאָ קיין ערנסטע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן פאַרשפּרייטן די יידישע מוזיק. „אין פּוילן איז דאָ אַ ברייט אָרט פאַר אָט דער אַרבעט, עס זענען דאָ הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס גאַרן און בענקען נאָך יידישע קאָנצערטן".

און אַט אַ גרוס פֿון נאָך אַ געביט — פֿון דער יידישער קונסט. דער יידישער קינסטלער משה אַפּלבוים פּאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקעלע וועגן אַ ב י ל ד ע ר - א ו י ס ש ט ע ל ו נ ג און מיט פֿאָדערונגען און מיט אָנווייזונגען. און מיט אַ שוין ביסל נאָטיצן, רעצענזיעס, טענות אונטערן נאָמען „היתכן?" און כראָניק, ווערט פֿאַרענדיקט דער ערשטער נומער פֿון די „ליטעראַרישע בלעטער", וואָס איז אַזוי אומגעריכט און אומגע־גרייט אַרויסגעגעבן געוואָרן. ער האָט אַרויסגערופֿן ביים לעבעדיקן עולם־לייענער און קודם כל — ביים שרייבער, קינסטלער, שוישפּילער, לערער און קולטור־טוער גרויס איבערראַשונג און פֿאַרגאַפֿונג. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער ביי די אָנגעגריפֿענע, אָפֿן אָדער באַהאַלטן, אַרויס־גערופֿן שטילן ברוגז, שטילן פֿאַראיבל, וואָס איז געווען ביי אייניקע גע־מישט מיט כעס און מיט צאָרן: טוט נאָר אַ קוק, ווי די חברה־לייט שטעלן זיך ביי גאָרנישט אָפּ, און שוין ווידער פֿאַרמעסט מען זיך אויף אַלץ מיט אַלעמען! דאָס זעט מען אין די קומענדיקע נומערן פֿון די „ליטעראַרישע בלעטער", ווו עס קומען כסדר בריוולעך אין דער רעדאַקציע, דערמוטי־קונגס־בריוו און אויך ענטפֿערן פֿון שרייבער, אינסטיטוציעס אויף די טענות־פֿאָרוווּרפֿן און אויף שאַרפֿער קריטיק.

לאָמיר כאַפּן אַ שנעלן שפּאַציר איבער דעם צווייטן און דריטן נו־מער, כדי עס זאָל פֿאַר אונדז קלאָר ווערן דער אויסזען, כאַראַקטער, פֿאַר־נעם פֿון דער ערשטער יידישער ליטעראַרישער צייטשריפֿט, וואָס האָט פֿאַר זיך נישט געהאַט קיין מוסטערן, קיין „פּרעצעדענסן" און וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן נומער נאָך נומער לויט דער אינטואיציע, אָדער סטיכיע פֿון דעם אַרומיקן קולטור־שאַפֿערישן לעבן.

דער צווייטער נומער, אַרויס פֿרייטיק דעם 16־טן מאַי, האָט שוין אַ רייע נייע מיטאַרבעטער, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאַרשידענע ספּע־ציפֿישע פֿראַגן און פּראָבלעמען, אויסער די פֿיר שטענדיקע מיטאַרבע־טער־רעדאַקטאָרן, וואָס טראָגן צו צו יעדן נומער פֿון אַלדאָס גוטן, איי־גענעם און איבערגעזעצטן מאַטעריאַל, ווי אויך נאָטיצן, באַריכטן, רע־צענזיעס.

קודם־כל — די אַרטיקלען: פּרץ מאַרקיש וועגן שלום עליכם (צו זיין 8־טן יאָרצייט); מלך ראַוויטש „וועגן די פּערספּעקטיוון פֿון דער יידישער ליטעראַטור" (וועגן אַט דער אינטערעסאַנטער דיסקוסיע לוינט

זיך צו רעדן באַזונדער!); דער ערשטער אַרטיקל פֿון אַ גרעסערער סעריע איבער דער פּוילישער ליטעראַטור — געשריבן פֿון י״ם (אַן אינטערעסאַנטע יידיש־פּוילישע פּרווי, די טאָכטער פֿון נח יוזעף פּאַרטנאָי, איבערגעזעצט דורך אונדז); אַן אַרטיקל פֿון נ. מייזיל וועגן מ. י. בערדיטשעווסקין אין יידיש; אַן עסיי פֿון יעקב פּיכמאַן — „קהלת״; אַלטער קאַציזנעס אַן אַר־טיקל „צייט צו שאַפֿן אַ יידיש טעאַטער!״; אַן אַרטיקל אַן אַריינפֿיר פֿון אַ. ב. (פּסיידאָנים פֿון נ. מייזיל) אַ. ד. ט. מלחמה צי רעוואָלוציע ווירקט אויף דער ליטעראַטור?״ אַ לענגערע רעצענזיע פֿון אהרן צייטלין וועגן מ. קולבאַקס „משיח בן אפרים״; אַן אַרטיקעלע פֿון דעם מוזיקער ה. קאָן וועגן בעטהאָווען און זיין ניינטע סימפּאָניע (צום 100סטן געבוירנטאָג); אַן איבערזיכט פֿון מיר וועגן מ. גאָרקי און רוסישע שרייבער (וועגן זיינע נאָטיצן איבער רוסישע שרייבער); אַן אַרטיקעלע איבער דעם נייעם פֿילם „תקיעת כף״ (רעזשי זיגמונט טורקאָוו); עס קומט נאָך אַ שאַרפֿער אָנ־גריף אויף דער יידישער פּרעסע אין פּוילן, — בעיקר אויפֿן „מאָמענט״, אונטערן נאָמען „אַמעריקאַנער בלאָפֿערם״ און אונדזערע ‚ערנסטע׳ לייט״. עס איז געגעבן אַ פֿאַרגלייך צווישן דער ניו־יאָרקער און וואַרשעווער פּרעסע און עס ווערט אָנגעוויזן, אויף וויפֿל די וואַרשעווער פּרעסע איז פֿאַרסוחרט, האָט קיין שום באַציאונג נישט צו דעם יידישן שרייבער, צו דער יידישער ליטעראַטור. דער מחבר פֿון דעם אַרטיקל (י. י. זינגער) ווייזט אָן, אַז די באַלעבאַטים האָבן נאָר איין ציל: וואָס־מער אַריינכאַפּן און אָנזאַמלען געלט, נישט רעכענענדיק זיך מיטן לעזער, מיט זיינע מאַ־טעריעלע מעגלעכקייטן. מען שרויפֿט אַרויף דעם פּרייז פֿון דעם נומער, מען שפּאָרט זייטן, און דערמיט שטויסט מען אָפּ דעם לייענער. אַ יידישע צייטונג קאָסט צוויי־דריי מאָל טייערער און זי גיט פֿיל ווייניקער לייען־שטאָף פֿון דער פּוילישער. דער אַרטיקל ווערט געענדיקט מיט די ווערטער: „איר באַגראָבט די יידישע פּרעסע — דאָס איז אַפֿילו נישט קיין סוחרעריי, נאָר קליינהענדלעריי, באַרייסונג! — שעמען מעגט איר זיך! ״

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן, ווי אָט די שאַרפֿע ווערטער האָבן גע־טראָפֿן אין ציל און אויפֿגערעגט די באַלעבאַטים פֿון דער יידישער פּרעסע.

עס איז דאָ נאָך אַן אַרטיקל אין דעם נ׳ 2, וואָס מען דאַרף זיך אויף אים אָפּשטעלן, כאָטש בקיצור. אַן אַרטיקל, וואָס טראָגט דעם נאָ־מען „ס׳איז אַ יושר!״, געשריבן פֿון ב. קאַרליניום (ב. קאַרלינסקי), דער

ליבער און ווילער ב. קארלינסקי, וואס איז איין צייט געווען דער פאר־זיצער פון ליטעראטן־פאראיין, דער טעאטער־קריטיקער און ליבהאבער פונעם יידישן ווארט, דער מיטארבעטער פון „מאמענט", וואס איז גע־שטארבן אין אטוואצק (מערץ 1935). עס איז א רוף צו פארוואנדלען די אויפדעקונג פון דעם אוהל אויף דעם פרץ־קבר (צוזאמען מיט די קברים פון ש. אנסקי און יעקב דינעזאן) אין א גרויסער פאלקס־פייערונג. מען דארף גוט געדענקען די לאנגע געשיכטע מיט דער פרץ־מצבה, די לאנגע פארעקשנטע קאמפן ארום דער אויפשריפט — צי זאל זי זיין א יידישע, א דורכאוים אין יידיש אדער אויך אין העברעאיש. עס איז אן אינטערעסאנטע געשיכטע פון קאמפן, וואס ווייזן ווי טייער און הייליק און דערהויבן י. ל. פרץ איז געווען פאר דעם יידישן מענטש פאר דעם יידישן שאפער, וואס ער האט זיך געלאזט אין א פארביטערטן געראנגל מכוח אזא אדער אנדער אויסדרוק אויפן „פרץ־אוהל". מיר ווילן וועגן דעם געבן אויספירלעכער אין א וויטערדיקן קאפיטל.

און אן ארטיקל פון מיר — אייננטלעך א באגריסונג „צו דער עפע־נונג פון דער יידישער אפערע" — טאקע מיטן נאמען „זייט באגריסט!", עס ווערט דערציילט, אז „סוף כל סוף, נאך די פארשידענע גלגולים און פלאנן, קומט פאר דעם 14־טן מאי 1924 אין דער יידישער ווארשע די ערשטע פארשטעלונג פון דער אפערע „דוד און בת שבע"..." און איך שרייב: „ווען צוריק מיט א 15 יאר האט א גרופע יונגע מוזיקער זיך גע־נומען צו שאפן די געזעלשאפט צו פארשפרייטן יידישע פאלקס־מוזיק, האט מען אויף זיי געקוקט ווי אויף פאנטאזיארן, בעלי־חלומות און מ'האט זיי פיין אויסגעלאכט. יידישע מוזיק! איז דען פאראן א יידישע מוזיק?" אבער „אין פארלויף פון די 15 יאר איז שוין די יידישע מוזיק אריינגעוואקסן אינעם קולטור־ארגאניזם פונעם יידישן פאלק און איז שוין געווארן א וויכטיקער פאקטאר, א באשטאנד־טייל אינעם יידישן קולטור־לעבן". איך דערצייל, אז „אויך די איניציאטארן פון דער אפערע־אויפ־פירונג האבן באגעגנט פון פארשידענע זייטן א גלייכגילטיקע אדער שפאטישע באציאונג, און נישט געקוקט אויף די פארשידנסטע מניעות, אויף וועלכע מ'האט זיך יא געריכט און נישט געריכט, ווערט די אפערע פארט אויפגעפירט". איך גיב איבער, אז „מען האט געהאט בדעה צו ארבעטן אין דער שטיל און קומען אזוי שטיל פאר דער יידישער עפנט־

לעכקייט...״ אָבער (ווידער אָן אָבער!) „מחמת פאַרשידענע צופעליקע אומאָפּהענגיקע סיבות, האָט זיך נישט ווילנדיק ארום דער אָפּערע גע־שאַפן אַ טומל, אַ סענסאַציע, וואָס קאָן ברענגען שאָדן דער עצם זאַך, דעם וויכטיקן מוזיקאַלישן אויפטו״.

וואָס איז עס פאַר „אַ טומל״, אַ „סענסאַציע״, וואָס זענען עס די „אומאָפּהענגיקע סיבות״, וואָס האָבן געקאָנט פון דעם גאַנצן פאַר־מעסט מאַכן אַ תל? איז הערט און שטוינט! און עס איז נישט קיין צו־פאַל, עס איז די ביטערע, רעאַלעווירקלעכקייט פון דער יידישער רעכט־לאָזיקייט אין פוילן און פון דער הפקר־באַציאונג צו יידן און צו זייערע קולטור־נויטן.

די געשיכטע איז אַזאַ: מען האָט געדונגען (פאַר גוט געלט) אויף מאַרשאַלקאָווסקע (ארום קרולעווסקע) דעם קינאָ־זאַל „נאָווי״ אין הויף, וואָס צוליב די זומער־חדשים האָט מען דאָרטן כמעט נישט געשפּילט. אָבער דער פוילישער מאַכט, די „פיינע״ באַלעבאַטים און פאַרזאָרגער פון דער שטאָט וואַרשע, האָט נישט געשמעקט, וואָס עפּעס „אַ זשאַר־גאָנאָווע״ זאַך וועט געשפּילט ווערן אין אַ טעאַטער אויף מאַרשאַל־קאָווסקע. האָט מען געשיקט מצד דעם פוילישן וואַרשעווער שטאָט־ראַט אַ „קאָמיסיע״, וואָס זאָל אויסגעפינען, צי דער פּלאַץ איז פּאַסיק און גוט פאַר אַ פאָרשטעלונג. הכלל, עס איז געגאַנגען און געקומען די „קאָמיסיע״, אָן „ערלעכע״ און „אָביעקטיווע״, און נאָכן „אויספאָרשן״ גוט דעם בנין פון דעם טעאַטער, האָט מען אויסגעפונען, אַז דער דאַך, די סטעליע, איז נישט גענוג זיכער און אַז זי דראָט יעדע מינוט איינצופאַלן, דערי־בער... איז פאַרבאָטן צו שפּילן דאָרטן יידיש טעאַטער!... אֵי, וואָס אין דעמזעלבן טעאַטער־זאַל ווערט געשפּילט קינאָ און עס ווערן געגעבן פרי־מאָרגנס פאַר קינדער? און עס איז, חלילה, נישטאָ דערביי קיין געפאַר, אַז די סטעליע זאָל פּלוצים איינברעכן און איינפאַלן?! בלייבט אַ קשיא! ווייזט אויס, אַז די סטעליע איז זייער פילבאַר צו דער יידישער שפּראַך, און אַ ליאַדע יידיש וואָרט — און זי קאָן גלייך קראַכן אויף יידישע קעפּ! און ווער זאָרגט דען זיך אַזוי שטאַרק פאַר יידישע קעפּ, ווי נישט די פינסטערע פירער פון דער פוילישער רעאַקציע? הקיצור, עס האָט גאָר־נישט געהאָלפן, מען איז געלאָפן, מען האָט געוואָלט אָפּשרייען די גזירה,

געפּרוווט פאַרזיכערן, אַז די סטעליע און דער דאַך זענען, קיין עין הרע, גענוג פעסט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן . . .

און דער סוף פון דער טרויעריקער געשיכטע, וואָס האָט געקאָסט גענוג שפיכת־דמים און נערוון און געלט און צייט — מען האָט געמוזט שפּילן די יידישע אָפּערע „דוד און בת שבע" אין גרויסן קאַמינסקי־טעאַטער, וואָס איז פאַר אַ קאַמער־אָפּערע כּלל נישט געווען צוגעפּאַסט... און עס איז טאַקע אין די אַנאָנסן געווען אַ צושריפט: „אַכטונג! די גע־קויפטע בילעטן אויף די פאָרשטעלונגען אין טעאַטער „נאָווי", מוזן ווערן אויסגעטוישט, ווו זיי זענען געקויפט געוואָרן".

דאָס איז געווען די קורצע אָבער גאַנץ־טרויעריקע און מיאוסע גע־שיכטע, די געשיכטע ווי די פּוילישע רעאַקציע האָט געקעמפט און באַ־קעמפט מיט אַלע מיטלען יעדן יידישן אויפטו סיי אויפן עקאָנאָמישן און סיי אויף דעם קולטור־און קונסט־געביט !

און נאָך אַ טשעקאַווע און זייער כאַראַקטעריסטישע פאַרן אַמאָ־ליקן פּוילן נאָטיץ. זי טראָגט דעם נאָמען „פאַרביגייענדיק" און זי באַ־האַנדלט די וויכטיקע פראַגע, וואָס די פּוילישע פרעסע פון אַלע ריכ־טונגען פאַרשווייגט, באַיקאָטירט די יידישע ליטעראַטור, דעם יידישן שאַפן אין פּוילן. „פאַראַן אין פּוילן — ווערט געזאָגט אין דער נאָטיץ — אַ מאַסע צייטונגען און זשורנאַלן פון פאַרשידענער פאַרב — אָבער קיין איינע, אפילו די סאַמע פרײַדענקערישע, האָט נישט דעם מוט זיך אָפּ־צורופן מיט איין וואָרט אפילו וועגן דער ליטעראַטור פון אַ פאָלק, מיט וועלכן מ'וווינט צוזאַמען. און נישט נאָר וועגן יידישער ליטעראַטור אין יידיש רעדט מען נישט, נאָר אפילו וועגן דער יידישער ליטעראַטור וואָס איז איבערגעזעצט אין פּויליש". און עס ווערט אָנגעוויזן, אַז אפילו די „וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע", די ליטעראַרישע ידיעות (וואָס צווישן אונדז גערעדט האָבן יידן דערין אַ גרויסן חלק). וועגן וואָס פאַר אַ ליטעראַטור האָט מען שוין דאָרטן נישט געשריבן? — וועגן סערבישער, בולגאַרי־שער, אוקראַאינישער, וועגן וואָס נישט — נאָר וועגן דער יידישער — אפילו קיין וואָרט נישט..." און דער סוף פון דער נאָטיץ איז אַזאַ: „וווינען מיט אַ פאָלק אין איין לאַנד, זען יעדן טאָג אויף די גאַסן די הונדערטער צייטונגס־פאַרקויפער מיט צייטונגען, זשורנאַלן, וואָכנ־שריפטן, האָבן ביי זיך אַ שכן, וועלכער האָט פאַרלאַגן, ביבליאָטעקן, שולן,

און פארשטעלן די אויגן — דאָס איז נישט בלויז קאָמישע שטרוים־פּאָליטיק, נאָר פארגליווערטקייט און שטות".

אין דער דערמאנטער רעצענזיע וועגן דעם נייעם יידישן פילם „תקיעת כף" איז דאָ אַ גערעכטע טענה, פארוואָס „ביי אונדז איז אויף דעם געביט פון קינאָ נאָך גאָר־ווייניק אָדער כמעט גאָרנישט אויפגעטון געוואָרן", און עס ווערט אָנגעוויזן, אז „דער פילם „תקיעת כף", סצענאר ח. בוים, רעזשי זיגמונט טורקאָוו, איז אַ שריט פאָראויס" און עס ווערט גערופן, „מען זאָל זיך נעמען ערנסט צו שאַפן אמת־קינסטלערישע פילם־בילדער".

לאָמיר פארענדיקן דעם לויפיקן איבערבליק פון די ערשטע צוויי נומערן „ליטעראַרישע בלעטער", פון מאַי 1924, מיט אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וואָס אנרי בארביס, דער בארימטער פראנצויזישער שרייבער, דער מחבר פון די גלענצנדיקע מלחמה־ווערק „דאָס פייער" און „קלאָרקייט", האָט געשיקט צום יידישן ליטעראַטן פאראיין אין ווארשע ווי אַ באַשטעטיקונג אויף די 400 פראנק, וואָס איז אים געשיקט געוואָרן אויפן חשבון פון האָנאָראַר פאַר דער יידישער איבערזעצונג אינעם ש. יאַטשקאָווסקי פארלאַג. ער שרייבט: „איך בין גליקלעך צו קומען אזוי־ארום אין קאָנטאַקט מיט אַ פּובליקום, פאַר וועלכן איך האָב אומענדלעך פיל כבוד און סימפּאַטיע. איך דריק אייך פריינטלעך די האַנט און איך בעט צו גלויבן אין מיינע איבערגעגעבנסטע געפילן. אנרי בארביס".

אָט דאָס איז בקיצור געווען דער געדאַנקען־און־פּראָבלעמען־קרייז, וואָס די „ליטעראַרישע בלעטער" האָבן אריינגעפירט אין זיי דעם לייענער, און די פארשידנסטע געביטן, וואָס זענען באַרירט און באַהאַנדלט געוואָרן דורך דער גרופּע מיטאַרבעטער פון דעם נייעם אין זיין מין זשורנאַל אין דער „יידישער גאַס".

12

די דיסקוסיע איבער די פערספעקטיוון פון דער יידישער ליטעראטור

אויף דער ערשטער זייט פון דעם ערשטן נומער „ליטעראַרישע בלעטער" האָבן מיר פאַרעפנטלעכט א גרעסערע מעלדונג „פון דער רע־דאַקציע", ווו עס ווערט געזאָגט :

„צווישן א טייל יידישע שרייבער אין אמעריקע הערשט די לעצטע צייט א יאוש־שטימונג וועגן דעם גורל פון דער יידישער ליטעראַטור און אירע אויסזיכטן אויף ווייטער. נישט לאַנג צוריק זענען ארויסגעטראָטן מיט פעסימיסטישע ווײ־געשרייען ה. לייוויק, מנחם און אַנדערע. די זעלבע יאוש־שטימונגען האָט אונדז גע־בראַכט ב. גלאַזמאַן אין זיין אַרטיקל אין לעצטן נומער „ביכער־וועלט" (נומ' 1־2 פון יאָר 1924). מיר האַלטן, אז ס'איז נויטיק צו עפענען אין די „ליטעראַרישע בלעטער" א דיסקוסיע איבער אָט דעם דאָזיקן וויכטיקן פּראָבלעם פון אונדזער לעבן, וואָס האָט ארויסגערופן, אזוי פיל לײדנשאַפט און ערנסטע דעבאַטן. אין דער דיסקוסיע וועלן זיך באַטייליקן באַקאַנטע יידישע שרייבער און קולטור־טוער, דער ערשטער דיסקוסיע־אַרטיקל וועט געדרוקט זיין אינעם צווייטן נומער פון אונדזערע „ליטעראַרישע בלעטער".

איידער מיר וועלן צוגיין צו די דיסקוסיע־אַרטיקלען און וועלן ברענגען אויסצוגן פון זיי, וועלן מיר ציטירן אייניקע שטעלן פון ברוך גלאַזמאַנס דערמאָנטן אַרטיקל, וואָס איז, נישט געקוקט אויף דעם, אָדער גראָד דערפאַר, וואָס ער איז געשריבן מיט פולע 25 יאָר צוריק, איז ער זייער אינטערעסאַנט און וויכטיק אפילו פאַר אונדזערע איצטיקע באַדינ־גונגען און באַציאונגען און מצב פונעם יידישן וואָרט און פון דער יידי־שער ליטעראַטור אין אמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער אַרטיקל הייסט „פּיאָנערן״ — מיט אַן אונטער־קעפּל אין קלאַמערן (די זעצער רופן קלאַמערן — חצי־לבנות!), ער איז געשריבן מיט וויטיק און פאַרביטערונג און מיט אַ מאָדנעם שאָדן־פרייד־געפיל פון ווען וואָס־שאַרפער און בייסיקער זיך און די אַרומיקע אַריינזאָגן און אַריינשטעכן, ווי עס איז אָפט געווען דער שטייגער ביי ברוך גלאַזמאַן, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַוועק, אַ פאַרביטערטער און אַ צע־ווייטיקטער פון דער יידישער וועלט און פון דער יידישער ליטעראַרישער סביבה. ער שרייבט אין זיין אַרטיקל:

„איך טראַכט אָפט: — אַז ס'זאָל זיך געפינען אַ ראָמאַניסט פון אַ גאָר גרויסן פאַרנעם, וואָס זאָל האָבן כוח און גלויבן צו קאָנען זיין אַ גרעסערער מאַרטירער פון די איבעריקע, — אַ יידי־שער שרייבער מיט אַן אומגעהויער־אומגעהויערער מאָס געדולד, מיט אַן אוממענטשלעכער אויסדויער־קראַפט, מיט אַ פעלזיקן ווילן, — וואָס פאַר אַ וואונדערלעכן, טראַגישן און בלוטיק־רויטן ראָמאַן וואָלט ער געקאָנט אָנשרייבן, נעמענדיק דעם יידיש־אַמעריקאַנישן שרייבער ווי דעם הויפּט־העלד״.

ברוך גלאַזמאַן שילדערט דעם כאַראַקטער און מצב פונעם לעבן אין דער אַלגעמיינער און אין דער יידישער אַמעריקע, די גרונט־מאָטיוון פון יעדן איינעמס אַרבעט, אויף איר פּיאָנערישן שטייגער פון לעבן, אויף דעם יאָגעניש נאָך געלט, אויף דער האָרעוואַניע צו באַפעסטיקן זיך און אויף דער האַוועניש צו דערפאָלג, צו „סוקסעס״... ער רעדט מכוח די פאַרהעלטענישן, וואָס הערשן אין דער יידישער אַמעריקע צווישן די שריי־בער, לייענער, פּשוטע יידן, און ער באַטאָנט דעם „אומגלויבן אין דער אייגענער צוקונפט״. ער זאָגט ווייטער: „צווישן זיך רעדט מען אָפט (סיי די עלטערע, סיי די יינגערע שרייבער), אַז נישט די יידישע ליטעראַטור און נישט די יידישע שפּראַך האָבן נישט דאָ אין לאַנד קיין צוקונפט.— אפילו קיין נאָענטע צוקונפט. וועגן דעם רעדט מען שוין כמעט אַקסיאָ־מאַטיש, זיכער־אָפּגעמאַכט. מען גלויבט, אַז דאָס דאָזיקע פּאַמעלעכדיקע אויפלייזן זיך פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור קומט פאַר טאַקע פאַר אונדזערע אייגענע אויגן. האָבן די מערסטע יידישע שרייבער דאָ

דאָס געפיל, ווי זיי וואָלטן זיך געפונען אויף א זינקנדיקער שיף..." צווישן אַנדערן ווייזט ב. גלאַזמאַן אָן, אַז

„שוין העכער פערציק יאָר (ווייל איך האָב דאָ, פאַרשטייט זיך אין זינען די מזרח־אייראָפּעאישע, יידיש־רעדנדיקע יידן), אַז עס האַלט אָן און עס וואַקסט אַזאַ גרויסער יידישער ישוב אין אַמעריקע, און קיין איין־איינציקער, אַבסאָלוט קיין איין יידישער שרייבער, וואָס איז אין אַמעריקע געבוירן, אָדער געקראָגן דאָ זיין פריסטע דערציאונג, האָט זיך פאַר דער גאַנצער צייט ניט באַוויזן".

און דער טרויעריקער סך־הכל פונעם אַרטיקל, וואָס קלינגט ווי א טראַגישער אַקאָרד:

„איז אַט: אָפּגעריסן פון דער היימישער ערד. אי מיט אי־בערצייגונג, אי מיט אָפּטער, אפילו עפּנטלעכער, אָנצוהערעניש, אַז מיר זענען דאָ די לעצטע. אָן אַן איצט. אָן א שפּעטער. אָן א האָפענונג — נישט א האָפענונג, חלילה, אויף אייביקייט, נאָר כאָטש אויף א צווייטן דור: אַזאַ, אין פלוג, באַשיידענע האָפענונג..."

און נאָך:

„פרעמדע אפילו צווישן אייגענע. ווייל וואָס פאַר א באַטרעף האָבן אין אַמעריקע יידיש־שרייבנדיקע יידישע שרייבער ביי אונדזערע פירער, אַלערליי פאַרזאָרגער, אפילו גופא ביי אונדזערע אָנזאָגער פון אַן אָנקומענדיקער ליכטיקער צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק? אָן א וואַרעמער, ווען אפילו א קליינער, אָבער אָן אייגענער סביבה. אָן א יידישער היים. אָן קינדער, וואָס רעדן יידיש". (ביי־כער־וועלט, נ' 1־2, 1924, ז'ז 6־10).

עס האָט געעפנט די דיסקוסיע מלך ראַוויטש (אינעם 2־טן נומער „ליטעראַרישע בלעטער"). אָנווייזנדיק לכתחילה אויף די פאַרשיידענע אַנטוויקלונגס־פאַזעס, זאָגט ווייטער מלך ראַוויטש:

„די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור זענען ענג פאַרבונדן מיט די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער שפּראַך. און די שפּראַך האָט נאָר איין פּראָבלעם פאַר זיך, פאַר איר קיום: שולן. דאָס איז איר איינציקער ליטער צו לייטערונג און צו אייביקייט".

און נאָך:

„די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער שפּראַך זענען ענג פאַר־בונדן מיט די פּערספּעקטיוון פון דער ליטעראַטור. וועט זיך די יידישע ליטעראַטור פאַרבינדן מיט דער וועלט, וועט זי דעם רייט־וואָגן פון וועלט־געדאַנק באַדאַרפן, וועט ער זי איינשפּאַנען און זי וועט ציען מיט אַלע פעלקערס ליטעראַטורן באַגלייך. וועט זי אָבער נאָכלויפן נאָך דעם רייטוואָגן פון געדאַנק אין דער וועלט — וועט זי בלייבן הינטערשטעליק, פאַרשעמט, „פאָלקסטימלעך" און סוף כל סוף — אַ טעמע פאַר ספּעציאַליסטן־פאָלקלאָריסטן".

און דער סך־הכל:

„שפּראַך וועט זיין, ווען שול וועט זיין. שפּראַך־צוקונפט וועט זיין, ווען וועלט־באַדייטונג וועט זיין. דער וועג פירט צווישן אָפּגרונט און אומבאַשטייגבאַרן באַרג. געניוס פון אונדזער דיכ־טונג, פאַרמעסט זיך אויף דעם באַרג! לעש־אויס אין אונדזערע אויגן דאָס אומרואיקע פלעמל פון ספקות און יאוש! צינד אָן דאָס ליכט פון גלויבן!"

נאָך מלך ראַוויטש קום איך (אינעם 3־טן נומער „ליט. בלעטער") מיט אַ וואָרט צו דער דיסקוסיע, מיט אַן אַרטיקל, וואָס הייסט „מידע און אָפּגעשוואַכטע". איך הויב אָן מיין אַרטיקל:

„עס איז שוין אַזאַ מנהג ביי אונדז: פון צייט צו צייט כאַפּט זיך עמעץ פלוצים אויף מיט אַ פאַרצווייפלטער שטים: „מ'גייט אונטער!" „געפינט זיך שוין גלייך אַן אָנגעשראָקענער עולם, וואָס שאָקלט צו מיטן קאָפּ". און אויסרעכענענדיק פאַרשידענע אַזעלכע פאַלן, ווען מען האָט פלוצים אָנגעהויבן מאַכן פאַרצווייפלטע גע־שרייען וועגן אומקום, זאָג איך ווייטער: „דאָסמאָל איז דער פאַר־צווייפלטער אויסגעשריי געמאַכט געוואָרן אין אונדזער יידישער ליטעראַרישער וועלט אין אַמעריקע און איז אויך אריבערגעטראָגן געוואָרן אַהער, צו אונדז: „ראַטעוועט! יידיש גייט אונטער!" פלו־צים גאָר, אין מיטן פון דער קאָכעדיקער אַרבעט — אַזעלכע יאוש־שטימען. וואָס איז געשען? — איז טאַקע דאָ אַ טעם צו דער פאַר־צווייפלונג, צו דער אָנגעוואָרפענער שרעק?"

איך באַװײַז, אַז אדרבא, „די לעצטע צען, צװאַנציק, דרײַסיק יאָר האָט דאָס לעבעדיקע און געדרוקטע ייִדיש װאָרט אויף די פֿאַרשידנסטע געביטן זיך אַזוי געװאַלטיק אַנטװיקלט און פֿאַרנומען אַזאַ בכבודיקן אָרט אין אונדזער לעבן, אַז קײן פֿאַנטאַסט האָט װעגן דעם אפֿילו נישט געקאָנט טרוימען...״ איך רעכן אויס די דערגרײכונגען: אַ מעכטיקע ייִדישע פּרעסע אין גאָר דער װעלט, — עטלעכע צענדליק טאָג־צײַטונגען, אַ הונדערט װאָכנשריפֿטן און זשורנאַלן מיט עטלעכע מיליאָן שטענדיקע ייִדישע לײענער. העכער טויזנט ייִדישע שולן, גימנאַזיעס, אָװנט־קורסן, פֿאָלקס־אוניװערזיטעטן, לערער סעמינאַרן, ביבליאָטעקן; ייִדיש טעאַטער אין די גרעסטע ייִדישע צענטערן, אָן אַ שיעור דראַמאַטישע קרײַזלעך אין די קלענערע ייִדישע שטעטלעך; אַ רײַכע ייִדישע ליטעראַטור, אַן אָריגינעלע און איבערגעזעצטע; ערנסטע פֿאַרצװײַגטע פֿאַרלאַגס־טעטיקײטן אין װאַרשע, ניו־יאָרק, מאָסקװע, װילנע, בערלין, קיעװ, און סימנים פֿון פּרוּװן פֿון ייִדישער בוך־פּראָדוקציע אין בוענאָס־אײרעס, ריגע, קאָװנע, דרום־אַפֿריקע, ביאַליסטאָק, װין, מאָנטרעאַל״.

> „די פּערספּעקטיװן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור — שרײַב איך װײַטער — ליגן אין דעם עצם פֿאַקט פֿון איר לעבן. די אידעע איז געבונדן מיט דעם כסדרדיקן לעבן און אַנטװיקלונג פֿון דעם ייִדישן געדאַנק. די ייִדישע ליטעראַטור — דער העכסטער און בולטסטער אויסדרוק פֿונעם ייִדישן שאַפֿן — איז אין זיך כּולל (נעמט אַרײַן אין זיך) אַלדאָס לעבעדיקע, אינטערעסאַנטע, מערקװירדיקע פֿונעם שאַפֿנדיקן ייִדישן לעבן. אויב ס׳איז פֿאַראַן בײַ אונדז אין ייִדישן פֿאָלק אַ שאַפֿונגס־גײַסט, אויב עס דערװעקן זיך נײַע שאַפֿונגס־כּוחות, אויב ס׳שמידן זיך רינגען צו דער גאָלדענער קײט פֿון ייִדישן גײַסטיקן לעבן, געשעט עס אין ייִדיש, אין דער ייִדישער שפּראַך, אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ייִדיש, דאָס ייִדיש שאַפֿן באַהעפֿט איצט די ייִדן פֿון פֿאַרשידענע לענדער... אין דער ייִדישער ליטעראַטור קלײַבן זיך די טרוימען, אָנזאָגן, אידעען, אָנשױאונגען פֿון ייִדן פֿון פֿאַרשידענע עקן װעלט״. און איך זאָג: „הױבט װער אָן צו זוכן דעם זכות פֿונעם קיום פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿונעם ייִדישן שאַפֿן, איז עס אַ שלעכטער סימן נישט

פאַר דער ליטעראַטור, נאָר פאַרן זוכער. איז ער (גופא) אויסגע־שעפּט, דאַרף ער זיך אויסרוען, אָנקלייבן פרישע כוחות און דער־נאָך קומען צו דער שאַפערישער אַרבעט".

און דער אויספיר, וואָס איך מאַך דערביי:

„עס איז אַ צייט פון אַרבעט און קאַמף פאַר אונדזער מאָ־דערנער קולטור, פאַר אונדזער מאָדערנעם שאַפן, און דער מידער און אָפּגעשוואַכטער זאָל זיך זיצן אין דער היים און נישט אָנוואַרפן קיין שרעק אויף די שאַפער און בויער".

און אָט איז געקומען י. י. זינגער מיט זיין וואָרט „צו דער דיס־קוסיע" (אין נ' 4).

ער ווייזט אָן, אַז די צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט פונעם יידישן פאָלק איז זיין אומגליק און גליק, זיין שוואַכקייט און שטאַרקייט. ער רעדט וועגן די גרויסע וויכטיקע איינפלוסן וואָס יידן און די יידישע ליטע־ראַטור נעמען אויף אין זיך פון די אַלע פעלקער און לענדער, ווו זיי לעבן און ווירקן.

„אָפּטיילן דאָס יידישע פאָלק און זיין שאַפן אויף שטיקלעך, הייסט דאָס זעלבע, וואָס צעשניידן אַ לעבעדיק וועזן אויף טיילן,— אַלזאָ טויטן עס. — גייען מיר צו צום יידישן פאָלק, איבערהויפּט צום כאַראַקטעריסטישן פון פאָלק — צו זיין שאַפן, — מוזן מיר צוגיין ווי צו אַ גאַנצער זאַך, צו אַלע זיינע טיילן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, — ביי די ברעגן פון דניעפּער, ווי ביי דער ווייסל, אין אַרגענטינע צי אין ליטע, אין ניו־יאָרק צי אפילו אַרום ירדן".

און ווייטער זאָגט י. י. זינגער:

„דער אַלטער 'כלל־ישראל', וואָס האָט באַנקראָטירט אין סאָ־ציאַלן זין איז אָבער אין גייסטיקן זין און אין עטנאָגראַפישן אוודאי — פאַרבליבן דער זעלבער. די גרויסע קריג, רעוואָלוציעס און פּאָ־גראָמען, וואָס האָבן אין פלוג אָפּגעטרייסלט לענדער און פעלקער דורך גרענעצן און פּאַספּאָרטן, האָבן אין דער אמתן געוואַלטיק אָפּגעווישט די אינערלעכע גרענעצן צווישן פעלקער. מער פון אַלע אַנדערע זענען יידן צונויפגעמישט געוואָרן. מער ווי ביי אַלע איז אין יידישן לעבן פאָרגעקומען די איבערוואַנדערונג, נישט געקוקט

אויף אַלע גרענעצן, „ביל׳ן״ און קוואָטעס. ווען איז דען נאָך אמאָל געווען אזא נאָענטקייט צווישן בערלין, ווארשע, מאָסקווע, ניו־יאָרק, פּאריז, קיעוו, קאָוונע, ירושלים ! ״

„דאָס ווזן „יידיש פאָלק״ איז געקניפּט און געבונדן, דורכ־געפלאָכטן מיט אָדערן. אזוי צוזאמענגעקניפּט, אז ס׳איז שווער געוואָרן אונטערצושיידן ווו ס׳גייען די הויפּט־אָדערן און ווו די זייטיקע אָדערלעך. ביים ווען אָפּהאַקן דאָס מינדסטע אָדערל קאָן מען גראָד אָנטרעפן אויף דעם וויכטיקסטן אָדער.״

און עס איז אינטערעסאַנט, ווי י. י. זינגער מוסרט די אַלע אמע־ריקאנער קאָלעגן, וואָס האַלטן אין קלאָגן אויפן מצב פון דעם יידישן וואָרט און דער יידישער ליטעראַטור און יידישן שרייבער :

„מיר זענען צעלאָזן געוואָרן. „וישמן ישורון ויבעט״. האָט דאָך פּרץ אין די ערשטע צייטן פאַר געצייילטע אינטעליגענטן און אַרבעטער געשריבן. געווען עלנט. נישט געזען קיין זאַך ארום זיך — און פונדעסטוועגן געשליפן, געטאָקט, נישט האָבנדיק אין פלוג פאַר וועמען. האָבן זיך דאָך מענטשן מוסר־נפש געווען פאַר פרעדיקן זייער אידעאַל אין א קרייזל פון א צענדליק מענטשן. רעדן צו טויזנטער איז א גרויסע זאַך. מיר האָבן אויפגעהערט אָפּשאַצן דעם ווערט פון מענטש״.

מיר ברענגען בכיוון גרעסערע אויסצוגן פון י. י. זינגערס אַרטיקל, ווייל מיר זעען דאָ, ווי אין יענער צייט האָט ער לחלוטין אַנדערש אויפ־געפאַסט דאָס יידישע לעבן, די ראָלע פון דעם שרייבער און ליטעראַטור. „מיר דאַרפן זיין די בויערס!״ — פאַרענדיקט י. י. זינגער זיין אַרטיקל „צו דער דיסקוסיע״.

אויך אַלטער קאַציזנע האָט גענומען א וואָרט צו דער דיסקוסיע. און אויך זיין אַרטיקל האָט אייניקע אינטערעסאַנטע שטעלן. ער האַלט, אז די דיסקוסיע איז אראָפּ פונעם ברייטן וועג און ער זאָגט אריין איינעם און א צווייטן און באַטאָנט, אז

„די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור גייען מיך אָן בלויז אין צוזאמענהאַנג מיט די פּערספּעקטיוון פון יידישן פאָלק

אין זיין איצטיקער פאזע. ווייל בלויז די איצטיקע פאזע פון יידישן פאָלק איז, עסטעטיש גענומען — מיין פאָלק און בלויז זי איז די מוטער פון מיין ליטעראַטור". אַלטער קאַציזנע זאָגט צום יידישן שרייבער: „וואָס קלאָגסטו, ברודער־שרייבער? רעדט דיין קינד קיין יידיש נישט, — האָב טענות צו דיין ווייב, צו דיין דינסט, צו דיין אייגענער נישט־קאָנסעקווענטקייט, צו דעם ניצוץ פון עבד כנעני, וואָס איז נאָך אין דיר געבליבן שטעקן".

אויך אַ. קאַציזנע האָט איינגעזען, ווי די אַלע איבעריקע, אַז „די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור זענען ענג פאַרבונדן מיט די פּערספּעקטיוון פון אַ נאָרמאַלן קולטור־צוזאַמענלעבן פון די צעפליקטע יידישע מאַסן". און נאָך אַ מאָמענט — די טענה צום שרייבער גופא, וואָס איז נישט ענג און אָרגאַניש געבונדן מיטן לעבן און מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק: „נישט דאָס פאָלק דערווייטערט זיך פון אונדזער ליטעראַטור און לאָזט אונדז איינזאַם, נאָר מיר (ליטעראַטור) דערווייטערן זיך פון פאָלק און פאַראיינזאַמען זיך אַליין". („ליטעראַרישע בלעטער" נומ׳ 5).

ה. ש. קאַזדאַן האָט אין זיין דיסקוסיע־אַרטיקל באַשולדיקט די שרייבער און די ליטעראַטור. ער האָט אָנגעוויזן אויפן שווערן געראַנגל פון די יידישע מאַסן, אויף די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען, וואָס רופן זיך אָפּ אויפן וווילזיין פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן און ער זאָגט:

„...עס שטייט פאַר אונדז דאָס פּראָבלעם נישט פון דער שפּראַך־עקזיסטענץ און ליטעראַטור־פּערספּעקטיוון און אפילו נישט סתם קיום־האומה. עס שטייט אַ גאַנץ־קלאָרע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן קאַמף. אַלע טיילן פון דער נאַציע דאַרפן קעמפן. יעדער מיט זיינע מיטלען און קודם כל צוליב זיינע אייגנטימלעכע גרופּן־אינטערעסן, פאַר דער פולער אנערקענונג און גלייכבאַרעכטיקונג מצד דער מלוכה און אירע הערשנדיקע עלעמענטן. דאָס איז די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם..."

ער זאָגט צו די שרייבער:

„אַמוויניקסטן האָט איר רעכט צו נעמען אויף זיך די עובדא

פון קלאָגמוטערס. דאָס ארבעטנדיקע פאָלק טוט זיין גרויסע היס־טאָרישע ארבעט. שטייט נישט אָפּ אלס בירגער און קונסט־דינער — פון אָט דער פאָלקס־ארבעט, און דאַן וועלן אייערע „ספקות און יאוש" אינגאנצן פארשווינדן... דאָס פאָלק האָט זיך פאַר־מאָסטן אויף דעם גרויסן בארג — דאָס פאָלק גייט מיט זיכערע טריט. זאָל די פּאָעזיע פארנעמען זייער ריטם און זיי איבערדיכטן אין קונסט. דאָס איז איר פּראָבלעם. און די פּערספּעקטיוון פון אונדזער שפּראַך און ליטעראַטור — וועט שוין דער געניוס פון פאָלק אליין באַזאָרגן". („ליט. בל.", נומ' 6).

די אלע ארויסגעזאָגטע מיינונגען, די פאָדערונגען, וואָס מען האָט געשטעלט צו דעם שרייבער, צו זיך אליין. דער פארנעם פון דער דיס־קוסיע, דאָס צונויפבינדן דאָס פּראָבלעם פון ליטעראַטור מיטן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן — דאָס אלץ ווייזט דעם גאַנג פון די יונגע שריי־בער, וועלכע האָבן געהאַט קלאָרע אויפגאַבן און צילן אין זייער שרייבן. און עס איז אויך אינטערעסאַנט די בענקשאַפט נאָך די יידישע מאַסן פון אנדערע וועלט־טיילן און דער דראַנג צו פאַראייניקן די שעפערישע כוחות פון דעם פאָלק.

13

שלום אַש און ד"ר ח. זשיטלאָווסקי צו גאַסט אין פּוילן

דאָס יידישע קולטור־לעבן אין פּוילן האָט זיך אלץ מער גענומען פונאנדערוואַקסן. נאָך די עטלעכע שווערע און ביטערע יאָרן פונעם קריג, פון דער דייטשער אָקופּאַציע און פון די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן האָט זיך עס אָנגעהויבן צו סטאַביליזירן, און עס האָט אָנגעהויבן צוציען יידישע שרייבער, וואָס האָבן געהאַט פארלאָזט פּוילן און זענען איבער־געוועזן די שווערע יאָרן אין אמעריקע.

עס זענען באַזונדערס אינטערעסאַנט די קעגנזייטיקע באַציאונגען און באַווירקונגען פון דעם יידישן קינסטלער מיט דעם לעבעדיקן פּוילן.

און באַזונדערס איז געווען פון גרויס באַטייט דער צוריקקער פון שלום אַשן, — דאָס עכטע קינד פון דעם יידישן פּוילן, דער באַזינגער פון דעם יידישן פּאַטריאַרכאַלישן לעבן אין פּוילן, דער שילדערער פון דעם פּוילישן שטעטל, פון דער פּוילישער נאַטור און פון די יונגען פון דעם קוילער־געסל, ווי אויך פון דער „יאַטישער" (ליטישער) טאָכטער. שלום אַש איז דאַן אַלט געווען אַ 45 יאָר, ער איז דאַן געווען געזונט, פעסט, קרעפּ־טיק און רייף. ער האָט דאַן געהאַלטן נאָך זיינע ווערק „מאָטקע גנב", „קידוש השם" און „כישופמאַכערין פון קאַסטיליען". ער איז געווען פול מיט נייגיר, רייץ און גבורה.

אין די „ליט. בלעטער" פון דעם 23סטן מאַי 1924 אויף דער ערשטער זייט האָבן מיר אַ קליינע אייליקע נאָטיץ, געגעבן די לעצטע מינוט, פאַרן פאַרענדיקן דעם נומער. מיר שרייבן אין דער נאָטיץ:

„ווידער אַמאָל איז שלום אַש געקומען אין זיין אַלטער היים. נאָך לאַנגע יאָרן אַרומפאָרן איבער דער וועלט, איז ער ווידער גע־קומען אין דער יידישער וואַרשע, און דאָסמאָל — אויף צו באַזעצן זיך". „וואַרשע — שרייבן מיר — איז אַ לאַנגע צייט געווען דער גרעסטער צענטער פונעם יידישן שאַפן. וואַרשע איז איצט די מע־טראָפּאָליע פון דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע. וואַרשע פאַרמאָגט איצט פיל צענטראַלע קולטור־אינסטיטוציעס, אַ פאַר־צווייגטע יידישע פּרעסע, יידישע פאַרלאַגן און מער ווי ווען־עס־איז איז נויטיק, אַז די יידישע דיכטער זאָלן זיך געפינען אין דער נאָענט, אַרום די יידישע פאָלקס־מאַסן, פון וואַנעט די דיכטער ציען יניקה פאַר זייער שאַפן".

אָט די עטלעכע שורות באַווייזן גאַנץ באַשיינפּערלעך די שטימונג און דאָס געמיט פון די יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין פּוילן, אין וואַרשע, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט קלאָרע פאָדערונגען צום יידישן שרייבער און קינסטלער און גערופן און געמאָנט ביי אים, ער זאָל זיך שטעלן אויף די קאַמף־און קולטור־פּאָזיציעס. שלום אַש, ווי די אַלע אַנ־דערע, וואָס זענען אין יענע יאָרן געקומען קיין פּוילן מיט דער כוונה צו פאַרבלייבן אַ מער־לענגערע צייט, זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַטמאָספער פון אַרבעט, פון אויפטו.

מען דארף דא בדרך אגב באמערקן, אז אין יענער צייט האט בער־לין געגומען קאנקורירן מיט דער יידישער ווארשע. איינינקע יידישע שרייבער און קינסטלער, — און א טייל מיט א יידישן וועלט־נאמען — האבן זיך באזעצט אין בערלין, לכתחילה צייטווייליק, אבער מיט דער צייט האבן זיי ליב באקומען דאס לאנד, די שטאט און די דייטשע באַ־קוועמלעכקייטן און די דייטשע טעכניק. און ווירקלעך, אין פארגלייך מיט דעם דעמאלסדיקן דייטשלאנד איז פוילן געווען גאנץ־הינטערשטע־ליק. אין בערלין האבן זיך אין יענער צייט אויך קאנצענטרירט א גרע־סערע צאל יידן־סוחרים, רייכע און אויפגעקומענע גבירים, מיט גרויסע קאפיטאלן און אונטערנעמונגס־גייסט, און צווישן זיי — איינינקע מיט „שוואכקייטן״ פאר יידישער קולטור־און קונסט־ארבעט און מיט סימ־פאטיעס צו יידישע קינסטלער און שרייבער. עס זענען געגרינדעט גע־ווארן אין בערלין פארלאגן און פארלאגלעך, און דערביי אויך מיטן צוועק צו מאכן געלט ביי דער דעמאלסדיקער האסטיקער אינפלאציע, און ארום די פארלאגן — די יידישע, העברעאישע און רוסישע — האבן זיך צוגע־טוליעט יידישע שרייבער. איז געווען א קאנקורענץ־קאמף צווישן דעם יידישן פוילן און גויאישן דייטשלאנד. מיר האבן אפט געקוקט אויף די, וואס באזעצן זיך אין בערלין ווי אויף אזעלכע, וואס אנטלויפן פונעם פראנט און זוכן זיך בעסערע, ווארעמערע און זיכערע ווינקעלעך פאר זיך. און זיי, די נייע בערלינער, האבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף דארפס־לייט, משטיינס געזאגט, וואס קאנען זיצן אין דעם העק, אין פוילן, אין ווארשע, אין די אפגעלאזטע גאסן, אין נישט־באקוועמע דירות, צווישן די אומקולטורעלע פאליאקן א. א. וו., אין דער צייט, וואס מען קאן זיצן און לעבן אין הארץ פון אייראפע, ווו די טעכניק און קולטור האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, און מען האט געלעבט א גוט און באקוועם לעבן.

יא, מיט דער צייט האט זיך געשאפן אזא מין אנטאגאניזם אפילו צווישן די נאענטע חברים. מיר פלעגט אפטמאל אויסקומען צו באזוכן בערלין, זיך טרעפן מיט אלטע חברים, גוטע פריינד, שרייבער, קינסט־לער, און זיי פלעגן מיך באדויערן, וואס איך מוז, נעבעך, לעבן אין ווארשע, האבן צו טון מיט דער דעמאלסדיקער צענזור, מיט דער פאליציי, מיט די אפגעשטאנענע דרוקעריען, מיט דער ארעמקייט, ווען דא, אין

בערלין איז מען ווי אין א גן־עדן, מען לעבט ווי „גאָט אין אדעס"... אין פארגלייך מיטן דעמאָלסדיקן בערלין האָט טאקע אויסגעזען ווארשע טונקל, חושכדיק, אָבער האָט דען בערלין פארמאָגט די הונדערטער טויזנטער יידישע מאסן, און די אַלע דערבייאיקע שטעט און שטעטלעך, וואָס יידישע לעבן האָט פולסירט? דאָס געפיל פון „בתוך עמי אני יושב", — איך לעב צווישן אייגענע, צווישן מיין פאָלק, איז דאָך געווען שטאַרקער פון די אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס מען האָט דאָן געהאַט אין בערלין . . .

אגב, האָט שלום אש אין זיין בוך „פארן אַפּגרונט", וואָס עס איז ארויס אין יאָר 1936, גאנץ שאַרף און אַלזייטיק געשילדערט דאָס לעבן אין דייטשלאנד, אין בערלין אין יענע ווילדע אינפלאַציע־יאָרן, ווי ער פירט ארויס אויך יידישע טיפּן, וועלכע האָבן מיטגעמאכט יענע וואַקכאַנאַליע־יאָרן פון 1918־1928. אין ליכט פון דעם אַלעם ווערן קלאָרער די עטלעכע ווערטער אין דער באַגריסונג צו שלום אשם קומען אין 1924 קיין פוילן.

שלום אַשן האָט אימפּאָנירט די יונגע חברה, די שרייבער און קינסטלער, וואָס האָבן אויפגעשטעלט אַן אייגענע ליטעראריש־קינסטלערישע טריבונע און מיט געוואַגטקייט, מיט חוצפּה און מיט פארמעסט אויף אַלץ און אַלעמען. ער האָט זיך שטאַרק געחברט מיט אונדז, און ווי ער איז נישט געווען אַנדערש לויטן כאַראַקטער און מיט זיין גאַנצער איינשטעלונג פון יעדן איינעם פון אונדז, פלעגט ער זיך אין יענער צייט שטאַרק טוליען ארום אונדז.

איך געדענק איינעם אַן אָוונט, — מיר זענען געזעסן, אונדזער רעדאַקציע־קאָלעגיע, זינגער, מארקיש, ראַוויטש און איך, ביי אונדז אין הויז אין די ענגע צימערן פון מיראַווסקע 1, און פּלוצים דערהערן מיר ווי עמעץ פּאַרעט זיך ארום דער טיר, מיט דער קלאַמקע אין דעם נישט־נאָר באַלויכטענעם שמאָלן קאָרידאָר און די געדרייטע טרעפּ. מיר עפענען די טיר, און מיר ווערן איבערראַשט — שלום אַש איז דאָ !

— עטץ זיינט אַ ווילע חברה! — טענהט ער צו אונדז און פארבעט זיך אין שטוב אריין. מיר פירן אים אריין אין הויז, מען איז אים מכבד מיט אָוונט־ברויט, און ער איז ווי יינגער געוואָרן. מען דאַרף דאָס טון און דאָס טון, מען דאַרף — רעדט ער צו אונדז — שאַפן אַ ליטע־

דארישע סביבה, מען דארף זיך אלע צונויפקומען, און ער דערמאנט די שיינע גוטע יארן פון פרצן אין ווארשע. ער לייגט אוים פאר אונדז א פלאן, מען זאל זיך צונויפזאמלען אפטער און טאקע ביי אים אין הויז, וואס ער האט אקארשט איינגעארדנט פאר זיך, פאר זיין משפחה, אויף נייע וועלט עק יעראזאלימסקע אליע, נישט ווייט פון דער ווייסל, אויפן פינפטן שטאק. ער האט אפגעצאלט איבער טויזנט דאלער פאר דער דירה, געקויפט פיין מעבל, און מאדזשע, אשם פרוי, האט שוין אלץ צוגע־פוצט און געמאכט פון דעם הויז „פתום און רעמסס", ווי עס וואלט באמת געשאפן געווארן אז אייגענע היים אויף לענגערע יארן.

שלום אשן האט דאן טיף געצויגן צום יידישן עולם, צו זיין אל־טער היים, צו דעם באדן, ווו ער איז אויסגעוואקסן און געוועזן פאר־װארצלט. ער האט זיך פארמאסטן אויף א ריי ווערק, וואס זענען פאר־בונדן מיט די אמאליקע און איצטיקע יידן אין פוילן. און ער האט גע־וואלט זיין נאענט, געוואלט זיך ווידער ארײנלעבן און ארײנזאפן אין זיך דעם זאפט און קראפט פונעם פוילישן יידנטום.

עס איז אינטערעסאנט, וואס פרוי אש האט מיר דאן אנומלט דער־ציילט: אשם זון נתן, — האט זי זייער רירנד און מאמיש איבערגעגעבן, — האט זיך געוועודט צום פאטער, ער זאל אים געבן א פאר טויזנט דא־לער, ער זאל קאנען אוועקפארן אויף א יאר צייט ערגעץ אין א העק, כדי אנצושרייבן א ווערק. האט אים שלום אש געזאגט: „גיב דו מיר אזא סומע, וואס זאל מיר פארזיכערן אזא צייט, וועל איך אנשרייבן א בעסער ווערק!"... עס איז אויסגעקומען, ווי דער טאטע איז ערגעץ־ווו אייפער־זיכטיק אויף זיין זון, — דאס האט מיר פרוי אש נישט געזאגט, איך האב עס אבער ארויסגעשפירט פון אירע מאמישע רייד . . .

וואס עס איז געשען מיט דער דירה, ווי לאנג שלום אש האט רואיק געקאנט לעבן אין פוילן, ווען די פאליטישע לאגע איז געוועזן א שווערע, און די עקאנאמישע לאגע פון די יידן — נאך אן ערגערע — איז אן אנדער ענין. ש. אש, דער אומרו, האט קיין יאר נישט אויסגעהאלטן אין דער דירה און אין ווארשע . . .

אויף וויפל דאס יידישע טעאטער, דער יידישער שוישפילער איז געוועזן נאענט צום לעבן און באמיט זיך אפצושפיגלען וואס עס טוט זיך אין דער יידישער סביבה, באווייזט דער פאקט, וואס אין פארבינדונג מיט

שלום אַשם באַזוך אין פּוילן, האָט דער צענטראַל־טעאַטער (אונטער דער אָנפירונג פון משה ליפּמאַן, אויף לעשנאָ 1) אויפגעפירט שלום אַשם „יחוס". די דראַמע (שלום אַש רופט עס אַן קאָמעדיע) איז אָנגעשריבן געווען אין פריערדיקע יאָרן, נאָך אין יאָר 1909, אין יענער צייט איז „יחוס" אפילו אויפגעפירט געוואָרן אין די אָנגעזעענסטע רוסישע טעאַ־טערן. איך האָב די פּיעסע געזען אין אַ גלענצנדיקער אויפפירונג אין דעם באַרימטן רוסישן „סאַלאָווצאָוו"־טעאַטער אין קיעוו. זי האָט געהייסן אין רוסיש „בעליאַיאַ קאָסט". און די ראָלן זענען געווען באַזעצט דורך גרוי־סע רוסישע אַקטיאָרן. דאָס מאָל האָבן די הויפּט־ראָלן געשפּילט משה ליפּמאַן, נאַטאַליאַ ליפּמאַן, סאַנדלער, קרעלמאַן, זינאַאידע ראַפּעל, גאַר־באַרזש, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, א. א. פון די דערמאָנטע שוישפּילער זענען עטלעכע פאַרבליבן לעבן, און אייניקע זענען אומגעקומען דורך דער בעס־טיאַלישער דייטשער מאַכט אין פּוילן. דער טעאַטער פון משה ליפּמאַן האָט דאַן געטראָגן דעם נאָמען „וואַרשעווער יידישער אַרטיסטישער ווינקל" (דער נאָמען איז איבערגענומען פון דעם יידישן טעאַטער אין כאַרקאָוו).

אויף וויפל דאָס קומען פון שלום אַשן איז געווען אַ געשעעניש אינעם יידישן פּוילן, זעען מיר אויך פון דעם, וואָס דער פאַראיין פון יידי־שע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, וואָס האָט געמוזט, כדי צו פאַרלאַטען די לעבער פון זיינע חובות, אָנקומען צו פאַרשידענע אונ־טערנעמונגען, האָט טאַקע געמאַכט אין דער גרויסער צירק־געביידע „אַ פייערלעכע שלום אַש ־ אַקאַדעמיע". דאָס וואָרט אַקאַדעמיע איז אַ מער־פּוילישם, עס ווערט באַנוצט בעיקר אין פּוילן. עס מיינט אַ גרויסע ערנסטע פאָלקס־פאַרזאַמלונג. דעם רעפעראַט וועגן שלום אַשן און זיין שאַפן האָט געהאַלטן ד"ר יצחק שיפּער, וואָס איז דאַן געווען שטאַרק פאַרערט און באַליבט ביי אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. עס איז אויך אָנגעזאָגט „אַ רייך קינסטלעריש פּראָגראַם מיט גרשון סיראָטאַ, זיין טאָכטער הע־לענאַ, און די פאָלקס־זינגער זמרה זעליגפעלד און מ. קיפּנים א. א. וו.

ווען מען לייענט דעם אָנאָנס מיט אַט די פּרטים וויקלט זיך פונאַנ־דער פאַר דיין זכרון יענע טייערע, פולבלוטיקע יידישע וואַרשע מיט איר טייערן יידישן עולם, מיט די טויזנטער יונגע באַגייסטערטע יונגעלייט, וואָס פלעגן קומען אויפן ערשטן רוף אויף יעדער וויכטיקער קולטור־

קינסטלערישער אונטערנעמונג און צוגעגעבן מיט זייער בייזיין דעם מאסן־כאראקטער און אלדאס דערהויבענע, וואס א פאלק גיט צו צו פאלקס־פייערונגען. עס דערמאנט זיך דער פולגעפאקטער צירק, וואס האט מיט־אמאל געביטן זיין אויסזען און זיין וועזן. **אויף דער גרויסער ארענע,** ווו מען האט באוויזן די מושטירטע פערד, ווו קלאאונען האבן משמח גע־ווען דעם עולם, אדער ווו עס זענען פארגעקומען די פאפולערע פראנצוי־זישע רינג־קאמפן (וואלקעס!) — אין דער זעלבער געבוידע און ארענע האט מען זיך צונויפגעקליבן צו פייערן דעם באליבטן שרייבער, וואס איז ארויס פון די טיפענישן פונעם יידישן פאלק און געווארן בארימט אין דער גרויסער וועלט.

איך האב אשס רעדע דאן אפגעשריבן, ווי ער האט זי זיך געהאלטן פאר דעם 3־טויזנט קעפיקן יידישן עולם. אט זענען עטלעכע אויסצוגן פון דער רעדע, וואס גיט אונדז א באגריף וועגן דעם יידישן שרייבער און זיין באציאונג צום פאלק און זיינע פארלאנגען פון זיך און פון דעם יידישן קינסטלער.

שלום אש האט דאן געזאגט:

„איידער איך וועל צוטרעטן צו מיין טעמע, וויל איך דא פאר אייך דערקלערן דעם טעם, פארוואס איך בין געקומען צוריק קיין פוילן. מיר וועט אויסקומען צו זאגן פאר אייך די זעלבע ווערטער, וואס איך האב געזאגט אין אמעריקע, ווען איך בין דארטן ארויס־געטראטן פאר די אמעריקאנער יידן. איך באלאנג צו א גרויסער משפחה, קיין עין־הרע זאל איר נישט שאטן. א טייל פון מיין משפחה וווינט דא, אין פוילן, א טייל — אין אמעריקע. איך האב א מוטער, וואס פארט פון איין טייל משפחה צו דער אנדע־רער. זיצט זי דא, בענקט זי נאך אירע קינדער, וואס זענען אין אמע־ריקע, וווינט זי דארטן, ציט איר אהער, צו די קינדער, וואס לעבן דא אין פוילן. אין דער זעלבער בחינה געפינט זיך דער יידישער שרייבער. דאס יידישע פאלק איז צעשניטן, צעזייט אויף פארשיי־דענע לענדער. דער יידישער שרייבער איז דעריבער אין אומרו. עס ציט אים פון איין טייל צו דער צווייטער. בין איך דא מיט אייך, ציט מיך אהין צו די יידישע ארבעטס־מאסן, וואס פילן אן די ניו־

יאָרקער גאַסן אין די צענדליקער טויזנטער נאָך דער שווערער טאָג־אַרבעט. בין איך דאָרט אין אַמעריקע — בענק איך נאָך דעם שיינעם, זינגענדיקן, וואָס געפינט זיך דאָ".

און שלום אַש האָט פאַרן גרויסן עולם אָנגעצייכנט די הויפּט־שטריכן פון דעם גאַנג אין דעם יידישן שאַפן און די ראָלע פון דער ליטעראַטור ביי יידן:

„דער יידישער ספר איז אונדזער גייסטיק פּאַטערלאַנד פון אַלע דורות אָן, נאָך פון אָנהויב אָן, ווען אַ פּייערדיקע האַנט האָט אָנגעשריבן די ערשטע ווערטער „בראשית". דאָס פּאַטערלאַנד קאָן מען נישט צונעמען, נישט דעראָבערן. דאָס גייסטיקע פּאַטערלאַנד, דער ספר, האָט פאַרבונדן אַלע יידן פון אַלע וועלט־טיילן וועלט. די אַמאָליקע געזעצן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין איין טייל וועלט, זענען גילטיק געווען פאַר אַלע איבעריקע יידן. די ספרים און די תשובות, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין וואָרמס, מאַינץ, ביי די ברעגן פון רהיין, זענען הייליק געווען פאַר די יידן אויף די ברעגן פון ווייסל. די ספרים פון די חכמי מודינה האָבן געהערשט אויף די איבעריקע יידן, ווו נאָר זיי זענען פאַרוואָרפן געווען. אויך די תימנער יידן, די יידן אויף די ברעגן פון ניל, האָבן געצויגן יניקה פון זיי. די אַמאָליקע יידן האָבן געהאַט די השפעה, געקאָנט לעבן פון דער השפעה".

און רעדנדיק פון דער ראָלע פון דער יידישער ליטעראַטור ביים היינטיקן דור, האָט שלום אַש דערמאַנט שלום־עליכמען און איבערגעגאַנגען צו פּרצן:

„און אַ צוואה האָט פּרץ אונדז איבערגעלאָזט — דעם פייערדיקן גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור דאַרף אויפדעקן נישט דאָס צופעליקע, נישט דאָס טאָג־טעגלעכע, נאָר דאָס אייביקע, די העכערע יידישע מאָראַל, וואָס האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק די קראַפט פון עקזיסטענץ, די קראַפט פון אַנטקעגנשטעלן זיך דער וועלט. ווען מען באַטראַכט, ווי די אַמאָליקע יידן פון מיטלאַלטער האָבן זיך שטילערהייט אַריינגעגנבעט ווי

ציגיינער ערגעץ־ווו אין א מדינה. א הייפעלע יידן שוואכע, אויס־געמאטערטע האבן באוויזן זיך אנטקעגנשטעלן קעגן דער מעכטי־קער, רייכער קירכע. און ס'האט זיך געשאפן א מין ביטרעקייט, א מין טיפע עקשנות פון דעם עם קשה־עורף בייצושטיין די אלע אוי־סערלעכע צרות". און „איצט — האט ווייטער שלום אש געצויגן זיין געדאנק — האט די יידישע ליטעראטור צו שפילן א וויכטיקע ראלע, דארף צוגעבן די קראפט פון אנטקעגנשטעלן זיך. די יידישע ליטעראטור האט אויך די אויפגאבע צו אנטפלעקן אין אונדז דאס מענטשלעכע. מיר האבן קיין מורא נישט ארויסצוזאגן אין אונדזער ליטעראטור וועגן זיך דעם גאנצן אמת. די פון אונדזערע שרייבער, וואס שרייבן פאר אנדערע, האבן זיך באדארפט שטענדיק זיך שרעקן, זיי זאלן נישט געבן קיין פלעקן, קיין שאטנס, נישט אויפ־ווייזן קיין חסרונות וועגן יידן. די יידישע ליטעראטור קומט נישט צו פארענטפערן זיך. זי וויל באווייזן, אויפדעקן דאס מענטשלעכע און שילדערן אונדז ווי מיר זענען. אזעלכע זענען מיר און אזעלכע נעמט אונדז אויף".

און שלום אש, דער גרויסער שרייבער, דער זון פון די פוילישע יידישע מאסן, האט ריכטיק ווייטער אפגעשאצט דעם מהות, דעם תוך פון דער יידישער מאסע אין אן עת־צרה. ער זאגט ווייטער ווערטער, וואס עס איז כדאי זיי זאלן פארבלייבן פארצייכנט אין א בוך וועגן דעם יידישן פוילן אין יענע נאך־מלחמה־יארן:

„די יידישע ליטעראטור, ווי קליין און ארעם זי איז נישט, איז פארשפרייט איצט איבער דער גאנצער וועלט, זי איז מיטגע־גאנגען מיטן יידישן פאלק. ווער זענען געווען די, וואס זענען אוועק־געגאנגען אמאל אהין אין די ווייטע מדינות. דאס זענען געווען אזעלכע, וואס טאטע־מאמע האבן זיך פון זיי אפגעזאגט. און אט, בעתן קריג, ווען עס זענען אנגעקומען שווערע ידיעות פון דער אל־טער היים, זענען הונדערטער טויזנטער יידן געקומען צו לויפן אין די רעדאקציעס מיט ציטערדיקע הענט און הערצער און געגעבן און געטראגן הילף פאר די אומגליקלעכע ברידער אין מזרח־אייראָ־פע. וועמען האט מען עס צו פארדאנקען? דאס האט די יידישע

ליטעראַטור און שפּראַך געהאַלטן געבונדן זייערע הערצער צו זייע־רע הערצער, און דאַן ווען איר האָט באַדאַרפט דעם מיטגעפיל, דעם מיטלייד, איז עס געשען פון יענער זייט ים."

און זיין גרויסע רעדע, וואָס האָט געקלונגען ממש ווי אַ מאַניפעסט, ווי אַן עקספּאָזע פון אַ מענטש, וואָס קומט אַנטפּלעקן פאַר דעם עולם זיין „אני־מאמין", האָט שלום אַש פאַרענדיקט מיט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער, וואָס זענען אָנגעמאָסטן אויך פאַר איצט, שוין אַ 25 יאָר, ווי זיי זענען געזאָגט געוואָרן, פאַר אַ סך וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן פון די היטלעריסטישע בעסטיעס. שלום אַש האָט געזאָגט:

„איר האָט מסתמא באַמערקט ביי אונדז אין די שטעטלעך ביי אַ שטעטלדיקער שמחה, ביי אַ חתונה זענען אַלע ברוגז. מען שיקט קלעזמער צו בעטן דעם חתן, די מחותנים. מען איז אַלע אָנ־געבלאָזן. פאַרקערט, ביי אַ טרויער, ביי אַ לוויה זענען אַלע גוטע פריינד, אַלע קומען צו גיין נישט־געבעטענערהייט. ביז אַהער האָבן אונדז מער פאַראייניקט די לוויות. צרות, פּאָגראָמען, גרויסע אומ־גליקן האָבן אונדז צונויפגענומען. איז אָבער געשען אַ שמחה, אַ פרייד, איז מען געוואָרן צעריסן. די יידישע ליטעראַטור איז די איינציקע שמחה, אין וועלכער אַלע פילן זיך פריינד, זי פאַראיי־ניקט אונדז אַלעמען" („ליט. בל". נ' 10, פון 11־טן יולי 1924).

* * *

זומער 1924 האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז ד"ר חיים זשיט־לאָווסקי איז אויפן וועג פון אַמעריקע קיין אייראָפּע, און אָט־אָט און ער קומט צו אונדז קיין פּוילן. מען דאַרף באַגרייפן וואָס ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט באַטייט פאַר פיל פון אונדז, האָבן מיר דאָך אָט דעם נאָמען פאַר־הערלעכט זינט יאָרן און יאָרן, און ער איז דאָך געוואָרן פאַר אונדזער דור נישט נאָר דער רבי, נאָר ער איז שוין געוואָרן ביי זיין לעבן אַ שטיק לעגענדע.

און אָט זאָגן מיר אָן די גרויסע בשורה, אין די „ליט. בלעטער" פונעם 8־טן אויגוסט 1924, אויף דער ערשטער זייט, אַז ד"ר חיים זשיט־לאָווסקי קומט אויף אַ באַזוך קיין פּוילן. מיר שרייבן:

„אינגיכן וועלן מיר האָבן דאָס פאַרגעניגן מקבל פּנים צו זיין ד"ר ח. זשיטלאָווסקי אין וואַרשע. מעבר לים קומט צו אונדז דער, וואָס איז במשך פון צענדליקער יאָרן געווען דאָס איינציקע ליכט פאַר דער אָקאָרשט אַנטשטייענדיקער פאָלקס־אינטעליגענץ. אמאָל — דער איינציקער, היינט פון די געציילטע, וועלכע האָבן אין דעם פאַרדאַרטן יידישן קולטור־סקעלעט אַריינגעבלאָזן אַ רוח־החיים און געגעבן אים אַ פילאָזאָפישן אונטערשלאַג, ער האָט געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז אונדזער גערדאַנק טאָר זיך ווייטער נישט שטיקן אין די ד׳ אמות פון אַן אָפּגעלעבטער קולטור, וואָס פאַראייניקט, אמת, אַ סך טליענדיקע פונקען, אָבער בעת דעם ערשטן ווינט פון דער אייראָפּעאישער קולטור ווערט פון זיי אַש".

מיר געדענקט זיך נישט, ווער עס איז געווען דער מחבר פון אָט דער גרעסערער נאָטיץ — צום קומען פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. די „עברי" איז נישט מיינע, אויך נישט זינגערס, אָדער מאַרקישעס. אפשר ראַוויטש אָדער גאָר קאַציזנע?

און ווייטער:

„ער, זשיטלאָווסקי, זוכט דעריבער די פּעדים, וועלכע זאָלן צונויפהעפטן דאָס ריין־יידישע מיטן וועלטלעכן, בכדי צו סינטע־זירן אַ קשר פון אַ מאָדערנער ייִדיש־נאַציאָנאַלער קולטור... אַ שאַרפער אינטעלעקט מיט אַ רייכער פילאָזאָפישער ערודיציע, האָט ער אין פאַרלויף פון דרייסיק יאָר אין אַ זאַפּטיקן און זעלטן־שיינעם יידיש באַגרינדעט טעאָרעטיש דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם, און ווי פיין קניפּן זיך ביי אים די דאָזיקע צוויי — אין פלוג געגומען — ווידערשפּרעכנדיקע פּראָבלעמען... היינט צו טאָג איז זשיטלאָווסקי דער געקרוינטער שעפער פונעם ראַדי־קאַלן נאַציאָנאַליזם אויפן יסוד פון דער יידישער שפּראַך, און בויער פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָניזם. זיין וועלט־אַנשויאונג באַזירט זיך אויף דעם שפּינאָזיזם אַלס קאָסמאָס־באַנעם און קאַנ־טיזם אַלס גרענעצן־באַצייכענונג פון דער וועלט־דערקענטעניש". „ד"ר זשיטלאָווסקי איז באַוווּסט אַלס גלענצנדער פּרעלעגענט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ קלאָרער שפּראַך, מיטן אינהאַלט און פאָר־

פולערער פאָרם. מיר וועלן דעריבער האַלטן פאַר אַ זכיה צו זיין צוהערער אויף אַ פאָרטראַג פון אַזאַ ערנסטער און חשובער פּער־זענלעכקייט".

מיר פאַלט איצט איין, אַז זייער מעגלעך, אַז דער מחבר פון די געבראַכטע שורות איז געווען גאָר ד"ר אברהם גליקסמאַן, — אַ מערק־ווירדיקער מענטש און געלערנטער. ער איז געווען שלום אַשס אַ יוגנט־חבר, געבוירן און אויפגעוואַקסן אין קוטנע. ער האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער און רייכער משפּחה אין קוטנע, פון די אַלטערס, און ער האָט אין די יונגע יאָרן אַראָפּגעקוקט אויף דעם בחור שלום פון ווייניק־פאַרמעגלעכע עלטערן — די פאַמיליע אַש. א. גליקסמאַן האָט געקראָגן אַ דערציאונג און אויסבילדונג ביי די בעסטע לערער. ער האָט אין די יונגע יאָרן אָנגעהויבן אויף העברעאיש מיט דערציילונגען. זיינע אַ העב־רעאישע דערציילונג „לכו נרננה" האָט זיך געדרוקט אין די באַרימטע „אחיאסף"־לוחות. ער האָט פאַרבראַכט אַ 20 יאָר אין די אויסלענדישע שטעט, וווּ געלערנט און גענדיקט אַ מיטל־שול און אוניווערזיטעט, שטודירט פילאָזאָפיע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מיטגעאַרבעט אין דייט־שע צייטונגען און לסוף צוריקגעקומען קיין פוילן, וואַרשע, אַ קראַנקער, אָפּגעלאָזענער און מיט אַ פוס, וואָס ער האָט נאָכגעשלעפּט. ער האָט זיין וויסן נישט געקאָנט סיסטעמאַטיזירן און אַרויסברענגען ווי געהער־ריק, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער וואַרשע אַ צערודערטער און דער־שלאָגענער און נישט געקאָנט צו עפּעס זיך דערשלאָגן. האָט מען מיט אים אין דער יידישער פּרעסע „פאַרשטאָפּט אַלע לעכער" און בעיקר — אין די זומער־חדשים, ווען מען האָט געשיקט פאַרטרעטער אין די טעג־לעכע צייטונגען אַנשטאַט די שרייבער, וואָס זענען געפאָרן אויף וואַ־קאַציע. מיר האָבן אין די „ליט. בלעטער" אָפטמאָל צוגעשאַרט ד"ר א. גליקסמאַנען טעמעס אויף אַרטיקלען, און ווען ד"ר ח. זשיטלאָווסקי איז געקומען און געהאַלטן זיינע פילאָזאָפישע רעפעראַטן, איז ד"ר גליקס־מאַן געווען ביי אונדז דער באַריכט־שרייבער. ער האָט דערנאָך אין 1930, ווען מיר האָבן געפייערט שלום אַשס 50סטן געבוירנטאָג, אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטע סעריע אַרטיקלען איבער שלום אַש אין דער יוגנט (טאַקע אין די „ליט. בל.", דעצעמבער 1930).

און אַט איז שוין ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געקומען קיין וואַרשע. דאָס איז געווען זונטיק דעם 24סטן אויגוסט האַלב 9 אינדערפרי. „אויפן וואקזאַל האָבן דעם גאַסט אָפּגעוואַרט פאַרשטייער פונעם יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין, פאַרשטייער פון דער טאָג־פּרעסע, פאָרשטייער פון די „ליט. בלעטער״ און דעם גאַסטס פּערזענלעכע פריינט״.

און אינטערעסאַנט פאַר אונדז איצט, סוף 1948, ווי ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט אויפגענומען און געזען פאַרשידענע פּראָבלעמען פונעם יידישן קולטור־לעבן אין יענער צייט. מיר האָבן אים געשטעלט די פראַגע: „ווי איז אייער קוק אויפן וווּקס פון דער יידישער קולטור פאַר די לעצטע יאָרן, פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ ביז איצט?״

דערויף האָט ד״ר זשיטלאָווסקי געענטפערט:

„זייער אָפּטימיסטיש. קודם כל האָט די יידישע ליטעראַטור, איבערהויפּט די בעלעטריסטיק, געוואַלדיק זיך פונאַנדערגעבליט. מיר פאַרמאָגן אַזעלכע טאַלענטן, וואָס וואָלטן לויטן כוח פון זייער שאַפן פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין די אָנגעזעענסטע ליטעראַטורן פון די אייראָפּעאישע פעלקער. וועגן אַנדערע געביטן, ווי יידישע שולן א. ד. גל. קאָן איך וועגן אייראָפּע נישט זאָגן, ווייל איך ווייס נאָר וועגן זיי פון דער ליטעראַטור״.

און דאָ האָבן מיר איייניקע אַרויסזאָגונגען וועגן דער צוקונפט פון יידיש און דער יידישער קולטור אין אַמעריקע. אויף אונדזער פראַגע האָט ד״ר זשיטלאָווסקי אָט־וואָס געענטפערט:

„איך וויל זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין נביאות. איך קאָן נאָר זאָגן וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער יידישער קולטור און וועגן אירע מעגלעכקייטן. איך וועל אָנהויבן פון דער יידישער דערציאונג. די יידישע שולע האָט דורכגעמאַכט אין אַמעריקע צוויי פּעריאָדן: דער ערשטער פּעריאָד פון 1910 ביז 1916 איז געווען אַ פּיאָנערן־פּעריאָד, מיט אַלע צרות פון פּיאָנערישקייט. נישט געווען קיין לערער, קיין לערנביכער, קיין שילער. פון 1916 הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון נאָרמאַלן וווּקס. עטלעכע טויזנט קינדער לערנען אין יידישע שולן. אפילו אַ סך קענער שטייען־צו צו אונדז.

דער „ארבעטער־רינג", װעלכער איז געװען קעגן דער יידישער שול און דער הויפּט־שטערער פון דער נייער באַװעגונג, האָט איצט אַליין אויסגעבויט אַ נעץ פון יידישע שולן, װאָס נעמען ארום אַ פּאָר טויזנט קינדער. דעם אָנהויב פון דער נייער שול־באַװעגונג האָבן געמאַכט די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן (פּועלי־ציון מיט דעם אַר־בעטער־פאַרבאַנד) אונטער דעם איינפלוס פון דער נייער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פּראָפּאַגאַנדע. די באַציאונג פון די קינדער צו דער שול איז אַ װאַרעמע, האַרציקע. די קינדער װעקן אויך דעם נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק ביי די עלטערן. עס זענען פאַראַן פיל האָ־פענונגען אויף אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג".

ד"ר זשיטלאָװסקי איז געװען אויך זייער אָפּטימיסטיש בנוגע דער יידישער יוגנט, װאָס גייט ארויס פון דער שול, ווי אויך װעגן דער יידי־שער יוגנט פון די ענגלישע שולן.

און אָט האָבן מיר דעם ערשטן איינדרוק פון דעם באַגייסטערטן קבלת־פּנים, װאָס די יידישע װאַרשע האָט געגעבן איר גאַסט אין דעם גרויסן יידישן קאַמינסקי־טעאַטער: „דאָנערשטיק דעם 28סטן אויגוסט, איז פאָרגעקומען דער גראַנדיעזער קבלת־פּנים פאַר ד"ר ח. זשיטלאָװס־קי. מיר האָבן די לעצטע װאָכן געהאַט עטלעכע גראַנדיעזע ליטעראַרישע אָװנטן ווי די אַש און נאָמבערג אַקאַדעמיעס. אָבער ביי די דערמאָנטע אַקאַדעמיעס האָט מען נישט געקאָנט ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם ריינעם קולטור־אינטערעס פון דער יידישער װאַרשע, װייל אין זייערע פּראָגראַ־מען איז געװען אויך אַ ביסל סענסאַציע. אין זשיטלאָװסקיס קבלת־פּנים און פאַרלעזונג איז אָבער געװען נאָר איין פּונקט אין פּראָגראַם: זשיט־לאָװסקי. די איבער 1500 מאַן אין זאַל און די כמעט אַזויפיל אויסגע־בליבענע — פון דער בעסטער װאַרשעװער יידישער אינטעליגענץ — האָבן גלענצנד באַוויזן, אַז ס'איז נישט נויטיק צו געבן אַלס צולאָג שלאַ־גערס צו יידישע קולטור־אונטערנעמונגען, אַז דאָס פּובליקום באַפרידיקט זיך מיט בלויז ליטעראַטור אָדער אויך װיסנשאַפט"... ד"ר ח. זשיט־לאָװסקין האָט באַגריסט ה. ד. נאָמבערג, ער האָט געזאָגט:

„מיין ראָלע איז זייער אַ לייכטע, איך שטעל פאַר אייך פאַר אַ מאַן, װאָס איר אַלע קענט זייער גוט".

און ווי ער האָט דערמאַנט דעם נאָמען זשיטלאָווסקי, האָט זיך דער־הערט א דונער פון אַפּלאָדיסמענטן און דער עולם איז ספּאָנטאַן אויפגע־שטאַנען פון זיינע ערטער און געיובלט דעם באַליבטן גאַסט.

די טעמע פון דער ערשטער פאָרלעזונג איז געווען: „דער וועג צו אונדזער גאולה".

אויף דעם 4־טן סעפּטעמבער איז אָנגעזאָגט נאָך א לעקציע פון ד"ר זשיטלאָווסקי — „דער זין פון מענטשלעכן לעבן". און אינעם באַ־ריכט פון אָט דער צווייטער פאָרלעזונג ווערט איבערגעגעבן, אז ב. קאַר־לינסקי האָט געעפנט דעם אָוונט אין נאָמען פון ליטעראַטן פאַראיין:

„וואַרשע ווייסט ווי צו שעצן די גרויסע גייסטער פונעם יידישן פאָלק. וואַרשע, וואָס האָט אויף אירע הענט אַרויסגעטראָגן, אויפגעהויבן די גרויסע דיכטער פונעם יידישן וואָרט, קומט איצט באַגריסן דעם גרויסן מאַן פון דער יידישער וויסנשאַפט, דעם גרעסטן יידישן וויסנשאַפטלעכן לעקטאָר".

דער זאַל איז אויך דאָסמאָל געווען איבערפולט, און הונדערטער זענען צוריקגעגאַנגען, ווייל עס זענען שוין קיין פרייע פּלעצער ניט געווען.

דער באַגייסטערטער באַריכט אין די „ליט. בלעטער", נאָכן אי־בערגעבן גאַנץ גענוי דעם אינהאַלט און די וויכטיקסטע שטעלן פון דער פאָרלעזונג, גיט צו: „העלע באַגייסטערונג הערשט אין זאַל, ווען דער רעדנער פאַרענדיקט זיין מייסטער־רעדע. זי וועט לאַנג בלייבן אין זכרון פון דער אינטעליגענץ און אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט זי אויסגעהערט אין אָנגעשטרענגטער שפּאַנונג דריטהאַלבן שעה צייט".

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געגעבן סיי אין וואַרשע און סיי אין פאַרשידענע אַנדערע שטעט פאָרלעזונגען אין די גרויסע זאַלן אָדער אין די יידישע טעאַטער־געביידעס, וואָס האָבן געצויגן גרויסע צאָלן צוהע־רער. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן, האָט ער אויך געגעבן א לעקציע אין ליטעראַטן־פאַראיין א. ד. ט. „אמת, יושר און שיינקייט". די גאַנצע הכנסה איז געגאַנגען לטובת דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע.

און אַזוי האָט דער גאַסט געגעבן איין פאָרלעזונג נאָך דער אַנ־דערער און יעדע פאָרלעזונג איז געווען א נייע איבעראַשונג פאַרן גרויסן

ענטוזיאַסטישן עולם פון פאַרשידענע שיכטן. עס האָבן שטאַרק באַזוכט די לעקציעס די רעליגיעזע יונגעלייט מיט די ספּעציפישע יידיש־פּוילישע היטעלעך, קאַשקעטן, מיט די גוטע שאַרפע חריפישע קעפּ, וואָס האָבן ספּעציעל הנאה געהאַט און ממש געלעקט די פינגער פון דער עמקות, פון די אויפטועו פונעם גוטן זאָגער, פונעם תורה־פּאַרטייטשער. אַזאַ איז געווען ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס פאַרלעזונג וועגן די נביאים, וואָס האָט אַרויסגערופן באַזונדערע פאַראינטערעסירונג.

דעם 12־טן נאָוועמבער האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי רעפערירט אין פּולן זאַל פונעם גרויסן קאַמינסקי־טעאַטער „וועגן דעם גייסטיקן קאַמף פונעם יידישן פאָלק״.

דעם 26סטן נאָוועמבער ווידער אַ לעקציע פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אין קאַמינסקי־טעאַטער א. ד. ט. „איוב און פאַוסט״.

און נאָך און נאָך לעקציעס אין פאַרשידענע זאַלן אויף פאַרשידענע טעמעס, וואָס פאַרכאַפּן ממש דעם עולם און אויך די גרויסע צאָל יידישע שרייבער פון פאַרשידענע קרייזן. אויך אין גרעסערע שטעט פון פּוילן, וווּ נאָר ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע פאַרלעזונגען, האָט ער געהאַט גרוים דערפאָלג.

אין די לעצטע עטלעכע וואָכן פון ד״ר זשיטלאָווסקיס פאַרברענגען אין פּוילן האָט ער נאָך מיט מער אימפּעט פאַרגעזעצט זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. ער האָט גערעדט אויף דער טעמע „פאַרוואָס דווקא יידיש?״ און אויף דער טעמע האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל אין די „ליט. בלעטער״ (נ׳ 42) אונטערן נאָמען „יידישיזם און נאַציאָנאַליזם״.

דעם 28סטן פעברואַר 1925 האָבן מיר זיך אויף אַ פייערלעכן אופן אָפּגעזעגנט מיט דעם גאַסט אין ליטעראַטן־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע 13. מיר האָבן אין דעם אָוונט, ביים געזעגענען זיך מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי באַשלאָסן נישט צו האַלטן גלאַט זיסע דרשות וועגן דעם גאַסט, וואָס פאַרלאָזט אונדז, נישט זאָגן סתם שבחים, נאָר ערנסט זיך דורכרעדן וועגן עיקר־פּראָבלעמען און באַזונדערס באַטאָנען די חילוקי־דעות, וואָס זענען געווען דאַן צווישן אונדז און אים. עס געדענקט זיך גוט, ווי איינער נאָכן

אנדערן האָט אַרויסגעלייגט זיין פּעקל טענות און דערווידערונגען צו ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, וועלכער האָט אַלץ אויסגעהערט מיט זיין קלוגן פאַרנונפ־טיקן בליק און שאַרפע קלוגע אויגן.

און דערנאָך האָט ד״ר זשיטלאָווסקי געהאַט דאָס לעצטע וואָרט. ער האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„איך האָב דאָ געהאַט אַ משפט איבער מיר און איבער מיי־נע געדאַנקען. און איך האָב איצט אַ וואָרט צו מיין פאַרטיידיקונג״.

...„מיינע ווידערשפּרוכן — און אַזעלכע זענען געווים גע־ווען — זענען אַ פּועל־יוצא פון פאַרשידענע אומשטענדן אין פאַר־שידענע צייטן. עס שטאַמט פון דעם ווילן צו כאַפּן דעם אמת. אַמאָל איין טייל, אַמאָל — אַן אַנדערן טייל. אָבער דאָס זענען ווידער־שפּרוכן לפּנים. ווידערשפּרוכן — איידער מען טראַכט זיך אין זיי אַריין״... און ווייטער: „פּראָגראַמען קאָנען זיך ענדערן. דאָס גרויסע און וויכטיקע איז די שטעלונג. נישטאָ קיין אַבסאָלוטער אמת. ווען איך בין אַרויס אויף דער אַרענע, האָט מען געהאַלטן און אָנגע־הויבן פון אַ מאַסן־קולטור, אַ קולטור פאַר די מאַסן, אַ קולטור, וואָס דער אינטעליגענט צוליב גוטהאַרציקייט טוט אַ חסד און לאָזט זיך אַראָפּ. איך האָב געזאָגט, אַז די יידישע קולטור איז אַ נאַציאָ־נאַלע, פאַר אַלע עלעמענטן פון דער יידישער נאַציע״...

...„איך בין שוין אַן אַלטער מאַן, און איך זאָג איצט צו מיין פאָלק: אני שלך וחלומותי שלך, חלום חלמתי, — איך בין דיין און מיינע חלומות זענען דיינע, אַ חלום האָב איך געזען... מיינע חלומות זענען געגעבן אין מיינע ווערק, און דו, מיין פאָלק, נעם זיי אַריין אין דיינע שאַנקען־אוצרות. וואָס דיר וועט טויגן — נעם זיך, און דאָס איבעריקע זאָל בלייבן שטיין אין די אייביקע יידישע ספרים־אַלמערס...״

רעדן אַזוי האָט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געקאָנט נאָך דעם ווי ער איז עטלעכע חדשים געווען אין ענגער באַרירונג מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן פון פוילן ! . . .

נ ח מ ן   מ י י ז י ל

14

די יידיש-פוילישע קינסטלער-פלאסטיקער

ווען מען רעדט וועגן דעם יידישן קולטור־שאפן אין פוילן פון יענע יארן און מען שטעלט זיך אפ אויף די פארשידענע קינסטלער, וואס האבן פראדוצירט די יידישע קונסט, מוז מען רעדן וועגן נאך א צווייג פון דער יידישער קונסט און וועגן נאך א טייל קינסטלער, וואס זענען געווען גלידער אין דער גרויסער יידישער קינסטלער־משפחה אין פוילן, — דאס זענען די יידישע קינסטלער־פלאסטיקער — די צייכנער, מאלער און סקולפטארן. מיר וועלן דא נישט אוועק אין ווייטע דרכים און וועלן נישט שרייבן די פולע געשיכטע, דעם גאנג פון דער יידישער קונסט אין פוילן, וואס איז זיכער אינטערעסאנט און זייער באלערנדיק. דאס איז נישט אונדזער פאך, און מען דארף דערצו א לענגערע שטודיע. מיר ווילט זיך אין די ראמען פון מיין דאזיקן בוך — מער פון אלץ צו געבן די אלגעמיינע סביבה, די אטמאספער — דערמאנען און אנרופן נעמען, וואס זענען געווען דא און דארטן טעטיק, און בעיקר — געבן לעבעדיקע באצייכענונגען און אויך אנווארפן שטריכן וועגן די יידישע קינסטלער, מיט וועלכע עס איז אויסגעקומען צו קומען אין באריר, און מיט וועמען מען איז געווען אינאיינעם פארנומען ביי פארשידענע טואונגען און אויפטוען.

מען דארף מיט פרייד און באפרידיקונג באצייכענען, אז דער מאלער־פלאסטיקער איז געווען א שותף, א גלייכער שותף צו די פארשידענע קולטור־שאפערישע אויפטוען אין פוילן. געווען פריער צייטן, ווען דער יידישער קינסטלער־פלאסטיקער האט זיך געהאלטן אין די „העכערע" ספערן און קרייזן פון דער יידישער געזעלשאפט, געהאט צו טון בעיקר מיט די פארמעגלעכע שיכטן פון דעם יידישן פאלק, און ממילא — מיט די מער־אסימילירטע יידישע קרייזן. ער האט געשטרעבט צו די פוילישע אקאדעמיעס, אפט באמיט זיך צו פארלייקענען זיין יידישקייט, זיך אויסגעהיט פון דער יידישער מאסע און ממילא אנטלאפן פון יידישע טעמעס. אין דער צייט פון מאסן־לעבן, אין דער צייט פון יידישן רענעסאנס און אויפ־

בלי פון די פארשידענע ארטן קונסט — ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק, — האָט אויך די יידישע פּלאַסטישע קונסט זיך דערנענטערט צו ייד און יידישקייט, אין מאָדערנעם זינען פונעם וואָרט.

מיר דאַכט, אַז אין אָט דער ריכטונג האָט דאָס יידישע לאָדזש פריער פאַר וואַרשע באַמיט זיך איינצוגלידערן דעם יידישן קינסטלער אין דער אַלגעמיינער קולטור־משפּחה. משה בראָדערזאָן, אַליין דורכאויס אַ קינסטלערישע נאַטור און מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר קונסט, האָט באַווירקט די דאָרטיקע יונגע קינסטלער און זיי צוגעצויגן צום יידישן שאַפן. זיי זענען געווען באַטייליקט מיט אים אין „יונג יודיש" — די גרויסע העפטן פאַר קונסט און ליטעראַטור, — און זיי האָבן זיך אויך באַוויזן מיט זייערע אָריגינעל־יידישע צייכענונגען און בילדער. פון די וויכטיקסטע זענען געווען יצחק ברוינער און יאַנקל אַדלער, — גאָר אַנדערע קינסטלער לויט זייער אַרט מאָלן — איינער אַ רעאַליסט און דער אַנדערער — אַ סיוררעאַליסט אָדער גאָר אַן אַנטי־רעאַליסט, האָבן זיי זיך געפילט ווי איין משפּחה מיט מ. בראָדערזאָן און האָבן אויך מיט־געהאָלפן אים, בראָדערזאָנען, אין אַנדערע ליטעראַריש־קינסטלערישע אונטערנעמונגען, און אויך — אין זיינע פרווון און עקספּערימענטן ביים טעאַטער, שפּעטער — ביים אַראַראַט. פריער האָט אויך יצחק ליכטענ־שטיין זיך אַרויסגערוקט מיט אַ ספּעציעלן גאַנג אין דער יידישער פּלאַסטיק.

די יידישע קינסטלער — גראַפיקער און מאָלער — האָבן אויך צוגעטראָגן זייער צושטייער צום יידישן בוך, זיי האָבן גערן געצייכנט שער־בלעטער, אָפט — אילוסטרירט יידישע ביכער און מיט דער צייט האָבן זיי, אויסער זייערע ספּעציעלע, יחידישע אָדער קאָלעקטיווע ביל־דער־אויסשטעלונגען, אויך געמאָלט דעקאָראַציעס פאַר דעם יידישן טעאַ־טער, — באַזונדערס פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער. און ווען, נאָך דער גרינדונג פון דעם קליין־קונסט־טעאַטער „אַזאַזעל" זענען פאַרשפּרייט געוואָרן די פאַרשידענע קליין־קונסט־טעאַטערן, האָבן די יידישע קינסט־לער פיל ביינעטראָגן צו זייערע בעסערע און ערנסטערע אויפפירונגען.

איך פּרווו זיך דערמאָנען די פאַרשידענע ביכער פון יענע יאָרן, וואָס אַ קינסטלערישע הילע אָדער שער־בלאַט האָט זיי באַצירט.

איינער פון די טאַלענטפולסטע צאַרטע יידישע קינסטלער, וואָס איז גאָר יונג אַוועק פון דער וועלט, איז געווען יוסף זיידנבייטל, ער האָט

פאַרמאָגט אַ טיפן חוש פאַר אייגנאַרטיקע יידישע צייכענונגען, דינע, צאַרטע, ראַפינירטע און מיט ספּעציעלן יידישן חן. ער האָט געצייכנט דעם שער־בלאַט פאַר מרים אולינאַוועס לידער־בוך „דער באָבעס אוצר". עס האָט אויסגעזען ווי די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע מזרחס, מיט די באַקאַנטע זיילן פון ביידע זייטן, און מיט די יידישע קרוינען־כתרים. ער האָט אויך געמאַכט אַ פיינעם שער־בלאַט, הילע, פאַר דער יידישער איבערזעצונג פון אהרן איציקס זכרונות, מיט דעם יידישן הערשעלע אין מיטן (ביידע אַרויס דורכן פאַרלאַג לעווין עפּשטיין). זיינע אַנדערע צייכענונגען, אילוסטראַציעס, שער־בלעטער זענען געווען פאַר עוזר וואַרשאַווסקיס „שמוגלאַרס", י. רייזפעדערס „פּאַרצייטנס", ש. אַנסקים געזאַמלטע שריפטן, ש. גילבערטס „נאָוועלן", אויך פאַר דער העברעאישער „התקופה" א. א. יוסף זיידענבייטל איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז, אַפּגעוועזן אין אָטוואָצק עטלעכע יאָר און אין יוני 1923 איז ער אין עלטער פון 29 יאָר געשטאָרבן.

אַ גרייכע צאָל ביכער האָט באַצירט מיט זיינע זייער טרעפלעכע און טאַלענטפולע הילעס, וואָס זענען געווען אמתע מייסטערשטיק, דער באַוווּסטער יידישער קינסטלער הענריק בערלעווי. וועלכער איז גוט באַקאַנט געווען מיט זיינע פּרעכטיקע פּאָרטרעטן און בילדער אין פּוילן. ער איז געווען אַן אמתער „אומן־יד", אַ קינסטלער פון גאָטס גענאָד. עס זענען גוט באַקאַנט געווען די הילעס, וואָס ער האָט געצייכנט צו יהושע פּערלעס ווערק „מירל" און „אין לאַנד פון ווייסל", צו פּרץ מאַרקישעס „קופּע"; צו פּ. בימקאָס „פון קריג און פרידן", צו יואל מאַסטבוימס „פון רויטן לעבן" (אַ הילע־פּאָרטרעט), צו אפרים קאַגאַנאָווסקיס „טירן־פענסטער", צו ל. אַנדרעיעווס „דער, וואָס קריגט די פּעטש", צו אַ גוצקאָווס „אוריאל אקסטא" (איבערז. א. מאָרעווסקי), און צו די זשורנאַלן „רינגען" און „יידיש טעאַטער" א. א.

און וו. (זאב) וויינטרויב, וואָס האָט געמאָלט די הילע פאַר י. אָפּאַטאָשוס „אין פּוילישע וועלדער", פאַר ז. סעגאַלאָוויטשעס ביכער, פאַר א. קאַציזנעס „אַראַבעסקן", פאַרן זשורנאַל פון א. צ. גרינבערגס „אַלבאַטראָס". שפּעטער איז וו. וויינטרויב איינגעגלידערט געוואָרן אין דעם יידישן טעאַטער, פאַר וועלכן ער האָט געצייכנט, געמאָלט דעקאָראַציעס פאַר פיל פּאָרשטעלונגען, און אייניקע זייער אינטערעסאַנטע. ער האָט

אויך פאר דער קליין־קונסט־בינע פיל דעקאראציעס געמאלט און אויף פארשידענע אופנים.

יאנקל אדלער, וואס האט דערנאך געהאט א נאמען אין אייראפע, האט פאר א. זאקס מלחמה־בוך „אונטער די פליגל פון טויט" געמאלט אדער אילוסטרירט 12 בילדער. ער האט אויך פאר זיין חבר משה בראדערזאן געגעבן א הילף־פארטרעט צו זיין בוך „שווארץ־שבת", א. א. וו.

אבער משה בראדערזאן האט פארשפארט אנצוקומען צו אנדערע מאלער, זיי זאלן פאר זיינע ווערק פארפאסן הילעס, ער האט עס דערפאלגרייך אליין געטון. זיינע ביכלעך „די מלכה שבא", זיין מאריאנעטן־שפיל „צונגעלונגען", „דער רויטער רייטער" האט ער אליין באצירט מיט אייגענע געצייכנטע הילעס.

צו יענער צייט, די יארן 1922־1925, זענען דערשינען עטלעכע שיין־אילוסטרירטע ביכער אין פוילן פון די סאוויעטיש־יידישע קינסטלער אליעזר ליסיצקי — „יינגל־צינגל כוואט", „חד־גדיא", קינדער־ביכלעך פון פעטער בן ציון (ראסקין), פון יוסף טשאיקאוו — מענדעלע מוס — „דאס קעלבל" א. א.

און דער טאלענטפולער „וואגאבונד", דער קרעפטיקער און אריגינעלער יצחק ברוינער, וואס האט זיך געהאט זיין אייגענעם דרך אין לעבן און אין דער קונסט, אויך ער האט צוגעלייגט א האנט צו באשיינען און באצירן דאס יידישע בוך. צווישן אנדערע האט ער געצייכנט הילעס צו לייבניידוסעס געזאמלטע ווערק, צו מלך ראוויטשעס „דער קרן פון מיינע לידער" און אויך געגעבן בילדער און געמאכט די הילע פון דער „באליאסטרע". ער אליין איז געווען א שטיק באליאסטרע־מענטש. שפעטער האט ער זיך ספעציאליזירט אויף אריגינעלע ליאלקעס, מאריאנעטן פון באוווסטע פערזענלעכקייטן אינעם יידישן לעבן, טעקסט פון משה בראדערזאן, — דער שטענדיקער שטיפער, א „מאדים" אויף די בלערליי שפילערייען, קאלאמבורן און טעאטער־שטיק.

פון אנדערע קינסטלער האבן צו פארשידענע אויסגאבעס געמאכט הילעס און באצירט אזוי־ארום די יידישע ביכער פון פארשידענע מחברים: י ש ר א ל ט י ק א צ י נ ס ק י , וואס איז יארנלאנג געווען דער סעקרעטאר פון דער קונסט־געזעלשאפט אין ווארשע און איר פרעסע־אגענט, און באמיט זיך אז עס זאלן אריין די נאטיצן וועגן די בילדער־

אויסשטעלונגען, — ער האָט געצייכנט די בילדער פאַר דעם חסיד'ס „אונ־טער שטילע הימלען", פאַר אהרן צייטלינס „שאָטנס אויפן שניי", פאַר ד"ר מ. ווייכערטס „טעאַטער און דראַמע"; משה אַפּעלבוים — פאַר ב. א. סאַכאַטשעווסקיס „אין שאָטן"; ש. פייגענבוים, וועלכער האָט געאַרבעט פאַר דעם „מאָמענט" און „היינט" און פאַרפאַסט פאַר די צייטונגען די וואָכן־קאַריקאַטורן אויף פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, האָט געמאַכט פאַר א. זאַקס בוך „אין שאָטן"; און אויך ח. גאָלדבערג (חגי), וועלכער האָט געהאַט אַ צינקאָגראַפיע, געאַרבעט פאַר פאַרשידענע פאַר־לאַגן און צייטונגען, צוגעגרייט ביי זיך די „קלישעס", — ער האָט גע־האַט אַ שוואַכקייט אויסער לידער גראַמען, אויך צו מאַכן אותיות, צו צייכענען בילדער. ער האָט אַפילו אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם פּראָיעקט פאַר אַ נייעם אלף־בית. דער געוועזלעכער איז געווען, לויט זיין מיינונג, נישט געווען פּאַסיק און גוט.

מען דאַרף נאָך דערמאַנען די קינסטלערין אסתר קאַרפּ, וואָס האָט צו חיים קרולס אַ בוך „הימלען אין אָפּגרונט" געשניטן אותיות און ביל־דער און אויך געמאָלט בילדער.

זאָל דאָ אויך דערמאַנט ווערן דער אָריגינעלער קינסטלער מאַרק שוואַרץ פון זגערזש, אַרום לאָדזש, דער מענטש מיט אַ פיינער קינסט־לערישער נשמה, וועלכער האָט געזוכט אייגענע וועגן און פאָרמען אין דער קונסט, ער האָט פאַר משה בראָדערזאָנס בוך לידער „איבערגאַנג" געמאַכט האָלצשניטן. ער האָט דערנאָך זיך גענומען איינער פון די ערשטע צו אויסהאַמערן פיגורן, געשטאַלטן אויף בלעכן. דערנאָך האָט ער פאַר־בלאָנדזשעט אין זיינע מיסטישע זוכענישן און בלאָנדזשענישן אַזש צו פרעמדע גלויבנס, וואָס ער האָט פרום און מיט אַ גרויסער דאָזע פּאָזע געפּרעדיקט צווישן פריינד, צו דער באַוווּנדערונג און שטוינונג פון די אַלע, וואָס האָבן אים אַמאָל געשעצט און פאַרערט . . .

מיט דער צייט האָט פאַרבלאָנדזשעט קיין פּוילן און איז געוואָרן גלייך אַ תושב יצחק ליכטענשטיין, וועלכער איז געווען אַמאָל אַ לאָדזשער, אָבער דערנאָך געוואָגלט איבער דער וועלט, געווען אין פּאַריז, אין אַמע־ריקע, געדינט אין יידישן לעגיאָן. אין איינעם אַ טאָג איז ער געקומען ווי ער וואָלט ערשט נעכטן פאַרלאָזט וואַרשע, און שוין געווען אייגן און היימיש, געשריבן אַרטיקלען מיט זיינע גרויסע אותיות וועגן קונסט און

קינסטלער, געהאַט שמועסן און אַרויסגעזאָגט מיינונגען וועגן ריכטונגען, און איינפלוסן אין דער וועלט־קונסט און וועגן באַוווּסטע יידישע קינסט־לער אין פּאַריז... אויך אין די „ליטעראַרישע בלעטער" האָט ער, יצחק ליכטענשטיין, פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען איבער יידישע קינסטלער און אַזוי אַרום דערנענטערט זיי צו דעם יידישן לייענער פונעם יידישן פּוילן.

אין וואַרשע האָט געלעבט טעאַ אַרצישעווסקאַ, א קינסטלערישע נאַטור, וואָס האָט געהאַט א ספּעציעלע ליבע און שוואַכקייט צו יידישע קינסטלער און צו יידישער קונסט. זי איז געווען א טעטיקער מיטגליד אין דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט, אָפט מיטגעהאָלפן פאַרקויפן יידישע בילדער אין בורזשואַזע יידישע הייזער, זי האָט ביי זיך אין הויז איינגע־אָרדנט ספּעציעלע קינסטלערישע צונויפקומס און צונויפגעפירט אָפט א „וואַנט מיט א וואַנט". ביי איר אין הויז איז געהאַנגען א גרויס בילד פון דעם יידישן קינסטלער מ. מינקאָווסקי, דער טויב־שטומער, וועלכער איז געווען באַקאַנט און באַליבט אין פּוילן. ער האָט געמאָלט א גרויס אסתר־בילד פון טעאַ אַרצישעווסקי, וואָס האָט אַמאָל פּרעטענדירט צו זיין א יידישע שוישפּילערין, געשפּילט אין פרצעס דראַמאַטישע שאַפונ־גען, אונטערן נאָמען מרים איזראַעלס, זי איז געווען אַמאָל די פרוי פון דעם קינסטלער־מאָלער ב. קראַטקאַ, זי האָט מיטגעהאָלפן גרינדן דעם קינסטלערישן רעוויו־טעאַטער אין וואַרשע „אַזאַזעל", וואָס האָט געלייגט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אויף דער קינסטלערישער זייט פון דעם אָריגינעלן און אייגנאַרטיקן טעאַטערל. ביי דער גרינדונג האָט באַזונדערס העניק בערלעווי געהאָלפן אויסצופורעמען בילדער, סקעטשעס, די בינע און די קאָסטיומען פאַר די שפּילער.

און נאָך א ספּעציעלע קונסט־אַרבעט, וואָס איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער ביי אונדז אין פּוילן. דאָס זענען די צייכענונגען פון שוישפּי־לער און זייערע ראָלן אין די נייע טעאַטער־אויפפירונגען. לכתחילה האָט דער רעזשיסער יעקב ראָטבוים געמאַכט אייניקע צייכענונגען פון די אַר־טיסטן אין זייערע סצענישע געשטאַלטן, שפּעטער צייכנט זיך אויס דער קינסטלער פעליקס פרידמאַן מיט זיינע צייכענונגען פון די סצענישע גע־שטאַלטן אינעם יידישן טעאַטער.

פעליקס פרידמאַן האָט אָט די אַרבעט פאַרגעזעצט מיט א גע־וואַלדיקער ליבע און טרייקייט גאַנצע פופצן יאָר. ער פלעגט לײדנשאַפט־

לעך באַזוכן יעדע נייע פּרעמיערע אינעם יידישן טעאַטער, אַלץ איינס — דעם ערנסטן, די מעלאָדראַמע, די קליין־קונסט־פאַרשטעלונגען, און איינס און צוויי, צווישן איין סצענע און דער צווייטער, האָט ער טרעפלעך און קינציק געצייכנט די שפּילער, די באַטייליקטע אין דער פאַרשטעלונג. און אויף מאָרגן פרי נאָך דער פּרעמיערע איז ער געקומען אין דער רעדאַקציע „ליט. בלעטער" מיט זיין אַלבאָם, וווּ עס זענען געווען געצייכנט מיט זיין באַגאַבטער און לייכטער האַנט א פּאָר צענדליק באַטייליקטע אין דער פאַרשטעלונג. ער האָט גוט געוווּסט, אַז צוליב געלט־מאַנגל זענען מיר אין די „ליט. בלעטער" נישט בכוח צו מאַכן „קלישעס" פון אַלע פאַר־שוינען, ער האָט אָבער נישט געקאָנט זיי אָפּזאָגן, ווען אין איין „גאַרדע־ראָב"־צימערל זענען געזעסן עטלעכע שוישפּילער — איינעם יאָ און אַ צווייטן נישט צו צייכענען. ער פלעגט דערנאָך אַליין אָפּטראָגן די צייכע־נונגען צום קלישע־מאַכער, צו דער צינקאָגראַפיע, און ער האָט שוין זיך באַמיט, זיי זאָלן פּאַרטיק ווערן, ביז מאָנטיק־דינסטיק, ווען דער נייער נומער איז געשטעלט געוואָרן אין זייטן. אַזוי אַרום זענען הונדערטער שוישפּילער דורך אים אין די גאַרדעראָב־צימערלעך געצייכנט געוואָרן, און די צייכענונגען, צווישן זיי פיל פּרעכטיקע, מייסטערישע זענען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין די הונדערטער נומערן „ליט. בלעטער" פון יאָר 1924 ביז העט —די לעצטע נומערן פון יאָר 1939. ווען מען זאָל אַלץ אויפזאַמלען פון די אַלע איבער 700 נומערן „ליט. בלעטער" האָבן מיר אַ גרויסע גאַלערייע פון הונדערטער שוישפּילער, וואָס אַ גרויסע טייל פון זיי זענען שוין איצט נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, זיי זענען געשטאָרבן „כדרך כל הארץ", ווי אַלע לעבעדיקע, אָדער זיי זענען אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע מערדער. פ. פרידמאַן האָט אויך געצייכנט פיל שריי־בער און אפילו אַרויסגעגעבן אַן אַלבאָם.

פעליקס פרידמאַן האָט געשריבן פון צייט צו צייט וועגן קונסט און קינסטלער, און ער האָט עס געטון מיט דער זעלבער גוטסקייט, גוט־מוטיקייט ווי ער האָט געצייכנט זיינע צייכענונגען אויף די פּרעמיערעס. עס איז אויך דאָ אַ פיינע צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן פון דעם „אוהל פּרץ", וואָס דער יידישער קינסטלער־סקולפּטאָר א. אָסטשעגאַ האָט אויס־געפירט אויף דעם וואַרשעווער בית־עלמין אויף די קברים פון פּרץ־אַנסקי, דינעזאָן.

און טאַקע וועגן דעם קינסטלער א. אָסטשעגאָ, וואָס האָט זיך גע־נומען ספּעציאַליזירן אויף מצבות. פון זיין האַנט זענען ארויס מאָנו־מענטאַלע ווערק, וואָס „באַצירן" די יידישע בית־עלמינס נישט נאָר פון וואַרשעווער בית־עולם. ער האָט אויפגעבויט די מצבה אויפן קבר פון לייב ניידוס אין גראָדנע, אים געהערט, ווי געזאָגט, דער אוהל פּרץ, און פון זיינע הענט זענען ארויס נאָך און נאָך דענקמעלער, וואָס זענען אויפ־געשטעלט געוואָרן אויף די קברים פון די גרויסע יידישע שרייבער, שוי־שפּילער, געזעלשאַפטלעכע טוער אין וואַרשע. מיט דער צייט האָט אים דער קינסטלער וו. וויינטרויב געהאָלפן אין דער אַרבעט.

די בילדער־אויסשטעלונגען פון די אַרטיקע און געסט־קינסטלער האָבן אָנגעהאַלטן כסדר, איין אויסשטעלונג נאָך דער צווייטער, יעדע פּייערלעכע עפענונג האָט צוגעצויגן א פיינעם עולם מיט פּאַסיקע רעדעס, ווי עס דאַרף צו זיין.

הקיצור, דער יידישער קינסטלער אין פּוילן איז געווען אַן אַקטי־ווער טוער און שאַפער אינעם אַלגעמיינעם קולטור־שעפערישן פּוילן.

15

דאָס פּנים פון דער יידישער פּראָווינץ

ווי האָט אויסגעזען די „ליבע פּראָווינץ" אין פּוילן, וואָס איז געווען איר כאַראַקטער, וועלכע קולטור־אינטערעסן האָט זי געהאַט אין איר לעבן, ווי איז געווען איר שטייגער־לעבן ?

עס איז כלל נישט גרינג צו ענטפערן אויף דעם. ווייל עס זענען גע־ווען פאַרשידענע יידישע שטעט און שטעטלעך אין דעם גרויסן פּוילן, וואָס האָבן געהאַט זייער אייגענע ווייטע פאַרגאַנגענהייט און וועלכע האָבן זיך אין לויף פון יאָרהונדערטער גאָר־אַנדערש געפורעמט און געשטאַל־טיקט. הגם אַלע יידישע שטעטלעך האָבן פון דער ווייטנס געהאַט איין פּרצוף־פּנים, איין כאַראַקטער, איין לעבנס־שטייגער, אָבער אין תוך איז זיך יעדעס שטעטל, אדאַנק די פאַרשידענע סיבות, — געאָגראַפישע, עקאָ־נאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע, — געווען אַ וועלט אָדער אַ וועלטל פאַר זיך.

די „ליטעראַרישע בלעטער", די גרופּע, וואָס איז געשטאַנען אַרום איר, האָט גלייך פון די ערשטע נומערן גענומען שענקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דעם לעבן און בעיקר — דעם קולטור־שאַפערישן לעבן פון דער יידיש־פּוילישער פּראָווינץ און גענומען אָנקניפּן באַציִ־אונגען און לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע קולטור־כוחות, מיט די לייענער, מיט די דאָרטיקע ביבליאָטעקן, וואָס זענען געווען אין תּוך קלובן, קולטור־ווינקעלעך. אייניקע פון אונדז, און באַזונדערס מלך ראַ־וויטש און פּרץ מארקיש, האָבן כּסדר באַזוכט די פּראָווינץ מיט רעפעַ־ראַטן, וואָס זענען געווען אַ קוואַל פון פּרנסה פאַר זיי. די באַזוכן פון לעקטאָרן אין דער פּראָווינץ האָבן אַריינגעבראַכט לעבן, באַגייסטערונג, ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר דער ליטעראַטור און פאַרן שאַפן. אויך די לעקטאָרן אָדער די „רעפערענטן", ווי מיר האָבן זיי גערופן, האָבן אָפטמאָל געהאַט גרויס נחת, פריידן, הנאה פון דעם לעבעדיקן באַריר מיט די טרייע איבערגעגעבענע דורשטיקע געברויכער פונעם יידישן וואָרט.

מיר האָבן דעריבער גלייך פון אָנהויב אָן, פון נ' 7, אָנגעהויבן אָנאָנסירן אינעם זשורנאַל מיט גרויסע אותיות אַ „רעפערענטן־ביוראָ ביי די ליטעראַרישע בלעטער", דער אַדרעס איז געווען טאַקע אונדזער דירהלע „מיראַווסקע 1 וווינונג 7". מיר האָבן אין דער ערשטער מודעה געשריבן:

„זעענדיק די גרויסע פאַראינטערעסירונג, וואָס אונדזער אַר־בעט רופט אַרויס אין דער יידישער פּראָווינץ, ווילן מיר שאַפן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אונדזערע לעזער. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אַ רעפערענטן־ביוראָ, וואָס זאָל אָרגאַניזירן אויף דער פּראָווינץ פאָרלעזונגען אויף אויסשליסלעך ליטעראַרישע טעמעס. אינעם רעפערענטן־ביוראָ וועלן זיך באַטייליקן אַלע אונדזערע נאָענטע מיטאַרבעטער".

מיר האָבן אין דעמזעלבן נ' 7 אָנאָנסירט אַ נייע רובריק אין די „ליט. בלעטער" מיטן נאָמען „דאָס פּנים פון דער פּראָווינץ". און דאָס אונטערקעפּל פון דעם אָנאָנס: „מיט באַנען, שיפן און מיט אָקס איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן".

אין דעם קומענדיקן נומער האָבן מיר אַ פיינע שילדערונג פון מלך

ראוויטש וועגן נאוואָרעדאָק. מ. ראוויטש גיט א דיכטערישע באשרייבונג פון דער שטאָט, וואָס איז פארבונדן מיט אדאם מיצקעוויטש, דערציילט וועגן דער אַלטער יידישער שול, וואָס איז אַלט איבער 300 יאָר. עס איז ראָמאַנטיש און שטיל, מער נישט וואָס מ׳האָט אים פארהאַלטן, הלמאי ער איז געגאַנגען פאַרטאָג צו גיך. עס איז פארדעכטיק... „עס רעגנט — האָט ער געענטפערט, — האָט ער געאיילט, נישט געוואָלט נאָס ווערן!״... מלך ראוויטש האָט געהאַט א מנהג אין יעדער שטאָט און שטעטל צו באזוכן דעם בית־עולם, בעיקר — אַלטע בית־עולמס. האָט ער אויך דעם אַלטן בית־עולם אין נאָוואָרעדאָק נישט פארפעלט. אין סאַמע אויבנאָן — דער קבר פון מחבר פון „ערוך השולחן״. און עס איז דאָ א יידישע ביבליאָטעק, ווו מען לייענט געשמאַק יידישע ביכער. און אפילו ציוניסטן זענען נישט קריגערישע דאָ, ווען עס קומט צו יידיש...״ „איין זאַך איז אים, ראוויטשן, מאָדנע: דאָס טרוקענע און צערודערטע לאַדזש האָט ארויסגעבראַכט אַזויפיל דיכטער. און דאָס זאַנפטע נאוואגרודעק, אין וועלכן אפילו די מארק־הײַלעם זענען געבויט אין קלאַסישן קאָלומנאַדע־סטיל, האָט ארויסגעבראַכט נאָר איין יידיש־שרייבער, דעם ווערטער־בוך מייסטער אַלעקסאַנדער הארקאַווי״.

מיר האָבן אין די ווייטערדיקע נומערן אינטערעסאַנטע שטריכן און פּרטים פונעם יידישן לעבן אין פּוילן. מיר ווילן, כדי צו שאַפן א בילד פונעם יידיש־פּוילישן פּראָווינץ־לעבן, כאַפּן פון דאָ און דאָרטן שורות, אָפּזאַצן. פיל פון אָט די שטעט און שטעטלעך זענען איצט אָפּ־געמעקט פון דער יידישער וועלט־מאַפּע, און אין אייניקע זענען פארבליבן געציילטע יידן, וואָס האַלטן אָן די פונקען פון א יידיש לעבן.

און אָט א גרוס פון ווילנע, פון דער אַמאָליקער, ירושלים דליטא. דער גרוס איז איבערגעגעבן דורך א. י. גראַדזענסקי, — א מערקווירדי־קער מענטש. א קאַליקע, מיט קינסטלעכע פיס, מיט א קראַנקן האַלדז, א מענטש, וואָס האָט נישט געקאָנט גיין און זייער שווער גערעדט, און דאָך — סאַראַ מאַסע ענערגיע ער האָט פארמאָגט! ער איז געווען א רע־דאַקטאָר פון אַן אָוונט־צייטונג אין ווילנע, וועלכע איז זיך שטאַרק פּו־נאַנדערגעגאַנגען, ער איז געווען דער סעקרעטאַר פונעם ווילנער ליטע־ראַטן־פאַראיין, געשריבן לידער, זיך באַטייליקט אומעטום, נישט דורכ־געלאָזט קיין פאָרשטעלונג, קיין פארזאַמלונג, קיין זיצונג און אומעטום

געקערט וועלטן, געווען אַ שטיק קוועקזילבער, געבעטן אַ וואָרט און ווען מ׳האָט באַדאַרפט, גוט אַריינגעזאָגט.

ער איז נישט צופרידן, א. י. גראָדזענסקי מיט זיין ווילנע (אַגב, דער באַוווּסטער ווילנער רב ר׳ עוזר גראָדזענסקי איז געווען זיין פעטער). ער רעדט וועגן די פאַרלאָגן אין יענער צייט און ער קריטיקירט זיי, זיי שטייען נישט אויף דער געהעריקער קולטור־הויך. ער הויבט אָן זיין בריוו:

„דער פאַרמלחמהדיקער פּעריאָד איז געווען איינגעטיילט אַזוי: וואַרשע האָט זיך גענומען די „טומאה", און צו ווילנע האָט געהערט די „קדושה". געהייסן האָט דאָס, ווי בעל־מחשבות האָט ערגעץ נביאות געזאָגט אין אַן אַרטיקל: „מוואַרשע תצא פּרעסע ומווילנא — ליטעראַטור".

און ער קלאָגט זיך, אַז וואַרשע האָט לעצטנס נישט נאָר פאַרכאַפּט די יידישע פּרעסע, נאָר זי פּראָדוצירט אויך ליטעראַטור און לאָזט ווילנע הינטערשטעליק . . .

און אָט זענען די גריסן פון פאַרשידענע שטעטלעך לויט דער אָפּ־טיילונג „וואָס מען שרייבט אונדז פון פּראָווינץ". מיר האָבן דאָ גאַנץ־אויספירלעכע באַריכטן פון דעם קולטור־מצב אין די שטעטלעך.

מאַקאָוו, עס שרייבט אַלעקסאַנדער הערצבערג:

„ביז נישט לאַנג האָבן ס׳רוב יידן ביי אונדז אין שטעטל געלייענט כמעט פּויליש און אינטערעסירט זיך בלויז מיט דער פּוילישער ליטעראַטור. לעצטנס האָט דער אינטערעס צו דער יידי־שער ליטעראַטור גענומען וואַקסן. די גאַנצע יוגנט לייענט כמעט יידישע ביכער און מען דיסקוטירט וועגן יידישער ליטעראַטור. אין שטעטל ביי אונדז איז דאָ איין עפנטלעכע יידישע ביבליאָטעק. זי געהערט צו די „צעירי־ציון", אָבער ס׳באַנוצן זיך מיט איר ס׳רוב נישט זייערע מיטגלידער. אויסער דער ביבליאָטעק, וואָס האָט אַרי־בער 200 לעזער (פאַר אַזאַ שטעטל ווי מאַקאָוו איז 200 לעזער זייער פיל), זענען פאַראַן 2 קלענערע יוגנט־ביבליאָטעקלעך, ווו עס לייענען נאָר מיטגלידער. בכלל איז די צאָל לעזער פון דער

יידישער ליטעראַטור זייער גרויס, אַן ערך 85-80% פון דער אַל־ געמיינער צאָל לעזער. דאָס זענען אַרבעטער און יוגנט. אַממערסטן ווערן געלייענט גרויסע ראָמאַנען, ווייניק — די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע. דער דורכשניטלעכער לעזער קאָן זי נישט פאַרדייען. — דער קליינשטעטלדיקער לעזער, וועלכער לעבט אידיליש־רואיק, ווייט אָפּגעריסן פונעם זודיקן לעבן, קאָן נישט פאַרשטיין די מאָדערנע יידישע דיכטונג. ווייל וואָס דאָס הארץ פילט נישט, קאָן דער מוח נישט פאַרשטיין.

די קאַלטע באַציאונג פון דער יידישער פּרעסע צו דער יידי־ שער ליטעראַטור ווונדערט אונדז. די יוגנט לעכצט נאָך אַ ליטע־ ראַרישן אַרטיקל. ווען אַמאָל אין אַ יובל איז דאָ אין אַ פרייטיק־ נומער א ליטעראַרישער אַרטיקל איבער אַ בוך, ווערט די צייטונג געלייענט מער מיט אַן אַנדער געשמאַק. די פּרעסע האָט באַדאַרפט געבן אַלע פרייטיק אַ ספּעציעלע ביילאַגע מיט בעלעטריסטיק, קרי־ טיק און אַרטיקלען איבער דעם יידישן ליטעראַריש־קינסטלערישן וועזן".

פון אַ צווייט שטעטל — ליובאַרטאָוו — אין דער געגנט פון זאַ־ מאָשץ, לובלין, שרייבט מ. ניידין (ער האָט דערנאָך איבערזעצט אַ ריי ביכער פון רוסיש אויף יידיש) :

„פאַרן פּראָווינץ־לעזער איז דאָס געדרוקטע וואָרט דער איינ־ ציקער קוואַל, פון וואַנעט ער שעפּט זיין יניקה. נישטאָ אין שטעטל קיין בילדונגס־אַנשטאַלטן, קיין טעאַטער, ווו ער זאָל קאָנען געניסן פון די קונסט־ און קולטור־דערגרייכונגען, ער איז אָנגעוויזן אויס־ שליסלעך אויפן בוך, אויפן זשורנאַל, אויף דער טאָג־צייטונג. דער פּראָווינץ־לעזער שטעלט אַרויס גרעסערע און ברייטערע פאָדע־ רונגען צום געדרוקטן וואָרט, און נאָכמער — צו דער פּרעסע. פון איר פאַרלאַנגט ער, זי זאָל שטענדיק זיין אַ טרייע און וואַכזאַמע פאַרמיטלערין צווישן אים און דער ברייטער וועלט. אָבער די יידי־ שע פּרעסע האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו באַפרידיקן די פאָדע־ רונגען פון דעם לעזער. אַמאָל פלעגט מען אין פּראָווינץ מיט אומ־ געדולד דערוואַרטן אַ צייטונג. איצט האָט מען נישט צו איר דעם

מינדסטן אינטערעס. די פּראָווינץ לייענט נישט קיין צייטונגען. נישט נאָר דערפאַר, וואָס די צייטונג קאָסט טייער. דאָס איז אויך א גרויסע מניעה. אָבער די וויכטיקסטע סיבה — די אָרעמקייט, נישט־אינטערעסאַנטקייט, געשמאַקלאָזיקייט פון דער פּרעסע".

עס ווערט ווייטער דערציילט, אז אמאָל איז געווען א גוטע ביבליאָטעק, איז זי פאַרמאַכט געוואָרן. איצט האָט מען פונדאָסניי געשאַפן א נייע ביבליאָטעק, וועלכע „ווערט אַלץ מער פּאָפּולער צווישן די היגע יידיש־לייענער. געלייענט ווערט מערסטנס בעלעטריסטיק פּראָזע, פּאָעזיע ווערט ווייניק געלייענט. פיל מער ווערט געלייענט וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור און דראַמען". (ליט. בל. נ' 8).

און אָט א בריוו פון טאָמאַשאָוו, מאַזאָוויעקציע. עס שרייבט נ. קראַנץ:

„אין דער לעצטער צייט מערקט זיך דאָ דער כסדרדיקער וווּקס פון יידיש־לעזער. אין שטאָט זענען דאָ צוויי יידישע ביבליאָטעקן. איינע איז די אַרבעטער־ביבליאָטעק א. נ. בר. גראָסער, וואָס ציילט ביי א 200 לעזער, די צווייטע ביי די ציוניסטן, וואָס האָט אויך א שיינע צאָל לעזער. אין ביידע ביבליאָטעקן געפינען זיך כמעט אַלע, פאַר דער לעצטער צייט דערשינענע, ביכער . . . אדאַנק דער היגער יונגער דיכטער־גרופּע איז לעצטנס פאָרגעקומען אין „הזמיר" ליטעראַרישע אָוונטן, ווו ס'איז גערעדט און רעציטירט געוואָרן איבער און פון משה נאַדיר, אויך אייגענע לידער (אנטיילנעמער — י. מ. באַלאַבאַן, י. האָניג, נ. גאָלדקראַנץ, א. דלוזשנאָווסקי, ב. קורץ). די אָוונטן זענען דורך מיט א געהעריקן דערפאָלג. מיט א קורצער צייט צוריק איז דאָ געווען דער דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש. ער האָט געלייענט זיינע איינדרוקן פון לאָנדאָן, פּאַריז און ווין, אויך אייגענע לידער. דערנאָך איז פאָרגעקומען א קאָנצערט־אָפּטיילונג".

און לסוף טיילט מיט נ. קראַנץ פון טאָמאַשאָוו: „דאָס דערשיינען פון די „ליט. בלעטער" האָט אַרויסגערופן א שטאַרקן אינטערעס ביים היגן לעזער־עולם צום מאָדערנעם יידישן וואָרט". (נ' 10).

געוועז אמאל א לעבן

גאר א טרויעריקן באריכט גיט איבער פון סלאָנים י. יודעלזאָן:

„אונדזער שטאָט — שרייבט ער — וואָס פאַר דעם קריג איז זי באַקאַנט געווען אין דער סביבה אַלס א צענטער פון קולטור און בילדונג, שטייט ביים איצטיקן מאָמענט אויף א זייער נידעריקער קולטור־שטופע. אזא שטאָט ווי סלאָנים, וואָס טאַנצט נאָך נאָך אַלע מאָדעס פון די גרעסערע שטעט, פאַרמאָגט אפילו נישט קיין אמתע ביבליאָטעק. עס זענען געבליבן פון די גוטע צייטן א לאָקאַל, ביכער אין די הונדערטער: רוסיש, יידיש און העברעאיש, אָבער וואָס פאַר אָן אָרדענונג, וואָס פאַר א כאָאָס?! ראשית, די קריגערייען צווישן דער יידישער אָפּטיילונג מיט דער העברעאישער, און ביידע צוזאַמען זענען שוואַך פאַרגעשטעלט. אונדזער אַזוי־גערופענע אינטעליגענץ, אין איר גרעסטן טייל, ווייסט נאָך נישט וועגן דער עקזיסטענץ פון יידיש אויף דער וועלט, — רוסיש איז שוין א ביסל ארויס פון דער צייט און פון דער מאָדע, — ברעכט מען זיך די ציין אין פוילישן, מען צעקאַליעטשעט א שפראַך, אָבער נישט יידיש! — מען האָט דאָ אפילו פּרובירט נאָכמאַכן לייטן און אַרויסגעבן א זשורנאַל „אונדזער זשורנאַל". עס זענען ארויס 3 נומערן (דער פּראָפיט גייט פאַרן „בית יתומים"), דער אינהאַלט איז א קלאָגעדיקער, פאַרשטייט זיך. פאַרגלוסט זיך אָבער א פּאָר אַנדערע יונגעלייט צו קאָנקורירן און מען גיט אַרויס א „לעבעדיקן זשורנאַל". האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די „רעדאַקטאָרן און קינסטלער" א פּאָלעמיק פול מיט שמוץ און זידלערייען.

„אָט אזוי — פאַרענדיקט דער שטרענגער באַאָבאַכטער פון סלאָנים זיין קאָרעספּאָנדענץ — בליט און וואַקסט די קולטור אין סלאָנים!".

צי דער מחבר האָט א ביסל פאַרטונקלט די פאַרבן, ווייסן מיר נישט, אָבער אויך אזא מין בילד פון א יידישער שטאָט איז געווען אין יענער צייט, אין 1924!

מלך ראַוויטש גיט, אין נאָך א נומער, א בילד וועגן באַראַנאָוויטש, ער שרייבט:

„דער גאַנצער שטאַב פון די יידישע דאָקטוירים און די יידישע פאַרמאַצעווטן אין באַראַנאָוויטש איז יידישיסטיש געשטימט.

בכלל איז די יידישע אינטעליגענץ אין די קרעסן־שטעט (די געגנטן אויסער קאָנגרעס־פּוילן — נ. מ.) יידישיסטיש. דער איינפלוס פון רוסיש איז געבראָכן, דער איינפלוס פון פויליש איז נאָך דערווייל ווייט, און א קולטור אן אייגענע האָבן מיר דאָך, נישט צום פאַר־זינדיקן, האָט מען זיך געכאַפּט: אפשר גאָר טאַקע יידיש? איז דער־וויל געבליבן ביי יידיש".

און ווייטער דערציילט מלך ראוויטש:

„אין משך פון צוויי טעג בין איך פיר מאָל געשטאַנען פאַרן עמוד. און אַלץ פאַר קולטור און ליטעראַטור. הייסט עס, אז לי־טעראַטור איז נאָך נישט אַזאַ אויסגעדראָשענע זאַך, ווי מיר, יאוש־דיקע ליטעראַטן, מיינען..." „אין צוג האָב איך פריילעך געטראַכט: די יידישע ליטעראַטור איז אונדזער לאַנד, אונדזער היים אויף דער ווייטער וועלט, — און באַראַנאָוויטש איז אַן אומזיגבאַרע פעס־טונג". (ליט. בל. נ' 11).

אין דער זעלבער צייט, וואָס עס זענען געגאַנגען די מיטטיילונגען, באַריכטן און שילדערונגען וועגן דעם יידישן קולטור־לעבן אין דער פּוי־לישער פּראָווינץ, איז געשען א מעשה־נורא אין דעם שטעטל קאַרטשעוו. די דאָרטיקע פאַנאַטישע יידן, די חסידים פונעם דאָרטיקן רבין, זענען באַפאַלן די דאָרטיקע יידישע ביבליאָטעק און פאַרברענט די ביכער און אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן די יונגעלייט, די טוער און לייענער פון דער ביבליאָטעק. עס זענען געווען געדרוקט ביי אונדז נאָטיצן, אַרטיקלען, און די דאָרטיקע „דאָזאָרעס" האָבן אפילו אריינגעשיקט צו אונדז אַן אָפי־ציעלע אַפּלייקענונג, אַז די מעשה איז נישט ריכטיק. מיר האָבן געשיקט א ספּעציעלן מענטשן און, ליידער, האָט זיך עס אַרויסבאַוויזן פאַר אמת. „א גאַנצע חברה פאַנאַטיקער — האָט אונדזער שליח פעסטגעשטעלט — האָט זיך אַריינגעריסן אין ביבליאָטעק, אָפּגעהאַקט די שלעסער און פאַר־ברענט אַלע ביכער, וואָס די ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט — 520". „דער רבי האָט געפּסקנט שבת אין בית־המדרש, אז דער לערער פון די אָוונט־קורסן איז טריף, אַז קיינער טאָר מיט אים נישט האָבן קיין מגע ומשא. דער פּרעזעס פון קהלה יעקל פרידנזאָן האָט פאַרזיכערט, אז ער נעמט

אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע מעשים, וואָס עמעץ וועט טון קעגן דער יוגנט, — אפילו זיי באַשיצן אין אַלע מלוכה - אַנ־שטאַלטן...״ און נישט נאָר דער רבי, אויך די רביצין האָט געקערט מעשים, פאַרבעטן צו זיך די טוער פון דער ביבליאָטעק און פאַרלאַנגט פון זיי, זיי זאָלן אָפּלייקענען די ידיעות וועגן דער גאַנצער מעשה אין דער פּרעסע...״ הכלל, א שטיקל מיטלאַלטער אין דעם יידיש־פּוילישן שטעטל!

און אָט א בריוול פון דעם שטעטל איזביץ־קויאַווסק:

„ביי א 8־יאָריקער עקזיסטענץ האָט דער „קולטור־פאַראיין״ — די איינציקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס באַזיצט א בכבודיקע ביבליאָטעק — פאַרהעלטנמעסיק זיך זייער שוואַך אַנט־וויקלט. נישקשה אַנטוויקלט זיך דער אַמאַטאָרן־קרייז (ליבהאָבער־שפּילער — נ. מ.), וואָס האָט שוין באַוויזן אויפצופירן איינציקע פאָרשטעלונגען. ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט דער קולטור־פאַראיין אומגעפער א 2.000 ביכער: פון זיי — יידישע טויזנט, פּוילישע — 700, די איבעריקע — העברעאישע. פון 200 רעגלמעסיקע לעזער — זענען העכער 80 % ארבעטער, וואָס ציען זייער גייס־טיקע יניקה פונעם יידישן בוך. די איבעריקע 20 פּראָצענט זענען מערסנטייל פרויען, וואָס לייענען וויניק אָדער כמעט גאָרנישט קיין יידיש. העברעאיש ווערט כמעט אינגאַנצן נישט געלייענט. געלעזן ווערט דער עיקר: בעלעטריסטיק, פּראָזע. פּאָעזיע און וויסנשאַפט ווערן כמעט נישט באַנוצט. דאַקעגן פילט זיך א שטיקל אינטערעס צו דראַמאַטישע ווערק. די באַציאונג פון דער דערוואַקסענער יוגנט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן איז א פּאַסיקע. קיין פּאַרטיי־לעבן איז דאָ כמעט נישטאָ. פון צייט צו צייט ווערן איינגעאָרדנט פּאָרלע־זונגען, רעציטאַציעס א. א. וו. די „אגודה״־לייט (די פרומאַקעס — נ. מ.) פירן לעצטנס א שטאַרקן קאַמף קעגן אונדזער קולטור־פאַראיין. כדי אויסצומיידן מחלוקת, פאַרמאַכט מען יעדן פרייטיק־צונאַכטס דעם לאָקאַל. זיי זענען גרייט אויף אַלע מעגלעכע מיט־לען, אַבי אָפּצורוימען די שטאָט פון „זינד״...״ (ליט. בל. נ׳ 12).

מיר וועלן ברענגען נאָך איינציקע אויסצוגן פון בראָווינץ־בריוו,

וואָס גיבן אַ באַגריף וועגן דעם קולטור־צושטאַנד אין די שטעטלעך, וועל־כע זענען פונאַנדערגעוואָרפן איבער דער פּוילישער ערד און וואָס זענען אָנגעוויזן אויף זייער אייגענעם באַראַט.

אַ בריוול פון לויוויטש, נישט ווייט פון וואַרשע. עס ווערט דער־ציילט, אַז נישט געקוקט וואָס די שטאָט פאַרמאָגט אַ 7.000 איינוווינער, איז אָבער אין שטאָט שטיל.

„נישטאָ קיין יידישע פאָלקס־שול, נישט מען לייענט אָדער מען זעט אַ ניי יידיש בוך און נישט מען אָרדנט איין ווען ס'איז אַ פאָרשטעלונג אָדער אַ רעפעראַט. אַ ראוט אָדער אַ מאַסקן־באַל גיבן זיך גוט איין. דעסגלייכן קומט אויך פאַר אַ פּאַרטייאישע פאַר־לעזונג אַמאָל אין אַ שמיטה און דאָס אויך — פאַר וואַלן... מיט איין וואָרט — פוסטקייט און פינצטערניש. אין דער לוויוויטשער יידישער געזעלשאַפט האָט נאָך פּולסירט איין בלוט־אָדער — די אַרבעטער־ביבליאָטעק. זי האָט געשפּייזט צענדליקער יידישע אַר־בעטער־ און הונדערטער לעזער מיט אַ יידיש ביכל. איז די ביבליאָ־טעק אויך אונטערגעגאַנגען...״ („ליט. בל.״ פון 25סטן יולי 1924).

אַ גאַנצע געשיכטע גיט איבער וועגן דער ביבליאָטעק אין דעם שטעטל אילזא א. גראָספעלד. עס איז אַ קליין שטעטל, אָבער אַלעמאָל האָט מען פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער קול־טור־צענטער, פון וואַנען מען האָט געצויגן די יניקה. אָבער צוליב מחלוקת איז די ביבליאָטעק פאַרמאַכט געוואָרן, און מיט גרויס מי האָט מען זי ווידער געעפנט. איצט, ווערט מיטגעטיילט מיט פרייד, „פאַרמאָגט זי ביי 400 ביכער אין דריי שפּראַכן. 75 פּראָצענט יידיש, 15 פּראָצענט פּויליש, 15 פּראָצענט העברעאיש. ביז 80 לעזער געניסן פון דער ביבליאָ־טעק. יעדן טאָג איז טעטיק דער לייען־קרייז, ווו עס געפינען זיך אַלע נייע אויסגאַבן און די טעגלעכע פּרעסע. צוויי מאָל אין וואָך קומען פאַר שמועסן אויף ליטעראַרישע טעמעס. יעדע צוויי וואָכן קומען פאַר פאַר־לעזונגען, און יעדן שבת — וויסנשאַפטלעכע לעקציעס. מיר פילן דאָ אַ מאַנגל אין אינטעליגענטע כוחות. די „„ליטעראַרישע בלעטער״ זענען פאַר אונדז געוואָרן אַ מקור, פון וועלכן מיר שעפּן די כסדרדיקע טעמעס פאַר שמועסן״. („ליט. בל.״ נ' 12).

עס קלאָגט זיך שטארק דער קאָרעספּאָנדענט פון סאָקאָלאָוו־פּאָד־לאַסקי ר. פיש:

„אין טומל פון אלגעמיינעם קריזיס לאָזט זיך אויך באמערקן דער קריזיס אויף קולטור־ארבעט ביי אונדז. קודם כל האָבן נישט די לעזער קיין ליניע. דעריבער ווערן זיי געוואָרפן פארצווייפלט אויף פארשידענע ליטעראטור־צווייגן". עס זענען דאָ אין דעם שטעטל צוויי ביבליאָטעקן: פון די לינקע פּועלי־ציון, אָבער קיין איינע פון זיי פארמאָגט נישט קיין אײן גוטן ביבליאָטעקאַר, וואָס זאָל קאָנען באהילפיק זיין דעם לייענער. עס האָט זיך געגרינדעט א „קולטור־קרייז", וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל „אויסצובילדן ליטעראריש־באוווסטזיניקע מענטשן, ליידער, איז דער דאָזיקער קרייז צעפאַלן געוואָרן..." („ליט. בל". נ' 19, 1924).

נישט פריילעכער איז דער קולטור־מצב אין דער גרויסער יידיש־פּוילישער שטאָט קעלץ. ש. איצקאָוויטש דערציילט מיט באדויער, אז

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז קעלץ פאררעכנט געוואָרן פאר איינע פון די לעבעדיקסטע שטעט אויפן קולטורעלן געביט". עס איז גע־וועזן ביי די פּראָפ' ארבעטער־פאראיינען א ביבליאָטעק מיט איבער 600 ביכער און מיט 200 לייענער, מיט א באקוועמער וווינונג און לייען־זאַל א. א. וו. אָבער די פּאָליציי האָט עס אלץ פארמאכט... און דער קאָרעספּאָנדענט דערציילט: „דאָס האָט געברענגט דערצו, אז אלץ איז אָפּגעשטאַנען, און דער ווייניקער באוווסטזיניקער עלע־מענט האָט זיך אוועקגעלאָזט אין דער „טיטינא"־וועלט. („טיטינא" — א פּאָפּולער ביליק לידל — נ. מ.). „פאראן יוגנט, וועלכע מען וואָלט געקענט ברענגען צו א שטיקל מדרגה, האָבן מיר אָבער נישט מיט וואָס. אזוי, אז צום גרויסן באדויערן מוז מען קעלץ צורעכע־נען צו איינע פון די אָפּגעשטאַנענסטע ערטער אין פּוילן ביי היינ־טיקן טאָג". („ליט. בל". נ' 19).

אָט אזוי קומען טרויעריקע ידיעות פון איין שטאָט און דער צווייטער. דאָ האָט די פּאָליציי צעבראָכן דאָס קולטור־לעבן, דאָרטן האָט די אָרטיקע אייגענע פינצטערע מאכט חרוב געמאַכט א שווער־אויפגעבויטע

אינסטיטוציע. אין פיל ערטער ברענגט גרויס שאדן די צעברעקלונג פון די כוחות. עס ליידט דערפון די פיל־געפלאגטע יידישע מאסע. עס איז אויך דא א מאנגל אין אייגענע פירנדיקע כוחות. און דער צענטער, וואר־שע, האט צום באדויערן נישט באוויזן אויפצושטעלן די גרויסע איי־הייטלעכע קולטור־ארגאניזאציע, וואס זאל קאנען ברענגען נוצן דער יידי־שער פראווינץ, וואס לעכצט נאך א פריש און מונטערנדיקן ווארט.

לאמיר ציטירן נאך אייניקע בריוו פון די ערטער, וואס באלויכטן די לאגע און שילדערן דעם קולטור־מצב אין די שטעטלעך.

אין דאמבראווא־גורנא, ביי בענדין, דערציילט ישראל קליימאן, איז א גרויסער טייל פון דער יוגנט, געוועזענע פארטיי־לייט און קולטור־טוער, אזוי פארפוסבאלט, אז ס'קאן גאר קיין רייד נישט זיין, אז א בעסער ווארט זאל אהער דערגרייכן. דאך געפינען זיך חברים ארום דער געשא־פענער „קולטור־גרופע", וועלכע ארבעט און אנטוויקלט זיך כמעט בא־

בעריקע שטעטלעך, אי אין סביבה א קולטורעלס. לעצטנס אבער דער איינציקער ציוניסטישער ביבליאטעק געפינען זיך א 500 ביכער מיט א 150 לייענער. עס פילט זיך דארט א מאנגל אין וויסנשאפטלעכע ביכער, וואס איז אזוי ווי נישטא אין יידיש. בכלל ציט דאמבראווע איר גייסטיקע יניקה פון איר שכנטע בענדין". („ליט. בל." נ' 19).

דאס נעמלעכע איז מיטן שטעטל דעמבלין, ווי עס טיילט מיט אהרן ציטרינבוים :

„אונדזער שטעטל איז פון שטענדיק אן געווען אי לויט פרא־פארציע פון דער צאל איינוווינער, אי אין פארגלייך מיט די אי־בעריקע שטעטלעך, אי אין סביבה א קולטורעלס. לעצטנס אבער זענען אלע דערגרייכונגען צונישט געווארן".

עס איז געגאנגען צו גרונט די איינציקע ביבליאטעק, אויך דער גוט־ארגאניזירטער פראפ' פאראיין א. א. וו. און די יוגנט איז אפאטיש, ווערט פון קיינעם נישט געפירט, עס פעלט אינטעליגענץ א. א. וו.

און אט א גרויס פון כעלעם. עס שרייבט ישראל איסר, אז

„גאר אויף א נידעריקער מדרגה שטייט דאס יידישע קולטור־לעבן אין שטאט. דאס יידישע ווארט איז נישט ארייגעדרונגען

אין אונדזערע יידישע מאסן. בלויז 150 קינדער ווערן דערצויגן אין יידיש (נישט רעכענענדיק די חדרים, ווו עס לערנען א 250־300 קינדער). עס קומען פאר פארפאלגונגען קעגן די יידישע אר־בעטער־ביבליאטעקן. די גראָסער־ביבליאָטעק, וועלכע פארמאָגט ביי א טויזנט יידישע ביכער, איז פארמאכט. און דאָס איז דערפאר, ווייל זי האָט בלויז יידישע ביכער. די פּרץ־ביבליאָטעק, וועלכע האָט ביי א 1500 יידישע ביכער און אויך העברעאישע און א 200 פּוילישע, האָט גאר ווייניק לעזער. אָבער די באָראָכאָוו־ביבליאָטעק, וואָס פארמאָגט מער פּוילישע ביכער ווי יידישע, איז רייכער מיט לעזער ווי אלע אנדערע ביבליאָטעקן". („ליט. בל". נ' 21).

און אזא שטעטל ווי דלוגאָשאָדלאָ האָט, לויטן באריכט פון הערשל ברום, געהאט א יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, און די ארבעטער און יוגנט האָט געהאָט דאָרטן איר גייסטיקע היים, איז זי אָבער דורך דער מאכט פארמאכט געוואָרן.

„די היגע יוגנט האָט געוווּסט אָפּצושאצן די באדייטונג פון דער ביבליאָטעק און פלעגט מיט מסירת־נפש זיך אָפּגעבן פאר דער ביבליאָטעק, אָבער דאָס איז פארשטערט געוואָרן. נאָכן פארמאכן די ביבליאָטעק געפינען זיך די ביכער ערגעץ אויף א בוידעם".

נישט פרייליכער איז אויך אין קראסניסטאוו:

„צוליב דעם, וואָס די פארשידענע קולטור־אונטערנעמונגען אין אונדזער שטעטל האָבן זיך ביז איצט נישט איינגעגעבן, איז די היגע יידישע יוגנט געוואָרן א גלייכגילטיק־פארגליווערטע צו יעדער נייער אונטערנעמונג. עס זענען ביי אונדז שוין געווען עט־לעכע ביבליאָטעקן, האָבן זיי זיך ליקווידירט צוליב פארשידענע סיבות... די „ליט. בלעטער" ווערן ביי אונדז ערנסט און מיט חשק געלעזן און זענען די טעמע פון די שבתדיקע געשפּרעכן... עס זענען דאָ לעזער, אָבער דער עיקר — יונגעלייט, די מיידלעך לייענען כמעט נישט קיין יידיש"

מיט אנדערע ווערטער גיט איבער וועגן דער לאגע אין ווענגראָוו ח. שניץ:

„אונדזער שטאָט פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל יוגנט, וואָס וואָלט עפּעס אויפן קולטור־געביט געקאָנט אויפטון, איז זי אָבער שטאַרק צעשפּאָלטן. עס הערשט אַ שטאַרקער אַנטאַגאָניזם מחמת זייער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. דער גאַנצער יוגנטלעכער ברען גייט אַוועק אויף גאָרנישט, וועגן קולטור־אַרבעט ווייסט מען בכלל נישט... עס ווערן נישט איינגעאָרדנט קיין לעקציעס איבער ליטעראַטור״.

און דער בריוו־שרייבער דערציילט, אַז

„לעצטנס איז אַזאַ לעקציע געהאַלטן געוואָרן דורך א. ליט־וואַק א.ד.ט. „משיח־אידעע אין אונדזער יונגער ליטעראַטור״, וועל־כע האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר די צוהערער, זענען אָבער, צום גרויסן באַדויערן, אַ גרויסער טייל פון אונדזער שטאָט נישט געקומען מחמת אַ נישט־אָפיציעלן באָיקאָט מצד אַ פּראָלע־טאַרישער ריכטונג. דער שאָדן אָבער פאַר זיי איז גרויס... כאַראַק־טעריסטיש פאַר אונדזער שטאָט, אַז ס׳קומט אַריין נישט מער ווי 4־5 „ליט. בלעטער״...״ (נ׳ 22, 1924).

מען וואָלט געקאָנט נאָך און נאָך ציטירן די באַריכטן און די שיל־דערונגען פון די ערטער, וואָס דערציילן אַזוי פּראָסט און פּשוט וועגן דעם אַלגעמיינעם, גאָרנישט פרייַלעכן צושטאַנד פון דער יידישער קולטור איבער די פּויליש־יידישע שטעטלעך, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זענען דאָ אַלע מעגלעכקייטן פאַר אַ וווּקס און אַנטוויקלונג פון די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. דאָס וואָס מען האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק נישט דערלאָזט, אַז אַן אומפּאַרטייאישע „קולטור־ליגע״ זאָל זיך גרינדן און אַרייננעמען אין זיך, ווי מען האָט געפּלאַנירט, אַלע ריכטונגען און קרייזן, — דאָס האָט זיך דערנאָך ביטער אָפּגערופן אויפן ווייטערדיקן גאַנג פונעם יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן אין פּוילן. די צעריסנקייט און צע־שפּליטערטקייט אויף פּאַרטייען אין קולטור־אַרבעט האָט זיך נישט גוט אָפּגערופן אין די גרויסע שטעט, פאַר דעם קליינשטעטל איז עס געווען ממש אַ טויט־קלאַפּ.

עס איז געווען זייער נאַריש, ווען אַ קליין שטעטל מיט אינגאַנצן אַ 200 צוהערער פאַר אַ יידישער לעקציע, האָט געהאַט עטלעכע ביבליאָ־טעקלעך, עטלעכע קלובלעך, עטלעכע פּאַרטייאישע גרופּעס, און יעדע

איינע האָט געמאַכט שבת פאַר זיך. ווען דערזעלבער לעקטאָר איז געקו־מען צו איין ריכטונג, האָט אים די צווייטע ריכטונג באָיקאָטירט. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז דער זעלבער רעפערענט אראָפּגעבראַכט גע־וואָרן דורך דעם צווייטן צד, וואָס מיט עטלעכע וואָכן האָט מען אויס־געמיטן צו קומען צו זיין לעקציע, האָט דער פריערדיקער צד דאָס מאָל אָפּגעהאַלטן זיינע אָנהענגער און סימפּאַטיקער צו גיין אויף דער לעקציע פון דעם, וואָס מען האָט אַליין מיט א פּאָר וואָכן פריער אַליין אראָפּגע־בראַכט מיט אַזאַ פּאָמפּע. דאָס איז געווען א באַקאַנטע זאַך!

דערצו האָט די מאַכט בכלל געקוקט זייער נישט־וויליק אויף די יידישע ביבליאָטעקן, געזען אין זיי די „קראָמאָלע", וואָס גייט „שטירצן" די מאַכט. מען האָט גערודפט די טוער פון דער ביבליאָטעק, ארעסטירט זיי און זיי געהאַלטן לאַנגע יאָרן אין תפיסה. איז די יוגנט געלאָפן פון די שטעטלעך אין די גרעסערע אָדער גרויסע שטעט, און נישט געפונען קיין ארבעט, קיין פּאַסיקע באַשעפטיקונג, איז מען ארומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס, אָדער זיך צוגעשלאָגן צו עפּעס א באַשעפטיקונג פאַר דעם מינדסטן אָפּצאָל.

די באַזוכן פון די רעפערענטן אין די שטעטלעך האָבן אריינגע־בראַכט א סך לעבן, אויפגערודערט און אויפגעמונטערט די יידישע טרייע יוגנט, וואָס האָט געהערט די רעדעס און ממש געשלונגען יעדעס וואָרט. עס איז געווען א יום־טוב דער באַזוך פון דעם לעקטאָר, מען האָט וואָכן־וויַיז נאָכדערציילט און איבערדערציילט פּרטים און נסים ונפלאות. עס זענען דערביי אויך געווען גענוג קוריאָזן, וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט איבערגעלעבט אויף זיינע באַזוכן. די ליבע גוטהאַרציקע און נאַ־איווע פּראָווינץ פון פּוילן! וויפל ראָמאַנטיזם, שיינקייט און טרייע באַ־גייסטערונג מען האָט געטראָפן אין די פּאַרוואָרפנסטע שטעטלעך! יעדער איינער פון אונדז פלעגט גערירט ווערן ביז טרערן, און מען האָט דערביי־בער נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען פון פאָרן און וווינען אין א העק, גערן געפאָרן און געהאַלטן רעפעראַטן און געטיילט זיך מיט דער אייגענער באַגייסטערונג און וויסן מיט די לעכצנדיקע טייערע יונ־געלייט אין דער פּראָווינץ.

איך דערמאָן מיך פיל אַזעלכע מעשיות און באַגעגענישן, וואָס מען וואָלט געקאָנט דערציילן און דערציילן אָן איבעררייס.

געווען אמאָל אַ מעשה אין פּינסק, וווּהין איך בין געקומען שבת בייטאָג צו רעדן אין דעם באַוווּסטן האָלצמאַן־טעאַטער. איך האָב באַדאַרפט ביינאַכט פאָרן צוריק קיין וואַרשע, אָבער עס איז געקומען אַ „דעלעגאַציע״ פונעם דערבייאיקן שטעטל יאַנאָווע און מיך פאַרבעטן צו קומען אהין און רעדן פאַר זייער ביבליאָטעק שבת־צו־נאַכטס. איך האָב זיך געקווענקלט, געמוזט פאָרן גלייך אהיים, אָבער די חברים זענען צוגעשטאַנען: ס׳טייטש, ווי קאָן איך פאַרשעמען דאָס שטעטל יאַנאָווע, וואָס קוקט אַרויס אויף דעם רעפערענט? זענען מיר אַרויסגעפאָרן מיטן צוג, אויף דער סטאַנציע יאַנאָווע אַראָפּ, און דער צוג איז אַוועק ווייטער. אויפן וואָקזאַלכל, אַ טונקעלער אינמיטן פעלד, מיט אַ קעראָסין־לעמפּל אויף דער חושכדיקער וואַנט, באַגעגענען אונדז צוויי יאַנאָווער יונגעלייט אין הויכע שטיוול, — עס איז דאַן געווען די אמתע „פּינסקער בלאָטע״ אין דער געגנט — מיט אַ בשורה רעה: עס איז שלעכט! פּונקט דעם שבת־צו־נאַכט זענען דאָ תּנאָים אין שטעטל, ווייסט מען נישט, צי עס וועט זיך איינגעבן צו האָבן אַן עולם צו דער לעקציע... שלעכט! אָבער וואָס טוט מען. דער צוג איז שוין אַוועקגעלאָפן, אַ פייף געטון און נישטאָ אים. בלייבט, באין ברירה, זיך צו לאָזן אין שטעטל, וועט מען דאָרט שוין זען עפּעס אַן אויסוועג. זעצט מען זיך אויף אַ פורל און מען לאָזט זיך אין שטעטל איבער די פינצטערע וועגן. מיר פאָרן אַריין אין יאַנאָווע. די חברים פאַרפירן מיך אין אַן אכסניא, זיי נעמען פאַר מיר אַ צימערל, און זיי לאָזן זיך אין שטעטל צו זען צונויפזאַמלען אַן עולם צוהערער, ווען די שאַנסן זענען אַזעלכע שוואַכע, אַז אינמיטן דרינען נאַ דיר גאָר תּנאָים!... צי איך זיך אויס אויף דער האַרטער, מיט שטרוי געבעטער סאָפע, און וואַרט אויף דער גוטער בשורה . . .

קלאַפּט מען אין טיר. איך בעט אַריין. יאַוועט זיך אַריין אַ יונגערמאַן מיט אַ מאָדנעם אויסזען. קוקט ער, דער אַריינגעקומענער, אויף מיר מיט אַ מאָדנעם בליק, אַ ברוגזער און פאַרלוירענער. לסוף פרעגט ער מיך:

— דאָס זענט איר דער, וואָס זענט געקומען אהער? וואָס הייסט עס? אַ גאַנצע וואָך זיץ איך דאָ, וואַרט אויף היינטיקן אָוונט, באַדאַרף ווייזן דאָ קונצן, און דאָ קומט איר און נעמט ביי מיר צו די פּרנסה. נאָך ווייניק וואָס עס זענען פּונקט היינט דאָ תּנאָים, זענט איר נאָך געקומען...

דערקלער איך דעם מאָדנעם אורח, אַז איך האָב גאָרנישט געוואָלט

קומען אהער, נאָר מען האָט מיך פאַרבעטן, קעגן מיין ווילן, צו קומען, און אויך איך בין נישט צופרידן פון דער גאַנצער געשיכטע . . .

קוקט ער אויף מיר מיט פאַרלעגנהייט און נאָך א לענגערן ישוב־הדעת זאָגט ער צו מיר:

— ווייסט איר וואָס? לאָמיר מאַכן שותפות! איר וועט טון אייערס און איך וועל ווייזן מיינע קונצן, אַז קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ!"

דער פאָרשלאָג האָט, פאַרשטייט זיך, מיר נישט שטאַרק געשמעקט, אָבער עס איז געווען אַ גאָטס רחמנות אויפן מענטש, זאָג איך אים גאַנץ ערנסט:

— ביי מיר האָט איר געפועלט, אָבער איר דאַרפט זיך דורכרעדן מיט די איינאָרדענער פונעם אָוונט. זיי זענען דאָך די באַלעבאַטים, נישט איך... גייט אין זאַל, און שמועסט אַדורך מיט זיי! . .

איז ער אַוועק. עס האָט געקאָסט די יונגע לייט געגוג מי און דערצו נאָך אַ 10 זלאָטעס אָפּטרעט־געלט דעם קונצנמאַכער, וואָס האָט געהאַט, נעבעך, גערעכטע טענות הלמאי מען מאַכט אים קאַליע זיין אונטערנע־מונג. מען האָט זיין אויפטריט אָפּגעלייגט אויף מאָרגן זונטיק, און איך האָב געהאַלטן מיין רעפעראַט אינעם טונקלען זאַלכל פון די יאַנאָווער פייערלעשער, און טאַקע פאַר אַ קלענערן עולם, ווייל יידן האָבן געמוזט גיין צו די תנאים . . .

אַן אַנדערש מאָל קום איך קיין נאָווידוואָר צו רעדן אין דער ביב־ליאָטעק. באַגעגנט מען מיך ביי דער באַן, לאָזן מיר זיך צופוס אין שטעטל. וויל איך דערנאָך אַריין אין אַ רעסטאָראַנדל, כאַפּן אַ גלעזל טיי און פאַרבייסן. אָבער די יונגעלייט פון דער ביבליאָטעק פאַרלאַנגען פון מיר, איך זאָל מיט זיי דורכגיין אַ פּאָר מאָל איבער די הויפּט־גאַסן, מען זאָל זען, אַז דער רעפערענט איז טאַקע דאָ, אַז ער איז געקומען צו פאָרן, ווייל מען האָט שוין לעצטנס זיי אָפּגענאַרט, נישט געקומען, האָט מען פאַרלוירן דעם צוטרוי. האָב איך געמוזט גיין איבער די גאַסן, אָבער אַן דעם פּויק, וואָס אַ קומענדיקער צירק האָט זיך אמאָל נוהג געווען צו מודיע זיין דעם עולם וועגן זיין קומען.

אין ראַציאָנזש, למשל, האָבן מיר די חברים נאָכן רעפעראַט גע־וואָלט אומבאַדינגט מיטגעבן אַ קויש פרישע אייער. און אַז איך האָב געטענהט, אַז מיר ווינען אין וואַרשע אין סאַמע מאַרק אויף מיראַווס־

קע, און אייער זענען ביי אונדז לרוב בזול, האָבן זיי מיר דערציילט, אַז מיט אַ צוויי וואָכן צוריק איז געווען ביי זיי דער ח׳ ז. און זיי האָבן אים מיטגעגעבן אַ קויש אייער. אָבער אַז איך האָב אַלץ נישט געוואָלט נעמען, האָבן זיי אויף מיר פאַראיבל געהאַט. איך האָב זיך פאַרטיידיקט דערמיט, אַז איך דאַרף נאָך פאָרן אין אַ פּאָר שטעטלעך.

אין אַן אַנדער אָרט קום איך צו פאָרן שבת בייטאָג, באַגעגנט מען מיך און מען פרעגט מיך, צי איך בין אַ בעלן צו גיין באַזוכן דעם בית־עולם. ניין, זאָג איך, מיך אינטערעסירט מער דאָס לעבעדיקע שטעטל, איידער די מצבות! האָבן די יונגעלייט צו מיר געטענהט:

— ס׳טייטש,דאָ איז געווען מלך ראַוויטש, האָט ער אומבאַדינגט פאַרלאַנגט, מען זאָל אים פירן אויפן בית־עולם ! . . .

איך קום אַמאָל ווינטער אָוונט אין אַ שטעטל, עס איז געווען גוט קאַלט, באַגעגנט מיך אַ דעלעגאַציע ביי דער באַן, מיט אַ לאַנגן דראַביניאָסטן וואָגן, אויסגעבעט מיט שטרוי, און דערצו מיט אַ פעלץ... האָב איך זיך געמיאוסט אַריינצוקריכן אין אַ פרעמדן פעלץ, וואָס האָט אויסגעזען נישט אַזוי ריין און מסתמא פול מיט פליי. זאָגן מיר די חברה :

— דאָס איז אַ פעלץ, וואָס מיר האַלטן ספּעציעל פאַר די רעפערענטן, און פרץ מאַרקיש האָט אים דאָ נישט לאַנג אָנגעטון, און אויך אַ. קאַציזנע . . . .

אין איינעם אַ שטעטל האָב איך געהאַלטן אין אַ ווינטערדיקן שבת בייטאָג אַ רעפעראַט וועגן דוד בערגעלסאָן. נאָכן רעפעראַט פאַרבעט מען מיך אין אַ הויז, ערגעץ ווייט הינטער דער שטאָט, אין אַ הויף, ווו עס איז דאָ אַ טאַרטאַק (אַ זעג־מיל). פאַרוואָס עפּעס אַזוי ווייט? זאָגט מען מיר נישט. אָבער מען האַלט, אַז עס איז אומבאַדינגט וויכטיק. גיי איך. קומען מיר אַריין אין אַ פיין הויז, גייען מיר דורך די צימערן און קומען אַריין אין אַ צימער, פיין אויסגעשטאַט, מיט באַשיידענעם ציכטיקן מעבל. דער צימער איז ראָמאַנטיש באַלויכטן, מיט קאָלירטע אַבאַזשורן אויף די פּאָר לאָמפּן. אויף אַ וואַנט הענגט אַ גרויס בילד פון אַ פיין מיידל אין אַ גרויסער ראַם. זעצן מיר זיך אַוועק. עס איז סודותפול. בין איך שוין נייגעריק, וואָס דאָ וועט געשען. זאָגט מען מיר, ווייזנדיק אויף דעם בילד פונעם מיידל: דאָס איז אונדזער מירעלע הורוויץ, אונדזער מירעלע פון אונדזער שטעטל! זי איז געשטאָרבן. ווילן מיר דאָ אין צימער זיצן, און

איר וועט אונדז אויספירלעכער דערציילן וועגן מירעלע הורוויץ פון „נאָך אלעמען". איך בין דערציטערט געוואָרן פון די ווערטער, איך האָב דאַן שטיל און שטימונגספול געדעדט וועגן דוד בערגעלסאָנס געשטאַלט, אירע פּראָטאָטיפּן און די סביבה ארום איר... און די עטלעכע יונגעלייט און מיידלעך האָבן געהערט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז אויך דאָס מיידל פונעם בילד אַראָפּ האָט פארנומען מיינע רייד און די שטימונג אין דעם טונקל־באַלויכטענעם און ראָמאַנטישן צימערל. עס איז געווען א מערק־ווירדיקע געשיכטע, וואָס האָט מיך א לאַנגע צייט נאָכגעפאָלגט. איך האָב וועגן דעם געשריבן צו דוד בערגעלסאָן קיין בערלין, און עס האָט אויף אים און אויף זיין פרוי ציפּעלע געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק.

עס דערמאַנט זיך מיר מלאווע, ווּהין איך בין אמאָל געקומען האַלטן א רעפעראַט. איך האָב גערעדט אין דעם גרויסן שיינעם זאַל פון דער יידיש־פּוילישער גימנאַזיע. נאָכן רעפעראַט האָט מען א גאַנצע נאַכט ביז אינדער־פרי, ביז דעם אַפּגיין פון דער באַן, געזונגען און געטאַנצט ביי דער באַקאַנ־טער פאַמיליע קלעניעץ. דער אינטעליגענטער אַפּטייקער פון מלאווע. עס איז דערביי אויך געווען יוסף אַפּאַטאָשוס ברודער און נאָך מלאווער אינ־טעליגענטן.

און אזוי ווייטער און ווייטער. זכרונות וועגן באַזוכן אין לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, ווילנע, לעמבערג, קראָקע, ביאַליסטאָק, פּלאָצק, ראָדעם און אין שטעטלעך פון ווייטער גאַליציע, אַזש אין באָרשטשאָוו, טשאָרטקאָוו א. א. וו. און אין יעדן שטעטל טייערע האַרציקע יונגעלייט, און צווישן זיי אויך יונגעלייט מיט גוטע קעפּ און מיט גרויס פארשטענדעניש אין יידישער און וועלט־ליטעראַטור.

איך דערמאַן מיך דאָס שטעטל סטאַוויסקי, נישט ווייט פון לאָמזשע. איך האָב געהאַלטן אין א באַשיידענעם צימערל פון דער ביבליאָטעק א רעפעראַט איבער פּרצן. נאָכן רעפעראַט רוקט זיך ארויס א נידעריקער, איינגעהויקערטער ייד, דער אייגנטימער פון אן אייזן־געשעפטל, און ער האָט פונאַנדערגעוויקלט גדאַנקען וועגן פּרצן, אז איך בין נשתומם גע־וואָרן. סטאַוויסק, אָט דאָס קליינטשיק שטעטל, האָט טאַקע געשמט מיט אירע גוטע קעפּ און שאַרפע מוחות ! . . .

טייערע אומפארגעסלעכע יידישע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן,

— ווי מוראדיק און אכזריותדיק איז, וואָס פון אַ גרויסער טייל פון אייך איז קיין זכר אפילו נישט פאַרבליבן !

16

דער אוהל־פּרץ

יצחק לייבוש פּרץ איז, ווי באַוווּסט, געשטאָרבן שבת דעם דריטן טאָג חול המועד פסח דעם 3־טן אַפּריל 1915. די מצבה אויף דעם קבר פון פּרץ און אויף די צוויי נאָענטע קברים פון יעקב דינעזאָן און ש. אנסקי, וואָס האָט דעם נאָמען „אוהל פּרץ", איז געשטעלט געוואָרן ערשט מיט איבער צען יאָר שפּעטער, דעם 20סטן מאַי 1925.

די געשיכטע מיט דער מצבה אויף פּרצעס קבר איז אַ באַזונדער בלאַט געשיכטע פון דעם יידישן פּוילן, אַ באַזונדער באַלערנדיק בלאַט געשיכטע, וואָס ווייזט וואָס פּרץ איז געווען פאַר דעם פּוילישן יידנטום, וואָס פאַר אַ טיפע פאַרערונג און פאַנאַטישע ליבשאַפט און איבערגע־געבנקייט די יידישע פאָלקס־מאַסן און אינטעליגענץ האָבן פאַרמאָגט בנוגע צו זייער רבין, פירער, וועג־ווייזער, יאָרנלאַנג האָבן זיי זיך געעקשנט און געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר די עטלעכע שורות, וואָס דאַרפן ארויפגעשריבן אָדער אויסגעקריצט ווערן אויף דער מצבה פון זייער לע־בעדיקסטן און באַליבסטן און פאַרהערלעכסטן שרייבער־דיכטער. אין לויף פון יאָרן זענען געפירט געוואָרן העפטיקע קאַמפן ארום דער פּרץ־מצבה און וועגן דער שפּראַך און נוסח וואָס עס זאָל געגעבן ווערן אויף איר. איצט, אַ 30־25 יאָר נאָך דעם ווי די אַלע שווערע געראַנגלעניש און הייסע וויכוחים זענען געפירט געוואָרן, קאָן עס אויסזען מאָדנע, איבערגעטריבן, ווילד אפילו, אָבער מען דאַרף זיך איבערטראָגן מיט אונדזער געדאַנק צו יענע צייטן, ווען עס איז געווען אין פּוילן אַ לע־בעדיק און קרעפטיק יידיש לעבן מיט אויסגעשפּראָכענע קעמפער, מיט אידעען און אידעאַלן און מיט שאַרפע און בולטע ריכטונגען, וועל־כע האָבן געקעמפט פאַר זייער העגעמאָניע אויף דער יידישער גאַס. אין

יענער צייט איז פּרץ געוועזן די פּאַן, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גע־קלאָמערט די סאָציאַליסטישע יידישע מאַסן, זיי האָבן באַין אופן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף פּרצן און נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו טיילן זיך מיט אַנדערע מיט אים, מיט זיין זכר, מיט זיין הייליקן קבר . . .

מיר איז אויך אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין לויף פון יאָרן אין די פאַרשידענע קאָמיסיעס און קאָמיטעטן, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט דעם געגנוג־פאַרפּלאָנטערטן ענין פון דער פּרץ־מצבה. איך האָב זיך באַטייליקט אַליין און אין שליחות פון אָרגאַניזאַציעס אין די אָמ־פּערנישן און דעבאַטן און אין די פּרוּוון איינער דעם אַנדערן איבער־צושטימען און איבערצייגן. די פאַרשידענע פּאַרטיי־פירער און פאַר־שטייער פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע כוחות האָבן דאָ אַרויסגעבראַכט פייער און ברען, עקשנות און פאַנאַטיזם אין דעם פּראָבלעם, וואָס איז אין משך פון דער צייט טאַקע אויסגעוואַקסן אין אַ שווער, שיער נישט אַלגעמיין יידישער פּראָבלעם. און דערווייל איז דער קבר פון פּרצן, און אַרום אים, — די קברים פון יעקב דינעזאָן און ש. אַנסקי, געשטאַנען אָן מצבות. די טייערע הייליקע קברים האָבן דערווייל צוגעצויגן צו זיך יידישע מאַסן און שול־קינדער ביי יעדער געלעגנהייט און בעיקר — בעת די יאָרצייטן פון די דריי גרויסע יידישע שרייבער.

עס איז פיל געשריבן אין דער יידישער פּרעסע וועגן דעם לאַנג־יאָריקן קאַמף אַרום דעם פּרץ־קבר, און יעדער צד, פאַרשטייט זיך, האָט זיך באַמיט אַרויפצוּוואַרפן די שולד אויפן צווייטן. אויך אין פאַר־שידענע ביכער, געווידמעט פּרצן, ווערט דער ענין פון פאַרשידענע שטאַנד־פּונקטן באַהאַנדלט און באַלויכטן. ד"ר גרשון לעווין אין זיין בוך „פּרץ" קאַרגט נישט קיין האַרבע ווערטער וועגן דעם אַלעמען, און ער איז דאָך געוועזן איינער פון די, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן דעם גאַנצן ענין.

וועלן מיר נישט אַריין אין ווייטע חקירות און וועלן זיך באַגנוגע־נען בלויז מיט אייניקע קלענערע אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס וועלן דאָך געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דער לאַנגער צען־יאָריקער מלחמה אַרום דער פּרץ־מצבה.

מיר וועלן זיך האַלטן אַרום דעם מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן אין די „ליט. בלעטער", — די טעגלעכע יידישע פּרעסע פון פּוילן האָבן מיר,

לײדער, נישט אונטער דער האַנט, און מיר גײען דאָך נישט שרײבן קײן פֿולע אויסשעפּנדיקע געשיכטע פֿון דעם ייִדישן קולטור־לעבן אין פּוילן.

נאָך אין מאַי 1924 האָט ב. קאַרלינסקי, אַ לענגערע צײַט איז ער געװען דער פֿאָרזיצער פֿון דעם ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פֿאַראײן, — אגב, אַ מענטש אַן אַ גאַל און געקאָנט אויסקומען מיט אַלעמען, אַן אמתער מעורב עם הבריות, — געשריבן אַן אַרטיקעלע אין די „ליט. בל.״ אונ־טערן נאָמען „ס׳איז אַ יושר״, װוּ ער זאָגט:

„בערך אין צװײ־דרײַ חדשים אַרום דאַרף פֿאַרענדיקט װערן די מצבה אויפֿן קבר פֿון י. ל. פּרץ. נײַן יאָר האָט מען אויף דער מצבה געװאַרט. געלט אויף דער מצבה האָבן געגעבן אַלע ייִדישע קיבוצים, באַזונדערס אַלע ייִדישע שריפֿטשטעלער־קאָלאָניעס אין דער גאַנצער װעלט. זאָגן מיר: ס׳װאָלט געװען אַ יושר, אַז די אויפֿ־דעקונג פֿון דער מצבה זאָל פֿאַרװאַנדלט װערן אין אַ ברייטערער פּרץ־פֿײַערונג, װאָס זאָל מאַניפֿעסטירן די אײניקײט פֿון דער ייִדי־שער שריפֿטשטעלערישער משפּחה און ממילא פֿון דעם אַלעמען, װאָס שאַפֿט און אַרבעט פֿאַרן ייִדישן קינסטלערישן װאָרט — פֿאַר דער ייִדישער קונסט און קולטור בכלל״. און ב. קאַרלינסקי לייגט פֿאָר: „זאָל יעדע קאָלאָניע פֿון ייִדישע שריפֿטשטעלער און קינסט־לער דעלעגירן אויף דער פֿײַערונג אירע פֿאָרשטײער; זאָלן זיך אַרום דעם „אוהל פּרץ״ פֿאַרזאַמלען די אַלע שאַפֿנדיקע כוחות פֿון אונ־דזער װאָרט און גײַסט, װעלכע זענען צעשפּרײט איבער אַמעריקע, אַרגענטינע, פּאַלעסטינע, דרום־אַפֿריקע, ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און אין די ייִדישע קיבוצים פֿון אײראָפּע. זאָלן די אַלע צעשפּליטערטע כוחות זיך צונויפֿזאַמלען אין דעם גרעסטן ייִדישן צענטער אין אײראָפּע, און זאָל עס זײַן מער װי אַ פּאַראַד און מער װי אַן אויס־שטעלונג פֿון פּאָפּולערע נעמען״.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אין נ׳ פֿון 21סטן סעפּטעמבער 1924 װערט געמאָלדן אויף מיטװאָך דעם 24סטן סעפּט׳ אין נאָמען פֿון דעם „פּרץ־מצבה־קאָמיטעט״ אַ גרויסער אָװנט אונטערן נאָמען „אַ דענקמאָל פּרצן״. ס׳נעמען אָנטײל: ד״ר חיים זשיטלאָװסקי, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג,

אין מוזיק־אפטייל זמרה זעליגפעלד און מ. קיפּנים. די גאנצע הכנסה — ווערט צוגעגעבן — איז באשטימט פאר פארענדיקן פּרצס דענקמאל".

אין א פּאר וואכן ארום, אינעם נומער „ליט. בלעטער" פון 31סטן אקטאבער 1924 (נ' 26־25), האבן מיר א לענגערן ארטיקל פון י. מ. ניימאן אונטערן נאמען „דער ערשטער יידישער מאנומענט אין פּוילן"; מיר ווילן ברענגען פון אים איינציקע שטעלן, ווייל ער כאראקטעריזירט די שטימונג און די אטמאספער ארום דעם פּרץ־דענקמאל.

„נאך איניקע טעג — שרייבט י. מ. ניימאן — און דער פּרץ־דענקמאל וועט זיין אויפגעהילט. איצט איז די שטילקייט פון דער פאראדנער אלייע פון ווארשעווער בית־עולם אויפגעדעקט. האמערס קלאפּן, א רישטאוואניע ווערט געבויט, הויב־מאשינעס באוועגן זיך — און א צענדליק ארבעטער הויבן אויף די וועלבונג, — ווי א קופּאל פון ר' יהודה החסידים חורבה אין ירושלים. און אין א ווינקל־גאס, טיף אין יידישן געמויזעכץ, שטייט דער קליי־ניטשקער אברהמל אסטשעגא, און ער האמערט אויס ריזן־לייבן, וואס שטייגן איבער דריי מאל זיין אייגענע גרייס.

— וואס העמערסטו, אברהם ?

— איך העמער אויס דעם ערשטן דענקמאל פון די יידן אין פּוילן. לייבן העמער איך — דעם גור אריה יהודה, דעם סימבאל פון א נישט־צעשמעטערטער גרייס . . . "

און ווייטער שרייבט י. מ. ניימאן, וואס האט אין זיין שרייבן פאר־אייניקט די שטילקייט און ראמאנטישקייט פון דעם פּוילישן יידנטום און די פארהערלעכונג פאר די גרויסע פּוילישע און יידיש־פּוילישע גייסטער (י. מ. ניימאן איז איצט אין ישראל).

„די ארבעט איז אין פולן גאנג, און טויזנטער קינדער, ארע־מע, אפּגעצערטע זענען געגאנגען מחנותווייז איבער די יידישע גאסן און אין זייערע הענטלעך אן אויפשריפט „יידישע פאלקס־שול" און אין א צווייטער האנט בלומען־קרענץ, פעלד־בלימעלעך. און די טויזנטער קינדערלעך זענען פארבייגעגאנגען (פּרצעס קבר) שטיל, מיט דרך־ארץ, און יעדע שול האט אוועקגעלייגט א באשיידענעם

קראַנץ. — קינדערלעך! עלנטע און אָנגעכמורעטע, ווי די האַרבסט־טיקע רעגן־טראָפּנס, וועט איר ווערן צו אַ קוואַל געלייטערט? און אין די קינדער פון די „פּרינצן פון קעלער" האָב איך אַרויסגע־לייענט: — מיר וועלן אַ קוואַל ווערן, מיר וועלן אַ גאָלדענע קייט ווערן". און גרובּקעסווייז זענען זיי אַהיימגעגאַנגען. און אין די יונגע הערצער טראָגן זיי איינגעקריצט דעם דענקמאָל, דעם ערשטן דענקמאָל אין פּוילן".

„און ווער האָט געבויט דעם דענקמאָל, דעם „אוהל פּרץ"?

— שרייבט ווייטער י. מ. ניימאַן — נישט קיין מעצענאַטן, נישט קיין גבירים, נישט קיין אַדעליגע לייט. אָרעם פּאָלק, מאַסע . . . גראָשן צו גראָשן איז געקליבן געוואָרן — פונעם גרויסן אַנאָנים — יידישע מאַסע... און דאָס ווערק חערט פולבראַכט. אַ יאָר צייט האָט דער יונגער סקולפּטאָר געאַרבעט דערביי, און מיט חסידישן ברען צוגעזונגען יידישע ניגונים און געדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר דער זכיה, וואָס נישט קיין פרעמדער מאַכט עס און נישט דווקא קיין ווילקענער, נאָר אַן אונדזעריקער, פון אונדז אַרויס־געוואַקסן, וואָס קומט נישט מיט גרויסער חכמה, נאָר מיט פּשוט־קייט — באַשיידן, ווי די קינדער־קרענץ, און צירלעך ווי די מזרחס אין אונדזערע שולן — אַ צייכן פון אמונה און ליבע".

„אין איניקע טעג אַרום ווערט דער דענקמאָל פאַרענדיקט. און עס רוט דאָרט: פּרץ — דער פלאַם, אַנסקי — דער שמיד, און דינעזאָן — די טרער. אַלע דריי, וואָס זענען אַזוי נאָענט געווען ביים לעבן, זענען צונויפגעבראַכט געוואָרן אונטער איין דאַך — „אוהל־פּרץ".

דער אינטערעסאַנטער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„עס איז דער ערשטער דענקמאָל — און זיין אויפבויאונג וועט מיט שטאָלץ דערפילן יעדן ייד, ווו ער געפינט זיך. אין מאָזעס־וויל, אין אַרגענטינע, ביז אין יאָהאַנעסבורג און פּרעטאָריע אין דרום־אַפריקע, אין דעטראָיט, אין קאַנאַדע ביז צו די יידישע אַרבע־טער אין די קוילן־גרובן אין דייטשלאַנד, אויף אַן אינדזל אַ פאַר־וואָרפענעם ביז צו ניו־יאָרק. אין מאָסקווע ביז צו עין חרוד און ירושלים... וואָרום דער פּרץ־דענקמאָל איז פאַר אונדז אַ גרענעץ־

שטיין. אַ ווינקל־שטיין. מיט אים הויבט זיך אָן אונדזער נייע קול־טור. עס איז אונדזער שבועה. מיר שפּינען ווייטער דאָס שבתדיקע. מיר האַלטן ווייטער די אייביקע אומצעשטערבאַרע גאָלדענע קייט".

איז דאַכט זיך גוט — אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, מען איז שוין איינגעגאַנגען אויף אַ פּאַסיקער אויפשריפט און מען האָט שוין געשריבן אַזעלכע טייערע אַרטיקלען.

אָבער דער ביטערער גורל פון אַ יידישן שרייבער און פון דעם דענק־מאָל איבער זיין קבר! אָט לייענען מיר אַ נאָטיץ מיט אַ האַלב יאָר שפּע־טער (אין דעם נ' „ליט. בלעטער" פון דעם 27סטן מערץ 1925 — נ' 47) אונטערן נאָמען „צוגרייטונגען צום צענטן פּרץ־יאָרצייט":

„היי־יאָר פּסח ווערט 10 יאָר זינט עס איז געשטאָרבן דער שעפער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, אונדזער גרעסטער שרייבער י. ל. פּרץ. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וועט מאָרגן פּאָרקור־מען אַ גראַנדיעזע פּרץ־פייערונג, וועלכע וועט זיין פאַרבונדן מיט דער אַנטהילונג פון דער פּראַכטיקער פּרץ־מצבה, וואָס איז געבויט געוואָרן דורכן קינסטלער אַסטשעגאַ".

אָבער דאָ דערוויסן מיר זיך, אַז

„די מצבה, וועלכע איז אגב דאָס שענסטע קונסט־ווערק אויפן וואַרשעווער בית־עולם, איז, ליידער, ביז איצט נישט פאַרענדיקט גע־וואָרן צוליב מאַנגל אין געלט־מיטלען."

עס ווערט ווייטער דערציילט, אַז

„פּרייטיק איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע אַ ספּעציעלע באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַ־טייליקט די פאַרוואַלטונג פון ליטעראַטן־פאַראיין, מיטגלידער פון פּרץ־קאָמיטעט און פאָרשטייער פון דער גאַנצער וואַרשעווער יידי־שער פּרעסע. די פאָרשטייער פון ליטעראַטן־פאַראיין מעלדן, אַז דער ליטעראַטן־פאַראיין וועט באַשטייערן אַלע זיינע מיטגלידער לטובת דער מצבה... ס'ווערט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער וואַרשעווער גמינע, זי זאָל אויף זיך נעמען צו דעקן די פעלנדיקע סומע. ווייַ־טער איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף צו דער גאַנ־צער פּראָווינץ, אַז אין טאָג פונעם פּרץ־יאָרצייט זאָלן אומעטום

איינגעאָרדנט ווערן פּרץ־אַקאַדעמיעס. אין וואַרשע זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַ גרויסע פּרץ־דעמאָנסטראַציע מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן פון פּוילן און אויסלאַנד.״

צום צענטן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ האָט די יידישע פּרעסע און די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אָנגענומען מיטלען, אַז די יאָרצייט־טעג זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע פאַר י. ל. פּרץ און פאַר דעם יידישן וואָרט און שאַפן. באַזונדערס האָט דער יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַראיין אָנגענומען מיטלען, אַז דער טאָג זאָל אויספאַלן וואָס־אימפּאָזאַנטער. אויך די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ) האָט אויך געטון אַלץ וואָס אין איר רשות אַריינצוציען אין די פּרץ־פייערונגען וואָס־גרעסערע און ברייטערע קרייזן פון דער געזעלשאַפט. די „ליטעראַרישע בלעטער״, — מלך ראַוויטש און איך (מיר ביידע זענען פאַרבליבן די רעדאַקטאָרן פון דער צייטשריפט זינט דעם נומער 44 — ווען אַנשטאַט די פריערדיקע 5 רעדאַקטאָרן זענען מיר געבליבן צוויי), האָבן צוגעגרייט אַן אינטערעסאַנטן, פאַר יענער צייט, אויסערגעוויינלעכן פּרץ־נומער מיט דער באַטייליקונג פון פיל שרייבער, קינסטלער און מיט פיל פּאָרש־מאַטעריאַל און בילדער און צייכענונגען פון גרויסן באַטייט.

אין דעם פּרץ־נומער האָבן מיר איינִיקע אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן די גרויסע פאָרבאַרייטונגען, וואָס האָבן אָנגענומען אַן אמתן פאָלקס־כאַראַקטער. אין דער אָפּטיילונג „כראָניק״ ווערט צווישן אַנדערן דערציילט, אַז עס איז אין נאָמען פון דער בונדישער פראַקציע אַריינגעטראָגן געוואָרן אין פּרעזידיום פון דעם וואַרשעווער שטאָט־ראַט פאָלגנדיקער פאָרשלאַג :

„דעם 13־טן אַפּריל וועט די יידישע באַפעלקערונג פון גאַנצן לאַנד אין טרויער פייערן דעם 10־טן יאָרצייט פון דעם גרעסטן פאָלקס־שרייבער — י. ל. פּרץ. געבוירן אין זאַמאָשץ, האָט י. ל. פּרץ פון 1890 ביז זיין טויט אָן איבעררייס געוווינט אין וואַרשע אַן ערך 25 יאָר, דערין גאַנצע 18 יאָר אין הויז נומער 1 אויף צעגליאַנע גאַס. פּרצעס אָנדענק ווערט געאַכפּערט דורך דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט אָן אויסנאַם. מיט באַזונדערער ליבשאַפט

ווערט זיין נאָמען ארומגערינגלט דורך די יידישע ארבעטנדיקע מאסן, וועמעס לייד און פרייד ער האָט באזונגען. צוליב דעם אויבנ־דערמאנטן ליגן פאַר די אונטערגעשריבענע, דער שטאָטראט זאָל באשליסן: „דער שטאָטראט באשליסט איבערצוענדערן די צעגלאַנע גאס אויף י. ל. פרץ־גאַס"...

פארשטייט זיך, אז דער דעמאָלטיקער ווארשעווער שטאָטראט האָט נישט געגעבן זיין גוטהייסן אויף אזא מין „אומדערהערטן" פאָרשלאַג, און די גאס — ריכטיקער דאָס געסל „צעגלאַנע" איז זיך געבליבן ביי איר אלטן נאָמען. אזא מין „שינוי השם" האָבן די „טאַטעס" פון יענעם שטאָט־ראט נישט געקאָנט געבן . . .

אָבער אויב די דעמאָלסדיקע פוילישע „פאָטערס" פון דער שטאָט ווארשע האָבן נישט געהאט קיין פארשטענדיקונג און פארערונג פאַר פרצן, האָבן די יידישע פאָלקס־מאסן געוווּסט ווי צו שאצן און אָפּצושאצן דעם פאָטער פון דער יידישער ליטעראטור און זיי האָבן יענע טעג פון פרצעס צענטן יאָרצייט און אויפדעקונג פון דער מצבה אָדער פונעם „אוהל פרץ" פארוואנדלט אין גרויסע דערהויבענע יום־טוב־טעג פון דער יידישער ליטעראטור.

אַט לייענען מיר וועגן א גרויסער פרץ־אקאדעמיע אינעם קאמינסקי־טעאטער, וואָס דער ווארשעווער ליטעראטן־פאראיין האָט אָרגאניזירט שבת דעם 11טן אפּריל מיט דער באטייליקונג פון שלום אש און ה. ד. נאָמבערג, — די צוויי תלמידים, וואָס זענען אויסגעוואקסן און זיך אויס־געהאָדעוועט ארום פרצן און זיין רבישן טיש. אינעם פּראָגראַם פונעם אָוונט זענען אויך אריין רעציטאציעס פון פראגמענטן פון פרצעס „ביי־נאכט אויפן אלטן מארק", אויסגעפירט דורך די שילער פון דער דראמא־טישער סטודיע אונטער דער פירונג פון דוד הערמאן, — אויך א באַ־גייסטערטער פרץ־חסיד פון לאנגע צייטן.

עס איז אָנגעזאָגט די אויפדעקונג פונעם פרץ־אוהל אויף מאָנטיק דעם 31סטן אפּריל, אָבער די אויפדעקונג איז פאָרגעקומען מיט א וואָך שפּעטער — מאָנטיק דעם 20סטן אפּריל 1925. עס איז געווען „א גע־וואלדיקער עולם. העכער 130 דעלעגאציעס — שרייבן די „ליט. בלעטער" פונעם 24סטן אפּריל נ' 51. — די אָפיציעלע רעדע אינעם נאָמען פון אָר־

גאַניזיר־קאָמיטעט פון די פּרץ־פּייערונגען האָט געהאַלטן ה. ד. נאָמבערג. אין נאָמען פון אַרבעטער־רינג, וואָס רעפּרעזענטירט די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע, האָט גערעדט שלום אַש. ביידע רעדעס זענען פון ריזיקן עולם אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויסער פייערלעכקייט".

איך געדענק יענעם אויסטערלישן פייערלעכן טאָג, ווען די יידישע מאַסן, אַלט און יונג, פרום און וועלטלעך, האָבן זיך געצויגן איבער די װאַרשעווער גאַסן צום גענשער יידישן בית־עולם, צענער טויזנטער האָבן אָנגעפּילט אַלע וועגן און ווענעלעך, סטעזשקעס און אַלייען פון דעם יידישן הייליקן אָרט אין דער אַלטער יידישער וואַרשע. מען איז געהאַנגען אויף די ביימער, מען איז געשטאַנען אויף די אַלטע מצבות און אַלע האָבן פייערלעך געפילט דעם גרויסן מאָמענט פון אויפדעקן די מצבה אויף איינעם פון די שענסטע און טייערסטע זין פונעם יידישן פאָלק, וועלכער האָט אַרויסגעפילט די גרויסקייט פון דעם יידישן פאָלק, אַרויסגעשפּירט זיין גרויסע נשמה און אַנטפּלעקט זיינע טיפע פאַרבאָרגענע אוצרות אין זיינע הערלעכע ווערק.

דער „אוהל פּרץ" איז געוואָרן וואָס־ווייטער אַלצמער א וויכטיקער פּונקט אין דעם יידישן פּוילן און אין וואַרשע. אין טאָג פון דעם פּרץ־יאָרצייט פלעגן יידישע מאַסן, די באַגייסטערטער און פאַרערער פון פּרצן, קומען צום אוהל, די יידיש־וועלטלעכע שולן פלעגן אָפט אָרגאַניזירן אַהין פייערלעכע צוגן, און יעדער יידישער גאַסט, וואָס איז געקומען פון די עקן וועלט קיין פּוילן, האָט געמאַכט א באַזוך אויפן יידישן גענשער בית־עולם, צוגעקומען צום הערלעכן אוהל־פּרץ, און געבראַכט צום אויסדרוק די געפילן און פּיעטעט פאַר דעם גרויסן דיכטער און וועגווייזער פונעם יידישן שאַפן. אויך ביי יעדער לוויה, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן בית־עולם, האָבן די יידישע באַגלייטער שטענדיק אָפּגעשטאַט „א וויזיט" פּרצן, דינעזאָנען און אַנסקין. — — — —

און ווען עס זענען דערגאַנגען אין די גרויליקע יאָרן די מוראדיקע ידיעות וועגן די גרויזאַמע שחיטות, אויסראָטונגען און פאַרוויסטונגען, וואָס די בעסטיעס־דייטשן האָבן דורכגעפירט אין יידישן פּוילן און אין וואַרשע, האָט דאָס האַרץ געציטערט אויך פאַר דעם פּרץ־אוהל. מען האָט זיך נעשראָקן, צי האָט ער נישט געטיילט דעם גורל פון גאָר דעם יידישן לעבן און וועזן פון פּוילן. און ווי איבערראַשט איז מען געווען, ווע: עס

איז אָנגעקומען די פריער־אומגלויבלעכע ידיעה, אַז דער פּרץ־אוהל איז על פּי נס געראַטעוועט געוואָרן. מערקווירדיק, ווי דער יידישער גורל שפּילט זיך אָפּט מיטן יידישן פאָלק און מיט זיין גייסט !

וועגן דעם איז אין לויף פון די לעצטע עטלעכע יאָר פיל געשריבן געוואָרן. די באַזוכער פון דער איצטיקער ווארשע, וואָס ווערן אויפגע־טרייסלט און אויפגעשווידערט פון דעם גרויסן חורבן און אומקום און אויסראָט פון דער אמאָל־לעבעדיקער און פּאַטעטישער און דערהויבענער יידישער שטאָט, גיבן איבער מיט ציטערדיקער פרייד און שטוינונג וועגן דעם, אַז דער אוהל פּרץ איז פארבליבן לעבן, — א סימבאָל, אַז „נצח ישראל לא ישקר".

17

ווער איינגנטלעך איז געוועזן אונדזער לייענער ?

די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן געהאַט קאָנטאַקט מיט אונדזערע לייענער, סיי אויף אונדזערע באַזוכן אין די פּראָווינץ־שטעט, סיי דורך אונדזער בריוו־אויסטויש, האָבן מיר דאָך נישט געקאָנט קריגן קיין גענוי בילד און באַגריף וועגן אונדזערע לייענער. מיר האָבן געהאַט פארשידענע סוביעקטיווע מיינונגען וועגן אים ביים באַהאַנדלען, צווישן אונדז, דעם כאַראַקטער פון אונדזער צייטשריפט „ליט. בלעטער", וואָס באמת זיך דורכצושלאָגן פאַר זיך אייגענע וועגן. מיר זענען אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע געווען דאָך מענטשן פון פארשידענעם כאַראַקטער, און אָפט האָבן מיר גאַנץ־אנדערש אויפגעפאַסט אונדזערע אויפגאַבן און צילן.

האָבן מיר איין מאָל אין א זומער־טאָג, יוני 1925, באַשלאָסן צו באַשטימען און פאַרעפנטלעכן אַן אַנקעטע צווישן די לעזער פון די „ליט־טעראַרישע בלעטער". מיר האָבן אָפּגעדרוקט אויף ברייטע פּאַפּיר־בויגנס אויף איין זייט — 15 פראַגן און אויף דער צווייטער זייט — אָנטקעגן יעדער פראַגע געלאָזט גענוג אָרט אויף תשובות. מיר האָבן די אַנקעטע־בויגנס צוגעלייגט צו יעדן נומער פון די „ליט. בלעטער" און געבעטן ביי די אַבאָנענטן ענטפערס.

מיר האָבן אין אונדזער ווענדונג צו די לייענער געזאָגט אָט וואָס :

„זינט ס׳זענען געגרינדעט געוואָרן די „ליט. בלעטער", באַ־מיען מיר זיך כסדר, זיי זאָלן שטיין אויף דער הויך פון זייער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע: צו פאַרבינדן דעם לעזער מיט דער יידישער ליטעראַטור און קונסט. דורך די „בלעטער" דאַרף רעדן דער יידישער דיכטער צו זיין לעזער, און דער לעזער צו זיין דיכטער; אַנטפּלעקן אים דעם וועג צו זיין נשמה, צו זיין וועלט. מיר לייגן דעריבער אַ גרויסן געוויכט אויף דער וואַרעמער נאָענטקייט, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן צווישן אונדזערע וואָרט־פירער און זייער אוידיטאָריע... אין די 60 שווערע און שווערסטע וואָכן פון אונדזער עקזיסטענץ האָבן מיר געפירט אויך אַ פּערזענ־לעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ היפּשער צאָל פון אונדזערע לעזער. קיין איינציקע ווענדונג צו אונדז איז נישט געבליבן אָן אַן ענט־פער. אַ גרויסער טייל פון אונדזערע לעזער האָט אין די בריוו אויך שטענדיק אויסגעדריקט צופרידנקייט אָדער אומצופרידנקייט מיט די „בלעטער"... פאַר איינעם זענען זיי „שווער", פאַרן אַנדערן ווי־דער „צו־לייכט". איינער געפינט זיי „לאַנגווייליק", דער צווייטער — „זייער און אפשר צו־אינטערעסאַנט". דער וויל מער בעלעטריס־טיק, יענער זאָגט, אַז פאַר בעלעטריסטיק איז קיין פּלאַץ אין די „ליט. בלעטער" נישטאָ א. אַ. וו. אונדזער לעזער און קויפער־קרייז האָט זיך שטאַרק געביטן אין צאָל. אָנגעהויבן האָבן מיר ביי אַ טיראַזש פון 2.000 און דערגרייכט 7־8 און אפילו 9.000. דרייסט קאָנען מיר זאָגן, אַז אונדזער לעזער־קרייז דערגרייכט ביז 25 טויזנט."

„מיר מוזן זיך ענדלעך דורכרעדן מיט אַלע אונדזערע לעזער. מיר ווענדן זיך צו אייך, אונדזערע לעזער, מיט אָט דער אַנקעטע".

און אָט זענען די 15 פראַגן:

1. צי זענט איר אַ שטענדיקער אָדער צופעליקער לעזער פון די „ליטעראַרישע בלעטער"?
2. זענט איר אין אַלגעמיין צופרידן מיט דער צייטשריפט?
3. וועלכע פראַגן, פּראָבלעמען אינטערעסירן אייך צום מיינסטן אין די „ליט. בל"?
4. וועלכע מיטאַרבעטער פון די „ל. ב." זענען אייך צום האַרצן? (רופט אָן נישט מער ווי 10 נעמען).
5. וועלכע יידישע שריפטשטעלער פעלן אייך אין די „ל. בל."?

6. זענט איר צופרידן מיט דער איבערפּאַרטייאישער טענדענץ פון די „ליט. בל." ?
7. זענט איר צופרידן מיט אונדזער שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע ?
8. דאַרפן מיר פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלענערן אונדזער בעלעטריסטישע אָפּטיילונג? איז געווּנטשן מ׳זאָל דרוקן א ראָמאַן אין פאָרזעצונגען ?
9. דאַרפן מיר געבן מער אַרטיקלען איבער דער וועלט־ליטעראַטור, אָדער זיך אָפּשטעלן מער אויף דער יידישער ליטעראַטור ?
10. זענען מער געווּנטשן: ערנסטע, וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, אָדער קורצע אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען ?
11. זענט איר צופרידן מיט דעם צייטונגס־פאָרמאַט פון די „ל. ב.", אָדער דאַרפן מיר אים ענדערן אויף א זשורנאַל־פאָרמאַט ?
12. האַלט איר, אַז מיר דאַרפן פאַרגרעסערן אונדזער אילוסטראַציע־טייל ?
13. ווי געפעלט אייך די אויסערע אויסשטאַטונג פון די „ל. ב." ?
14. מיט וועלכע מיטלען קאָן מען פאַרגרעסערן די צאָל פון אונדזערע אַבאָנענטן, קויפער, לעזער און פריינט ?

מיר האָבן אין דעם אַנקעטע־בויגן געבעטן: „ענטפערט געוויסנהאַפט און קלאָר! בעסער מאָרגן און דורכגעטראַכט, איידער היינט אויף איין פוס". די אַנקעטע איז אָפּגעדרוקט אין „ליט. בל." נ׳ 59.

אונדזער אַנקעטע האָט אַרויסגערופן גרויס פאַראינטערעסירונג. מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער, אין נומער 65, האָבן מיר אויף דער לעצטער זייט אונטערן קאָפּ „אַנקעטע־סך־הכלען" א לאַנגע רשימה מיט די נעמען פון די שטעט און צאָל ענטפערס, וואָס זענען אָנגעקומען.

ביי דער ערשטער ציילונג איז געווען די צאָל ענטפערס (באַאַרבעטע) 560, — וואָס זענען אָנגעקומען פון 200 ערטער — 184 פון פּוילן און 16 פון אויסלאַנד. אויסלאַנד — דערווייל די נענטערע לענדער, די ווייטערע (פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע א. א.) האָבן נאָך נישט באַוויזן צו ענטפערן. לאָמיר דאָ באַטאָנען די גרויסע צאָל פּונקטן אין פּוילן — 184 שטעט און שטעטלעך. לאָמיר זיי אויסרעכענען די נעמען; ווער ווייסט וויפל פון זיי האָבן איצט א יידישן מענטש און א יידישן לייענער :

אוהנאָוו, אוניענאַוו, אָזשאַראָוו, אָטוואָצק, אַלעקסאַנדראָוו, אָלקוש, אַנטאָפּאָל, אָסטראָה, אָסטראָווע, אָסטראָוו מאַז., אַפּאַטאָוו, אָקונעוו, אָשמיאַנע.

באַראַנאָוו, באַראַנאָוויטש, באָריסלאַוו, בוסק, בזשעזשאַני, ביאַלאַ

פּאָדל., ביאַלאַ ראַווסקאַ, ביאַליסטאָק, ביאָזערקאַ, בעלז, בענדין, בערעסטעטשקאָ, בריסק.

גאָסטינין, גאָרשקאָוויץ, גלובאָקע, גראָדנע, גראַיעוואָ.

דאָבזשין, דאָמבראָווע גורנ., דאָמבראָוויצע, דאָקשיץ, דראָהוסק, דיסנע, דעווענישעק, דראָהאָביטש, דרזשעוויעץ.

האָדושיצקי, האָנצעוויטשע, האָראָדאָק, האָראָדזיע, הרובעשאָוו.

וואַידיסלאַוו, וואָלבראָם, וואַרשע, וואַרשע־פּראַגע, ווידז, וויזשאַן, ווילנע, וויעזבניק, ווישקאָוו, וולאָדאַווע, וולאָצלאַוועק.

זאַוויכאָסט, זאַוויערצע, זאַמאָשץ, זוואָלין, זעלווע, זשאָלקאָוו, זשוראַווגע, זשידאַטשאָוו, זשיכלין, זשיראַרדאָוו, זשעלודאָק, זשעליכאָוו.

טאָמאַשאָוו לוב., טאָמאַשאָוו מאַז., טאָרטשין, טאַרנאָבזשעג, טאָרנע, טלומאַטש, טלוסטע, טעלאַסי, טריסק, טשאָרטקאָוו, טשעכאַנאָוו, טשענסטאָכאָוו.

יאַבלאָנע, יאַנאָוו ביאַל., יאַנאָוו, יעדוואַבנע, יעזיאָר, יענדזשעיעוו.

כמעלניק, כעלם, כזשאַנאָוו.

לאַנאָוו, לאָדזש, לאָוויטש, לאָכאָוו, לאָמזשע, לאַנצוט, לאָשיץ; לובאָמל, לובלין, לודמיר, לוקאָוו, ליבאַווע, לעמבערג, לענטשיץ; לעשנאָ.

מאַלטשאַץ, מאָשציסקי, מיקולטשין, מיר, מלאַווע, מעזריטש.

נאַדוואָרנע, נאָווידוואָר, ניזשאָנקאָוויצע, ניי־ווילייקי, ניי־זאַמאָשץ, ניי־סאָנץ, ניי־סווענציאַני, נעסוויזש.

סאָבאָלעוו, סאָכאַטשאָוו, סאַנאָק, סאָסנאָוויץ, סאַקאַלאַוו, סאָמפּאָלנע, סארני, סוואַלק, סווינסלאָטש, סוויענציאַן, סטאָלצפּי, סטאַשעוו; סטריקאָוו, סטשעגאַווע, סיני, סלאָנים, סעמיאַטיטש, סקידל, סאָקאָל.

פּאַביאַניץ, פּאַרטשעוו, פּויזן, פּולטוסק, פּינסק, פּיעטריקאָוו, פּלאָצק, פּערהינסקאַ, פּרוזשאַני, פּשיסכאָ, פּשעדבאָזש, פּשעמישל.

קאָוועל, קאָזעניץ, קאַטאָוויץ, קאָלאָמיי, קאַלושין, קאַליש; קאָלנע, קאָנין, קאָנסק, קאָסאָוו, קאָראַזשוועצקי, קוטי, קוטנע; קאָסטאָפּאָל. קעלץ, קראַסנאָבראַד, קראָקע, קרינקי, קרעמענעץ, קשעפּיץ.

ראַדאָם, ראַדאָמסקע, ראַדזימין ראָוונע, ראָזוואַדאָוו, ראָזשינאָי, ראַטנאָ, ראַטשיק, ראַציאָנזש, ריפּין, רזשעשאָוו.

אינטערעסאַנט אַזאַ פּרט: צווישן די 560 ענטפערס זענען דאָ בלויז 24 פון לעזערינס. אמת, אין פיל קאָלעקטיווע אָדער משפחה־אַנקעטע־

ענטפערס זענען אויך אָנגעגעבן פרויען. אָבער זעלבסטשטענדיקע לייע־נערינס זענען געווען צווישן די 560 — נאָר 4%. װאַרשע אַליין האָט געגעבן 104 תשובות, אַ קנאַפּע 20% פון דער אַלגעמיינער צאָל ענטפערס. אָבער, ווי געזאָגט, איז עס נאָך נישט געווען די ענדגילטיקע צאָל תשובות. אין די ווייטערדיקע וואָכן זענען אָנגעקומען נאָך און נאָך ענטפערס פון פאַרשידענע עקן וועלט.

ווען מיר האָבן גענומען פאַרעפנטלעכן די ענטפערס איז שוין די צאָל געווען 602.

אינטערעסאַנט אייניקע באַמערקונגען צו די „תשובות": „צוליב אָר־בעטסלאָזיקייט בין איך אַ צופעליקער קויפער, אָבער אַ שטענדיקער לע־זער". „נישט נאָר אַ שטענדיקער, נאָר אַ זייער נאָענטער לעזער"; „איך האָב אַוועקגעוואָרפן די „וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע" און איך בין גע־וואָרן אייער שטענדיקער לעזער". „נישט נאָר איך, נאָר אויך די גאַנצע פאַמיליע לייענט אייער צייטונג". „איך בין אַ שטענדיקער לעזער. אָפּט ווען איך הונגער אפילו, קויף איך אויך די „ליט. בלעטער".

מיר וועלן נישט קאָנען, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, געבן אַ מער־באַריכותדיקן באַריכט פון די אַלע ענטפערס אויף דער אַנקעטע. מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט די וויכטיקסטע ענטפערן און כאַראַקטעריסטיקעס פון די לעזער און איבערגעבן בקיצור די אויספירן.

אויף דער צווייטער פראַגע, צי איז מען צופרידן אין אַלגעמיין מיט דער צייטשריפט, האָבן געענטפערט פון די 602 לעזער: 93, אַז זיי זענען זייער צופרידן, 322 צופרידן; 30 — נישט־צופרידן, 34 — אין אַלגע־מיין צופרידן, 105 טיילווייז צופרידן א. א. וו. 14 האָבן נישט געענטפערט. און אָט — בלויז אַ פּאָר ענטפערס: „ווי קאָן מען רעדן וועגן צופרידן אָדער נישט, אַז עס בענקט זיך אַ גאַנצע וואָך נאָך דער וואַרעמקייט פון אַ פרישן נומער"; „ביי מיר איז דאָס די איינציקע צייטונג, וואָס איך לייען. ווי קאָנט איר דאָ רעדן וועגן צופרידן אָדער נישט. „כ'וואָלט גע־ווען צופרידן, ווען איר וואָלט נישט פאַרנאַכלעסיקט די פּראָווינץ"; „איך בין נישט צופרידן, ווייל אייער צייטונג איז אַן איינזייטיקע".

די רעדאַקציע גיט צו: „צווישן די טיילווייז צופרידענע זענען דאָס רוב נישט צופרידן מיט אונדזער שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע. פון

עקסטרעם־העברעאיסטישע קרייזן איז מען נישט צופרידן, אָבער אויך פון לינקס ווערן מיר אָפט פאַלש אויפגעפאַסט און מען איז נישט צופרידן..."

אויף דער פראַגע אין דער אַנקעטע (נ' 3): „וועלכע פראַגן, פּראָבלע־מען אינטערעסירן אייך צום מייסטן אין די „ליט. בלעטער"? אויף אָט דער פראַגע האָבן פון די 610 — 240 געענטפערט, אַז זיי אינטערעסירן זיך דערהויפּט מיט פּראָבלעמען פון ליטעראַטור, 79 האָבן באַטאָנט, אַז זיי אינטערעסירט בעיקר יידישע ליטעראַטור. מיט פראַגן פון טעאַטער און יידישן טעאַטער אינטערעסירן זיך 161, מיט קונסט־פראַגן — 128, מיט קריטיק און רעצענזיעס — 134, ספּעציעל מיט מאָדערנע יידישע ליטעראַ־טור און דיכטונג — 39, מיט וויסנשאַפטלעכע פראַגן — 68. דערנאָך קומען אַזעלכע, וואָס ווייזן אַרויס אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר פּראָבלע־מען פון יידישער קולטור — 40, פאַר יידישע שפּראַך־פּראָבלעמען — 27, פילאָזאָפיע 23, מוזיק — 18, שול־ און דערציאונג־פראַגן — 9, ביבליאָטעק־וועזן — 8, פילם — 7, ריין־געזעלשאַפטלעכע — 3. בעיקר, ווי מיר זעען, האָבן דעם לייענער אינטערעסירט ליטעראַטור־פּראָבלעמען.

מיר האָבן אויך געהאַט אַ פראַגע, וואָס איז ביי אונדז, אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, אָפט ערנסט דעבאַטירט געוואָרן. זענען געווונטשן ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, אָדער קורצע אינפאָרמאַטיווע אַר־טיקלען. פון די 610 האָבן געענטפערט 403, אַז זיי פאַרלאַנגען ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, 81 — זענען פאַר קורצע אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען און 63 פאַר ביידע מינים אַרטיקלען. הייסט עס, אַז די „ליט. בלעטער" דאַרפן נישט נאָר וועקן דעם אינטערעס צום וויסן, נאָר דאַרפן אויך באַפרידיקן דעם דאָזיקן אינטערעס. דערפון האָבן מיר געצויגן דעם אויספיר, אַז מען דאַרף האָבן אַ ספּעציעלן ערנסטן חודש־זשורנאַל...

און איצט קומען מיר צו זייער אַ האַרבער פראַגע, און מיר וועלן דאָ געבן די „ליט. בלעטער" גופא זיי זאָלן באַריכטן וועגן דעם. אינעם נ' 68 אינעם 4־טן אַרטיקל וועגן דער אַנקעטע סך־הכלען שרייבן מיר:

„פון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט מיר זענען צוגעטראָטן אַרויס־צוגעבן דעם זשורנאַל, האָבן מיר געשטרעבט, אַז אונדזער וואָכנ־שריפט זאָל נישט זיין ענג פאַרבונדן מיט קיין פּאַרטיי אָדער פּאַר־טייען, און ווי־ווייט־מעגלעך זיך באַמיט צו פאַרבלייבן איבער־

פּאַרטייאיש. מיר האָבן איינגעלאַדן מיטאַרבעטער פון רעכטס און פון לינקס, וויבאַלד זיי האָבן אַ שייכות צו יידישע ליטעראַריש־קינסטלערישע פּראָבלעמען און האָבן עפּעס צו זאָגן אין אָט־די פראַגן. מיר האָבן געוואָלט בילדן דעם איין גרויסן קולטור־פראָנט, וואָס איז אַזוי שווער צו שאַפן אין יידישן קולטור־לעבן. אויף ווי ווייט דאָס האָט זיך אונדז איינגעגעבן, — זאָגן עדות אונדזערע עטלעכע און זעכציק נומערן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט העכער 150 שרייבער, דיכטער, אַרטיסטן, טעאַטער־און קולטור־טוער, מוזיקער, מאַלער פון דער גאַרער יידישער וועלט".

אין אונדזער אַנקעטע־בויגן האָבן מיר געפרעגט אונדזערע לעזער (פראַגע 6): „זייט איר צופרידן מיט דער איבערפּאַרטייאישער טענדענץ פון די ליט. בל."? פון די 617 באַאַרבעטע בויגנס האָבן 486 (ביי 79%) געענטפערט יאָ, מיר זענען צופרידן פון דער איבערפּאַרטייאישקייט, — 48 זענען נישט אינגאַנצן צופרידן, און 48 נישט־צופרידן.

און אויף דער פראַגע (7), צי מען איז צופרידן מיט דער שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע, — האָבן 330 געענטפערט, אַז זיי זענען צופרידן, נישט־אינגאַנצן צופרידן — 69, נישט־צופרידן — 94, פאַר 61 איז נישט געווען קלאָר אונדזער פראַגע.

מיר האָבן ביז נ' 40 נישט געגעבן קיין בעלעטריסטיק אין די „ליט. בלעטער", ווייל מיר האָבן לכתחילה געהאַלטן, אַז די „בלעטער" דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט פראַגן איבער ליטעראַטור, קונסט און טעאַטער. מיט דער צייט אָבער האָבן מיר איינגעזען, אַז מען מוז אויך אויסטיילן אַ ביסל פּלאַץ פאַר ליטעראַטור. און בפרט „אַז קיין וואָכן־און חודש־זשורנאַלן פאַר ליטעראַטור זענען ביי אונדז כמעט ווי נישטאָ".

פון די ענטפערס האָבן מיר געזען, אַז אַ גרויסע צאָל לעזער איז יאָ צופרידן פון בעלעטריסטיק. אויף דער פראַגע 8: „דאַרפן מיר פאַרגרעסערן אונדזער בעלעטריסטישע אָפּטיילונג?" האָבן 213 פאַרלאַנגט צו פאַרגרעסערן, 157 האַלטן, אַז עס איז גענוגנד, 158 אדרבא בעטן צו פאַרקלענערן, און אַ טייל האַלט, אַז מען דאַרף אינגאַנצן נישט קיין בעלעטריסטיק אין די „ליט. בלעטער".

און אויף דער פראַגע, צי זאָלן מיר דרוקן אַ ראָמאַן אין פאָרזע־

צונגען, — זענען 420 געווען דורכאויס קעגן א ראָמאַן אין די „בלעטער" און נאָר 91 האָבן געפונען, אַז עס וואָלט גוט געווען צו דרוקן א ראָמאַן אין דער צייטשריפט.

אין אונדזער אַנקעטע־בויגן איז געווען א פראַגע (9), צי מען דאַרף געבן מער אַרטיקלען וועגן דער וועלט־ליטעראַטור, אָדער מער וועגן דער יידישער. האָבן 151 פאַרלאַנגט מער אַרטיקלען איבער דער וועלט־ליטעראַטור, 222 האָבן איינגעפונען, אַז מען דאַרף זיך קאָנצענטרירן מער אויף דער יידישער ליטעראַטור, און 218 האָבן געבעטן צו שענקען אויפמערקזאַמקייט פאַר ביידע.

מיר וועלן איבערהיפּערן די פאַרשידענע אַנדערע ענטפערס אויף די אַנקעטע־פראַגן און וועלן קומען צו די תשובות אויף איין פראַגע, וואָס כאַראַקטעריזירט אויף א געוויסן אופן די פּאָפּולערקייט פון די שרייבער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די „ליט. בלעטער".

מיר האָבן אין דער פראַגע 4 געפרעגט: „וועלכע מיטאַרבעטער פון די „ליט. בלעטער" זענען אייך צום האַרצן? רופט־אָן נישט מער ווי צען נעמען". און ווידעראַמאָל וועלן מיר דאָ געבן א וואָרט דער רעדאַקציע „ליט. בלעטער", פון איר אַרטיקל 6 „אַנקעטע־סך־הכלען".

„מיר האָבן נישט געהאַט בדעה צו מאַכן אַן אַלגעמיינעם ליטעראַרישן פּלעביסציט. אונדזער אויפגאַבע איז געווען א פּיל־באַשיידענערע. אין פאַרלויף פון 70 וואָכן רעדן מיר צום יידישן לייענער, באַמיען זיך צו געווינען אים פאַר דער יידישער ליטעראַטור, צובינדן אים פעסטער צום יידישן שאַפן. פאַר דער צייט האָבן מיר זיך ווי איינגעלעבט אינאיינעם, געשאַפן א מין וואַרעמע און היימישע אַטמאָספער, ווו מיר טיילן זיך מיט פריידן אוןליידן, ספקות און דערגרייכונגען, — און אַמאָל ווילט זיך נישט נאָר ווערן געהערט, נאָר אויך הערן, נישט נאָר משפּטן, נאָר אויך ווערן געמשפּט. 70 וואָכן שווערע, האַרעפּאַשנע אַרבעט פון קלייבן שטאָף, קנעטן ליים און טראָגן ציגל צום בנין. און אַמאָל אין מינוט פון רו ווילט זיך — צו וואָס לייקענען — אויסהערן א גוט וואָרט, א יישר־כוח פון דעם לעזער, דעם פריינד".

און ווייטער ווערט צוגעגעבן פון דער רעדאַקציע, אַז „די 620

אנקעטע־ענטפערס פארמאָגן אָן א שיער דאַנקבאַרקייט־געפילן, און די וואַרעמקייט, וואָס איז נויטיק פאַר דער שווערער אַרבעט. ווייל אָפטמאָל ווערט מען אָפּהענטיק, פאַרצווייפלט, אָפטמאָל ווייזט זיך אויס, ווי אַ־בעריק און נישט־באַרעכטיקט די גאַנצע מי ביים אַרויסגעבן וואָך־וועכנט־לעך אונדזער צייטשריפט. און די ענטפערס שטאַרקן, גיבן צו מוט, לייגן אַרויף פליכטן".

עס איז אויך צוגעגעבן, אַז „די מערסטע צאָל שטימען האָבן באַ־קומען די שטענדיקע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן אָן אויפהער געטראָגן אויף זיך די פליכטן פון כסדרדיקער מיטאַרבעטשאַפט. צווישן די ענט־פערס איז געווען א צאָל (30), וואָס האָט געשריבן, אַז אַלע מיטאַרבע־טער זענען זיי צום האַרצן. אייניקע, ווידער, האָבן געשריבן, אַז „נישט די אויטאָרן אינטערעסירן זיי, נאָר די טעמעס און ווי אַזוי זיי ווערן באַ־האַנדלט".

און אָט איז די צאָל שטימען, וואָס עס האָבן באַקומען די צען־מיטאַרבעטער, לויט דער אנקעטע :

1. נחמן מייזיל — — — — — — 365
2. אַלטער קאַציזנע — — — — 349
3. מלך ראַוויטש — — — — — 324
4. פרץ מאַרקיש — — — — — 252
5. ד"ר א. גליקסמאַן — — — — 247
6. ד"ר מ. ווייכערט — — — — 218
7. י. י. זינגער — — — — — 211
8. א. ליטוואַק — — — — — — 160
9. אהרן צייטלין — — — — — 131
10. מאַקס עריק — — — — — — 129

נאָך אָט די ערשטע צען זענען געגאַנגען נאָך אייניקע שרייבער, וועלכע האָבן באַקומען קלענערע צאָלן, — זיי האָבן זיך, אגב, ווייניקער באַוויזן אין די „ליט. בלעטער". זיי זענען: י. אָפּאַטאָשו — 127, מ. גראָס — 107, משה בראָדערזאָן — 95, ישראל רובין — 80, ה. לייוויק — 75, לעאָ פינקלשטיין — 69, י. מ. ניימאַן — 65, יעקב פיכמאַן — 51.

מיר האָבן געהאַט נאָך איין פראַגע (5), וואָס האָט באַדאַרפט ווייזן

די פּאָפּולאַריטעט פון יידישע שרייבער צו יענער צייט פאַר די לייענער פון די „ליט. בלעטער". מיר האָבן אָנגעפרעגט: „וועלכע יידישע שרייבער פעלן אייך אין די „ליט. בלעטער"?"

אויף דעם האָבן מיר געקראָגן פאָלגנדיקע גאַנץ־אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע ענטפערס, וואָס דריקן זיך אויס אין צאָלן אָט ווי:

1. שלום אש — — — — — — — 241
2. ה. ד. נאָמבערג — — — — — 221
3. ש. ניגער — — — — — — — 133
4. ד"ר ח. זשיטלאָווסקי — — — 115
5. ז. סעגאַלאָוויטש — — — — 110
6. ה. לייוויק — — — — — — — 96
7. דוד בערגעלסאָן — — — — — 79
8. י. אָפּאַטאָשו — — — — — — 77
9. דוד איינהאָרן — — — — — — 67
10. י. מ. וויסנבערג — — — — — 56

פון די פאַרשידענע געבראַכטע ענטפערס און ציפערן האָבן מיר אַ אַ באַגריף וועגן דעם אינטעליגענטערן יידישן לייענער אין דעם יידישן פּוילן צו יענער צייט, די יאָרן 1924־1925 און מיר קריגן אויך אַ פאָר־שטעלונג וועגן זיינע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען צו דער יידישער לי־טעראַטור, צו די פּראָבלעמען פונעם יידישן שאַפן. מען דאַרף באַטאָנען, אַז דאָס איז דאָס בילד פון דעם ספּעציפישן לייענער פון אונדזער ליטע־ראַרישער צייטשריפט. דער דורכשניט לייענער פון דער טעגלעכער יידי־שער צייטונג איז געוועזן אַן אַנדערער. נאָך מער — יעדע יידישע צײ־טונג האָט געהאַט אין וואַרשע, אין אַנדערע שטעט אירע אייגענע לייע־נער. פּונקט ווי די נאָכמיטאָג־צייטונג, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע און אין ווילנע, האָט אויך געהאַט אַ לייענער שוין פון אַ נידעריקערער קולטורעלער מדרגה, און די צייטונג האָט זיך, פאַרשטייט זיך, מער־ווייניקער צוגעפּאַסט צו זייער געשמאַק און ניוואָ . . .

18

טענות און תביעות צווישן פוילן און אמעריקע

דאָס אָרעמע און פּאָליטיש־געדריקטע יידישע פוילן איז געוואָרן אַן אָלצמער־צוציאונגס־פּונקט פאַר יידישע שרייבער און שוישפּילער פון אמעריקע. ווי אין די אַמאָליקע אַלטע ביבלישע צייטן, ווען אין כנען האָט אויסגעבראָכן אַ הונגער, און עס זענען דערגאַנגען אַהין ידיעות וועגן אַ גרויס געדעטעניש אין מצרים, — אַזוי אויך האָט דאָס יידישע פוילן גענומען גילטן פאַר אַ לאַנד, וווּ אַ יידישער שרייבער און שוישפּילער האָט אַ סביבה, קריגט אַן עולם, קאָן האָבן אַ גרויסע אוידיטאָריע. איז געקומען ברוך גלאַזמאַן מיט אַ טיפן אינעווייניקסטן פּעסימיזם און מיט גאָר טרויעריקע און יאושדיקע געדאַנקען וועגן דעם יידישן שרייבער אין אַמעריקע און זיינע פּערספּעקטיוון. דערנאָך איז ווי אַ מעטעאָר אַראָפּגעקומען אויף אַ קורצער ווײַלע א. לעיעלעס־גלאַנץ און געבראַכט די בשורה וועגן דער נייער פלעיאַדע יידישע דיכטער, און בעיקר — וועגן זיין אייגענער ריכטונג — די אינזיכיסטן. ער האָט געשריבן אַ צוויי אַרטיקלען און געהאַלטן אַ פּאָר רעדעס אין ליטעראַטן־פאַראיין און אַרויסגערופן פּאָלעמיק סיי ביי אונדז, אין פוילן און סיי — נאָכגערופן נאָך זיך בריוו אין רעדאַקציע — מצד די אַמעריקאַנער יידישע דיכטער. און ה. לייוויק איז געקומען. מען האָט אים גאָר געהויבן אויפגענומען, געווידמעט אים אַ ספּעציעלן נומער „ליט. בלעטער" און אַראַנזשירט אַ ספּעציעלן קבלת־פּנים־קאָמיטעט. און ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָט, ווי שוין דערציילט, געצויגן גרויסע אוידיטאָריעס, — ממש ווי גרויסע „סטאַרן" אין די גרויסע טעאַטער־געביידעס און אָט איז י. אָפּאַטאָשו געקומען אַ צווייט מאָל קיין פוילן, וווּ ער האָט פאַר די פּאָר יאָר אַרויסגעגעבן עטלעכע פון זיינע ווערק, געדרוקט פאָרזעצונגען אין דער יידישער טעגלעכער צייטונג און אין דער פוילישער. און אפילו שוין געווען אַן עדות ווי מען גרייט צו אַ פילם פון זיינע „פּוילישע וועלדער" (רעזשיסירט דורך יאָנאַס טורקאָוו) א. א. וו.

אַט די אַלע געסט־אורחים האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן גרעסערע און קלענערע שטעט אין פּוילן מיט רעפּעראַטן, וואָס זענען גלייכצייטיק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פייערלעכע קבלת־פּנימס פאַר די דערהויבענע געסט.

און אַט אַזוי איז פּוילן געוואָרן דאָס אָרט, ווּ אַ יידישער שרייבער פון דער רייכער אַמעריקע האָט אויך אויפגעקליבן געלט סיי פאַר זיינע ביכער און סיי פאַר די רעפעראַטן, און ביי דעם ביליקן לעבן אין פּוילן, ביי דער נידעריקער וואַליוטע, האָבן יידישע שרייבער און שוישפּילער פון אַמעריקע געמאַכט „אַן אַפּותיקא" גראָד אין דעם פאַרוואָרלאָזטן און עקאָנאָמיש־גערדריקטן יידישן פּוילן. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ וויץ וועגן מלך ראַוויטש, וואָס איז געווען דער סעקרעטאַר פונעם ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין וואַרשע, אויף טלאָמאַצקיע 13: יעדער שרייבער, וואָס איז געקומען קיין פּוילן, האָט קודם כל אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם ליטעראַטן־פאַראיין און זיין ערשטע באַגעגעניש איז געווען אינעם קליינעם קאַנצעלאַריע־צימער, ווּ מלך ראַוויטש האָט אָפיציעל, מיט אַ ספּעציעלער קאַלטער און נידעריקער באַריטאָן־שטימע, אויפגענומען דעם גאַסט.

מלך ראַוויטש האָט נאָכן אָפיציעלן שלום עליכם, גלייך געשטעלט אַ פראַגע דעם אורח־גאַסט: „וואָס ווילט איר פון אונדז, — כבוד אָדער געלט?!"

האָבן פיל געסט־אורחים, ביים קומען קיין פּוילן אויף דער ערשטער באַגעגעניש, געענטפערט מלך ראַוויטשן: „געלט? ווער טראַכט דען וועגן געלט, ווען מען קומט קיין פּוילן?!" און דערביי זיך דערמאַנט און אַ טאַפּ געטון די „טרעוול־טשעקס", וואָס ער האָט ביי זיך אין טאַש. אָבער אייניקע האָבן געענטפערט אויפן אָרט גאָר אָפן: „איך וויל ביידע זאַכן, אי כבוד אי געלט!"

און מען איז נישט געווען קאַרג אין יידישן פּוילן, און אויף וויפל עס זענען געווען מעגלעכקייטן, האָט דער יידישער שרייבער אין פּוילן און זיין אָרגאַניזאַציע — דער שרייבער־פאַראיין, און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער — אויך דער יידישער פּען־קלוב — ברייטהאַרציק און פריינדשאַפטלעך אויפגענומען דעם שרייבער און אים פאַרגונען ביידע זאַכן — אי כבוד, וואָס מען האָט געטיילט אין פּוילן מיט פולע הויפנס, און אויך

ווי נאָר מעגלעך צוגעשאַרט ביי די צייטונגען און פאַרלאַגן גאַנץ־פיינע סומעס. איך וואָלט אַפילו געקאָנט אָנגעבן דערביי מער־אויספירלעכקייטן און דערביי אויך דערציילן, ווי אייניקע שרייבער האָבן זיך כלל נישט געשעמט צו פאָדערן אין די אָרעמע יידישע שטעט און שטעטלעך גאָר געהויבענע סומעס, און דווקא אין „ראַיעלער״ וואַליוטע, אָבער לאָמיר שאַנעווען דעם כבוד פון אַמעריקאַנער קאָלעגן און פריינד . . .

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז עס זענען געווען אויך פאַראיבלס, ווי דער שטייגער איז. די אַרטיקע פוילישע־יידישע שרייבער האָבן געמורמלט און געהאַט טענות, הלמאי עס זענען דאָ ספּעציעלע פּריווילעגיעס און רעכענונגען פאַר די יידיש־אַמעריקאַנער שרייבער און אָפּט־מאָל — ווי עס איז טאַקע געווען דער פאַל — אויפן חשבון פון די יידיש־פּוילישע שרייבער. און אַרום דעם אַלעמען זענען אויפגעקומען טענות־ תביעות, נישט בלויז מאַטעריעלע, נאָר אויך תוכיקע, וועזנטלעכע, וואָס עס ווילט זיך דאָך זיי אַרויסברענגען, זיי דעקן דאָך אויף אַ שטיק יידישע ווירק־לעכקייט און באַווייזן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם יידישן פּוילן און דער יידישער אַמעריקע. מיר וועלן לאָזן רעדן קודם כל „גע־דרוקטע מאַטעריאַלן, ווייל זיי זענען דאָך אויפן אָרט געשריבן געוואָרן און זיי זענען נענטער צו דעם געשעענעם.

איך וועל דאָ געבן אייניקע אויסצוגן פון אַן אַרטיקל — אַ מין דיאַלאָג צווישן מיר און י. אָפּאַטאָשו, וואָס הייסט: „אַ שמועס מיט י. אָפּאַטאָשו פאַר זיין אָפּפאָרן פון פּוילן״ („ליט. בלעטער״ נ׳ 73, פונעם 25סטן סעפּטעמבער 1925).

„— עס איז עפּעס אַ גאַנץ־באַזונדער מאָדנע געפיל — זאָג איך — מיט וועלכן מען געזעגנט זיך מיט אַ יידישן שרייבער, ווען ער פאָרט אוועק פון פּוילן. און דער עיקר — ווען אַן אַמעריקאַנער שרייבער פאָרט קיין אַמעריקע צוריק. עס איז עפּעס שווער צו דעפינירן: ווער עס פאָרט אַהיים און ווער עס בלייבט אין דער היים...״

ענטפערט דערויף י. אָפּאַטאָשו: „...היים נישט היים. יעדנפאַלס — נישטאָ קיין שטענדיקע היים. נעכטן איז דאָס געווען פּוילן, היינט איז דאָס אַמעריקע, מאָרגן וועט דאָס אפשר זיין ווידער פּוילן, אָדער גאָר אַרגענטינע אָדער מעקסיקע. ווער ווייסט? אַזוי איז שוין די געשיכטע פון אונדזער פאָלק, אַזוי איז געווען און אַזוי וועט עס בלייבן. דער צענ־

טער וואָס איז היינט געווען גרויס און מעכטיק, איז מאָרגן שוין אויס־געוועפט און טויט".

און אין לויף פון שמועס באַרירט י. אָפּאַטאָשו דאָס יידישע ליטע־ראַרישע לעבן אין אַמעריקע און ער זאָגט: „אָט האָבן מיר אין אַמעריקע אַ אינטענסיווע רירעווודיקע לעבעדיקע מאַסע, וואָס אינספּירירט דעם שרייבער צו באַזינגען און צו פּאַראייביקן זי אין זיינע ווערק. די מאַסע אינספּירירט דעם שרייבער, אָבער די זעלבע מאַסע ווערט פון איר שריי־בער נישט אינספּירירט. אין אַמעריקע איז דאָ שאַפערישער כוח. עס איז דאָרט דאָ לעבן. עס זענען דאָ גרופּירונגען, עס זענען דאָ לעבעדיקע מחלוקתן צווישן ריכטונג און ריכטונג. עס איז דאָ אַ ליטעראַרישע באַ־וועגונג. אָבער צום באַדויערן איז די באַוועגונג אַ היימישע בלויז. די גאַס אינטערעסירט זיך מיט איר נישט. און אפשר איז דאָס טאַקע די סיבה פון אונדזער שטאַרקן צוזאַמענהאַלטן זיך אין ניו־יאָרק, ווייל די געפאַר איז גרעסער. און איבעריקנס, די מאַסן אין ניו־יאָרק זענען נאָך יונג. שוין מאָרגן קאָן זייער אינטערעס פאַר ליטעראַטור זיין גרויס. ביי אונדז שרייבט מען אינטענסיווער און ביי אייך לייענט מען לעת־עתה אינטענסיווער".

און י. אָפּאַטאָשו זאָגט ווייטער, „מיר איז אויסגעקומען לעצטנס צו זען אַזאַ אינטערעס ביי אייך פאַר ליטעראַטור, ווי אין אַמעריקע האָט זיך דאָס מיר אפילו נישט געחלומט. נישטאָ וואָס צו רעדן, מיר האָבן דאָ אין פּוילן אַזאַ לייענער־מאַסע, וואָס נישט איין פאָלק קען אונדז פאַר איר מקנא זיין. אַז אַ יידישער שרייבער האָט 200 מענטשן אויף אַ פאָר־לעזונג, הייסט דאָס אַ דורכפאַל, און אָט האָב איך געזען דעם וועלט־באַרימטן לוטאָסלאַווסקי אויף אַ פאָרלעזונג וועגן „השארת הנפש", וואָס איז זייער אין דער מאָדע איצט — זענען געווען קוים 30 מענטשן אין סאַמע הארץ פון פּוילן... מיר דאַכט זיך, אַז אַזאַ דערשיינונג קומט פאָר דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פונעם יידישן וואָרט, אַז דער שווער־פּונקט פון שאַפן זאָל זיין נישט דאָרט וווּ עס איז דאָ דער שווערפּונקט פון אינטערעס פאַר דעם דאָזיקן וואָרט".

האָב איך דערווידערט י. אָפּאַטאָשון און געזאָגט אים: „פאַרוואָס רופט איר אָן אַמעריקע אַלס דעם שווערפּונקט פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן. פון אונדז פאָדערט איר, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אונדזער

צענטער־אידעע, און אליין זענט איר דאך א שיין ביסל לאקאל־פאט־ריאטיש".

און דא קומען מער־קלארערע ווערטער פון י. אפאטאשון, וואס האט געקענט פוילן פון זיינע צוויי לענגערע באזוכן און לעבן צווישן יידישע שרייבער:

„איך מוז אייך זאגן דעם אמת: איך פאר אוועק פון אייך מיט געמישטע געפילן, — אנטוישונג און פרייד. עס איז דאך א פריידיק גע־פיל פאר א יידישן שרייבער צו וויסן, אז זיינע ביכער ווערן געלייענט און נאך ווי געלייענט! געלערנט. אז אין הונדערטער שטעט און שטעט־לעך זענען דא צו איין און צו עטלעכע ביבליאטעקן און אין יעדער ביב־ליאטעק — צו עטלעכע הונדערט לעזער און טאג־אויס טאג־איין ווערן א צענדליק טויזנט יידישע ביכער געלייענט און אין אזויפיל געשפרעכן ווערט דער געדאנק פון דער יידישער ליטעראטור ווייטער און ווייטער געטראגן. נאר אנטוישט בין איך פון אייער ליטעראַרישער ארבעט דא אין לאנד. עס איז אמת, אז ווערק שאפן יחידים, אבער ליטעראטור (די דעפיניציע פון דעם ווארט זאגט עס דאך אליין) ווערט געשאפן פון א כלל, וואס עס פאראייניקט אים א געמיינזאמער ווילן. און ווו איז דא ביי אייך דער דאזיקער כלל? אדרבא, זאגט ווו? איז דאס אפשר דער ליטעראטן־פאראיין? אט זיצן אזעלכע יידן ווי מאסטבוים, פערלע, קאגאנאווסקי, גילבערט, זשיטניצקי און אזוי ווייטער און ווייטער. וויי־ניקער טאלענט, מער טאלענט. נישט דאס איז איצט די פראגע. פארוואס פאראייניקן זיי זיך נישט און גיבן נישט ארויס א זאמלבוך, א זשורנאל? האט איר געהאט געלט פון אמעריקע, האט איר ארויסגעגעבן אלמא־נאכן". נישטא קיין געלט פון אמעריקע — גיט מען נישט ארויס. מיר דאכט זיך, אז די אלע יידן האבן דאס דאזיקע געלט פון אמעריקע בא־טראכט אויך פאר אן אומגליק... עס האט דאך זיי געצוואונגען עפעס צו טון. נישט צו זיצן ליידיק... אט זיצן אזעלכע יונגע טאלענטירטע דיכטער ווי ישראל שטערן, י. קירמאן, קאדיע מאלאדאווסקי. אויף וועמען ווארטן זיי? פון וועמען דארף פאר זיי קומען די ישועה? פארוואס האבן זיי אפילו נישט געטראכט וועגן אליין עפעס אויפצוטאן? ווארטן זיי אויף כבוד? ווי אנדערש זענען מיר דאך געוועזן אין אונדזער צייט אין אמע־ריקע. און אויך איצט. אויך איצט גיבן מיר ארויס מיט אייגענע מיט־

לען אונדזערע זאמלביכער. פאַרפאַלן, נישטאָ קיין פאַרלעגער — מוז מען זיין אַליין דער פאַרלעגער, אויב מען וויל עפּעס אויפטאָן. און די גאַנצע יוגנט אין פּוילן, די סאַמע יינגסטע... לאָז זיין „שפּראַצונגען", אָבער עפּעס. איך רייד דאָ שוין גאָרנישט וועגן איכות, נאָר בלויז וועגן כמות. און איצט דאַרף אייך קלאָר זיין, פאַרוואָס איך מיין, אַז דער שווערפּונקט פונעם ליטעראַרישן שאַפן איז אין ניו־יאָרק און נישט ביי אייך, אין פּוילן. און איר וואָלט דאָך געקאָנט שאַפן וואונדער. ביי אונדז, אין אַמע־ריקע, מוז מען זיך שטאַרק אָנשטרענגען אויף צו קריגן אַ ביסל געלט פאַר אַ ליטעראַרישער אויסגאַבע. איר קאָנט דאָך דאָס נויטיקע געלט האָבן אין איין אָוונט, וואָס איר וואָלט אָרגאַניזירט אין וואַרשע".

רייס איך איבער י. אָפּאַטאָשון און זאָג אים: „פאַרגעסט אָבער נישט דעם שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכן מיר האָבן איבערגעלעבט און לעבן כסדר איבער דאָ אין לאַנד. פאַרגעסט נישט, אַז דער מאַטער־יעלער שווערער מצב מאַכט שווער צו זאַמלען געלט דאָ אין לאַנד"...

אָבער דאָך האָט י. אָפּאַטאָשו, נאָכן זיך טיילן מיט זיינע מיינונ־גען וועגן פאַרשידענע אַנדערע פראַגן, געזאָגט: „איך פאָר איצט אַוועק. ווען איך וועל ווידער קומען אַהער קיין פּוילן? איך האָב מיך איינגע־לעבט מיטן היגן יידישן ליטעראַרישן לעבן, און האָב דאָס געפיל צו האָבן לעזער. איך וועל שוין מסתמא אַלע צוויי־דריי יאָר אַ ביסל אַן אָטעם טאָן מיט דער לעזער־אַטמאָספערע. אייך וואָלט אָבער נישט גע־שאַדט אַ ביסל אַן אָטעם טאָן מיט אונדזער אַטמאָספערע פון אַרבעט, פון אַקטיוויטעט, אינטערעס, רירעוודיקייט, — דערהויפּט אָבער מיטן קאָלעקטיוון אויפטרעטן. מיט איין וואָרט: אייך פעלט אונדזער ליטע־ראַרישע אַטמאָספערע אין פּוילן זינען פון דער באַדייטונג פון אָט דעם וואָרט" („ליט. בלעטער", נ' 73).

אָט די און ענלעכע געדאַנקען זענען דורך י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף די אָפּשייד־אָוונטן, וואָס זענען דורך דעם ליטעראַטן־פאַראיין דורכגעפירט געוואָרן. אויף דעם אַלעמען האָב איך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין די „ליט. בלעטער" אינעם נ' 74 (פון 2־טן אָקטאָבער 1925), — איך ברענג פון אים גרעסערע אויס־צוגן, ווייל עס ברענגט צום אויסדרוק די געפילן, וואָס האָבן אונדז אין

פוילן אַנגעפּילט אין יענער צייט און אונדזער רעאַגירן אויף די אומגע־רעכטע פּאָרוואורפן און טענות פון אַפּאַטאָשו און לייוויק.

דער אַרטיקל הייסט „פּוילן און אַמעריקע" — און ער האָט אַזאַ אונטערקעפּל: „אַ רעדע, וואָס האָט געקאָנט געהאַלטן ווערן אויף אַ באַנקעט".

און אָט וואָס איך שרייב:

„אונדזערע ליבע אַמעריקאַנער געסט, י. אַפּאַטאָשו און ה. לייוויק, האָבן פאַר זייער אָפּפאָרן פון פּוילן — ווו זיי האָבן פאַרבראַכט עטלעכע חדשים — אויף די באַנקעטן, „זיי געזונטן" און שמועסן זיך געטיילט מיט די איינדריקן פונעם יידישן ליטע־ראַרישן פּוילן. גאַנץ קאָרעקט, אָבער — אויך גאָר פּשוט גערעדט (ווי ס'פּאַסט פאַר אַמעריקאַנער!) האָבן זיי אין גאַנץ־שוואַרצע פאַרבן געמאָלט אונדזער ליטעראַרישע וועלט: אונדזער ליטעראַרי־שע משפּחה איז אינגאַנצן צעשפּליטערט, צווישן די יידישע ליטע־ראַטן הערשט אַן אָפּגעלאָזנקייט און צעקראָכנקייט. און אויפוואַר־פנדיק אונדז אָט די „מעלות־טובות", האָבן זיי אַלס מוסטער קעגנ־געשטעלט די יידישע ליטעראַטן אין אַמעריקע, זייער ענערגיע און קאָלעקטיווקייט. דאָרט איז מען אייניק, מיט געמיינזאַמע כוחות שאַפט מען, מיט קאָלעקטיוון ווילן אַרבעט מען פאַר דער יידישער קונסט, און דאָ איז יעדער איינער פאַר זיך, טראַכט נאָר וועגן פּערזענלעכן נוצן, און גיט מען אַמאָל אַרויס אַן אַלמאַנאַך, איז עס אויפן חשבון פונעם רייכן פעטער, — און דעריבער איז דאָ אַלץ אַזוי נישטיק און פּאַרוואָרלאָזט א. א. וו."

„אָט די מוסר־רייד האָבן מיר אַלע אויסגעהערט. איך ווייס נישט, צי פון העפלעכקייט וועגן אָדער פון אַנדערע מאָטיוון וועגן, אָבער מ'האָט די באַשולדיקונגען ווי אָנגענומען פאַר גוט. אייניקע — אונדזערע ביטול־מענטשן (נאָך ליגט אין אַ טייל פון אונדזערע ליטעראַטן דער נישטיקער און פאַרדומפּטער טראָפּן פון כלומרשט־באַהעמישן „הכל הבל") האָבן מיט זייער חוזק און ביטול־שמייכל אַראָפּגעשלונגען די רייד, אַ טייל — די „נאַאיווע" נעבעך (די נאַאיווע אין די אויגן פון די „קליגערע", „ניכטערע") האָבן פון

אפּאַטאַשום און לייוויקס רייד געהאַט שברת־לב, שטאַרק אָראָפּ־
געפאַלן ביי זיך און געטראַכט: אפשר איז טאַקע באמת אַזוי, אַ
גאַסט אויף אַ וויילע זעט דאָך אויף אַ מייל".
און איך פרעג אינעם אַרטיקל:

„איז דען באמת די לאַגע ביי אונדז, אין אונדזער ליטעראַ־
רישער וועלט, אין פאַרגלייך מיט אַמעריקע אַזוי שרעקלעך? און
צי זענען מיר טאַקע דאָ מיט אונדזער ליטעראַרישן שאַפן און לי־
טעראַרישע אויפטוען אַזוי נישטיק און הינטערשטעליק לגבי די
אַמעריקאַנער קאָלעגן? "
און איך ענטפער דערויף אינעם ווייטערדיקן גאַנג פונעם אַרטיקל:

„מיר זענען אָפּגעריסן פון אַמעריקע. מיר האָבן דאָ נישט
אויף הוצאות צו פאָרן קיין אַמעריקע און חוץ־לזה איז די „פרייע"
אַמעריקע איצט נישט אַזוי ווייכהאַרציק און גאַסטפריינדלעך (אפילו
צו ליטעראַטן אויף אַ קורצן באַזוך) און מיר ווייסן דעריבער נישט,
וואָס ס'טוט זיך דאָרט אויפן אָרט אין די יידישע ליטעראַרישע
קרייזן. זייער מעגלעך, אַז אונדזער אַ גאַסט אויף אַ ווייל, וואָלט
דאָרטן אויך געזען אויף אַ מייל, און וואָלט נאָך אַ באַזוך אויפן
אָרט געהאַט וואָס צו זאָגן און אפשר נאָך האַרבערע ווערטער אין
מער פאַרדינטע מוסר־רייד די אַמעריקאַנער קאָלעגן".

„אָבער אַמעריקע האָט זיך גוט באַוואָרנט: אונדזער איינער
קאָן זיך אַהין נישט אַריינקריגן, קומט אונדז אויס דעריבער צו
רעדן אויפן סמך פון ווייטע איינדריקן, פון איינצלנע פאַקטן, פון
השערות. געוויס זענען דאָ צווישן אונדז ליידיקגייער, אָפּגעלאָזענע
קאָלעגן. אָבער צי זענען זיי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היגער שאַ־
פנדיקער ליטעראַרישער סביבה? פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זענען
דאָ אויפגעוואַקסן און פונאַנדערגעוואַקסן אייניקע באַגאַבטע דיכ־
טער און פּראָזאַיקער. נעמען זענען דאָ איבעריק. מ'קען זיי גאַנץ
גוט. און איבערהויפּט די ח"ח אַפּאַטאַשו און לייוויק האָבן געהאַט
די מעגלעכקייט צו זען און צו פילן זייער שעפערישן כוח. און גראָד
פילט זיך איצט גאַנץ גוט דאָס נייע, פרישע צוגעקומענע פאַר אַ
משך פון אַ 4־5 יאָר אין דעם יידישן פוילן. און גראָד פילט זיך
דאָס נייע מער אין דער אַלגעמיינער קאָלעקטיווער סביבה, וואָס

די ליטעראַרישע וואַרשע האָט די לעצטע יאָרן געשאַפן. נעמט אָקאָרשט יאָר־סך־הכלען פון די ליטעראַרישע אויסגאַבן, פון די ליטעראַרישע דיספּוטן, פון ליטעראַרישן פאַרמעגן צוריק מיט א 5־6 יאָר, וועט איר ערשט זען די דיסטאַנצן, וועט איר זען א מהלך. דער צוגאַנג, דער פאַרנעם, די אָפּשאַצונג, די פאַרשטענדעניש, די באַציאונג — אַלץ האָט זיך געענדערט און צום גוטן. און ווי אַרום איז דאָס געשען? נישט פון אויפריכטיקער, געמיינזאַמער, קאָלעק־טיווער אַרבעט? די קאָלעקטיווע, בשותפותדיקע טעטיקייט ווערט געפירט אפילו דאַן ווען ס'ווייזט זיך אויס, אַז מ'איז צעריסן, צע־שפּליטערט, פונאַנדערגעשיידט. מיט אָט דעם קאָלעקטיוון עקשנות־דיקן ווילן האָט דאָס יידישע פּוילן אַריינגעטראָגן אין דעם יידישן ליטעראַטור־אוצר פאַר די לעצטע פינף יאָר לערך א 1.000 (לייען טויזנט) ביכער און ביכלעך, און צווישן זיי קאָנען מיר אָנציילן גוטע עטלעכע צענדליק יידישע און אויך איבערגעזעצטע ביכער, וואָס האָבן פאַקטיש באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור אויף פאַר־שידענע געביטן".

„און איר וועט דאָך מוזן מודה זיין, אַז גראָד מיר, דאָ אין פּוילן, פילן די פאַרבונדנקייט און די אחריות און די ערבות (וואָס איז אייגנטלעך דער געפיל פון קאָלעקטיווקייט) פאַר א קאָלעגע. זעט ווי מיר האָבן אויפגענומען די לעצטע יאָרן י. אָפּאַטאָשון, ד"ר ח. זשיטלאָווסקין, א. לעיעלעסן, ברוך גלאַזמאַנען, ווידער אַמאָל י. אָפּאַטאָשון און ה. לייוויקן! אַלע שרייבער פון „מאָמענט", „היינט", „פאָלקסציימונג" (וועגן די „ליט. בלעטער" איז שוין אָפּגערעדט!) האָבן זיך געאייניקט, געשאַפן דעם איינעם געמיינזאַמען פראָנט און מיטגעהאָלפן דעם דערפאָלג, אָפּטמאָל דעם טריאומף פאַר אייניקע פון די אַמעריקאַנער חברים. און ז. טיגעל, אין זשורנאַל „פאַרבאַנד" אין ניו־יאָרק, האָט דאָ נישט לאַנג געמאַכט א פּאַראַלעל, ווי די אָנגעשטאָפּטע אַמעריקע נעמט אויף אַמאָל א יידישן שרייבער פון פּוילן, און פאַרקערט, ווי די אויסגעהונגערטע, פאַראָרעמטע יידישע פּוילן נעמט אויף א יידישן שרייבער פון אַמעריקע, און אפילו אָנ־גערופן דערביי די סומעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן ביי דער די־רעקטער מיטהילף פון די היגע שרייבער".

מיין ארטיקל האָט זיך געענדיקט מיט פאָלגנדיקע שורות:

„די לעגענדע דערציילט: אַן אָרעמאַן און אַ רייכער קומען אויפן עולם האמת פאַרן בית־דין של מעלה. פרעגט מען דעם אָרעמאַן: „פאַרוואָס האָסטו קיין תורה נישט געלערנט?״ הויבט אָן דער אָרעמאַן זיך צו פאַרענטפערן: „איך בין אָרעם געווען, שטענדיק פאַרטראָגן געווען מיט דאגות־פּרנסה״. זאָגט מען אים: — ביסטו אפשר געווען אָרעמער פאַר הלל?״ גיט מען אַ פרעג דעם רייכן: „און פאַרוואָס האָסט דו נישט עוסק געווען אין תורה״. פאַרענטפערט ער זיך: „איך בין געווען זייער רייך, תמיד פאַרנומען געווען מיט גרויסע געשעפטן״. זאָגט מען אים: „ביסטו אפשר רייכער געווען פון ר׳ אליעזר בן חרסום?״ אי דער אָרעמאַן, אי דער רייכער זענען ווערט שטראָף, אָבער דעם אָרעמאַנס טענות זענען דאָך פּעמטערע און מער „גערעכטע, און מאָרגן — מאָגען קאָן מען געווים מער ביי דעם רייכן!״

די ווערטער זענען געשריבן געוואָרן מיט אַ 25 יאָר צוריק, אין 1925. מיט אַ 12־13 יאָר שפּעטער האָט מיך דער גורל געבראַכט קיין אַמעריקע מיט דער דעה צו פאַרברענגען דאָ אַ פּאָר חדשים, און דער זעלבער גורל האָט מיך געמאַכט פאַר אַ תושב אין דער יידישער אַמעריקע, ווו מיר קומט אויס צו לעבן און צו באַגעגענען זיך מיט דעם רוב אַמעריקאַנער־יידישע שרייבער, און — וואָס זאָל איך זאָגן? לײדער, איז דער דיאַגנאָז מיינער, וואָס איך האָב געגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1925, זייענדיק ווייניק באַקאַנט און בעיקר — פון דערווייטנס, וועגן דעם רוב יידישע שרייבער אין אַמעריקע, איז באַשטעטיקט געוואָרן, טרויעריק באַשטעטיקט געוואָרן דורך לאַנגיאָריקע דערפאַרונגען, באַגעגענישן און באַציאונגען מיט דעם אַמעריקאַנער יידישן שרייבער. איך וואָלט געקאָנט נאָך און נאָך צוגעבן, צושיטן זאַלץ און פעפער, אָבער דאָס איז דאָך נישט די אויפגאַבע פון מיין איצטיקן בוך... מיר גייט דאָך איצט וואָס־פולער אַרויסברענגען די יידישע ליטעראַריש־שאַפערישע וועלט, „די שרייבער־וועלט אין אונדזער אַמאָליקן יידישן פוילן. און דאָס געזאָגטע גיט צו, דאַכט מיר, גאַנץ־וויכטיקע שטריכן צו דער פיזיאָנאָמיע פון דעם יידישן שרייבער אין פוילן און אין אַמעריקע און צו די טענות־תביעות, וואָס זענען אַמאָל געווען צווישן זיי...

19

עס ווערט באַשאַפן דער ייוואָ (דער יידישער וויסנ-שאַפטלעכער אינסטיטוט)

ביי היינט צו טאָג איז דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, דער איוואָ, אַ וועלט-באַרימטע אָרגאַניזאַציע, מיט אַ גרויסן צענטער אין ניו-יאָרק און מיט אָפּטיילונגען אין אַנדערע לענדער, מיט פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, מיט אַ גאַנץ-פאַרצווייגטער טעטיקייט אויף פאַר־שידענע געביטן פון דער יידישער וויסנשאַפט. עס איז אינטערעסאַנט, ווי מען איז געקומען צו דער גרינדונג פון אָט דעם אינסטיטוט, און די חבלי־לידה, די געבורט-ווייען און די ערשטע שריט אויף דער יידישער וועלט. אָט באַלד וועט ווערן 25 יאָר זינט דער גרינדונג פון דעם ייוואָ און מען וועט זיכער שרייבן און שרייבן וועגן דעם אויפקום און אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע, וואָס האָט פאַר די 25 יאָר געהאַט באַרג-אַרויפן און באַרג-אַראָפּן.

לאָמיר בקיצור דאָ אָנוואַרפן איינִיקע פּרטים צו דער פאָר-געשיכטע און וועגן די ערשטע אָנהויבן, וועגן דעם „בראשית" פון דעם ייוואָ. און טאַקע בקיצור, מיר גייען דאָך נישט שרייבן דאָ קיין פולע קולטור-געשיכטע מיט אַלע איינצלהייטן.

דער ערשטער און דער איינציקער, וואָס האָט פאַרטראַכט און אַריינ־געגומען זיך, ווי עס טרעפט אָפּט, אַ „משוגעת", אַ „מאַנקאָליע" אין קאָפּ, איז געווען נחום שטיף, בעל-דמיון (געבוירן אין יאָר 1879, געשטאָרבן אַפּריל 1933). ער האָט שוין אין יאָר 1919 זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזאַ מין געדאַנק, מיט אַ טרוים, וואָס איז אין לויף פון יאָרן ביי אים אַלץ־רייפער געוואָרן. אין 1919 האָט ער אָנגעשריבן פאַר דעם קריטיש-ביבליאָ־גראַפישן זשורנאַל „ביכער-וועלט", (אַרויס אינעם „קיעווער פאַרלאַג" אונ־טער מיין און י. דאָברושינס רעדאַקציע) אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג מיטן נאָמען „אַ יידישער ביבליאָגראַפישער אינסטיטוט". אַזוי ווי די „ביכער־

וועלט" האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, איז אָט דער אַרטיקל פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין וואַרשע, אינעם זאַמלהעפט „קולטור־ליגע" אין 1921. נחום שטיף האָט דערוויזן מיט פיל פאַקטן און מאַטעריאַלן די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן אַ צענטער פאַר דעם יידישן שאַפן.

„ס'איז שוין צייט — האָט ער געשריבן — צו באַשאַפן אַ יידישן ביבליאָגראַפישן אינסטיטוט, וואָס זאָל מיט אַ וויסנשאַפט־לעכער מעטאָדע פירן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט פאַר דער יידישער ביבליאָגראַפיע".

דאָס אייגנטלעך איז געווען דער ערשטער שטאָפּל פאַר דעם ווייטער־דיקן בנין, וואָס עס האָט זיך ביי שטיפן אין מוח געבילדעט. אין לויף פון די ווייטערדיקע עטלעכע יאָר האָט נ. שטיף, פריער אין קיעוו, דערנאָך אין בערלין, אַנטוויקלט אַ זייער פּראָדוקטיווע פאָרש־אַרבעט אויף פאַר־שידענע געביטן, ווי אַ ליטעראַטור־פאָרשער, ווי אַן איבערזעצער און ווי אַ מחבר פון געשיכטלעכע מאָנאָגראַפיעס, און עס האָט אים אַלצמער אינ־טערעסירט די פראַגע וועגן אַ יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע.

ער האָט זיך גענומען צו אַ פּראָיעקט צו גרינדן „אַ יידישן אַקאַדע־מישן אינסטיטוט". ער האָט געאַרבעט דערויף מעשים, נישט מיד געוואָרן צו וועקן און צו מינטערן נאָענטע פריינד און חברים, לכתחילה אין בער־לין און דערנאָך אויסער בערלין.

אין אַ בריוו, געשריבן צו די „ליט. בלעטער" און צום קלעצקין־פאַר־לאַג — אויפן נאָמען פון ז. מלמד — דעם 31סטן מערץ 1925, האָט ער צווישן אַנדערן נאָך פאַרשידענע טענות צו דער צייטשריפט און צו מיר (זע וועגן דעם „ליט. בלעטער" נ' 476, פון יאָר 1933, ז' 422) שרייבט נ. שטיף־בעל־דמיון:

„איך שיק אייך אַרויס מאָרגן, רעקאָמענדירט, מיין שריפט „וועגן אַ יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט". די טעמע אַליין זאָגט אייך שוין עפּעס, דאָס איבעריקע וועט איר זען אין דער שריפט, — 2 דרוק־בויגן די גרייס".

און אַזוי ווי עס זענען דאַן, פרילינג 1925, געווען די פּרץ־טעג, גיט צו נ. שטיף:

„מ'קאן אויך א שטייגער, שטעלן די פראגע וועגן געבן דעם אינסטיטוט פּרצעס נאמען... איך שיק אייך די דאזיקע שריפט דעם ערשטן, און צו אנדערע אויסגאבעס וועל איך זי שיקן שפּעטער. גוצט אויס די געלעגנהייט, ס'זאל אין די „בלעטער" זיין פריער איידער ערגעץ־ווּ, אבער אן ארטיקל, נישט קיין נאטיץ אין דער כראניק. פארוואס שרייב איך נישט דאס ארטיקל? איך בין מיד, צופיל הארעווע איך אויף דעם פּלאן פון אינסטיטוט, געגעבן א שריפט, ארטיקלען זאלן דערווייל שרייבן אנדערע..." „אגב, האט קיין מורא נישט: ס'איז שוין עפּעס מער פאר א פּאפּירענעם פּראָיעקט: ווילנער בילדונגס־טועד האבן דאס שוין אנגענומען, א קאָמיסיע ארבעט שוין איבער דער קאנקרעטיזאציע פון דעם פּלאן, און ווילנע האט געוויזן, אז זי קאן עפּעס. די פראגע וועט, אגב, געשטעלט ווערן אויפן שול־צוזויפפאר דעם 18־טן אפּריל. מ'רעדט שוין דערפון אין אמעריקע (איר קאנט דאס דערציילן). די נאענטסטע צייט וועט דאס ווערן די פּאפּולערסטע טעמע. א פאר ווערטער וועגן דעם ארטיקל, וואס דארף געשריבן ווערן. איך האב פיינט די זשורנאליסטישע הימל־קוקעריי און דאס רעדן אין דער וועלט אריין. מ'דארף פריער רעפערירן, דערציילן, וואס עס זענען די וויכטיקסטע ראשי־פּרקים, אז דער לייענער זאל באמת וויסן פון דעם פּלאן; דערנאך זאגט אייך שוין „מבינות" וויפל אייער הארץ גלוסט. ספּעציעל מייזיל ווערט געבעטן, חוץ די „בלעטער", געבן פון מיין שריפט א גרעסערע נאטיץ אין דער ביבליאגראפישער זייט אין „היינט", וואס ער פירט זי. אן עקזעמפּליאר פון דער שריפט קאסט זייער טייער (אין גאנץ פּוילן קורסירן 3 עקז., אבער נישט אין די רעדאקציעס)..."

איידער אט דער בריוו פון נ. שטיף איז דערהאלטן געווארן זענען פארגעקומען, ווי מיר וועלן באלד הערן, אייניקע פארבאראטונגען וועגן דעם ענין. דער פרץ־נומער 49־50 „ליט. בלעטער" איז שוין געוועזן אין דרוק, ווען דער בריוו מיט דער שריפט פון נ. שטיף איז אונדז אנגעקומען. דער פרץ־נומער איז דאטירט דעם 9־טן אפּריל, פרייטיק. דעם 19־טן - 22־טן אפּריל איז פארגעקומען אין ווארשע דער צווייטער שול־צוזאמענפאר.

א. ליטוואק, וועלכער האָט זיך, אגב, באַטייליקט אין די פּאָרבאַראַ־טונגען וועגן דעם געפּלאַנטן אינסטיטוט אין בערלין, האָט אויף זיך גע־נומען צו שרייבן דעם אַרטיקל פאַר די „ליט. בלעטער". די ערשטע זייט פון די גרויסע „ליט. בלעטער" און אַן עמוד פון דער צווייטער זייט (פון נ׳ 52 פונעם 30־טן אַפּריל) איז געווידמעט דער אידעע אָדער פּראָיעקט. דער אַרטיקל הייסט טאַקע „וועגן אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט", ער איז געשריבן זאַכלעך, קלאָר און מיט דער איבערצייגנדיקער קראַפט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גלענצנדיקער פען פון אָט דעם גוטן רעדנער־שרייבער. א. ליטוואַקס אַרטיקל הייבט זיך אָן:

„נעכטן איז עס געווען נישט מער ווי אַ זיסער חלום, אַ שיי־נע ברכה אויף קולטור־יום־טובים: אין בעסטן פאַל האָט עס אויס־געזען ווי אַ ווייטער ענין, וועגן וועלכן מ׳וועט אַמאָל דאַרפן קלערן. היינט האָט זיך עס אַקטועל געשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג ווי אַ געבאָט און עס ווערן שוין אונטערגענומען די ערשטע שריט עס צו פאַרווירקלעכן".

און אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעם שול־וועזן, אויף די אַנדערע פאַר־שידענע קולטור־פאַרמעסטן און אויף די אויפטוען פון איינצעלנע וויסנ־שאַפטלער, שרייבט ווייטער א. ליטוואַק:

„עס איז נויטיק צו אָרגאַניזירן אונדזער וויסנשאַפט, איבער־צונעמען דעם גאַנצן ענין אין רשות פון דער געזעלשאַפט. אויף איר חשבון, אויף איר אחריות מוז געשאַפן ווערן אַן אַקאַדעמישער צענטער, אַרום וועלכן עס זאָלן זיך קאָנצענטרירן אונדזערע וויסנ־שאַפטלעכע טוער. געוויס פאַרמאָגן מיר נאָך קאַרג וויסנשאַפטלעכע כוחות דערצו. אָבער מיט וואָס אָנצוהייבן האָבן מיר שוין... אויס־וואַקסן וועלן די נויטיקע כוחות אין אינסטיטוט און מיטן אינס־טיטוט".

א. ליטוואַק שרייבט ווייטער:

„אַקטועל איז די פראַגע געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג דעם ערשטן מאָל פאַריקן זומער אין בערלין. יולי 1924 איז דער סאָציאַל־עקאָנאָמיקער ש. ז. זאַקס פון ניו־יאָרק געקומען

קיין בערלין מיט א פּלאן פון א יידישער הויך־שול. ער האָט געהאַט פולמאַכט פונעם פּרץ שרייבער־פאַראיין אין ניו־יאָרק, פון א גרופּע דאָרטיקע שריפטשטעלער און כלל־טוער, פריינד פון ד״ר עליאשעוו־בעל־מחשבות, וועלכע האָבן געוואָלט מיט אזא אינסטיטוציע פאַראייביקן דעם אָנדענק פונעם פאַרשטאָרבענעם קריטיקער. ער האָט אויך געהאַט אייניקע נישט־גאָר פעסטע הבטחות אויף געלט... עס איז פאָרגעקומען א קליינע באַראַטונג, אין וועלכער עס זענען געווען: נחום שטיף־בעל־דמיון, א. טשעריקאָווער, דער היסטאָריקער מ. סאָלאָווייטשיק, די ברידער שטיינבערג (דער פּאָליטיקער און דער פילאָזאָפישער שריפטשטעלער), דער בונדישער אַרכיוו־טוער פראַנץ בלומין און א. ליטוואַק. „באַטראַכטנדיק אונדזערע נויטן און מעגלעכקייטן — דערציילט וויטער א. ליטוואַק — איז די באַראַטונג געקומען צום באַשלוס, אַז וועגן אַן אוניווערזיטעט, וואָס גיט אַרויס דיפּלאָמען און שאַפט דאָקטוירים און יוריסטן, קאָן איצט קיין רייד נישט זיין. עס האַנדלט זיך וועגן א ריין־אַקאַדעמישער אינסטיטוציע פאַר די דיסציפּלינען פון דער יידישער וויסנשאַפט, וועלכע מ׳דאַרף, פאַרשטייט זיך, שטעלן אין אַן אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט, אַלס אירע טיילן״. „עס איז אויסגעקליבן געוואָרן א קאָמיסיע (נ. שטיף, א. טשעריקאָווער, דער יינגערער שטיינבערג) אויסצואַרבעטן א קאָנקרעטן פּלאַן פאַר דער פּראָיעקטירטער אינסטיטוציע״.

„איך ווייס נישט — שרייבט א. ליטוואַק — צי האָט די דאָזיקע קאָמיסיע עפּעס געטון אָדער נישט — אָבער שפּעטער האָט זיך אין בערלין געגרינדעט אַן „איניציאַטיוו־גרופּע פאַר דעם יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט״, און דער מעמאָראַנדום איז געווען א פּועל־יוצא פון אָט דער איניציאַטיוו. א. ליטוואַק גיט וויטער איבער, אַז אין ווילנע איז סוף מערץ 1925 פאָרגעקומען א פאַראייניקטע זיצונג פונעם צ.ב.ק. (צענטראַלער בילדונג־קאָמיטעט) מיט דער פאַרוואַלטונג פון ווילנער בילדונגס־געזעלשאַפט. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן א קאָמיסיע פון מ. ווינרייך, י. טשערניכאָוו, נ. פּלודערמאַכער, ז. רייזען, א. גאָלאָמב א. אַ. און עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן „ווילנער טעזיסן וועגן יידישן וויסנשאַפטלעכן

אינסטיטוט" (אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט נ. שטיפס מעמאָראַנדום אין אַ בראָשור „די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער וויסנשאַפט", אַרויסגעגעבן פון צ.ב.ק. און „ווילביג", ווילנע 1925).

ביידע די פאָרשלאַגן זענען זיך צונויפגעקומען אין דעם, אַז „די געפּלאַנטע אינסטיטוציע דאַרף זיין נישט קיין אוניווערזיטעט, נאָר אַ יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט". און ביידע, סיי נ. שטיף און סיי מ. ווינרייך (וואָס האָט פאָרמולירט די ווילנער טעזיסן) האָבן געהאַלטן, אַז

„ביי די איצטיקע באַדינגונגען קאָן אַזאַ אינסטיטוציע געגרינדעט ווערן נישט אין ווילנע, מינסק, ניו־יאָרק אָדער אין וועלכן עס איז אַנדער צענטער פון די גרויסע יידישע ישובים, נאָר דערווייל, צוליב פּאָליטישע טעמים, אין בערלין אָדער ווין. אויך צוליב דעם, וואָס אין בערלין אָדער ווין איז איצט מעגלעכער צו קאָנצענטרירן יידישע וויסנשאַפטלער, דאָרטן איז לייכטער צו שאַפן די נויטיקע פאַךביבליאָטעקן וכדומה, און די אַלגעמיינע באַדינגונגען פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט זענען דאָרטן אויך גינסטיקער".

עס זענען געווען אייניקע חילוקי־דעות וועגן דעם כאַראַקטער פונעם אינסטיטוט — דער בערלינער פּראָיעקט האָט געלייגט „די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף ריין־וויסנשאַפטלעכער זאַמלונגס־אַרבעט און פאָרשונגס־אַרבעט, און דער ווילנער האָט פאַרלאַנגט „אָפּגעבן מער אויפמערקזאַמקייט דער אַזוי־גערופענער אווידיטאָריע..."

אינעם אַרטיקל פון א. ליטוואַק ווערט אויך איבערגעגעבן, אַז

„דעם 21־22־טן אַפּריל איז די פראַגע וועגן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט געשטאַנען אויפן סדר־היום פונעם צווייטן שול־צוזאַמענפאָר. ער האָט אָנגענומען דעם פּלאַן און געפונען, אַז אין גאַנצן רעאַליזירן די זאַך וועט קאָנען אַ קולטור־צוזאַמענפאָר פון אַלע יידישע ישובים. אָבער דער ערשטער צוגרייטונגס־טראָט דאַרף זיין אַ באַראַטונג פון יידישע וויסנשאַפטלער. און דער שול־צוזאַמענפאָר האָט איבערגעגעבן דער ניי־געוויילטער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, זי זאָל צוזאַמען מיט בערלין און ווילנע נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו אין דעם דאָזיקן ענין".

און דער לענגערער אַרטיקל איז געענדיקט מיט די ווערטער: „גרויס זענען די שוועריקייטן און מניעות, אָבער מיר וועלן זיי גובר זיין".

דאָס איז געווען סוף אַפּריל 1925.

און דערווייל איז אין דער שטיל אָנגעגאַנגען די אַרבעט פון צוגרייטן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. אין דעם נ' „ליט. בלעטער" פון 25סטן סעפּטעמבער 1925 (נ' 73) איז פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון מ. ווײַנרייך: „די צענטראַלע פאַר יידישער ביבליאָגראַפיע", וווּ ער באַגרינדעט (אייגנטלעך ער חזרט איבער נ. שטיפס פּראָיעקט) די נויטיקייט צו גרינדן אַ צענטראַלע פאַר יידישער ביבליאָגראַפיע. דאָס איז שוין „אין פּראָגראַם פון די אָנגעמערקטע נאָענטסטע אַרבעטן".

אינצווישן איז פאָרגעקומען אין בערלין אַ פאָרבאַראַטונג, וואָס האָט באַשטימט אָנצוהויבן די רעגיסטראַציע פון אויסגאַבן פון 1־טן יאַנואר 1926. עס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַרן אינסטיטוט און מען האָט שוין אָנגעמערקט פּלענער און סכעמעס פאַר פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיעס. דאָ האָט זיך ווידערהאָלט די געשיכטע מיט דער „קולטור־ליגע", — אין איין אָרט האָט מען זיך געמאַטערט וועגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, און אין אַ צווייטן — זיך גענומען צו דער אַרבעט.

און אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה, —

די אַרבעט פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָט זיך אָנגעהויבן און מיט אַ ברען און מיט אַ פאַרנעם; און עס איז די ספּעציעלע פּריווילעגיע און פאַרדינסט פון די „ליטעראַרישע בלעטער", וואָס אַלדי אַרבעטן און פּלענער, באַריכטן און רופן זענען געדרוקט געווען רעגלמעסיק קודם כל און בעיקר אין די „ליטעראַרישע בלעטער", וועלכע האָבן זיכער דעם גרעסטן צושטייער צוגעטראָגן צו דער שאַפונג פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, געהאָלפן דער פּראָפּאַגאַנדע און געבראַכט די בשורה וועגן אים אין די סאַמע עקן וועלט.

ווער עס וועט וועלן שרייבן די פולע און אויסשעפּנדיקע געשיכטע פון דעם ייווא און וועט וועלן גיין טריט נאָך טריט נאָך זיין וווּקס, וועט מוזן גיין כסדר נאָך די נומערן „ליטעראַרישע בלעטער", וועלכע האָבן אויסגעטיילט פיל אָרט, נומער־אויס נומער־איין פאַר אַ לאַנגער צייט, אַ צען־צוועלף יאָר אָן איבעררייס. חוץ דעם האָבן מיר פונאַנדערגעשיקט די

ספּעציעלע ייוואָ־ביולעטינען מיט די נומערן פון די „ליט. בלעטער" צו טויזנטער אונדזערע לייענער אין גאָר דער וועלט, אין אַלע ווינקעלעך, וווּהין די „בלעטער" האָבן נאָר דערגרייכט.

ידיעות פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, — אונטער דעם קעפּל האָבן אָנגעהויבן זיך צו דרוקן, אַ וואָך איבער אַ וואָך, עטלעכע זייטן אין די „ליט. בלעטער", אויספּירלעכע באַריכטן, פּלענער, אָרגאַניזאַציאָנעלע ידיעות, באַשטעטיקונגען א. א. וו. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין נומער 77 פון דעם 23סטן אָקטאָבער 1925. מיר זעען דאָ, ווי די אַרבעט האָט זיך גענומען צעוואַקסן אומעטום, דאָ און דאָרטן, און ווי עס ווערן אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט, אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן, פאַרשידענע מענטשן, גרופּעס און אינסטיטוציעס פון פאַרשידענע ריכטונגען, עלטער און גראַד פון וויסן און קולטור.

דער צענטער איז איצט אין ווילנע, וווּ עס זענען שוין אויסגעטיילט געוואָרן פאַרשידענע סעקציעס, ווי די „פילאָלאָגישע סעקציע", אַ „ביבליאָגראַפישע קאָמיסיע", אַ „פּעדאַגאָגישע קאָמיסיע", אַ באַזונדערע אָפּטיילונג אין די „ידיעות פון ייוואָ", וואָס טראָגט דעם נאָמען „אָרגאַניזאַציע" דערציילט וועגן דער גרינדונג פון געזעלשאַפטן פון „פריינד פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט". עס איז פאָרגעקומען אַ וואָך פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, און מיט דערפאָלג. אין וואַרשע איז פאָרגעקומען אַ קאָלעקטיווע פאַרזאַמלונג מיט וויכוחים וועגן די אויפגאַבן פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַזוי אויך אין ווילנע, אין ריגע, און אָט אַ מיטטיילונג פון ניו־יאָרק, אַז אויך דאָרט האָט זיך אַ ריר געטון די אַרבעט פאַרן יידישן ווים. אינסטיטוט. דערווייל איז דער אַדרעס אָנגעגעבן — בערלין, א. טשעריקאָווער.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, אינעם נ' 79 (פונעם 6־טן נאָוועמבער 1925) האָבן מיר נייע ידיעות וועגן דער טעטיקייט און די פּלענער פון די אַלערליי קאָמיסיעס. מיר האָבן דאָ ידיעות וועגן אַ טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע ביי דער פילאָלאָגישער סעקציע, וווּ א. גאָלאָמב האָט צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט פון אַן אַרבעטס־פּלאַן. און ידיעות וועגן אַ פאָלקלאָריסטישער קאָמיסיע, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, און אויך מיטטיילונגען פון דער פּעדאַגאָגישער סעקציע) אַ פּראָיעקט וועגן פּסיכאָפּעדאַגאָגישער אַרבעט א. אַ. וו. און ווידער אָרגאַניזאַציאָנעלע ידיעות

וועגן קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען, זיצונגען אין לעטלאַנד, רומעניע, גראָדנע, נייסאַנץ א. א. וו.

און א מעלדונג: „ביז וואַנעט עס וועט אָנהויבן אַרויסגיין דאָס „אינפאָרמיר־בלאַט" פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וועלן אַלע מאַטעריאַלן פון דעם אינסטיטוט, לויט אַן אָפּמאַך, פּובליקירט ווערן אין די „ליטעראַרישע בלעטער"..."

און וואָס־ווייטער צעצווייגט זיך אַלץ־מער און ראַשיקער די אַרבעט פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און אַרום דעם ייוואָ. אַט האָבן מיר שוין (אינעם נ' 81, פון 20סטן נאָוועמבער 1925) א ווענדונג צו די זאַמלער, ווו עס זענען געגעבן געוואָרן „כּללים פאַר זאַמלער פון עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל", וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די עטנאָגראַפּישע (פאָלקלאָריסטישע) קאָמיסיע. עס זענען געבראַכט אין א זייער פּאָפּולערער פאָרם 10 כּללים, — און צו אייניקע פּונקטן — ביי־פּונקטן, ווו עס איז אָנגעוויזן געוואָרן וואָס און ווי אַזוי מען דאַרף זאַמלען פאָלקלאָרמאַטעריאַל: ליד, גלויבונג, מעשה. און א באַזונדערע ווענדונג צו זאַמלען לעגענדעס, און עס ווערן אויסגערעכנט וועלכע מעשיות, צום ביישפּיל, מען דאַרף נאָכזוכן און נאָכפרעגן זיך וועגן זיי.

און דאָ דאַרף מען זיך א ביסל אָפּשטעלן — ביי דעם פּונקט זאַמלער, פאָלקס־זאַמלער. עס האָט ווידעראַמאָל זיך אַרויסבאַוויזן, וויפל רייכע אוצרות סיי מעשה־שטאָף און סיי לעבעדיקע גייסטיקע כּוחות, דאָס יידישע פּוילן האָט פאַרמאָגט. מיטאַמאָל האָבן זיך אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אַרויסבאַוויזן און אַרויסאַנטפּלעקט גלענצנדיקע פאָלקס־זאַמלער, וואָס האָבן זיך אָ גענומען צו דער אַרבעט מיט טיפער ליבשאַפט און זאַך־פאַרשטענדעניש. עס האָבן זיך מיט אַמאָל א שאָט געטון אין דער ענגער ווילנער צייטווייליקער דירה, וואָס דער ייוואָ האָט פאַרנומען, הונדערטער בריוו און פּאַקעטן, — אַלץ וויכטיקער מאַטעריאַל, וואָס די טייערע יידישע יונגע לייט און פאָלקס־מענטשן האָבן מיט ענטוזיאַזם געקליבן. עס האָט זיך גאָר גיך אַרויסגערוקט עטלעכע זאַמלער, וואָס האָבן ממש אויפגעטון וווּנדער. און ביי מיין יעדן אָפּטן באַזוך אין ווילנע, ביי באַראַטונגען אינעם ייוואָ, האָט מען מיט פרייד קאָנסטאַטירט, ווי אומאויסשעפּנדיק עס זענען די פאָלקס־קוואַלן און די פאָלקס־מענטשן, די לעבעדיקע טרעגער פון דעם יידישן פאָלקס־שאַפן. עס האָבן

זיך געגומען אָנקלייבן הונדערטער און דערנאָך טויזנטער פאָלקס־ווערט־לעך, פאַרשידענע באַשרייבונגען פון מנהגים, פון אָרטיקע פּאַסירונגען, פון טערמינאָלאָגישע מאַטעריאַלן פון פאַרשידענע פאַכן. און דאָס האָרץ האָט ווי געטון, וואָס מען קאָן נישט גלייך דאָס אַלץ באַאַרבעטן, סיס־טעמאַטיזירן און אַרויסגעבן.

אינעם זעלבן נומער „ליט. בלעטער" איז דאָ אַ באַריכט וועגן זי־צונגען פון דער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע, וואָס זענען פאָרגעקומען אין בערלין דעם 12־טן נאָוועמבער 1925, מיטן אָנטייל (עס איז אַ ווייטיק, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זענען שוין נישט צווישן די לעבעדיקע!) פון ליובע אַראָנסאָן (פרוי ד"ר דינקין), אסתר בערגער־גוטמאַן, ר. גאָלד־בערג, ח. טווערסקי, ראָזע סימכאָוויטש, ח. פרענקעל, ב. קאַצין, פּראָפ' פּ. שניאורסאָן און די פאָרשטייער פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט א. טשע־ריקאָווער און נ. שטיף.

אין דער רובריק „אָרגאַניזאַציע" האָבן מיר אַ באַריכט וועגן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. נאָך אַ דיסקוסיע איז אָנגענומען געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־פּלאַן: אַרויסגעבן „שריפטן" 4 מאָל יערלעך, רופן אַ קאָנפערענץ מיטן ניו־יאָרקער יידישן לערער־ראַט פון די אַרבעטער־רינג־פאָלקס־שולן א. א. וו. דערביי איז אָנגעוויזן, אַז „צו דער ניו־יאָרקער סעקציע פונעם ייוואָ געהערן דערווייל: ד"ר י. בלאָך, י. ב. ביילין, ב. צ. גאָלדבערג, ד"ר א. גינזבורג, ד"ר ב. האָפמאַן (צביון), ד"ר א. יאַרמולינסקי, יהודה יאפע, י. ל. כהן, יעקב לעווין, ל. לערער, ד"ר ש. מאַרגאָשעס, ק. מרמר, יעקב מילך, ד"ר א. מעריסאָן, ש. ניגער, יצחק ריבקינד, ד"ר י. שאַצקי, חיים שויס.

און ס'קומען ידיעות ווידעראַמאָל פון לעטלאַנד, פון עסטלאַנד, פון ווילקאָמיר, מאַנהיים א. א.

אין די ווייטערדיקע „ידיעות פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטי־טוט", וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די נ"נ 83, 85, 88, 90, 93 „ליט. בלעטער" האָבן מיר זייער אינטערעסאַנטע באַריכטן וועגן דער אַלץ־פאַרצווייגטער אַרבעט און איניציאַטיוו סיי פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און סיי פון די באַזונדערע סעקציעס און קאָמיסיעס ווי אויך פון די אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע שטעט און לענדער.

עס האָט זיך געגרינדעט די „היסטאָרישע סעקציע" אויף א פאַר־זאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 31סטן אָקטאָבער 1925 אין בערלין אונטערן פאָרזיץ פון פּראָפ' שמעון דובנאָוו, ווו עס זענען געווען ד"ר מ. ווישניצער, א. טשעריקאָווער, יעקב לעשצינסקי, נ. שטיף. עס ווערט צווישן אנדערן באַשלאָסן ארויסצוגעבן א היסטאָרישן זאַמלבוך אויפן זעלבן שטייגער ווי דער פילאָלאָגישער זאַמלבוך, וואָס די פילאָלאָגישע סעקציע, מיט דער הילף פון דעם ב. קלעצקין־פאַרלאַג האָט גענומען גרייטן אין וואַרשע־ווילנע.

און א באַזונדערע רובריק גיט איבער וועגן די אַרטיקלען און גרע־סערע נאָטיצן, וואָס זענען געדרוקט געוועזן וועגן דעם ייוואָ אין פאַרשי־דענע צייטונגען אין גאָר דער וועלט. עס ווערן איצט שוין אָנגעגעבן דריי אַדרעסן צו שיקן מאַטעריאַלן פאַרן ייוואָ: צו ד"ר נ. שטיף, בערלין, צו ד"ר י. שאַצקי, ניו־יאָרק, און צו ד"ר מ. ווײַנרייך, ווילנע.

אינעם נומער פון דעם 18־טן דעצעמבער 1925 (נ' 85) „ליט. בלעטער" האָבן מיר אָנווייזונגען פון דער ביבליאָגראַפישער קאָמיסיע, וואָס הייסן: „ארבעטס־פּרינציפּן פאַר דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע". אַט די פּרינציפּן זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די קאָרעספּאָנדענטן, וואָס זענען שוין געווען אין פיל צענטערן און אין פאַרשידענע יידישע ישובים. עס איז פאַרעפנטלעכט א נייע אַנקעטע וועגן לאָקאַלע יידישע לעגענדעס, וואָס די עטנאָגראַפישע קאָמיסיע בעט צו זאַמלען. און עס קומען קבלות מיט נעמען פון די זאַמלער אין פאַרשידענע שטעט — תל־אָביב, וואַרשע, לוצק, ווילנע, קאַליש, קאָלנע, סאַרנאַקי א. א. וו. און עס זענען דאָ באַריכטן וועגן די סוב־קאָמיסיעס, וואָס אַרבעטן אַרום דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע אין בערלין, ניו־יאָרק, ווילקאָמיר א. א.

און עס קומט אויך באַלד ליטע, — די געבענטשטע שטאָט קאָוונע, מיט אירע גלענצנדיקע קולטור־אינסטיטוציעס, מיט איר פיינער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט א וואך הארץ און אן אָפן אויג פאַר אַלדי קול־טור־פאַרמעסטן פון פּוילן, קאָוונע און מיט איר ליטע איז נאָענט צום פּוילישן יידנטום, איז גרייט צו העלפן, אָבער די ווילדע פּאָליטיש־רעאַק־ציאָנערע כוחות פון די ביידע מלוכות האָבן אָוועקגעשטעלט מחיצות, וואָס האָבן געמאַכט אוממעגלעך אַט די צוויי טייערע יידישע ישובים, זיי זאָלן זיין ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן.

און עס איז ממש צום באַוווּנדערן, ווי אין לויף פון אַ פּאָר חדשים איז דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אויסגעוואַקסן אין אַן אמתער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן און די יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ האָט זיך געשטעלט אין אירע רייען צו טון אַלץ פאַר איר. די אָפּרופן האָבן איבערראַשט, זיי האָבן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען.

און עס האָבן זיך גענומען שיטן פּראָיעקטן און ווּנטשן פון אַלע זייטן, און די הענט זענען פול געווען מיט אַרבעט, מען האָט געאַקערט דעם באָדן און געווען פאַרנומען מיט פאַרזייִ און גלייכצייטיק — מיטן שניט.

די ידיעות פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט זענען טאַקע פול מיט דערפרייענדיקע באַריכטן, מיט אָנזאָגן אויף אַרבעט, מיט אַ רייכן בריוו־אויסטויש, בריוו וואָס קומען פון אַרבע פּינות העולם, פון אָנגעזעענע פאָרשער און געלערנטע און פון טייערע־טרייע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן געהאָלפן, אָפטמאָל אויף אַ זייער פּרימיטיוון און נאַאיוון אופן, אָבער מיט באַגייסטערונג, בויען די נייע יידישע פאָלקס־קולטור־אינסטיטוציע. אַט לייען איך איצט די נעמען פון די פאַרשידענע זאַמלער, פון די קאָרעספּאָנדענטן אין פאַרשידענע עקן וועלט, און יעדער נאָמען — איז אַ וועלט פאַר זיך, אַ מענטש, וואָס האָט בייגעטראָגן און צוגעטראָגן זייער פיל אויף פאַרשידענע געביטן פונעם יידישן לעבן, ליטעראַטור, שאַפן און וויסן!

אונדז וועט נאָך אויסקומען צו דערציילן וועגן דעם ייוואָ און זיין ווייטערדיקן גאַנג אינעם יידיש־פּויליש לעבן, און אויך וועט אינטערעסאַנט זיין צו מאַכן פאַרגלייכן מיט זיין איצטיקן צושטאַנד.

איצט האָבן מיר געוואָלט דערציילן וועגן זיין אויפקום, וועגן זיינע ערשטע נישט־זיכערע טריט און דעם ערשטן אָפּקלאַנג פון זיין גרינדונג אין דער יידישער וועלט.

20

וווּקס און נאָכוווּקס פון קולטור־שעפערישע כוחות

דאָס פּראָבלעם פון וווּקס און נאָכוווּקס פון קולטור־שעפערישע ליטעראַרישע און קינסטלערישע כוחות איז איצט איינע פון די האַרבסטע און שאַרפסטע אין דער יידישער קולטור־וועלט.

איז דאָ אַ נאָרמאַלער און כסדרדיקער צופלוס און צושטראָם פון נייע קינסטלער, איז דאָ אַ גרויסער און לעבעדיקער רעזערוואַר, וואָס קאָן צו־שטעלן נייע יונגע „קאַנדידאַטן" פאַר די קולטור־קינסטלערישע רייען? — דאָס איז אַן עיקר־פראַגע און עיקר באַדינג פאַר דעם ווייטערדיקן לעבן און וווּקס פון אַ ליטעראַטור, קולטור.

מיר דאָ, אין צפון אַמעריקע, און זיכער איז די לאַגע אויך אַזוי אין דרום־אַמעריקע, שטייען כסדר פאַר אָט דעם ווייטיקדיקן פּראָבלעם, ווען מיר זעען, ווי די געניסער און פּראָדוצירער פון דער יידישער קולטור באַ־שטייען בעיקר פון די מיטליאָריקע, וואָס זענען געבוירן און אויפגעוואַקסן געוואָרן דאָרטן, אין דער „אַלטער היים", און קיין היי־געבוירענע אָדער היי־אויפגעהאָדעוועטע יידישע שאַפער אויף די פאַרשידנסטע געביטן, זעען מיר כמעט נישט. אויב יאָ — איז עס אַן אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם טרויעריקן אַלגעמיינעם געזעץ. אין דער יידישער ליטעראַטור אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע, אין אַרגענטינע און בראַזיל האָבן מיר נישט קיין באַדייטנדיקע צאָל נישט נאָר פון שרייבער, קינסטלער, שוישפּילער, געבוירענע דאָ, אין די נייע לענדער, נאָר מיר האָבן אויך ווייניק היי־געבוירענע לייענער, באַזוכער פונעם יידישן טעאַטער און אַקטיווע אָדער אפילו פּאַסיווע קולטור־טוער.

די לאַגע אין דעמאָלסדיקן פּוילן איז געווען אַ סך אַ בעסערע און געזינטערע, הגם אויך דאָרטן זענען מיר געווען עדות פון אַ שטייגנדיקער אַסימילאַציע און פון טרויעריקע פּראָצעסן פון דער פאַרפרעמדונג פון טיילן פון דער יידישער יוגנט. אָבער אין קיין פאַל נישט אין אַזעלכע צאָלן און מאָסן און אין אַזאַ שרייענדיקער פּראָפּאָרץ ווי דאָ ביי אונדז.

איך בין שוין אין אַמעריקע עלף יאָר, זינט 1938, און די גאַנצע צייט, זינט מיינע ערשטע שריט איבער דער יידישער אַמעריקע, קומט מיר אויס צו שטיין ביי בויענדיקע און אַקטיווע קולטור־אינסטיטוציעס, ביי אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, ביי פאַרלאַגן, אַרום לערן־אַנשטאַלטן, פאָלקס־אוניווערזיטעטן, פאָלקס־כאָרן א. אַ. וו., מיר איז פאַר די עלף יאָר אויסגעקומען דורכצוקרייצן עטלעכע מאָל די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אויפטרעטן אויף הונדערטער גרעסערע און קלענערע פאַרזאַמלונגען, און אומעטום האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דער ממש־טראַגישער לאַגע — מען זעט נישט קיין יוגנט, מען זעט נישט קיין צוּוווּקס און נאָכוווּקס.

אָבער ווי אַנדערש איז געווען דער מצב אין פוילן, — אין וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, אין פיל אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט און שטעטלעך!

פאַר די 17 יאָר פון מיין לעבן אין פוילן זענען פאַר מיינע אויגן אויפגעוואַקסן דיכטער, פּראָזאַאיקער, שוישפּילער, מאָלער און אויך גרויסע צאָלן יוגנטלעכע צוהערער. איך דערמאָן מיך די אוידיטאָריעס, פאַר וועלכע אונדז איז אויסגעקומען צו רעדן, — דאָס רוב זענען עס געווען פון יונגע מענטשן, — אָנגעהויבן פון אַ 16־17 יאָר און ביז די 30־קער! איך פיר דורך דורכן זכרון די פאַרשידענע דראַמאַטישע שולן, שטודיעס, די ליבּהאָבער־קרייזן, די פאָלקס־כאָרן, די צושויער־זאַלן אין יידישע טעאַטערס, דער עולם ביי לעקציעס, ביי ליטעראַרישע דיספּוטן, — און אַלץ יוגנט און יוגנט!

אָט מיש איך די „ליטעראַרישע בלעטער" און טרעף זיך אָן כסדר אויף פאַרשידענע קולטור־שאַפערישע טעטיקייטן, און — ווידעראַמאָל בעיקר יוגנט!

אָט לייען איך אַ באַריכט — טאַקע געשריבן דורך מיר — וועגן „באַריכט־לעקציעס (עקזאַמענעס) פון די שילער פון דער דראַמאַטישער שול אין וואַרשע, סובסידירט דורך דער „קולטור־ליגע" („ליט. בל." נ' 8, פונעם 27סטן יוני 1924). איך האָב אינעם באַריכט נעמען פון טייערע, האַרציקע יונגעלייט, בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געטריי און מיט מסירת־נפש זיך פאַרנומען מיט דער שטודיר־אַרבעט אין דער דראַמאַטישער שול. לאָמיר ציטירן אייניקע שורות פונעם באַריכט:

„קאַרגע צוויי יאָר קומען פאַר די לימודים אין דער דראַמאַטי־שער שול ביי אויסערסט־שווערע באַדינגונגען. די שול האָט ניט קיין פּאַסנדיקן לאָקאַל, פון צייט צו צייט בעט זי זיך איין ערגעץ־ווו אין א שול. צייטנווייז איז אויסגעקומען יעדן טאָג צו זוכן אַן אַנדער דירה אויף די לעקציעס. ווינטערצייט האָט מען אייניקע חדשים גע־לערנט אין א נישט־געהייצטער דירה. די לעקציעס קומען פאַר אין די אָוונט־שעהן, די שילער — דאָס רוב אַרבעטער און אָנגעשטעלטע — קומען נאָך א 8־10 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג מידע און פאַרמאַ־טערטע. זיי האָבן קיין צייט נישט און קיין מעגלעכקייט צוצוגרייטן די לעקציעס, דורכצופירן אַליין די רעפּעטיציעס, א. אַ. וו.

„דער שול קומט אויס צו אַרבעטן ביי אַ שטענדיקן כראָנישן געלט־מאַנגל. די לערער באַקומען גראָשנס און נישט צו דער צייט א. אַ. וו.” „די שילער זענען געקומען אין דער שול מיט א ברען, מיט ליידנשאַפטלעכער ליבע צום טעאַטער. און נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען, איז נאָך דער ברען עד־היום דאָ...” „דער צושטאַנד פונעם יידישן טעאַטער איז אַזאַ, אַז נישט איינצלנע גע־שולטע אַקטיאָרן קאָנען אים באַנייען, נישט אין איינצלנע אַקטיאָרן איז דאָ א מאַנגל. עס פאָדערט זיך אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אינעם גאַנצן טעאַטער־וועזן. קיין איין שפּאַרבער וועט קיין פרילינג נישט מאַכן... נאָר א קאָלעקטיווער סטודיע־טעאַטער, וואָס גייט פון אָנהויב אָן אויף קלאָרע וועגן, קאָן אַרויספירן דעם טעאַטער פונעם זומפּ. א גוט־אָרגאַניזירטע גוט־צוגעגרייטע יונגע טרופּע, מיט קלאָרע קינסט־לערישע אויפגאַבן, ביי גוט־דורכשטודירטע און גוט־רעזשיסירטע פּיעסעס — קאָן פיל אויפטון. אַזאַ מין גאַנצער טעאַטער־קאָלעקטיוו קאָן שפּעטער אַריינגעמען עטלעכע באַגאַבטע אַקטיאָרן, וואָס זאָלן זיך אַריינפּאַסן אין דעם אַנסאַבל פון דער טעאַטער־סטודיע. פון צייט צו צייט דאַרף מען אויך אַריינציען רעזשיסערן פון דער פרעמד — אויף רעזשיסירן איינצלנע פּיעסעס”.

אָט ביי די שטימונגען, פּערספּעקטיוון און אויסזיכטן האָט די דראַמאַ־טישע שול געגעבן פאַר אייניקע מיטגלידער פונעם פּלענום פון „קולטור־ליגע” אירע באַריכט־לעקציעס. עס זענען אויפגעפירט געוואָרן דורך די

שילער פּרצעס „שוועסטער" (געשפּילט באַראַדאָווסקאַ, קראַמאַזש, גאָלדבוים, קליין), שלום עליכמס „נאַר אַ דאָקטאָר" (קורלענדער, קראַמאַזש, פּאָטאַשינסקי, ראַפּעל, פּאָזנאַנסקי), פּרץ הירשביינס „אליהו הנביא" (וואָלפּשטאַט, באַראַדאָווסקאַ, בירנבוים, סטערניצקאַ, ש. קליין, קורלענדער, הירשפעלד), „גרינע פעלדער", אַקט איינס (וואָלפשטאַט, נאַסבערג, ראָזען, קאָן, קרייזבלאַט, הירשפעלד, קאַמינער, בראָמבערג). די אַלע זאַכן זענען אויפגעפירט דורך דוד הערמאַן. עס זענען אויך באַוויזן געוואָרן מאַסן־סצענעס פון טאָלערס „מאַסע־מענטש", אויפגעפירט דורך מ. וויכערט . . .

די אויפפירונג איז געגעבן געוואָרן אויף עק קרולעווסקאַ און גזשיבאָוו, טיף אין צווייטן הויף, אין אַ אַלטן הויז, אין אַן אָפּגעלאָזענער „אָרט"־שול,וווּהין מ'איז אַרויף אויף הילצערנע טרעפּ דורך אַ פינצטערן קאָרידאָר. און סאַר אַ דערהויבנקייט עס האָט זיך געפילט אין דער אַרבעט, אין די דערגרייכונגען! סאַר אַ יוגנט־פייער עס האָט געשלאָגן פון דער יונגער חברה, וואָס אייניקע פון זיי האָבן דערנאָך פאַרנומען, און די לעבנס־געבליבענע פאַרנעמען עד היום אַן אָרט אינעם בעסערן יידישן טעאַטער איבער דער וועלט !

וואָס פאַר אַ גינסטיקער באָדן דאָס יידישע פּוילן איז געווען פאַר די פאַרשידענע פּרוּוון און פאַרמעסטן פון אַ יונגן עולם! ווי גוט עס איז געווען ביי די סאַמע שווערסטע אויסערלעכע באַדינגונגען צו קומען פּנים אל פּנים מיט דער טייערער האַרציקער פּראָווינץ זעען מיר, ווי יעדער גוטער אָנהויב האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען און האָבן אַ רעזאָנאַנס איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געווען אַזוי נייגעריק צו אַ פריש יידיש ערנסט וואָרט, צו אַ קונסט־ווערק !

אָט האָבן מיר אַ זייער אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון א. ליטוואַק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די יונגע הערמאַן־טרופּע" („ליט. בלעטער" פון 14־טן אויגוסט 1925), וואָס הויבט זיך אָן אַזוי :

„איך האָב זיי געטראָפן — דוד הערמאַנען מיט זיין וואַנדערטרופּע — אויף דער סטאַנציע נאָוואָיעלניע, איך בין מיט זיי געפאָרן אין איין וואַגאָן מיט דער קליינבאַן קיין נאָוואָגרודעק. פּערצן מענטשן זענען זיי, אַלע געוועזענע תלמידים פון דער דראַמאַטישער שול ביי דער קולטור־ליגע אין וואַרשע. דורכאויס יונגוואַרג, אַ פּאָר

פון זיי נאָך כמעט קינדער. זיי פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, אָפטער פון שטעטל צו שטעטל — שפּילן טעאַטער. פאַרמאָגן דערווייל אַ קליינעם רעפּערטואַר: הירשביינס „גרינע פעלדער", אַנסקיס „דיבוק", פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", וואָס גייט ביי זיי אין איין אָוונט מיט הירשביינס „אליהו הנביא"..."

און אָט ווי אונדזער טייערער, דאַכט זיך גאָר „קאַלטער ליטוואַק" — א. ליטוואַק — באַשרייבט זייער שטייגער־לעבן, וואָס קלינגט איצט ווי עפּעס אַן אויסגעטראַכטע מעשהלע:

„ווי גייען זייערע געשעפטן? ווי אַמאָל. איז דאָ פּאַרוואָס — עסן אַלע מיטאָג, פּאַרפּאָרט מען אין אַ האָטעל, לייגט מען נייע זוילן אויף די אַלטע שיך. איז נישטאָ, — עסט מען זויערמילך מיט קאַר־טאָפל, גאַנץ אָפט קאַרטאָפל אָן זויערמילך, שלאָפט מען איבער אין אַ היי־שטאַל און מ'גייט אין שיך מיט אָפּגעריבענע זוילן. אָפט קומט אויס צו פאָרן זאַלבע זיבן אויף אַ קליינשטעטלשן וואָגן, וואָס טריי־סלט אַרויס די ביינער. און ביי אַזעלכע באַדינגונגען רעפּעטירט מען, גרייט מען צו נייע פּיעסעס. אָבער פריילעך איז מען. מ'לאַכט, מען שטיפט. מ'איז פול מיט יוגנט, האָפענונג און אָפּפערווייליקייט, דורכ־געדרונגען מיטן ווילן צו הויבן זיך, צו הויבן דעם יידישן טעאַטער".

און אָפּשטעלנדיק זיך אויפן שפּילן פון אייניקע יונגעלייט אין די „גרינע פעלדער", שרייבט א. ליטוואַק:

„ווי פאַר אָנפאַנגער איז דער גאַנצער אַנסאַמבל געווען גאַנץ גלאַט צוזאַמענגעשפּילט. עס האָט נישט געגרילצט אין אויער, נישט געשניטן דאָס אויג, וואָס עס טרעפט, ליידער, אָפט ביי אונדזערע אַלטע רוטינירטע טרופּעס..."

ווייטער מאָלט א. ליטוואַק מיט רירנדיקע ווערטער די טעטיקייטן פון דער הערמאַן־טרופּע:

„די טרופּע פאָרט איבער שטעטלעך, ווו טעאַטער איז בכלל אַ זעלטענע פרי. דאָ נישט לאַנג זענען דאָרטן געווען פּראָווינציעלע טרופּעס מיט דער „רומענישער חתונה", און אַלט און יונג זינגט

איצט נאָכאַנאַנד „מאַך עס, מאַטיע, נאָך אַמאָל!" ווען הערמאַן קומט אָן מיט זיין טרופּע אין אַ שטעטל, איז דער עולם פאַרחידושט: זעט נאָר, אַזעלכע יונגעטשקע! און ווי אָרעם זיי גייען אָנגעטון! הייגט די זאַכן וואָס זיי שפּילן, אָן געזאַנג, אָן טענץ!... דעם ערשטן מאָל קומט אין טעאַטער נאָר די שטעטלשע אינטעליגענץ; דער איבערי־קער עולם שטייט אין דרויסן און קוקט אַריין דורך די שפּעלטלעך. אויף מאָרגן, אַז מ'דערוויסט זיך — געווען גוט — גייען שוין אַלע. און מ'איז אַזוי צופרידן, אַז די „גרינע פעלדער", למשל, קומט כמעט אומעטום אויס צו שפּילן נאָך אַמאָל. אין באַראַנאָוויטש און סלאָ־נים האָט די טרופּע געשפּילט צו 4 מאָל און איצט פאָדערט מען, זי זאָל קומען אַהין נאָך אויף אַ דריי־פיר אָוונטן. אין נאָוואָגרודעק האָט דער עולם געכאַפּט התפּעלות דערפון, וואָס מ'הערט נישט דעם סופליאָר: ס'טייטש, גאָר אָן אַ סופליאָר, קאָנען אַלץ אויסנווייניק!... דעם ערשטן מאָל אין לעבן זעען מיר עס ! . . . "

און וואָס די טרופּע באַטייט פאַר דער אָרטיקער יידישער אַרבעטער אינטעליגענץ הערן מיר ווייטער :

„די הערמאַן־טרופּע ווערט אויסגעשריבן פון אַ ביבליאָטעק, פון אַן אָרטיקער אָפּטיילונג פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע; די טעג, וואָס די טרופּע פאַרברענגט אין אַ שטעטל, איז אַן אמתער קולטור־יום־טוב פאַר דער יוגנט און פאַר דער אָרטיקער יידישיסטי־שער אינטעליגענץ. ערשטנס, אַ קונסט־גענוס, צווייטנס, דערוויסט מען זיך פון וואַרשע, פון טעאַטער, ליטעראַטור־פראַגן, באַוועגונגען. אין פאַרגליווערטן לעבן פונעם שטעטל טראָגט זיך אַריין אַ פרישער שטראָם, און נישט איינעם גיט עס אָן אָנרעגונג, אַ שטויס די פאַר־שלאָפענע כוחות. לכתחילה רעדט די ביבליאָטעק אָדער די אָרטיקע אָפּטיילונג פון דער שול־אָרגאַניזאַציע אויס פאַר זיך אַ געוויסן פּראָצענט פונעם ריינעם פּראָפיט. אָבער דערנאָך איז זי אַזוי צופרידן, אַז זי זאָגט זיך אָפּ כמעט אומעטום פונעם דאָזיקן פּראָצענט. און אַז עס גייט אַמאָל מיטן פּוטער אַראָפּ און מ'דאַרף אויסלייען די אַרטיסטן אויף פאָרן ווייטער, עפנט מען מיט חשק די אָרעמע קע־שענעס. יאָ, די געשעפטן גייען נישט אומעטום פויגלדיק. צוליב

דעם קריזיס. מוז מען שטעלן נידעריקע פּרייזן. און דאָס ארומפּאָרן קאָסט טייער. די אָרטיקע אדמיניסטראַציע מאַכט אָפט שוועריקייטן מיט דער דערלויבעניש. אין נאָוואָיעלניע, למשל, זענען שוין די אַרטיסטן געווען אויף דער בינע, בעת דער פאָרשטייער פון דער אָרטיקער מאַכט האָט דערקלערט, אַז מ׳מוז האָבן אַ דערלויבעניש פון סלאָנים״.

אין עטלעכע חדשים אַרום איז דער קערן פון אָט דער דוד הערמאַן־טרופּע, צוזאַמען מיט דוד הערמאַן, אַריין אין דעם „אַזאַזעל״־טעאַטער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע פעברואַר 1926 (די ליטונג פונעם טעאַטערל זענען געווען: דוד הערמאַן, הענריק בערלעווי, טעאַ אַרצישעווסקאַ). דאָס ערשטע פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון אַ 20 נומערן, צווישן אַנדערן: י. ל. פּרצעס „צוויי יונגלעך״; שלום עליכמס „נאָר אַ דאָקטאָר״; „דער גאַסן־פּויקער״ פון מ. ל. האַלפּערן; אָריענטאַלישע באַלאַדן פון משה בראָדערזאָן, „אַ באַנק אין קראַשינסקים גאָרטן״, פון טונקעלער; חסידיש, מאָנאָלאָגן, פּאַראָדיעס א. אַ. וו. די טרופּע האָט געשפּילט אין דעם סימאָן־פּאַסאַזש, וווּ עס איז געווען די „קולטור־ליגע״, אויף דעם פערטן שטאָק. מען פלעגט זיך שלעפּן אויף די הויכע שטאָקן צופוס. אויסער דער הערמאַן־טרופּע זענען געווען אייניקע שוישפּילער ווי וו. גאָדיק, אָלאַ לילית, פרידע־לוריע א. אַ. עס האָט געוויט אַ פריש פרילינגס־ווינטל פון אָט דעם קונסט־טעאַטערל, און עס האָט אָנגעשטעקט די שטיפערישע מונטערקייט און די יוגנטלעכע חוצפּה . . .

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז געווען די שרייבערישע יוגנט אין יידישן פּוילן. די צאָל פון אָט דער יוגנט איז געווען גרויס, און די צאָל איז שטענדיק געוואַקסן. און ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן. עס איז געווען אַ מחיה צו־צוזען אָט דעם כסדרדיקן וווּקס. אָט זיצט מען אין דער רעדאַקציע „ליט. בלעטער״ און עס יאָוועט זיך אַריין אַ יונגערמאַן, אַ יונג בחורל אָדער מיידל, און מען איז זיכער, אַז עפּעס ברענגט מען שוין און מען איז נייגעריק צו זען וואָס אַזוינס. פאַרשטייט זיך, אַז אָפט איז מען געקומען מיט נישט קיין רייפע פרוכט, מיט געקינצלטע אָדער נאָכגעמאַכטע לידער אָדער לידלעך. אָבער אָפט האָט מען געבראַכט אויך עפּעס רעכטס.

אָט בין איך איצט אין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק, שוין אַ מעשה פון

11 יאָר, איך זיץ שוין איבער צען יאָר ביי אַ רעדאַקציע־טיש פון דעם חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור", אָבער קיין יוגנט, וואָס זאָל ברענגען בכורים־ווערק איז נישט געקומען, זי איז נישטאָ, אינגאַנצן נישטאָ!

און וויפל פון די ערשט־יונגע אין פוילן זענען גלייך אריין אין דער ליטעראַרישער וועלט, אין דער פּרעסע אָדער אין דער ליטעראַטור! איצט ווען מען גיט אַ טראַכט וועגן אַ צאָל פון זיי, גייט דורך אַ ציטער איבערן לייב; אַ טייל פון יענער טייערער יוגנט איז אומגעקומען, זייערע נעמען זענען צווישן די אומגעקומענע און פאַרשניטענע אין פוילן אָדער אין פּאַריז, און בלויז אַ טייל לעבט און איז צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט.

איינער פון די, וואָס האָט געטראָגן די פאָן פון די יונגע און איז אַלעמאָל ארויסגעטרעטן אין זייער נאָמען, האָט געמאָנט רעכט און באַציאונג צו זיי איז געווען דער דיכטער ביניש זילבערשטיין, — אליין נישט גאָר קיין געזונטער. ער האָט געהאַט אַ שווער לעבן, אַ שווערע יוגנט, איז געווען אין שפּיטאָל און געשריבן לידער, געשיקט בריוו אין די רעדאַקציעס, ארויסגעגעבן זאַמלונגען און אפילו צוגעטראָטן אין יאָר 1925 ארויסצוגעבן אַן אָרגאַן פאַר דער יידישער ליטעראַרישער יוגנט אין פוילן מיטן נאָמען „שפּראָצונגען".

אָט איז אַ מודעה וועגן דעם טאָפּל־נומער 4־5 „שפּראָצונגען", וואָס הייסט „חודש־אָרגאַן פאַרן יונגן יידישן וואָרט", און עס באַטייליקן זיך אין אים: אהרן בעקערמאַן, מ. בערנהאָלץ, אורי גליקלעך, מ. דזשאַלאָווסקי, ש. ווולמאַן, נאָטע וואָלפאָוויטש, ביניש זילבערשטיין, ש. כאַזאַן, דוד מיצמאַכער, מ. נאַטיש, א. ד. ספּארד, ז. וו. עלבירט, י. פוריע, י. פּערעל, י. ל. קאהן, ל. קירשענזאַפט, שלמה ראָזענבערג, י. שטערנפעלד, ש. ל. שניידערמאַן.

דאָס זענען ווייט נישט אַלע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום אָט דער קליינער יוגנט־טריבונע. אין אַ רעצענזיע וועגן די ערשטע 5 נומערן ווערט די צאָל אָנגעגעבן אין 20 יונגע דיכטער. עס האָבן זיך באַטייליקט אויך א. וואגלער, י. זיפּער, י. רובינשטיין א. אַ. מען וואָלט געקאָנט וועגן אַ גרויסער צאָל פון אָט די 20 רעדן אויספירלעכער און וויזן זייער וועג, זייער גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור אין די וויטערדיקע יאָרן. יעדער איינער פון די אויסגערעכנטע האָט דורכגעמאַכט וועגן און אומוועגן,

אנדערע האבן געשטיגן גיך אויף די שטאפלען און זענען טאקע אריין אין דעם היכל פון דער יידישער ליטעראטור, אנדערע ווידער — האבן פארענדיקט זייער לעבן, אדער ריכטיקער פארשניטן געווארן פאר דער צייט. מיט אייניקע באגעגענען מיר זיך איצט אין דער ליטעראטור, אין דעם יידישן קולטור־שאפערישן לעבן, ווי דוד ספארד, ש. ל. שניידערמאן, י. זיפער, שלמה ראזענבערג, י. רובינשטיין א. א. ביינעש זילבערשטיין גופא, דער רעדאקטאר און איניציאטאר פון אט דעם ארגאן, איז אומ־געבראכט געווארן דורך די דייטשע בעסטיעס ערגעץ אין בעלגיע, וווּ ער האט געלעבט און, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך געמאטערט די לעצטע יארן פאר זיין טראגישן אומקום. ער האט פארעפנטלעכט א ריי לידער־ביכער, צווישן אנדערע — „צעפאלונג" און געהאט גרייט א ראמאן „אייביק פארמשפטע" פונעם לעבן פון די אומהיילבארע קראנקע.

עס זענען געווען יונגע שרייבער, יונגע לויט זייערע יארן און יונגע לויט זייער דיכטערישן אדער קינסטלערישן סטאזש, וואס זענען גלייך אריינגעטראטן אין דער יידישער ליטעראטור, אין דער יידישער פרעסע, אין דער ליטעראַרישער סביבה, אויסמיידנדיק די ספעציעלע „יוגנט־סביבות" און די טריבונעס פאר יונגע. דאן האבן צו אט די יונגע גע־הערט נישט נאר קאדיע מאלאדאווסקי, וואס האט שוין דעביוטירט אין קיעוו אינעם זאמלבוך „אייגנס", און נאך אן איבעררייס פון עטלעכע יאר האט זי אנגעהויבן ווערן טעטיק דיכטעריש, אויך רחל קארן, וואס האט געגומען שרייבן ארטיקלען און דערנאך לידער אין די „ליט. בלע־טער" יוסף קירמאן, אהרן צייטלין, וועלכער האט צו 13 יאר פארעפנט־לעכט א ליד אין „יודישע וועלט" און נאך זיין צוריקקומען פון ארץ־ישראל, איז ער אריינגעטראטן אין דער ליטעראַרישער וועלט, פארעפנט־לעכט מיסטישע און סימבאלישע קבלה־לידער און אינטעלעקטועלע לי־דער, ברוך אליצקי, דער צווייטער ברודער פון די ברידער אליצקי (שפע־טער וועט צוקומען דער דריטער ברודער מאטעס אליצקי), יצחק בא־שעוויס, וואס מיר האבן גערופן איטשעלע, דער יינגערער ברודער פון י. י. זינגער, ער, יצחק, איז געקומען א יונג, רויט און שעמעוודיק בחורל, א לענגערע צייט געווען דער קארעקטאר און דער אינטערוויו־מאכער אין די „ליט. בלעטער" מיט יידישע שרייבער, ווי דער יונגער ש. ל. שניי־

דערמאָן איז געװען דער „שמועסער" מיט פּױלישע שרײַבער, שױשפּי־לער און קינסטלער.

מיר האָבן אױך געהאַט דעם אָנפאַנגער אברהם העשל, — אַ זון פון אַ רבין, דאַן געקלײדט אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, איצט איז ער דער פּראָפעסאָר אינעם טעאָלאָגישן סעמינאַר, דער בונדיסט ה. גוטגעשטאַלט, דער דיכטער און דערצײלער מרדכי אלעי, װאָס האָט געהאַט זײַן אײגע־נעם דרך און זײַנע אײגענע ספּעציפישקײטן בײַם שרײַבן און אינעם לעבן, ש. זאַראַמבע, װאָס איז געקומען װי אַ דיכטער, איז געװאָרן אַ ליטעראַ־טור־קריטיקער און עסײאיסט, און דער פּעאיקער טאַלענטפולער, דער מושלם אהרן מארק, װאָס איז געװען אַ „מאדים" אין שפּראַכן, געהאַט אַ גלענצנדיקן חוש פאַר ײדיש, האָט איבערגעזעצט פיל װערק, צװישן אַנדערע — ראָמען ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף", און װער רעדט — װעגן ישראל שטערן, װאָס נאָך גאָר אַ יונגערמאַן האָט ער פאַרמאָגט אוצרות װיסן, אַ לאַסט און אַ ירושה פון אָבות, מיט אַ שװער לעבן הינטער זיך און מיט אַ שװער געמיט. ער איז געװען טיף אָריגינעל און עכט־ײדיש, געהאַט אַ באַזונדערן חוש פאַרן ײדישן שאַפן, אַ באַזונדער קוק און אױס־טײַטש פון דער ײדישער װירקלעכקײט און פון ײדישע שרײַבער. און דערצו געמאָנט פון זיך גופא און מורא געהאַט אַרױסגעבן פון זײַנע שאַפונגען אַ ספר, געהאַט צופיל אָפּשײ פאַר אַ געדרוקט װאָרט און פאַר דער ײדישער ליטעראַטור.

די אױסגערעכנטע װײַט נישט אַלע האָבן אױף פאַרשידענע אופנים געצױגן זײער װײַטערדיק לעבן. מען האָט װעגן יעדן פון אײנעם געקאָנט און באַדאַרפט מאריך זײַן, אָבער דאָס איז דאָך נישט די אױפגאַבע פון אונדזער בוך. מיר גיבן דאָך בעיקר דאָס אַלגעמײנע בילד פונעם ײדישן קולטור־שאַפערישן לעבן אין פּױלן.

װען מען רעדט װעגן דעם ײדישן קולטור־שאַפערישן לעבן אין פּױלן, קאָן מען דאָך נישט אױסן לאָזן דעם דיכטער י. מאַנגער, װאָס האָט טאַקע געלעבט אין בוקאַרעשט, און אין יאַסי און אין טשערנאָװיץ, אָבער זײַן עיקר װוקס און אַנטװיקלונג איז דאָך געװען אין פּױלן. אַט ליגט פאַר מיר אַ באַנד „ליט. בלעטער" פון יאָר 1927 און אױף זײַט 89 (נ' 5 פון 4־טן פעברואַר) האָבן מיר אַ זײַט מיט אַן אױבער־קאָפּ „פון דער ײדישער דיכטונג אין רומעניע" און עס זענען דאָ אָפּגעדרוקט צװײ לי־

דער — איין ליד פון י. מאנגער, וואס הייסט „זבארזשעריאדע״ (א נאכט אין די בוקארעשטער קרעטשמעס) און א צווייט ליד פון א. שטיינבערג „גאט פון ליבע״. אבער דערנאך איז שוין איציק מאנגער געווארן אינגאנצן א „משלנודיקער״.

הקיצור, אויף דעם ליטעראַרישן פעלד האבן מיר געהאט כסדר א וווקס פון יונגע און יונגיטשקע, וואס זענען געקומען פון פארשידענע טיילן לאנד און האבן געבראכט, יעדער איינער אויף זיין אופן, די בשורה פון דעם יונגן יידישן שאפן, — אויב נישט אין דער פולער און רייפער פארם, איז מיט אנזאג אויף וווקס און אנטוויקלונג.

און אוודאי האבן מיר עס געהאט אויף דעם יידישן שול־געביט. דאס יידישע שול־וועזן אין דער יידישער שפראך, אנגעפירט דורך דער ציש״א האט געהאט כסדר א צופלוס פון יונגע לערער. אויף די לערער־סעמינארן אין ווילנע און אין ווארשע (אין ווארשע — קורסן, קורצטערמיניקע!) האט מען געטראפן יונגע שילער מיט א רייך יידיש און אלגעמיינעם וויסן, וואס האבן זיך געגרייט ספעציעל פאר דער יידישער שול.

אין ווילנע, ווו עס האט געפירט זיין שטענדיקע און סיסטעמאטישע ארבעט דער לערער־סעמינאר (אויף אזשעשקאווע גאס), זענען פארגעקומען צום ערשטן מאל אין 1926 מלוכה־עקזאמענעס אין דער יידישער שפראך. דאס איז געוועזן פאר דעם דעמאלדיקן פוילן ממש א רעוואלוציע, — און אלע אבסאלווענטן האבן באקומען לערער־קוואליפיקאציעס, באשטעטיקט פונעם פוילישן בילדונגס־מיניסטעריום.

„במעט אלע תלמידים, וואס האבן געענדיקט, — לייענען מיר אין דער מעלדונג פון ציש״א, — זענען שוין אוועק ארבעטן אין די שולן, אדער, ווען ס׳איז נויטיק געוועזן צו קאמפלעטירן לערער־פערסאנאלן אדער אין ניי־געשאפענע אנשטאלטן״. „די ידיעות, וואס ס׳באקומט די שול־ארגאניזאציע, זענען זייער דערפרייענדיקע. ס׳ווייזט זיך ארויס, אז די 5 יאר ארבעט אין סעמינאר, האבן זייער א סך געגעבן, אומעטום האבן די יונגע לערער אריינגעבראכט א סך ברען, אמתע איבערגעגעבנקייט דער יידישער שול. מיט זייער התלהבות האבן זיי פשוט אויפגעלעבט אנשטאלטן, און

פּאַרפּעסטיקט אויך נייע אינסטיטוציעס. דאָס איז געווען אַ וואָ־רעמער שטראָם בלוט אין דער יידישער שול גראָד אין דער שווע־רער צייט, ווען דער יידישער שול קומט אויס אַזוי זיך צו ראַנג־לען, האָט דער אידעאַליזם פון דעם נייעם לערער־דור אָפּגעפּרישט די אַרבעט. אויף אַלע פּעדאַגאָגישע קאָנפערענצן איז דער אנטייל פון די יינגסטע לערער אַן ערנסטער, אַ וואָגיקער. די שול־אָרגאַ־ניזאַציע האָט באַקומען נייע באַגייסטערטע שול־טוער. די יונגע לערער באַגרענעצן זיך אָבער נישט בלויז מיט דער שול. זיי פירן אין אַלע שטעטלעך אַ אינטערעסאַנטע און אינטענסיווע קולטור־אַרבעט. זיי ווייסן, אַז די שול איז אַ טייל פון אונדזער קולטור־רענעסאַנס. דער ערשטער אַרויסלאָז — פאַרענדיקט זיך די מעל־דונג פון דער ציש״אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) — איז דעריבער אַן אוצר אויך פאַר דער יידישער קולטור־אַרבעט בכלל״.

וואָס קאָן מען צוגעבן צו אָט די עטלעכע אָפּיציעלע שורות — אויף אונדזער יידיש קולטור־לעבן אין אַמעריקע דאָס נעמלעכע געזאָגט געוואָרן, אָמן!

און זיכער האָט אויך אַ שייכות צו דעם איצטיקן קאַפּיטל, וועגן וווּקס און נאָכוווּקס פון קולטור־שאַפערישע כוחות אינעם יידישן פּוילן, די אינטערעסאַנטע און ערנסטע גרופּע יונגע יידישע היסטאָריקער מיטן נאָמען „יונגער היסטאָריקער״, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ ספּע־ציעלן סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע ביי דער יידישער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע און אַרויסגעגעבן ביים קלעצקין־פאַרלאַג און ביי די „ליט. בלעטער״ שריפטן, וואָגיקע זאַמלביכער „יונגער היסטאָריקער״. איך געדענק גוט די גרופּע, וואָס האָט מיט אַזאַ אייפער און איבערגע־געבנקייט געגראָבן זיך אין אַלטע מאַטעריאַלן, אויסגעגראָבן דאָקומענטן פונעם יידישן לעבן אין פּוילן, געפאָרן איבער פאַרשידענע שטעט, גע־נישטערט און געזוכט אין פּנקסים און אין כראָניקעס, און עס אויפגע־זאַמלט און באַאַרבעט. אין דעם ערשטן נומער, וואָס איז דערשינען זו־מער 1926, זענען אַריין אַרבעטן: פון ד״ר עמנואל רינגלבלום (וועגן דריי יאָר סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע, וועגן דעם לעבן פון די וואַר־

שעווער יידן אין 15־טן י"ה); פון ד"ר רפאל מאהלער (געשיכטע און פאָלק, וועגן טעאָריעס פון דער יידישער קולטור־געשיכטע); פון יעקב בערמאַן — איצט אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייט אינעם נייעם פּוילן — (די אויפגאַבן פון דער היסטאָרישער סעקציע פון ייד. וויס. אינסטיטוט, די יידן אין פּוילן אין דער צווייטער העלפט פונעם 17־טן י"ה); און נאָך און נאָך אַרבעטן פון א. טענענבוים, ל. צאַמבער, ב. מאַנדעלסבערג, פּנחס קאָן, חוה וואַרשאַווסקא, א. אַ.

אין די ווייטערדיקע נומערן האָבן פאַרעפנטלעכט וויכטיקע היס־טאָרישע אַרבעטן י. טראַנק, א. אייזענבאַך (דער שוואָגער פון ד"ר ע. רינגלבלום) און אַנד. זיי אַלע זענען געווען טרייע תלמידים פון פּראָפּ' מאיר באַלאַבאַן און ד"ר יצחק שיפּער, און זיי האָבן די אַלע אַרבעטן געפירט אונטער זייער אויפזיכט און אָנווייזונגען.

דאָס איז געווען דאָס יידישע פּוילן: אַ יוגנט אויף אַלע געביטן פונעם יידישן שאַפן, אַ טרייע יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן פאָראויס, פאַרמאָגט אַ דראַנג פאַר וויסן און געווען טיף איינגעוואָרצלט אינעם יידישן לעבן!

21

טלאָמאַצקע 13

„טלאָמאַצקע 13", — דער לאָקאַל פון דעם וואַרשעווער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ערשטן גאָרן, מיט די פענצטער און אַ באַלקאָן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דורך טלאָ־מאַצקע גאַס אויף דעם פּשעיאַזד געסל, — איז שוין געוואָרן אַ שם־דבר. ווער האָט די לעצטע יאָרן נישט געשריבן און נישט געמאָלט אָט די דירה, וואָס איז פאַרבונדן מיטן יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן פון די יידן אין פּוילן, מיט די יידישע שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער! דאָס בילד פון דעם יידישן קולטור־פּוילן וואָלט נישט געווען גאַנץ, ווען איך שטעל זיך נישט אָפּ ביי „טלאָמאַצקע 13" און גיב נישט קיין כאַראַקטעריסטיק און באַשרייבונג פון אָט דעם אָרט, דעם עיר־מקלט, דעם קולטור־צענטער,

דעם בית־וועד לחכמים, דעם טרעף־פונקט פאַר אַלע שלעק, אַנשיסעגישן, ווי פאַר גרויסע און וויכטיקע פערזענלעכקייטן. קדושה און חוליז, יום־טוב און וואָך, באַרימטקייט און פּאַרוואָרלאָזקייט, דערפאָלג און ני־דערלאַגע, אַלט און יונג, טאַלענטפולע און טאַלענטלאָזע, — אַלץ האָט זיך מערקווירדיק געזאַמלט און געפּאָרט אין אָט דעם אָרט, וואָס קיין שום אַנדערער יידישער צענטער אין דער וועלט האָט נישט באַוויזן צו שאַפן עפּעס ענלעכס צו דעם.

„טלאָמאַצקע 13" האָט זיך געפונען אין עק פון דער קורצער גאַס טלאָמאַצקע, ווו עס איז געווען די באַרימטע טלאָמאַצקע־סינאַגאָגע, מיט דעם גרויסן פּריצישן הויף, מיט דער גרויסער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק, און לסוף — מיט דער שיינער נייער געביידע פון דעם יודאַאיסטישן אינס־טיטוט. אָט די געביידע איז אויף אַ מערקווירדיקן אופן אויפגעהיט גע־וואָרן און איצט געפינט זיך דאָרטן דער יידישער היסטאָרישער אינסטי־טוט, די רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן", אַ רייכע יידישע ביבליאָטעק א. אַ. וו. פון טלאָמאַצקע גאַס האָט זיך דירעקט געצויגן די לאַנגע יידישע לעשנאָ גאַס. טלאָמאַצקע האָט איבערגעהאַקט די שטאָט וואַרשע אויף דער פּוי־לישער טייל און אויף דער יידישער. העכער פון טלאָמאַצקע איז געגאַנגען ביעלאַנסקע צו דעם טעאַטער־פּלאַץ א. אַ. וו. פון טלאָמאַצקע לינקס האָט זיך געצויגן דער באַנק־פּלאַץ, וואָס האָט געפירט צו עלעקטאָראַלנע, צום זאַקסישן גאָרטן, צו גזשיבאָוו. הכלל, טלאָמאַצקע איז געווען אין סאַמע צענטער פון דער יידישער וואַרשע. אַלע וועגן האָבן זיך געצויגן דורך טלאָמאַצקע, ווי אַלע וועגן פון דעם יידישן קולטור־ליטעראַרישן און קינסטלערישן פוילן האָבן זיך געצויגן צו „טלאָמאַצקע 13". און אַזוי ווי רוים איז נישט אין איין טאָג אויפגעבויט געוואָרן, אַזוי איז אויך „טלאָ־מאַצקע 13" נישט אין איין טאָג געשאַפן געוואָרן.

עס איז נישט געווען קיין איין „טלאָמאַצקע 13", נאָר אַ סך, פאַר־שידענע, פאַרשידנאַרטיקע. און סוף כל סוף האָט יעדער איינער געהאַט און געזען און אויפגעפאַסט אַזאַ „טלאָמאַצקע 13", ווי ער האָט געוואָלט אָדער עס האָט זיך אים געוואָלט. „טלאָמאַצקע" איז געווען אָפן אַ גאַנץ יאָר, יעדן טאָג און יעדן אָוונט און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. עס איז געווען אָפן פאַר אַלעמען, די טיר האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרמאַכט. און ווען איר זענט נישט אַריינגעפאַלן אַהין, אין דער פרי אָדער שפּעט

אין אָוונט, — שטענדיק האָט איר דאָרטן געטראָפן די שטאָם־זיצער און סתם־געסט. איר האָט זיך באַשטעלט מיט מענטשן אויף טלאָמאַצקע 13, און איר האָט געטראָפן דאָרטן מענטשן, וואָס איר האָט געוואָלט און נישט געוואָלט זען. מען האָט דאָרטן געהאַט אַ רעסטאָראַן, ווו מען האָט געקאָנט אַזוי אויף איין פוס איבערכאַפּן דאָס האַרץ און אויך עסן אַ גוטן מיטאָג, וואָס די צוויי קעלנערינס, — די שטענדיקע מאַניאַ און אַ צווייטע פּאָליע האָבן דערלאַנגט. אָפט זענען געוועזן אויך מענער־קעלנער, וואָס זענען געווען אייגן און היימיש, אויסגעבונדן מיט יעדן איינעם און וואָס האָבן שוין געוווּסט די „שוואַכקייטן", קאַפּריזן, מיחושן פון יעדן איינעם פון די שטענדיקע באַזוכער.

יאָ, טלאָמאַצקע 13 איז געווען פאַר די פאַרשידענע הונדערטער באַזוכער דאָס, וואָס זיי האָבן דאָרטן געזוכט און באַגערט. פאַר איינע — אַ שטענדיקע היים, וואָס האָט פאַרביטן דאָס אייגענע הויזגעזינט, וועלכע האָט זיי געפעלט. האָט מען טאַקע געטראָפן דאָרטן אָט די שטענדיקע תּושבים, וועלכע האָבן דאָרטן ממש געטאָגט און גענעכטיקט. זיי זענען אַמאָל ערגעץ געגאַנגען, מ'האָט נישט געוווּסט אייגנטלעך זייער אַן אַנדער אַדרעס אָדער מקום־מנוחה, זיי זענען ערגעץ אַוועק אויף אַ ווייל, בלויז אויף איבערצונעכטיקן, אָבער גלייך צוריקגעקומען „אַהיים", צו זיך, אין די אייגענע ד' אמות. אויך אָט די שטענדיקע „תּושבים" האָבן זיך מיט דער צייט געביטן, — אַ דור איז אַוועק און אַ דור איז געקומען אין משך פון די 17 יאָר, וואָס איך האָב גוט געקענט טלאָמאַצקע 13. עס זענען אויך געווען אייניקע, וואָס, דאַכט זיך, אַז איך האָב זיי געטראָפן אין מיין ערשטן און לסוף אין מיין לעצטן באַזוך, — אין 1921 און ענדע 1937. מיט אָט די האָט מען זיך פאַרשפּאָרט גריסן אָדער זיך אָפּגעזעגענען, זיי זענען שטענדיק דאָ, זיי פעלן קיינמאָל נישט אויס.

אָט די באַשטענדיקע באַוווינער פון טלאָמאַצקע 13, די „זאַווסיעגדעטאַאי", ווי מען זאָגט עס אין רוסיש, האָבן שוין געהערט צו דעם רומל, צום מעבל, כמעט צו די „אומבאַוועגלעכע גיטער" פון טלאָמאַצקע 13.

צו זיי האָט געהערט ש. זאַקס, — ער איז געבוירן אין אקמיאַן, קיעווער גוב. אין 1873, ער האָט אַמאָל, אַמאָל, דעביוטירט אין שלום עליכמס „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק" 1889, מיט אַ ליד, אַרומגערייזט אַ

שטיק וועלט אין אַ שליחות פון אַ גרויסער פירמע, געווען אין קאַווקאַז, טערקיי, עגיפּטן, א. א., מיטגעאַרבעט אין רוסישע צייטונגען, דערנאָך געלעבט אין לאָדזש, אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, איבערגעזעצט פאַרן „מאָמענט" ,פאַר איר מיטאָג־אויסגאַבע, פאַרשידענע ראָמאַנען, אייניקע זענען אַרויס אין בוכפאָרם. ש. זאַקס איז געווען אַ טונקל־שוואַרצער, ער האָט אויסגעזען ווי אַ שפּאַניער, אָדער ציגיינער, געלייענט שטענדיק רוסישע צייטונגען, געדענקט שטיקער לידער פון פּושקין, נעקראַסאָוו, לערמאָנטאָוו, און ווי געלעבט ערגעץ אין אַנדערע עולמות, הגם ער איז כמעט נישט אַרויסגעטראָטן פון דעם ליטעראַטן־פאַראיין. עפּעס געדענקט זיך נישט, ער זאָל זיצן ביים עס־טיש און עסן, אָדער עפּעס טרינקען. ער האָט זעלטן אויך אָנגעקערט מיט דעם, וואָס עס האָט זיך געטון אַרום, ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין שמועסן, אין וויכוחים, נאָר געשטאַנען דערביי און געהערט און געווען פאַרטראָגן אין זיינע אייגענע, אפשר חרובע וועלטן. אין די זייטן־קעשענעס האָבן שטענדיק געשטעקט רוסישע צייטונגען פון פּאַריז, בערלין, אַמאָל אויך פון מאָסקווע. אַמאָל נאָר פלעג ער מיט מיר כאַפּן אַ שמועס, אָבער אַלץ אַרום דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט אין אַ רוסישער צייטונג וועגן דער עלטערער רוסישער ליטעראַטור.

און אונדזער ליבער און האַרציקער און רירנדיקער הערשעלע (דאַנילעוויטש), געבוירן אין ליפּנע, לעבן מלאַווע אין 1882, אָבער ער האָט געהערט מיט זיין לייב און לעבן צו לאָדזש, און דערנאָך אַריבער קיין וואַרשע און איז פאַרוואָרצלט געוואָרן אינעם ליטעראַטן־פאַראיין. ער איז געווען טאַקע, ווי זיין נאָמען, אַ הערשעלע, געבליבן אַזוי ליב־קינדיש, הגם ער האָט זיך גענוג אָנגעליטן און אפילו געווען אין דער שווייץ, געזעסן אַרעסטירט ווי אַ פּאָליטישער „פאַרברעכער", געשריבן און געזאַמלט פאָלקס־לידער. ער איז געווען אַ שטענדיקער באַווינער פון טלאָמאַצקע, דאָ געהאַט זיין היים, זיין באַשעפטיקונג און דאָ זיך אויסגעלעבט מיט זיינע פריידן און ליידן. אַלע, פאַרשטייט זיך, האָבן אים ליב געהאַט, געהאַט צו אים מער מיטלייד און מיטגעפיל ווי אינטערעס און באַציאונג. ער איז געווען ביי פיל אַ שיק־יינגל, זיך אָפט געפּיעשטשעט און געקלאָגט, אָבער אין תוך איז ער געווען אַ מין „באָנציע שוויג", וואָס האָט דערצו געשריבן און געהאַט אויך אייניקע אמביציעס און שוואַכקייטן.

דער ליטעראַטן־פּאַראיין האָט אים חתונה געמאַכט, געקראָגן א ביסל געלט פאר אים, געגעבן אים א ביסל אויסשטייער, און וועגן דעם אַלעמען זענען ארומגעגאַנגען גוטמוטיקע מעשיות און אַנעקדאָטן, וואָס מען האָט איבערדערציילט און, ווי דער שטייגער, יעדעס מאָל צוגעזאָלצן און צוגעפעפערט. ער איז געשטאַנען אַרום די פאַרשידענע טישלעך, נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט, זעלטן אַריינגעמישט א וואָרט, וואָס האָט געהאַט אַלע זיבן טעמים. ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיין באַזוך און לעבן אין דער שווייץ, וועגן די אַלפּן־בערג, וואָס זייער איינדרוק האָט זיך נישט אָפּגעטון פון אים. ער האָט געהאַט א באַזונדער פּיעטעט פאַר שוואַכע און באַליידיקטע, געווען א שטיקל אַנהענגער פון דער „אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי", וואָס איז געווען קליין און שוואַך, אויסגעפירט אויך דאָרטן אייניקע פּשוטע שליחותן. דער באַנקעט, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט פאַר הערשעלען אין ליטעראַטן־פּאַראיין, איז געווען באַשריבן צו ווערן. עמעצ האָט עס שוין געטון. עס איז געווען מערקווירדיק, ווי דער קליינער, שטילער, באַשיידענער הערשעלע, דאָס שיקייינגל איז זיך געזעסן אויבנאָן ביי די פיין־געדעקטע טישן און אַרום אים — די אָנגעזעענע שרייבער, זיי האָבן גערעדט וועגן אים און זיין שרייבן. דערנאָך האָט ער געלייענט פון זיינע דיקע, גאָר דיקע העפטן נאָאיווע, פּרימיטיווע לידלעך. עס איז געווען א מין אָרעמע חתונה, וואָס מען פּראַוועט אין גאָר־רייכע גבירישע הייזער פאַר אַן אָרעמער יתומה, נעבעך, א שלימזלניצע. סאַר א רירנדיקער באַנקעט און ווייטיקדיקע פּייערונג! און אויף מאָרגן איז הערשעלע שוין ווידער געווען דער אָרעם־בחור, דאָס שיק־ייִנגל, הגם ער איז שוין געווען א מענטש איבער פופציק, אָבער דאָס קינדישע און ייִנגלשע האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטון!

און אָט איז מ. שניאור, — דער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר, דירי־גענט און בויער און אָנפירער פון די פאָלקס־כאָרן אין וואַרשע. ער איז געווען אָפּגעלאָזן, מיט א געדיכטער פעך־שוואַרצער קוטשמע האָר, מיט אָפּגעריסענע שטאַרק־גלאַנצנדיקע, טונקעלע קליידער און מיט גאַנץ־שמוציקע הענט און פינגער מיט שוואַרצע רעמלעך אַרום די נעגל. איז ער זעלטן אַרויסגעגאַנגען פון דעם ליטעראַטן־פּאַראיין, סיידן אין די זעלטענע אָוונטן, ווען ער האָט געהאַט א כאָר און געשטודירט מיט זיי פאַר א באַזונדערן קאָנצערט. ער איז געזעסן א האַלב־דרימלענדיקער, ווינטער —

אָפּטער ביי דער הרובע, די הענט אריינגעשטעקט אין די אָרבל, ווי עפּעס א פאַרוואַקסענער בער, וואָס שלאָפט איבער די קאַלטע, ווינטער־חדשים. איך ווייס נישט, צי ער האָט געלייענט אַמאָל אַ בוך, אַ ציימונג, — דאָס איז אים זיכער נישט אָנגעגאַנגען, ער האָט געלעבט אין זיין מוזיקאַלי־שער וועלט, און בלויז גערעדט וועגן דעם. אויף רעפּעטיציעס מיטן כאָר האָט ער אויפגעלעבט, אַרויסגעוויזן טעמפּעראַמענט און ברען און פייער און ענערגיע. נאָך עטלעכע וואָכן איינקנעלן און איינשטודירן מיט דעם פאָלקס־כאָר וויכטיקע מוזיקאַלישע שאַפונגען פאַר אַ פאָרשטייענדיקן קאָנצערט, פלעגט ער שרעקלעך אויסגעמאַטערט ווערן און צו דעם קאָנ־צערט גופא פלעג ער שוין קומען איינגאַנצן אָן כוחות און הייזעריק ווי די וואַנט. און ווי נאָר דער קאָנצערט איז אַריבער, איז ער ווידעראַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון האַלב־שלעפעריק און מיד און אָפּגע־לאָזט, און ווידער ווי דער בער אין די ווינטער־חדשים, געזויגט זיין אייגענע לאַפּע . . .

אַ לעבעדיקער, זשוואַווער, ממש קוועקזילבער איז געווען אונדזער באַרימטער אַרנאָלד, וואָס איז כלומרשט געווען אַ מין „הויפנאַר", אָבער אין אמתן איז ער געווען קלוג און דורכגעטריבן און געפּירט יענעם ביי דער נאָז. אַרנאָלד איז גוט באַקאַנט געווען, ריכטיקער — באַרימט געווען נישט נאָר אינעם טעאַטער, נאָר אויך ביי דער יידישער פּרעסע, צווישן יידישע ליטעראַטן. ער איז געווען די לעבעדיקע בריק צווישן דעם טעאַ־טער און דער פּרעסע, ער איז געווען דער פּרוביר־שטיין, דער באַראָמע־טער, און ער האָט קונציק געקאָנט מאַכן, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע „פּובליסיטי" (רעקלאַמע). ער איז גאָרנישט געווען אַזאַ נעבעכל, ווי ער האָט זיך געמאַכט, ווען מען האָט באַדאַרפט צום עסק. ער איז געווען דער „מורה־הדרך" פון יעדן גאַסטראָליאָר, פון יעדן טעאַטער־דירעקטאָר. דער דערפאָלג פון אַ „סטאַר" איז ביי אים געווען דער בעסטער מעסטער. ביי אים איז אַ גאַסטשפּילער מיטאַמאָל דערהויבן געוואָרן, און ער האָט געקאָנט אַזוי האַסטיק פאַלן. ער האָט געהאָלפן ווען מען האָט באַדאַרפט דערהויבן אַ שוישפּילער, און אויך אים דערנידעריקן. ער איז געווען אומעטום אַ בן־בית, אין יעדער רעדאַקציע געהאַט זיינע מיטהעלפער, אָנגעהויבן פונעם רעדאַקטאָר, רעצענזענט, און ענדיקנדיק מיט דעם זע־צער. ביי אַ פּרעמיערע, האָט ער צווישן איין אַקט און צווייטן געשמעקט

און געגישטערט, געקוקט אין די אויגן און ער האָט באצייטנס געוווסט דעם אורטייל, דעם פּסק־דין. ער האָט אָפּט געקעמפּט מיטן רעצענזענט, אויסגעפּועלט גוטס און נאָך בעסערס פאר זיינס א ליבלינג. ער איז געווען א לעבעדיקע פּאָסט, שנעל איבערגעגעבן זאכן, וואָס זענען געווען א „סוד גמור". ער איז געווען אן אייגענער אין אַלע רעדאקציעס, און גע־האט זיינע דרכים ווי דורכצוזעצן נאָטיצן און מעלדונגען און בילדער ווי עס האָט זיך געלוינט זיין „ליבלינג" אין דער געגעבענער צייט. און אַזוי אויך פאַרקערט, ער האָט מקרב געווען דעם קץ איינעם, וואָס האָט זיך געגומען קאַטשען באַרג־אַראָפּ . . .

ארנאָלד האָט געהאט זיין אופן פון רעדן, ער האָט געשאָטן גלייב־ווערטלעך, און אָפּט זייער געלונגען און טרעפלעך און געטראָפן אין ציל אריין. דער שטענדיקער פּלאַץ פאר זיין ארבעט און איינפלוס איז געווען דער ליטעראַטן־פאַראיין, הגם ער האָט געהערט גאָר צום ארטיסטן־פאַר־איין, וואָס האָט געהאט זיין לאָקאַל אויף לעשנאָ 2, אנטקעגן טלאָמאַצ־קע 13. ארנאָלד איז געווען א לעבעדיקער קוואַל פון פּיקאַנטע מעשיות פון שוישפּילער, דירעקטאָרן, סטאַרן, וואָס ער האָט דערציילט זייער גע־שיקט און קונציק. ער האָט געהאט א מאַניר, א שפּיי צו טון אויף דער רעכטער דלאָניע און א וויש געבן אויף זיינע געדיכטע האָר. ער האָט טריי געאַרבעט פאר דעם בעסערן יידישן טעאַטער, ווי פאַרן ערגערן, אָבער זיין הארץ און נשמה זענען דאָך געווען ביים ערנסטן יידישן טעאַטער, וועמען ער האָט מיט לייב און לעבן ליב געהאט . .

און אָט גייט אויף פאַר מיין זכרון דער נידעריקער, איינגעהויר־קערטער, אויסגעדאַרטער קלמן קאַמאַשנמאַכער. ער האָט געהערט, ווען איך בין געקומען קיין פּוילן, צו דעם לינקן „בונד". ווו ער האָט גענו־מען כוחות צו פירן דעם שווערן קאַמף, איז באמת א סוד. ער איז געווען קראַנק, מיט טובערקולאָז און אפשר מיט אן אַסטמע דערצו. ער האָט געהאַט א פאָר קלוגע אויגן און א שיין פּנים, אן אויסגעאיידלטס, אן אויס־געצערטס, א דערהויבנס. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט די אָנגעזעענ־סטע שרייבער, געזעסן מיט זיי ווי אן אייגענער, ער האָט, משמעות, ליב געהאט די שרייבערישע סביבה, הגם ער איז פּראָפעסיאָנעל און אידעאיש געווען ווייט פון איר.

ווען איך בין געקומען קיין פּוילן אין 1921, האָט מען געזאָגט,

אַז אָט דער שוואַכער קלמן קאַמאַשנמאַכער האָט פאַרטריבן דעם „רעכטן", זייער באַגאַבטן און באַליבטן וולאַדימיר מעדעם פון פּוילן. קלמן האָט אים באַזיגט, און וולאַדימיר מעדעם, דער פירער, דער טעאָרעטיקער, דער גייסטרייכער רעדנער, האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי נאָכגעבן און פאַרלאָזן פּוילן. עמעץ פון די קינסטלער האָט אויף דעם ווייסן ביי־שטעדל פון דעם פענצטער אין ליטעראַטן־פאַראיין, אָפּגעמאָלט די פיגור פון קלמן קאַמאַשנמאַכער, און נאָך זיין טויט (אַפּריל 1926) האָט מען אַרויפגעלייגט אַ גלאָז, עס זאָל בלייבן לדורות זיין געשטאַלט, — אַזוי באַליבט און געאַכט איז ער געווען!

איך וואָלט געקאָנט ציען ווייטער און ווייטער דעם צעטל פון די פאַרשידענע מענטשן, שרייבער, קינסטלער, מוזיקער, שוישפּילער, גראַ־פּאַמאַנען, אומגליקלעכע און טראַגישע פּערשוינען, וואָס האָבן געמאַכט דעם ליטעראַטן־פאַראיין פאַר זייער צווייטער אָדער גאָר — ערשטער היים. זיי שטייען אַלע פאַר מיר און עס איז לייכט צו דערציילן וועגן זיי, צו שילדערן זיי. עס זענען געווען פאַרשידענע סעזאָנען און פאַרשידענע פּע־ריאָדן, און מענטשן האָבן זיך געיאָוועט, און זענען פּלוצים פאַרשוווּנדן. און יעדער מענטש — אַ וועלט פאַר זיך!

יאָ, דער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין איז געווען נישט נאָר אַן עיר־מקלט, אַ קולטור־צענטער, נאָר אויך אַ אינטערעסאַנטער „זאָלאָגישער גאָרטן" פון פאַרשידענערליי אויסטערלישע מענטשן־חיות, און טאַקע זעלטענע עקזעמפּליאַרן, זעלטענע אין אַלע הינזיכטן.

אָבער לאָמיר לאָזן אָט די אַלע ספּעציעלע מערקווירדיקע טיפּן און פּערשוינען און לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף די פאַרשידענע וויכטיקע שריי־בער, וואָס האָבן אָפּט געגעבן דעם טאָן און האָבן אַרויסגערופן די פאַר־אינטערעסירונג פון די אַרומיקע און אויך פון די פרעמדע, וואָס פּלעגן קומען אין ליטעראַטן־פאַריין מיט דער דעה און מיט דער האָפענונג אַליין צו זען און אָנצוקוקן די שרייבער, וואָס זענען געווען באַליבט און פאַר־ערט ביים עולם סיי אין וואַרשע און סיי אין דער פּראָווינץ.

ה. ד. נאָמבערג, אין די יאָרן און אין די חדשים, וואָס ער איז גע־ווען אין וואַרשע, איז ער געווען ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן לי־טעראַטן־פאַראיין. ער איז געווען דער פּאָרזיצער פונעם פאַראיין אַ לענ־גערע צייט, ער האָט זיך געפילט דער אַפּוטרופּוס פון דעם יידישן שריי־

בער, און ער האָט דאָך געצויגן, אויף זיין אופן און שטייגער, די ליניע פון י. ל. פּרץ, הגם אים האָבן לחלוטין געפעלט די אייגנשאַפטן פון צו זיין אַ גייסטיקער פירער, א רבי, אַ צענטער. מיט אַלע זיינע מעלות טו־בות האָט ער אויפגעהיט אין זיך אָט די „מהיכי־תיתידיקייט", וואָס האָט כלל נישט אימפּאָנירט די קעמפּער און צוימען־ברעכער. דערצו האָט ער אָפט געהאַט מאָדנע שוואַכקייטן: אָט האָט ער גענומען טאַנצן, און גע־וואָלט און איין צייט טאַקע אריינגעפירט אין ליטעראַטן־פאַראיין טענץ. דאָס האָט אַרויסגערופן פּראָטעסטן און ווידערווילן מצד פיל מיטגלידער, וועלכע האָבן געוואָלט זען אין ליטעראַטן־פאַראיין נישט קיין פּלאַץ פאַר פאַרווײַלונג, נאָר אַ קולטור־צענטער. עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ קאַמף, מען זאָל דערלויבן צו שפּילן אין קאָרטן, די אָנהענגער פון די קאָרטן האָבן געטענהט, — מיט וואָס איז קאָרטן ערגער פון שאַך, דאָמינאָ א. אַ. ה. ד. נאָמבערגן זענען פרעמד געווען די הויכע פראַזן, די קאַמף־מעטאָדן פון די יונגע, און ער האָט געפירט מיט זיי אַ פּאָלעמיק אין „מאָ־מענט", און מען איז נישט געבליבן אים שולדיק, מען האָט אים צוריק אריינגעזאָגט. אָבער דאָך איז ער געווען די צענטראַלע פיגור, דער קלו־גער קאָפּ, און ביי יעדער פייערונג האָט מען אים צוגעטיילט דעם אויבנאָן, אויב ער איז נאָר געווען אין וואַרשע.

וואָס ז. סעגאַלאָוויטש איז געווען פאַרן ליטעראַטן־פאַראיין, און וואָס דער ליטעראַטן־פאַראיין איז געווען פאַר אים — דאָס איז גוט באַ־קאַנט. ער גופא האָט עס אויספירלעך באַשריבן אין זיין בוך אונטערן נאָמען „טלאָמאַצקע 13"*). ער איז געווען טיף פאַרבונדן מיט אָט דעם לאָקאַל, הגם פיל זאַכן און פיל מענטשן זענען אים נישט געווען צום האַרצן, און ער האָט גאַנץ אָפן געמורמלט קעגן זיי. צופרידן אָדער נישט, אָבער ער איז געווען אָפט פון די סאַמע פריסטע באַזוכער און פון די, וואָס זענען אַוועק צום לעצטן. ער האָט ליב געהאַט דעם ליטעראַטן־פאַר־איין ווי זיין אייגענע היים, און מיט אַלע פאַרדרוסן האָט אים געצויגן אַהין. ער האָט לאַנגע יאָרן אפילו געשריבן זיינע מעשיות, די פּאָרזע־צונגען פון זיינע ווערק ביי אַ טישל אין ליטעראַטן־פאַראיין, אָפט האָט שוין געוואַרט העדשעלע אויף דעם כתב־יד, ער זאָל אים גלייך אָפּטראָגן

*) דערשינען אַלס באַנד 9 אין דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", בוענאָס איירעס, 1946.

אין דער רעדאַקציע, — פריער אין „היינט" און דערנאָך אין „מאָמענט". ז. סעגאַלאָוויטש האָט דערנאָך נישט גערן אָנגענומען אַן אָפיציעלן אמט אין ליטעראַטן־פאַראיין, אָדער אין פּען־קלוב. ער האָט ליבערשט געוואָלט פאַרבלייבן „אייביק איינזאַם", ווי ער האָט אָנגערופן איינעם פון זיינע דערפאָלגרייכסטע ראָמאַנען.

און איין צייט, אין די יאָרן 1922־1926, איז פּרץ מאַרקיש געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע פיגורן אין ליטעראַטן־פאַראיין, ער פלעגט טאַקע אָפט אויפטרעטן מיט לעקציעס, וואָס האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. פּרץ מאַרקיש האָט שטענדיק גערעדט מיט פייער און ברען, ליידנ־שאַפטלעך, ער האָט דערביי געוואָרפן מיטן שיינעם קאָפּ, און זיין „טשופּ־רינע" איז געווען גאָר צעשויבערט, ווי זיינע אינטערעסאַנטע באַפליגלטע געדאַנקען, מעטאַפאָרן און אַפּשאַצונגען. מאַרקיש איז געווען אַ גוטער ברודער, אַן אמתער „נאַש בראַט" מיט אַלעמען. ער האָט האַרציק און גוטברודעריש געקלאַפּט אַלעמען אין דער פּלייצע און געווען מיט אַלע־מען „פּער דו" און אָפט „געשפּילט טעאַטער" מיט מענטשן און זיי גע־ווּנען מיט דעם.

און אַ פּאָר יאָר נאָך פּרץ מאַרקישן האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין ליטעראַטן־פאַראיין איציק מאַנגער, — אין תוך אַ שטיק קעגנזאַץ, אַ היפּוך פון מאַרקישן. אַן אַנדער אויסזען, מיט אַן אַנדער צוגאַנג צו מענטשן, שטענדיק פאַרטראַכט אין זיך, און מיט תרעומות צו זיך און צו מענטשן און צו וועלטן. ער האָט גיך פאַראינטערעסירט און פאַראינ־טריגירט דעם עולם אַרום, האָט שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע לעק־ציעס, אָבער בלויז אַן ענגער קרייז איז אים געווען נאָענט. אויך ער האָט געהאַט זיין שטענדיקע היים אין ליטעראַטן־פאַראיין, דאָ האָט ער זיך אויסגעלעבט. דאָ ביי טישלעך האָט ער געלייענט אויף אויסנווייניק זיינע לידער, דאָ ביי אַ טישל האָט ער געגרייט אַ בוך צום דרוקן, אָדער אַן אַן אַרטיקל פאַר אַ צייטונג. ער איז שטענדיק געגאַנגען אָפּגעלאָזן, מיט אַ גרויסן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, אָפטמאָל מיטן מאַנטל אויף די אַקס־לען. זיינע רעפעראַטן האָבן אויך געצויגן אַן עולם, אָבער גאָר אַנדערש האָט ער זיי צוגעטראָגן און לחלוטין אַנדערש האָט מען זיי אויפגענומען. מען האָט אַמאָל אויך געהאַט „טראָבל" (זאָרגן) פון מאַנגערן. ער איז אָפט, ווען ער איז געווען באַזונדערס אויפגערייצט און אויפגערעגט, נישט

געווען איבערקלייבעריש אויף א וואָרט, און נישט אַלע האָבן עס אָנגע־נומען פאַר ליב און נישט געוואָלט פאַרטראָגן. אָבער אַלע האָבן גע־שאַצט זיין איינגאַרטיקן און פאַרטיפטן טאַלענט, וואָס איז פאַר אַלעמען אין די אויגן געוואַקסן. פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווארשע, האָט ער די מערסטע צייט פאַרבראַכט אין ליטעראַטן־פאַר־איין, און אויך — די אָוונטן ביז העט־שפּעט אין דער נאַכט, אָדער ביז קאַיאָר.

אויסער אַט די איינצלנע, די אינדיווידועלע דיכטער און שרייבער, וואָס יעדער איינער פאַר זיך איז געווען א גאַר באַזונדערע און אָפּגע־שלאָסענע וועלט, זענען געווען גרופּעס און קרייזן, וואָס האָבן זיך גע־האַלטן און זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. אין פאַרשידענע צייטן זענען געווען אַזעלכע קאָלעקטיווע גרופּעס. אמאָל — א גרופּע אָנפאַנגער, — „שפּראָצונגען", שפּעטער — די גרופּע פון דער „ליטעראַרישער טריבונע", — די פּראָלעטאַרישע גרופּע דיכטער און שרייבער, וועלכע האָבן ביי די אויסערסט־שווערע פּאָליטישע באַדינגונגען אַרויסגעגעבן אין ווארשע, אָדער אין לעמבערג א צייטשריפט מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם פּראָלע־טאַרישן כאַראַקטער און אינהאַלט. צו זיי האָבן געהערט יעקב וואַסער־מאַן, שפּעטער — בונעם העלער, משה שולשטיין, איין צייט אויך קלמן ליס, יצחק דויטשער, כלאָונע קאַגאַן, משה קנאַפּהייס, דוד ספאַרד, שפּע־טער — מ. מירסקי און נאָך און נאָך, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער פּוילישער דעפענסיווע קיין פּאַריז.

א שטענדיקער באַזוכער איז געווען ד"ר יהושע גאָטליב, — אַליין גאָר א בכבודיקער, אָנגעזעענער און גוט־באַצאָלטער זשורנאַליסט, — לכתחילה אין „היינט", דערנאָך אין „מאָמענט". ער איז געווען א ייד א חכם, א פּיקח, און נאָך זיינע גוטע און אויסגעצייכנטע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן לייכט און עלעגאַנט, איז ער זיך געקומען אין ליטע־ראַטן־פאַראיין, געשפּילט א שאָך, אָדער גלאַט אַזוי געפירט קלוגע גוטמו־טיקע שמועסן מיט קענער. עס איז געווען פאַר א זייטיקן נישט־פאַר־שטענדלעך, ווי איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע, א גלענצנדיקער רעדנער, א פּרעכטיקער שרייבער זיצט, לאַנגע שעהען אין פאַראיין, איז „פאַן בראַט" מיט קאָמוניסטן, בונדיסטן, יידישיסטן, און אנשטאָט צו באַטייליקן זיך אין די הויכע ציוניסטישע אָדער גמינע־

אינסטיטוציעס, פאַרברענגט ער טאָג און אָוונטן אין דער נעסט פון „לצים", פון „לײדיקגייער", און ער, דער הויכער, דיקער, פולער ייד, מיט די הויכע פּלייצעס און צוואַקסענעם קערפּער פירט זיך אַרום מיט אַ קליינטשיקן קלמן קאַמאַשנמאַכער, וואָס דערגרייכט קוים צו זיין פּלייצע, אָדער זיצט ביים שאַך מיט עפּעס אַ ווייניק־באַקאַנטן שרייבער אָדער טוער.

און מנחם קיפּניס און זיין פרוי זמרה זעליגפעלד ביי אַ טישל, רעכטס אין ווינקל, איז געוועזן זיין אָרט, איז ער אַזוי געזעסן דאָרטן און געהאַלטן אין איין דערציילן מעשיות, וואָס ער האָט דערנאָך געשריבן אין „היינט". דאָס זענען געווען מעשיות פון חזנים, וואָס ער האָט גע־קאָנט אויסגעזבונדן, אָדער גאָר געשיכטעס פון באַרימטע אָפּערע־זינגערס, וואָס ער האָט גוט געקענט פון די יאָרן, וואָס ער איז געווען אין כאָר אין דער וואַרשעווער אָפּערע. און שוין אַ ביסל פאַרגוזמאַט און פאַרליטעראַ־רישט. ער האָט אויך פאַראויסדערציילט דעם פעליעטאָן, וואָס ער האָט אָפּט געשריבן, וועגן זיינע מכלומרשטע שמועסן מיטן „פּאַן מעצענאַס", — אַ פּוילישער שונא ישראל, אַן אַנטיסעמיט, וואָס איז אַלעמאָל געקו־מען צו אים, צו קיפּניסן, מיט טענות און מאַנונגען קעגן יידן און יידיש־קייט. ער האָט דערציילט גערן און מיט הנאה, און דאָס האָט אים אינס־פּירירט דערנאָך אָנצושרייבן עס מיט זיינע גרויסע „קאַטשערעס" פאַר דער צייטונג, וואָס פּשוטע יידן האָבן געלעקט ממש די פינגער, און ס'איז זיי גאָרנישט מיאוס און נמאס געוואָרן.

און אויף דער פּיאַנאָ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ „פּאָדיום", איז זיך געזעסן אַ מוזיקער, אַ קאָמפּאָזיטאָר, — הענעך קאָן אָדער עמעץ אַן אַנדערער — און האָט אויסגעקלאַפּט עפּעס אַ נייע מעלאָדיע פאַר אַ מו־זיקאַלישן נומער פאַר ערגעץ־ווו אַ טעאַטער אָדער קליין־קונסט־טעאַטערל.

און עס האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט כסדר מאָלער־צייכענער, — פעליקס פרידמאַן, יצחק ברוינער, אָדער גאָר דער דיכטער בער האָראָ־וויץ, וואָס האָט זיך מיט אייפער גענומען צו צייכענען. מען האָט גע־צייכנט סתם אַזוי זיך פון אַ חבר אַ פּאָרטרעט, אָדער גלאַט אַזוי צו זיך אין אַלבאָם־אריין. און מענטשן אַרום זענען געשטאַנען, געקוקט און געזאָגט מבינות.

און עס האָט זיך דערוויל אריינגערוקט ישראל שטערן, — מיט

אַן אַלטן, אָפּגעריבענעם מאַנטל אין די ווינטער־חדשים, אָדער מיט אַן אָפּגעפּאָרענעם אָנצוג אין די זומער־טעג, און אין די קעשענעס — צייטונגען, ביכער, בראָשורן, צעקנייטשטע, ווי זיין אָנצוג, און אָפּגעריבענע. און פאַרוואָקסן, טעג און וואָכן זיך נישט ראַזירט, מיט שיך לאַנג נישט געפּוצטע, מיט די שיך־בענדלעך צונויפגעקניפּט, האָט ער טרויעריק גערוואָרפן בליקן אויפן עולם, ווי ער וואָלט אָהער צום ערשטן מאָל געקומען פון אַן אַנדער וועלט. אויך ער פלעג אָפּט שרייבן פון אויבן, אויפן פּאָדיום, זיינע אַרטיקלען אויף די שמאָלע לאַנגע פּאַפּיר־פּאַסן, מיט זיין למדנישן כתב און סטיל און אינהאַלט. ער איז לעצטנס געוואָרן פרום, האָט ער זיך געוואַשן און געגעסן אַ קרופּניק מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט.

יאָ, עס איז אַ מעשה אָן אַ סוף — צו דערציילן און אַרויסצוברענגען די מענטשן, די שרייבער, קינסטלער, שוישפּילער, מוזיקער, לערער, קולטור־טוער, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טוער, פאַרלעגער, קאָרעקטאָרן, און סתם ליבהאָבער פון דעם יידישן וואָרט, פון יידישן שרייבער, מעצענאַטן, גוטע פריינד א. א. וו., וואָס האָבן געמאַכט פון טלאָמאַצקע 13 אַ בינשטאָק.

און עס איז געווען, ווי נאָר מען איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם ליטעראַטן־פאַראיין, האָט מען געלאָזט הינטער זיך די פּאַרטיי־דיסציפּלין, די שטרייט־פראַגן, די ווידעראַנאַנדן און ווידערשפּרוכן. דאָ אין ליטעראַטן פאַראיין איז מען געווען איינער צום אַנדערן לאָיאַל, נאָכגעביק און גוטמוטיק. און אויב עמעץ האָט זיך אַמאָל יאָ צעהיצט, האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף איינעם, וואָס פאַרגעסט ווו ער געפינט זיך, און ער ברענגט אַריין אָהער אַזעלכע זיטן און געוווינהייטן, וואָס זענען נישט אויפן אָרט.

אָבער עס מאַכט נישט אויס: זייער אָפּט איז דער ליטעראַטן־פאַראיין — די טריבונע — געווען אַן אָרט, אַ פּלאַץ, אַ פעלד פאַר גאַנץ־הייסע דעבאַטן און דיסקוסיעס און אידעאישע שטרייטן.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין דעם נישט גרויסן זאַל, ווו אַ גאַנצן טאָג און אָפּט — אַ גאַנצן אָוונט, זענען געשטאַנען די קליינע טישלעך, ווו זאַלבעפערט האָט מען געגעסן פרישטיק, מיטאָג, אָוונט־ברויט, געטרונקען טיי, קאַווע, — אין אָט דעם זאַל זענען פאָרגעקומען לעקציעס, רעפעראַטן, דיסקוסיע־אָוונטן פאַר אַ זייטיקן עולם, מיט אַן אָפּצאָל פון

יעדן בילעט. אזעלכע לעקציעס זענען פֿאָרגעקומען אַמאָל איין מאָל, אַמאָל צוויי און דריי מאָל אַ וואָך. דאַן האָט מען צעשטעלט בענקלעך, וואָס זענען געלעגן איינס אויף איינס אינעם דערבייאיקן טונקעלן צימער. און עס זענען געווען זיץ־פּלעצער פֿאַר איבער 250 באַזוכער און אַ פּאָר צענדליק שטיי־פּלעצער. אָפּטמאָל איז געווען קאָפּ אויף קאָפּ, און עס זענען אַריין מער פֿון 300 באַזוכער, מען האָט דאַן אָפּגעעפֿנט דעם „קאָנצעלאַריע"־צימער, צוגערוקט דעם טיש פֿון די זיצונגען, און מען איז געזעסן און געשטאַנען ווי שמחת־תורה אין שול ביי הקפות.

קיין איין קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע אָדער אַקטועל־ליטעראַרישע פֿראַגע איז נישט געבליבן אויסן די ווענט אינעם ליטעראַטן־פֿאַראיין. עס איז פֿאַרן פֿאַראיין געווען אַ קוואַל פֿון הכנסה, אַ צושטייער אויף דירה־געלט און אויף די מאָגערע שכירות פֿאַר די אָנגעשטעלטע.

מיט דער צייט האָט דער ליטעראַטן־פֿאַראיין אויך איינגעאָרדנט קאָנצערטן, וואָרט־קאָנצערטן, אויפֿטריטן פֿון זינגער, שוישפּילער, און דאָ זענען די קאָנצערטן איינגעאָרדנט געוואָרן עטלעכע מאָל אַ וואָך, בעיקר פֿרייטיק, שבת און זונטיק, — און נישט זעלטן — צוויי מאָל אַן אָוונט. פֿאַר אַ סוף־וואָך פֿלעגן אַדורך אַ 1.200 - 1.500 באַזוכער. מען האָט אין די יידישע טעאַטער־קרייזן גענומען שטאַרק מורמלען קעגן דעם ליטעראַטן־פֿאַראיין, וואָס פֿירט אַ קאָנקורענץ מיט די טעאַטערן, וועלכע האָבן גרויסע הוצאות, צאָלן שטייערן, האָבן צו טון מיט גרויסע אַנסאַמבלען און אָנגעשטעלטע, מוזן זיי שטעלן העכערע פּרייזן אויף זייערע בילעטן. און דערצו האָט דער ליטעראַטן־פֿאַראיין געהאַט גרויסע אומזיסטיקע אַנאָנסן אין דער יידישער פּרעסע, און אויך אין דעם יידיש־פּוילישן „נאַש־פּשעגלאָנד".

איין צייט האָט דער ניו־יאָרקער מאַריאָנעטן־טעאַטערל, מיט זוני מאָוד און יאָסל קאָטלער, געגעבן אין לויף פֿון עטלעכע חדשים קאָנצערטן מיט גרויס דערפֿאָלג. עס זענען דאָרט אויך פֿאָרגעקומען פֿרעכטיקע מאַריאָנעטן־פֿאָרשטעלונגען, אויסגעשניצטע דורך יצחק ברוינער, מיט טעקסטן פֿון משה בראָדערזאָן, י. מ. ניימאַן, לוסטיקער פּעסימיסט, טונקעלער א. ד. ג.

אַ גרויסע קינסטלערישע באַדייטונג האָבן געהאַט די קאַמער־טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, וואָס זענען געגעבן געוואָרן אויף דער אימפּראָווי־

זירטער בינע פון „טלאָמאצקע 13", פריער דורך אידא קאַמינסקי און זיגמונט טורקאָוו און שפּעטער דורך יאַנאַס טורקאָוו און דיאַנא בלומענפעלד, וועלכע זענען אויפגעטרעטן מיט פּיעסן פון דעם וועלט־רעפּערטואַר. די דאָזיקע פאָרשטעלונגען האָבן צוגעצויגן גרויסע מאַסן צושויער און זענען געווען נישט בלויז א קוואַל פון הכנסה, נאָר אויך וויכטיקע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

א לענגערע צייט האָט פאַרנומען די טריבונע פון ליטעראַטן־פאַראיין א פאָלקס־זינגער, וואָס האָט אַליין פאַרפאַסט דעם טעקסט און די מעלאָדיעס פאַר זיינע שאַפונגען, עס איז דער פּינסקער אייזן־סוחר יאָסעלע קאַלאָדני. א הויכער, ברייטפּלייציקער מיט א פולן טונקעלן געזיכט, האָט ער געזונגען זיינע זאַכן מיט א ברוסטיקער האַרציקער שטימע און איז שטאַרק געפעלן דעם ברייטן עולם. די פיינשמעקער, די ערנסטע קריטיקער, סיי ליטעראַטן און סיי מוזיקער, האָבן געקרומט מיט דער נאָז, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. יאָסעלע קאַלאָדני האָט וואָס־ווייטער אַלצמער געצויגן אַן עולם, וואָס האָט אין לויף פון חדשים איבערפולט דעם ליטעראַטן־פאַראיין. און עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז יאָסעלע קאַלאָדני האָט אריינגעבראַכט מער הכנסה דעם פאַראיין ווי פיל צענדליקער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן.

איין צייט, איבערהויפּט די לעצטע יאָרן, איז אויפגעטרעטן מיט וואָרט ־ קאָנצערטן דער פּרעכטיקער שוישפּילער יוסף קאַמען, ווען ער האָט פאַרלוירן, נאָך אַן אָפּעראַציע, זיין פוס, און ער האָט מער נישט געקענט אויפטרעטן אויף דער בינע. אָט דער טאַלענטפולער טייערער אַקטיאָר, — דער ברודער פון אַלעקס שטיין, — ביידע פון דער „ווילנער טרופּע", — האָט גלענצנד רעציטירט און פּרעכטיק אָפּגעשפּילט נומערן, לידער, פראַגמענטן פון דראַמאַטישע שאַפונגען.

און וואָס נאָך איז דער ליטעראַטן־פאַראיין געווען? ער איז געווען אַן אָרט, ווו עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אומלעגאַלע זיצונגען, עס איז געווען א טרעף־פּונקט פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט אָנגעבן זייער פּריוואַטן אדרעס, ווייל די געהיימע פּאָליציי האָט זיי נאָכגעזוכט, נאָכגעטשאַטעוועט. האָט טאַקע דער באַגלייטער פון א „פאַרדעכטיקער" פּערזאָן, צוגעפירט זיין „קרבן" ביזן ליטעראַטן־פאַראיין, און נישט ווילנדיק פאַרלירן אים פון אויג, האָט ער שעהענווייז אָפּגעוואַרט אויף אים,

געגאַנגען הין און צוריק און נאָכגעקוקט יעדן איינעם, וואָס איז אַרויס פון דעם טויער טלאָמאַצקע 13. און נישט איין מאָל האָט מען אַרויסגע־רופן די אָנפירונג פונעם ליטעראַטן־פאַראיין אין דער פּאָליציי און געהאַט טענות, הלמאי מען לאָזט די אַלע „פאַרדעכטיקע”, וואָס ווילן „שטירצן די מאַכט”, אָפן און פראַנק און פריי פאַרברענגען אין די ווענט פון ליטעראַטן־פאַראיין.

אין דעם לאָקאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין האָבן זיך געפונען די קאַנצעלאַריעס פון די פאָלגנדיקע דריי אָרגאַניזאַציעס: דער זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, דער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין און דער פּען־קלוב, זינט זיין גרינדונג. דער מיוחס, דער „אַלרייטניק”, ווי מען וואָלט גע־זאָגט דאָ, אין אַמעריקע, איז געווען דער מיטגליד פון זשורנאַליסטן־סינדיקאַט. צו דעם סינדיקאַט האָבן געהערט אַלע שטענדיקע צייטונגס־מיטאַרבעטער, די וואָס האָבן באַקומען זייער וועכנטלעכן געהאַלט פון די טעגלעכע צייטונגען. און די שכירות זענען געווען גאַנץ־הויכע. די סינדיקאַט־מיטגלידער האָבן געהאַט נאָך פּריווילעגיעס: זיי האָבן גע־נאָסן פון די אומזיסטיקע בילעטן איבער די פּוילישע באַנען, און אַפילו אין דעם ערשטן קלאַס. מען האָט געהאַט אויך אינעם שטאָטישן טראַמוויי אומזיסטיקע בילעטן, און ספּעציעלע האַלבע פּרייזן אין די פּוילישע שטאָטישע טעאַטערן. איז מען געווען ביי זיך געהויבן און מען האָט גע־קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די „שרייבערוקעס” אינעם ליטעראַטן־פאַר־איין. און אַזוי ווי דער סינדיקאַט האָט אַריינגעקראָגן יעדע וואָך אַ גרויסן אָפּצאָל פון זיינע מיטגלידער (מען פלעגט די פּראָצענטן גלייך אַראָפּנעמען אין די רעדאַקציעס פונעם געהאַלט), האָט דער זשורנאַליסטן־סינדיקאַט אייגנטלעך אויסגעהאַלטן דעם ליטעראַטן־פאַראיין, און סיי דער ליטעראַטן־פאַראיין און סיי דער פּען־קלוב זענען געווען די אָרעמע שוועסטער־ברידער. און נישט איין מאָל איז די „מיוחסדיקע” סינדיקאַט־לייט נישט אָנגעשטאַנען גאָר צו ווינען אין ליטעראַטן־פאַראיין, ווען פאַר די זעלבע געלט האָט מען געקענט האָבן אַ גאָר לייטישע קאַנצעלאַריע.

פאַרוואָס דאָס איז נישט געשען, איז דאָ אַ גאַנץ־פּשוטע סיבה. עס זענען געווען מיטגלידער פון סינדיקאַט, וועלכע האָבן גלייכצייטיק געהערט אויך צום ליטעראַטן־פאַראיין און צום פּען־קלוב. איך, למשל, האָב געהערט צו די אַלע דריי. און אַזוי אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער.

האָבן אַט־די מיטגלידער נישט געלאָזט, מען זאָל זיך צעטיילן — די רייכע באַזונדער און די „אָרעמע" באַזונדער.

עס זענען געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון אַט די דריי באַזונדערע שרייבער־קערפּערשאַפטן, אָדער אָרגאַניזאַציעס. כמעט יעדן יאָר זענען פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען. אין דער צייט, וואָס די אַלגעמיינע יערלעכע פאַרזאַמלונג פון דעם זשורנאַליסטן־סינדיקאַט איז געווען מער אַ פאָרמעלע, געהאַט צו טון מיט פּראָפעסיאָנעלע ענינים, מיט געזעצלעכער וואַלן־פּראָצעדור, איז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונעם ליטעראַטן־פאַראיין שוין געווען גאָר־אַנדערש, זי איז געווען אָנגעלאָדן מיט „דינאַמיט", מיט פּראָטעסט־רעדעס מצד די פאַרפאַלגטע, די דערנידעריקטע און באַליידיקטע, די אָרבעטסלאָזע, די, וואָס מען האָט נישט צוגעלאָזט אין די צייטונגען. און עס איז טאַקע נישט געווען אַזוי לייכט אַריינצוקריגן זיך אין אַ טעגלעכער צייטונג. אַלע שטעלעס זענען געווען פאַרנומען, און נאָר אַ גליקלעכער צופאַל האָט געקאָנט עפענען אַ וועג פאַר אַ נייעם מענטשן, אָדער גאָר דער טויט פון אַ שרייבער. מען דאַרף צוגעבן, אַז מיט דער צייט זענען אַלע צייטונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָאָפּעראַטיוון, און די באַלעבאַטים גופא זענען געווען מיטגלידער פון דעם צייטונגס־קאָאָפּעראַטיוו. צוליב די שטענדיקע העכערונגען פון די שכירות, סיי פון די זעצער, סיי פון די אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטע און סיי פון די רעדאַקציע־מיטגלידער, האָט זיך געלוינט די באַלעבאַטים צו ווערן מיטגלידער פונעם צייטונגס־קאָאָפּעראַטיוו און באַקומען דערצו געוויסע געלטער פאַר זייער זעצעריי, דירה און מאַשינען. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער זייער אינטערעסאַנטער קאַפּיטל געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אויסער די מיטאַרבעטער פון דער יידישער פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך, האָבן געהערט צו דעם ליטעראַטן־פאַראיין און צום זשורנאַליסטן־סינדיקאַט אויך די מיטאַרבעטער פון דער יידישער פּרעסע אין דער פּוילישער שפּראַך. איין צייט איז געווען אין וואַרשע בלויז איין טעגלעכע יידישע צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך. דערנאָך איז די צאָל געוואַקסן אויף צוויי און שפּעטער — אויף דריי. אַמאָל האָט אַפילו זלמן רייזען געהאַלטן אַ שאַרפע רעדע אויף אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע שרייבער, הלמאי מען שטיצט די יידיש־פּוילישע

פּרעסע, און מען שליסט נישט אויס די שרייבער פון אַט דער פּרעסע, וואָס גראָבט אונטער די יידישע פּרעסע אין יידיש. אויב די יידיש־פּוילישע שרייבער זענען געווען מיטגלידער פון דעם זשורנאַליסטן־סינדיקאַט און פונעם ליטעראַטן־פאַראיין, האָט מען זיי אָבער נישט אַריינגענומען ווי מיטגלידער אין דעם יידישן פּען־קלוב. עס זענען אָפּט געווען טענות־מענות מצד די יידיש־פּוילישע דיכטער, דערציילער און עסייאיסטן, פאַר־וואָס עס איז פאַר זיי פאַרהאַקט דער וועג אינעם יידישן פּען־קלוב. נישט איין מאָל האָבן אייניקע פון זיי זיך געווענדט צו אונדז מיט אַזעלכע פאָרשלאָגן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. יידיש־לאַנד, ווי מען האָט אָנגערופן די „טעריטאָריע" פונעם יידישן פּען־קלוב, האָט זיך געהאַלטן פעסט, אַז צום יידישן פּען־קלוב קאָנען געהערן בלויז די וואָס שרייבן אין דער יידישער שפּראַך.

22

די גרינדונג פונעם יידישן פּען־קלוב

ביי היינט צו טאָג איז דער יידישער פּען־קלוב אַ באַקאַנטע אינס־טיטוציע. אמת, נישט אַלעמאָל און נישט אומעטום גייט ער איצט אויפן דרך־הישר און אדרבא — אָפּט טרעט ער אָפּ פון דער ריכטליניע, וואָס איז פאַר אים אָנגעצייכנט ביי זיין גרינדונג. איבערהויפּט אין דער יידי־שער אַמעריקע, וואָס צוליב דעם גרויסן יידישן פאָלקס־אומגליק, איז דער צענטער אַריבער פון פּוילן קיין אַמעריקע, ניו־יאָרק.

אָבער אין דעם מאָמענט, ווען מיר האַלטן מיט אונדזער באַשריי־בונג ביי די יאָרן 1926־1927, אינטערעסירט אונדז צו דערציילן די פאַר־געשיכטע פון דעם יידישן פּען־קלוב, ווי ער איז געקומען צום לעבן ביי גאַנץ־שווערע חבלי־לידה (געבורט־ווייען).

דער פּען־קלוב בכלל, די אָרגאַניזאַציע פון פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָ־וועליסטן איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1922. ער איז פּראָיעקטירט גע־וואָרן פון דער ענגלישער שריפטשטעלערין ק. ד. סקאָט און מיט דער דעה,

מיטן אויסקוק, אַז ער זאָל גייסטיק פאַרבינדן די וויכטיקע, אָנגעזעענע שרייבער פון אַלע לענדער, כדי צו ווערן דער אויסדרוק אָדער צו וועקן דעם געוויסן פון דער וועלט. אין 1926, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק און דער ווילן ביי די יידישע שרייבער אָנצוקניפּן קאָנטאַקט און צו פאַרבינדן זיך ענגער און פעסטער מיט אָט דער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון די שריפטשטעלער, האָבן שוין געהערט צו דעם פּען־קלוב, וואָס זיין זיץ־אָרט איז געווען און איז פאַרבליבן לאָנדאָן — 23 לענדער. און אַ צאָל נייע לענדער האָבן געהאַלטן אין אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען אינעם אַלגעמיינעם פּען־קלוב.

די ערשטע וועלט־קאָנגרעסן פון די פּען־קלובן זענען פאָרגעקומען (יעדעס יאָר אין אַן אַנדער לאַנד) אין לאָנדאָן (1923), ניו־יאָרק (1924), פּאַריז (1925), בערלין (1926). לכתחילה זענען צום פּען־קלוב צוגעשטאַנען די גרויסע פעלקער אויפן סמך פון טעריטאָריעס. דער ערשטער פּאָזיצער איז געווען אַנאַטאָל פראַנס, דערנאָך דזשאָן גאַלסוואָרטי. עס איז מיט דער צייט ארויסגעשווומען די פראַגע וועגן אריינגעמען אין פּען־קלוב נישט נאָר אויפן יסוד פון אַ טעריטאָריע, נאָר אויך אויפן יסוד פון אַ פאָלק, פון אַ שפּראַך. האָט מען געפירט אונטערהאַנדלונגען און וויכוחים, און ווי דער פּען־קלוב האָט געזאָלט זיין נייטראַל, אָביעקטיוו, נישט פּאָליטיש, האָט זיך די פּאָליטיק אריינגעריסן אויך אהין. און פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אייניקע פעלקער איז געווען פאַרהאַקט דער אריינגאַנג, אויב מ׳האַלט זיך ביים פּרינציפּ, אַז עס ווערן אריינגענומען לענדער און נישט קיין פעלקער מיט אייגענע שפּראַכן און ליטעראַטורן.

און גאָר שווער איז געווען פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַר דער יידישער ליטעראַטור צו זיין פאַרטראָטן אינעם פּען־קלוב, וויבאַלד אַז טעריטאָריעס קאָנען אריינקומען אַלס מיטגלידער. און דערצו איז געווען אַ שוועריקייט, ווייל עס איז געווען אַ באַשלוס, אַז אין איין שטאָט קאָנען נישט זיין קיין צוויי פּען־קלובן, און אין וואַרשע, ניו־יאָרק און אין אַנדערע גרויסע שטעט מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל יידישע שרייבער זענען שוין געווען די פּען־קלובן פון זייערע לענדער.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט מען די ערשטע פאַר יאָר זיך נישט פאַראינטערעסירט אין די יידישע שרייבערישע קרייזן צו זוכן מיטלען זיך אָנצושליסן מיט דער יידישער ליטעראַטור אין דער אינטערנאַציאָנאַלער

פען־באוועגונג און ווערן א גלייכבארעכטיקטער מיטגליד אין דער גרויסער שרייבער־משפּחה פון די פאַרשידענע גרויסע און קלענערע פעלקער.

און אַט האָבן מיר אין וואַרשע, אין די ווענט פונעם ליטעראַטן־פאַראיין, זיך פאַרנומען גאַנץ ערנסט צו דערשלאָגן זיך צו דעם אינטער־נאַציאָנאַלן פּען־קלוב. אָנהויב 1926 האָבן מיר געגרינדעט ביים פאַראיין פון די יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן אַ „ליטעראַטן־קלוב". דער־ווייל האָבן צו אים געהערט אַ 30 מיטגלידער, פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָ־וועליסטן. מען האָט גענומען זיך פאַרבאַרייטן צו קומען צו דעם וועלט־פאָרום. מען האָט אַפילו געוואָלט און געזאָלט שיקן אַ דעלעגאַציע קיין בערלין, צום פּען־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דאָרטן זומער 1926, נאָר, עס זאָל נישט אויסגערעדט זיין, עס האָט געפעלט געלט אויף אַזאַ „גרויסער אונטערנעמונג".

אין די „ליט. בלעטער" פונעם 4־טן יוני 1926 איז דאָ אַזאַ נאָטיץ אין דער כראָניק (ז' 375):

„דער אויספיר קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַלן שריפטשטע־לער־פאַרבאַנד (פּ.ע.נ.־קלוב) אין לאָנדאָן האָט, אויף זיין לעצטער זיצונג אונטערן פאָרזיץ פון דזשאָן גאַלסוואָרטי, באַטראַכט די ווענדונג פון פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע וועגן אויפנעמען אים אין פּען־קלוב. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטעלן די פראַגע פון אויפנעמען דעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אויף דער טאָג־אָרדענונג פונעם נאָענטסטן אינטערנאַציאָ־נאַלן קאָנגרעס, וואָס וועט פאָרקומען אין בערלין. די מניעה פאַר אַ באַלדיקער אויפנאַמע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די יידישע שריפטשטעלער ווילן, מען זאָל זיי אויפנעמען אויף אַן אינטער־טעריטאָריעלער באַזע, בעת דער פּען־קלוב איז אָרגאַניזירט לויט די לענדער".

מען דאַרף טאַקע ביי דער געלעגנהייט באַטאָנען, אַז מלך ראַוויטש האָט אַ גרויסן חלק אין דער גרינדונג פונעם יידישן פּען־קלוב און אין דעם, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַ טייל פונעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן פּען־קלוב.

צום בערלינער פּען־קאָנגרעס האָט מען נישט נאָר קיין דעלעגאַציע

נישט געקאַנט שיקן, נאָר אפילו דער שרייבער, וואָס האָט געזאָלט פאָרן אויף זיינע אייגענע הוצאות, צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן, האָט נישט געקאָנט, צוליב די געשעענישן, די פּילסודסקי־איבערקערעניש, אַרויס־פאָרן פון ווארשע. ער איז געקומען קיין בערלין שוין נאָכן שליסן דעם קאָנגרעס.

אָבער די גרופּע שרייבער אין ווארשע האָט נישט גערוט, און אונ־טערגענומען אַן ענין האָט מען שוין אים נישט אָפּגעלאָזט. אזוי ווי דער קומענדיקער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון די פּען־קלובן האָט באַ־דאַרפט פּאָרקומען יוני 1927 אין בריסעל, בעלגיע, האָט מען אין לויף פון דעם יאָר צוגעגרייט אַ מעמאָראַנדום אין 3 שפּראַכן, אין יידיש, פראַנצויזיש און דייטש, — וווּ עס איז גאַנץ־געניי איבערגעגעבן געוואָרן די געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, עס זענען אָנגעוויזן געוואָרן די גרויסע דערגרייכונגען פונעם יידישן שאַפן אויף די פאַרשידענע געביטן פונעם מענטשלעכן וויסן און עס איז באַטאָנט געוואָרן דער גרויסער באַטייט פון דער אנערקענונג פון דער יידישער לי־טעראַטור און די וויכטיקייט אַריינצונעמען איר אין דער משפּחה פון די אַלע אנדערע ליטעראַטורן. די מחברים זענען געוועזן ד״ר י. שיפּער, ד״ר מ. וויינרייך, ביי דער מיטבאַטייליקונג פון נ. מייזיל, אהרן צייטלין און מלך ראַוויטש.

אזוי ווי לעאָ קעניג פון לאָנדאָן האָט געהאַט באַקאַנטשאַפט און פאַרבינדונג מיט דער לאָנדאָנער פּען־קלוב־פּירערשאַפט, איז ער באַפול־מעכטיקט געוואָרן צו פאַרטרעטן דעם ליטעראַטן־קלוב אויף דעם פּען־קאָנגרעס אין בעלגיע.

דער קאָנגרעס האָט זיך געעפנט דעם 20סטן יוני, און דעם 23סטן יוני האָט לעאָ קעניג צוגעשיקט פון לאָנדאָן פאָלגנדיקן בריוו צום ליטע־ראַטן־קלוב (דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט אין די „ליט. בלעטער" פונעם 1־טן יולי 1927). מיר וועלן ברענגען, צוליב זיין היסטאָרישן באַטייט, גרעסערע אויסצוגן פון אים:

„...מיין טעלעגראַמע פון בריסעל האָט איר מסתמא דער־האַלטן, און ווי איך שטעל זיך פאָר זענט איר און די ווארשעווער נישט צופרידן מיט דער רעזאָלוציע, ווייל זי שליסט אויס די מעג־

לעבקייט פון א יידישן פען־צענטער אין ווארשע און אין וועלכער ס'איז שטאט, ווו עס עקזיסטירט שוין א פען־צענטער. און דעם אמת געזאגט, האט מיך די רעזאלוציע אנטוישט, ווייל איך בין געווען זיכער, אז מיט דער צושטימונג פונעם פוילישן ווארשעווער פען־קלוב איז די פראגע געלייזט, און איך וועל אייך קאנען טעלע־גראפירן „א ווארשעווער יידישער פען־צענטער איז אנגענומען".

אבער דא האט זיך ארייננגעמישט אן אנדער שטערונג: די קאנפע־רענץ איז פארגעקומען אין בעלגיע, און דארטן זענען דא כראנישע רייסערייען צווישן די פלעמער און די וואלאנען. זייער פאקטישע פשרה איז: די פלעמער האבן זייער פען־קלוב אין אנטווערפן, די וואלאנען — אין בריסעל. האבן די וואלאנען מיט לואי פיעראר בראש און, פארשטייט זיך, מיט דער שטיצע פון די פראנצויזן (דער עיקר — מר. קרעמיע — א ייד) געשטימט קעגן א ווארשעווער יידישן פען־קלוב, און מר. ווערמעי — דער פלעמישער פארשטייער — פאר אונדז. די פוילישע דעלעגאטן זענען נישט געווען קעגן אונדז. נישט גערעדט קעגן אונדז".

„בקיצור — דערציילט ווייטער ל. קעניג — ס'איז געווען א מין „גרוים־פעלקערישע פאליטיק קעגן די קליינע פעלקער". הגם אייניקע קליינע פעלקער (ווי די יוגאסלאוון) האלטן זיך שטארק ביי זייער טעריטאריעלן באזיס. אבער נישט קוקנדיק אויף דעם אלעם האבן מיר נישט קיין גרונט צו זיין פעסימיסטיש. אז עס דארף זיין א יידישער פען־צענטער איז אנערקענט געווארן, ד. ה. דער פרינציפ פון שפראך־באזיס (אויסער א טעריטאריעלן) איז אנגענומען געווארן. און דעם איינדרוק, וואס איך האב פונעם גאנצן קאנגרעס איז, אז ס'איז דא א גרויסער לעבעדיקער אינטערעס צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראטור, און הגם דער פען־אינ־טערנאציאנאל האט זיינע שוואכקייטן, דארפן מיר זען וואס־גיכער צו פארנעמען אין אים אונדזער אייגענעם פלאץ. עס קאן ברענגען גרוים נוצן דער יידישער ליטעראטור און דעם יידישן שרייבער. מיר מוזן און מיר קאנען שוין ביים קומענדיקן פען־קאנגרעס — אין אסלא — זיין פאקטיש און גזעצלעך פארטראטן".

„וואס דארף געטון ווערן? ערשטנס: אן אפיציעלע צושטי־

מונג פון אלע יידישע ליטעראַרישע פאַראיינען (דער עיקר פון אמע־ריקע) צו איין צענטער, וואָס זאָל זיי רעפּרעזענטירן. איך גלויב, אַז דאָס קאָן געטון ווערן שריפטלעך, אָן אַ קאָנגרעס פון יידישע שריפטשטעלער. כאָטש עס ווערט נאָך ביי אונדז דיסקוטירט די פראַגע וועגן אַ יידישן ליטעראַרישן צענטער, וועלן אָבער אַלע, גלויב איך, צושטימען דערווייל צו אַ פאָרמעלן צענטער, ווען מען וועט באַווייזן, אַז אַ באַלדיקע פאַרטרעטערשאַפט אינעם פּען־אינ־טערנאַציאָנאַל קאָן אַ סך העלפן אין אַ סך הינזיכטן דעם איצטיקן מצב פון דער יידישער ליטעראַטור. צווייטנס, מוזט איר שוין אויס־זוכן און באַשטימען דעם צענטער — אַ שטאָט, ווו ס'איז נישט פאַראַן אַ וועלכער ס'איז פּען־צענטער. לויט דער רעזאָלוציע קאָנען אין איין לאַנד זיין עטלעכע פּען־צענטערן, נאָר נישט אין איין שטאָט. איך מוז זיך און, ליידער, וועט איר זיך איצט אויך מוזן אומקערן צו דעם פאָרשלאַג, וואָס איך האָב אייך אַמאָל געמאַכט און איר האָט אים פאַרוואָרפן: פאַרוואָס נישט לאָדזש, ווילנע? אָדער אפשר נאָך באַקוועמער: פאַרוואָס נישט אָטוואָצק? ס'איז דאָך נאָר אַ פראַגע פון אַן אָפיציעלן נאָמען, פירמע — פאַרוואָס־זשע צוליב דעם פאַרשפּעטיקן מעגלעכע פּרוכטבאַרע אַרבעט?"

און לעאָ קעניג גיט צו:

„געזעגנענדיק זיך מיט מר. זשאָן גאַלסוואָרטי — דער פּאַק־טישער און גייסטיקער פירער פון דער פּען־באַוועגונג — בין איך מיט אים געקומען צו די באַשלוסן. איך האָב אים צוגעזאָגט באַלד לאָזן וויסן, וואָס איר גייט טון וועגן אייערע פּלענער בכלל".

„איר קאָנט איינציייטיק אויך אַליין זיך קאָמוניקירן מיט לאָנדאָנער צענטראַל, מיט וועלכן אונדזער צענטער, ווען ער וועט באַשטימט ווערן, וועט סיי ווי שטענדיק מוזן זיין פאַרבונדן. דאָס איז דערווייל אַלעס... יאָ, נאָך אַ וויכטיקע זאַך: דער בריסעלער קאָנגרעס — אויף דער צווייטער זיצונג — האָט אויסגעדריקט אַ ווונטש, אַז „אין פּאַלעסטינע זאָל געשאַפן ווערן אַ העברעאישער פּען קלוב". ווי מר' גאַלסוואָרטי האָט מיר איבערגעגעבן, האָט עס פאָרגעשלאָגן מר' בענדזשאַמין קרעמיע — דער באַוווּסטער פראַנצויזישער קריטיקער".

אין דעמזעלבן נומער 26 „ליט. בלעטער", אין דער אָפּטיילונג „כראָניק" איז דאָ אַזאַ ידיעה:

„דער אינטערנאַציאָנאַלער פּען־קלוב קאָנגרעס האָט באַטראַכט דעם מעמאָראַנדום פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין וואַרשע וועגן אָננעמען דעם פאַראיין אַלס מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קלוב. דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן, אַז אין אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קלוב ווערן אָנגענומען נישט בלויז טעריטאָריעלע פּען־קלובן, נאָר אויך נאַציאָנאַלע. אין איין און דעם זעלבן לאַנד קאָנען עקזיסטירן עטלעכע פּען־קלובן. דאַקעגן אין איין שטאָט איז עס נישט דערלאָזבאַר. דער קאָנגרעס האָט אויך איינגעשטימט אויפן פאָרשלאַג פונעם וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַראיין וועגן דעם, אַז די יידישע ליטעראַטן אויף דער גאַנצער וועלט זאָלן זיך אויסוויילן אַ רעפּרעזענטאַטיוון פּען־קלוב".

און ווײַבאַלד אַז מיר שטעלן זיך אָפּ לענגער אויף דער גרינדונג פון דעם יידישן פּען־קלוב און אויף די פאַרשידענע פּאָליטישע, פּאָרמעלע מניעות, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן וועג פון זיין רעאַליזירונג, איז כדאי דאָ צו ברענגען בקיצור די ראָלע פון דעם ייד בענזשאַמין קרעמיע, דער ייד, וואָס איז געווען אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר אינעם פּען־קלוב בכלל, ער איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם פראַנצויזישן פּען־קלוב און אויף די קאָנגרעסן, ווו איך בין געווען אַן עדות, אַז ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס. אין פּאַריזער „נײַוועל ליטערער" האָט ער, נאָכן בריסעלער פּען־קאָנגרעס, געהאַט אַן אַרטיקל און באַרירט גאָרנישט לייטיש און פיין די פראַגע וועגן דעם יידישן פּען־קלוב. ער האָט געשריבן:

„די אָנוועזנהייט פון די דעלעגאַטן פון קליינע פעלקער אויפן קאָנגרעס פון די פּען־קלובן אין בריסעל, דהיינו פון די נייע פעלקער פון צענטראַל און מזרח־אייראָפּע, האָט אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן פאַרשאַרפט אַ סעריע נאַציאָנאַליסטישע תביעות. אַ יידישער דעלעגאַט האָט געבעטן צו שאַפן אַ יידישן פּען־קלוב אין וואַרשע ביי דער זייט פון פּוילישן פּען־קלוב. אַן אונגאַרישער דעלעגאַט האָט אויפגעקלערט, אַז מען דאַרף שאַפן אַן אונגאַרישן פּען־קלוב

אין טראנסילוואניע אדער אין סלאוואקיי. א בעלגישער דעלעגאט
האט געבעטן א פלעמישן פען־קלוב. אבער דאס האט אלעמען שטארק
פארחידושט. עס איז געגוג זיך צו דערמאנען צו וואס די פען־קלובן
זענען באשטימט. און עס האט זיך באלד געשאפן אן איינשטימיקייט
בכדי צו פראקלאמירן, אז אין ווארשע און אין ווילנע — די יידישע
און פוילישע שרייבער, אין בריסעל און אין אנטווערפן די שרייבער
פון דער פראנצויזישער אדער פלעמישער אויסשפראך, אין בוקא־
רעשט און אין קלוי די רומענישע און אונגארישע שרייבער מוזן
זיך באטייליקן אין איין און דעמזעלבן פען־קלוב. געוויס — זאגט
דער ייד, דער אסימילאטאר קרעמיע — איז עס א ביסל אומבא־
קוועם, דאך איז עס א ביישפיל פון אחדות און שלום, וואס וועט
געגעבן ווערן דורך די שרייבער, וואס אויף זיי אריענטירט זיך אפ־
טער ווי מען טראכט געוויינלעך, די „עפנטלעכע מיינונג"..."

אט אזוי האט געהאנדלט און פארענטפערט און בארעכטיקט זיין
האנדלונג דער פראנצויזישער שרייבער, דער ייד, וואס האט געוואלט דורך
יידן ווייזן דעם ביישפיל פון „שלום ושלוה" אויף דער וועלט !

און לאמיר גיין ווייטער און דערציילן ווי אט דערזעלבער קרעמיע
האט געפרוווט כשרן זיין שעדלעכע האנדלונג בנוגע דעם יידישן שריי־
בער און דער יידישער ליטעראטור.

ל. בלומענפעלד, דער יידיש־פראנצויזישער שרייבער, וואס האט
געהאט א צוטריט צו די באוווסטע פראנצויזישע שרייבער און אויס־
גאבעס, האט באזוכט ב. קרעמיע און געהאט מיט אים א שמועס וועגן
דעם יידישן פען־קלוב. ער האט פארגעלייענט פאר אים דעם ארטיקל
פון לעא קעניג פון די „ליט. בלעטער".

קרעמיע גופא, הגם „ער שטאמט פון גרויסע רבנים פון מאנ־
פעליע, איז נישט ביכולת איבערצולייענען א יידיש ווארט. ער איז
זייער באהאוונט אין איטאליעניש, שפאניש און דייטש, אבער
יידיש און העברעאיש — שרייבט ל. בלומענפעלד — זענען פאר
אים ווי זיי וואלטן נישט עקזיסטירט". און אין זיין, בלומענפעלדס,
קעגנווארט האט קרעמיע אנגעשריבן פאר די „ליט. בלעטער" פאל־
גנדיקן בריוו: „דער רעדאקציע „ליט. בלעטער", הער רעדאקטאר!

איך לייען אין די „ליט. בלעטער״ א באריכט פון דעם אינטער־נאציאנאלן פען־קלוב קאנגרעס אין בריסעל און ס׳שיינט מיר, אז דער באריכט פון די דעבאטן בנוגע דאס שאפן פון א יידישן פע־קלוב דריקט נישט אויס גענוג פינקטלעך וואס ס׳איז באמת פאר־געקומען״.

קרעמיע שרייבט ווייטער אין זיין בריוו:

„היות ווי איך האב זיך באטייליקט אין דער דיסקוסיע און זייענדיק דערצו דער אויטאר פון דער אנגענומענער רעזאלוציע, דערלויב איך זיך מיטצוטיילן אייניקע דערגאנצונגען צו אייערע אינפארמאציעס. די פען־קלובן זענען אן אינטערנאציאנאלער פאר־באנד פון שרייבער, מיט דעם ספעציעלן מין סטאטוט, וואס יעדער מיטגליד פון א פען־קלוב געהער יורידיש צו אלע איבעריקע פען־קלובן פון דער וועלט, פונקט ווי יעדער שרייבער האט דאס רעכט צו זיין א מיטגליד פון פען־קלוב וואס געפינט זיך אין זיין ווין־שטאט . . . ״

ער לייגט פאר אין זיין בריוו אזא מין עצה:

„מ׳קאן איינגיין, אז מ׳זאל גרינדן אין ווילנע אדער לאדזש (פוילן) סעקציעס (אפטיילונגען) פון פען־קלובן, ווו די מאיאריטעט שרייבער זאל זיין יידיש... מיט דעם תנאי אבער, אז דאס זאלן נישט זיין קיין יידישע פען־קלובן אויסשליסלעך. זיי וועלן מוזן אין לאדזש אדער ווילנע ארייננשרייבן די פוילישע שריפטשטעלער פון דער שטאט . . . ״

און אזוי גייט ווייטער זיין פראיעקט, וואס מיינט אייגנטלעך אפצור־שאפן און נישט צו דערלאזן, אז די יידישע ליטעראטור אין דער יידישער שפראך זאל פיגורירן זעלבשטענדיק ווי א ליטעראטור און שפראך פון א פאלק. מיר קאנען זיין שכנים, מיר קאנען זיך נאכשלעפן נאך דעם פוילישן פען־קלוב. און ווער עס האט געקענט דעם רוב פוילישע שריי־בער פון יענער צייט, זייער „לאיאליטעט״ און פארשטענדעניש צו יידן און צו דעם יידישן שאפן, האט נישט געקאנט זיין באגייסטערט פון אט די „עצות טובות״, וואס דער פארפרעמדטער ייד קרעמיע האט אונדז געגעבן.

עס איז אָבער דערביי אינטערעסאַנט, וואָס דער זעלבער ב. קרעמיע גיט צו אין סוף פון זיין פאַרענטפער־בריוו צו אונדז:

„אויף מאָרגן, נאָכדעם וואָס די דערמאַנטע רעזאָלוציעס זע־נען אָנגענומען געוואָרן, האָט זיך מיר געדאַכט: ווער ווייסט, אפשר האָב איך דאָך מיט עפּעס געזינדיקט קעגן יידן און כדי צו ווייזן, אַז איך בין ווייט נישט קיין שונא פון דער יידישער קולטור, האָב איך דערפאַר פאַרגעלייגט צום אָפּשטימען אַ ווונטש וועגן דעם שאַפן אַ פּען־קלוב אין פּאַלעסטינע". („ליט. בלעטער", נ' 31, פונעם 5־טן אויגוסט 1927).

פאַרשטייט זיך, אַז דער יידישער שרייבער און זיין ליטעראַטן־קלוב אין ווארשע האָט זיך נישט צוגעהערט צו די „פרומע" עצות פון ב. קרעמיע, און קעגן זיין ווילן האָט מען געמאַכט די פאַרשידענע פאַרבאַ־רייטונגען, און נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת און פאַרשטענדיקונגען מיט די ווילנער און די ניו־יאָרקער יידישע שרייבער, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוגעבן דעם כבוד דער יידישער ווילנע, דאָס וויגעלע פון די יידישע שולן. אין נ' 40 „ליט. בלעטער", פונעם 7־טן אָקטאָבער 1927, ווערט אין דער כראָניק געמאָלדן, אַז

„דער ליטעראַטן־קלוב ביים פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווארשע, וואָס אָרגאַניזירט לויטן באַשלוס פון לעצטן פּען־קאָנגרעס דעם יידישן פּען־קלוב, איז שוין געקומען צו אַ הסכם מיט דעם ניו־יאָרקער קיבוץ פון יידישע שרייבער וועגן אָרט פונעם יידישן פּען־קלוב. דאָס אָפיציעלע אָרט וועט זיין — אין ווילנע. אין ווארשע און אין ניו־יאָרק וועלן זיין די צוויי גרעס־טע אָפּטיילונגען. איצט זענען שוין קיין שום פאָרמעלע שטערונגען נישטאָ, אַזוי אַז מען קאָן שוין באַטראַכטן דעם יידישן פּען־צענ־טער אַלס געשאַפן".

דער יידישער פּען־קלוב איז ענדלעך געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע, און אין ווארשע און אין ניו־יאָרק זענען געשאַפן געוואָרן אָפּטיילונ־גען פונעם יידישן פּען־צענטער.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין ווילנע דעם 12־טן דעצעמבער 1927.

דעם 14־טן פעברואר 1928 איז פאָרגעקומען אין וואַרשע די אַל־געמיינע פאַרזאַמלונג פון די וואַרשעווער מיטגלידער פונעם יידישן פּען־קלוב, אויף וועלכער עס איז צווישן אַנדערן איבערגעגעבן געוואָרן אַן אַלגעמיינער באַריכט פון דער טעטיקייט ווי אויך אַ קאַסע־באַריכט. עס איז באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן צונויפרופן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די יידישע שרייבער אין פּוילן, אין וועלכן עס וועלן זיך באַטייליקן די מיטגלידער פונעם פּען־קלוב אין פּוילן. מען האָט אַרומגערעדט דעם סדר־היום פון דעם צוזאַמענפאָר. אויסער אייניקע פאָרטראָגן וועגן דעם צושטאַנד, די אויפגאַבן פון דער יידישער ליטעראַטור אויף די פאַרשי־דענע געביטן, האָט מען באַשלאָסן פאָרצולייגן דעם צוזאַמענפאָר צו באַ־שטימען ליטעראַרישע פּרעמיעס פאַר די בעסטע ווערק אין יידיש, ווי אויך סטיפּענדיעס פאַר יונגע ליטעראַטן. און לסוף איז פונדאַסניי אויסגע־קליבן געוואָרן די פריערדיקע פאַרוואַלטונג: נחמן מייזיל, ז. סעגאַלאָ־וויטש, אהרן צייטלין, א. קאַציזנע און מלך ראַוויטש.

און זינט דאַן איז דער יידישער פּען־קלוב אין פּוילן, אין ווילנע און אין וואַרשע, געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקט און פאַקטאָר אינעם יידישן קולטור־לעבן אינעם לאַנד. אויסער זיינע אייגענע טעטיקייטן, איז ער געווען פאַרטראָטן אין די אַלע איניציאַטיוו־אַרבעטן, אין די עפנטלעכע אַרויסטריטן, אין די קולטור־געזעלשאַפטלעכע פייערונגען, וואָס זענען איינ־געאָרדנט געוואָרן אינעם יידישן פּוילן. וואָס שייך דעם שרייבער־צוזאַ־מענפאָר זענען די אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען פאַר־בונדן מיט אָט דעם פּלאַן, ברייט באַהאַנדלט געוואָרן אויף די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. אויך אין די „ליט. בלעטער" זענען געגאַנגען אין לויף פון וואָכן און וואָכן דיסקוסיע־אַרטיקלען פון פאַרשידענע שרייבער, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט אינטערעסאַנטע מיינונגען פאַר און קעגן אַזאַ מין שרייבער־צוזאַמענפאָר. אגב איז דאַן ברייט אונטערשטיצט געוואָרן אַ פאָרשלאַג, וואָס האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער, אַז אַנשטאָט אַ שרייבער־צוזאַמענפאָר, זאָל פאָרקומען אַ פיל ברייטערער צונויפקום — אַ קולטור־צוזאַמענפאָר, ווייל ליטעראַטור איז דאָך בלויז אַ צווייג פון דער אַלגע־מיינער קולטור, און אָן אַ ברייט צעאַקערט קולטור־פעלד, איז נישט שייך דער וווּקס פון אַ נאָרמאַלער יידישער ליטעראַטור.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זיך אויך אין ניו־יאָרק געשאַפן אַ

יידישער פּען־קלוב. דאָס איז געוועזן מאַי 1928. עס האָבן זיך אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג באַטייליקט אַ פּערציק שרייבער. אַלס פּרעזידענט איז איינשטימיק געוועלט געוואָרן — דוד פּינסקי; וויצע־פּרעזידענט — י. אָפּאַטאָשו; סעקרעטאַר — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי; פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער — ש. ניגער און ד״ר א. קאָראַליק.

און אין דעם ביולעטין, וואָס דער לאָנדאָנער צענטער פון די אינטערנאַציאָנאַלע פּען־קלובן האָט פאַרעפנטלעכט ערב דעם 6־טן אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס אין אָסלאָ, איז שוין דער יידישער פּען־קלוב אריין ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד. צווישן די אַלע פאַרשידענע לענדער איז אויך געווען אריינגעשטעלט „ יידיש ” . עס זענען דערביי אָנגעוויזן געוואָרן דריי שטעט — ווילנע, וואַרשע, ניו־יאָרק, און דער ערן־מיטגליד פון דעם יידיש־לאַנד איז געווען באַצייכנט — שלום אַש. מיר זענען ענדלעך געוואָרן צו לייטן גלייך. די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרנומען אין דעם אַלגעמיינעם אינטערנאַציאָנאַלן פּען־פאַרבאַנד — אַן אייגענעם זעלבשטענדיקן אָרט.

און ביי די באַדינגונגען און פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געהערשט דאַן אין פּוילן בנוגע צו די יידן און צו דער יידישער קולטור — איז עס געווען אַ זאַך פון גרויסן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן באַטייט. און עס איז געווען ממש משיחס צייטן, ווי דער נביא האָט עס פאָראויסגעזען, ווען עס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין, אינעם באַשיידענעם צימער פון פּען־קלוב און ליטעראַטן־פאַראיין (אויף טלאָמאַצקע 13), אַ געמיינזאַמע זיצונג פון פּוילישן פּען־קלוב און יידישן פּען־קלוב. דאָס איז געווען דינסטיק דעם 12־טן יוני 1928. דער ציל פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען — איינצושטעלן נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן דיביידע פּען־קלובן. מצד דעם פּוילישן פּען־קלוב זענען געווען — דער פאָרזיצער פערדינאַנד געטעל און דער סעקרעטאַר קאַזשימיעש וויעזשינסקי. מצד דעם יידישן פּען־קלוב — י. אָפּאַטאָשו, נ. מייזיל, ז. סעגאַלאָוויטש, מ. עריק, א. צייטלין, מ. ראַוויטש, ד״ר י. שיפּער. נאָך אַ לענגערן חברישן און פריינטשאַפטלעכן מיינונגס־אויסטויש, זענען אָנגענומען געוואָרן איינציקע באַשלוסן און ווונטשן וועגן אַן ענגערן קאָנטאַקט צווישן די צוויי פּען־קלובן. איך געדענק גוט די זיצונג, וואָס האָט געדויערט אַ צוויי שעה

און איז דורכגעגאַנגען ביי גלעזלעך טיי, פּאַרבייסן, אין זייער האַרציקער און פריינטלעכער אַטמאָספער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום — דעם 15־טן יוני — זענען אַרויסגעפאָרן די דעלעגאַטן פון יידישן פּען־קלוב (י. אָפּאַטאָשו) און פון פּוילישן פּען־קלוב (פ. געטעל און וו. שעראשעווסקי, ע. ברייטער) קיין אָסלאָ צום אינ־טערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די פּען־קלובן. עס איז געווען אַזוי־אַרום צום ערשטן מאָל ווי אַ פאָרשטייער פונעם יידישן שאַפן האָט זיך באַטיי־ליקט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן ליטעראַטור־קאָנגרעס.

און אין צען טעג אַרום, דעם 25סטן יוני, האָבן מיר געהאַט אין וואַרשע אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פונעם וואַרשעווער יידישן פּען־קלוב, אויף וועלכער י. אָפּאַטאָשו האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם פּען־קאָנגרעס אין אָסלאָ. ער האָט באַטאָנט די גרויסע באַדיי־טונג פון דעם יידישן אָנטייל אינעם פּען־קאָנגרעס. עס האָט זיך, אגב, געהויבן דערמיט די חשיבות, דער אָנזען פון די יידן, וואָס וויינען אין אָסלאָ און אין נאָרוועגן... און אויסער די אַלע אַנדערע פראַגן און פּלע־נער, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן אויפן קאָנגרעס — האָט אָפּאַטאָשו אויך איבערגעגעבן, אַז דער בולעטין, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אין ווילנע צום קאָנגרעס, איז ווילגעפעלן די דעלעגאַטן, ער איז אַרויס פּיי־נער ווי דער פראַנצויזישער און ענגלישער.

„יידיש — האָט אָפּאַטאָשו דערציילט — האָט אַ באַזונדערן חן און לייטזעליקייט ביי די דעלעגאַטן. מען ווייסט, אַז מען האָט צו טון מיט אַ שפּראַך, וואָס האָט אַ רייכע ליטעראַטור אין גאָר דער וועלט".

אין ווילנע און אין וואַרשע האָבן מיר מיט אַ באַזונדערן אייפער זיך גענומען צו פאַרשטאַרקן דעם יידישן פּען־קלוב. מיר האָבן אין אים אַריינגעלייגט כוונות און אים געשטעלט פאָדערונגען, וואָס די אַנדערע פּען־קלובן האָבן וועגן דעם גאָרנישט געטרוימט. און אפילו אין וואַרשע גופא, אין שכנות פונעם פּוילישן פּען־קלוב, האָט מען אָרגאַניזירט אָפט צונויפטרעפן, פאַרזאַמלונגען און מיר האָבן אַרויסגעוויזן פיל קולטור־שאַפערישע אַקטיוויטעטן, וואָס האָט אינספּירירט אויך די אַנדערע קרוי־בהשע און נאָענטע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

אויף דעם זיבעטן פען־קאנגרעס אין 1929 אין ווין האבן מיר שוין געהאט א גרויסע יידישע שרייבער־דעלעגאציע, מיט שלום אשן אין דער שפיץ, און אונדזער יידישער פען־קלוב האט זיך גאר שטארק אנגעזען אין דער גרויסער וועלט־שטאט. און נאך מער האבן מיר זיך אנגעזען אין ווארשע, אין יאר 1930, ווען דער כבוד איז צוגעשטעלט געווארן פוילן צו האבן ביי זיך דם 9־טן אינטערנאציאנאלן פען־קאנגרעס, אין ווארשע, וווּ עס איז געווען די מעטראפאליע פונעם יידישן שאפן, פון דער יידישער פרעסע און ליטעראטור. אויף דיביידע פען־קאנגרעסן האבן מיר פיין און ברייט רעפרעזענטירט דאס יידישע פאלק, די יידישע ליטעראטור און דעם יידישן שרייבער.

23

צרות פון דער פוילישער פאליציי און צענזור

פאליציי און צענזור — דאס זענען אויך נאענטע, גאר נאענטע „מחותנים" מיטן יידישן לעבן אין פוילן, ווי אויך מיט דעם יידישן קול־טור־שאפערישן לעבן. זיי האבן זיך זייער אפט ארייננגעמישט אינעם קול־טור־לעבן און האבן געהאט א גרויסע דעה אין פארשידענע ענינים. פאר די 17 יאר, וואס איך בין געווען טעטיק אין פוילן, זענען פארגעקומען גענוג צונויפשטויסן, „סכסוכים" מיט דער פאליציי און מיט דער צענ־זור (עס איז „היינו הך" — איינס און דאס זעלבע!), און עס איז שוין געווען און געווארן א מין זעלבספארשטענדלעכקייט. איצט, זעט עס אויס ווי עפעס אויסגעטראכטס, נישט דאאיקס !

און עס איז גענוג א בלעטער צו טון ביכער און טאקע ווידעראמאל די „ליט. בלעטער", ווי פארשידענע געשיכטעס, עפיזאדן ווערן אויפגע־לעבט אינעם זכרון. וועלן מיר דערציילן דא בלויז ועגן איינצלנע, — עס וועט דערגאנצן דאס בילד, פונעם קולטור־לעבן אין פוילן, וואס מיר מאלן אין אונדזער בוך.

אט האב איך אויפגעעפנט א נומער 68 פון פרייטיק דעם 21סטן

אויגוסט 1925. א פיינער נומער מיט אן ארטיקל פון מלך ראוויטש אויף דער ערשטער זייט אונטער א שטארקן נאמען: „אויך אין אונדזער דיכ־טונג — קריזיס!” און דערביי אן אונטערקעפּ „א ווארט וועגן ווערט, אומווערט און עקזיסטענץ־בארעכטיקונג פון דער נייער דיכטונג”. און אין מיטן דער זייט (מיר האבן שוין ארויסגעגעבן דאן די „ליט. בלעטער” אין דעם קליינעם פאָרמאַט) — א בילד פון פּרץ מארקיש, מיט זיין נאמען און מיט אן אונטערשריפט „צו זיין קומען קיין פּוילן” (ער איז דאן צור־יקגעקומען פון פּאריז, ווו ער האט פארבראכט א לענגערע צייט!).

איז וואס אזוינס איז מיט אט דעם גאנץ־כשרן און געוויינטלעכן נומער? אבער עס איז דא דערביי א מעשה און מיט א „חד־גדיא” אינ־מיטן (חד־גדיא — נישט דאס ציגעלע פון דער הגדה, נאר „חד־גדיא”, ווי יידן פלעגן רופן אן ארעסט־הויז, א תפיסה!).

די „ליט. בלעטער” זענען דאן ארויסגעגעבן געווארן דורכן ב. קלעצקין־פארלאג (די רעדאקטארן זענען פארבליבן מלך ראוויטש און איך). איז אזוי ווי אין ווארשע האט מען באדארפט האבן ספּעציעלע געלט אויף פּאפּיר און דרוקן, איז אונדז איינגעפאלן מיטן הסכם פון ב. קלעצקין (מיר פלעגן אים רופן לייטיש — בארים ארקאדיעוויטש!), אז מיר זאלן פּרוּוון זעצן און דרוקן דעם זשורנאל אין ווילנע. טאקע אין זיין, קלעצקינס, דרוקעריי, אויף קליין סטעפאן־גאס 23. די בארימטע גאס, אדער געסל, און דאס בארימטע קלעצקין־הויז, וואס געהערט אויך צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור און קולטור אין פּוילן. דא, אין דעם הויז, האט זיך אמאל אין 1913 געדרוקט די „יידישע וועלט” און עס איז געגרינדעט געווארן דער „ווילנער פארלאג” און עס איז ארויס די „לעבן און וויסנשאפט” און די „גרינינקע בוימעלעך” מיט נאך און נאך זאכן, וואס געהערן צו דעם יידישן קולטור־לעבן און קולטור־שאפן פון פּוילן, און צי נאר פון פּוילן?

בין איך אראפּגעפארן קיין ווילנע מיטן מאטעריאל פארן נומער, און מיט דער דעה אויפן ארט צו זען וואס מען קאן טון און אויך כדי צו באקענען דעם זעצער, דעם פארוואלטער מיט דער טעכניק פון דעם זשורנאל. בין איך געזעסן א פּאר טעג אין ווילנע, איבערגעקוקט דעם מאטעריאל, געלייענט די קארעקטור, — ביי דער מיטהילף פון דעם דיכ־טער און שרייבער א. פרידקין, — א טשעקאווער טיפּ, — ליב געהאט צו

רעדן וועגן אַלץ מיט ביטול, חוזק און פאַרביסנקייט, הגם ער איז געווען אַ ליבער, טייערער און האַרציקער מענטש. ער האָט, אַגב, אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע ווי אַ גוטער דיכטער, געהאַט אויך אַ חוש פאַר ליטעראַטור־פאָרשונג, אָבער דאָס שווערע לעבן, די אָרעמקייט, די דחקות האָט אים דערדריקט, האָט ער הנאה געהאַט מבטל צו זיין זאַכן און רעדן מיט פאַרביסנקייט וועגן מענטשן און אידעען. יאָ, האָבן מיר דעם נומער „ליט. בלעטער" מיט דער הילף און ליבשאַפט פון יוסף קאַמערמאַכער, דער פאַרוואַלטער פון דער קלעצקין־דרוקעריי, אויסגעזעצט, געשטעלט אין זייטן און טאַקע אָפּגעדרוקט. און כדי עס זאָל זיין אין צייט אין וואַרשע, האָב איך מיט זיך מיטגענומען די אָפּגעדרוקטע נומערן אין „באַגאַזש", און ביינאַכט אַרויסגעפאָרן מיט דער באַן פון ווילנע, צו קומען אויף מאָרגן פרי קיין וואַרשע מיט די אָפּגעדרוקטע נומערן, און די אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין וואַרשע אויף לעשנאָ 36, אין הויף אינעווייניק, וועט דעם נומער גלייך אַרויסשיקן צו די אַבאָנענטן, און פונאַנדערגעבן די אַגענטן, אין שטאָט וואַרשע און אויסערן שטאָט.

הכלל, אַלץ איז גוט און פיין, ווי ס'באַדאַרף צו זיין!

קום איך מיר צו פאָרן אינדערפרי מיט דער באַן צום ווינער וואָקזאַל, גיי אַרויס פון מיין וואַגאָן, גיב איבער אַ טרעגער, ער זאָל נעמען די פּעקלעך צייטונגען און לאָז מיך צום אַרויסגאַנג צו נעמען אַ „דראָזשקע". אָבער פאַרן אַרויסגאַנג — שטעלט מיך אָפּ אַן אַגענט פון געהיים־פּאָליציי און פאַרבעט מיך נאָכגיין מיט אים און באַפעלט אויך דעם טרעגער מיט די פּעק צייטשריפטן אין דעם ספּעציעלן פּאָליציי־פּאָסטן, וואָס איז אויף דעם וואָקזאַל, לינקס ביים אַרויסגאַנג. קאָן מען קיין „דבר אחר" נישט זיין, און מען מוז גיין... אין דעם אַרעסט־צימער זיצט אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר און צופרידן פון דער „מציאה" אַזוי פרי, פרעגט ער, וואָס איז עס פאַר אַ „ליטעראַטור", געבראַכט מיטן צוג? דערקלער איך, אַז עס איז אַ ליטעראַרישע צייטשריפט, דערשיינט שוין דאָס צווייטע יאָר, עס איז אָנגעגעבן דער אַדרעס פון דער רעדאַקציע — אין וואַרשע — און איך בין דער רעדאַקטאָר און עס איז אונטן, אויף דער לעצטער זייט, אָפּגעדרוקט דער אַדרעס פון דער דרוקעריי אין ווילנע, אַלץ איז אין אָרדענונג! אָבער דער פּאָליציי־קאָמיסאַר קוקט מיט חשד אויף דער צייטשריפט און אויף

מיר, און ער טוט מיך אַ פרעג: און ווער איז עס דער מענטש אויפן בילד? ווייזט אויס, אַז פּרץ מאַרקישעס קאָפּ מיט דער קוטשמע האָר איז אים נישט גאָר ווילגעפעלן. עפּעס צופיל שויבער אין זיי. דערקלער איך אים, אַז עס איז אַ יידישער דיכטער. פון וואַנעט איז ער? — טוט ער אַ פרעג. גיי דערצייל אים מאַרקישעס יחוס־עצמו און זיין „יחוס־אבות". אַז ער שטאַמט גאָר פון יענער זייט... זאָג איך: אַ געגנוג־באַקאַנטער דיכטער אין פּוילן, אַ היגער!

האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר זיך אָנגעזעצט צום טעלעפאָן, אָפּגערופן אין אייניקע ערטער, זיך אָנגעפרעגט צי איז טאַקע פאַררעגיסטרירט אַזאַ מין צייטשריפט אין דער פּאָליציי, אַריינגעקוקט אין מיין פּאַס, אָנגעקוקט מיך און פאַרגליכן מיין פּנים מיטן בילד אויף מיין פּאַס און לעגיטימאַציע פונעם ליטעראַטן־פאַראיין און נאָך אַ לענגערער איבעראַכטעניש איבערגעלאָזט ביי זיך אין די פּאַפּירן אַ נומער פון „ליט. בלעטער", האָט ער מיר ענדלעך דערלויבט גיין. איך בין פריי, הייסט עס. האָב איך גענומען מיט דער הילף פון אַ טרעגער די פּעקלעך צייטשריפטן, אַרויפגעלייגט זיי אויף אַ דראָזשקע און מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ שעה צייט, געבראַכט זיי בשלום אין דער רעדאַקציע, וווּ מען האָט שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויף מיר און אויף די נומערן.

און אַמאָל אויך האָט מען, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, אָפּגעטון אַ שפּיצל דער פּאָליציי מיט דער צענזור צוזאַמען. עס איז געווען אַ מחיה און אַ פאַרגעניגן צו טון עפּעס אַ פאַרבאָטענע זאַך הינטער די פּלייצעס פון דער וואַכער צענזור... אַזאַ גנבת־דעת — אָפּנאַרעריי — איז זיכער קיין חטא נישט!

און אָט אַ מעשה: מיר האָבן געהאַט געדרוקט די „ליט. בלעטער" אין ווילנע, און דער דאָרטיקער צענזאָר, הגם ער פלעגט אָפט אַריינבאַקומען פון ב. קלעצקין אַ מטבע, „לא יחרץ־געלט" (קלעצקין — אַ רוסישער ייד, אַ סוחר מיט אַ ברייטן פאַרנעם און קוראַזש, האָט געהאַט אַ באַזונדערע הנאה געבן אַ כאַבאַרל און דערפאַר עפּעס אָפּטון אַ שפּיצל דער מאַכט!), האָט קאָנפיסקירט אַ נומער „ליט. בלעטער" פאַר אַ דערציילונג פון פּרץ הירשביין „דער הילצערנער פוס". עס איז אַ מעשה מיט אַ סטאָליער, וואָס איז כל ימיו געווען אַ האָרעפּאַשניק, בעת דעם ערשטן קריג איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן און געקומען אַהיים מיט אַ שלעכט־

נעמאַכטן הילצערנעם פוס אנשטאט זיין אייגענעם פוס, וואָס ער האָט פאַרלוירן אין קריג. בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך עוזר דער סטאָליער אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציע, איז געוואָרן אַ קאָמיסאַר ביי זיך אין שטעטל און ער טראָגט פּאַראיבל אויף דער וועלט. ער איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און באַוויזט אַפילו נישט צו מאַכן זיך אַ גוטן הילצערנעם פוס. ער פאָלגט אוים טריי און ערלעך וואָס די רעוואָלוציע הייסט אים... א. אַ. וו. דער יידישער ווילנער צענזאָר האָט איינגעזען אין דער דערציילונג די אמתע „קראַמאָלע", אַן אָנצוהערעניש אויף פּראָטעסט און בונט און קאָנפיסקירט דעם נומער. אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער האָב איך געפּרוווט דאָס מזל מיט דער דערציילונג אין וואַרשע, ווו די „ליט. בלעטער" זענען צוריק אַריבער, און איך האָב בשלום אָפּגעדרוקט די דערציילונג אונטער אַן אומשולדיקן נאָמען „עוזר דער סטאָליער" („ליט. בלעטער", נ' 47, יאָר 1931). עס איז מיר געפעלן געוואָרן די דערציילונג און דערצו האָט מיר הנאה געטון אָפּצוטון אַזאַ שפּיצל דעם פּוילישן צענזאָר!

און געווען אַמאָל אַ מעשה מיט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און איר באַוווסט בוך לידער, וואָס זי האָט געדרוקט דורך די „ליט. בלעטער" אונטערן נאָמען „דזשיקע גאַס". אַזוי ווי קיין פאָר־צענזור איז נישט געווען, האָט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי זיך געשראָקן, מ'זאָל דאָס בוך, נאָכן דערשיינען, נישט קאָנפיסקירן. די לידער זענען געווען אָנגעזעטיקט מיט סאָציאַלן פּראָטעסט און עס זענען געווען בילדער פון דער שרייענדיקער סאָציאַלער נויט און פון פּאָליציי־ווילקיר. קומט זי צו מיר און בעט מיך רחמים, אפשר זאָל איך זיך ווענדן מיט אַ בקשה צום יידישן צענזאָר (דאָן איז געווען שטיינבאַק דער ממונה אויף דעם אין דעם „קאָמיסאַריאַט זשאָנדו" אין וואַרשע!). דער צענזאָר האָט לויטן געזעץ קיין רעכט נישט געהאַט פריער צו לייענען אַ בוך אין מאַנוסקריפּט און אים כשרן. איז מיר נישט געווען צום האַרצן גיין בעטן אַ זאַך, וואָס עס איז פאַרבאָטן און עס שמעקט פאַרן צענזאָר אַ שטראָף. אָבער קאַדיע האָט שטאַרק געבעטן, זי האָט זיך אָנגעליען געלט אויפן בוך און וועט מען עס קאָנפיסקירן, וועט זי נישט אַרויסקריכן מיט די חובות, וואָס זי מאַכט. האָב איך זיך געלאָזט איינרעדן און געגאַנגען. עס איז געווען שבת פרי, און אין „קאָמיסאַריאַט זשאָנדו", אינעם צענזור־צימער, איז געווען בלויז שטיינ־

באַק. פרעגט ער מיך, וואָס אַזוינס האָט מיך געבראַכט צו אים אין אַ שבת פרימאָרגן? ענטפער איך אים, אַזוי און אַזוי, פאַניע שטיינבאַק, איך האָב גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו קומען מיט אַזאַ שליחות, אָבער אַ פרווי אינצווישן, און מען דאַרף דאָך זיין אַ „דזשענטלמען", האָט מיך די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געבעטן ברענגען דעם מאַנוסקריפּט, אַלע לידער, וואָס זענען צוגעגרייט פאַרן לידער־בוך, און זאָל ער, שטיינ־באַק, מוחל זיין און איבערקוקן און פריער זאָגן, וואָס ער וועט דורכלאָזן און וואָס נישט . . .

ווערט שטיינבאַק ברוגז, סטייטש, וואָס הייסט, ער טאָר דאָך עס נישט טון, עס איז אומגעזעצלעך. ער קאָן דערפאַר טייער באַצאָלן! יאָ, גיב איך צו, איך ווייס עס גוט און איך האָב עס אַליין געזאָגט קאַדיע מאָלאָדאָווסקין. אָבער וואָס זאָל מען טון, זי לייגט אריין עטלעכע הונדערט זלאָטעס געליענע געלט אין בוך, און זי קאָן נישט לאָזן עס אויף „גאָטס באַראָט", און איך נעם ווידער אַפּעלירן: לאָמיר טון אַ זאַך פאַר אַ פּיי־נער דיכטערין, און דער עיקר — אַ דאַמע — לפנים משורת הדין!... און איך אַפּעליר צו אים, צו זיין גוט האַרץ.

הכלל, ער נעמט עס צו זיך אַהיים, אָבער בתנאי, אַז קיינער זאָל װעגן דעם נישט װיסן, קיינער... און ער הייסט מיך קומען אין אַ װאָך אַרום, טאַקע שבת פרי, װען עס זענען נישטאָ די איבעריקע פּוילישע באַאַמטע אינעם צימער . . .

אין אַ װאָך אַרום, איך לאָז מיך גיין אין „קאָמיסאַריאַט זשאָנדו", כ'קום אַריין אין צימער, פאַרמאַכט שטיינבאַק די טיר און נעמט אַרויס דאָס פּעקל לידער פון זיין שופלאָד, ער טוט אַ מיש און שטעלט זיך אָפּ אויף דריי לידער, װאָס זענען איבערגעפירט מיט רויטן טינט. אָט די דריי לידער זענען, הייסט עס, פאַרבאָטן צום דרוקן, און אויב זיי װעלן אַריין אין בוך, דאַן װערט עס קאָנפיסקירט דורך אים.

דאַנק איך אים אָפּ פאַר דער געפעליקייט און קום מיטן מאַנו־סקריפּט צוריק אַהיים, װוּ קאַדיע װאַרט שוין מיט אומגעדולד אויף מיין תשובה. טוט קאַדיע אַ קוק אויף די דריי פאַרמעקטע לידער און עס װערט איר שלעכט. מילא, צװיי פון די לידער — איז פאַרפאַלן, אָבער דאָס ליד „נאַכט", װוּ עס װערט געמאָלט אַ נאַכט־באַזוך פון דער פּאָליציי, װאָס קומט מאַכן אַן „אָביסק" (אַן אונטערזוכונג!) — אויב עס װעט ניט אַריין

אין בוך — איז שלעכט, איז אוים, פאַרלירט די גאַנצע סעריע דזשיקע גאַס איר כאַראַקטער און זינען . . .

אָבער וואָס זשע קאָן מען טון? איז קאַדיע ווידער צוגעשטאַנען צו מיר :

— טייערער, דו מוזט מיר העלפן! גיי אוועק צו אים און דערקלער אים, אַז עס גייט מיר ממש אין לעבן, אַז דאָס ליד זאָל אריין אין בוך, און יענע צוויי לידער — מילא !

— סטייטש, — בעט איך זיך ביי קאַדיען, — ער האָט מיר געזאָגט גאַנץ קאַטעגאָריש, אַז ער וועט דאָס ליד נישט דערלויבן. אָבער קאַדיע שטייט נישט אָפּ און בעט זיך ביי מיר. איך לאָז זיך נישט ווילנדיק גיין צוריק (ממש ווי די געשיכטע מיטן אַלטן פישער אין פושקינס מעשהלע מיטן גאָלדן פישעלע!).

קום איך ווידעראַמאָל צו שטיינבאַק, אזוי און אזוי, אויף די צוויי לידער איז זי מסכים, א ברירה האָט זי, אָבער דאָס ליד „נאַכט" — בעט זי, טוט א טובה און הייסט עס נישט ארויסנעמען פון בוך, ווייל און אזוי ווייטער . . .

גיט אויף מיר א קוק שטיינבאַק: וואָס הייסט, עס איז דאָך קעגן דער פּאָליציי, עס איז דאָך אַן אָנקלאָג קעגן דער מאַכט ? !

גיב איך א זאָג: ווייסט איר וואָס, לאָמיר איבערלייענען און מיר וועלן זען !

נעם איך אַרויס דאָס פּעקל לידער און מיר נעמען לייענען דאָס ליד „נאַכט" :

„נאַכט.
די לבנה ווי אייביק שיפט אויף זילבערנע וועסלעס מיין האַרץ.
צו מיין טיר
גייט מען אין דער נאַכט,
און מען טראָגט :
דראָאונג,
אומזין
און פאַרדאַכט.
און מען קלאַפּט אין מיין טיר,
און איך עפן און זע :
שווערד,
און קנעפּ,
און בליי,
גרייט פאַר מיר
און פאַר מיין הויפן לייב.

לויכט מען דורך מײַן טיש.
וואָרפֿט מען דורך די בעט.
ס׳האָט קיין וואָרט נאָך קיינער נישט גערעדט.
שטיי איך און איך וואַרט,
און איך הער :
ס׳רעדט מײַן גוף
מיט אומזין,
מיט בליי
און מיט שווערד.״

און איבערגעלייענט, קוקט אויף מיר שטיינבאַק און טוט מיך אַ פֿרעג, ווי דער זינגער, ווי דער גערעכטער: נו, וואָס זאָגט איר? איז דען דאָ נישט געמאָלט קיין פּאָליציי־באַזוך ?

—יאָ, — טו איך גלייך זיך אַ כאַפּ אַרויס מיט אַ וואָרט, אַזוי זיך, ווי אויף יוצא זײַן: אָבער ווו איז דאָ געזאָגט, אַז עס איז געשען אין וואַר־שע, עס האָט דאָך געקאָנט געשען אין בערלין !

— טאָ שרייבט־זשע טאַקע אונטער בערלין, טוט ער מיר אַ זאָג שנעל אויף צוריק.

און כך הוה, איך קום צו קאַדיען און זאָג צו איר, אַז עס איז דאָ איין אויסוועג, מען דאַרף אונטערשרייבן אונטערן ליד „בערלין״, וועט עס כשרן דאָס ליד אין בוך.

— וואָס הייסט בערלין? — הויבט ווידער אָן קאַדיע מיט אַ וויינענ־דיק־בעטנדיקער שטימע — עס איז דאָך אויף דזשיקע גאַס און אין דער סעריע פֿון דזשיקע גאַס ?

הקיצור, באַין ברירה האָבן מיר טאַקע צוגעגעבן נאָכן ליד „נאַכט״ די ווערטער „בערלין, אַפּריל, 1933״. איז ווער עס האָט דאָס ביכל לידער „דזשיקע גאַס״ פֿון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, וואָס איז אַרויס אין וואַרשע דורך די „ליטעראַרישע בלעטער״, זאָל געדענקען, אַז אויף זייט 17 איז די שורה בערלין — אַ זכר נישט פֿון בערלין, נאָר עס איז אָן אָנדענק פֿון די קאַפּריזן פֿון דער וואַרשעווער צענזור און פֿון איר יידישן פֿאַרשטייער !

אָדער אַזאַ מין אומזיניקע מעשה, וואָס קלינגט ממש ווי אויסגע־טראַכט, ווי אַ קוריאָז, אָבער עס איז אַ ידיעה, וואָס איז שוואַרץ אויף ווייס אָפּגעדרוקט אין די „ליט. בלעטער״ פֿונעם 13־טן אויגוסט 1926 (נ׳ 119):

„דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער אין וואַרשע פֿירט אָן אויספֿאָר־שונג קעגן דעם דעפּוטאַט יצחק גרינבוים, ד״ר צמח שאַבאַד און

אַלטער קאַציזנע, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין פאַרשפּרייטן קאָמו־ניסטישע ליטעראַטור".

דער לייענער וועט זיכער שטוינען: וואָס דעפּוטאַט יצחק גרינבוים איז גאָר פאַרמישט אין עפּעס אַ קאָמוניסטישער פאַרשווערונג און אין אַ גרופּע, וואָס גייט מאַכן קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע? אָבער הערט ווייטער די נאָטיץ:

„די מעשה איז אַזאַ: דער אַנסקי־קאָמיטעט, וואָס אין זיין שפּיץ שטייען די דערמאָנטע דריי, גיט אַרויס ש. אַנסקים ווערק. און אין דעם 8־טן באַנד „הומאָרעסקעס און לידער", האָט מען אויך אָפּגעדרוקט די בונדישע „שבועה", וואָס אַנסקי האָט אָנגעשריבן מיט 28 יאָר צוריק. דאָס דאָזיקע ליד איז אויך פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין דער ערשטער אויפלאַגע פון אַנסקים ווערק אין יאָר 1922 און דעמאָלט איז עס געווען נאָך כשר און מען האָט דערפאַר נישט קאָנפיסקירט דאָס בוך. איצט, אין יאָר 1926, איז די „שבועה" פּלו־צים אַנערקענט געוואָרן פאַר טריף און מען האָט קעגן די אַרויסגע־בער פאַרפירט אַ פּראָצעס. צו דער פאַראַנטוואָרטונג זענען אויך צו־געצויגן געוואָרן דער פאַרלאַג „צענטראַל" און דער סעקרעטאַר פו־נעם אַנסקי־קאָמיטעט ב. ראָזען" . . .

מיט צוויי נומערן שפּעטער, אינעם נ' 121, פונעם 27סטן אויגוסט 1926, לייענען מיר אין דער „כראָניק" פון די „ליט. בלעטער" אַזאַ מין „אומשולדיקע נאָטיץ":

„אין פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע, לעשנאָ 36, וווּ עס געפינט זיך אויך די רעדאַקציע „ליטעראַרישע בלעטער", איז פאָרגעקומען אַ רעוויזיע אונטער דער אויפזיכט פון פאָרשטייער פון רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט און באַאַמטע פון פּאָליטישער פּאָליציי. מען האָט דורכ־געקוקט פיל ביכער אין די פּאָליצעס, געהייסן עפענען אַלע קאַסטנס און בעקלעך, וואָס זענען אָנגעקומען און וואָס זענען געווען גרייט צום אַרויסשיקן. אַלע וואָס זענען געקומען אין דער צייט פון דער רעוויזיע אין לאָקאַל פונעם פאַרלאַג, זענען פאַרהאַלטן געוואָרן. די רעוויזיע האָט געדויערט העכער אַ שעה צייט. קיין שום פאַרדעכ־

טיקס איז נישט געפונען געוואָרן, און קיינער איז לסוף נישט פאַר־האַלטן געוואָרן. די סיבות פון דער רעוויזיע זענען נישט באַקאַנט".

עס געדענקט זיך גוט אָט די רעוויזיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיטן טאָג. מען איז אַריין אינמיטן דערינען מיט אַ פּאַפּירל, אַז עס ווערט דערלויבט צו מאַכן די רעוויזיע. מען האָט געבישטערט אַלע ביכער־פּאָלי־ציעס, און איינער פון די געקומענע פּאָליציי־לייט, אַ יידל, דער „געלער־טער", איז געקראָכן מער ווי אַלע, און ווי דערזען עפּעס אַ בוך מיט אַ רויטער הילע, האָט ער אַרויסגעצויגן, באַטראַכט עס און אַרומגעשמעקט. „רויטער פּנקס"? — וואָס איז דאָס? „פון רויטן לעבן"? — אהא! און אַזוי ווייטער. באַזונדערס אויפפאַלנדיק און חשדיק איז געווען דער זאַמל־בוך „ציטשריפט", וואָס איז אונדז אָנגעקומען דאַן פון מינסק. גראָד אַ ריין־פילאָלאָגישער זאַמלבוך, אָבער ער קומט פון דער שטאָט מינסק. ווי קומט עס צו אונדז? אויף אונדזער ענטפער, אַז ער איז אָנגעקומען אויף אַ לעגאַלן אופן דורך דער מלוכה־פּאָסט, — האָט מען עס פאַרצייכנט און גענומען מיט זיך צום אונטערזוכן.

אגב, עס האָט זיך דאַן געפונען ביי אונדז אין לאָקאַל, ער איז אַריינגעקומען אויף אַ באַזוך, יצחק גאָרדין (לענאַוויטש), וואָס איז איצט דער פּרעסע־אַטאַשע ביים פּוילישן קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק. און ווי מען האָט אים דערזען, האָט דער פאַרשטייער פון דער „דעפּענסיווע" (געהיים־פּאָליציי) אַ זאָג געטון צופרידן: „אהא, איר זענט אויך דאָ?!" ער האָט געזען אין דעם אַ מין באַשטעטיקונג, אַז די רעדאַקציע „ליט. בלעטער" איז דאָס אמתע אָרט, וויבאַלד אַזאַ מין „פּאַרשוין", וואָס איז געווען אויפן צעטל פון די פאַרדאַכטע, און ערשט נישט לאַנג אַרויסגעקומען פון דער לאָדזשער תפיסה, איז דאָ אין דעם נישט־לעגאַלן „מקום" . . .

אָט די פאַרשידענע אומזיניקע פאַרפאָלגונגען און וואָרענונגען מצד דער פּאָליציי און צענזור האָבן זיך איבערגעחזרט אויף פאַרשידענע אופנים און מיט אונדזער גאַנצער געניטשאַפט איז געווען לכתחילה שווער צו וויסן וואָס עס קאָן נישט ווילגעפעלן זיין מאַיעסטעט דעם צענזאָר.

עס געדענקט זיך אַזאַ געשיכטע: עס איז מיטוואָך אינדערפרי. דער נומער איז שוין אָפּגעדרוקט און ער ווערט צוגעגרייט צו דער עקספּעדיציע. מיין ברודער יעקב (ע"ה), די חברים אין דער אַדמיניסטראַציע ל. וויינ־

אפעל (איצט אין פאריז, ל. ווין, ל. לייטמאן מיט דער הילף פון אברהמל ראזענבערג פון טעקסטיל־פאראיין, וואס פלעג פרייוויליק קומען יעדן מיטוואך העלפן צו פאקן און קלעפן די אדרעסן אויף די נומערן, מיר אלע האלטן ביים פארענדיקן די עקספעדיציע צו שיקן אויף דער פאסט, — און פלוצים א קלונג פונעם טעלעפאן: ווער איז?

— פון „קאמיסאריאט זשאנדו" . . .

איז ביטער! מען רופט מיך, — גיי איך צו צום טעלעפאן און עס קומט פאר אזא דיאלאג:

— פאניע רעדאקטאזשע?

—יא!

עס רעדט שטיינבאק!

— זייער אנגענעם, וואס איז געשען?

— האט איר געלייענט דעם ערשטן ארטיקל: אלעקסאנדער גראנאכס „נאכן טויט פון אלעקסאנדער מאיסי"?

— אוואדאי!

און נו? — פרעגט ער מיך. ענטפער איך האפערדיק:

— א פיינער ארטיקל, געשריבן מיט הארץ, מיט א באציאונג צום פארשטארבענעם גרויסן שוישפילער־מייסטער.

— איך רעד נישט וועגן דעם ארטיקל בכלל,—זאגט צו מיר שטרענגער שטיינבאק. — מישט איבער די זייט און לייענט, זייט מוחל, די שורות 10 און ווייטער פונעם צווייטן עמוד.

נעם איך דעם נומער (נ' 15 פונעם 12־טן אפריל 1935) און מיש איבער די זייט און צייל אפ 9 שורות און הויב אן לייענען: „אלעקסאנדער מאיסי איז איבערגעגעבן געווארן צו אייביקע פלאמען צוזאמען מיטן רינג (דער בארימטער רינג, וואס איז איבערגעגאנגען בירושה פון איין גרויסן דייטשן שוישפילער צום צווייטן! — נ. מ.). דער גרעסטער דייטשער שוישפילער האט אזוי ארום געטון א סימבאלישע טאט. ער האט פארברענט דעם סימבאל פון דייטשער שוישפיל־קונסט. א לאנד, א רעגירונג, וואס פארטרייבט די גייסטיקע און קינסטלערישע כוחות, האט באקומען פון זיין גרעסטן זון פון דער טעאטער־קונסט דעם מאראלישן טויט־אורטייל . . ."

און איבערגעלייענט אַט די שורות, וואַרט איך אויף אַ תשובה פונעם קאָמיסאַריאַט־פאַרשטייער, און איך פרעג אים דערביי:

— איז דען אין דעם פאַראַן נישט ריכטיקס?

— איך ווייס נישט — צי עס איז ריכטיק אָדער נישט, אָבער וועגן אַ פריינטלעכער און פאַרבינדעטער צו אונדז מלוכה טאָרן מיר אַזוי נישט שרייבן.

— איז וואָס איז אייער פאָרשלאָג? — פרעג איך.

— אין דער פאָרם קאָן איך דעם נומער נישט דורכלאָזן און איך וועל אים מוזן קאָנפיסקירן!

ווער איך אומרואיק: ס'טייטש, דער נומער איז אָפּגעדרוקט און עס וועט זיין היזק! גיט ער מיר אַן עצה, מען זאָל אויסשניידן מיט אַ שער דאָס שטיקל טעקסט מיט די „טרייפע" שורות. איך דערוווידער, סטייטש, ווי קאָן מען עס אויסשערן אַ שטיק, ווען אויך די ערשטע זייט וועט ליידן דערפון?! גיט ער מיר אַן עצה:

— נעמט און פאַרקלעפּט אָט די שורות מיט אַ פעסטן קלעפּ־פּאַפּיר, מען זאָל נישט אַרויסזען וואָס עס איז דאָרטן געשריבן.

טענה איך ווידער:

— פאָלג מיך אַ גאַנג! גיין קלעפּן עטלעכע טויזנט נומערן, ווי גע־שיקט זיך עס?

ענטפערט ער מיר:

— איך ווייס נישט, און קאָן אייך קיין עצה נישט געבן. שיקט מיר צו 11 נומערן פאַרקלעפּטע, ווי עס פּאַדערט זיך פונעם געזעץ, וועל איך דעם נומער נישט קאָנפיסקירן...

וואָס־זשע האָבן מיר געטון? האָבן מיר אים געפאָלגט. מיר האָבן טאַקע פאַרקלעפּט אין 11 נומערן די „אומלעגאַלע" שורות, און די איבע־ריקע נומערן זענען אַוועק אַזוי מיט דער „חרפּה", נישט פאַרדעקט זי. אָרעמער פּויליש־יידישער צענזאָר, דו האָסט אונדז געהאָלפן אָפּנאַרן די פּוילישע רעגירונג און דערמיט געבראָכן די פריינטשאַפט אירע מיט די היטלעריסטישע באַנדעס!

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, געדענק איך, האָבן מיר זיך געטראָפן אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון די יידישע אַרטיסטן פון פּוילן מיטן

יידישן צענזאָר, שטיינבאַק. האָט ער מיך אָפּגערופן אָן א זייט און געזאָגט צו מיר:

— איר האָט זיכער פּאַראיבל אויף מיר, וואָס איך האָב זיך אָנגענומען דעם כבוד פון דייטשלאַנד, אָבער דאָס איז נישט די שולד פון מיר און פונעם אינערן־מיניסטעריום. פון מיינעט וועגן מעגט איר שרייבן אויף די דייטשן וואָס איר ווילט, אָבער דאָס אויסערן־מיניסטעריום האָט אַריינגעשיקט צו אונדז א פאַרלאַנג, מען זאָל אין קיין פאַל נישט קריטיקירן די דייטשלאַנד־רעגירונג, ווייל גערינג דאַרף אינגיכן קומען קיין פּוילן אויף „יאַגד", דאַרף מען היטן זיין כבוד, פּרעסטיזש און ווירדע... האָבן מיר געמוזט אויספאָלגן דעם פאַרלאַנג פונעם אויסערן־מיניסטעריום . . .

אזוי האָט דאָס דעמאָלטיקע אָפיציעלע פּוילן נישט געלאָזט פאַלן קיין שטויבעלע אויף דער נאַצישער דייטשלאַנד.

עס איז געווען אמאָל א מעשה, און די לינקע „ליטעראַרישע טריבונע" איז צייטווייליק אָפּגעשטעלט געוואָרן, האָבן מיר אָנגעהויבן דרוקן אָפּטער די לידער פון בונעם העלער, משה שולשטיין, מ. קנאַפּהיים און אַנדערע. האָט מיך געשיקט רופן דער צענזאָר און געוואָרנט פאַר אָט די שרייבער. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך ווייס נישט קיין אַנדערע מאָסן ווי נאָר, צי דאָס ליד איז גוט, — אָבער ווער דער דיכטער איז, אינטערעסירט מיך נישט. האָט ער מיר נאָכאמאָל „פריינטלעך" געוואָרנט, און צוגעגעבן:

— איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אייער א גוטער פריינט! טאָ נעמט צו מיין גוטע עצה, ווייל די „ליט. בלעטער" קאָנען ליידן דערפון.

אָבער דאָך האָבן מיר געדרוקט די לידער און די אַרטיקלען פון אָט די „קאָמפּראָמעטירטע" שרייבער און עס איז אַראָפּ גלאַטיק.

מיר האָבן זיך אזוי צוגעוווינט אָפּט אָפּצונאַרן דעם צענזאָר. אָט האָבן מיר געוואָלט אָפּדרוקן אין די „ליט. בלעטער" א מעמאָראַנדום, וואָס מיר, פּראָגרעסיווע שרייבער און טוער, האָבן זיך געגרייט צוצושטעלן צום „ייוואָ־צוזאַמענפאָר" אין ווילנע מיט חתימות פון עטלעכע און דרייסיק דעלעגאַטן (שרייבער און לערער) וועגן שאַפן אַן איינהייטלעכן קולטור־פראָנט (אין די דענקווירדיקע צייטן פונעם פאָלקס־פראָנט!), און כדי דער וואַרשעווער צענזאָר זאָל נישט קרום קוקן אויף דעם דאָקומענט, און זאָל גאָר נישט קאָנפיסקירן דעם נומער, האָב איך אונטערגעשריבן אונטערן

מעמאָראַנדום די ווערטער „ווילנער טאָג" — דאָס מיינט, אַז ס'איז איבער־געדרוקט פון דאָרט, הגם אין „ווילנער טאָג" האָט דער דאָקומענט געזאָלט זיך דרוקן ערשט מיט אַ וואָך שפּעטער.

די „ליטעראַרישע בלעטער" זענען אַמאָל קאָנפיסקירט געוואָרן פאַר אַ רעדע פון ה. לייוויק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ניו־יאָרק אין יאַנואַר 1936. די רעדע האָט געהייסן „די ליטעראַטור אין קלעם" (רעפעראַט גע־האַלטן אויפן קבלת־פּנים אָוונט אין ניו־יאָרק). אין דער רעדע איז געווען אַזאַ מין אָפּזאַץ:

„איך דאַרף אייך נישט זאָגן, אַז איך שטעל עס נישט אַרויס ווי אַ מאָטיוו, צוליב וועלכן מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע און פון קאָמוניזם, צוליב וועלכן מיר זאָלן פאַרלייקענען די סאָציאַלע רע־וואָלוציע און דעם קאָמוניזם. ניין, איך דאַרף עס נישט זאָגן, — ווייל איך נעם זיי אָן, איך פיל זייער הויך אויף מיר, איך פיל זייער אָטעם אין מיר. און דאָס קאָמוניסטישע סאָוועטן־רוסלאַנד איז מיר באַזונדער טייער". („ליט. בלעטער" נ' 7, 1936).

מיר האָבן געמוזט אַרויסגעבן אַן אַנדער נומער, לאָזן דאָס אָרט פון לייוויקס אַרטיקל ליידיק, און צוגעבן די פּראָזע אין פּויליש: „פּאָ קאָנפיסקאַצי — נאַקלאַד דרוגי", ד. ה. צווייטע אויפלאַגע, נאָך דער קאָנ־פיסקאַציע.

אַ גאָר שווער פּעקל און גרויס עגמת־נפש און איבערלעבענישן האָבן מיר געהאַט זומער סוף יולי 1936. עס איז געווען שוין אַזייגער איינס ביינאַכט. עס איז געגאַנגען אַ גאַס־רעגן. אינמיטן דרינען אינעם ערשטן האַרטן שלאָף הערן מיר האַסטיקע און שאַרפע קלינגען אין אונדזער טיר־גלעקל. מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט שטאַרק דערשראָקן. גראַדע האָט ביי אונדז געגעכטיקט אונדזער שוועסטער־קינד ליאָניק פינקלשטיין, וואָס איז דאַן אָקאָרשט באַפרייט געוואָרן פון דער פּוילישער תפיסה נאָך לאַנגע זיבן יאָר. מען האָט אים פאַראורטיילט פאַר דער אָנגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען נאָך זיין באַפרייאונג אונטערן אויפזיכט פון דער פּאָליציי און איז געווען געמאָלדן אויף אַן אַנדערן אַדרעס. זענען מיר געווען זיכער, אַז מען איז געקומען נאָך אים. עס רוקט זיך אַריין אַ פּאָליציאַנט אין דער באַגלייטונג פון דעם הויף־וועכטער (סטרוזש) מיט אַ פּאַפּירל, מען זאָל קאָנפיסקירן דעם ערשט־דערשינענעם

נומער „ליט. בלעטער", ווי אויך די העפטן פון דער ביכער־פּרעמיע: מיין בוך „אויף אונדזער קולטור־פראָנט" (פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קולטור־שאַפן). דערווייל זענען דערשינען די ערשטע צוויי העפטן צו 64 זייטן, וואָס האָבן באַדאַרפט צעשיקט ווערן מיטן נומער 31 פונעם 31־טן יולי 1936.

ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען איז אויסן בלויז אַ קאָנפיס־קאַציע פון דעם נומער און פון די העפטן, האָבן מיר פרייער אָפּגעאָ־טעמט, און ליאָניק (ער איז איצט אין פּוילן, פאַרנעמט אַ גאָר־אָנגעזעענעם אַמט אין דער היינטיקער פּוילישער רעגירונג) האָט זיך אַ באַרואיקטער איבערגעדרייט אויף דער סאָפע, אויף וועלכער ער איז געשלאָפן. די רע־דאַקציע און אַדמיניסטראַציע „ליט. בלעטער", צוליב פאַרשפּאָרונגס־צוועקן, זענען דאַן געווען אין אַ גרויסן צימער אין אונדזער דירה אויף גזשיבאָווסקע 24, נעבן דער וואַרשעווער גמינע. פרעגן מיר דעם פּאָלי־ציאַנט, וואָס איז דאָ די אייליעניש, מען האָט דאָך געקאָנט קומען מאָרגן פרי און נישט וועקן מענטשן אין מיטן נאַכט, האָט ער געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט קיין מעשיות, מען האָט אים געהייסן גיין, מוז ער גיין אפילו אין מיטן נאַכט!

הקיצור, מען האָט געמוזט צונויפנעמען די אַלע נומערן „ליט. בלע־טער", ער האָט זיי נעבעך געמוזט לאַנג ציילן (אַזוי איז געווען אין דעם באַפעל) און אַזוי אויך די העפטן פונעם בוך „אויף אונדזער קולטור־פראָנט", און אונטערגעשריבן, אַז ער האָט באַקומען כך וכך נומערן און העפטן, האָט ער זיי קוים אַראָפּגעטראָגן פון דעם פערטן שטאָק מיט דער הילף פון הויף־וועכטער. פאַרוואָס און פאַר ווען די קאָנפיסקאַציע איז געקומען — האָב איך נישט געוווּסט.

אויף מאָרגן אינדערפרי לאָז איך זיך גיין אין „קאָמיסאַריאַט זשאַנ־דו" (אויף דעם טעאַטער־פּלאַץ). איך קום צו גיין — ווייזט זיך אַרויס, אַז דער שטענדיקער יידישער צענזאָר, שטיינבאַק, איז קראַנק, ער האָט געקראָגן אַ לייכטע האַרץ־אַטאַקע, און עס פאַרבייט אים איינער אַ יידל שימקעוויטש, גראָד אַן אַמאָליקער פּועלי־ציון, אַ גאַליציאַנער יידישער יונגערמאַן. איך גיי אַריין אין צימער, און דער יידישער במקום־צענזאָר נעמט מיך אויף זייער קאַלט און שטרענג און שיקט מיך אָפּ צום הויפּט־צענזאָר, צום פאַרוואַלטער, אַ פּאָליאַק. פאַרשטיי איך, אַז עס איז עפּעס

אן ערנסטער ענין, רוף איך ארויס נח פּרילוצקין, אַן אַדוואָקאַט, אַמאָ־ליקער דעפּוטאַט פון סיים. קומט ער באַלד צו גיין, און מיר גייען ביידע אַריין צום הויפּט־צענזאָר.

וואָס איז געשען? דער פּאָליאַק רעדט צו אונדז מאָדנע דיבורים. ער קוקט אין אַ פּאַפּירל, ערשטנס, — די העפטן פון מיין בוך — זיי זענען קאָנפיסקירט — צוליב... דעם נאָמען „קולט־פּראָנט", וואָס קומט פון וואָרט „פאָלקס־פּראָנט" און צווייטנס, עס איז דאָ אינעם בוך אַן אַרטיקל „צען יאָר יידישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד", און אַן אַרטיקל וועגן „איין יידישע ליטעראַטור איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז נישט דער־לאָזבאַר! טענה איך און נח פּרילוצקי:

— סטייטש, די אַרטיקלען, אַלע אָן אויסנאַם, זענען פריער געדרוקט געווען אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און אין „היינט".

— יאָ, ענטפערט ער — יעדער אַרטיקל פאַר זיך איז אפשר דער־לאָזבאַר, אָבער אַלע אינאיינעם איז שוין אַן אַנדער מעשה! און בכלל — גיט ער צו — מיר האָבן ידיעות, אַז מייזיל איז אַ קאָמוניסט.

— וואָס, מייזיל — אַ קאָמוניסט? — פרעגט נח פּרילוצקי — מיר קענען מייזיל זייער גוט, ער איז אַ ליטעראַטור־קריטיקער און מיט פּאָ־ליטיק מישט ער זיך נישט!

— אָ, מיר ווייסן גוט אָט די, וואָס באַהאַלטן זייער אָנגעהעריקייט צו קאָמוניסטן!

און וואָס שייך דעם נומער „ליט. בלעטער" איז דאָרטן דאָ אַן אַר־טיקל וועגן מאַקסים גאָרקי „דער טרייער זון פון אַרבעטס־פאָלק", — עס איז אַן אָפענע סימפּאַטיע צו סאָוועטנפאַרבאַנד. און טאַקע ווער איז דער ק. ר., וואָס איז געחתמעט אונטערן אַרטיקל, ווער איז דער שרייבער?

עס איז געווען אַ פּאָר וואָכן נאָך מאַקסים גאָרקים טויט, האָב איך דעם אַרטיקל איבערגעזעצט פון אַ סאָוועטישער צייטונג, דער מחבר איז געווען קאַרל ראַדעק. אָבער צוליב פאָרזיכטיקייט וועגן האָב איך די לעצ־טע מינוט פאַרן דרוקן, שוין אין פּרעס, פאַרביטן דעם פולן נאָמען אויף די איניציאַלן ק. ר.

— ווער איז דער מחבר, מאַך איך מיך טאַמעוואַטע? איך ווייס אויך נישט! איך האָב דעם אַרטיקל איבערגעזעצט פון אַ העברעאישער צייטשריפט, וואָס דערשיינט אין פּאַלעסטינע.

— ווי הייסט די צייטשריפט? — טוט ער מיך א פרעג.

— „מוסף״ — ענטפער איך גלייך.

— ווער גיט עס ארויס?

— יידישע שרייבער אין פאלעסטינע! — האק איך ווייטער.

— אזוי גאר? — טוט ער א זאג און קוקט ווידער אין זיין צעטל, וואס ליגט פאר אים.

הכלל, עס האט געקאסט געגוג מי און אויפקלערונג מצד נח פרי־לוצקי און דערנאך מצד ד״ר מ. ווייכערט, וועמען איך האב שפעטער גע־נומען מיך צו פארטיידיקן, און נאך עטלעכע טעג האט מען די העפטן ענדלעך באפרייט, אבער דער נומער 31 „ליט. בלעטער״ איז טאקע געווארן קאנפיסקירט, און מיר האבן געמוזט ארויסלאזן א צווייטע אויפלאגע, א פארקלענערטע, מיט דער באמערקונג, אז די ערשטע אויפלאגע פונעם נומער איז געווען קאנפיסקירט, און אז מיר דרוקן א צווייטע אויפלאגע אן דעם קאנפיסקירטן ארטיקל. דערנאך האט מען שוין פארבאטן מיטצוטיילן די סיבה פון דער קאנפיסקאציע, און מען האט אויך נישט געטארט אנ־רופן דעם נאמען פון דער קאנפיסקירטער זאך. מען האט שפעטער אויך פארבאטן צו לאזן ווייסע פלעקן אנשטאט דעם פארבאטענעם ארטיקל אדער דערציילונג.

מען וואלט געקאנט דערציילן נאך און נאך אויסטערלישע געשיכ־טעס, ווי די פוילישע צענזור האט געבאלעבאטעוועט אין דער יידישער פרעסע אין פוילן. אין די צייטן פון די פאגראמען, וואס זענען זייער אפט פארגעקומען אין די פארשידענע פוילישע שטעטלעך, באגראמען, וואס אפטמאל האט די פאליציי גופא ארגאניזירט אדער מיטגעהאלפן, און שטענדיק געגעבן די ברכה און מאלערירט, — אין די צייטן פון אט די פארשידענע אנפאלן אויף יידן פלעגט דער צענזאר אפרופן אין דער רע־דאקציע פון דער יידישער צייטונג מיט אזא מין נוסח:

— עס זענען דא און דארטן פארגעקומען אינצידענטן, ראטן מיר אייך נישט איילן צו געבן נישט קיין קאנטראלירטע ידיעות,ווארט אפ אויף דער אפיציעלער מעלדונג פון דער פוילישער — דאס מיינט פאלי־צייאישער — טעלעגראפן־אגענטור (פאט). דרוקט נישט קיין גלאט ידיעות, צוואס זאלט איר ליידן, מען קאן נאך דעם נומער קאנפיסקירן . . .

און ווען די רעגירונג האט געוואלט דערגיין א צייטונג די יארן (איין

צייט איז עס געווען דער „היינט״ פאַר זיין באַיקאָטירן די וואַלן צום סיים!), האָט מען געפונען פאַרשידענע אויסריידן, מען האָט פאַרהאַקט די דרוקעריי, ווייל זי איז פייער־געפערלעך, אָדער אַז דער טויער איז אַ צו־שמאָלער (אויף כּלאָדנע 8), אָדער אַנדערע אויסריידן. מען פּלעגט קומען דאַנערשטיק אָוונט, ווען עס איז אַרויס דער ערב־שבת־נומער אין אַ פאַרגרעסערטער צאָל זייטן און אין מער עקז. און פאַרבאָטן דעם נומער פאַר עפּעס אַ נאַרישקייט. אויף אַזאַ אופן האָט מען געהאַפט צו ברעכן די עקשנות פון דער צייטונג פאַר איר ריכטליניע, וואָס איז נישט ווויל־געפעלן דער רעגירונג, דעם אינערן־מיניסטער. דאָס זעלבע אויך בנוגע דער „פאָלקס־צייטונג״ (פון „בונד״) און אוודאי איז מען דערגאַנגען די יאָרן דער פּראָגרעסיווער טאָג־צייטונג „דער פריינד״, וואָס האָט נישט געהאַט צוליב דעם קיין אריכת־ימים. מען האָט אויך געדראָט די מיטאַר־בעטער פון דער צייטונג, מיט דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס פּוילן, דאָס פּאַשיסטישע פּוילן, האָט אויפגעשטעלט אין קאַרטוז־בערעזע.

קאַרטוז־בערעזע איז טאַקע געוואָרן אַ שרעק־וואָרט און אַ וואָרע־נונג פאַר אַלע די, וואָס מען האָט געוואָלט אַנשרעקן. עס איז געווען אַ גרויליק אָרט, ווו מענטשן זענען געפּייניקט געוואָרן אויפן ערגסטן אופן, און ווער עס איז אַרויס פון דאָרטן אַ לעבעדיקער — איז געווען פיזיש און גייסטיק צעבראָכן. אייניקע יידישע טוער, פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע, האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אָט דעם פּוילישן גיהנום. קאַרטוז־בערעזע איז געווען דער „לאָגישער״ פּועל־יוצא פון דעם ווילקיר, פון דער הפקרות, וואָס האָט געהערשט אין דעם פּוילן עטלעכע יאָר פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג.

יאָ, מען דאַרף נאָך דערציילן וועגן איינעם אַ צענזור־„אויפטו״ אין וואַרשע מיט דער פּיעסע פון ז. שניאור „נח פּאַנדרע״, וואָס דער שרייבער שלמה שיינבערג האָט דראַמאַטיזירט פאַר זיגמונט טורקאָוו, וועלכער איז דאַן אויפגעטרעטן אין גרויסן „נאָוואָשטשי״־טעאַטער. עס איז געווען נישט־פּויגלדיק אינעם יידישן טעאַטער, איז געמאַכט געוואָרן אַ פאָרשלאַג צו שטעלן אַן אינסצעניזירונג פון ז. שניאורס ראָמאַן „נח פּאַנדרע״, וואָס איז געגאַנגען אין „מאָמענט״ מיט גרויס דערפאָלג אין המשכים. מען האָט פּלייסיק זיך גענומען צו דער אַרבעט, מען האָט אַריינ־געלייגט אין דער פאָרשטעלונג אַלץ וואָס מען האָט פאַרמאָגט, און מען

האָט שוין געהאַט אַנאָנסירט די פאָרשטעלונג, אויף וועלכער מען האָט געמאַכט חובות, ווי עס האָט זיך געפירט אינעם יידישן טעאַטער. אַ פּאָר טעג פאַר דער פּרעמיערע לאַדט מען איין דעם צענזאָר, ער זאָל זי גוט־הייסן, ער זאָל דערלויבן די פאָרשטעלונג און אונטערשרייבן די „צענ־זורקע". דאָן האָט דערפילט די פליכטן פונעם יידישן צענזאָר דער דער־מאָנטער שימקעוויטש, וואָס האָט אונדז אונטערגעשטעלט א „בענקעלע". ער קומט צו גיין, ער זעט די פאָרשטעלונג און עס געפעלט אים נישט די גאַנצע סצענע פון דעם פּאָגראָם, ווי דער יונג נח פּאַנדרע באַטייליקט זיך אין דער יידישער „זעלבסטשוץ", און... ער הייסט אַרויסנעמען די גאַנצע סצענע. ווערט אין טעאַטער א טומל, אַ פּאַניק. ווי קאָן מען עס אַרויסרייסן פון דער פאָרשטעלונג דעם עיקר־אַקט, וואָס באַווייזט די מענטשלעכע איבערוואַנדלונג פון דעם העלד נח פּאַנדרע? מען דער־ווייזט דעם צענזאָר, אַז די גאַנצע האַנדלונג קומט פאָר אין די אַמאָליקע צאַרישע צייטן, אין אַ רוסישער שטאָט, און דער פּאָגראָם ווערט אָרגאַ־ניזירט דורך דער צאַרישער פּאָליציי מיט די באַנדעס פון דער „שוואַר־צער מאה". אָבער עס העלפט קיין זאַך נישט, ער האַלט זיך ביי זיינס, ער דערלויבט נישט די גאַנצע סצענע. עס איז געווען אין דער צייט, ווען אין פוילן, אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך האָבן געבושעוועט די פּאָגראָמען, מען האָט צעטראָגן די יידישע „סטראַגאַנעס" אויף די מאַרקן און די פּוילישע פּאָליציי האָט עס גערן אונטערגעהאָלפן. און אויב יידן האָבן זיך קעגנגעשטעלט דאָ און דאָרטן האָט מען די יידן פאַראורטיילט, ווייל... זיי שטערן די עפנטלעכע רו . . .

זיגמונט טורקאָוו איז געווען פאַרצווייפלט, ער איז דערשיטערט און ער איז גרייט זיך ציען צוריק, זאָל מען פאַרהאַקן דאָס טעאַטער און אַן עק. און אַזוי די אַנדערע אַרום דעם יידישן טעאַטער. אָבער די „ניכטערע" פּרוּוון דאָך עפּעס צו טון. איך געדענק, ווי עס איז געקומען צו מיר אין דער רעדאַקציע „ליט. בלעטער" דער שרייבער שלמה שיינבערג, וואָס האָט דראַמאַטיזירט דעם ראָמאַן, און מיר דערציילט מיט ווייטיק און צאָרן די געשיכטע, אַז פון דער גאַנצער מי, וואָס האָט געקאָסט געלט, צייט און מענטשלעכע געשפּאַנטע ענערגיע און געזונט — איז גאָרנישט געוואָרן! אָבער עמעצן איז איינגעפאַלן אַזאַ מין מאָדנער אויסוועג: אָנשטאָט אַ פּאָגראָם, וואָס ברעכט אויס אין שטאָט, ווי מען האָט געבויט די פּיעסע

לויטן ראָמאַן, זאָל גאָר פּלוצים אויסברעכן אין שטאָט א... כאָלערע, און נח פאַנדרע, וואָס דאַרף ווייזן זיין גבורה און מוט בעת דעם פּאָגראָם אין שוץ פון די פאָגראָמירטע יידן, זאָל אַרויסווייזן איצט זיין גבורה בעת דער... כאָלערע. ווען מען האָט מיר דערציילט וועגן דער „אויסבעסערונג", וואָס מען ברענגט אַריין מיט דעם גוטווילן פונעם יידישן צענזאָר, האָב איך לכתחילה געמיינט, אַז עס איז אַ שפּאַס. ווי געשיקט זיך עס אַזאַ מין אומזין ? !

אָבער כדי צו ראַטעווען די פאָרשטעלונג, איז מען איינגעגאַנגען אויף אָט דעם אומזין, אויף דער כאָלערע . . .

עס קומט פאַר די פּרעמיערע, און ווער עס האָט פריער נישט גע־ווּסט וועגן דער גאַנצער געשיכטע מיט דעם צענזאָר און מיט דער ענ־דערונג, וואָס מען האָט נישט ווילנדיק אַריינגעטראָגן אין דער פאָרשטע־לונג, האָט געקנייטשט מיט די זייטן און נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די פּאָליציי זוכט נח פאַנדרען און אַרעסטירט אים אפילו. קומט דען אַרעס־טירן אַ מענטשן, וואָס האָט בעת דער עפּידעמיע פון דער כאָלערע(?) גע־האָלפן די קראַנקע, זיי געטראָגן אויף די פּלייצעס פון די הייזער אין שפּיטאָל אַריין? און נאָך אומזיניקער איז געווען דערנאָך די אויספאָר־שונג פונעם פּריסטאַוו — עס האָט זיך נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און דער פאַרשטענדיקער צוקוקער איז געווען פאַרגאַפט און דער־שטוינט. די צרה איז נאָך גרעסער, וואָס מען האָט אפילו נישט געקאָנט וועגן דעם דערציילן אין דער פּרעסע, ווייל דער צענזאָר האָט דאָך געהאַט צו זאָגן אויך אויף דער פּרעסע, וואָלט ער די ציטונג מיט די אויפקלע־רונגען וועגן די „אויסבעסערונגען" אין דער פּיעסע זיכער קאָנפיסקירט...

אָבער אַמאָל האָט מען איבערגעקליגלט די צענזור. מען פלעגט נע־מען אַ דערלויבעניש אויף אַ פאָרשטעלונג אויף אַ דערלויבטער „צענזור־קע", און מען האָט געשפּילט גאָר אַן אַנדערע זאַך.

ביים לינקן טעקסטיל־פאַראיין איז געווען אַ גאָר־פיינער דראַמאַטי־שער קרייז, וואָס האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס און פּעאיקע יונגעלייט און מיידלעך. עס האָט מיט דעם קרייז איין צייט אָנגעפירט יעקב ראָט־בוים. האָט מען געגרייט אַ זייער שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע בונטאַרישע זאַך פון דעם דייטשן דראַמאַטורג ערנסט טאָלער, ווו עס זענען געווען סצענעס פון מאַסן־אויפברויז, מען האָט געשליידערט ווערטער קעגן דער

קאפיטאליסטישער און פאשיסטישער וועלט, און דערצו — מיט רויטע פענער און אזוי ווייטער. ווי־זשע קאן מען אזא זאך אויפפירן? האט מען גענומען א דערלויבעניש אויף א „צענזורקע" „באצקעלע כל־בוניק" אדער עפעס ענלעך אויף דעם, און מען האט אנשטאט דעם געשפילט די רע־וואלוציאנערע סצענעס פון ערנסט טאלער. עס איז געווען שבועות ביי־טאג. דער גרויסער קאמינסקי־טעאטער איז געווען איבערגעפאקט איבער זיינע ברעגן, קליין און גרויס, ארבעטער און פאלקס־מענטשן. און פאר און צווישן די אקטן זענען געווען קורצע שארפע רעדעס... עס איז געווען גרויסער יום־טוב אין זאל און א דערהויבענע רעוואלוציאנערע שטימונג, וואס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר די מיטגלידער פון דעם טעקסטיל־פאראיין, וועלכער איז אויסגעשטאנען אלע צרות פון דער פאליציי, גע־ווען גערודפט און געיאגט, און ער האט דאך קיינמאל נישט אויפגעגעבן זיין עקשנותדיקע ארבעט.

אבער גייענדיק צוריק פונעם טעאטער אין א געהויבענער שטימונג, האט דער גרויסער עולם געהאט א „סיורפריז". די געהיים־פאליציי האט ארגאניזירט אמתע געשלעגן איבער די גאסן, וואס האבן געפירט פונעם טעאטער דורך קראקאווער פארשטאט און זאקסישן גארטן. אינמיטן העלן טאג. האט מען ווילד און צערייצט נאכגעיאגט, געשמיסן מיט די גומענע שטעקנס די אלע, וואס זענען געגאנגען פרידלעך פונעם טעאטער. די פא־ליציי האט אויף אזא אופן געגעבן צוּוויסן, אז זי ווייסט, ווער די דרא־מאטישע טרופע איז און פון וואנעט זי ווערט געשטיצט און דערמיט טעראריזירט די סימפאטיקער און מיטגלידער פונעם טעקסטיל־פאראיין...

עס האבן נישט געפעלט קיין צרות אינעם אמאליקן פוילן פון דער צענזור און פאליציי!

24

יידישע שטעט אין פוילן

יא, טאקע בפירוש — יידישע שטעט אין פוילן! שטעט, וואס נישט נאר האבן זיי פארמאגט א גרויסע, א באדייטנדיקע צאל יידן מיט יידישע

אינסטיטוציעס, מיט א יידישן לעבנס־שטייגער, נאָר שטעט מיט אן אייגענעם אייגנאַרטיקן יידישן פּרצוף־פּנים, מיט אן אייגענעם יידישן כאַראַקטער און סטיל, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט און אויסגעשטאַלטיקט אין לויף פון יאָרהונדערטער.

אויסער וואַרשע גופא, וואָס איז געווען, ווי נחום סאָקאָלאָוו, איינער פון די קלאָרסטע און אינטערעסאַנטסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פונעם אַלטן און נייעם יידישן פּוילן, האָט אַמאָל געזאָגט וועגן איר — אַז עס איז ש"ס מיט אַ סך פּירושים, — אויסער וואַרשע, וואָס איז שוין דורך אַנדז געמאָלט געוואָרן, — האָבן מיר געהאַט אין פּוילן נאָך עכט־יידישע שטעט, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געהאַט איר אויסזען און פיזיאָגנאָמיע, ווי לאָדזש, ווילנע, לובלין, ביאַליסטאָק, קראָקע, גראָדנע, לעמבערג, זאַמאָשטש, פּלאָצק, בריסק, פּינסק, טשענסטאָכאָוו און נאָך און נאָך. וועגן יעדער איינער פון אָט די שטעט וואָלט מען געקאָנט שרייבן און שרייבן — סיי וועגן איר וויטער פאַרגאַנגענהייט און סיי וועגן איר נאָענטן עבר. יעדע שטאָט האָט אויפגעהיט אין זיך זכרונות, איבערלעבענישן, פּאַסירונגען פון לאַנגע, לאַנגע צייטן, וואָס האָבן זיך געצויגן עטלעכע הונדערט יאָר, און די אינטערעסאַנטע יידן, וואָס איר האָט באַגעגנט אין יעדער שטאָט, זענען געווען ווי לעבעדיקע עדות, זיי האָבן וועגן דעם אַלעמען געוווּסט און זיך גערן מיט אייך געטיילט ביי אייער אַ באַזוך אין איינער פון די שטעט, און ביי די באַזוכן אין די אַלע דענקווערטיקע ערטער, וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן אין די שטעט אין משך פון יאָרהונדערטער.

לאָדזש איז געווען גאָר נאָענט צו וואַרשע, סך הכל — אַ קנאַפּע צוויי שעה, אָדער אפילו אַ שעה מיט אַ האַלבע מיט אַ שנעל־צוג, אָבער סאַר אַ גרויסער און טיפער אונטערשיד עס איז געווען צווישן אָט די צוויי שכנותדיקע שטעט און סאַר אַ טיפער אונטערשיד עס איז געווען צווישן די וואַרשעווער און לאָדזשער יידן! וואַרשע האָט פאַרמאָגט, פאַר דער היטלער־מגפה, איבער 350 טויזנט יידן, לאָדזש — איבער 200 טויזנט. די יידישע וואַרשע איז אַלט געווען אַזוי לאַנג ווי די שטאָט וואַרשע בכלל. אָט די וויט־ווייטע איינגעוואָרצלטקייט האָט, פאַרשטייט זיך, פיל געהאַט וואָס צו זאָגן אויפן כאַראַקטער, אויף דער אויספורעמונג פון דעם יידיש־פּוילישן טיפּ אין וואַרשע. גאָר אַנדערש איז געווען לאָדזש,

— די שטאט בכלל איז געווען א יונגע, איר געשיכטע הויבט זיך אן סוף 18־טן יאָרהונדערט, און איר אויפבלי — אינעם 19־טן י״ה. זי איז געבויט געווען ראַש, אייליק, און דאָס רוב — דורך אנגעקומענע, אנ־געלאָפענע, פּאָליאַקן, דייטשן, רוסן, יידן.

די יידישע ווארשע האָט פארמאָגט טראַדיציע, סטיל, אייגנאַרט, קאָלאָריט, זי האָט נישט געהאַט קיין דרויסנדיקע דענקמעלער, קיין מאָ־נומענטן, קיין היסטאָרישע פּלעצער, אָבער יעדעס ווינקל אין שטאָט איז געווען איינגעזאַפּט מיט יידישער געשיכטע. גאַסן און הויפן האָבן גע־רעדט וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. גאָר אַנדערש איז געווען לאָדזש, עס האָט איר געפעלט די פּאַטריאַרכאַלישקייט, די איינגעזעסנקייט פון דער אַלטער באַיאָרטער יידישער ווארשע.

און אפילו די אויסשפּראַך פון אַן עכט־ווארשעווער יידן און אַ לאָדזשער! און וויפל עס זענען נישט אָנגעקומען קיין יידן אין ווארשע — פון רוסלאַנד, פון ליטע, פון ווייסרוסלאַנד, פון וואָלין, און דערנאָך — פון גאַליציע, אָבער די יידישע ווארשע האָט אויפגעהיט איר טראַכט, איר הילוך, איר אייגנעם אופן פון רעדן, פון רעאַגירן. לאָדזש האָט נישט געהאַט דעם עכט־פּוילישן אויסדרוק, און אויך די שפּראַך האָט גאָר געהאַט אַ שטאַרקן צומיש פון דייטש. אוודאי האָט זיך ווארשע געענדערט אין לויף פון יאָרצענדליקער, זינט מיין ערשטן באַזוך אין ווארשע (צוליב דוד בערגעלסאָנס ערשט בוך „אַרום וואָקזאַל״, אין יאָר 1909, ביז אַ דריי צענדליק יאָר שפּעטער). די ערשטע מלחמה גופא האָט אריינגעטראָגן פיל ענדערונגען אין דער פּאַטריאַרכאַלישער שטאָט, גע־ענדערט דאָס אָנטון פון די יידישע יונגעלייט, דעם שטייגער, אָבער אויך ערב דעם צווייטן וועלט־קריג, סוף 1937, ביי מיין פּאַרלאָזן ווארשע, פּוילן, האָט מען נאָך אָנגעטראָפן פיל יונגעלייט אָנגעטון אין לאַנגע קאַ־פּאָטעס און אין קליינע עכט־יידיש־פּוילישע היטעלעך. און שבת אויף די מער־יידישע גאַסן, אויף מוראַנאָווסקע, אויף דזשיקע, אויף פראַנציס־קאַנער, האָט מען נאָך אָנגעטראָפן רביים אין אַטלאַסענע מאַנטלען און און אין שטריימלען ווי אין די אַמאָליקע יאָרן אין גאַליציע. און חול־המועד האָבן פיל עלטערע יידן, אויף די יידישע גאַסן, נישט אויסגע־טון די סאַמעטענע היטלען מיט דיברייטע ראַנדן.

ווארשע האָט צוגעקראָגן אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלח־

מות פיל „גוטע יידן", „רביים", וואָס האָבן דאָ געצויגן דעם „המשך" פון זייערע רבישע הויפן, ווען אין די גאַליצישע אָדער פּוילישע יידישע שטעטלעך איז שוין מער קיין אָרט נישט געווען פאַר זיי. ווען די חסידים האָבן אויפגעהערט צו פאָרן צו די „גוטע יידן", האָבן די „גוטע יידן" פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף קומען אין די שטעט, וווּ עס זענען דאָ גרעסערע צאָלן יידן. אמת, ס'האָט שוין געפעלט די סביבה, די אַטמאָספער ווי אַמאָל, אינעם שטעטל. עס האָבן נאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם לעבן פון פּוילן און פון די יידן אין וואַרשע די עטלעכע גרויסע רבישע דינאַסטיעס, — בעיקר — די גערער און אַלעקסאַנדרער. און ווען דער גערער רבי איז אַמאָל אָנגעקומען מיטן צוג קיין וואַרשע, האָבן טויזנטער יידן מקבל פּנים געווען זייער רבין און די וואַרשעווער פּאָליציי האָט געהאַט שווערע אַרבעט, אָפּצוהיטן די אָרדענונג און דעם מאַסן־אָנגעלויף.

עס געדענקט זיך מיר גוט איינע אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס פיל הונדערטער חסידישע יונגעלייט האָבן אָרגאַניזירט קעגן דער וואַרשעווער גמינע, אויף גזשיבאָווסקע 26, עס איז געווען כוח און פּאַטאָס און קאַמפלוסטיקייט ביי די יונגע חסידישע קרייזן, און עס געדענקט זיך אויך זייער גוט אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס חסידישע יונגעלייט האָבן אָרגאַניזירט אין ליטעראַטן־פאַראיין, ווען דער יונגער מוני נאַדלער, דער דיכטער, וואָס האָט פאַרפאַסט די „בעש"ט סימפאָניע", איז מיטאַמאָל אַוועק פון די רעליגיעזע קרייזן און איז געוואָרן גאָר אַ נאָענטער און סימפּאַטיקער פון די לינקע, פון דער גרופּע „ליטעראַרישע טריבונע" (שפּעטער איז ער געווען באַקאַנט ווי א. גאַליצין אין פּאַריז אין דער „נייער פּרעסע", וווּ ער איז אויף זיין פּאָסטן, ווי דער רעדאַקטאָר פון דער אומלעגאַלער צייטונג אומגעקומען דורך די נאַצישע בעסטיעס). איך געדענק גוט יענעם אָוונט, ווען מוני נאַדלער האָט באַדאַרפט אויפטרעטן אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין, און די פרומע יונגעלייט האָבן אָרגאַניזירט אַן אָבסטרוקציע, וואָס האָט ניט געגעבן די מעגלעכקייט נאַדלערן אויפצוטרעטן. דאָס איז געווען די יידישע וואַרשע!

און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז וואַרשע איז דאָך געווען דער הויפּטצענטער פון דער יידישער פּרעסע, ליטעראַטור, טעאַטער, שול־וועזן, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, — און פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט צו־

געצויגן צו וואַרשע די וויכטיקסטע טוער און שרייבער. וואַרשע איז געווען אַ צוזאַמענ־פּונקט פֿאַר די אַלע אין דער פּראָווינץ, וואָס האָבן דערפֿילט אין זיך אַ „געטלעכן פֿונק" און עס האָט זיי געצויגן צום גייסטיקן צענטער. אויך געסט פֿון אַמעריקע, שרייבער און שוישפּילער, האָבן קודם כּל אָפּגעשטאַט אַ וויזיט וואַרשע, די יידישע מעטראָפּאָליע, געפּרוּווט דאָ דאָס מזל, און געוויזן זייערע פֿעאיקייטן, און אויב וואַרשע האָט געגעבן איר הכשר, איז מען געפֿאָרן ווייטער. עס איז געווען אָפּט באַקאַנט, אַז גראָד אין וואַרשע האָט מען אָפּט נישט געמאַכט קיין גאָר־גוטע געשעפֿטן, אָבער עס איז געווען כּדאַי די האָרעוואַניע, ווייל וואַרשע איז דאָך געווען מאָסגעבנדיק פֿאַר דער יידישער פּוילישער פּראָווינץ. האָט מען געהאַט אַ „גוטע פּרעסע" אין וואַרשע, האָט מען שוין געקאָנט האָפֿן אויף דערפֿאָלג אין דער פּראָווינץ, לכתחילה אין די גרעסערע יידישע שטעט, שפּעטער אין די קלענערע און ערשט דערנאָך — אין די קליינע. עס עס זענען געווען אַ 500 שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, און בעסערע יידישע טרופּעס פֿלעגן אָנשלאָגן אין אַ 200 שטעט און שטעטלעך. ווען מען דערמאַנט זיך, אַז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן קאָן אַ יידישער טעאַטער־אַנסאַמבל באַזוכן בלויז אַ צענדליק שטעט, און די קליינע קאָנצערט־אַנסאַמבלען וואָס עס שיקן אַרויס די פֿראַטערנאַלע אָרדענס (דער אַרבעטער־רינג, דער נאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד אָדער דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאָלקס־אָרדן) — אַן 80 שטעט, זעט מען ערשט, ווי ווייט די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן האָבן איינגעהיט אין זיך יידישקייט, ווילן און דראַנג פֿאַר אַ יידיש וואָרט, פֿאַר אַ יידישער פֿאָרשטעלונג.

וואַרשע האָט פֿאַרמאָגט זעקס טעגלעכע יידישע פֿרימאָרגן־צייטונגען, און צוויי נאָכמיטאָג, וואָס אַ גאַנץ־גרויסער טייל (איבערהויפּט פֿון די נאָכמיטאָג־צייטונגען!) פֿון די אָפּגעדרוקטע עקז. איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין וואַרשע גופֿא. וואַרשע האָט געהאַט פֿאַרשידענע יידישע זשורנאַלן, צייטשריפֿטן, וואַרשע האָט פֿאַרמאָגט עטלעכע שטענדיקע טעאַטערן. אָפּטמאָל — אַ פֿינף־זעקס. און אַז עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ שלום־עליכם־ אָדער אַ מענדעלע־אויסשטעלונג פֿון די אַרבעטן פֿון די יידיש־וועלטלעכע ציש"אָ־ קינדער־שולן, האָבן באַזוכט אַ 50־60 טויזנט יידן אין לויף פֿון אַ פּאָר וואָכן. און אַ יידישע קינדער־פֿאָרשטעלונג האָט געצויגן זעכציק־זיבעציק מאָל צו טויזנט און פֿופֿצנהונדערט יידישע קינדער. עס

איז געווען א גרויסע רייכע יידישע וועלט די יידישע ווארשע. לאָדזש האָט אוודאי נישט געקאָנט זיך פאַרגלייכן מיט דעם אַלעמען, אָבער די לאָדזשער פּאַטריאָטן, — און עס זענען געווען אַזעלכע! — האָבן אָנגעוויזן, אַז מיט אַ גוטער פּיעסע קאָן מען אַלעמאָל מער אויסנעמען אין לאָדזש, ווייל דער דאָרטיקער דורכשניט־לייענער און צוקוקער איז געווען פון אַ העכע־רער קולטור־מדרגה. משה בראָדערזאָן און יצחק ברוינער וואָלטן אין קיין פאַל נישט אוועקגעגעבן זייער לאָדזש פאַר ווארשע. און ווען אין ווארשע האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין דער שטערן פון דער קליינקונסט־בינע, איז ער פּלוצים אויפגעגאַנגען אין לאָדזש. און די לאָדזשער האָבן אָפּט־מאָל געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף ווארשע, ווייל זי איז פאַרשוונדעוועט, — האָבן זיי געטענהט. דער לאָדזשער „אַראַראַט" איז טאַקע איין צייט געשטאַנען העכער פון די שפּעטערדיקע „סמבטיון" אָדער די „באַנדע"־אַנסאַמבלען, און אַז אָט די צוויי באַזונדערע טעאַטערן האָבן זיך פאַר־אייניקט, האָט מען געפילט, אַז עס איז עפּעס אַ „שעטנז", — און די ווארשעווער יידישע אַרטיסטן זענען געווען דערפאַר ברוגז, ווען מ'האָט די לאָדזשער קינסטלער געשטעלט העכער פון זיי!

ווי־אַרום לאָדזש, די פאַררויכערטע שטאָט פון פאַבריקן און וועבּ־שטולן, די שטאָט אָן אַ גאָרטן און אָן אַ גרעזל און בוים, האָט גראַדע אַרויסגעגעבן קינסטלער־מאָלער און דיכטער — דאָס איז אַ סוד פון דער נאַטור! און ווען די „ווילנער", אונטער דער פירונג פון דעם ענערגישן מ. מזאה האָבן זיך געפילט ביטער אין ווארשע, איז מען געפאָרן קיין לאָדזש אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. עס זענען געווען אין לאָדזש יידן און יידישע הייזער, וואָס האָבן אָנגעוואָרעמט די „ווילנער טרופּע" און גע־געבן איר די מעגלעכקייט אויפצופירן אַ לייטישע פּיעסע. און צו דער פרעמיערע זענען מיר פון ווארשע געפאָרן אַ גרויסע גרופּע שרייבער, טעאַטער־ליבהאָבער. דאָס איז געווען, ווען מען האָט אין לאָדזש, מיט דער הילף פון די לאָדזשער גוטע פריינד, אויפגעפירט ה. לייוויקס „גולם".

ווי ווארשע האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט איר קראָכמאַלנע (זע י. י. זינגערס ערשטע קאַפּיטלען פון „חבר נחמן"), אַזוי האָט לאָדזש גע־האָט איר באַלוט, וואָס האָט אויך פאַרמאָגט איר שילדערער, דעם יונגן י. ראַבאָי, געבוירן און אויפגעוואַקסן אין באַלוט, ווי אויך דער גלענ־

צנדיקער שמעון דזשיגאַן, דער פּרעכטיקער מאָנאָלאָגיסט און קליין־קונסט־שוישפּילער איז אַ דורכאויס באַלוטער.

גאָר פון אַן אַנדער שניט איז געווען די יידישע ווילנע, די ירושלים דליטא.

אויף ווילנע, אויף אירע גאַסן, אויף אירע הייזער און געשעפטן איז געווען אויסגעגאָסן אַ שטילער אומעט, אַן איינגעהאַלטענער ערנסט, אַ שווער געמיט. און עס איז געווען אין איר עפּעס פון אַ ליטוישן יורד. אין די צייטן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז ווילנע עקאָנאָמיש געווען שטאַרק הינטערשטעליק, זי איז געווען אָפּגעשלאָסן פון אירע שכנים, — פון איין זייט פון סאָוועטנפאַרבאַנד, פון דער אַנדערער זייט — פון ליטע. קיין איין אַנדערע שטאָט אין פּוילן איז נישט געווען אַזוי עקאָנאָמיש־געבראָכן ווי ווילנע. עס זענען וויניק געבויט געוואָרן נייע הייזער, עס זענען נישט צוגעקומען קיין נייע גאַסן און געגנטן, און די ווילנער אינדוסטריע איז געווען דערשלאָגן, נישט געהאַט קיין מאַרק. אינטערעסאַנט, וואָס אין דער צייט, וואָס אין אַלע שטעט איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אויף דירות, האָט מען אין ווילנע לייכט געקראָגן אַ דירה.

אָבער ווילנע, — די יידישע ווילנע, איז געווען ביי זיך שטאָלץ, טאַקע אַן אָרעמער קרוב — אָבער פון גרויס יחוס! צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט די יידישע ווילנע באַוויזן אויפצושטעלן אַזעלכע פּרעכטיקע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס קיין שום אַנדערע יידישע שטאָט, בעסער און גרעסער פון ווילנע, האָט נישט באַוויזן. קודם כל — דאָס יידיש־וועלטלעכע שול־וועזן, דער לערער־סעמינאַר; די ווילנער יידישע רעאַל־גימנאַזיע, לסוף — דער ייוואָ, דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. און ווען מען איז געקומען פון דער טומלדיקער וואַרשע קיין ווילנע, און מען האָט זיך געטראָפן מיט דער ווילנער לערערשאַפט, מיט די ווילנער יידישע שילער, מיט די ווילנער טוער (פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק, פון דעם צ. ב. ק. (צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט), האָט מען אויפגעלעבט. אין ווילנע האָבן די יידישע אינטעליגענץ און שרייבער אויפגעצויגן זייערע קינדער אין יידישע שולן און מיטלשולן, אין טעכניקום. אין ווילנע זענען געווען שטענדיקע יידישע גוט־אָרגאַניזירטע כאָרן, און דער עיקר — עס איז געווען אַ גאַנץ־ברייטע יידישע קולטור־סביבה. דער „ווילנער טאָג" אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן רייזען,

ביי דער מיטאַרבעטערשאַפט פון יונגע ווילנער שרייבער און טוער, איז געווען אַ לעבעדיקע קעמפנדיקע יידישע צייטונג, וואָס האָט געפירט אַ פּראָגרעסיווע ליניע פון אַן אמתער אומפּאַרטייאישער קולטור־צייטונג, און אַזוי אויך — דאָס רוב אָנגעזעענע לערער און שול־טוער.

די באַזע פונעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן איז געווען אין ווילנע און אין דער געגנט פיל ברייטער ווי אין וואַרשע, לאָדזש. זי האָט אַריינ־געצויגן אַ גרויסע צאָל אינטעליגענץ. אין ווילנע איז געווען טעטיק „יע־קאָפּאַ" — אַ זייער פאַרצווייגטע הילף־אָרגאַניזאַציע, אונטער דער פּי־רערשאַפט פון דעם ענערגישן משה שאַליט, וואָס האָט געהאַט טיפע פאַר־שטענדעניש פאַר יידישער קולטור, פאַרן יידישן בוך און פאַר יידישע שרייבער. „יעקאָפּאָ" — אַ פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע, — האָט גע־האָלפן אויפבויען שולן, ביבליאָטעקן, קולטור ־ אָרגאַניזאַציעס, פאַרלאַגן אין ווילנער געגנט, און אויך געהאַט אונטער איר רשות דעם וויכטיקן היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מוזיי אין ווילנע אויפן נאָמען פון ש. אַנסקי. אונטער דער איניציאַטיוו און רעדאַקציע פון משה שאַליט איז אויך דער־שינען דער פערטליאָרשריפט „פון נאָענטן עבר", ביי דער מיטהילף פון די „ליט. בלעטער" און עס זענען דערשינען פאַרשידענע וויכטיקע פּנקסים און גרויסע קולטור־היסטאָרישע זאַמלביכער צו דער געשיכטע פון די יידן אין ווילנע.

עס איז נישט געווען קיין צופאַל, וואָס דער ייוואָ האָט זיך צע־וואַקסן אין ווילנע, און איז דעריבער אַריבער פון די צוויי צימערלעך אין אַן אייגן הויז, מיט אַן אייגענעם פּלאַץ און ער האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן פאַר ווייטערדיקן וווקס און אַנטוויקלונג.

און אַלע מאָל, ווען מען איז געקומען קיין ווילנע (און עס איז אויסגעקומען מיר צו זיין אין ווילנע אַ צוויי־דריי מאָל אַ יאָר — ווי אַ מיטגליד פון דער ייוואָ־פאַרוואַלטונג, ווי אַ דעלעגאַט אויף די פאַרשידענע צוזאַמענפאָרן און צו־גאַסט צו ב. קלעצקין און זיין פאַרלאַג!), איז מען אַוועקגעפאָרן פון דאָרט אָפּגעפרישט פון דער הויך קולטורעלער אַטמאָס־פער, וואָס עס האָט געהערשט אין ווילנע, אָבער גלייכצייטיק אויך איז מען געווען צעבראָכן פון דער עקאָנאָמיש־שווערער לאַגע פון די יידן אין ווילנע.

ווילנע איז געווען אויך יידיש אין די גאַסן, מען האָט עס געזען פון די יידישע שילדן סיי אויף געשעפטן און סיי אויף פּריוואַטע הייזער.

יידישע דאָקטוירים און אדוואָקאטן האָבן געהאט יידישע מעשענע שילד־לעך אויף זייערע טירן, מיט דער אָנווייזונג אין יידיש אויף די אויפנעם־שעהן. ווילנע האָט פאַרמאָגט אייניקע יידישע ביבליאָטעקן מיט א גרויסער צאָל יידישע יוגנט, וואָס האָט געהאט א טיפן אינטערעס פאַר יידיש, פאַר יידישער ליטעראַטור. עס גערענקט זיך גוט, ווי מיר זענען אמאָל געקומען אויף א באַראַטונג פון דעם פען־קלוב פון וואַרשע קיין ווילנע (ד״ר מ. וויינרייך, איך, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אהרן צייטלין, מלך ראַוויטש, י. באַשעוויס), מיר האָבן דאָנערשטיק בייטאָג באַשלאָסן אויפצוטרעטן אין ווילנע אינעם גרויסן יידישן טעאַטער „פּאַלאַס“, וואָס האָט אַריינגענומען קרוב צו 1.800 מענטשן, און פון דעם איינעם אַנאָנס פרייטיק אין „ווילנער טאָג“ און אין „צייט“, זענען געקומען א 1.500 יונגע בחורים און מיידלך מיט א פּאָר הונדערט עלטערע צוהערער. און עס זענען אויפגע־טרעטן בלויז שרייבער, אָן איין זינגער אָדער שפּילער! דאָס איז געווען ווילנע!

און ווען עס איז אין ווילנע פאָרגעקומען אן אָרטאָגראַפיע־קאָנפע־רענץ אָדער דער ייוואָ־צוזאַמענפאָר, זענען בייגעווען, אין די גרויסע זאַלן, א טויזנט יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געהאט א טיפן אינטערעס פאַר דעם יידישן וואָרט, פאַר דעם יידישן שאַפן, פאַר דעם יידישן שרייבער. דאָס איז געווען א פּועל־יוצא פון יאָרן וויכטיקע און ערנסטע דערציאונגס־אַרבעט, פון די פּרעכטיקע יידישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס, פון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, פון די יידישע מיטל־שולן, פון דעם גלענצנדיקן לערער־סעמינאַר, וואָס די יידישע ווילנע האָט פאַרמאָגט.

און דערפאַר איז מעגלעך געווען, אַז ווילנע האָט פאַרמאָגט א „יונג־ווילנע“ און נאָך און נאָך יונגע שרייבערישע יוגנטלעכע אָרגאַני־זאַציעס, וואָס האָבן אונדז געגעבן חיים גראַדע, א. סוצקעווערן ביז הירש גליקן. די אָרעמע ווילנע האָט זיך פאַרמאָסטן אויף א גאָר ערנסטער יידי־שער אָפּערע, וואָס האָט אויפגעפירט אויף א ברייטן פאַרנעם עטלעכע גאָר־לייטיש־אַוועקגעשטעלטע וועלט־אָפּערעס.

און ווען איר זענט אַריינגעקומען אין דער באַוווּסטער יידישער סטראַשון־ביבליאָטעק, האָט איר דאָרטן אָנגעטראָפן פאַרשידנאַרטיקע לייענער — פון יונג און אַלט, פרומע און פרייע, עלטערע רבנים און יונגעלייט אין בלוזעס, קאָמוניסטן און חלוצים. אין דער ביבליאָטעק,

אונטער דער פירערשאַפט פון חייקל לונסקי און סטראַשון, האָט איר גע־פונען פון אַ פרומען יידישן ספר, אַ „שאלות־ותשובות” ביז דעם לעצטן מאָדערנעם בוך. עס איז געווען המשך, עס איז געווען די גאָלדענע קייט פון יידישער קולטור!

און ווען מען פלעגט באַזוכן דעם ייוואָ אויף וויוואָלסקע גאַס און זיך באַקענט מיט די יונגע פאָרשער פון דער ייוואָ־אַספּיראַנטור, האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז מ'האָט פאַר זיך מאָדערנע ישיבה־בחורים, אַ וואָ־לאָזשין אין אַ נייעם גלגול!

פאַר די אַלע יאָרן וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין ווילנע, זיך איינלעבן אין איר יידישער סביבה, טיף אריינדרינגען אין די קוואַלן און די אוצרות פון איר קולטור־לעבן, האָט מען געזאָגט דעם באַוווּסטן פסוק: „ירבו כמוך בישראל!” (זאָלן זיך מערן פיל ווי דו), ווייל דאָס וואָס מ'האָט געזען און געטראָפן אין ווילנע, האָט מען, ליידער, נישט געזען אין אַנדערע שטעט. אין יידישע הייזער האָט מען גערעדט יידיש, און די קינדער, און די יונגטלעכע האָבן עס געהאַלטן פאַר נאַטירלעך. און טאַקע אָן אויסנאַם: ביי יידישיסטן, ביי פאַרמעגלעכע פאַמיליעס און אויך אין ציוניסטישע הייזער! אין דער ווילנער קהלה איז די הערשנדי־קע שפּראַך געווען יידיש, אין די ביבליאָטעקן האָט אַ גרויסע צאָל יונגנט געלייענט, און זייער געשמאַק, יידיש. אַ פאַרגעניגן איז אַלעמאָל געווען צו באַזוכן די רעאַל־גימנאַזיע, ווו עס איז געווען אָן אמתע יידישע מלוכה. מען האָט דאָרטן געלערנט אַלע אַלגעמיינע לימודים נישט וויניקער אין זיכער נאָך מער — ווי אין די אַלגעמיינע פּוילישע גימנאַזיעס, אָבער אויסער דעם איז דאָרטן יידיש געלערנט געוואָרן אויף אַ גאָר הויכן שטיי־גער. דער שטאַב לערער איז געווען אַ גלענצנדיקער, מענטשן מיט גרויס וויסן און מיט דער ערנסטער באַציאונג צו זייער אַרבעט. יידיש, יידישע געשיכטע און יידישע ליטעראַטור האָט מען דאָרטן גרינטלעך געלערנט, און די שילער פון די העכערע קלאַסן האָבן טאַקע גוט געקענט די יידישע ליטעראַטור און זיי פלעגן צושטעלן אייגענע פּרעכטיקע „אַרבעטן” צו די לערערס. דער יונגער ענטוזיאַסטישער לערער אהרן מאַרק ווי דער על־טער, דער פּיאָנער און וועטעראַן פון די יידישע שולן אין ווילנע גרשון פּלודערמאַכער האָבן, ווי באַטאָנט, אַז ווילנע האָט טראַדיציע, האָט פאַר־זעצונג, האָט אויסבליק!

און וואָס איז ווערט געווען דער כאָר פון דער רעאַל־גימנאַזיע אונ־טער דער פירונג פון דעם לערער גערשטיין, אָט דער טיפער ליבהאָבער פון יידיש און פונעם יידישן וואָרט. און דער דראַמאַטישער קרייז פון דער רעאַל־גימנאַזיע! און די פּרייטיק־צו־נאַכט אָוונטן, וואָס דער עלטערן־קרייז ביי דער גימנאַזיע האָט איינגעאָרדנט טאַקע אין די ווענט פון דער גימנאַזיע, ווו טאַטע און זון, מאַמע און טאָכטער זענען געווען גלייכע מחותנים, ווו זיך אינאיינעם באַטייליקט און געפרייט.

און אוודאי האָט אויך לובלין געהאַט איר יידישן אויסזען, — איז דאָך לובלין געווען איינגעטונקט אין יחוס, וואָס האָט זיך געצויגן א 600־700 יאָר. איז דאָך די יידישע קהלה אין לובלין געווען געגרינדעט נאָך אין יאָר 1336, און זי האָט דערנאָך פאַרמאָגט א גרויסע צאָל פּרנ־סים, מיטגלידער פון דעם „וועד ארבע ארצות". און מיט א 400 יאָר צו־ריק האָט מען דאָרטן שוין געדרוקט דעם „תלמוד בבלי", לויטן אויפטראָג פון דעם „וועד ארבע הארצות". און אין לובלין איז דאָך געווען דער „לוב־לינער חוזה", ווי אין ווילנע דער ווילנער גאון. און דער „אייזערנער קאָפּ" און דער מהר"ל און דער מהר"ם, וואָס זייערע שולן אויף זייערע נעמען, זענען פאַרבליבן שטיין און זיי האָבן דערציילט וועגן א רייכער יידישער געשיכטע פון יידן אין לובלין.

און ווען מען איז געקומען קיין לובלין, האָט מען געפילט אויף די גאַסן, אין די יידישע געגנטן, די אַלטע הערלעכע געשיכטע פון יידן אין פּוילן. האָט טאַקע לובלין, ווי ווילנע, געהאַט אירע פאַרערער און היס־טאָריקער. האָט אמאָל אין לובלין געלעבט דער אַלטער קלמן אביגדור פּערלע, דער מחבר פון „אוצר לשון חכמים", און י. ניסענבוים, דער מוכר־ספרים, וואָס האָט אויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין דער שטאָט. און אין לובלין האָט זיך איינגעוואָרצלט אויף עט־לעכע יאָר דער גלענצנדיקער פּובליציסט ש. י. סטופּניצקי, וועלכער האָט ארויסגעגעבן אין לובלין א טאָגבלאַט, וואָס מען האָט געזעצט און גע־דרוקט אויף דעם אַלטן שטייגער, אויף א פלאַכמאַשין, וואָס עס האָט געדרייט מיט די הענט אַן ארבעטער. לובלין האָט דערנאָך אויפגעבויט א שיין פאָלקס־הויז, א קולטור־צענטער, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיטן נאָמען פון י. ל. פּרץ. און לובלין איז דאָך דאָ נישט לאַנג געווען די שטאָט, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרלייגן א ניי יידיש לעבן מיט א נייעם יידישן

צענטראַל־קאָמיטעט נאָכן מוראדיקן חורבן, וואָס די היטלעריסטישע בעס־טיעס האָבן געמאַכט אין פּוילן און אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע. און לובּלין האָט די ערשטע אונדז אָנגעזאָגט, אַז עס איז דאָ המשך און אַז עם ישראל חי!

און אַזוי כסדר — איז זיך יעדע יידישע שטאָט אין פּוילן געווען פאַרבונדן מיטן אַמאָל און מיט וויכטיקע מענטשן און אינסטיטוציעס, וואָס זענען אויפגעקומען אין לויף פון די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, — יעדע שטאָט און איר געשיכטע, יעדע שטאָט — און אירע וויכטיקע אַנשטאַלטן, יעדע שטאָט און אירע מענטשן, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט אין די פאַרשידענע אַרבעטן. אַזוי ביאַליסטאָק, אַזוי טשענסטאָכאָוו, אַזוי קראָקע, אַזוי לעמבערג, אַזוי פּלאָצק און אַזוי די אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן געלעבט אַן אייגן יידיש לעבן און מיט אַמביציע און מיט עקשנות געבויט און געפורעמט אַ יידיש לעבן, נישט געקוקט אויף אַלדי שוועריקייטן און שטערונגען!

אויך ביאַליסטאָק, — אַט די אינדוסטריעלע יידישע שטאָט, איז נישט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע קלענערע יידישע שטעט אין פּוילן, מיט איר יידיש קולטור־לעבן. ביאַליסטאָק האָט זיך געהאַט איר אייגענע טאָג־צייטונג „דאָס לעבן", וואָס עס האָט רעדאַקטירט, אָנגעפירט און פאַר־פולט דער גוטער און פליסיקער יידישער שרייבער פּסח קאַפּלאַן. ער האָט געשריבן די לייט־אַרטיקלען, ער האָט געשריבן פעליעטאָנען (אונ־טערן נאָמען מ. פּוקסמאַן), געשריבן רעצענזיעס וועגן טעאַטער, געשריבן וועגן מוזיק, איבערגעזעצט ביי יעדער געלעגנהייט קאַפּיטלען פון תנ"ך און די חמש מגילות. ער האָט פאַרמאָגט אַ געבענטשטע פעדער און איז געווען זייער באַליבט און געשעצט אין ביאַליסטאָק. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר יעדן גאַסט. ווען עס איז פאָרגעקומען אַ פּרעמיערע אין ביאַ־ליסטאָק האָט מען דערנאָך געמאַכט אַ „גלעזל־טיי", אָדער גאָר אַן אָוונט־ברויט ביי אים אין הויז. ער איז געווען דער באַשיידענער שטאָט־באַלע־באָס, ער האָט פאַרמאָגט די שליסלען צום יידישן ביאַליסטאָק.

דאָס יידישע ביאַליסטאָק האָט זיך געגרויסט (און עס איז געווען מיט וואָס!) מיט איר גרויסער יידישער שלום־עליכם־ביבליאָטעק, וואָס האָט שוין ערב דעם צווייטן וועלט־קריג פאַרמאָגט קרוב צו 50 טויזנט

יידישע און אויף אַנדערע שפּראַכן ביכער, און בעיקר פאַרמאָגט אַ פּאָר טויזנט טרייע לייענער און סימפּאַטיקער פון דער ביבליאָטעק.

עס געדענקט זיך אַ רייזע פון עטלעכע יידישע שרייבער, טעאַטער־קריטיקער פון וואַרשע, אויף דער פּרעמיערע פון אהרן צייטלינס „יידן־שטאַט", וואָס איז געגעבן געוואָרן אין ביאַליסטאָק. עס איז געווען די אַמביציע פון דער שטאָט ביאַליסטאָק, וואָס זי האָט געגעבן די מעגלעכקייט די „ווילנער" אין אַ שווערן מאָמענט (און ווען זענען נישט געווען קיין שווערע מאָמענטן ביי די „ווילנער"!) צוצוגרייטן אין ביאַליסטאָק און אויפצופירן דאָרטן די אור־פּרעמיערע פון דעם יונגן יידישן דראַמאַטורג. זענען מיר געפאָרן אַ 5־6 שרייבער קיין ביאַליסטאָק. פאַר דער שטאָט איז עס געווען אַ גרויס געשעעניש, ווען באַוווּסטע וואַרשעווער שרייבער זענען ספּעציעל געקומען אָנקוקן אַ פאָרשטעלונג פון זייער אַ קאָלעגע. ספּעציעל האָט זיך געפרייט דער יונגער באַגייסטערטער אלחנן צייטלין, וואָס האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם אויספלוג צו דער פּרעמיערע פון זיין עלטערן ברודער אהרן צייטלין (אהרן צייטלין איז אַלעמאָל געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ פאַררוקטער אין זיך!). מיר האָבן פון דער רייזע שטאַרק הנאה געהאַט און אויך פון דער פאָרשטעלונג, וואָס די „ווילנער" האָבן צוגעגרייט. און נאָך דער פאָרשטעלונג — איז טאַקע געווען אַ פייערלעכער אויפנעם ביי פּסח קאַפּלאַן אין הויז, עס איז געווען שטאַרק ענג, אָבער וואַרעם און חבריש!

אַ צווייטן מאָל האָב איך געמאַכט אַ רייזע מיט אהרן מאַרק, וואָס זיינע עלטערן און זיין יינגערער ברודער האָבן דאָן געוווינט אין ביאַליסטאָק. בער מאַרק, דער מחבר פון אייניקע וויכטיקע ווערק, איז נאָך דאַן געווען אַ יונג בחורל, ער האָט זיך דאַן פלייסיק געגרייט צו די גימנאַזיעלע עקזאַמענס. ווי גוט איז געווען צו שפּאַצירן איבער די יידישע גאַסן פון ביאַליסטאָק, באַזוכן אַ פאָרשטעלונג אינעם גרויסן הילצערנעם יידישן טעאַטער, אין גרויסן הויף. ווינטער איז דאָרטן אין טעאַטער געווען מוראדיק קאַלט, און די אַקטיאָרן און דער עולם האָט זיך קוים אָנגעוואַרעמט. ביאַליסטאָק האָט געהאַט איר היסטאָרישן בית־עולם, ווו עס איז געווען אויפגעשטעלט אַ גרויסער דענקמאָל פאַר די אומגעקומענע פונעם צאַרישן פּאָגראָם און ס'איז געווען דער קבר פון אַ. גאָטלאָבער. אין ביאַליסטאָק איז אויך געווען אַ יידישער פאַרלאַג, וואָס דער פּאַפּיר־סוחר אַ.

אלבעק האָט געשאַפן און אים אויפגעהאַלטן בכבוד. עס זענען געווען אין ביאַליסטאָק אַלטע משכּילים, וואָס האָבן געטראָגן די חשיבות פון דער שטאָט און אויפגעהאַלטן די טראַדיציע פון אַ יידישן השכּלה־צענטער.

פון אַן אַנדער שניט און כאַראַקטער איז געווען טשענסטאָכאָוו, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אַרבעטער־באַוועגונג, — אַמאָל מיט די ס. ס., דערנאָך מיט די „פאַראייניקטע", וואָס ד"ר יוסף קרוק האָט געהאָלפן שאַפן און איז געווען זייער באַגייסטערער. טשענסטאָכאָוו האָט געהאַט אַ יידישן שול־וועזן און אַ טרייע יידישע אַרבעטער־אינטע־ליגענץ, און ביי יעדער געלעגנהייט האָט מען דאָרטן אָרגאַניזירט עפנט־לעכע אַרויסטריטן און לעקציעס און רעפעראַטן. אין די צייטן פון עם פאָלקס־פּראָגט, ווען מיר האָבן אָרגאַניזירט דעם קולטור־פּראָגט אונטערן צודעק פון „מענדעלע־פייערונגען", איז אויך טשענסטאָכאָוו נישט אָפּגע־שטאַנען און האָט אַראַנזשירט אַ געהויבענע מענדעלע־פייערונג. איך און דער שוישפּילער זשאַק לעווי זענען דאַן געווען געשיקט קיין טשענסטאָ־כאָוו.

און פּלאָצק, וואָס איז אויף דער ווייסל, — אויך אַ שטאָט, וואָס איז פאַרבונדן מיט שטיקער קולטור־געשיכטע, — דאָרטן האָט אַמאָל געלעבט און געוואַקסן נחום סאָקאָלאָוו, אברהם יעקב פּאַפּירנאַ און די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליע אַלטבערג, די נאָענטע פריינט פון י. ל. פּרץ, ביי וועמען פּרצעס זון, לוציאַן, האָט אַמאָל, ווען ער האָט באַזוכט די גימנאַזיע אין פּלאָצק, געוווינט. ווען איך בין געווען אין פּלאָצק, עטלעכע מאָל אויפגעטרעטן דאָרטן מיט רעפעראַטן, האָב איך געטראָפן פון דעם אַלעמען בלויז שפּורן, און אַ שיין ביסל פאַרווישטע פאַר די 40־50 יאָר. דאַן האָט מיר מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט דער יונגער שרייבער־פּסיכאָ־לאָג יצחק בערנשטיין, אַ תושב פון פּלאָצק. אין אָט דער שטאָט האָט אַמאָל פּרץ אַרויסגעפירט אַ יונגע טרופּע צו שפּילן זיינע נייע דראַמאַטישע שאַפונגען און ער האָט געמוזט לייען געלט אויף צוריק־הוצאות קיין וואַרשע, ווי עס איז באַשריבן אין די כראָניקעס פון פּרצעס לעבן און שאַפן.

און די אמתע פּרץ־שטאָט, זאַמאָשטש, וווּ י. ל. פּרץ איז געבוירן און וואָס איז פאַראייביקט געוואָרן דורך פּרצן. נישט נאָר דורות פאַר פּרצן זענען אין אָט דער אַלטער שטאָט געבוירן געוואָרן, נאָר פּרץ גופא

האָט דאָרט געוווינט ביזן עלטער פון 36 יאָר. די שטאָט איז באַרימט געוועזן מיט אירע גדולים און משכּילים, און פּרץ גופא האָט אַזוי פּרעכ־טיק זי געשילדערט אין זיינע זכרונות, וואָס ער האָט געשריבן די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין לעבן. ווען איך האָב זיך גענומען שרייבן וועגן פּרצעס לעבן און שאַפן, האָב איך אַ פּאָר מאָל באַזוכט די שטאָט און איך האָב מאַקע אַרויסגעפונען אינטערעסאַנטן שטאָף, מאַטעריאַל פאַר דער פּרץ־ביאָגראַפיע. איך האָב דאָרטן געטראָפן פּרצעס אַלטן פעטער, פּרצעס אַ שוועסטער און ברודער, ווי אויך פּרצעס יוגנט־פריינט. איך האָב געלאָזט אָפּפאָטאָגראַפירן דאָס הויז, ווו פּרץ איז געבוירן (אין יאָר 1852) און דעם בית־המדרש, ווו פּרץ האָט געלערנט, פון וואַנעט ער איז דערנאָך אַרויס „לתרבות רעה". איך האָב דאָרטן אפילו אַרויסגעפונען אַ גרויס בילד פון פייערלעשער, ווו פּרץ איז אין זיינע יוגנט־יאָרן געוועזן פאָטאָ־גראַפירט מיט אַ הונדערט אַנדערע יידישע און נישט־יידישע פריוווי־ליקע פייערלעשער. וועגן דעם אַלעם האָב איך דערציילט אין מיין בוך „פּרץ" אינעם קאַפּיטל „זאַמאָשטש" (י. ל. פּרץ — זיין לעבן און שאַפן, ניו־יאָרק, 1945, ז"ז 36-16).

אַ מערקווירדיקע יידישע שטאָט, כּלל נישט ענלעך געוועזן אויף די פאַרשידענע אַנדערע שטעט אין יידישן פּוילן!

און די שטאָט לעמבערג — די פריילעכע און שיינע שטאָט פון מזרח־גאַליציע, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזויפיל רייצנדיקס און אָנרע־גנדיקס פאַר אַ יידישן מענטש און שרייבער. איז עס דאָך געוועזן די שטאָט, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער קולטור־געשיכטע פון יידן אין גאַליציע, האָט אַמאָל פאַרמאָגט גרויסע יידישע שרייבער, משכּילים, און אין די צייטן ווען איך האָב זי באַזוכט, — האָט זי אויך געהאַט גענוג זאַכן צו פאַראינטערעסירן. פאַר מיר גופא האָט נאָך לעמבערג געהאַט אַ ספּעציעלע באַדייטונג — אויפן דאָרטיקן בית־עולם איז געלעגן מיין זיידע (דער פאָטער פון מיין פאָטער ר' ישראל) ר' מענדל מייזילש, וואָס איז געוועזן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אַ רב אין זלאָטשעוו, — דער שוואָגער פון דעם באַרימטן ברעזשאַנער רב, דעם גאון ר' שלום מרדכי שוואַדראָן. ווען איך בין געווען אין לעמבערג, בין איך געגאַנגען צום קבר פון מיין זיידן, וואָס איך האָב אים געקענט פון מיינע יונגע יאָרן, ווען ער

האָט אונדז באַזוכט אין קיעוו, און כ'בין געווען נשתומם צו לייענען די געהויבענע שבחים אויף זיין מצבה.

אין לעמבערג האָט מען געטראָפן שמואל יעקב אימבער מיט זיין פרוי און פאָטער שמריהו, וואָס האָט געלערנט יונגלווייז אינאיינעם מיט מיין פאָטער אין חדר (שמריהו איז דער ברודער פון דעם דיכטער נפתלי הערץ אימבער, דער מחבר פון דער „התקוה"). אין לעמבערג האָט מען זיך געטראָפן מיט דער יונגער גרופּע דיכטער: ישראל אַשענדאָרף, ב. שנאַ־פּער, יעקב שודריך און דער דיכטערין דבורה פאָגעל (און טאַקע ביי איר אין הויז האָבן מיר געהאַט אַמאָל אַ באַראַטונג און גאָר ברייט און מיט פאַרנעם גערעדט וועגן דעם נייעם אויפלעב פון דער יידישער ליטעראַ־טור און שאַפן אין מזרח־גאַליציע). אין לעמבערג האָט מען זיך אָנגע־שטויסן אויף דעם הארבן פּראָבלעם פון די יידיש־אוקראַיִנישע באַציאונ־גען און פאַרהעלטענישן. אין לעמבערג האָט מען עולה־רגל געווען צום גימפּעל־טעאַטער, אין דעם הויף, וואָס איז געווען אַ שטיק קולטור־ און טעאַטער־געשיכטע פון די יידן אין מזרח־גאַליציע.

און וואָס לעמבערג איז געווען פאַר מזרח־גאַליציע, איז געווען קראָקע פאַר מערב־גאַליציע. און וויפל מאָל עס איז אויסגעקומען צו זיין אין קראָקע, האָט מען זיך זאַט נישט געקאָנט אָנזען און אָנפילן מיט אָט דער יידיש־יידישער שטאָט, וואָס האָט מער ווי אַנדערע שטעט פאַרהיט דעם שיינעם טראַכט און דעם סטיל און די ירושה פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן! סאַר אַ פּרעכטיקע קאָלירפולע שטאָט קראָקע איז געווען! סאַר אַ גלענצנדיקע היסטאָרישע דענקמעלער יידן האָבן פאַרמאָגט אין קראָקע: — דעם רמא'ס שול, די אַלע אַנדערע עלטערע שולן, און דעם בית־עולם מיט די פאַרשידענע לעגענדעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די אַלטע פּלעצער. שבת איז געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן און שטאָלץ צוצוזען ווי די יידן, הויכע, ווויקסיקע, זענען געגאַנגען אין זייערע שבת־יום־טובדיקע קליידער, מיט די פיינע שטריימלען, זיי זענען געגאַנ־גען פּאַמעלעך און ווירדיק אויף די יידישע קראָקעווער גאַסן. אין קראָקע האָט אויך געוווינט דער יידישער פאָלקס־זינגער מרדכי געבירטיג, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ מעבל־געשעפט, אָבער האָט באַוויזן אַרויסצוזינגען די פרייד און לייד פון דער יידישער פאָלקס נשמה, ווי אַמאָל — דער קיעווער יידישער אַדוואָקאַט מארק וואַרשאַווסקי. סאַר אַ מאָדנער געפיל

עס האָט אַרומגעכאַפּט, ווען מען האָט געזען אין די אַלטע קראָקעווער בתי־מדרשים יונגעלייט זיצן על התורה ועל העבודה, ממש ווי אין די פאַרצייטיקע יאָרן!

במשך פון די אַלע יאָרן, וואָס איך האָב געלעבט אין פּוילן און ביי די פאַרשידענע געלעגנהייטן באַזוכט אָט די פאַרשידענע שטעט אין פּוילן, האָב איך פאַרעפנטלעכט אין דעם „היינט" און אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פיל שילדערונגען און באַשרייבונגען פון די שטעט און געגנטן, ווי געשיכטלעכע פאַקטן זענען געווען איבערגעפלאָכטן מיט לעבעדיקע באַגעגענישן און אוממיטלבאַרע איינדרוקן.

מען וואָלט געקאָנט ציען ווייטער די באַשרייבונגען און כאַראַקטעריסטיקעס פון די יידיש־פּוילישע שטעט, וואָס יעדע איינע האָט געהאַט אירע אויסטערלישע און ספּעציפישע אייגנשאַפטן און אייגנאַרטן. אָבער מען מוז דאָך מקצר זיין, פאַרענדיקן דעם קאַפּיטל און גיין ווייטער.

25

נייע קולטור־ליטעראַרישע קאָלעקטיווע פאַרמעסטן

מיט דער מער־ווייניקער סטאַביליזירונג פונעם יידישן לעבן איז פּוילן און אין די פאַרשידענע אַנדערע לענדער, ווי דאָס יידישע שאַפן, דאָס יידישע וואָרט האָט זיך גענומען איינוואָרצלען און איינבירגערן, האָט מען גענומען זיך פאַרמעסטן אומעטום אויף נייע אָרגאַנען, אויף נייע צייטשריפטן און זאַמלביכער. מיר קאָנען נישט אין אונדזער בוך אויסשעפּן אַלץ וואָס עס איז געטון און אויפגעטון געוואָרן, מיר וועלן נאָר אויפכאַפּן די פאַרמעסטן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין פּוילן, און אין וועלכע מיר גופא איז אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן.

אין דעם יידישן שול־וועזן אין פּוילן, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, — דורך דעם „בונד", לינקע „פּועלי־ציון" און „פאַראייניקטע", ווי אויך דורך גרופּעס אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטן און אַ צאָל פאָרשטייער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי (פון

ווילנע בעיקר) און וואָס פון זיי איז אויסגעבילדעט געוואָרן די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ); — אין דעם יידישן שול־וועזן האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ נייע באַוועגונג, אין וועלכער עס זענען געווען אַריינגעצויגן עלעמענטן, דאָס רוב אומפּאַרטייאישע, וואָס זענען געקומען צום יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן פון פאַרשידענע זייטן און ריכטונגען, — פון אַלגעמיינע ציוניסטן און פון רעכטע פּועלי־ציון, ווי אויך פון סתם יידישע קולטוריסטן, ווי מען האָט זיי גערופן אין פאַרשידענע ערטער. עס זענען צווישן די איניציאַטאָרן און שטיצער געווען מענטשן מיט נעמען, באַוווסטע שרייבער און טוער. נאָך לענגערע באַראַטונגען און אונטערהאַנדלונגען (די הויפּט־טוער זענען געווען זעליק מלמד, אברהם גאָלדבערג, ב. יאושזאָן־יוסטמאַן, ד"ר גרשון לעווין, נחמיה פינקעלשטיין א. א.) איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן דעם יידישן שול־ און קולטור־פאַרבאַנד „שולקולט", אין סעפּטעמבער 1928 איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט דער ערשטער רוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. אויף אָט דעם ערשטן רוף זענען אונטערגעשריבן: שלום אַש, אהרן איינהאָרן, ברוך אראָנסאָן, ש. ביבער, א. גאָלדבערג, ד"ר גאָלדענבערג, פּראָפ. שמעון דובנאָוו. דעפּ. ד"ר יעקב וויגאָדסקי, ב. יאושזאָן, ב. כילינאָוויטש, א. ס. ליריק, ד"ר גרשון לעווין, ז. מלמד, י. מ. ניימאַן, ז. סעגאַלאָוויטש, ד"ר ס. סירקין־בינשטאָק, ש. י. סטופּניצקי, נחמיה פינקלשטיין, מ. י. פריד, אהרן צייטלין, ב. קאַרלינסקי, מ. קיפּניס, פּסח קאַפּלאַן, דעפּ. חיים ראַסנער, ד"ר יצחק שיפּער.

ווי מיר זעען, זענען דאָ פאַרטראָטן אָנגעזעענע און פאַרדינסטפולע שרייבער און טוער מיט אַ גרויסן סטאַזש פון וויכטיקע אויפטוען אינעם יידישן פּוילן. און עס איז בפירוש געווען אַן ענגהאַרציקייט מצד די פירער פון דער צישאָ גלייך אָנצוהויבן אַ שאַרפע קאַמפּאַניע קעגן דעם „שול־קולט", אַנשטאָט אים היים צו באַגריסן און ווינטשן אים דערפאָלג אין זיינע פאַרמעסטן. עס איז זיכער געווען אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס אייניקע טוער און ריכטונגען, וואָס זענען געשטאַנען פון דער ווייט און אָן דער זייט פונעם יידישן שול־און קולטור־לעבן, האָבן אַרויסבאַוויזן ווילן און גרייטקייט צו שאַפן יידישע קינדער־היימען און שולן, ווי אויך אַנדערע קולטור־אַנשטאַלטן צווישן די קרייזן, וואָס די צישאָ האָט נישט געקאָנט אין נישט באַוויזן עס צו טון.

מיר וועלן פונעם לענגערן אויפרוף ארויסנעמען אייניקע אויסצוגן, וואָס ווייזן דעם כאראקטער און פארנעם פונעם „שולקולט", ווי די אָי־ביציאַטאָרן האָבן זיין באשאפונג אים צוגעגעבן און געפּרוּווט די אויפגאבן רעאליזירן אינעם לעבן.

„דער יידישער קיבוץ אין פוילן, דער גרעסטער אין אייראָפּע, באַשטייט פון אמת יידישע פאָלקס־מאסן, וועלכע זענען מיט לייב און לעבן פארבונדן מיטן יידישן פאָלק, מיט דער יידישער שפּראך און קולטור... — — — דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין מלוכה־אפּאראט, וואָס זאָל בויען זיינע קולטור־אינסטיטוציעס און זאָרגן פאר זיין וווּקס. עס זענען דעריבער געשאַפן געוואָרן פארשידענע אָרגאניזאציעס פאר קולטור־צוועקן. אויך די פּאָליטישע פּארטייען האָבן אריינגענומען אין זייער פּראָגראם די קולטור־טעטיקייט. לייַדער אָבער האָבן זיי דערפון געמאַכט א פּארטיי־זאך און אַזוי־ארום איז פארטושט געוואָרן די אידעע, וועלכע האָט באדארפט באפליגלען די יידישע מאסן פאר דעם קולטור־קאַמף. די יידישע מאסע איז געבליבן גלייכגילטיק צו אירע קולטור־נויטן און פאר־זעט, ווי די אסימילאַציע פארקריפּלט די פאָלקס־נשמה, פארקרימט דאָס יידישע לעבן און פארוואַנדלט עס אין א קאַריקאַטור...

„די יידישע דעמאָקראַטיע האָט געפאָלגט דעם רוף פונעם לעבן און געשאַפן די לעצטע יאָרן אין פארשידענע ערטער יידישע שולן. זייער צאָל איז אָבער צו־קליין אין פארגלייך מיט דער נויט. א טייל פון די יידיש־וועלטלעכע שולן געפינט זיך דערצו אונטער דער השפּעה פון פּארטייען, וואָס לייגן ארויף זייער פּארטיי־שטעמפּל אויף דער שול און אויף דער דערציאונג פון דעם יונגן דור. אין סך־הכל איז די לאַגע זייער טרויעריק. דאָס גרעסטע רוב קינדער באַ־זוכט די פרעמד־שפּראַכיקע שולן, וועלכע קאַליעטשען זיי, רייסן זיי אָפּ פון זייער שטאם, שפּראך און קולטור. דאָס יידישע קינד ווערט אָפּגעריסן פון זיין נאַציאָנאַלער סביבה, פון זיין היים, פון זיין טאַטע־מאַמע, פון זיין קולטור. ביי אַזאַ לאַגע דראָט די סכנה, אַז דער יונגער יידישער דור זאָל אינגאַנצן אוועק פון אונדז, און די אסימילאַציע, וואָס איז ווי אַן אידעאָלאָגיע אין יידישן לעבן

באַקעמפט און אויסגעראָטן, זאָל פּאַקטיש פאַרכאַפּן אַלץ מער און מער די יידישע מאַסן...״

און דעריבער ווערט באַטאָנט אין דעם רוף:

„מען מוז פונדאַסניי צוטרעטן צו בויען אונדזערע שול־ און קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן אין דער פולער מאָס באַפרידיקן די וועלטלעכע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון דעם יידישן פאָלק״.

און וועגן דער שפּראַך איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן:

„די שול, וווּ דאָס יידישע קינד זאָל קאָנען דערצויגן ווערן ווי אַ פרייער מענטש און ווי אַ גאַנצער ייד, — די שול, וווּ דאָס קינד זאָל נישט ווערן אָפּגעריסן פונעם רייכן היסטאָרישן עבר און פון זיין אַרומיקן לעבן און פון דער לעבעדיקער היים און סביבה; די שול, וווּ די יידישע שפּראַך זאָל זיין די הערשנדיקע, די שפּראַך פון אַלע לימודים...״

און וויטער איז געזאָגט געוואָרן:

„די גרינדער פון „שול־קולט״, וואָס געהערן צו פאַרשידענע ריכטונגען, זענען דורכגעדרונגען מיט דעם פולן גלויבן אין די יידישע מאַסן און אין זייער שאַפונגס־קראַפט. מיט אָט דעם גלויבן קומען מיר בויען דעם פרייוויליקן פאַרבאַנד פאַר דער יידישער קולטור־אַרבעט״.

עס איז גלייך אין וואַרשע געעפנט געוואָרן אַ קינדער־היים, אונטער דער אָנפירונג פון דער באַוווּסטער פּעדאַגאָגין אסתר ראַבינאָוויטש, וואָס פאַרנעמט איצט אַ בכבודיקן אָרט אין דעם שול־וועזן אין ישראל. באַזונדערס האָט אין ווילנע אַרויסגערופן אינטערעס דער רוף, און איינע פון די גרעסטע ווילנער יידישע שולן — אַן אַכט־קלאַסיקע יידישע שול — איז אַריבער אונטער דער אויפזיכט פון דעם „שול־קולט״. די פאַרוואַלטונג פונעם צענטראַלן יידישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין פּוילן האָט באַשלאָסן צו פאַרבינדן זיין קולטור־אַרבעט מיטן „שול־קולט״, און עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן הונדערטער בריוו צו די אָפּטיילונגען וועגן אָנשלוס אין „שול־קולט״. אויך אין אַנדערע שטעט זענען צוגעשטאַנען צו דער נייער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע „שול קולט״ אַזעלכע עלעמענטן און

קרייזן, וואָס זענען געשטאַנען אָן דער זייט פון דער יידישער קולטור־ארבעט.

צום באַדויערן האָט מען אין די קרייזן פון דער ציש״אָ אויפגענומען די גרינדונג פון דעם „שול־קולט״ זייער נישט פריינדלעך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נישט־געזונטע און פארשארפטע פּאָלעמיק, וואָס איז דערגאַנגען צו קעגנזייטיקע זידלערייען און אָנפאַלן. עס איז אַוועק אַ גראַנגל אין דער פּרעסע, וואָס האָט צערייצט די געמיטער און נישט געהאָלפן דעם וווּקס פון דער נייער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיכער געקאָנט פארנעמען אין פּוילן אַ חשובן אָרט און שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין באַפעסטיקן די יידישע שפּראַך, אין העלפן בויען אַ מער־ברייטערע באַזע אָדער באַזעס פאַר דער יידיש־וועלטלעכער שול...

לאָמיר אויך דערציילן וועגן נאָך אַ געוואַגטן שריט — ארויסצוגעבן אַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל אין פּוילן, וואַרשע־ווילנע.

דאָס איז געווען אָנהויב 1928. אין יענער צייט האָבן פארבראַכט אין וואַרשע פּרץ הירשביין און אסתר שומיאַטשער. מען האָט זיך געטראָפן טאָג־טעגלעך און אַזוי נאָך לאַנגע שמועסן און מיינונגס־אויסטוישן וועגן דעם צושטאַנד אין דער ליטעראַרישער וועלט איז געבליבן ביי אונדז צו־טרעטן ארויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל, וואָס זאָל פּרוּוון אויפזאַמלען די בעסטע ליטעראַריש־קינסטלערישע כוחות אויף דער יידישער גאַס אין אַלע טיילן וועלט. עס געדענקען זיך גוט אָט די אינטערעסאַנטע, האַרציקע שמועסן, אין וועלכע עס האָבן זיך אויך באַטייליקט י. י. זינגער, מלך ראַוויטש און אונדזער ב. קלעצקין, וואָס איז אַלעמאָל געווען גרייט אויף עפּעס אַ נייער „אַוואַנטורע״, וואָס איז געווען פארבונדן מיט דרוקעריי, מיט פּאַפּיר און מיט ביכער־אויסגאַבן. מען האָט גערעדט און גערעדט, אָנגעוואָרפן אויף פּאַפּיר די „סמעטע״, די הוצאות, און דערביי אויסגע־רעכנט די הכנסה. עס איז אויסגעקומען, אַז דער „חשבון שטימט״, און אַ וואָרט אַהער און אַ וואָרט אַהין, און אָט אין דעם נומער פון דעם 10־טן פעברואַר 1928 „ליטעראַרישע בלעטער״ אויף דער גאַנצער ערשטער זייט איז אָפּגעדרוקט אַ זייער בכבודיקער אָנאָנס בזה הלשון:

די „יידישע וועלט״ ווערט באַנייט:

נאָך אָט דער שורה, וואָס איז געווען געדרוקט מיט גרויסע אותיות,

פארשטייט זיך, גייט דער „מאניפעסט" אדער די „מעלדונג", וואס לייענט זיך אזוי:

„מיט גרויס פרייד און צופרידנקייט טיילן מיר מיט אלע פריינד פון דער יידישער ליטעראטור און קולטור, אז מיר טרעטן צו צו באנייען דעם חודש־זשורנאל „יידישע וועלט"."

און ווייטער ווערט געזאגט:

„מיט דריי יאר צוריק, ווען מיר (דאס מיינט דער פארלאג ב. קלעצקין, ווילנע־ווארשע) האבן איבערגענומען די „ליטעראַרישע בלע־טער", האבן מיר אויסגעדריקט די האפענונג, אז ווי נאר די „ליט. בלעטער" וועלן זיך באפעסטיקן, וועלן מיר צוטרעטן ווידער ארויסצו־געבן די „יידישע וועלט". פאר אט דער צייט זענען געמאכט גע־ווארן פארשידענע פרוון ארויסצוגעבן אן ערנסטן חודש־זשורנאל, וועלכע האבן זיך, ליידער, נישט איינגעגעבן. וואס־ווייטער ווערט אלץ־מער רייף דער געדאנק און עס וואקסט אלץ־מער די נויטיקייט צו שאפן דעם גרויסן זשורנאל, וואס זאל גרופירן ארום זיך די בעסטע כוחות פון די יידישע שריפטשטעלער און וויסנשאפטלער און וואס זאל באפרידיקן אונדזער ערנסטערן בעסערן לעזער".

און עס גייען ווייטער שורות, וואס כאראקטעריזירן און זאגן אן דעם פארנעם פון דעם נייעם זשורנאל:

„די באנייטע „יידישע וועלט" וועט זיך באמיען צו שטיין אויף דער געהעריקער קינסטלערישער און קולטורעלער הויך, ווי די „יידישע וועלט" בשעתה. די „יידישע וועלט" וועט זיין דער זשורנאל, אין וועלכן עס זאל זיך געפינען דאס בעסטע, חשובסטע, וואס ווערט געשאפן אין יידיש, אן אונטערשיד פון לאנד און ארט..."

„די „יידישע וועלט" וועט זען צו פארשטארקן און פאראייניקן די ליטעראַרישע כוחות און זיך קעגנשטעלן דער צעשפליטערונג און צעברעקלונג, וואס הערשט לעצטנס אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט".

די אייניקע הויפט־פונקטן, וואס ווערן דא אין דעם ערשטן רוף באטאנט, ווייזן גאנץ־קלאר די ריכטליניע פונעם זשורנאל. עס האט דאן

אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט אין אַ נאָווינע זיך אָנגעהויבן א בירגער־קריג אַזוי אין פּוילן און אַזוי אין אַמעריקע און עס האָבן זיך צעפּלאַקערט קאַמפן, וואָס זענען עלול געווען צו צעשטערן דאָס אַלץ וואָס איז מיט אַזאַ מי אויפגעשטעלט געוואָרן, האָבן מיר, נאָך די פאַרשידענע באַראַטונגען און זיצונגען, מיט דער הילף פון פּרץ הירשביין, דעם וועלט־מענטש און וועלט־שרייבער, געהאַפּט אַריינברענגען א פרידן, יעדנפאַלס — א וואַפנשטילשטאַנד. אין יענער צייט האָבן זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון שרייבער — אין ניו־יאָרק. מיר האָבן נישט געהאַט די נויטיקע פינאַנציעלע מיטלען אונטערצונעמען א גרויסן חודש־זשורנאַל. מיר האָבן ווידעראַמאָל, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק, געבויט אונדזערע האָפענונגען אויף דער אָפּפערוויליקייט פונעם יידישן שרייבער און אויף דעם געטרייען יידישן לייענער, — זיי ביידע האָבן געדאַרפט העלפן אויפבויען די נייע ליטעראַרישע טריבונע, אָן וואָסערע ס'איז פריערדיקע פאַנדן און סומעס.

און דאָ דאַרף מען באַצייכענען א זאַך, וואָס איז אונדז אין פּוילן געווען לחלוטין פרעמד. און עס זעט אויס באַזונדערס מערקווירדיק נאָך דעם, ווי איך בין שוין א 12 יאָר אין אַמעריקע און מען קוקט זיך צו ווי מען הויבט אָן צו בויען דאָ וואָסערע ס'איז אינסטיטוציע אָדער קולטור־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג. דאָ גייט אַלעמאָל פאַראויס דער טאַראַראַם, די פּושקע, די „פּאַטשיילע". מיר האָבן עס אין פּוילן נישט געוווּסט, און עס איז אונדז נישט געווען צום האַרצן. זעלטן ווען מען האָט אַפּעלירט עפנטלעך צום ברייטן עולם נאָך געלט, איידער מען האָט עפּעס פאַרלייגט. די פאָרם פון „אַפּילן" (געלט־זאַמלונגען) אויף יעדן צונויפקום, וואָס ווערט פּראַקטיצירט דאָ אין די אַמעריקעס, איז אונדז געווען לחלוטין פרעמד און דערווידער. אפשר איז עס געווען אַן עוולה, וואָס מען האָט גליך פון אָנהויב נישט אויסגעשטרעקט די האַנט, נישט געגאַנגען מיט דער טאַרבע, אָבער אַזוי איז עס! אין פּוילן האָט זיך איינ־געשטעלט אַ גאָר אַנדער אופן פון געזעלשאַפטלעכער הילף און שטיצע. נאָך צוועלף יאָר וווינען אין אַמעריקע, נאָך אַזויפיל יאָרן באַטייליקן זיך אין די קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, איז מיר ביז איצט לחלו־טין דערווידער די פאָרם פון „אַפּילן", וואָס ווערן געמאַכט כסדר אויף גרויסע, קלענערע און גאָר קליינע צוזאַמענקונפטן. איך בין נאָך אין

דעם זינען אַלץ אַ „גרינער", און אַן „אַפּיל" קומט מיר אָן מיט גרינע ווערעם . . .

יאָ, זענען מיר עטלעכע שרייבער צוגעטראָטן צו אַזאַ גרויסער אונ־טערנעמונג אָן קיין שום פאָנדן, אָן „אַפּילן", אָן אַקציעס, אָן „קאַמ־פּיינס", ווי מען טוט עס געוויינלעך אין אַמעריקע.

און שוין מיט אַ וואָך שפּעטער גיבן מיר אַ נאָטיץ אין די „ליטע־ראַרישע בלעטער" מיט אַזאַ נוסח:

„ווי מ'האָט געקאָנט פאָראויסזען, האָט די ידיעה וועגן באַ־נייען דעם חודש־זשורנאַל „די יידישע וועלט" אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג. מיר באַקומען כסדר באַגריסונגען און ווּנטשן. מיר זענען זיכער, אַז מיט געמיינזאַמע כוחות פונעם שרייבער און לייענער וועט אונדז זיך איינגעבן אויפצושטעלן „די יידישע וועלט" און דערפירן זי צו דער קינסטלערישער הויך, צו וועלכער זי האָט בשעתו דערגרייכט".

„האַלטנדיק זיך ביים פריערדיקן נאָמען — זאָגן מיר אין דער נאָטיץ — גיבן מיר זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון די טיפע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן פאַר דער צייט, זינט די אַמאָליקע „יידישע וועלט" איז אַרויס".

„די איצטיקע „יידישע וועלט" וועט לעבן מיט דער יידישער וועלט פון איצט. דאָס נייע אין יידישן לעבן דאַרף געפינען דעם גייעם אויסדרוק הן אין די אַרטיקלען, הן אין דער בעלעטריסטיק. פאַר די לעצטע 15 יאָר האָבן מיר פיל איבערגעלעבט, פיל דורכ־געמאַכט, געהאַט גרויסע אבידות, אָבער נאָך גרעסערע אויפטוען. דאָס יידישע לעבן, די יידישע קולטור, די יידישע קולטור־באַדער־פעניש זענען געוואַלדיק אויסגעוואַקסן, זיך שטאַרק דיפערענצירט. אויפנעמען דאָס נייע, אַרויסגעפינען דאָס גאַנצע — דאָס וועט טין די „יידישע וועלט". דער שרייבער און דער לעזער וועלן טראָגן די גאַנצע אחריות פאַר דעם נייעם־באַנייטן זשורנאַל, וועלכן מיר גייען בויען. און די פולע אחריות טראָגט אויף זיך דער פאַרלאַג, וואָס האָט גענומען אויף זיך די שווערע, אָבער דאַנקבאַרע אַרבעט פון אַרויסגעבן דעם גרויסן ערנסטן יידישן זשורנאַל".

פארשטייט זיך, אז דאס אלץ זענען געווען ווערטער זיך אליין צו סטימולירן און מוטיקן.

און זיך גענומען צו דער ארבעט, האבן מיר נישט געדוט און האס־טיק און מיט אימפעט האבן מיר איינס און צוויי געגרייט דעם ערשטן נומער. אינעם נומער פונעם 24סטן פעברואר 1928 האבן מיר שוין א מודעה וועגן דעם זשורנאל. כדי צו באטאנען די אויטענטיש־קייט פונעם נאמען, האבן מיר טאקע געמאכט דעם זעלבן קאפ, די זעלבע „סופר׳ישע" אותיות „די יידישע וועלט", און צוגעגעבן א שורה: דער־שינען אין ווילנע 1913 - 1915, באנייט אין ווארשע 1928. די רעדאקציע איז באשטימט: פרץ הירשביין, י. י. זינגער, נחמן מייזיל, מלך ראוויטש. ווי מיר זעען — די זעלביקע אמאליקע רעדאקציע פון די „ליטעראַרישע בלעטער" פונעם ערשטן יאר, נאר אנשטאט פרץ מארקיש, וועלכער איז דאן שוין געווען אין ראטנפארבאנד, איז אריין — פרץ הירשביין.

אז מיר האבן זיך אפגעגעבן א רעכענונג פון דער גרויסער אחריות און פליכטן, וואס מיר האבן אויף זיך גענומען, זעען מיר פון אונדזערע מעלדונגען:

„אין זייער א וויכטיקן און אנטשיידנדיקן מאמענט פאר דעם ווייטערדיקן וווּקס אין אונדזער יידישן שאפן הויבן מיר פונדאסניי אן ארויסצוגעבן ׳די יידישע וועלט׳..." „ווייט פון וועלכן עס איז לאקאל־פאטריאטיזם, וועלן מיר שטרעבן, אז ׳די יידישע וועלט׳ זאל ווערן דער צענטראלער יידישער חודש־זשורנאל פאר דאס בעס־טע און וואגיקסטע, וואס ווערט געשאפן אומעטום, אין גאר דער וועלט".

אט די לעצטע ווערטער זענען פארשטענדלעך ווען מען נעמט אין באטראכט די קאמפן, וואס זענען אין יענער צייט אנגעגאנגען אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט ארום דער העגעמאניע פון איין טייל ליטע־ראטור אויף דער אנדערער, ארום דעם קאמף, וואס האט זיך דאן געפירט וועגן דעם, וועלכער טייל ליטעראטור איז דער געזונטער, קרעפטיקער און וועלכער האט דעם מארגן, די צוקונפט, — די סאוועטיש־יידישע ליטע־ראטור, די פויליש־יידישע אדער די אמעריקאנער־יידישע, אדער ווי מען האט עס אויסגעדריקט בקיצור: מאסקווע, ווארשע אדער ניו־יארק ? !

דער ערשטער נומער פונעם זשורנאַל איז באַשטימט געוואָרן אויפֿן ערשטן אַפּריל, און צו דער אָנגעמערקטער צייט איז טאַקע דערשינען דער ערשטער נומער „די יידישע וועלט" מיט דער בלויער הילע און מיט דער פֿאַרלאַגס־מאַרקע פון ווילנער פֿאַרלאַג — אַ שמאָל יידיש ווילנער געסל. הכלל, עס איז געוואָרן המשך, אַ רינג אין דער קייט.

מיר האָבן געגעבן דעם אויבנאָן, ווי אין דער אַמאָליקער „יידישער וועלט", — דער בעלעטריסטיק. דער נומער הויבט זיך אָן מיט דערציילונגען און לידער פון א. מ. פוקס, יוסף קירמאַן, יצחק באַשעוויס, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, רחל קאָרן. ערשט דערנאָך קומען אַרטיקלען, עסייען, רעצענזיעס פון פּרץ הירשביין, י. י. זינגער, אהרן צייטלין, ד"ר יצחק שיפּער, נחמן מייזיל, משה זילבורג, און אָן איבערגעזעצט אַרטיקל פון דעם פּראָגרעסיוון פּוילישן שרייבער קאַראָל איזשיקאָווסקי. מיר האָבן נאָך געהאַט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג: „שרייבער און ווערק", ווו מיר האָבן געגעבן רעצענזיעס וועגן ביכער, און קורצע אַרטיקלען איבער שרייבער, אויך אַן אָפּטיילונג „די יידישע וועלט", ווו עס זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען און גרעסערע נאָטיצן איבער קולטור־געזעלשאַפטלעכע פֿראַגן און וועגן קולטור־אָרגאַניזאַציעס. אויסער פּוילן, האָבן מיר דאָ אויך אַמעריקע, מאָסקווע, ריגע. הכלל, מיר האָבן שוין אינעם ערשטן נומער אַרויסגערוקט אונדזערע שרייבער און אָנגעצייכנט אונדזער ריכטליניע.

אין די ווייטערדיקע נומערן האָבן מיר געהאַט (אויסער פון די שוין דערמאָנטע נעמען) אויך אַרבעטן פון אסתר שומיאַטשער, עוזר וואַרשאַווסקי, משה גראָס, יעקב פּיכמאַן, מאַרק שאַגאַל, מ. ווייכערט, משה שאַליט, ברוך גלאַזמאַן, ברוך אָליצקי, לייבוש לעהרער, ד"ר רפאל זעליגמאַן, יוסף אָפּאַטאָשו, י. מ. ניימאַן, י. צינבערג, נח פּרילוצקי, א. ראובני, מלך ראַוויטש, באָריס פּילניאַק, יודזשין אָ'נעיל, לעאָ קעניג, אברהם טייטלבוים, משה קולבאַק, שמואל זאַראַמבע, יונה ראָזענפעלד, א. קאַציזנע, זלמן רייזען, דוד בערגעלסאָן, ד"ר נ. ראַפּאַלקעס, ש. ניגער, ד"ר מ. קאַנפער, י. י. סיגאַל, משה סטאַווסקי, א. נ. שטענצעל, ש. גאָרדאָן, אננא מאַרגאָלין, מלכה לי, ז. וויינפּער, ד"ר זיגפריד שמיץ.

ווי מיר זעען, האָבן מיר אין די ניין דערשינענע נומערן, מיט וועלכע מיר האָבן פֿאַרענדיקט דעם ערשטן, און ליידער — דעם לעצטן יאָרגאַנג פונעם זשורנאַל.

אין לויף פון דעם ערשטן יאָר זענען אין דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען. מלך ראַוויטש איז נאָך פאַרן דערשיינען פונעם ערשטן נומער ארויסגעטראָטן פון דער רעדאַקציע, ער האָט דאַן, ווי דער סעקרעטאַר פונעם ליטעראַטן־פאַראיין, נישט געוואָלט זיך באַטייליקן אין אַ זשורנאַל פון איין גרופּע שרייבער; י. י. זינגער האָט, בעתן צוגרייטן דעם צווייטן נומער, ארויסגעגעבן די באַקאַנטע דערקלע־רונג, אַז ער גייט אוועק בכלל פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דער ליטעראַרישער וועלט; הירשביין איז אָפּגעפאָרן אויף אַ לענגערער צייט קיין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן מיר צוגעצויגן צו דער רעדאַקציע ד"ר מ. ווייכערט. מ. ווייכערט און נ. מייזיל האָבן רעדאַקטירט די ווייטערדיקע נו־מערן פון דעם זשורנאַל.

מיט דעם ניינטן, דעצעמבער־נומער, האָבן מיר אָפּגעשטעלט דעם זשורנאַל. מיר האָבן זיך נאָך אַלץ געקווענקלט, נישט געוואָלט אויפגעבן דעם געדאַנק ווייטער ארויסצוגעבן דעם זשורנאַל, אָבער עס זענען נישט געווען קיין פינאַנציעלע מעגלעכקייטן, און באין־ברירה, האָבן מיר, מיט הארצווייטיק און פאַרדרוס, אָפּגעשטעלט דעם חודש־זשורנאַל. די הויפּט־סיבה איז געווען דער געלט־מאַנגל, — עס איז דאַן געווען אין פּוילן אַ שווערע מאַטעריעלע לאַגע, און דער יידישער לייענער און די יידישע בי־בליאָטעקן האָבן פּשוט נישט געהאַט קיין געלט צו אַבאָנירן דעם זשורנאַל.

עס איז אינטערעסאַנט דער אַרטיקל פון משה שאַליט אין די „לי־טעראַרישע בלעטער" פונעם 22סטן פעברואַר 1929 אונטערן נאָמען „ווו איז די ,יידישע וועלט'?", וואָס איז געדרוקט אויף דער ערשטער זייט פון דעם זשורנאַל. דער אַרטיקל איז געווען אינספּירירט פון אונדז, די רעדאַקטאָרן־אַרויסגעבער. משה שאַליט, ווי אַן אייגענער מענטש, האָט גוט געוווּסט וואָס עס איז געשען מיטן זשורנאַל, וואָס מיר האָבן אָנגע־הויבן ארויסצוגעבן און פאַרוואָס ער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. די פראַגע איז געווען געווענדט צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, צו דער קול־טור־ליטעראַרישער וועלט. ער שרייבט מיט פאַרדרוס און מיט צאָרן. ער דערמאַנט די מעלדונג פון דעם פאַרלאַג אינעם 9־טן נומער פונעם זשורנאַל, ווי פון די פיר רעדאַקטאָרן איז געבליבן איינער, און אַז עס איז פאַרבעטן געוואָרן נאָך אַ צווייטער מיטרעדאַקטאָר, און ער פרעגט:

„פאַרוואָס שווייגט די רעדאַקציע? זענען דאָך דערשינען 9 צענבויגנדיקע ביכער, אָנגעפּילט מיט נייע ווערק פון יונגע טאַלענט־פולע בעלעטריסטן. עס איז דאָך געווען דער איינציקער זשורנאַל ביי אונדז פאַר שיינער ליטעראַטור ! "

און עס דערציילט משה שאַליט „סודות פון דער רעדאַקציע און פונעם פאַרלאַג". די באַנייטע „יידישע וועלט" האָט געהאַט אין פּוילן א טיראַזש פון... אַן 800 עקז., און משה שאַליט דערגרונטעוועט זיך צו די סיבות. אין דער אַנקעטע, וואָס די „ליט. בלעטער" האָבן דאַן אָרגאַניזירט, האָבן 90 פון 100 ענטפערס געזאָגט, אַז זיי לייענען נישט די „יידישע וועלט". פאַרוואָס? „ווייל זיי זענען צו־אָרעם!" מ. שאַליט שרייבט:

„ס'איז קלאָר, אַלזאָ, אַז די הויפּט־סיבה ליגט דאָ אין דער גרויסער אָרעמקייט פונעם יידישן לעזער אין פּוילן. אין דעם געדריקטן מאַטעריעלן מצב. דער קאָנסומענט פונעם יידישן בוך איז איינפאַך פאַראָרעמט. דער מאַסן־לעזער גייט דורך דער ביבליאָטעק, און איז מער נישט קיין דירעקטער קונה פונעם בוך".

רעדנדיק וועגן דער ראָלע פונעם זשורנאַל, וועגן די וויכטיקסטע אַרבעטן, וואָס האָבן זיך דאָרטן אין משך פון די ניין חדשים אין אים געדרוקט, פרעגט משה שאַליט נישט ווו איז דער זשורנאַל „יידישע וועלט", נאָר ער פרעגט ברייטער: „ווו איז די יידישע וועלט?", די יידישע געזעלשאַפט? און ער פאַרלאַנגט, אַז די „יידישע וועלט" זאָל אומבאַדינגט ווייטער דערשיינען !

דער פאַרלאַג ב. קלעצקין, אייגנטלעך די רעדאַקציע פון דעם זשורנאַל, האָט אינעם זעלבן נומער „ליט. בלעטער" געגעבן אַזאַ נאָטיץ :

„צוטרעטנדיק פאַראיאָרן פונסניי אַרויסצוגעבן „די יידישע וועלט", האָבן מיר גערעכנט, אַז ס'איז דאָ ביי אונדז די באַדערפעניש און די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַ גרויסן יידישן חודש־זשורנאַל, וואָס זאָל גרופּירן אַרום זיך די בעסטע קינסטלערישע כוחות. די דערשינענע ביכער „די יידישע וועלט" זענען לכל הדעות געשטאַנען אויף דער געהעריקער קינסטלערישער הויך. זענען דאָך צום זשורנאַל צוגעצויגן געוואָרן די אָנגעזעענסטע יידישע קינסטלער.

לײדער אָבער זענען די כסדרדיקע פאַרלאַנגען און מאָנונגען מצד די שרײבער און לעזער געווען פיל גרעסער ווי די פּאַקטישע מיט־הילף פון די שרײבער און לעזער. ס'איז געווען נישט פון די גרינגע זאַכן אַרויסצוגעבן יעדן חודש אַ 10 בויגן־בוך מיט שטאַרק־אָפּגע־קליבענעם מאַטעריאַל. דערצו איז די מיטהילף פון אַ רײ אַמעריקאַ־נער יידישע שרײבער נישט געקומען אין צײט. און דער (היגער) יידישער לעזער, די יידישע ביבליאָטעקן — זײ זענען נישט אימ־שטאַנד זיך צו אַבאָנירן אויף נאָך אַ זשורנאַל. דאָס אַלץ האָט באַ־וויגן אונדז אָפּצושטעלן דערווײל דעם זשורנאַל. ווי לאַנג דער דער־ווײל וועט דויערן? די לעצטע וואָכן ווערן מיר פאַרוואָרפן מיט גוטע ווּנטשן, מיט עצות און פאָרשלאַגן אויף מיטהילף, און טענות, הלמאי מיר זעצן נישט פאָר די „יידישע וועלט". מיר גיבן נאָך נישט אויף דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן דעם ערנסטן זשורנאַל, און מיר האָפן אײנגיכן קומען צו די לעזער און שרײבער מיט דער בשורה, אַז די „יידישע וועלט" וועט ווײטער דערשײנען".

די מעלדונג איז אונטערגעשריבן פון פאַרלאַג ב. קלעצקין, וועלכער האָט בײ אונדזער גאַנץ־באַשײדענעם „ביודזשעט" און קנאַפּע הוצאות דאָך אַרײנגעלײגט אַ פײנע סומע אינעם זשורנאַל, ווי בכלל אין זײן ביכער־פאַרלאַג.

ב. קלעצקין האָט יעדעס מאָל אויסגעגלעט זײן שײנע שוואַרצע באָרד. וואָס האָט שוין געגומען אַרײנקריגן אַלץ מער ווײסע זילבער־פעדעם, און פאַרגעזעצט ווײטער אַרויסצוגעבן יידישע ביכער, און צאָלן, ווי ער פלעגט זאָגן, „גאָנאָראַר", און אַלץ נישט מיד געוואָרן צו מאַכן נײע פּלענער און זיך פאַרמעסטן אויף נײע אויסגאַבן.

אַט ליגן איצט פאַר מיר די נײן דערשינענע נומערן פון דעם זשור־נאַל „די יידישע וועלט", וואָס האַלטן אַרום 1500 זײטן מיט פאַרשידנאַר־טיקן קינסטלערישן און קולטור־ליטעראַרישן מאַטעריאַל, צוגעשטעלט פון פאַרשידענע שרײבער מכל תפוצות ישראל, און עס ווײזט דעם אַלגעמײנעם הויכן ניוואָ פונעם זשורנאַל און פון די פאַרשידענע אַרבעטן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין דער חודש־שריפט פונעם יידישן פּוילן מיט פולע 20 יאָר צוריק. און עס איז גלײכצײטיק זײער וויכטיק דער פאַרגלײך פון דער

גייסטיקער רייכקייט און דער שאַפערישער שפע, די מאַטעריעלע אָרעמקייט פון דעם יידישן געברויכער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון דעם זשורנאַל. יאָ, מען דאַרף פאַראַפראַזירן דאָס אַלטע תלמודישע וואָרט: „בנות ישראל יפות הן, אלא שעניותן מנוולותן" (די יידישע מיידלעך זענען שיין, אָבער די אָרעמקייט מאַכט זיי מיאוס). אויך דאָס יידישע לעבן אין פּוילן איז געווען שיין און רייך און קאָלאָריטפול, אָבער די אָרעמקייט, די דחקות און נויט האָט זיי געמאַכט מיאוס, נישט געלאָזט פונאַנדערוואַקסן זיך . . .

26

די יידישע טעאַטער-וועלט אין פּוילן

פון די פאַרשידענע קולטור־שאַפערישע געביטן, וואָס דאָס יידישע פּוילן האָט אין דעם אריינגעצויגן גרויסע מאַסן, נישט נאָר אין וואַרשע גופא, נאָר אויך אין פיל אַנדערע שטעט פונעם גרויסן פּוילן, איז אָן ספק געווען דער טעאַטער. עס איז דער סאַמע רייכסטער געביט, וואָס האָט געהאַט גרויסע צאָלן פּראָדוצירער און געניסער, קינסטלער און געברויכער וועלכע האָבן געשפּילט וויכטיקע ראָלעס אויך אינעם אַלגעמיינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם יידישן פּוילן.

לאָמיר דעריבער לאָזן די קולטור־און ליטעראַטור־וועלט, און מיר וועלן אַריינבליקן אין דער יידישער טעאַטער־וועלט, וואָס האָט געהאַט ביי אונדז כסדר באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן. אין קיין שום אַנדערן געביט איז אַלעמאָל נישט געווען אַזאַ שנעלער אַרויפשטייג און האַסטיקער צוריקפאַל ווי אינעם יידישן טעאַטער, וואָס האָט נישט קיין מלוכה, האָט נישט קיין מעצענאַטן, האָט נישט קיין סטאַבילן עולם און נישט קיין פעסטע טראַפּעס, נאָר אַלץ ווערט געטון אויף דעם סאַמע־עמאָציאָנעלסטן אופן. אַ פּיעסע איז אינעם יידישן טעאַטער מער ווי ווו עס איז אַ מין לאָטעריי־צעטל: אָדער מען נעמט אַרויס אַ געווינס, אָדער מען פאַרשפּילט.

עס איז כדאי זיך בקיצור אָפּשטעלן אויף אַ מערקווירדיקער רעוואַ־

לוציע, וואס איז געמאכט געווארן אינעם יידישן טעאטער אין ווארשע און אין גאנץ פוילן. מיטאמאל, לויט א באשלוס פון אן ארטיסטן־צוזאמענפאר, ווען די מאטעריעלע לאגע איז געווען אין אלגעמיין א גאנץ־פארצווייפלטע, איז באשלאסן געווארן צו פארגזעלשאפטלעכן, קאלעקטיוויזירן אלע יידי־שע טעאטערס. אויס באלעבאס, אויס אונטערנעמער, קאלעקטיוויזאציע. אין יאר 1930 האט מען געשאפן ביים פאראיין פון די יידישע ארטיסטן אין פוילן (דאן איז געווען דער פארוואלטער מארק יוווילער) א דירעק־טאריאט, וואס האט זיך געשטעלט די אויפגאבע „צו ארגאניזירן טעאטער־טרופעס, כדי צו באשעפטיקן אלע פאראיינס־מיטגלידער". דער דירעק־טאריאט האט געדארפט זארגן „פאר דער שטאנדהאפטיקייט פון די אונ־טערנעמונגען און פאר דער ריינקייט אין קינסטלערישן זין, אומאפהענגיק פונעם רעפערטואר, וואס ווערט געשפילט אין די טעאטערס". עס האט געהייסן די „נאציאנאליזירונג" פון דעם גאנצן יידישן טעאטער־וועזן, עס איז אבער געמאכט געווארן אויף א צו־שנעלן און האסטיקן אופן, לחלוטין נישט צוגעגרייט עס סיי אינעווייניק אין די טרופעס און סיי אינדרויסן, ביים עולם. עס איז אויך געווען א פונקט: „אפצושאפן די כאפ־טרופעס און כאפ־טעאטערס, וואס גראבן אונטער די יסודות פונעם יידישן טעאטער". הכלל, מען האט זיך געשטעלט גאר וואזשנע אויפגאבעס, וואס ווען זיי וואלטן געווען גוט דורכגעטראכט און געפלאנירט, וואלט עס געווען א מזל־ברכה. אבער גאר גיך האט געפלאצט דער גאנצער פלאן. די רעזולטאטן זענען געווען מוראדיקע. מען האט, אינעם נאמען פונעם דירעקטאריאט, געשאפן שנעל און אייליק כאפ־טרופעס, און נאך א צוויי חדשים איז פאר־געקומען די קאטאסטראפע. עס איז געווען א קאלאסאלער דעפיציט און האט אריינגעבראכט אין די יידישע ארטיסטן־קרייזן בייז בלוט, פארבימער־רונג און געדראט מיט אן ערנסטער שפאלטונג אינעם ארטיסטן־פאראיין. עס האט זיך פונאנדערגעפלאקערט אן אמתער בירגער־קריג און א ברודער־קאמף, וואס האט געקאנט דערפירן ווער ווייסט וווהין. און הקיצור, איין מאל אין א פארנאכט איז פארגעקומען אן אמתער „פוטש". א גרופע יידי־שע שוישפילער, צווישן זיי אייניקע גאנץ בכבודיקע, האט זיך אריינגע־ריסן אין דעם ארטיסטן־פאראיין, אראפגעווארפן די פארוואלטונג און דעם פארוואלטער אויף א גאר פשוטן אופן פאריאגט פונעם פאראיין. די נייע „רעגירונג" האט גענומען סאנירן די שווערע לאגע, גענומען פארריכטן

די פריערדיקע טעותן, וואָס האָבן געקאָסט דעם יידישן אַרטיסט און דעם יידישן טעאַטער פיל געלט, חשיבות און ווירדע.

דאָס איז אַ זייער טשעקאַווע בלאַט געשיכטע, וואָס איז פאַרשריבן אין די כראָניקעס פון דעם יידישן טעאַטער אין פוילן, און וואָס ווייזט דעם כוח און דעם כאַראַקטער פון דעם פשוטן מענטש, דעם כוח פון דער אַר־טיסטן־מאַסע, וואָס איז לכתחילה געווען אַזוי גלויביק...

און נאָך זייער אַן אינטערעסאַנטער פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן, וואָס האָט געענדערט דעם גאַנצן אויסזען פונעם יידישן טעאַטער צוליב דעם עקאָ־נאָמישן קריזיס האָט שטאַרק גענומען פאַלן די באַזוכערשאַפט אין די יידישע טעאַטערן. מען פלעגט שפּילן ממש פאַר פּוסטע הייזער, דער עולם האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען גיין אינעם יידישן טעאַטער. איז איינ־געפאַלן דעם געשעפטספּירער פון פּ. באַראַטאָווס טרופּע, וואָס האָט דאַן געשפּילט אין וואַרשע, יאַנקעלע דאַנציגער (אַ זייער אינטערעסאַנטער טיפּ, וואָס ווי קליין ער איז נישט געווען, האָט ער פאַרמאָגט כאַראַקטער און אויסדויער!), צו רעדוצירן די פּרייזן פון די בילעטן אויף העלפט און אויף צוויי דריטל. און עס איז געשען אַ נס, די טעאַטערן האָבן מיט־אַמאָל צוגעקראָגן אַ נייעם עולם. אין משך פון איין וואָך איז די צאָל באַ־זוכער אין וואַרשעווער יידישע טעאַטערן אַריבערגעשטיגן 20 טויזנט מענטשן. אָט די אַלע נייע מאַסן־באַזוכער, אין די פיל טויזנטער, האָבן מיטאַמאָל אויפגעלעבט דעם יידישן טעאַטער. נאָך וואַרשע איז געקומען לאָדזש, ווילנע, לעמבערג, און עס איז געוואָרן אַ רענעסאַנס אינעם יידישן טעאַטער, מען האָט מיטאַמאָל דערזען מאַסן יידן, וואָס פלעגן נישט אַריינ־שמעקן אינעם יידישן טעאַטער.

און בינו לבינו איז, לויט דער איניציאַטיוו פון יאָנאַס טורקאָוו מיט דער הילף פון אַ גרופּע טוער (אַ. גראַפּמאַן, נ. מייזיל, און אַנדערע), גע־שאַפן געוואָרן אין וואַרשע אַ יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס האָט אַריינגעצויגן שרייבער, שוישפּילער, טעאַטער־פריינט. מען האָט ווערבירט מיטגלידער און אָרגאַניזירט אַ טעאַטער־טרופּע מיטן נאָמען „וניט" — וואַרשעווער נײַ יידיש טעאַטער. נאָך גרויסע באַמיאונגען און ווי דער שטייגער — זיצונגען, באַראַטונגען, קאָמיסיעס און קאָמיטעטן האָט זיך איינגעגעבן צו רעאַליזירן עטלעכע גאָר־פיינע אויפפירונגען: ד"ר י. ב. ציפּורס „אויפשטאַנד" (רעזשי דוד הערמאַן), בען דזשאָנסאָנס „וואָל־

פּאָנע" (רעזשי יאָנאַס טורקאָוו) און לסוף — אַ גרויסאַרטיקע אויפפירונג — דוד בערגעלסאָנס „דער טויבער" (רעזשי דוד הערמאַן). צו דער 100סטער אויפפירונג פון דעם „טויבן" איז געקומען צו פאָרן ספּעציעל פון בערלין דוד בערגעלסאָן.

אינצווישן האָט דער יידישער טעאַטער אין פּוילן, — וואַרשע, לאָדזש און די אַנדערע שטעט, אָנגעהויבן פּאַרפלייצט צו ווערן פון אַמעריקאַנער געסט. עס זענען געקומען בעיקר „סטאַרן", גוטע און שלעכטע, וואָס האָבן, אמת, צייטווייליק אַריינגעבראַכט אַ שטיקל אויפלעבונג, — אָבער אין תוך איז עס געווען פאַרן יידישן טעאַטער אַ פּלאָג, וואָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויפן נאָרמאַלן צושטאַנד און כאַראַקטער פונעם יידישן טעאַטער. דער „סטאַר" איז דאָס רוב געקומען מיט אַ פיקס־און פאַרטיקן רעפּערטואַר, ספּעציעל צוגעשניטן און צוגעפּאַסט פאַר אים, פאַרן גאַסט, וואָס איז אַלץ, — דער רעזשיסער, דער דירעקטאָר און דער באַלעבאָס פון דער קאַסע. האָט דעריבער אַלץ — דער אַפּיש, די פּראָגראַם, די פּיעסע און אַלע שוישפּילער זיך געדרייט אַרום אים. מען האָט אַזוי אַרום צוגעוווינט דעם מאַסן־עולם אין פּוילן צו דעם טראַגישן אַבנאָרמאַלן אומגעזונטן צושטאַנד פון אַ סטאַר־טעאַטער, פון אַ סטאַר־סיסטעם און אַוועקגערוקט אָן אַ זייט די אייגענע שוישפּילער, די אייגענע רעזשיסערן און אַוועקגעהרגעט דעם קאָלעקטיוון אַנסאַמבל־סיסטעם, וואָס האָט געהאַט געהערשט אין פּוילן, אינעם אַלגעמיינעם און אינעם יידישן טעאַטער. איז ווען דער סטאַר האָט געצויגן דעם עולם, מען איז געגאַנגען אים זען און הערן, איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה, אָבער ווי נאָר עס זענען געגאַנגען שלעכטע זיינע געשעפטן, אָדער ער האָט באַדאַרפט אײַלן אַהיים, קיין אַמעריקע צו זיינע דאָרטיקע סטאַר־געשעפטן, איז די טרופּע גלייך פונאַנדערגעפאַלן און עס איז געבליבן אויס!

חוץ דעם האָט מען אַוועקגעפּטרט דעם געשמאַק פונעם יידישן עולם מיט די מאַכאַרייקעס, מיט די נאַרישע מעלאָדראַמאַטישע שטיק, וואָס מען האָט געבראַכט פון אַמעריקע, און אפילו מיט די אַריינגעבראַכטע ענגלישע ווערטער ווי „אָקעי", „וועל", „דאַצרייט!", „עסקיוז מי" און אַזוי ווייטער. דער קערנדיקער יידיש־פּוילישער אַרטיסט האָט געדאַרפט ברעכן זיין צונג און זאָגן „עברי" פון דעם סטאַרס אַמעריקאַנער־ענגלישן „סידורל", אָדער

אָפּזינגען אָדער אָפּטאַנצן אַ לידל, אַ קופּלעטל, אַ „ליריקס", וואָס איז געווען צונעגרייט אין די אַמעריקאַנער יידישע טעאַטער־„שאָפּס".

עס זענען אָבער אויך פאַר דער צייט געווען אויסנאַמען צווישן די אַמעריקאַנער געסט, געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן געבראַכט פיינע פּיעסעס, פאָלקס־שטיק, וואָס האָבן אויסגענומען אויך ביים בעסערן צושויער און האָבן אריינגעבראַכט גוטס דעם יידישן טעאַטער.

און דערצו האָט יעדעס מאָל די כסדר־באַנייענדיקע „ווילנער טרופּע", אונטער דער פירונג פון דעם ענערגישן, פאַרהאַרטעוועטן און עקשנותדיקן מ. מזאה, וואָס נישט געקוקט אויף פאַרשידענע דורכפאַלן, איז ער אַלעמאָל געווען גרייט אָנצוהויבן פונדאָסניי, אָרגאַניזירן ווידעראַמאָל און אבעראַמאָל אַ נייעם אַנסאַמבל פון דער „ווילנער טרופּע" און פונדאָסניי אָנהויבן אַ קאָן. אַזוי איז געשען עטלעכע מאָל פאַר די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. אָט האָט זיך געדאַכט, אַז די „ווילנער" טרופּע איז שוין צעפאַלן, זי וועט שוין קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין. עס זענען אַוועק פון דער טרופּע די וויכטיקסטע שוישפּילער, און געמיינט, אַז מיט זייער אַוועקגיין איז די טרופּע אויפגעליזט. אָבער עס מאַכט נישט אויס: עס דויערט אַ קורצער איבעררייס, און די „ווילנער טרופּע" איז ווידער געקומען צום לעבן מיט אַ נייעם קרייז שוישפּילער, מיט אַ נייעם רעזשיסער און גענומען שפּילן ערגעץ־ווו אין אַ נייער שטאָט.

אין די דרייסיקער יאָרן איז פאָרגעקומען אַזאַ מין נייע ווידעראויפלעבונג, עס איז צוגעצויגן געוואָרן יעקב ראָטבוים, וואָס איז געהאַט געקומען פון אַ באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט מען אויפגעפירט (לכתחילה אין לאָדזש) שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס", י. אַ'ניעלס „שוואַרצע געטאָ" און דערנאָך „דעם בונט אין אויסבעסערונגס הויז", „שריי כינע!" (אינעם פּראָסט־פּשוטן סקאַלאַ־טעאַטער, אויף דזיעלנע), „אַ מיליאָן צרות" פון וו. קאַטאַיעוו (רעזשי דוד שאַפּיראָ) א. א.

עס זענען פאָרגעקומען אַזוי פיל איבערוואַנדלונגען פון די „ווילנער", אַז לסוף איז אין דער ווילנער טרופּע שוין נישט געווען קיין איין ווילנער, מען האָט זיך אפילו געוווּנדערט, אַז די „ווילנער טרופּע", אין איר לעצטער פאָרמאַציע, איז געקומען קיין ווילנע, איז נישט געווען איינער אין דער טרופּע, וועלכער זאָל וויסן, ווי מען גייט פון דער באַן־סטאַנציע אין דער שטאָט אריין.

און דערוויַיל זענען פֿאָרגעקומען לימודים און פֿאָרבאַרייטונגען פֿון דער סטודיע, וואָס איז אָנגעפֿירט געוואָרן דורך מ. וויַיכערט. עס איז געווען א טרייער איבערגעגעבענער קאָלעקטיוו פֿון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, א מין צווייטער גלגול פֿון דער פֿריערדיקער דוד הערמאַן־סטודיע. דער קאָלעקטיוו האָט א פּאָר יאָר אָפּגעריסן די אָוונט־שעהען, די שבתים און יום־טובים, און ווי ישיבה־בחורים האָט מען געקנעלט די שווערע סוגיאות פֿון דראַמאַטורגיע און טעאַטער־שפּיל.

און אָט לסוף — אין א גוטער שעה — פֿעברואַר 1933 איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער לאַנג דערוואַרטער אויפֿטריט פֿון דער יונגער דראַמאַטישער גרופּע, וואָס האָט ערנסט און מיט יראת־הכבוד זיך געגרייט אַזוי לאַנג צו דער פּרעמיערע. די פּרעמיערע און די איבעריקע פֿאָרשטעלונגען זענען פֿאָרגעקומען אינעם זאַל פֿון דעם שניידער־צעך, אויף א הויכן שטאָק אויף סענאַטאָרסקע גאַס, אין דער גאַלעריע לוק־סענבורג.

מען האָט דאַן געשטעלט א סצענישן רעפּאָרטאַזש אין 44 בילדער, 3 אַקטן, פֿון פּ. בלומע, מיטן נאָמען „באָסטאָן", — אייגנטלעך א סאַקאָ־וואַנזעטי־פּיעסע.

אין עטלעכע חדשים אַרום, סוף סעפּטעמבער 1933, האָבן מיר געהאַט דעם צווייטן זייער דערפֿאָלגרייכן אויפֿטריט פֿון דעם אַנסאַמבל, וואָס האָט שוין איצט געטראָגן דעם נאָמען „יונג טעאַטער". אויב פֿריער האָט געהייסן, אַז עס איז אַן „אַנסאַמבל פֿון אַבסאָלווענטן פֿון דער ייִדישער טעאַטער סטודיע", איז איצט שוין דאָס טעאַטער אָנגערופֿן געוואָרן מיט א נאָמען „ייִדישע טעאַטער־סטודיע יונג טעאַטער". עס איז שוין געווען אַן אייגענער אַדרעס, אַן אייגענע היים, אויף דלוגע 19 אין הויף, אין אַן אייגענער דירה. עס איז געווען א זייער אָריגינעלע אויפֿפֿירונג מיטן נאָמען „טרופּע טאַנענצאַפּ", א גאָלדפֿאַדען־שפּיל אין א גאַליציש שטעטל, — באַאַרבעטונג און רעזשי — מיכאל בראַנדט (ד"ר מ. וויַיכערט), מוזיק — א. גאָלדפֿאַדען, כאָרעאָגראַפֿיע — טאַצ. וויסאָצקאַ, קאָסטיומען און דעקאָראַציעס — דינה מאַטוס.

לאָמיר אויסרעכענען דעם צעטל פֿון די יונגע שוישפּילער, וואָס האָבן אַזוי פֿיל מי און ליבשאַפֿט אַריינגעלייגט נישט נאָר אין דער דאָזיקער פֿאָרשטעלונג, נאָר האָבן אויך מיט זייערע באַמיאונגען און מסירת־

נפש געמאַכט מעגלעך, עס זאָל געשאַפן ווערן אַט די היים פאַר דעם יונגן אַנסאַמבל און מיטגעהאָלפן דעם אויפבוי פון דער טרופּע און אויך צו־געלייגט אַ האַנט צו די אויפפירונגען: (מיר גיבן זיי לויטן צעטל פון די פערזאָנען פונעם ספּעקטאַקל): ל. ווערטהיים, דבורה פאַקעל, ב. גודעס, א. וואָלאָווטשיק, ה. צימליך, י. סוכער, א. גאָלדוואַרג, פ. זינגלבוים, א. ל. גרין, א. סטאַבער, י. הייטלער, מ. אדעסער, וו. הייבלום, י. גליקסמאַן, פ. סיוואַק, א. אַ. איניקע פון די יונגע שוישפּילער האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם היטלער־מבול, איניקע זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט די מיליאָנען יידן און די הונדערטער קינסטלער און שוישפּילער אין פּוילן.

דער „יונג־טעאַטער" האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט, די אויפפירונגען האָבן געצויגן אַ גרויסן עולם, איין פּיעסע נאָך דער אַנדערער איז געגעבן געוואָרן און שטאַרק אויסגענומען ביים עולם מיט זייער נייקייט, מיט דעם פרישן טאָן און מיט דער באַגייסטערונג און יום־טובדיקייט, וואָס האָט געהערשט אויף דער בינע און ביים אַרבעטער־און פאָלקס־עולם, וואָס האָט איבערפולט דאָס טעאַטער.

עס זענען געגעבן געוואָרן די פּיעסעס „קראַסין", „נאַפּאָלעאָנס אוצר" (גאָלדגרעבער) פון שלום עליכם, בילבעלאַצערקאָווסקים „דאָס לעבן רופט" (רעזשי יעקב ראָטבוים), ל. מלאכס „מיסיסיפּי", יעקב פּרעגערס „סימכע פּלאַכטע", נ. ביכנערס „וואָצעק" (רעזשי און מיטשפּיל פון קורט קאַטש), מענדעלע מוכר ספרימס „מסעות בנימין השלישי". אויסער די אויסגערעכנטע רעזשיסערן זענען די איבעריקע אויפפירונגען געשטעלט געוואָרן דורך מ. ווייכערט. אויך איניקע אַנדערע אויפפירונגען זענען געשפּילט געוואָרן אין זאַל, צווישן דעם עולם, אָדער די בינע איז געבויט געוואָרן אינמיטן זאַל. דער עולם איז געווען אריינגעצויגן אין דער אַקציע פון דער פאָרשטעלונג און האָט אָפט פאַרגעסן, אַז ער איז דאָ בלויז אַ צושויער, אַ זייטיקער צוקוקער צו אַ סצענישער אויפפירונג.

דער „יונג טעאַטער" איז וואָס־ווייטער געוואָרן אַלץ מער באַליבט ביים בעסערן יידישן עולם, און יעדע נייע אויפפירונג איז געווען אַ גע־שעעניש אין דער יידישער קולטור־וועלט.

אַט ליגט פאַר מיר דער נומער „ליט. בלעטער" פונעם 3־טן יאַנואַר 1936 און אויף אַ גאַנצער זייט פונעם נומער איז פאַרעפנטלעכט מיינער אַן אַרטיקל „יעקב פּרעגערס „סימכע פּלאַכטע" אינעם „יונג־טעאַטער",

מיט א צייכענונג פון יעקב פרעגער, געמאכט פון אונדזער אומדערמידלעכן קינסטלער פעליקס פרידמאן. דער שטילער צניעותדיקער יעקב פרעגער, וואס האט געלעבט שטיל און צניעותדיק אין אטוואצק, וווּ זיין פרוי איז געווען די פארדינערין, געווען א ציין־דאקטארין. זי איז עס געווען די אשת־חיל, ווייל די שפייזערין פונעם הויז, כדי ער, יעקב פרעגער, זאל קאנען פאמעלעך און באטראכט און יארנלאנג אויסטראגן א דראמאטיש ווערק. נאך לאנגע חבלי־לידה האט ער געשאפן זיין „נסיון", וואס האט געהאט אין זיך טעאטראלישע אקציע און צויבער, און אזוי שטילערהייט, גארנישט ווי ער, האט ער געשאפן זיין „סימכע פלאכטע". אט די נייע אויפפירונג האט שטארק אונדז אלעמען דערפרייט. איך הויב טאקע אן מיין ארטיקל אזוי:

„א נייע אויפפירונג פונעם 'יונג טעאטער', און א נייער קינסט־לערישער זיג, — א זיג פונעם מחבר, רעזשיסער, קאלעקטיוו, ווי אויך פון איינצלנע סטודיאנטן, וועלכע טרעטן שוין אריבער די גרענעץ פון עכטע שוישפילער."

עס איז טאקע געווען א געמיינזאמער יום־טוב פאר אלעמען, אויך פאר דעם בעסערן צושויער, וואס איז געווען אן אייגענער, היימישער, א מיטשותף צו דעם אלעמען, וואס דער קאלעקטיוו האט ביי שווערע באדינ־גונגען געשאפן צו אלעמענס פרייד און אנערקענונג. פאר אונדז זענען אויסגעוואקסן וו. הייבלום — אט דער בלאנדער בחור, וואס האט פאר־מאגט א רויע קראפט אין זיך, נישט געגנוג ארומגעהובליעוועט, ער האט פרעכטיק ארויסגעבראכט סימכע פלאכטען. עס איז אויך ארויסגעקומען די טאלענטפולע שיינע און חנעוודיקע דבורה פאקעל, וואס האט געשפילט די מויד ציפע. עס האט זיך אויסגעצייכנט י. גליקסמאן אין דער ראלע פון ר' יאסעלע פרנס און אזוי אנדערע.

דער „יונג־טעאטער" איז איין צייט דורך דער פוילישער מאכט פארשלאסן געווארן. מען האט איינגעפונען, אז ער איז צו־רעוואלוציאָ־נער, אז ער שפילט א נישט־גאר כשרן רעפערטואר און נעמט גאר אוים ביים פראגרעסיוון עולם. מען האט דאס שטארק איבערגעלעבט אין די יידישע קולטור־קרייזן, און נאך פארשידענע השתדלותן האט זיך איינגע־געבן צו קריגן ווידער א דערלויבעניש פארן טעאטער, נאר מיט א שינוי־שם, מיט אן אנדער נאמען.

ווען מען רעדט וועגן א יונגן פאָלקס־און אַרבעטער־טעאַטער, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף דעם דראַמאַטיש־מוזיקאַלישן קרייז, וואָס האָט א לאַנגע צייט זיך געפונען אַרום דעם „לינקן" וואַרשעווער טעקסטיל־פאַראיין. דער דראַמאַטיש־מוזיקאַלישער פאַראיין, אונטער פאַרשידענע נעמען, האָט עקזיסטירט ביי די סאַמע שווערסטע פּאָליטישע באַדינגונגען א 15 יאָר, און ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַלדי מוראדיקע פאַרפאָלגונגען, ביז שיקן אייניקע פון זיינע מיטגלידער קיין קאַרטוז־בערעזע, — דאָס שרעק אָרט פאַר יעדן פּראָגרעסיוון מענטש.

אויסער די פאַרשידענע קלענערע זאַכן, וואָס דער קרייז האָט אויפגעפירט, האָט מען אויך געהאַט די אַמביציע אויפצופירן פּרצעס „אין פּאָליש אויף דער קייט", דוד בערגעלסאָנס „דער טויבער", ווו עס זענען אונטער דער רעזשי פון יעקב ראָטבוים ספּעציעל אונטערגעשטראָכן געוואָרן די סאָציאַלע און בונטאַרישע מאָמענטן, און דער שוישפּילער, דער אַרבעטער, וואָס האָט זיך געגנוג אָנגעליטן פון דער מאַכט, פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, האָט דורך די אויפפירונגען אַרויסגעשריגן זיין איניקן ווייטיק, זיין אייגענעם צאָרן.

צום 10־טן יאָרטאָג פון דעם דראַמאַטישן קרייז איז אַרויסגעגעבן געוואָרן א רוף, ווו עס איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן:

„אין די שווערסטע צייטן פון אָקופּאַציע און נויט האָבן מיר, טעקסטיל אַרבעטער אין וואַרשע, פאַרזייט דאָס קערנדל פאַר קולטור־אַרבעט. דורך קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג, מיט אָפּגעשפּאָרטע פון אונדזערע הונגער־לוינען גראָשנס, האָבן מיר אויפגעבויט א ליכטיק קולטור־ווינקל, וואָס העלפט־מיט אויסצושמידן באַוווּסטזיניקע קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער־מאַסן".

דאָס זענען נישט קיין מליצה־ווערטער, נאָר ריינער אמת.

וויפל מאָל איז מיר אויסגעקומען אין די שבת־פאַרנאַכטן, אין דער ענגער דירה פונעם טעקסטיל־פאַראיין אין צווייטן הויף אויף קאַרמעליצקע גאַס, ווו קאָפּ אויף קאָפּ איז מען געשטאַנען אין די צימערן, דערציילן דעם עולם, ממש די גלויביקע חסידים, וועגן דער וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור, וועגן די עלטערע יידישע שרייבער, און אויך וועגן די סאָוועטישע, יידישע און נישט־יידישע שרייבער. און סאַר א דאַנקבאַרער

עולם עס איז געווען! בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן מיט טיפן פּאַנאַ־טיזם געטראָגן די פאָן פונעם פּראָגרעסיוון ארבעטער אין ווארשע.

אין דעם פרומען גרויסן הויף אויף קאַרמעליצקע האָבן זיך פון טונקעלע פענצטער אין דעם שבת פאַרנאַכט געטראָגן טרויעריקע ניגונים פון יידן, וואָס האָבן געפּראַוועט שלוש סעודות, און אינעם טעקסטיל־פאַראיין איז מען אויך אין דער פינצטער געווען פאַרטון אין ארויסברענ־גען די געדאַנקען און מאָטיוון פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור. נאָך יעדן רעפעראַט זענען פאָרגעקומען פראַגן און דערנאָך א ברייטער מיינונגס־אויסטויש, וואָס איז געווען זייער אינטערעסאַנט און אָנרעגנדיק...

און נישט באַגנוגנט זיך מיט די עטלעכע טעאַטערן, וואָס ווארשע האָט פאַרמאָגט, איז יעדעס מאָל געווען עפּעס א נייער פּרווו און א נייער פאַרמעסט אין כוחות. יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנא בלומענפעלד האָבן פאַר־מאָגט אין זיך דעם שווונג, דעם דראַנג, וואָס איז געווען א רעזולטאַט פון דער געבענטשטער אומצופרידנקייט מיט דעם שטאַמפּ, מיט דעם שאַבלאָן, זיי זענען נישט מיד געווען צו פאַרוואַרפן א נעץ ערגעץ־ווו, זוג עס איז געווען אמווייניקסטן א האָפענונג אויף א גוטער „פישונג", און יעדעס מאָל האָבן זיי טאַקע צוגעטראָגן און אריינגעבראַכט עפּעס נייעס, און אָן געוואַלדן, אָן גרויסע פּרעטענזיעס, און אָן די גרויסע פּאַראַויס־געשרייען: מאַכט א וואַרע! מאַכט א וואַרע, מיר גייען, מיר קומען ! —

אין 1933 האָבן זיי אויפגעעפנט א ניי טעאַטער־ווינקל אויף ביע־ליאַנסקע 7, אין הויף אינעווייניק. איינגעאָרדנט פון עפּעס א זאַל און, פאַרשטייט זיך, מיט א סלופּ (א זייל!) אין סאַמע מיטן. מען האָט א נאָמען געגעבן דאָס באַשיידן „קינד" — „קאַמעראַל בינע" און געגעבן מאָדערנע זאַכן, ווי ל. פּראַנקס „סיבה", ב. לאַוורענטיעווס „דער 41סטער" און אַנדערע זאַכן. מיט א פּאָר יאָר שפּעטער, נאָכן אַרומשלעפּן זיך איי־בער דעם גרויסן יידישן פוילן אין דער לענג און אין דער ברייט, און באַ־זוכן דערביי ביז א הונדערט שטעט און שטעטלעך, האָבן זיי געגעבן רע־פּערטואַרע פּיעסעס אין דעם זאַל פון יודאַאיסטישן אינסטיטוט, אויף טלאָ־מאַצקע 5, אין דעם שיינעם בנין פון דער ווארשעווער סינאַגאָגע.

ביים אויפקום פון היטלערן און היטלעריזם אין דייטשלאַנד, מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער ברוינער פּעסט אין די דייטשע שטעט און אין די דייטשע טעאַטערן, קומט אַראָפּ, א צעוויטיקטער, א טיף־דער־

צאַרנטער, אָבער אינערלעך דורך און דורך פעסטער און באַוווּסטזיניקער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס גראָד די לעצטע חדשים פון זײַן שפּילן טעאַטער אין דײַטשלאַנד. האָט ער פאַרגעשטאַלטיקט די גרויסע מעפּיסטאָ־געשטאַלט פון גטעס „פאַאוסט".

ער איז געקומען קײַן וואַרשע, נישט סתם אַזוי זיך, און נישט גע־פּרוּווט אויספּאַקן פון זײַנע גרויסע געפּעק דעם אמאָליקן דײַטשן רעפּער־טואַר, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך און אין וועלכע ער האָט געהאַט דער־פּאָלג. ער האָט געהאַלטן פאַר זײַן מענטשלעכן און קינסטלערישן חוב ברענגען צום אויסדרוק דעם צער און פּײַן, דעם פּראָטעסט און ווײ־געשריי קעגן די בעסטיאַלישע נאַצים, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף דער וועלט און אויף ייִדן.

עס איז געווען סוף 1933. די אַטמאָספער איז געווען אָן אָנגעגליטע, פול מיט שרעק און פול מיט ווילן קעגנצושטעלן זיך דער מגפה, וואָס האָט גענומען אַרומכאַפּן אויך די רעגירונגס־קרייזן און די רעאַקציאָנערע שיכטן פון פּוילן. עס איז דאַן אין וואַרשע נישט געווען קײַן ערנסטע דראַמאַטישע טרופּע, וואָס זאָל אַרײַננעמען גראַנאַכן און מיט אים אַרויס־ברענגען דאָס פרישע שטיק, וואָס דאָס בלוט און טינט איז נאָך פון דעם נישט אויסגעטרוקנט געוואָרן — פרידריך וואָלפס „די געלע לאַטע", אָדער ווי עס האָט געהייסן אין אַנדערע אויפפירונגען „פּראָפעסאָר מאַמלאָק".

עס געדענקט זיך גוט איינער אַן אָוונט אין הויז פון ד"ר מ. ווייַ־בערט, אויף סענאַטאָרסקע גאַס. עס איז דאַן געווען אַ „בלעקאַאוט" (אַ פּרוּוו צו פאַרלעשן די ליכט), זענען מיר געזעסן אין אַ קליין דורכגאַנג־צימערל, וואָס האָט נישט געהאַט קײַן פענצטער, בײַ אַ קליין ליכטל אויפן טיש, און גראַנאַך האָט פאַר אונדז אַרויסגעלייענט, אַרויסגעוויטיקט, אַרויסגעברומט די פרישע שורות, דעם דיאַלאָג, די מאָנאָלאָגן פון דער „געלער לאַטע". עס איז געווען דאַן מײַן פרוי, מײַן ברודער יעקב ע"ה, און דאַכט מיר אויך י. באַשעוויס, וואָס האָט איבערגעזעצט די פּיעסע אויף ייִדיש פונעם דײַטשן מאַנוסקריפּט, וואָס גראַנאַך האָט מיט מסירת־נפש אַריבערגעשמוגלט דורך דער דײַטשער גרענעץ צוזאַמען מיט זײַן אייגענעם געראַטעוועטן לעבן. אַן אימה האָט דאַן געהערשט אין דעם טונקעלן צימערל, אַן אומהיימלעכקייט האָט געשלאָגן פון גראַנאַכס אויפ־רעגנדיקן לייענען, און אַ פּחד האָט געוויט פון דער אַקציע אין דער פּיעסע.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דורך גראַנאַכן און אויף זיין חשבון צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ טרופּע פון גוטע שוישפּילער, וועלכע האָבן געשפּילט מיט פייער און ברען, מיט פּאַטאָס און צאָרן, און געבראַכט צום אויסדרוק די גרויזאַמע געשעענישן, דעם אומרעכט, דעם טעראָר, וואָס די היטלעריסטישע מאַכט האָט אָנגעהויבן איינפירן בפרהסיא ביי זיך אין דער היים ביי דעם פאַרברעכערישן שטילשווייגן, גלייכגילט און אפילו שטילן גוטהייסן פון די גרויסמאַכטן.

א. גראַנאַכס קומען אין יענער צייט קיין וואַרשע איז געווען אַ גרויס געשעעניש פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן באַטייט. ער האָט פּערזאָניפיצירט מיט זיך, מיט זיין אומרו און בּראַטעסט די גרויסע טראַגעדיע פון דעם נאָענטן דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך שנעל און האסטיק געקייקלט אין די אָרעמס פון היטלערן. זיינע אויפטריטן אויף פּרעסע־קאָנפערענצן, זיינע הייסע רייד צווישן פריינד, זיינע שמועסן ביי עפנטלעכע צונויפקומס האָבן אויפגעדעקט די טראַגעדיע אין איר גאַנצער גרייס און טיף. וועגן דעם איז מיר אויסגעקומען צו דערציילן אויספירלעכער אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן א. גראַנאַך, אין גראַנאַכס אויטאָביאָגראַפישן בוך „אַט גייט אַ מענטש!" אויך זענען דאָרטן פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר זאַכן פון גראַנאַכן, וואָס גיבן אַ באַגריף פון יענער צייט, פון אונדזער געמיט־צושטאַנד אין יענע אָנגעגליטע פאַר־מלחמה־יאָרן און חדשים.

לאָמיר, לזכרון, אויסרעכענען דעם צעטל פון די באַטייליקטע אין דער גראַנאַך־פאַרשטעלונג „די געלע לאַטע", וואָס איז געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג אין וואַרשע, אין לאָדזש, און אין נאָך אַ 60־70 גרעסערע און קלענערע שטעט אין פּוילן אין די יאָרן 1934־1945: פּראָפ' האַנס מאַמלאָק — אַל. גראַנאַך, ד"ר הירש — אברהם קוריז, ד"ר העלפאַך — משה ליפּמאַן, ד"ר קאַרלסען — מ. ראַטשטיין, ד"ר אינגע ריינוואַלד — קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, ד"ר זיידעל — מ. מעלמאַן, פרוי מאַמלאָק — רחל האַלצער (אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז די ראָלע איבערגענומען געוואָרן דורך העלענאַ באַרקאָווסקאַ), ראַלף — י. גרודבערג (יצחק טורקאָוו), רות — עני ליטאַן, סימאָן — דוד לואי, העדוויג — ד. שאיעוויטש, ערנסט — ח. ניסנצווייג.

אייניקע פון די אויסגערעכנטע שוישפּילער לעבן אין ניו־יאָרק, אין פּוילן, אין אויסטראַליע, דרום־אַמעריקע, און אייניקע זענען אויפן עולם

האמת — (אויסער אַל. גראַנאַך, וואָס איז געשטאָרבן), זיי זענען אומ־געקומען דורך דער בעסטיאַלישער מאַכט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט מיט זייער שפּילן אין דער פּיעסע „די געלע לאַטע".

דער אָפּרוף וועגן דער אויפפירונג איז געווען אַן אויסערגעווענלעך גוטער.

אין דער צייט, וואָס א. גראַנאַך האָט געשפּילט אין וואַרשע די „געלע לאַטע", האָט אין ווילנער „פאָלקס־טעאַטער" געהאַט זיינע גאַסט־שפּילן אברהם מאָרעווסקי, — איינער פון די אינטערעסאַנטסטע שוישפּי־לער און פּערזענלעכקייטן. זיין רעפּערטואַר איז געווען: „גענעראַל פאָן העלענדאָרף" (צווישן האַקנקרייצער), אַ דראַמע פון אַ ווייניק־באַקאַנטן שרייבער עקיבא פּישאַוו, אַ טראַגיקאָמעדיע פון אַלטער קאַציזנע „אין קריזיס", די באַרימטע דייטשע פּיעסע „קאַפּיטאַן קעפּעניק" (יידיש, אהרן מאַרק), און אויך „סאַווינקאָוו" פון י. י. זינגער א. אַ. אין דער טרופּע זענען געווען: פאַניע ווינטער, שמחה ראָזען, יעקב מאַנדעלבליט, פּעפּי אוריך, י. ל. קאַסווינער (אַ טאַלענטפולער שפּילער פון דעם סטאַניסלאַ־ווער גאָלדפאַדען־קרייז), ש. בליאַכער, און אַנדערע, וואָס זענען אויסגע־וואַקסן אין ווילנע אַרום די דאָרטיקע יידישע טעאַטערס.

דער ווילנער פאָלקס־טעאַטער איז, אַגב, געווען פאַרבונדן מיטן נאָ־מען נחום ליפּאָווסקי, אַ מערקווירדיקער טיפּ, אַ מענטש מיט אַ זעלטענעם זכרון, אַ ווילדער קאָפּ, וואָס האָט אויפגעהיט אין זיך עפּעס משונהדיקע טראַדיציעס און שוואַכקייטן, — איינע פון זיי — יידיש טעאַטער.

אין יענער צייט האָט אינעם וואַרשעווער „סקאַלאַ"־טעאַטער אויף דזשעלנאַ (ביי דזשיקע־גאַס, וואָס האָט דערנאָך באַקומען דעם נאָמען זאַמענהאָף, אויפן נאָמען פון דעם באַרימטן אויגן־דאָקטאָר, דער דערפינדער פון עספּעראַנטאָ) געשפּילט אַ יידיש פאָלקס־טעאַטער, וואָס האָט געגעבן מע־לאָדראַמאַטישע זאַכן אונטער דער אָנפירונג פון מאָריס לאַמפּע און ר. שושנה. אייז צייט איז געגאַנגען מיט אַ באַזונדערן דערפאָלג און עס האָט שטאַרק פאַראינטריגירט אַ פּיעסע פון אורקע נאַכאַלניק (יצחק פאַר־באַראָוויטש) מיטן נאָמען „דין תורה", אָדער ווי עס איז ספּעציעל אויס־געלייגט געוואָרן אויף יידיש: „דין טוירע".

וועגן אַט דעם אורקע נאַכאַלניק איז דאָ אַ סך וואָס צו דערציילן. איך האָב עס אַמאָל געטון גאַנץ־אויספירלעך (אין דער „יידישער קולטור"

נ׳ 2 פון 1946) אין א לענגערן ארטיקל, ווי איך האב זיך געטיילט מיט מיינע זכרונות וועגן אט דעם שרייבער, וואס איז געווען אין זיינע יונגע יארן א גנב און איז געזעסן פאר זיינע גנבות עטלעכע יאר אין די פוילישע תפיסות. די גאנצע אויסטערלישע געשיכטע פון דעם יידישן בחור פון לאמזשע, וואס איז אין די יונגע יארן פארוואנדלט געווארן אין א פאר־ברעכער, דערנאך געזעסן אין שווערע תפיסות און אין לויף פון יארן איז ער ווי ווידעראויפגעלעבט געווארן און געווארן א דערפאלגרייכער שריי־בער און א מיטגליד פון דער יידישער שרייבער־משפחה אין יידישן פוילן — איז א זייער פיקאנטע, סענסאציאנעלע, און זי איז כאראקטעריס־טיש פאר דעם יידישן פוילן מיט זיין ליכט און שאטן.

עס איז געווען אינטערעסאנט, ווי די ווארשעווער יידישע אונטער־וועלט האט רעאגירט אויף דער פארשטעלונג און ווי זי האט לכתחילה זיך אפגערעכנט מיט זייער א „קאלעגע”, וואס איז געגאנגען אויפדעקן זייער לעבן און לשון. מען האט ארויסגעגנבעט פונעם טעאטער די דע־קאראציעס און קאסטיומען, כדי איבערצורייסן די אויפפירונג פון דער פיעסע. דערנאך האבן זיי אלץ צוריקגעקערט, ווען אורקע נאכאלניק איז געקומען ספּעציעל פון ווילנע און גוטברודעריש געווירקט אויף דער חברה, מען זאל לאזן ווייטער אנגיין מיט דער פיעסע. די אלע געגנבעטע זאכן זענען צוריקגעבראכט געווארן, און ושלום על ישראל, די דראמע איז ווידער געשפילט געווארן מיט גרויס דערפאלג.

מען האט אויך געפרוווט שפילן יידיש טעאטער אין אנדערע טיילן פון דער שטאט ווארשע. אויף סמאטשע גאס איז געווען א טעאטער מיטן נאמען „עלדאראדא”, ווו מען האט איין צייט געשפילט א פיעסע „צוריק פון ארגענטינע”, „אין גארטן פון ליבע” און אנדערע מעלאדראמעס און פיעסעס פון א לייכטן זשאנר. דארטן האט דינה האלפערן אנגעהויבן צו שפילן גרעסערע ראלן און איז שנעל געשטיגן ווי א יונגע טאלענטפולע ארטיסטין. עס האט זיך באוויזן מאקס באזשיק, וואס האט אימפאנירט מיט זיינע יידישלעכע געשטאלטן, מיט דער צייט איז ער ארויסגערוקט געווארן פאר א גאר פיינעם כאראקטער־שוישפילער. ביידע זענען איצט אין אמעריקע, און, ליידער, האבן זיי נישט די מעגלעכקייט צו פארנעמען אין א גוטן ערנסטן יידישן טעאטער די פאסיקע ערטער, וואס זיי פאר־דינען . . .

נאָך גראַנאַכן איז געקומען נאָך אַ דייטש־יידישער שוישפּילער — קורט קאַטש — מיט אַ פיינעם קינסטלערישן באַגאַזש מיט זיך און הינ־טער זיך אַ סטאַזש פון אַ דערפאָלגרייכן שוישפּילער. ווי מיט גראַנאַכן, אַזוי איז געשען אויך מיט קאַטשן: עס איז נישט געווען דער לייטישער יידישער קונסט־טעאַטער, וואָס זאָל איינגלידערן אַזאַ קינסטלערישן כוח אין זיינע רייען. באַין ברירה האָט קורט קאַטש לסוף אָרגאַניזירט אַ מיטלמעסיקע טרופּע און אין דעם „סקאַלאַ"־טעאַטער אויפגעפירט אַר־נאָלד צווייגס „סערזשאַנט גרישאַ", וואָס איז געגאַנגען אַ לענגערע צייט מיט קאַטשן אין דער הויפּט־ראָלע. דערנאָך האָט מען פאַרלאָזט ווארשע און געמאַכט ווי געוועגלעך די רייזע איבער דער פּראָווינץ. אין יאָר 1936 האָט קורט קאַטש געגעבן אינעם „יונג־טעאַטער" נ. ביכנערס „וואָיצעק" און לסוף ארומגעפאָרן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ מיט אַ צוויי פּאַרשוין־פּיעסע „דאָס קינד".

און ווידעראַמאָל איז געקומען קיין ווארשע, נאָך פיל וואַנדערונגען און אין אַ נייער איבערוואַנדלונג, די „ווילנער טרופּע". מען האָט מאַי 1935 געפּרוווט אויפשטעלן אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פאַר דער „וויל־נער טרופּע" און ווייטער פון אַ פּאָר זיצונגען איז עס נישט געגאַנגען. מיט דער הילף פון איינעם אַ טעאַטער־פריינט האָט מען באַוויזן אויפ־צופירן י. אַקסענפעלדס „רעקרוטן" (באַרבעט פאַר דער בינע — ליפּע רעזניק, רעזשי — יעקב ראָטבוים). עס איז קיין דערפאָלג נישט געווען: איז די טרופּע צעפאַלן געוואָרן, און די שוישפּילער זענען זיך צעפאָרן, און חסל סידור „ווילנער טרופּע" אין איר פּויליש־יידישער און ווארשע־ווער איבערוואַנדלונג. מ. מזאה און איניקע שוישפּילער, וואָס זענען גע־בליבן אין ווארשע, האָבן געפּרוווט זייער מזל אין אַנדערע טעאַטראַלע אַנסאַמבלען ביז עס איז אָנגעקומען די היטלער־מגפה און אומגעבראַכט דאָס פּויליש־יידישע לעבן און צוזאַמען מיט דעם — אויך די אַלע יידישע שוישפּילער, אויסער אַ פּאָר, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פונעם גיהינום.

אָבער לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג. מיר האַלטן איצט ביי די יאָרן 1935־1936, ווען עס האָט נאָך פּולסירט דאָס יידישע קולטור־לעבן אין פּוילן אויף אַלע געביטן און אויך אינעם יידישן טעאַטער.

עס איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם באַזוך פון מאָריס שוואַרץ, כדי צו זען וואָס פאַר אַ געבענטשטער באָדן און סאַר אַ וווּנדער־

לעבער טייערער עולם עס איז געווען אין דעם יידישן פוילן, וואס איז גלייך געווארן מיטגעריסן פון יעדן נייעם שווונג און אויפברויז. מאריס שווארץ איז נישט געקומען, ווי מען וואלט באדארפט דערווארטן, מיט זיין גאנצער אדער מיט א טייל פון זיין טרופע. ער איז געקומען אליין, אבער מיט גאר זיין אימפעט, ענערגיע און פארנעם. אוודאי וואלט ער געדארפט שפילן אין דעם גרויסן און לייטישן „נאוואשטי"־טעאטער אויף ביעלאנסקע גאס. אבער דארטן האט געשפילט דער „אראראט", און באין ברירה האט מען געמוזט ארגאניזירן זיינע אויפפירונגען אין דעם קאמינסקי־טעאטער, וואס ביי די שווערע אנטיסעמיטישע שטימונגען און ביי די כסדרדיקע אנטי־יידישע עקסצעסן, וואס האבן זיך געצויגן פון דער פוילישער אוניווערזיטעט־סביבה איבער די ארומיקע גאסן, איז עס אין יענער צייט געווען נישט גאר פאסיק פאר א יידיש טעאטער. האט מען טאקע אפגעשלאגן און אפגעראטן צו עפענען אין יענער טייל שטאט א יידיש טעאטער, וואס מען איז נישט זיכער דארטן מיטן לעבן. דערצו איז דער טעאטער געווען א שיין ביסל אפגעלאזט, דער הייץ־קעסל האט נישט געארבעט, די עלעקטריע־ליכט איז געווען געשעדיקט. האט מען געמוזט אריינלייגן גענוג געלט צו ברענגען אלץ אין ארדענונג. איך בין געווען דער בכבודיקער „ראטגעבער" פון מאריס שווארצן, ער האט זיך נישט גערירט אן מיר, בין איך געווען אן עדות פון אלדי טויזנט און איין שוועריקייטן, וואס מען האט באגעגנט אויף שריט און טריט.

עס האט גענומען א שיין ביסל צייט צונויפשטעלן דעם גרויסן טעאטער־אנסאמבל פאר דער אויפפירונג פון „יאשע קאלב". נאך פיל מי האט מען צונויפגעזאמלט וואס עס האט זיך געלאזט, און מ'איז צוגעטראטן פלייסיק און מיט ברען צו די פראבעס. מען האט געארבעט טאג און נאכט, און מיט גרויס אמביציע.

עס וואלט פארנומען צופיל ארט צו דערציילן וועגן די אלע שוועריקייטן, וואס עס זענען געווען אויפן וועג פון רעאליזירן די גרויסע אויפפירונג, אבער לסוף האט זיך עס געלוינט, ווייל עס איז ארויסגעקומען א פרעכטיקער ספעקטאקל, וואס האט געצויגן אין משך פון לאנגע וואכן א גרויסן עולם פון אלע שיכטן, ווי אויך א גרויסע צאל נישט־יידן.

מיר וועלן אויסרעכענען עטלעכע הויפט־ראלן, אין וועלכע אונדזערע באליבטע ווארשעווער ארטיסטן האבן זיך ספעציעל אויסגעצייכנט

אין „יאָשע קאַלב": אייזיק סאַמבערג — משה חסיד, משה ליפּמאַן — שכנא דיין, אַלעקס שטיין — ראַכמאַניוועקער רבי, דניאל שאַפּיראָ — מאָטיע גדול, אַביש קצב, הערש הארט — ישראל אביגדור, נאַטאַליע ליפּמאַן — גיטל די טיקערין, דיאַנאַ בלומענפעלד — סערעלע, ראַמאַ לערער — ראַכמאַניוועקער רביצין, יאָנאַס טורקאָוו — נחומטשע, אברהם מאָרעווסקי —חנא קברן, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש — צביה, אברהם קורץ — ביאַלע־גורער רבי, און נאָך און נאָך ראָלן, וואָס עס האָבן געשפּילט פעליע גאַרבאַזש, דינה שאַיעוויטש, יצחק אינוועננטאַזש, העלענע גאָטליב, שמחה ראָזען, משה גאַרבאַזש, ישעה ראַטשטיין, א. אַ.

נאָך דער פייערלעכער פּרעמיערע, נישט־אָפּגערעדטערהייט איז מען זיך צונויפגעקומען אויף אַן אייליקן צונויפטרעף, ס'זענען געקומען אַ פּאָר צענדליק שרייבער און שוישפּילער, טאַקע דעמזעלבן אָוונט אין דעם שיינעם יידישן „פּיקאַדילי"־רעסטאָראַן אויף ביעלאַנסקע, עס איז געווען דער ווילן און די נויטווענדיקייט אויסצודריקן די אַנטציקונגס־געפילן פאַר דער גלענצנדיקער פאָרשטעלונג פון שוואַרצן. עס זענען, ווי דער שטייגער, געהאַלטן געוואָרן אָפּשאַצונגס־רעדעס וועגן מאָרים שוואַרצן און וועגן דער אויפפירונג. עס האָבן גערעדט ד"ר יצחק שיפּער, י. מ. ניימאַן, א. מאָרעווסקי, נחמן מייזיל, יאָנאַס טורקאָוו, אהרן צייטלין, א. סאַמבערג, אלחנן צייטלין, מ. מזאה, וויינשטאָק (לעמבערג), ל. קאַהאַן.

נאָך „יאָשע קאַלב" האָט שוואַרץ געגעבן צוויי שלום־עליכם־פאָר־שטעלונגען: „טביה דער מילכיקער" און „שווער צו זיין אַ ייד", ווי אויך גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול". לסוף איז מאָרים שוואַרץ אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, און אַ „מאָרים שוואַרץ־אַנסאַמבל" האָט געשפּילט אַ גאַנץ יאָר איבער פּוילן „יאָשע קאַלב" און אויך „גאָט, מענטש און טייוול". די טרופּע האָט אויך באַוויזן מיט מאָרים שוואַרצן צו שפּילן „יוד זיס" (אין לאָדזש). סוף סעזאָן פון 1936 איז דער מאָרים שוואַרץ־אַנסאַמבל צעפאַלן געוואָרן.

און אַ זון גייט אונטער אינעם יידישן טעאַטער, און אַן אַנדער זון גייט ווידער אויף. עס האָט זיך באַוויזן אין וואַרשע זיגמונט טורקאָוו, נאָך זיין לענגערער רייזע איבער מרחקים, און מיט זיין ענערגיע און צווי־בער האָט ער פאָרמירט אַ דראַמאַטישן אַנסאַמבל אין דעם גרויסן „נאָ־וואָשטשי"־טעאַטער, וואָס איז שוין אינגאַנצן פאַריידישט געוואָרן מיטן

גוטן אָדער מיטן נישט־גוטן ווילן פון זיינע באַלעבאַטים — די יידיש־פּוילישע אַסימילאַטאָרן. אַזוי איז געווען אינעם אַמאָליקן פּוילן: ווי נאָר עס האָט זיך אַריינגעקליבן אַ יידיש טעאַטער אין אַ געביידע, איז די געביידע אַזוי פאַרייִדישט געוואָרן, אַז עס איז געוואָרן אויס צוצי־אָרט פאַר אַ פּוילישן טעאַטער. אַזאַ תהום איז געלעגן צווישן דער יידישער און פּוילישער קונסט־וועלט, שוישפּילער, טעאַטער־גייער!

זיגמונט טורקאָוו האָט אויפגעפירט חנא גאָטעספעלדס „מחותנים", אין וועלכן עס האָבן זיך, אויסער טורקאָוון גופא, ספּעציעל אויסגעצייכנט דינה האַלפּערן און מאַקס באָזשיק, ה. לייוויקס „שאָפ", שלום עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן" (אינסצעניזירט פון מארק ראַזומני), און לסוף ז. שניאורס „נח פּאַנדרע" (אינסצעניזירונג שלמה שיינבערג), ווו דער צענזאָר האָט געמאַכט די אָפּעראַציע און אַנשטאָט דעם פּאָגראָם האָט מען געמוזט אַריינפלעכטן כאָלערע... און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט נאָך אַ פּרווו אוועקצושטעלן אַ לייטישן יידישן טעאַטער.

און נאָך אַ גלענצנדיקער פּרווו, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ ברייטערער געזעלשאַפטלעכער אַקציע און ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט. דעם 27סטן פעברואַר איז געגעבן געוואָרן אין וואַרשע אינעם „נאָוואָשטשי"־טעאַטער די פּרעמיערע פון א.גאָלדפאַדענס „די כישופמאַכערין", באַאַרבעט דורך איציק מאַנגער, רעזשי יעקב ראָטבוים, מוזיק הענעך קאָן. עס איז געווען די פאָרשטעלונג פון דעם ניי־אָרגאַניזירטן „טעאַטער פאַר יוגנט", געגרינדעט לויט דער איניציאַטיוו פון קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, ביי דער מיטהילף פון אייניקע קולטור־טוער און קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. און ווידער אַמאָל האָבן זיך אין אָט דער אויפפירונג אַרויסגערוקט דינה האַלפּערין (אין דער ראָלע פון דער כישופמאַכערין), קלאַראַ סעגאַלאָוויטש (מירעלע), אין די דריי האָצמאַכס זענען אויפגעטראָטן מאַקס באָזשיק, ש. קוטנער, סעם בראַנעצקי.

עס איז געווען אַ גלענצנדיקע פאָרשטעלונג און עס איז געווען באַזונדערס מחיהדיק צו זיין אין טעאַטער און צוזען ווי הונדערטער און טויזנטער קינדער און יוגנט האָבן באַגייסטערט אויפגענומען די לעבעדיקע שפּילעוודיקע בילדער און סצענעס. און מוראַדיק אין אומהיימלעך ווערט, ווען דערמאַנט זיך, אַז אַ גרויסער טייל פון יענער יוגנט (די קינדער פון מיין ברודער אַריינגערעכנט) זענען דורך דער נאַצי־

שער בעסטיע, צוזאמען מיט א גרויסער טייל פון די שוישפילער, אומגע־בראכט געווארן אין פארשידענע אויסראט־ערטער.

די פארשטעלונג האט געצויגן טויזנטער יוגנט פון אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג. דערנאך איז זי געגעבן געווארן מיט גרויס דערפאלג אין דעם „סקאלא”־טעאטער. זי איז געגאנגען איבער הונדערט מאל.

נאך מיין אפפארן פון פוילן, סוף 1937, האט דער „טעאטער פאר יוגנט” צוגעגרייט נאך גלענצנדיקע אויפפירונגען. מיר איז שוין נישט באשערט געווען צו זען זיי.

און אויב אין איין ארט האט געהערשט יום־טוב און דערהויבנקייט, איז געווען טרויער אין א צווייטן ארט. א צוויי וואכן פאר פארענדיקן דעם סעזאן, האט די „יונגע בינע” (געוועזענער „יונג־טעאטער”) געמוזט בלור־צים איבעררייסן די פארשטעלונגען (מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי”), וואס איז געשטעלט געווארן לויט גראנאוווסקיס אויפפירונג אין מאסקווער יידישן מלוכה־טעאטער. דאס טעאטער איז עקסמיטירט געווארן פון זיין לאקאל (דלוגע 19), ווו מען האט עטלעכע יאר טריי און ערנסט געפראוועט טעאטער־עבודה. לסוף איז דער קאלעקטיוו פונאנדערלאזט געווארן דורך דער מאכט, אזוי ארום האט די שווערע לאפע פון דער רעאקציאנערער פוילישער מאכט א סוף געמאכט צו א פרעכטיקער טעא־טער־ארבעט, וואס האט זיך געצויגן עטלעכע שאפערישע יארן!

אט אזוי האט אויסגעזען דאס יידישע טעאטער די לעצטע פאר יאר פארן אנקום פון די היטלעריסטישע טייוולאנים און פארן אומקום פון דעם גרויסן יידישן ישוב אין פוילן!

חבל על דאבדין!

א שאד, א ווייטיק אויף דעם אלעמען וואס איז אוועק אויף אייביק!

27

דער אַלוועלטלעכער ייוואָ-צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע

לאָמיר אויך דערציילן וועגן דעם אַלוועלטלעכן ייוואָ־צוזאַמענפאָר וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילנע אויגוסט 1935. אַט דער ייוואָ־צוזאַמענפאָר איז געווען פון אזא קולטור־געזעלשאַפטלעכן באַטייט, אַז עס לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף אים לענגער און בפרט אַז אין אים האָט זיך זייער בולט אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּוילן מיט זיינע פאַרמעסטן און מיט זיינע ליכט־און שאָטן. מיר וועלן זיך דערלויבן אויך צו דערציילן אייניקע פּרטים, וואָס זענען ווייניק באַקאַנט געווען דער ברייטער עפנטלעכקייט. אין אַ בוך וועגן דעם יידישן לעבן אין פּוילן, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, דאַרף מען נישט אויסן לאָזן אַט די פּרטים.

דער ייוואָ־צוזאַמענפאָר איז גערופן געוואָרן אויף די טעג 14־19 אויגוסט 1935.

די ערשטע ייוואָ־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1929. נאָך אַן איבעררייס פון אַ זעקס יאָר און נאָך דעם ווי דער ייוואָ האָט אין יענע יאָרן באַוויזן אויסצווואַקסן אין אַ וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע, איז נויטיק געווען אויסצוהערן באַריכטן וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט און אָנמערקן פּלענער פאַר ווייטערדיקער טעטיקייט. עס זענען גערופן געוואָרן צום צוזאַמענפאָר, אויסער די מיטגלידער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג און פון די סעקציעס, אויך די פאַרשטייער פון די געזעלשאַפטן „פריינד פון ייוואָ", וואָס זענען אָרגאַניזירט געווען אין פּוילן און אין פיל אַנדערע לענדער. אויסער די דירעקטע באַריכטן, רעפעראַטן און דיסקוסיעס אַרום די ייוואָ־טעטיקייטן, איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם יידישן פּען־קלוב אין וואַרשע צו אָרגאַניזירן דעם „טאָג פון דער יידישער ליטעראַטור". מען האָט זיך לאַנג געגרייט צום צוזאַמענפאָר, וואָס האָט באַדאַרפט, לויט דעם ווונטש פון די אָרגאַניזאַטאָרן, זיין מער ווי אַ ייוואָ־צוזאַמענפאָר, נאָר טאַקע אַן אַלגעמיינער יידישער קול־

טור־צוזאַמענפאָר. וואָכן פאַר דעם טערמין, וואָס דער צוזאַמענפאָר איז גערופן געוואָרן, האָט מען זיך געקווענקלט, צי עס איז די פּאַסיקע צייט פאַר אַן אַלוועלטלעכן צונויפקום.

עס איז איבעריק צו דערווייזן, אויף ווי ווייט נויטיק עס איז גע־ווען אַ מאַניפעסטאַציע פון דעם יידישן קולטור־שאַפערישן כוח אין פּוילן, ווי עס זענען אָנגעגאַנגען כסדרדיקע רדיפות און אָנפאַלן אויף יידן, אויף דעם יידישן מענטש און אויף יידישן האָב און גאָב. דער ייוואָ אין זיין פּוילישן פּעריאָד, אין זיין מאַסן־כאַראַקטער, איז געווען באמת אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, ער האָט זיך געשטיצט אויף די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, ער איז פון זיי אַרויסגעוואַקסן און זיי געדינט. ער האָט באַוויזן אַרומצורינגלען זיך אין דעם יידישן פּוילן נישט נאָר מיט וויסנשאַפטלער און טוער, נאָר אויך מיט הונדערטער פאָלקסמענטשן, קאָרעספּאָנדענטן און שטיצער, וועלכע האָבן געזאַמלט געלט און מאַטעריאַלן מיט אַ זעל־טענעם אייפער און טרייקייט. אין משך פון אַ קורצער צייט איז דער ייוואָ אין ווילנע אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער קולטור־וויסנשאַפטלעכער אינס־טיטוציע מיט גרויסע מעגלעכקייטן און אויסזיכטן פאַר ווייטערדיקער אַרבעט.

מיר האָבן פריער אינעם קאַפּיטל 20 „עס ווערט געשאַפן דער ייוואָ" דערציילט וועגן די חבלי־לידה פון אָט דער ספּעציפיש־יידישער אינסטי־טוציע, וואָס איז געגאַנגען אויף אַן איינגאַרטיקן וועג פון וווּקס און אַנט־וויקלונג. עס איז זיכער די איניציאַטאָרן פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז עס וועט זיך איינגעבן אין אַ קור־צער צייט אויפצושטעלן אַזאַ וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע מיט אַזאַ רייכער פאַרשידנאַרטיקער טעטיקייט און מיט אַזעלכע רייכע זאַמלונגען פון פאָרשעריש־וויסנשאַפטלעכן באַטייט, מיט אַזויפיל פאָלקס־פריינד אין די מערסטע יידישע ישובים.

איך האָב אין אַן אַרטיקל „פאַר אַ נייעם שטאַרקן אָנגריף" — צו דער דערעפענונג פון דעם ייוואָ־צוזאַמענפאָר געשריבן צווישן אַנדערן :

„אויב דער ביז־איצטיקער פּעריאָד אין לעבן און אַנטוויק־לונג פון דעם ייוואָ איז געווען בעיקר געווידמעט דער גרויסער זאַמל־אַרבעט — זאַמל פון מאַטעריאַלן און זאַמל פון לעבעדיקע

סימפּאַטיזיר־ און הילף־כוחות, — דאַרף די וויטערדיקע אַרבעט פון דעם ייוואָ זיין — מאַניפעסטירן די־אָ כוחות און פאַרעפנטלעכן די אַלע אָנגעזאַמלטע פאָלקס־אוצרות. עס דאַרף איצט קומען דער צוריקגאַנג פון דעם ייוואָ צו די פאָלקס־מאַסן, פּונקט ווי ביז אַהער איז געווען אין דער טעטיקייט פונעם ייוואָ דער גאַנג פון די פאָלקס־מאַסן צו דעם ייוואָ". און ווייטער: „נישט סתם זאַמלען צוליב זאַמלען, נישט באַלזאַמירן, אַרכיווירן לעבעדיקע שאַפערישע פאָלקס־אוצרות, נאָר פּובליקירן זיי, פאַרעפנטלעכן זיי, מאַכן זיי פאַר לעבעדיקע ווערטן אינעם יידישן לעבן, — דאָס איז דער געבאָט פון דער איצטיקער שעה..."

עס איז נישט נויטיק מאַריך צו זיין וועגן אָט דער פאָדערונג און פאַרלאַנג, אַז דער ייוואָ זאָל אויפהערן צו זיין בלויז אַן אַרכיוו־אינסטיטוט, נאָר ער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מער־לעבעדיקער און אַקטיווער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. אין משך פון די עטלעכע יאָר האָבן זיך גענומען אויסבילדן אין דעם ייוואָ צוויי ריכטונגען — איינע אַ קאָנסערוואַטיווע, וואָס האָט געלייגט דעם טראָפ אויף אַרכיוואַלישער טעטיקייט, וואָס איז אייגנטלעך דער לייכטסטער וועג און מען קאָן זיך לעבן אָפּגעריסן און אָפּגעזונדערט פונעם אַרומיקן רוישיקן לעבן, און אַ צווייטע ריכטונג — וואָס האָט פאַרלאַנגט זיין נעענטער און אין קאָנטאַקט מיטן לעבן. אָט די צוויי באַזונדערע ריכטונגען האָבן זיך בולט אַרויסגעוויזן ביי פאַרשידענע פראַגן אויפן ייוואָ־צונויפפאָר און מער פון אַלץ בעת דער פראַגע, מען זאָל דערלויבן איבערלייענען די מעלדונג, דעם מעמאָראַנדום פון דער גרופּע שרייבער און טוער וועגן דער נויטיקייט צו שאַפן דעם קולטור־פראָנט כדי צו באַקעמפן דעם דראָענדיקן פאַשיזם.

עס איז אינטערעסאַנט אויך צו ברענגען אַ פּאָר שורות פון פּראָפ' ש. דובנאָווס רעדע אויף דער דערעפענונג־זיצונג :

„עס וועלן זיך געווים געפינען מענטשן — האָט ער געזאָגט — וואָס וועלן זיך וווּנדערן, ווי אַזוי רופט מען דאָס צונויף אַ קאָנפערענץ פאַר וויסנשאַפטלעכע ענינים אין אַ צייט פון גרעסטן עקאָנאָמישן חורבן פאַרן יידישן פאָלק, ערב דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס דאַרף באַטראַכטן די פּראַגע ווי צו ראַטעווען ווייניקסטנס

פופציק טויזנט מענטשן א יאָר אין אונדזער אַלט־היסטאָריש לאַנד, און ערב אַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל צוגרייטן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס צו באַטראַכטן די נאָך־שווערערע פראַגע ווי צו ראַטעווען מיליאָנען מענטשן דאָ אויף די ערטער". „אָבער, מיינע פריינד, וועט איר זיך אָפּזאָגן פון נאַטור־וויסנשאַפט אין אַ צייט פון גרויסע ערד־ציטערנישן? עס זענען אויך דאָ אין דער געשיכטע גייסט־ציטערנישן, מאַסן־פּסיכאָזן, צייטווייליקע פאַרווילדערונג פון גאַנצע פעלקער־שיכטן, און זיי געהערן אויך צום געביט פון וויסנשאַפט־לעכער פאָרשונג. אין דעם גאַנג פון דער היסטאָרישער עוואָלוציע רייסן זיך אַריין נישט אַליין רעוואָלוציעס, וואָס פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס שטעלן אים אָפּ און שאַפן אַ רעגרעס צוריק, צו די פינצטערע צייטן."

אויף דער אויסטערלישער צייט, ווען דער ייוואָ־צוזאַמענפאָר איז צונויפגערופן געוואָרן, שטעלט זיך אָפּ אויך ד"ר ח. זשיטלאָווסקי אין זיין שריפטלעכער באַגריסונג, וווּ ער שרייבט צווישן אַנדערן:

„איך קען גאַנץ גוט די פינצטערע רעאַקציאָנערע צייט, אין וועלכער מיר לעבן, אַ צייט, ווען די חשיבות פון אַ פאָלק האָט מען ווידער אויפגעהערט צו שאַצן לויט זיינע דערגרייכונגען אויף די פעלדער פון דער גייסטיקער קולטור. די גרויסע חשיבות פון אַ פאָלק הויבט מען ווידער אָן צו דערבליקן אין קאָנען פּראָדוצירן וואָס־מער כלי־משחית אויף צו טויטן מער מענטשן און אויף אַריינ־צוכאַפּן וואָס־בעסערע „פּלעצער אונטער דער זון", דאָס הייסט וואָס מעכטיקערע פּאָזיציעס אויפן וועלט־מאַרק... אונדזער קאַמף פאַר פּלאַץ אונטער דער זון קאָן זיין נאָר אַ וועט־לויף פאַר אַ חשובן פּלאַץ אונטער דער זון פון דעם אַלמענטשלעכן גייסטיקן פּראָגרעס. דאָס איז אַ כשרער וועט־לויף, ווייל אונטער דער זון זענען פאַראַן חשובע פּלעצער פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, און קיינער קאָן קיינעמס פּלאַץ נישט פאַרנעמען". (ליט. בלעטער" נ' 33־588 פונעם 16־טן אויגוסט 1935).

איידער מיר גייען איבער צו דערציילן וועגן דעם ייוואָ־צוזאַמענ־

פאַר און זיין פאַרנעם, לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע און אי־בערגעבן וועגן איינעם אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער די קוליסן פון דעם ייוואָ־צונויפפאָר און וואָס האָט אַרויסגערופן שטאַרקע חילוקי־דעות און ווידעראַנאַנדן ביי די אָנפירער פונעם ייוואָ. דעם טאָג ערב דעם צוזאַמענפאָר, ווען עס האָבן געהאַלטן אין איין שטראָמען דע־לעגאַטן און געסט פון גאָר דער וועלט, איז אין איינעם פון די ייוואָ־צימערן אויף וויוואָלסקי גאַס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פונעם ייוואָ. עס האָבן זיך באַטייליקט אין דער זיצונג: נ. אייזנער (ניו־יאָרק), י. גיטערמאַן, ש. ווינטער, א. זיינפעלד, מ. וויינ־רייך, א. טשעריקאָווער, יעקב לעשצינסקי, יודל מאַרק, נחמן מייזיל, נח פּרילוצקי, נ. פיינערמאַן, ז. קלמנאָוויטש, ב. קלעצקין, ז. רייזען, ד״ר י. שאַצקי (ניו־יאָרק). עס איז אויסגעהערט געוואָרן אַ גענויער באַריכט פון דער אויספיר־ביוראָ און פון די סעקציעס און עס איז באַשטעטיקט גע־וואָרן, מיט אייניקע ענדערונגען, דער סדר־היום פון דעם וועלט־צוזאַמענ־פאָר, ווי ער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן און צוגעשטעלט געוואָרן דורכן אויספיר־ביוראָ. אַלץ איז געווען גוט און פיין. אָבער ביי איין פראַגע האָבן זיך איפגעהויבן הייסע און שאַרפע דעבאַטן — די פראַגע וועגן דערמאָנען ביי דער דערעפענונג פון דעם צוזאַמענפאָר דעם נאָמען פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, וועלכער איז געשטאָרבן אין מאַי חודש, מיט אַ דריי חדשים צוריק, און פאַרלייגן דעם עולם צו באַערן זיין אָנדענק מיט אויפשטיין . . .

מען האָט געדאַרפט זיין אין יענער צייט אין פּוילן און פילן די אַלע אָנפאַלן, דערנידערונגען און אַנטי־יידישע אַרויסטריטן און פּאָגראָ־מען, וואָס זענען אַזוי גערן און אַזוי ווייליק אָרגאַניזירט און גוטגעהייסן געוואָרן דורך דער פּילסודסקי־רעגירונג, צו פאַרשטיין וואָס עס הייסט געמיינט אַזאַ פאָרשלאָג — צו באַערן דעם אָנדענק פון יוזעף פּילסודסקי מיט אויפשטיין, ווען אין זאַל וואָלטן פיל פון די ראַדיקאַלע עלעמענטן געבליבן זיצן אויף די ערטער. מיר, אייניקע מיטגלידער, האָבן אָנגעוויזן, אַז עס איז אַ געפערלעכער ענין און עס קאָן ברענגען צו אַרעסטן פון אַ צאָל באַטייליקטע אינעם ייוואָ־צונויפפאָר דורך דער פּאָליציי, וואָס וועט זיכער אכטונג געבן און זיך באַנוצן מיט דער געלעגנהייט. אָבער אייניקע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן געהאַלטן אין איין וואָרענען, אַז

מיר שטעלן דעם ייווא אין געפאר א. א. וו. מען האט זיך לאנג געאמפּערט און די פראגע איז געבליבן אפן ביזן אוונט, איידער מען וועט עפענען די פייערלעכע זיצונג.

די פייערלעכע זיצונג איז פארגעקומען אין גרויסן יידישן פאלקס־טעאטער אויף לודוויסארסקע גאס, וואס האט אריינגענומען איבער 1500 מענטשן. פארנאכט איז דער טעאטער געווען פול געפאקט, און דער באַגייסטערטער עולם האט געווארט מיט אומגעדולד אויף דער דערעפענונג, אויף וועלכער עס האבן באדארפט ארויסטרעטן ש. דובנאוו, מארק שאגאל און די הויפּט־באגריסער. דערווייל, הינטער די קוליסן פונעם טעאטער, אונטן, דארטן וווּ עס געפינען זיך די גארדעראבעס פון די ארטיסטן, האבן מיר פארגעזעצט די זיצונג פון דער הויפּט־פארוואלטונג און אלץ וועגן דער פראגע — צי זאל מען דערמאנען יוזעף פּילסודסקי ביים אויסרעכענען דעם צעטל פון די פארשטארבענע און דערביי פארלייגן דעם עולם באערן מיט אויפשטיין... די פירנדיקע ראדיקאלע מיטגלידער פון ייווא, וואס זענען געקומען צום צוזאמענפאר, האבן געווארנט פאר דער געפאר ווען מען וועט עס פארלייגן און א גרויסער טייל פונעם זאל וועט בלייבן זיצן.. עס גייען אן די אמפערנישן, און דער עולם אין זאל ווייסט נישט, הלמאי מען הויבט אלץ נישט אן די פייערלעכע זיצונג, ווען דער זאל איז איבערגעפּאקט איבער אלע ברעגן.

עס געדענקט זיך גוט די געשפּאנטע שטימונג און די אויפרודערונג פון אונדז אלעמען. אינמיטן קומט צו פארן פון ווארשע ד״ר יצחק שיפּער, גלייך פון דער באן, און עס בלייבט אנפרעגן ביי אים, און אדרבא זאל ער דעצידירן. די אייניקע מיטגלידער פון דער פארוואלטונג זענען געווען זיכער, אז ד״ר י. שיפּער וועט שטימען מיט זיי.

אבער ווי גרויס איז געווען די איבערראשונג, ווען ד״ר יצחק שיפּער האט זיך ארויסגעזאגט קעגן דערמאנען און באערן פּילסודסקים טויט אויף דעם צוזאמענפאר. מיר האבן פרייער אפגעאטעמט. גלייך האט מען אויפגעהויבן דעם פארהאנג, און דער ייווא־צוזאמענפאר איז געעפנט געווארן. און דאס טשעקאווסטע איז געווען, וואס קיינער פון דער רעגירונג, פון דער בילדונגס־אפטיילונג, האט גאר נישט באוויליקט צו קומען, הגם מען האט זיי פייערלעך פארבעטן.

דער וועלט־צוזאמענפאָר פונעם ייוואָ איז געווען די העכסטע קול־טור־מאניפעסטאציע אין יענער צייט אינעם יידישן פוילן. פון אזא פאר־נעם און פון אזא רייכקייט פון געסט און פון אזא פארשידנארטיקייט פון דעם אינהאלט איז עס געווען באמת א וויכטיקע און היסטאָרישע דערשיינונג.

עס זענען געקומען צום וועלט־צוזאמענפאָר א 120 דעלעגאטן, — א 60 מיט א באשלים־רעכט און א 60 מיט בעראַט־רעכט, חוץ דעם זענען געקומען פון פוילן און פון אויסלאנד איבער 700 געסט, שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער. די דעלעגאטן זענען געווען פון פוילן, צפון־אַמעריקע, פראנקרייך, לעטלאנד, ליטע, רומעניע, ארגענטינע, ארץ־ישראל, מעקסיקע א. א. עס האָט געהערשט יום טוב אויף די אלע ווילנער גאסן, וואָס האָבן געפירט צו דעם ייוואָ־הויז, און דערנאָך צו די טעאטערן, ווו עס זענען פאָרגעקומען די זיצונגען און פארזאמלונגען. די יידישע ווילנע, די ירושלים דליטא, האָט אָנגענומען א יום־טובדיקן אויסזען. עס האָט זיך געפילט א קיבוץ־גליות אין דער אלטער אָרעמלעכער אָבער יידישלעכער ווילנע מיט אירע יידישע אויפשריפטן, מיט אירע יידישע געביידעס. און אויב א גאנצן טאָג ערב דער דערעפענונג האָט מען עולה רגל געווען צום ייוואָ־בנין, האָט מען פארנאכט געזען גרויסע שטראָמען מענטשן ציען זיך צום פאָלקס־טעאטער, ווו עס איז פאָרגעקו־מען די פייערלעכע דערעפענונג . . .

און אָט איז געקומען די גרויסע שעה פון דער דערעפענונג. דער גרויסער „ווילביג“־כאָר (ווילנער בילדונגס־געזעלשאפט) אונטער דער אָנ־פירונג פון א. סלעפ האָט אויפגעזונגען עטלעכע לידער. די גרויסע בינע איז דעקאָרירט געווען מיט גרינס. פון די ווענט האָבן אראָפגעקוקט די בילדער פון נחום שטיף (דער אייגנטלעכער גרינדער פונעם ייוואָ) און פון ד״ר צמח שאבאד. און אָט האָבן זיך דערהערט הילכיקע און פריי־דיקע אפלאָדיסמענטן און אויסרופן, — דער פרעזידיום פונעם ייוואָ אין דער שפיץ מיט די געסט — פראָפ׳ שמעון דובנאָוו און מארק שאגאל, און ארום זיי — די מיטגלידער פון דער הויפט־פארוואלטונג, אין וועלכער עס זענען פארטראָטן געווען חשובע שרייבער און טוער.

און אזוי, אין אזא געהויבענער און באגייסטערטער שטימונג, האָט

זיך געעפנט דער וועלט - צוזאַמענפאָר פונעם ייוואָ. אויף דער ערשט־טער זיצונג, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז איינס ביינאַכט, זענען אויפ־געטרעטן מיט רעדעס און באַגריסונגען זלמן רייזען, פּראָפ׳ ש. דובנאָוו, ד״ר מ. וויינרייך, ד״ר י. שאַצקי, י. באָטאָשאַנסקי, ד״ר י. שיפּער, נ. פיינערמאַן, ד״ר מ. סודאַרסקי, נח פּרילוצקי, מ. שאַגאַל און די פאָר־שטייער פון דער ליטווישער און ווייסרוסישער קולטור־וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן ד״ר אַנטאָנע וויסקאַנט און אַנטאָן לוצקעוויטש. פון דער פּוילישער קולטור־וועלט איז, ווי געזאָגט, קיינער נישט געקומען, הגם מען האָט זיי פאַרבעטן.

מיר וועלן דאָ נישט אויסדערציילן געני ווענן די אַלע זיצונגען,— די פּלענאַרע און ווענן די ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע זיצונגען פון די סעקציעס אַרום דעם ייוואָ, ווי אויך ווענן די אויספירלעכע דעבאַטן. דאָס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט . . .

פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער איז געווען דער „טאָג פון דער יידי־שער ליטעראַטור״, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן פּען־קלוב, צו וועלכן עס זענען געקומען איבער 800 מענטשן, די זיצונגען זענען פאָר־געקומען אינעם זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע. „דער טאָג״ האָט זיך געצויגן פון נאָכמיטאָג ביז צוועלף ביינאַכט.

אויף דער ערשטער זיצונג זענען אויסגעהערט געוואָרן פאָלגנדיקע רעפעראַטן: נח פּרילוצקי — די ראָלע פון דער ליטעראַטור אין קאַמף פאַר פרייהייט ביי פאַרשידענע פעלקער און ביי יידן; מ. וואַנווילד — יידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרם; ד״ר י. שאַצקי — יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע; משה שאַליט — ווענן דער פּען־באַוועגונג און די אויפ־גאַבן פונעם יידישן פּען־קלוב; נחמן מייזיל — 20 יאָר יידיש שאַפן און יידיש בוך; איציק מאַנגער — ווענן יידישער דיכטונג; לעאָ פינקעלשטיין — מעטאַפיזיק אין דער יידישער ליטעראַטור; זלמן רייזען — ווענן דער יידישער פּרעסע (אגב אין יאָר 1935 זענען דערשינען 75 טאָג־בלעטער אין יידיש); יעקב באָטאָשאַנסקי —די יידישע ליטעראַטור אין אַרגענטינע; ד״ר י. רובין — די יידישע ליטעראַטור אין ארץ ישראל; ד״ר מ. דיאַ־מאַנט — די יידישע פּען־גרופּע אין רומעניע; אַלטער קאַציזנע — די אויפ־גאַבן פון דעם יידישן שרייבער.

געוועז אמאָל א לעבן

ווי מיר זעען פון דער רשימה פון די רעדנער און די נעמען פון די רעפעראַטן, האָבן מיר געהאַט אין זיי אַ בילד פון דעם יידישן שאַפן אין גאָר דער וועלט. דאָס איז געוועזן אַלץ וועגן דעם יידישן שאַפן. אין אָוונט איז, ביי אַ פול־געפּאַקטן זאַל פון אַ 1.000 מאַן, פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דעם יידישן דיכטער און פּראָזאַאיקער. עס האָבן געלייענט זייערע ווערק, — לידער און פראַגמענטן פון דערציילונגען נחום באָמזע, מ. בורשטין, מ. גראָסמאַן, מ. גאָלדמאַן, בער האָראָוויץ, א. וואָגלער, רייזל זשיכלינסקי, ד. טשאַרני, א. מאַנגער, א. מאָרעווסקי, ל. מלאך, ק. שמער־קע. עס האָבן נאָך געזאָלט לייענען זייערע שאַפונגען: ש. י. אימבער, מ. חסיד, א. קאַציזנע, י. ראַבאַן, י. ראָזנבוים, ס. ראַוויצקי, א. שולמאַן, י. שאַרגעל. אָבער עס איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, וועלכער האָט זיך פאַרצויגן גאַנץ לאַנג, און נאָך פיל אַמפּערנישן און וועלן איינשטילן דעם עולם — האָט מען דעם אָוונט געמוזט איבעררייסן. די מעשה איז אַזוי געווען: יהושע פּערלע, דער טאַלענטפולער דערציילער, האָט אָנגעהויבן לייענען אַ פראַגמענט פון זיינער אַ דערציילונג, און אַ טייל יוגנט האָט גענומען שרייען: „אַראָפּ פון דער בינע, שונד־שרייבער!" י. פּערלע האָט עטלעכע יאָר אונטערן פּסעוודאָנים פון „דריי שטערנדלעך" (***) פאַרעפנט־לעכט „שפּאַנענדיקע" ראָמאַנען אין דעם „מאָמענט". דאָס האָט געגעבן דעם שטויס דער יונגער אוידיטאָריע צו טומלען, בעת י. פּערלע האָט אָנגע־הויבן צו לייענען. ז. רייזען און אַנדערע האָבן געפּרוווט באַרואיקן די אוי־דיטאָריע, מען האָט אַפּעלירט און געוואָרנט, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ווי עס האָט געווירקט אויף יהושע פּערלע איז איבעריק צו רעדן. ער איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש, און ער האָט טאַקע אויפגעהערט זינט דאַן צו שרייבן זיינע ראָמאַנען. ער האָט דערפאַר קאָמפּענסירט אינגיכן מיט זיינע טאַלענטפולע ווערק „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" און די וויטערדיקע טיילן פון אָט דעם פּרעכטיקן אויטאָביאָגראַפישן ווערק — „די גאָלדענע פּאַווע" — ווערק אין וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט שטיקער יידיש לעבן און אמתע יידיש־פּוילישע פאָלק־געשטאַלטן, געמאָלן דורך זיין געבענטשטער צאַרטער פעדער. יהושע פּערלע האָט אַ צייט לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן אָט דעם אינצידענט פון דעם ווילנער יידישן עולם, און ער האָט אים אפילו אָפּגעגעבן דעם פולן גערעכט . . .

די עטלעכע טעג פון דעם וועלט־צוזאַמענפאָר האָט די יידישע ווילנע

ארויסגעבראַכט פאַר די דעלעגאַטן און געסט אירע אויפטועןן און פאַר־מעסטן אויפן געביט פונעם שול־וועזן און קולטור־שאַפן. דער צ.ב.ק. (דער צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט), וואָס אונטער זיין אויפזיכט האָט זיך געפונען דאָס פּראַקטיקע שול־וועזן אין ווילנע און אומגעגנט, האָט שבת אין דער פרי דעם 17־טן אויגוסט, איינגעאָרדנט אין גרויסן ווילנער פאָלקס־טעאַטער אַ גרויסאַרטיקן פרימאָרגן אונטערן נאָמען: „די יידיש־וועלטלעכע שול צום אַלוועלטלעכן ייוואָ־צוזאַמענפאַר". עס איז אויפגעטראָטן דער גלענצנדער כאָר אונטער דער אָנפירונג פון דעם הארציקן י. גערשטיין, וואָס האָט עקזיסטירט ביי דער געזעלשאַפט „פריינד פון דער רעאַל־גימ־נאַזיע". עס איז אויפגעפירט געוואָרן „דאָס פאַרכישופטע שניידערל" דורך די שילער פון דער ל. גורעוויטש־שול; די שילער פון דער שלום־עליכם־שול האָבן געשפּילט סצענעס פון משה קולבאַקס „זעלמעניאַנער"; די יונ־געטשקע מ. בוזגאַן, שילערין פון דער רעאַל־גימנאַזיע, די טאָכטער פון די אַרטיסטן חבל בוזגאַן און רבקה שילער, האָט רעציטירט ש'עס „פונעם יאַריד"; דער בלאָז־אָרקעסטער פון מפיצי־השכלה־שול האָט געשפּילט פאַרשידענע מוזיקאַלישע ווערק און אַ פּאָפּורי פון פאָלקס־מאָטיוון און פון אַ. גאָלדפאַדענס „בר כוכבא", דורך די שילער פון דער פּרוג־שול זענען געגעבן געוואָרן אייניקע גימנאַסטיק־נומערן און דערצו — אַן אינסצעני־רונג פון פ. ראַווניצקים אַ משל.

דער פּראַקטיקער פרימאָרגן האָט איבערגעלאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק אויפן עולם פון איבער 1500 מאַן. עס איז געווען אַ גרויסאַרטיקע מאַניפעסטאַציע, אַ באַווייז, אַז דאָס יידישע שול וועזן אין ווילנע איז שטאַרק און קרעפטיק, נישט געקוקט אויף די אַלע שיקאַנעס מצד דער פּוילישער מאַכט, וואָס האָט באַמיט זיך אונטערצוגראָבן די יידיש־וועלט־לעכע שול. און עס איז אויך געווען אַ באַשטעטיקונג פון דער פּאָליטיק, וואָס דער צ. ב. ק. האָט געפירט אין ווילנע — צוצוציען צום יידישן שול־וועזן וואָס־מער פאָלקס־כוחות.

די דעלעגאַטן און געסט האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַ־קענען אין ווילנע מיט נאָך גלענצנדיקע יידיש־וועלטלעכע אינסטיטוציעס, ווי די קינדער־קאָלאָניע פונעם ווילנער „טאָז" אויפן נאָמען פון ד"ר צמח שאַבאַד. אויף אַ בערגיקן פּלאַץ אין אַ פּראַכטיקער געגנט האָבן זיך געפו־נען גרויסע און גרוימע בנינים, ווו עס האָבן געפונען אַן אָפּרו אַ 600

 יידישע קינדער יעדן זומער. מען איז ארומגעגאנגען פון איין פלאַץ צום צווייטן און באוואונדערט די ליבשאפט, מיט וועלכער עס ווערן ארומגע־רינגלט די קינדערלעך. עס האָט באַגלייט און געפירט די געסט דער ד״ר יעדוואבניק און הערץ מאַץ, — די טרייע טוער אין דער קאָלאָניע.

מען האָט באַזוכט קאָלעקטיוו און באַזונדער די באַרימטע סטראַשון־ביבליאָטעק, ווו דער למדן־וואָוואניק חייקל לונסקי האָט געוויזן די זעלטענע אַנטיקן פון דער ביבליאָטעק.

אין יענער צייט האָט אין ווילנע געשפּילט אַ יידיש טעאַטער, אונ־טער דער אָנפירונג פון דעם שוישפּילער און רעזשיסער אַלעקס שטיין, וועלכער האָט געגעבן נייע נישט־געשפּילטע פּיעסעס ווי י. י. זינגערס „באַרים סאַווינקאָוו״, מ. אַלסבערגס „אויספאָרשונג״, „דער כינעזער״ און אַ פּיעסע „דער ליגן״ פונעם לעטישן דראַמאַטורג וואַלף.

דער יידישער מוזיקאַלישער אינסטיטוט אין ווילנע, וואָס האָט געהאַט אויף זיין קרעדיט אין לויף פון אַ פּאָר יאָר די אויפפירונג פון עטלעכע פּאָפּולערע אָפּערעס, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין יידיש (צווישן אַנדערע „קאַרמען״). האָט אויפגעפירט לכבוד דעם ייוואָ־צוזאַ־מענפאָר די באַרימטע אָפּערע „האַלקאַ״ פון סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ (יידיש ל. סטאָצקי). דיריגירט האָט רפאל רובינשטיין, רעזשי פּראָפ׳ אַל. ווי־לינסקי, באַלעט אונטער דער לייטונג פון מ. סאָווינאַ־דאָלסקאַ. די הויפּט־ראָלע האָט פּרעכטיק געזונגען און געשפּילט פּאַלאַ קאַץ.

איך האָב געשריבן נאָכן וועלט־צוזאַמענפאָר פונעם ייוואָ („ליט. בלעטער״ נ. 35־590) :

„אויפן צוזאַמענפאָר און אַרום צוזאַמענפאָר איז פאַר אַלע־מען קלאָר געוועזן וואָס אַזוינס עס הייסט די אַלגעמיינע קולטור־סביבה. ווילנע, די יידישע ווילנע מיט אירע בילדונגס־אינסטיטו־ציעס, מיט איר לעבעדיקער יידישער יוגנט, מיט איר לעבעדיקער שפּראַך, איז געווען אַ גלענצנדער פאָן (הינטערגרונט) פאַר דעם וועלט־צוזאַמענפאָר. ס׳איז געווען אַ לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן דער יידישער שטאָט מיט דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַל. די אַלע פייערלעכע איינריכטונגען, וואָס זענען אין די טעג פונעם צוזאַמענפאָר פאָרגעקומען אין ווילנע, האָבן דערגאַנצט דעם קול־

טור־צוזאמענפאָר, צוגעגעבן אים קאָלאָריט, כאַראַקטער, פייער־לעבקייט".

און אויף מאָרגן נאָכן וועלט־צוזאמענפאָר איז פאָרגעקומען דינס־טיק דעם 20סטן אויגוסט אינעם ייוואָ־בנין זיצונגען פון דער אויסגעקלי־בענער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון ייוואָ: י. גיטערמאַן, ה. גילישינסקי, ד"ר מ. וויינרייך, ב. ווירגילי־כהן, א. טשעריקאָווער, יעקב לעשצינסקי, י. מאַרק, נ. מייזיל, נ. פּרילוצקי, נ. פיינערמאַן, ז. קלמנאָוויטש, ב. קלעצ־קין, ז. רייזען. עס זענען באַטראַכט געוואָרן אַ ריי פראַגן און עס איז אינפאָרמירט געוואָרן וועגן די ווייטערדיקע פּלענער פון אַרבעט.

לכבוד דער פּראָקלאַמירונג פונעם קונסט־מוזיי ביים ייוואָ איז אויך פאָרגעקומען אויפן נייַ־ צוגעבויטן שטאָק אינעם ייוואָ־בנין אַ פייער־לעכע דערעפענונג פון מאַרק שאַגאַלס גראַווירן. עס זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן 117 שאַגאַל־גראַווירן: פון דער סעריע „טויטע נפשות" פון גאָ־גאָל — 25, פון „מיין לעבן" — 35, פון לאַפאָנטענס משלים — 25, פון דער סעריע צייכענונגען צום תנ"ך — 32 גראַווירן. פּראָפ' ש. דובנאָוו האָט איבערגעשניטן דעם באַנד. עס זענען אויפגעטראָטן מיט באַגריי־סונגען אַ ריי שרייבער און קינסטלער.

און דאָנערשטיק דעם 22סטן אויגוסט האָבן מיר אָרגאַניזירט אין וואַרשע אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אויף וועלכער י. גיטערמאַן, נחמן מייזיל און נח פּרילוצקי האָבן אינפאָרמירט די פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער פּרעסע וועגן דעם וועלט־צוזאמענפאָר פונעם ייוואָ, וועגן די וויכטיקסטע מאָמענטן פון דעם אַלוועלטלעכן צונויפקום און וועגן די רעזאָלוציעס, וואָס זענען דאָרטן אָנגענומען געוואָרן.

דאָס איז אין קורצן געווען דער וועלט־צונויפפאָר פונעם ייוואָ, און דאָס איז געווען די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין און אַרום צוזאַ־מענפאָר.

עס ווילט זיך נאָר צוגעבן, אַז גראָד זענען יענע אויגוסט־טעג געווען מוראדיק הייסע. און עס איז געווען די מורא, אַז די היץ זאָל נישט געבן די מעגלעכקייט דעם זייטיקן עולם צו קומען און בייזיין אויף די וויסנ־שאַפטלעכע זיצונגען. אָבער מערקווירדיק, ווי די אַלע טעג, בייטאָג און אין די אָוונטן, איז אויסער די דעלעגאַטן און געקומענע געסט געקומען

כסדר א גרויסער עולם פון דער ווילנער יידישער יוגנט, וואָס איז שפּאַצירט שעהענ־
ווייז געזעסן און צוגעגעבן יום־טובדיקייט מיט איר בייזיין און מיט באַ־
גייסטערטן אויפנעמען די רעדעס און די הייסע דעבאַטן.

דאָס איז מעגלעך געווען בלויז אין דער יידישער ווילנע!

28

דער יידישער קולטור - פראָנט

עס זענען אריבער די „זיבן גוטע יאָר", עס האָבן זיך נישט איינ־
געגעבן אין פיל לענדער די פּאַרשידענע פּרוּוון פון דער דעמאָקראַטיע צו
באַהערשן די לאַגע, איינצושטעלן פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן
די פרייהייט־ליבנדיקע עלעמענטן אין יעדן לאַנד און צווישן לענדער. דער
פאַשיזם און נאַציזם, וואָס זייער מקור איז געווען איטאַליע און דייטש־
לאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבער די גרענעצן און פאַר־
כאַפּט אַלץ מערערע טעריטאָריעס, וואָס האָבן אָפן און האַלב־באַהאַלטן
אָנגעהויבן זיך פאַרבינדן מיט די פאַשיסטן און נאַציסטן און זיך גענו־
מען איינצושטעלן פאַשיסטישע רעזשימען און אָרדענונגען אויך אין זייערע
לענדער. ליטע, לעטלאַנד, פּוילן, רומעניע זענען געגאַנגען מיט שנעלע טריט
צו פאַשיזם און נאַציזם. אין די אוניווערזיטעטן אין לעמבערג, אין וואַרשע,
אין ווילנע, אויך אין אַנדערע שטעט האָבן זיך געמערט אַנטי־יידישע עקס־
צעסן, יידן־סטודענטן זענען געשלאָגן געוואָרן פון זייערע „קאָלעגן" די
פּויליש־רעאַקציאָנערע סטודענטן. אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך
זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, אָנגעהויבן מיט די
יידישע סטראַגאַנעס (הילצערנע פאַרקויף־פּלעצער) ביז פּאָגראָמען אין די
הייזער. די פּוילישע פּאָליציי איז נישט נאָר געווען גלייכגילטיק און ניי־
טראַל צו די אַנטי־יידישע עקסצעסן, נאָר אין פיל ערטער האָט זי אָרגאַני־
זירט אָדער מיטגעהאָלפן שלאָגן און אָנשרעקן יידן. ביי יידישע געשעפטן
אין מער־קריסטלעכע געגנטן איז געשטאַנען פּוילישע שטודירנדיקע יוגנט
און נישט געלאָזט קיין פּוילישע קויפער אַריין אין די יידישע געשעפטן.

הכלל, יידן און יידיש האָב און גאָב איז געוואָרן הפקר און „לית דין ולית דיין"! די איינצעלנע שוואַכע רופן פון די ליכטיקע גייסטער אין דער וועלט און אין פּוילן זענען פאַרשריגן געוואָרן פון יידן־פיינטלעכע און יידן־העצערישע כאָרן. אין יענער צייט פון דעם העפטיקן געראַנגל צווישן די ליכטיקע און פינצטערע כוחות אין דער וועלט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון דעם פאָלקס־פראָנט, וואָס האָט געדאַרפט אויפזאַמלען די אַנטי־פאַשיסטישע כוחות אין דער וועלט, כדי צו געבן א ווידערשטאַנד דעם פאַשיזם און נאַציזם, וועלכער האָט אָנגענומען אַליץ־חוצפּהדיקערע פאָר־מען. אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, אין אַנדערע לענדער איז ברייט פּראָקלאַ־מירט געוואָרן אָט דער גרויסער פאָלקס־פראָנט, וואָס האָט באַוויזן אריינ־ציען אין זיינע רייען גרויסע מאַסן־כוחות, און ווער ווייסט, ווי ווייט די השפעה פון אָט דעם פאָלקס־פראָנט וואָלט געקאָנט גיין, ווען נישט די קעגנער, וואָס זענען אויפגעקומען דאָ און דאָרטן, וואָס האָבן איינגעזעצן אין דעם א מין הינטער־כוונה פון די קאָמוניסטישע פירער. און גענומען אים באַקעמפן.

אין פאַרבינדונג מיט אָט דעם פאָלקס־פראָנט, וואָס איז זיך שטאַרק צעוואַקסן, איז אין די יידישע רייען אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער אויפגעקומען דער געדאַנק מכוח שאַפן אויף דער יידישער גאַס א יידישן קולטור־פראָנט, וואָס זיין אויפגאַבע זאָל זיין צו פאַראייניקן ארום זיך די וויכטיקסטע פּראָגרעסיווע כוחות.

זומער 1935 אויפן צוזאַמענפאָר פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָבן די איניציאַטאָרן פונעם יידישן קולטור־פראָנט אין פּוילן איבערגעגעבן דעם פּרעזידיום פונעם צוזאַמענפאָר א „ווענדונג", וואָס האָט געהאַט דעם נאָמען „צום שוץ פון דער קולטור אויף דער יידישער גאַס", מיט דער בקשה מ'זאָל עס דערלויבן איבערלייענען פון דער טריבונע פונעם ייוואָ־צוזאַמענפאָר.

און הגם אונטער דער „ווענדונג" זענען געווען אונטערגעשריבן עט־לעכע ־ענדליק אָנגעזעענע שרייבער, טוער, א צאָל דעלעגאַטן פונעם ייוואָ־צוזאַמענפאָר, איז געווען נישט אזוי לייכט צו פּועלן ביים פּרעזידיום, מען זאָל דערלויבן איבערצולייענען דעם וויכטיקן מעמאָראַנדום.

לאָמיר ברענגען די „ווענדונג", וואָס איז איצט א שטיק קולטור־געשיכטע :

„צום צוזאַמענפאַר פון ייוואָ, אין ווילנע.
זייער חשובער צוזאַמענפאַר!

„מיר, אונטערגעשריבענע, האַלטן פאַר אונדזער פליכט און אויפגאַבע צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פונעם צוזאַמענפאַר פון יידישע וויסנשאַפטסלייט, שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער אויף איינקע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וועלכע רוקן זיך איצט אַרויס אויפן קולטור־פראָנט.

דער ציל פון דער גרעסטער צאָל באַטייליקטע אינעם צוזאַמענפאָר איז דאָס ווייטערדיקע אויסבויען און פאַרברייטערן די קולטור־שאַפונג אין דער יידישער שפּראַך און פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן. יעדן איינעם פון אונדז איז באַוווּסט ביי וואָסערע באַדינגונגען די קולטור־און קונסט־שאַפונג אין אונדזער געזעלשאַפט קומט פאָר, ווי ווייט די אַזוי אויך אָרעמע דערגרייכונגען ביי אונדז זענען באַדראָט פון אונטערגאַנג און פון א פאַרפלייצונג פון באַרבאַריזם מצד ברוטאַלע פינצטערע כוחות פון אויסן און מצד אינערלעכע פאָלקס־פיינטלעכע און קולטור־פיינטלעכע עלעמענטן. א גרויסער טייל פון אייך פאַרשטייט גאַנץ גוט און דערקלערט אפילו אָפן, אז דער געביט פון קולטור־שאַפונג איז נישט און קאָן נישט זיין אָפּגעריסן פונעם גאַנצן קאָמפּלעקס אַקטועלע לעבנס־פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַר די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, קודם כל פאַר זייערע אַרבעטער־טיילן.

די קולטור ווי אַזעלכע און דאָס בעסטע, ווערטפולסטע און דויערהאַפטע אין איר איז באַדראָט.

דער מוראדיקער ביישפּיל פונעם היטלערישן דייטשלאַנד באַווייזט דאָס צום בעסטן. דאָס האָט שוין באַוויגן די בעסטע פון דער קולטור־וועלט, דאָס קינסטלערישע און קולטורעלע געוויסן פון דער מענטשהייט — ראָמען ראָלאַן, אַנדרע זשיד, אַנרי באַרבוס, היינריך מאַן, ליאָן פויכטוואַנגער, אל. טאָלסטאָי און די גאַנצע פּלעיאַדע אויבעריקע — צו אַלאַרמירן די וועלט אויף דעם נישט־לאַנג פאָרגעקומענעם אינטערנאַציאָנאַלן שרייבער־קאָנגרעס צו פאַרטיידיקן די קולטור אין פּאַריז. די קולטור ווערט פאַרניכטעט אין דייטשלאַנד,

איטאַליע און אַנדערע לענדער, זי ווערט אַפילו באַדראָט אין פראַנקרייך.

ווי גרויס איז די געפאַר ביי אונדז, אין דער יידישער געזעלשאַפט ביי די מוראַדיקע באַדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך די יידישע מאַסן אין אַ ריי לענדער פון מיטל־אייראָפּע? אין היינטיקן דייטשלאַנד איז די לאַגע פון די יידישע מאַסן לויט איר גרויזאַמקייט און באַרבאַרישער אויסראָטונג ערגער ווי אין צאַרישן רוסלאַנד. די כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם האָט זיך אויסגעברייטערט ווייט איבער די גרענעצן פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד און באַדראָט די קולטור־דערגרייכונגען פון די ברייטסטע פאָלקסמאַסן. אויך אין געוויסע אַנדערע לענדער גייט די באַרבאַרישע אונטערדריקונג פון דער קולטור־שאַפונג אין דער יידישער שפּראַך פּאַראַלעל מיט דער עקאָנאָמישער אַרויסשטויסונג און מיט פאַלן פון פּשוט פיזישער אויסראָטונג פון די יידישע מאַסן. די באַציאונג צו דער יידישער שול, צום יידישן טעאַטער, צו פאַרשידענע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, דעם ייוואָ נישט אויסגעשלאָסן, האָט איצט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ קרייץ־צוג קעגן דער עצם עקזיסטענץ. דאָס דערקלערן יידן פאַר מינדערוועריק, דאָס צונעמען ביי זיי די עלעמענטאַרסטע רעכט, דאָס אונטערדריקן יעטוועדע קולטור־שפּראַצונג אויף דער יידישער גאַס, — דאָס איז די פאַרסמטע אַטמאָספער, ביי וועלכער עס קומט אויס דעם יידישן קולטור־טוער צו פירן זיין קאַמף. די טרויעריקע לאַגע פון דעם קליינעם ביסל שולן, די גרויסע ירידה פונעם יידישן טעאַטער, פון דעם יידישן בוך — דאָס אַלץ דערגאַנצט דאָס טרויעריקע בילד פון קולטור־פאַרוויסטונג אויף דער יידישער גאַס.

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אין דער יידישער סביבה אַ ווילדע פאַרפלייצונג פון די פינצטערע אַנטי־קולטורעלע באַרבאַרישע כוחות, וואָס הוליען די לעצטע יאָרן אומגעשטערט אויף דער יידישער גאַס. צי דאָס זענען פאַרשידענע פינצטערע קלעריקאַלן, וואָס ברענען יידישע ביבליאָטעקן און מאַכן ווילדע אָנפאַלן אויף די גאַסן, צי דאָס זענען די, וואָס ווילן איינפירן היטלערישע

מעטאָדן אויף דער יידישער גאַס, צי די וואָס פּאָגראָמירן יידיש אין פּאַלעסטינע.

א צוזאַמענפאָר פון יידישע וויסנשאַפטלער און קינסטלער קאָן נישט פאַרבלייבן שטילשווייגנדיק איבער דעם אַלעמען. מען מוז נישט בלויז פּראָטעסטירן, ס'מוז ווערן אויפגעזאַמלט אַלע כוחות, וועלכע זענען קעגן רעאַקציע און פאַר פאַרטיידיקן די קולטור.

מיר גלויבן, אַז די גרעסטע צאָל געקומענע צום צוזאַמענפאָר וויסנשאַפטלער און קינסטלער פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אַז אָן פאַרטיידיקן די קולטור, אָן פאַרטיידיקן די מינימאַלע דערגרייכונגען, קאָן ערנסט קיין רייד נישט זיין וועגן ווייטערדיקן בויען און שאַפן.

„חשובער צוזאַמענפאָר! מיר דריקן אויס אונדזער הייסטן ווונטש, אַז דער ייווא זאָל אין זיין ווייטערדיקער טעטיקייט אָנבינדן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער איצט איינציקער אָפּטיילונג פון קולטור־און וויסנשאַפט־טוער פון דער וועלט, וווּ עס ווערט אויף יידיש געשאַפן און געבויט, נישט מיט קיין פּריוואַטע אָרעמע מיטלען, נאָר מיט מלוכהשע מיטלען און ביי דער ווארעמסטער אונטערשטיצונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. דאָרט ווערט געבויט אַן אימפּאָזאַנטער קולטור־און וויסנשאַפט־בנין, וועלכער געניסט פון די גרעסטע סימפּאַטיעס פון די יידישע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט. פאַרטיידיקן און מיטהעלפן אַט די גרויסע קולטורעלע דערגרייכונגען, פאַרבינדן זיך מיט זיי איז איינע פון די אַקטועלע אויפגאַבעס פון יידישע קולטור־טוער און פון זייערס אַ צוזאַמענפאָר אין דער איצטיקער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער צייט.

„מיר ווענדן זיך צו אייך, חשובער צוזאַמענפאָר, צונויפצוזאַמלען אַלע כוחות צו פאַרטיידיקן די קולטור. מיר לייגן אייך פאָר אָנצושליסן זיך אָן דער איניציאַטיוו פון פאַריזער קאָנגרעס איבערצוטראָגן אַט די איניציאַטיווע אין פאַרבינדונג מיט אַלע פּראָגרעסיווע כוחות אין דער יידישער סביבה, דערגאַנצן זי מיט די פאַר אונדז אַקטועלע אויפגאַבן פון קאַמף קעגן פאַרפאָלגן און

פאַר אונטערשטיצן די יידישע שול, טעאַטער און ד. גל. און באַ־קעמפן די פינצטערע אַנטי־קולטורעלע כוחות אויף דער יידישער גאַס, פון ענגער חברישער צוזאַמענאַרבעט פון די בליענדיקע צענ־טערס פון פּראָגרעסיווער יידישער קולטור.

„מיר ווענדן זיך מיט אונדזער רוף און פאָרשלאַג צו אַלע וויסנשאַפטלער און קינסטלער, וואָס באַקענען זיך צו דער אַרבע־טער־באַוועגונג און צו די פאַרשידנסטע פּראָגרעסיווע און דעמאָ־קראַטישע באַוועגונגען פון פאָלק. מיר ווענדן זיך צו אַלע אויפ־ריכטיקע קולטור־שעפער, וואָס ווילן שטעלן זייער טעטיקייט אין דינסט פון די מאַסן, צו שאַפן צוזאַמען מיט אונז דעם פראָנט פאַר פאַרטיידיקן די קולטור.

„מיר ווילן האָפן, אַז דער רוף צו פאַרטיידיקן די קולטור אויף דער יידישער גאַס וועט אויף אייער צוזאַמענפאָר געפינען אַ היל־כיקן אָפּקלאַנג און וועט צונויפזאַמלען אַרום זיך די בעסטע און אויפריכטיקסטע פון דער יידישער ליטעראַטור, טעאַטער, וויסנ־שאַפט און קולטור".

עס זענען אונטער דער ווענדונג געווען אונטערגעשריבן: גוסטאַוו אייזנער (ניו יאָרק), מרים אָרלעסקאַ, ה. אַלטמאַן, יעקב באָטאָשאַנסקי (אַרגענטינע), נ. בוקסבוים, דוד בערעזער (ניו־יאָרק), מ. גראָססמאַן, בער האָראָוויץ, בונעם העלער, י. וואַסערמאַן, אַריע טעפּער, וו. לוצקי, יצחק ליכטענשטיין, שמחה לעוו, מ. מזאה, אהרן מאַרק, נחמן מייזיל, ל. מלאך, מ. פּופּס, יהושע פּערלע, טאַניאַ פוקס, פעליקס פרידמאַן, קורט קאַטש, א. קאַציזנע, מ. קיטאַי, י. ראַבאָן, ד"ר ישראל רובין (תל־אביב), מאַרק שאַגאַל (פּאַריז), ד"ר יעקב שאַצקי (ניו יאָרק) און אַ גרופּע לערער־דע־לעגאַטן אויפן צוזאַמענפאָר. אונטער דער גרופּע לערער זענען געווען צווישן אַנדערן ד"ר ע. רינגלבלום, ד"ר מ. ווייכערט, ד"ר ר. מאַהלער און אַנדערע, וואָס האָבן געאַרבעט אין גימנאַזיעס (מיט מלוכה־רעכט) און האָבן נישט געקאָנט, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, אָנגעבן זייערע נעמען.

דער רוף איז געווען געדרוקט אין „ליט. בלעטער" נ' 34 פון דעם 23סטן אויגוסט 1935, אין צוויי נומערן שפּעטער, אינעם נ' 36 פון 6טן

סעפטעמבער, זענען צוגעקומען נאָך אייניקע אונטערשריפטן: העלענאַ באַרקאָווסקאַ, צעלינאַ בעקער, ח. בראַקאַזש, מאַקס ברין, מ. גאַרבאַזש, ש. לאַנדוי, דוד ליכט, א. סאַמבערג, י. סטרוגאַטש, מ. פּאַטאַשינסקי, ש. קוטנער, י. קורלענדער.

מיר וועלן איצט נישט אריין אין פּרטים, ווי שווער עס איז געווען פאַר די איניציאַטאָרן פון דער וויכטיקער ווענדונג אויסצופועלן ביי דעם פּרעזידיום פונעם צוזאַמענפאַר, מען זאָל דערלויבן איבערצולייענען עס פאַרן פּלענום. דאָס איז געווען אַן ענין פאַר דער ייווא־פאַרוואַלטונג, וואָס נאָך לאַנגע אַמפּערנישן, האָט מען אָנגענומען מיט א מערהייט א באַשלוס דערלויבן איבערצולייענען די ווענדונג. די זיצונג איז פאָרגעקומען שפּעט ביינאַכט אין א ווילנער קאַפע, אונטערן פאָרזיץ פון ב. וויר־גילי־כהן.

אָבער די איניציאַטאָרן האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם, נאָר זיי זענען צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַרום זיך ברייטערע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט. די הויפּט־טוער זענען געווען פאָרשטייער פון די לינקע פּועלי־ציון (עס זענען געווען פאַרטראָטן אין דער פאַרוואַלטונג ד״ר ע. רינגלבלום, ד״ר ר. מאהלער, יעקב און אדאָלף בערמאַן, נ. בוקס־בוים און אַנדערע), פון דער אומפּאַרטייאישער אינטעליגענץ, „ליט. בלע־טער״ (אַלטער קאַציזנע, נחמן מייזיל, שמחה לעוו א. אַ.), פון דער פּראָג־רעסיווער גרופּע — לינקע (מ. מירסקי, דוד ספרד א. אַ.), ווי אויך פאָר־שטייער פון יידישע און יידיש־פּוילישע לערער, פאָרשטייער פון יידישע אַרטיסטן (י. גרודבערג־טורקאָוו א. אַ.).

מען דאַרף צוגעבן, אַז די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. דער „בונד״, ווי די פּ.פּ.ס., האָבן שטאַרק באַקעמפט דעם פאָלקס־פראָנט און ממילא — אויך דעם קולטור־פראָנט. די פּוילישע פּאָליציי האָט גלייך תופס געווען, אַז קולטור־פראָנט, ווי פאָלקס־פראָנט איז אַן אַנטיפאַשיס־טישע און אַנטינאַציאָנאַלע באַוועגונג, און דאָס האָט געשמעקט... מיט קאָ־מוניזם, מיט פּראָגרעסיווקייט, מיט די געפילן און אידעען פון פאָלקס־מאַסן, וואָס זענען נישט צופרידן מיטן רעאַקציאָנערן רעזשים. האָט מען גערודפט אַלדי אינסטיטוציעס און מענטשן, וואָס מען האָט חושד געווען, אַז זיי האָבן אַ שייכות צום פאָלקס־פראָנט, וואָס האָט ווירקלעך קאָנצענט־רירט אַרום זיך די פּראָגרעסיווע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

אין די אַלע אינסטיטוציעס, וווּ עס איז אויסגעקומען פירן אַ פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָט מען באַגעגנט גאַנץ־העפטיקע קאַמפן און קעגנערשאַפט. עס גדעדנקען זיך גוט די לענגערע פאַרזאַמלונגען אין פּען־קלוב, אין ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין, אין דער ייוואָ, אין אַרטיסטן־פאַראיין, אין דער צישאָ, אין פאַרשידענע אַנדערע אינסטיטוציעס, ווו עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן צוזשטיין צום קולטור־פראָנט. און וויפל פאַרלוימדונגען, אינסינואַציעס און ליגנס עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קעגן דער איניציאַטיוו און קעגן די איניציאַטאָרן. זיי זענען דורך די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קעגנער שטאַרק באַקעמפט געוואָרן. אָבער מיר האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן אין פאָרגעזעצט די אַרבעט מיט אַן אַלץ־גרעסערן פאַרמעסט און פאַרנעם.

נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט עפנטלעך אַרויסצוטרעטן אונטערן נאָמען פון קולטור־פראָנט, האָבן מיר געמוזט אָנקומען אין פּוילן צו אַר־בעטן אונטער פאַרשידענע אַנדערע נעמען און פירמעס. מיר האָבן גאָר ברייט אויסגענוצט דעם 100סטן געבוירנטאָג פון מענדעלע מוכר ספרים און פיל פון די מענדעלע־פייערונגען האָבן מיר אויסגענוצט צו פּראָפּאַגירן דעם קולטור ־ פראָנט. אַזוי איז געווען אין וואַרשע, לאָדזש, לעמ־בערג, פּלאָצק, טשענסטאָכאָוו, ווילנע, גראָדנע א. א. וו. איך געדענק גוט אַט די פאַרשידענע אָוונטן, וווּ מיר האָבן דורכגעשמוגלט דורך די מענ־דעלע־פייערונגען אַלדי פּראָבלעמען און פראַגן פונעם קולטור־פראָנט. די מענדעלע־פייערונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך פאַרשידענע אָרגאַניזאַ־ציעס. עס איז געווען אַ מין רעפּעטיציע, אַ מין פּרווו פון אַ פאַראייניקונג פון פאַרשידענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן לטובת איין אידעע און ציל.

מען דאַרף דאָ איבערגעבן, אַז די צישאָ, די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע, איז נישט צוגעשטאַנען צום מענדעלע־קאָמיטעט, ניט געקוקט אויף אונדזערע אַלע באַמיאונגען. דאָס איז געווען אַ בכיוונדיקער באַשלוס מצד דער בונדישער צישאָ־מערהייט, וואָס האָט נישט געוואָלט אין קיין פאַל זיך באַטייליקן אין אַ זאַך, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דער קולטור־פראָנט־אידעע.

און אָט איז פאָרגעקומען דעם 1־טן יאַנואַר 1936 די ערשטע פייער־

לעבע זיצונג פון דעם מענדעלע־יובילייִ. עס איז געווען א פייערלעכע זיצונג לכבוד מענדעלע מו״ס צו זיין 100סטן געבוירנטאג. עס זענען געקומען שרייבער, קינסטלער, שוישפילער און קולטור־טוער. ביי א גרין־געדעקטן טיש איז געזעסן דער פרעזידיום פונעם צענטראל־קאמיטעט. עס האבן גערעדט וועגן מענדעלען נח פרילוצקי, נחמן מייזיל, מ. מירסקי, י. מ. ניימאן, לעא פינקעלשטיין, יאנקל אדלער, א. קאציזנע. צוליב דער שפעטער שעה זענען די ווייטערדיקע רעדעס אפגעלייגט געווארן אויפן 9־טן יאנואר.

אין א פאר טעג ארום איז פארגעקומען אין ליטעראטן־פאראיין, אויף טלאמאצקע 13, א „קאלעקטיווע פארלעזונג" אויף דער טעמע „וואס פארלאנגען מיר פונעם יידישן שרייבער?" — דאס איז געווען אייגנט־לעך דער ערשטער עפנטלעכער ארויסטריט פון די טוער פונעם קול־טור־פראנט. דער אוונט האט צוגעצויגן א פול־געפאקטן זאל און איז אדורך מיט א גרויסן דערפאלג.

„דער אינהאלט פון די רעדעס — ווערט געזאגט אין דעם קורצן באריכט אין די „ליט. בלעטער"— די פאדערונגען צום יידישן שרייבער, וואס זענען אויף פארשידענע אופנים ארויסגערוקט גע־ווארן, האבן געפונען אן אפקלאנג ביים פארזאמלטן עולם". „עס זענען אויפגעטראטן אויף דעם אוונט אין נאמען פון דעם קולטור־פראנט — אלטער קאציזנע, נחמן מייזיל, ד״ר א. בערמאן, מ. מירסקי, ד״ר ע. רינגלבלום, ש. לעוו. עס האבן געלייענט זייערע שא־פונגען די דיכטער יוסף קירמאן, י. רובינשטיין, ב. שנאפער, נ. באמזע, ב. העלער, מ. שולשטיין. עס זענען אויפגעטראטן די יונגע שוישפילער דוד ליכט, י. קורלענדער, א. וואלפשטאט און דער גאסט פון אמעריקע — מ. גיבסאן". „דער אוונט — ווערט צוגעגעבן — איז געווען גאר א נייעס מיט זיין איינהייטלעכן טאן און פעסטן ווילן פאר א ווייטערדיקער געמיינזאמער קולטור־ארבעט. דער אוונט איז דער ערשטער פון א ריי אוונטן פונעם זעלבן כאראקטער".

אויך אינעם ווארשעווער „יונג־טעאטער" האבן מיר ארגאניזירט א מענדעלע־פרימארגן, אויף וועלכן עס זענען אויפגעטראטן א. קאציזנע, מ. מירסקי, ד״ר ר. מאהלער, נ. מייזיל, ב. מארק.

און אויף אזא אופן זענען איבערן גאנצן לאנד און אויך אין פיל פארשידענע אנדערע לענדער פארגעקומען אלץ־אפטערע פארזאמלונגען און רעפעראטן איבער דער נויטיקייט צו ארגאניזירן א געמיינזאמען קולטור־פראנט.

און אט א קליין ידיעהלע אין די „ליט. בלעטער" נ׳ 3 (610), וואס האט אויך א שייכות צו דער אנגעהויבענער איניציאטיוו צו שאפן א קולטור־פראנט און וואס פון אט דער באראטונג איז מיט דער צייט אויסגעוואקסן דער איניציאטיוו־קאמיטעט פון דעם אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס אין פאריז, סעפטעמבער 1937. מיר לייענען אין דער נאטיץ:

„אין דער פאריזער אטעליע פון דעם בארימטן סקולפטאר נחום אראנסאן איז פארגעקומען דער ערשטער קלוב־אוונט פונעם פאריזער יידישן קולטור־פראנט. עס זענען געווען עטלעכע צענדליק קולטור־טוער, שרייבער, מאלער, מוזיקער, אדוואקאטן. עס האט זיך אנטוויקלט א אינטערעסאנטע דיסקוסיע וועגן דעם יידישן קולטור־שאפן און דער וויכטיקייט פונעם קולטור־פראנט".

מ׳דארף דא צוגעבן, אז מיט אנדערהאלבן יאר שפעטער, ווען איך בין געווען אין פאריז, זומער 1937, ווי דער דעלעגאט פונעם יידישן פען־קלוב אויפן פען־קאנגרעס אין פאריז, בין איך אין דער זעלבער סטודיע־גאלעריע פון נחום אראנסאן בייגעווען אויף א זיצונג פון די איניציאטארן פונעם קולטור־קאנגרעס, וואו מען האט שוין גאר קאנקרעט באהאנדלט פרטים וועגן דעם פארשטייענדיקן קולטור־קאנגרעס. עס זענען בייגעווען צווישן אנדערע: אברהם ראזין (בן אדיר), ד"ר ח. סלאוועס, ד"ר י. ג. שטיינבערג, משה שאליט, איך, פראפ׳ קיווילעוויטש א. אנד. איך געדענק, ווי מען האט אין יענעם אוונט אויפגענומען די ידיעות, וואס זענען געקומען פון ניו־יארק, וווּ א גרופע שרייבער האט גענומען פירן א קאמפאניע קעגן דעם געפלאנטן קולטור־קאנגרעס. אייניקע האבן אפילו פארגעלייגט מ׳זאל אפלייגן דעם קולטור־קאנגרעס צוליב דער קעגנערשאפט א. א. וו.

אט אזוי איז אויסגעוואקסן אין דער אטמאספער פון דעם וואקסנדיקן פאשיזם און היטלעריזם דער יידישער קולטור־פראנט, וואס האט אין א גאר קורצער צייט ארומגעכאפט די וויכטיקסטע און שאפערישסטע כוחות אין דער יידישער וועלט.

29

דאָס לעצטע קאַפּיטל

איך טרעט־צו צו שרייבן דאָס לעצטע קאַפּיטל, — נישט נאָר דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דעם דאָזיקן בוך, — נאָר אויך דאָס לעצטע קאַפּיטל פון מיין לעבן און אַרבעטן אין דעם יידישן פוילן.

גראָד די לעצטע וואָכן און חדשים, איידער איך האָב פאַרלאָזט וואַרשע אויף צוריקצוקומען צוריק צו די קולטור־שאַפערישע אַרבעטס־וואַרשטאַטן, זענען געווען פולע, געזעטיקטע מיט פיל פאַרמעסטן און טעטיקייטן. זומער 1937 בין איך געפאָרן צום קאָנגרעס פון די פען־קלובן ווי דער דעלעגאַט פון דעם יידישן פען־קלוב, קיין פאַריז, וווּ עס איז אין יענער צייט אויך פאָרגעקומען דער אינטערנאַציאָנאַלער שרייבער־קאָנגרעס. די וועלט איז דאַן געשטאַנען אויפן שאַרפן שיידוועג, — דער פאַשיזם האָט אַלץ מער געזאַמלט די שוואַרצע כוחות אין זיין געראַנגל מיט דער פּראָגרעסיווער און דעמאָקראַטישער וועלט. די „רעפּעטיציע", די „פּראָבן" זענען דער־ווייל פאָרגעקומען אין שפּאַניע, וווּ מען האָט אויסגעפּרוּווט די אייגענע פינצטערע כוחות און דעם ווידערשטאַנד־כוח פון דער פרייער וועלט. עס איז אַלץ שאַרפער געגאַנגען דער שניט צווישן די ליכטיקע און פינצ־טערע כוחות אין וועלט־מאַסשטאַב און אין יעדן לאַנד באַזונדער. די נאַאיווע און קורצזיכטיקע פּאָליטיקער האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז מען קאָן די מאָנסטער־חיה מיט קליין־יקייטן, מיט פשרות זעטיקן און זי אָפּ־שוואַכן, יעדנפאַלס — האַלטן זי אין אַ באַקוועמען שטייג, מיט די גע־העריקע אָפּהיט־מיטלען... די פאַריזער וועלט־אויסשטעלונג, וואָס מען האָט צוגעגרייט מיט אַזאַ פּאָמפּע און מיט אַזאַ מין פריינדשאַפטלעכקייט אויך צו דער פאַשיסטישער איטאַליע און נאַציסטישן דייטשלאַנד, אָפּ־געבנדיק פאַר זיי גאָר־בכבודיקע ערטער אויף דער גרויסער אויסשטע־לונג־טעריטאָריע, האָט נאָך מער באַטאָנט די קליינקעפּלדיקייט און קורצ־זיכטיקייט פון דער וועלט און אירע מאַכט־האָבער.

דאָס לעבן אַרום איז געווען מאָדנע און מערקווירדיק, מען האָט זיך

אַליין געוואָלט נאַרן און אָפּנאַרן. אין שפּאַניע, אין די העפּטיקע און מוראַדיקע קאַמפן איז באַשטימט געוואָרן דער גורל פֿון גאָר דער מענטשהייט, און דאָ, אונטערן נאָז, האָט מען זיך געגרייט צו ברידערלעכער פֿריינדשאַפֿט פֿון פֿעלקער. דער אינטערנאַציאָנאַלער שרייבער־קאָנגרעס, ווי דער קאָנגרעס פֿון די פּען־קלובן אין פּאַריז האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע זיצונגען, און די איינצלנע וואָרנדיקע דראָענדיקע שטימען זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פֿון גלייכגילט און זיסלעכע רייד וועגן פֿעלקער־פֿריינדשאַפֿט און קעגנזייטיקער האַרמאָניע.

אויף דער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג איז אַרום דעם שפּאַנישן פּאַוויליאָן, ווו אויף דער ריזיקער וואַנט איז געווען אויסגעמאָלט פּיקאַסאָס באַרימט בילד, — דער צעשניטענער און צעפּיצלטער אָקס, — א סימבאָל פֿון דער צעריסענער שפּאַניע, וואָס גייט אָפּ אין בלוט, — אין אָט דער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג איז דערביי, אין דער זעלבער ריי, געשטאַנען דער מעכטיקער דייטשיש־נאַציִשער פּאַוויליאָן, און די פֿיגורן אין דרויסן האָבן מיט זייער שוואַרצער גבורה און טעמפּער עקשנות געדראָט אַלץ און אַלעמען און אויך דעם סאָוועטישן פּאַוויליאָן, וואָס איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן, מיט דעם יינגל און מיידל, וואָס טראָגן הויך דעם סערפּ און האַמער . . .

אָט דער געמיש פֿון ליכט און פֿינצטערניש האָט געהערשט אויך אין די אַלע לענדער, וואָס די ווילדע היטלעריסטישע מאַכט האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף די ערשטע קרבנות, זיי צו ברענגען אויף איר מזבח פֿון פֿאַרנאַציִשן און פֿאַראומווירדיקן די גאַנצע וועלט. אָט דער געמיש פֿון ליכט און שאָטן, פֿון מוט און דערשלאָגנקייט, פֿון גלויבן און פֿאַרצווייפֿלונג האָט הויך געהערשט אין דעם יידישן פּוילן. פֿון איין זייט — א געוואַלדיקער פֿאַרנעם און פֿאַרמעסט צו בויען און צו באַפֿעסטיקן די אייגענע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס, א פֿיבערדיק בויען אין אַלע צווייגן פֿון דעם יידישן קולטור־שאַפֿערישן לעבן, און פֿון דער אַנדערער זייט — אָנפֿאַלן אויף יידן, די געטאָ־בענק, די שטילע און אָפֿענע פּאָגראָמען אויף יידן און די פֿאַלגן פֿון דעם אַלעמען אויפֿן געמיט־צושטאַנד. און יעדער איינער פֿון אונדז איז געווען אין איין און דער זעלבער צייט באַגייסטערט און באַפֿליגלט פֿון די אַלע אויפֿטוען און פֿון דער צווייטער זייט — אַריינגעזאַפּט אין זיך די שווערע, פֿאַרסמטע לופֿט, וואָס מען האָט מיט

איר געאָטעמט אין פוילן, ווען די רעגירונג און די פינצטערע אַנטיסעמי־טישע עלעמענטן האָבן זיך פאַרלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג און מיט אַלע מיטלען האָט מען באַקעמפט די יידן, סיי פיזיש און סיי גייסטיק, סיי מאַטעריעל און סיי מאָראַליש.

די אַלע בילדער, ממש־מיטלאַלטערלעכע, שטייען איצט אויף פאַר מיר, — איצט איבער צוועלף יאָר, וואָס איך האָב זיי, ווי אַלע יידישע מענטשן אין פוילן, איבערגעלעבט און דורכגעפיבערט. עס געדענקט זיך גוט א באַזוך אין ווילנע, — עטלעכע טעג נאָכן באַקאַנטן פּאָגראָם, וואָס די ווילנער פּאָליציי האָט אָרגאַניזירט אויף דער יידישע באַפעלקערונג ערב די וואַלן, כדי אָנצושרעקן די יידישע מאַסן און געבן זיי צו וויסן, וואָס די מאַכט וויל און טראַכט. עס זענען שוין אריבער עטלעכע טעג זינט דעם פּאָגראָם, אָבער די יידישע ווילנע האָט נאָך אַלץ פאַרטייעט דעם אָטעם, נישט געקאָנט קומען צו זיך. און ווי די מאַסן, אַזוי אויך די פירנדיקע פערזענלעכקייטן אין ווילנע, וועלכע האָבן זיך געפילט אַלע־מאָל אין ירושלים דליטא ווי פולע יידישע באַלעבאַטים... איך געדענק גוט מיינעם א באַזוך אין ראַדאָם, א פּאָר וואָכן נאָכן באַרימטן פּראָצעס פון די פשיטיקער יידן, וואָס האָבן געפרוווט שטעלן א ווידערשטאַנד די פּאָליגאַנעס. מיר זענען אַדורך דעם בנין פון דעם געריכט, און אָרטיקע יידישע הערצער האָבן געוויינט און ציין האָבן זיך געשטשעמעט און פויסטן האָבן זיך געבײַלט... און איך געדענק א באַזוך אין לעמבערג נאָך דער מוראַדיקער געשיכטע, וואָס די אַנטיסעמיטישע סטודענטן האָבן אָרגאַ־ניזירט אינעם הויף פון לעמבערגער אוניווערזיטעט קעגן דעם ליבעראַלן דירעקטאָר, וועלכער האָט נישט געוואָלט גוטהייסן די באַזונדערע געטאָ־בענק... און עס געדענקט זיך גוט דער טאָג און אָוונט, אין וואַרשע, ווען יידן האָבן אַראַנזשירט א שטילן פּראָטעסט־טאָג קעגן די געוואַלדטאַטן, קעגן די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אויף די קונים פון די יידישע געשעפטן אַרום מאַרשאַלקאָווסקע, אויף סוו. קשיסקע און עס געדענקט זיך דער וויסטער פּאָגראָם אין בריסק און די נאָכווייען נאָך אים. א. א. וו. הכלל, עס זענען געווען גענוג און איבערגענוג שווערע פּאַסירונגען און גע־שיכטעס אינעם דעמאָלדיקן פוילן, וואָס האָבן זיך געלייגט זייער שווער אויפן געמיט . . .

ווען איך בין געווען אין פּאַריז, זיך באַטייליקט אינעם פּען־קאָנגרעס,

און מיר האָבן געגרייט, צוזאמען מיט ד״ר י. נ. שטיינבערג (דער צווייטער יידישער דעלעגאט פון לאָנדאָן) און מיט אייניקע יידישע פריינד, דעם מעמאָראנדום צום פען־קאָנגרעס וועגן די שענדלעכע געטאָ־בענק און די פּראָצענט־נאָרמעס אין פּוילישן אוניווערזיטעט, איז אָנגעקומען די מוראדיקע ידיעה וועגן דעם נייעם פּאָגראָם אין טשענסטאָכאָוו, — אַ מין נייע באַשטעטיקונג פון די מעשים־תעתועים אין פּוילן קעגן דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג . . .

אָבער אין דערזעלבער צייט זענען די הענט פון די יידישע שול־טוער, שרייבער, קינסטלער, פּאַרלעגער, שוישפּילער אין פּוילן פול געווען מיט די סאַמע פאַרשידנסטע אַרבעטן און פּאַרמעסטן אויף נייע און נייע געוואָגטע שריט. עס קריסטאַליזירן זיך אויס, עס געשטאַלטיקן זיך אויס אינעם דיכטערישן יידישן פּוילן נייע פיל־צוזאָגנדיקע דיכטער, ווי חיים גראַדע, א. סוצקעווער, יחיאל לערער, בינעם העלער, קלמן ליס, י. אַשענדאָרף, י. שודריך, ב. געלמאַן, משה שימעל, נ. באָמזע, משה שולשטיין, חיים סעמיאַטיצקי, און נאָך און נאָך. יהושע פּערלע פּאַרגאַפט אונדז מיט זיין טרילאָגיע „יידן פון אַ גאַנץ יאָר״, „די גילדערנע פּאַווע״ און דער דריטער באַנד „גלגולים״; מ. בורשטין קומט מיט אַ ניי ווערק „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע״, וואָס האָט אַ נייעם טביה דער מילכיקער אין צענטער; ש. בערלינסקי איבערראַשט אונדז מיט זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „אַ לעבן גייט אויף״; ביזאַהער אַ ווייניק־באַקאַנטער שרייבער לייב ראַשקין גיט אַרויס אַ גרויס ווערק „די מענטשן פון גאָדלבאָזשיץ״, וואָס האָט געקראָגן די פּרעמיע פונעם פּען־קלוב; ירחמיאל גרין, אַ יונגער בחור פון מזרח־גאַליציע, ברענגט אַ נייעם ראָמאַן מיטן נאָמען „באַרג־יידן״ א. אַ. וו.

די „ליטעראַרישע בלעטער״, וואָס מאַטערן זיך כמעט אַלע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ, גרייטן זיך צו פייערן דעם 750סטן נומער. עס ווערן דורך די „ליט. בלעטער״ פאַרעפנטלעכט וויכטיקע און וואָגיקע ביכער, וואָס ווערן יעדע וואָך פונאַנדערגעשיקט אין עטלעכע טויזנט עקז. דורך וואָכן־העפטן צו 64 זייטן אַ העפט, זיי בילדן גאַנצע ביבליאָטעקן אין פיל יידישע הייזער, און בעיקר — צווישן די יונגע לייענער, וואָס קוקן אַרויס אויף יעדן נומער און אויף יעדן העפט. אגב, אויף וויפל עס איז געווען גרויס די צאָל דיכטער אין פּוילן באַווייזט דער אינהאַלט פון די

„ליט. בלעטער" פאַרן יאָר 1937. פון דער צאָל 90 דיכטער, וואָס האָבן געדרוקט זייערע לידער אין דעם יאָר זענען געוועזן פון פוילן — 38.

אויך די יידישע פאַרלאַגן, וואָס האָבן זיך כלל נישט געקאָנט באַ־רימען מיט גוטע געשעפטן, האָבן פלייסיק פאָרגעזעצט אַרויסצוגעבן ווערק אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פון פויליש־יידישע מחברים און אויך פון אַמעריקאַנער שרייבער, וועלכע האָבן אין דער רייכער אַמעריקע נישט געקאָנט קריגן אַ בעלן אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. דער פאַרלאַג „טאַמאַר", וואָס זיין באַלעבאָס איז געווען אַ געוועזענלעכער יידישער מאַשין־זעצער פון „מאָמענט", לייב שאַר, האָט זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוגעבן גרויסע אַכט בענד פון ד"ר י. צינבערגס „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן". אַ פאַרלאַג, וואָס עס האָבן געגרינדעט אַ יידישער לערער, מ. טייכמאַן און אַ בוכפירער פון אַ ר ט י ס ט ן ־ פ אַ ר אַ י ן און פון ציישאָ ע. הערמאַן, האָט געפייערט אין 1938 זיין דריי־יאָריקן „יובל". פאַר די דריי יאָר האָבן זיי באַוויזן אַרויסצוגעבן 50 ביכלעך פאַר יינגערע קינדער און 50 — פאַר עלטערע. די ביכלעך זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ פערטל מיליאָן עקז., און אָן סובסידיעס, אָן עפנטלעכע קאַמפּיינען, ווי מען איז געוווינט אין אַמעריקע.

און נח פרילוצקי מיט דעם אומדערמידלעכן זאַמלער און פאָרשער פון דעם יידישן פאָלקס־ליד שמואל לעהמאַן האָבן אַרויסגעגעבן אַ גרויסן מאָנומענטאַלן באַנד „אַרכיוו פאַר דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט, ליטעראַטור־פאָרשונג און עטנאָלאָגיע". אגב, האָט מען טאַקע אין יענער צייט געפייערט דעם 35־יאָריקן יובל פון די פאָרשערישע און זאַמלערישע טעטיקייטן פון דעם אייגנאַרטיקן פאָלקלאָריסט שמואל לעהמאַן, וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פון האַנדלען מיט אַלטע קליידער. עס איז דערשינען (דורך דעם ווילנער משה שאַליט און די „ליטעראַרישע בלעטער") דער קולטור־היסטאָרישער 3 חדשים־זשורנאַל „פון נאָענטן עבר", און אַ זשור־נאַל „שריפטן", אַרויסגעגעבן פון דער ליטעראַרישער יוגנט, פון דעם ליטעראַרישן נאָכוווּקס א. א. וו.

אין יענער צייט איז אויך אויפגענומען געוואָרן, אויף אַ ברייטן אופן, דורך דעם יידישן פּען־קלוב אין וואַרשע, אויך דורך די יידישע ליטעראַ־רישע גרופּירונגען אין ווילנע אַ העפטיקער עפנטלעכער קאַמף קעגן די שונד־ראָמאַנען, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַרפלייצן די יידישע פּרעסע און

פאַרפּעסטעט די לופט. דער ברייטער יידישער עולם, און באַזונדערס די טייערע יידישע יוגנט, וואָס איז געווען אידעאיש באַוווסטזיניק, האָט אויפגעכאַפּט דעם קאַמף.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטער אויפטו, וואָס האָט באַוויזן, אויף וויפל די יידישע ליטעראַטור און דער יידישער שרייבער זענען דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון די פירנדיקע יידישע טוער אין די יידישע זעלבספאַרוואַלטונגען: אייניקע וויכטיקע יידישע קהילות, אָנגעהויבן פון דער וואַרשעווער קהילה (די גמינע אויף גזשיבאָווסקע), האָבן אויסגעטיילט פּרעמיעס פאַר דעם בעסטן יידישן בוך. מיר איז אויסגעקומען, צוזאַמען מיט ד"ר יצחק שיפּער און לעאָ פינקלשטיין, צו באַטייליקן זיך אין אַ זשורי פון דער וואַרשעווער גמינע. גלייכצייטיק זענען אויך געווען זשורי־קאָמיסיעס פאַר דעם בעסטן העברעאישן בוך און פאַר אַ רעליגיעזן ספר. עס איז געווען אַ פיינע מאַניפעסטאַציע פאַר דעם יידישן שאַפן אין זיינע פאַרשידענע פאָרמען. אויך אַנדערע קהילות האָבן נאָכגעטון דעם ביישפּיל, ווי די קעלצער קהילה, צום ביישפּיל, וואָס האָט באַשטימט אַ פּרעמיע פאַר ש. בערלינסקין פאַר זיין דערמאָנטן בוך „אַ לעבן גייט אויף".

און נאָך אַ מערקווירדיקע, דערפרייענדיקע דערשיינונג: פאַרשידענע יידישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך פיבערדיק גענומען בויען אייגענע בנינים פאַר יידיש־וועלטלעכע קינדער־שולן. מען האָט מיט אַזאַ באַזונדערן אייפער גענומען קלייבן, צווישן אייגענע און היימישע, גראָשן צו גראָשן און אַזוי אַרום אויפגעזאַמלט ציגל פאַר די בנינים, וואָס האָבן באַדאַרפט אַרויסווייזן דעם ווילן, דעם דראַנג פאַר דעם יידיש־וועלטלעכן שאַפן. עס איז געווען זייער רירנד צו הערן און צו לייענען וועגן קליינטשינקע אָרעמע שטעטלעך אין ווילנער געגנט, אויפן וואָלין, ווו די אָרטיקע טוער זענען מיט פאַנאַטיזם צוגעטראָטן צו בויען שול־בנינים פאַר די יידיש־וועלטלעכע אַנשטאַלטן... אַגב, דאַרף מען דאָ צוגעבן, אַז די רעאַקציאָנערע פּוילישע רעגירונג, פאַר וועלכער דאָס יידישע וועלטלעכע שול־וועזן איז געווען ווי אַ דאָרן אין אויג, האָט זיך גענומען שליסן די קינדער־שולן, ווו מען האָט איינגעזען אַ „קראַמאַלע", אַ קעגן־מלוכה־אַרבעט, — זי האָט געשלאָסן פיל קינדער־שולן מיטן אויסרייד, אַז די בנינים זענען נישט גענוג גוט צוגעפּאַסט פאַר קינדער־שולן.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס די שול־טוער פון דעם שטעטל דאַנילאָ־

געווען אמאל א לעבן

ווימש האָבן געזאָגט צום שליח פון צ. ב. ק. (ווילנער צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט), צום שרייבער אהרן מארק:

„מיר מוזן האָבן אן אייגענעם בנין, א געמויערטן, א פייער־זיכערן. ווען ס'וואָלט אונדז אפילו די שול־מאכט ניט געוועז געפּסלט דעם איצטיקן לאָקאַל, וואָלטן מיר אליין, פאַר אונדזערע קינדערס וועגן, געמוזט עס טון. די שול איז פאַר די לעצטע יאָרן אויסגע־וואקסן אין כמות און אין איכות, צעשפּאַרט די ענגע ווענט. מיר מוזן האָבן מער רוים, מער לופט, א ברייטערן האָריזאָנט אָרום דעם בנין. אָבער צו וואָס זיך פאַרענטפערן? מיר מוזן האָבן אייגענע בנינים".

דאָס געמלעכע האָבן מיר געהערט פון פאַרשידענע אנדערע פאַר־וואָרפענע שטעטלעך, ווו מען האָט אָפּגעשפּאָרט דעם ביסן פון מויל און זיך פאַרמאָסטן אויף אייגענע יידיש־וועלטלעכע בנינים.

ווען איך בין געקומען סוף 1937 קיין אמעריקע, אין דער גאָלדענער מדינה, און האָב צוגעזען אין א וועלכן ביטערן מצב, אין וואָסערע לעכער, קעלערס עס געפינען זיך די יידישע קינדער־שולן, האָט מיר געפּלאַמט דאָס פּנים און איך האָב אומעטום גערעדט און אָנגעוויזן, אויף וויפל די אָרעמע שטעטלדיקע יידן פון פּוילן האָבן מער פאַרמעסט, מער פאַרנעם און מער אמביציע איידער די פאַרמעגלעכע אמעריקאנער יידן! אָבער דאָס איז שוין א גאָר באַזונדערע פראַגע, וואָס ווערט אָבער כסדר געשטעלט זיך אַליין, ווען איך פּרוּוו פאַרגלייכן דעם אַמאָליקן אָרעמען יידישן פּוילן מיט דער איצטיקער רייכער יידישער אמעריקע!

פון די אַלע בנינים, וואָס יידישע פאָלקס־מענטשן האָבן געבויט אין די יידישע פּוילישע שטעטלעך, אין ליטע און אין ווייסרוסלאַנד, — איז פאַרבליבן א פאַרוויסטונג, חורבות און חורבונות. און די אַלע עלטערן און די קינדער — ווער ווייסט, וואָס פאַר א צאָל עס איז פאַרבליבן לעבן נאָך דעם מוראדיקן היטלעריזם, וואָס האָט אין יעדער שטאָט געקראָגן אויך טרייע מיטהעלפער, וואָס האָבן געהאָלפן די נאַציס אומצוברענגען און אויס־צוראָטן גאָר די יידישע באַפעלקערונג צוזאַמען מיט זייער האָב און גאָב פון הונדערטער יאָרן! . . .

יאָ, דאָס האַרץ וויינט, ווען מען טוט נאָר א טראַכט וועגן דעם אַלע־מען, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן!

אויך אינעם יידישן טעאַטער אין פּוילן, נישט געקוקט אויף פאַרשי־דענע שוועריקייטן און שטערונגען, נישט געקוקט אויף דער האַרבער צער־זור און נישט געקוקט אויף דער וואַקסנדיקער אַסימילאַציע, האָט מען כסדר געזען די געזונטע אויפשפּראָצן און די נייע פּאַרמעסטן, וואָס מען האָט געמאַכט אָט דאָ און אָט דאָרטן. איז עס איינער מיד געוואָרן, אויפ־געגעבן זיינע אונטערנעמונגען, האָט זיך געפונען א נייער אָדער א גרופּע נייע טעאַטער־מענטשן, וועלכע האָבן זיך גענומען לייידנשאַפטלעך אויפ־צוריכטן פונדאַסניי די מערכה פונעם יידישן טעאַטער. און עס איז געווען צום שטוינען, וואָס מען געפינט אַלעמאָל נייעם קוראַזש און נייעם אונטער־נעמונגס־גייסט. דער אומדערמידלעכער זיגמונט טורקאָוו, וואָס אָט איז ער גרייט א קלאַפּ צו טון מיט דער טיר און אוועק פונעם יידישן טעאַטער, ווי דער פעפער וואַקסט, נעמט זיך אַלעמאָל מיט א נייעם ברען, שטעלט שנעל צונויף א נייע טרופּע פון די בעסטע שוישפּילער מיט א פונק אין האַרצן, פונעם ערנסטן יידישן וואָרט, און איינס און צוויי, אָן מיטלען, אָן שטיצע באַווייזט ער א נייעם קונץ. ער האָט אין וואַרשעווער „נאָוואָשטשי"־טעאַטער געגעבן איין פאָרשטעלונג נאָך דער אַנדערער, וואָס האָט געצויגן אַן עולם און פאַרשאַפט כבוד דעם יידישן טעאַטער. ער האָט דערנאָך באַנייט א. גאָלדפאַדענס „שולמית" און „בר כוכבא" א. א. וו.

אין יענער צייט איז דורך קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, מיט דער הילף פון געזעלשאַפטלעכע טוער, געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע א ספּעציעלער „טעאַטער פאַר יוגנט", וואָס האָט אָנגעהויבן מיט איציק מאַנגערס א באַ־אַרבעטונג פון א. גאָלדפאַדענס „כישופמאַכערין", רעזשי יעקב ראָטבוים, מיט דינה האַלפּערין, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, מאַקס באָזשיק, שלמה קוטנער אין די הויפּט־ראָלן. נאָך א הונדערט פאָרשטעלונגען אין וואַרשע, האָט דער טעאַטער געגעבן אויפפירונגען אויך אין די גרעסערע יידישע שטעט אין פּוילן, ווו עס זענען געווען גרויסע צאָלן יונגע יידישע צושויער. הלוואי זעען מיר עס אויך אין די יידישע אַמעריקעס, אין צפון און אין דרום־אַמעריקע און אין אַנדערע יידישע ישובים! דערנאָך איז געקומען יעקב פּרעגערס „מיילעך פריילעך" און אַנדערע אויפפירונגען.

עס איז געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט א טעאַטער אונטערן נאָמען „יידישע נאַציאָנאַלע בינע" דורך צוויי טוער פון ארץ־ישראל, מאַרגאָט קלאַוזנער און יהושע בראַנדשטעטער, געוועזענע מיטבאַטייליקטע אין דער

„הבימה"־פארוואלטונג, וואס האבן געגעבן דורך פארשידענע רעזשיסערן דריי אויפפירונגען אין ווארשע און דערנאך אין א פאר אנדערע שטעט. מען האט געגעבן די פיעסע „דער משפט" פון ש. בת דורי, „יעקב און עשיו" פון ס. גראנעמאן און דער „קאמף פאר ערד" פון מ. ראסט.

דער ווארשעווער „יונג־טעאטער" האט געמוזט משנה שם זיין און אונטערן נאמען „ניי טעאטער", געגעבן אין ווילנע און אין אנדערע שטעט א ריי פארשטעלונגען פון דעם „יונג־טעאטער"־רעפערטואר, ווי אויך מענ־דעלעס „מסעות בנימין השלישי".

און די שטענדיק ענערגישע און אלעמאל מיט נייע כוחות אויפגע־מונטערטע אידא קאמינסקא האט אויפגעפירט אן אינטערעסאנטע פיעסע „גליקל פון האמעלן", וואס א יידיש־דייטשער דראמאטורג בוימאן האט פאר־פאסט, ווי אויך האט זי אויפגעפירט מיט א יונגער טרופע צווישן אנדערן אן אינסצעניזירונג פון יהושע פערלעס „נייע מענטשן" (לויט זיין ראמאן „יידן פון א גאנץ יאר"), לאפע דע וועגאס „שעפסן־קוואל" א. א.

יאנאס טורקאוו און דיאנא בלומענפעלד האבן ווידער און מיט א נייער באגייסטערונג אויפגעשטעלט א טעאטער־געצעלט אין דאנציג, אין דער „פריישטאט", וואס האט גאר אינגיכן געדינט ווי א סיגנאל פארן אנ־פאל אויף פוילן מצד די וויסטע נאצישע דייטשן, וואס האט געלויערט ווי א הונגעריקע חיה אויף דער פרידלעכער אייראפע. דא, אין דאנציג, ווו, דאכט זיך, יידיש איז פרעמד און כלל נישט קיין גאנגבאר ארטיקל, האבן זיי, אונטערן פראטעקטאראט פון יידיש־דייטשישן „קולטור־בונד", געשטעלט איין פיעסע נאך דער אנדערער און פאראינטערעסירט דעם אפגעפרעמדטן יידישן עולם מיטן ערנסטן יידישן ווארט, מיטן בעסערן יידישן טעאטער.

און דערביי האט מען אין ווארשע אנגעהויבן זיך פארמעסטן אויף גאר לייטישע יידישע פילמען, וואס דער פיאנער איז געווען יאנאס טורקאוו מיט אייניקע יידישע פילם־טוער. יאנאס טורקאוו האט געמאכט לכתחילה דעם פילם לויט י. אפאטאשוס „אין פוילישע וועלדער" און דערנאך זענען צוגעגרייט געווארן דורך פארשידענע רעזשיסערן גאנץ־לייטישע יידישע פילמען.

הקיצור, עס איז מקוים געווארן אין דעם יידישן פוילן, די פאר יאר פארן צווייטן וועלט־קריג, דער בארימטער אלטער טרעפלעכער פסוק „וכאשר יענו אותם", וואס־מער מען האט די יידן געפייניקט, אלצמער האבן זיי זיך

געמערט און אַלצמער איז געווען דער ווילן, דער פאַרלאַנג צו בויען און צו שאַפן, על אפּם ועל חמתם — אויף צעפּיקעניש די שונאים . . .

און אַט ביי אָט דעם אַלגעמיינעם מצב, ביי דעם געמיש פון גזירות, רדיפות און ווילן און דראַנג צו לעבן און צו פאַרנעמען זיך אויף נייע וועגן און פאַרמעסטן, האָב איך באַשלאָסן מאַכן אַ רייזע קיין אַמעריקע, קיין ניו־יאָרק, איינגאַנצן אויף אַ פּאָר חדשים. איך האָב זיך געטראָגן מיטן געדאַנק — יאָ פאָרן אָדער נישט. די לאַגע פון די „ליט. בלעטער" איז געווען אַ שווערע, דער עקאָנאָמישער קריזיס אין די יידישע שטעט און שטעטלעך האָט זיך געלייגט שווער אויף דעם יידישן בוך, אויף דער בעסערער יידישער אויסגאַבע, און חברים, פריינד, קאָלעגן פון ניו־יאָרק, מיט וועלכע מען איז געוואָרן נאָענט און באַפריינדט אין וואַרשע און בעיקר — אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, האָבן געראַטן צו קומען אויף אַ באַזוך. עס האָט געלאָקט פון איין זייט אַזאַ רייזע, דאָס באַקענען זיך מיטן אַמעריקאַנער יידישן ישוב, נאָך מיין לענגערן באַזוך אין 1936 אין ארץ ישראל. האָב איך לסוף באַשלאָסן צו פאָרן.

אָבער פונעם באַשלוס ביזן רעאַליזירן אים איז געווען אַ ווייטער מהלך. עס איז געווען אַזוי: פּוילן האָט מיך נישט געוואָלט אַרויסלאָזן, און אַמעריקע האָט מיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איך האָב נישט געקאָנט קריגן קיין אויסלענדישן פּאַס, ווייל לויט די „רעקאָרדס" אינעם פּוילישן אויסערן מיניסטעריום, האָב איך פאַרשפּרייט „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע" קעגן דער פּוילישער מלוכה בעת מיין זיין אין פּאַריז זומער 1937 אויפן פּען־קאָנגרעס. אויך מיין באַטייליקן זיך אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס האָט נישט צוגעגעבן קיין פיל „צוטרוי" צו מיר אינעם פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום. האָט מען מיך אויף מיינע בקשות איינעם אַ קאָלעגע, וואָס איז געגאַנגען בעטן פאַר מיר, געזאָגט, אַז „מייזיל וועט קריגן אַ פּאַס קיין אויסלאַנד, ווען אויף דער דלאָניע וועט וואַקסן האָר"... און ווען איך בין געגאַנגען, מיט פאַרשידענע בריוו און דאָקומענטן, צום אַמעריקאַנער קאָנסול אין וואַרשע צו בעטן אַ וויזע אויף 6 חדשים, האָט מען מיך אויסגעפרעגט ביז אדם הראשון, „אויסגעטאַפּט" אַלע קנעכעלעך, און לסוף אָפּגעזאָגט. מישאַ גערמאַן, דער אַמעריקאַנער יידישער שוישפּילער, וואָס האָט דאַן גאַסטראָלירט אין וואַרשע מיט לוסי גערמאַן, איז מיט מיר מיטגעגאַנגען צו זאָגן גוטס וועגן מיר, אָבער אויך ער האָט, נעבעך, נישט געפּועלט...

אבער גאט איז דאך א פאטער, לסוף האב איך דאך געקראגן די דער־לויבעניש ארויסצופארן פון פוילן און אריינפארן אין די פאראייניקטע שטאטן.

און אין איינעם א קאלטן און פארכמורעטן סוף נאוועמבער טאג האב איך זיך אפגעזעגנט מיט די נאענטע, גענומען צוויי רענצלעך, און עס זאל נישט אויסגערעדט זיין, צוגעליגן געלט אויף די הוצאות־הדרך און זיך געלאזט אויף א קורצן באזוך קיין אמעריקע.

עס שטייען אויף אין מיין זכרון די טעג פון דעם איילקן אפפארן. מ. ריבאייזן פון ליטעראטן־פאראיין האט, אין שליחות און לויטן באשלוס פון דעם פאראיין, גענומען אויף זיך איינצואָרדענען א פייערלעכן אפשייד־אָוונט לכבוד מיר מיטן גאנצן קלאפער־געצייג. אבער איך האב קאטעגאָ־ריש אפגעזאגט.

אויך די נאענטע מיטארבעטער, די אנגעשטעלטע און די, וואס האבן מיך באדארפט פארטרעטן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (מיין ברודער יעקב, מ. קיטאי, בער מארק, ישראל ליכטנשטיין, ש. זאראמב און אנדערע) האבן געוואלט אראנזשירן א באנקעט, שרייבן מי יודע וואס אין די „ליט־עראַרישע בלעטער" וועגן מיר און מיינע אויפטוען, — האב איך זיי ניט געלאזט. דאס איז געווען נוסח פוילן, נוסח ווארשע! איצטער, נאך מיין זיין דא, אין דער יידישער אמעריקע צוועלף יאר, וואלט איך זיכער אזוי נישט געהאנדלט . . .

עס איז געווען בלויז א נאטיץ פון קנאפע דריי שורהלעך אין דער כראניק פון די „ליטעראַרישע בלעטער", און בזה הלשון: „נחמן מייזיל איז זונטיק דעם 28סטן ה. ח. אפגעפארן מיט דער שיף „באטארי" קיין אמע־ריקע". — דאס גאר!

און באמת, איך בין גאר פון פוילן נישט אוועקגעפארן, איך בין בלב ונפש געבליבן אין פוילן, אלע מיינע זאכן און אלע מיינע היימישע און דאס גאנצע „האב און גאב" האב איך איבערגעלאזט ווי עס „שטייט און גייט" אין ווארשע. און מיט דער פולער דעה צו קומען נאך די עטלעכע חדשים צוריק און זיך ווייטער שטעלן אין דער ריי און ווידער פארקאשערן די ארבל און פארזעצן די ארבעט, פון בויען און שאפן, ווי כ'האב עס געטון אין פוילן פונעם ערשטן טאג אן . . .

און עס איז געווען ביינאכט, נאך צוועלף. א טונקעלע הארבסט־נאכט.

ווען די שיף האָט אויפגעהויבן די אַנקערס און געגעבן די פּאָר שאַרפע און דיקע „פּייפּס", בין איך געשטאַנען אויף דער דעק. אַ גרעסערע צאָל פּאַ־ ליאַקן האָט גענומען זינגען טרויעריקע, האַרץ־נאָגנדיקע לידער, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק די ליבשאַפט, די טרייקייט צו דער אייגענער ערד, צום היימלאַנד, וואָס מען פאַרלאָזט. איך האָב נישט מיטגעזונגען. איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף די פּאַרענטשעס און געקוקט אין דער פינצ־ טערניש. עס האָבן געפינקלט אין דער געדיכטעניש פייערן, לאַמטערנס. די שיף האָט זיך צעטרייסלט, ווי זי וואָלט געקראָגן לעבן, אימפּעט און כוח צו שניידן די פינצטערע וואַסערן. און אַזוי האָט זיך אַלצמער און אַלץ האַסטי־ קער גענומען זיך אָפּרוקן דער האַפן, וואָס איז פאַרשלונגען געוואָרן אין דער חשכות.

מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דאָס יידישע פּוילן, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אַזאַ לעבעדיקס, צאַפּלדיקס, מיט אַזאַ דראַנג פאַרן לעבן, וועט גאָר אינגיכן מוראַדיק און ברוטאַל פאַרניכטעט ווערן, און פון אַ לעבעדיקן שאַפערישן ישוב פון איבער דריי מיליאָן יידן, וועט עס פאַרוואַנדלט ווערן אין חורבות, אין וויסטענישן דורך דער היטלערישער דייטשישער חיה.

מיר האָט זיך דאַן נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס איז דאָס לעצטע קאַ־ פּיטל פון דעם גרויסן לעבעדיקן דריי מיליאָניקן יידישן קיבוץ, וואָס האָט ערשט זיך פאַרמאָסטן אויף לאַנג לעבן און אויף נייעם בויען און שאַפן . . .

30 דעצעמבער 1949.

ניו־יאָרק.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט . . . (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאבאקסבלאט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) י. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד"ר מאיר באלאבאן: די יידן־שטאָט לובלין (אויספארקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן (אויספארקויפט)
13) ד"ר יעקב שאצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספארקויפט)
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (אויספארקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספארקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספארקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקעלשטיין: מגילת פּוילן (אויספארקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד"ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאַבריק פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) ערשטער באַנד
49) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) צווייטער באַנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן
56) שלום אַש: פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אש: וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש: מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) באַנד איינס
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) באַנד צוויי
63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד איינס
65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד צוויי
66) חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאטקאָווסקאַ: פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים: מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי: גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר יעקב שאַצקי: קולטור־געשיכטע פון דער השכלה
71) נחמן מייזיל: געווען אַמאָל אַ לעבן... (זכרונות)

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

●

פאָליק לערנער שרייבט וועגן דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו „אין קאַמף פאַרן לעבן" אין אַן אַרטיקל א. ג. „דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון יידישע לײדן" („די פּרעסע", בוענאָס איירעס, 6טער יאַנואַר 1950) :

די געשיכטע פון די יידישע יידן אין אייראָפּע פון 1939 ביז 1945, איז נאָך נישט געשריבן געוואָרן. עס זיינען דערווייל נאָר דערשינען פראַגמענטן פון דער דאָזיקער אימהדיקער עפּאָפּייע פון מענטשלעכע ליידן, מסירת נפש העלדישקייט און אויך אומדערהערטער מענטשלעכער אכזריות און שפלות. יעדער איינער וואָס איז נצול געוואָרן פון דעם דאָזיקן פייער וואָס האָט פאַרלענדט א דריטל פון אונדזער פאָלק, האָט צו דערציילן עפּעס אַזוינס וואָס ליגט זיך גאָרנישט אויפן מענטשלעכן שכל, זאַכן וואָס עס וויל זיך נישט גלויבן אַז זיי האָבן געקאָנט פּאַסירן און—וואָס האָבן פונדעסטוועגן פּאַסירט.

יאָ, יעדער איינער וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער גרויסער שׂרפה האָט וואָס צו דערציילן. ליידער אָבער באַזיצט נישט יעדערער די אייגנשאַפט צו קאָנען דערציילן, איבערגעבן טריי דאָס וואָס ער האָט געזען, געהערט און איבערגעלעבט, בכדי מען זאָל דערפון קאָנען קנעטן די ציגל, מיט וועלכע ס'וועט אויפגעבויט ווערן די געשיכטע פון דעם גרעסטן יידישן אומקום.

איינער פון די וואָס האָט מיטגעמאַכט די טראַגישע עפּאָפּעע פונעם פּוילישן יידנטום, פון דעם ערשטן טאָג פון דער נאַצישער אינוואַזיע אויף פּוילן ביז צום טאָג פון דער באַפרייאונג דורך דער רויטער אַרמיי, איז יאָנאַס טורקאָוו, וועלכער באַזיצט אויך די אייגנשאַפט פון קאָנען דערציילן, איבערגעבן מיט א סך פּרטים דאָס וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט.

אין דעם ערשטן בוך זכרונות, אונטערן נאָמען „אַזוי איז עס געווען", ארויסגעגעבן פונעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום" אין 1948, האָט ער געשילדערט די געשעענישן זינט דעם טאָג פון דער נאַצי־אינוואַזיע ביז צום אויפשטאַנד אין דעם וואַרשעווער געטאָ. איצט איז דערשינען דער צווייטער בוך פון זיינע זכרונות, אונטערן נאָמען „אין קאַמף פאַר לעבן", ווו ער דערציילט און שילדערט זיינע איבערלעבונגען, און די סביבה אין וועלכער דאָס אַלץ קומט פאָר, זינט דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, ביז צו דעם טאָג ווען ער און אַנדערע לעבנגעבליבענע יידן, זיינען באַפרייט געוואָרן דורך די סאָוועטישע קרעפטן אין זייער זיגרייכן מאַרש צו דער

הויפּטנעסט פון דער נאַצישער גענגסטער־באַנדע: בערלין.

וועגן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ גיט טורקאָוו נישט איבער קיין סך איינצלהייטן, אָבער די וואָס ער ברענגט זענען אויטענטיש, דערפאַר וואָס ער האָט די דאָזיקע טראַגישע עפּאָפּעע איבערגעלעבט פון דער נאָענט און ווייל דאָס, וואָס ער דערציילט, קומט פון אומצווייפלהאַפט־זיכערע קוועלן מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט. ער אַליין האָט זיך נישט באַטייליקט אין דעם אַקטיוון קאַמף ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, ווייל ער איז שוין געווען, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, אין די נאַצישע לאַפּעס און עס האָט געפעלט א האָר, אַז מען זאָל אים און אַנדערע אינגאַנצן אומברענגען. אָבער ער האָט זיך דאָך געפונען אַ שפּאַן פון דעם פּלאַץ ווו עס איז אָנגעגאַנגען דער לעצטער העלדישער קאַמף מיט די נאַצים אויף לעבן און טויט, און זיין גבית־עדות טראָגט דעריבער דעם כאַראַקטער פון אַבסאָלוטער אויטענטישקייט.

דאָס אינטערעסאַנטסטע (אויב דאָס שילדערן מענטשלעכע רשעות און מענטשלעכע ליידן קאָן זיין אינטערעסאַנט) און כאַראַקטעריסטישע פון טורקאָווס צווייטן בוך איז נישט דאָרט ווו ער גיט איבער וועגן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ (וואָס איז שוין אַגב איבערגעגעבן געוואָרן אין פאַרשידענע ווערסיעס לויט פּערזענלעכע דערציילונגען און לויט דאָקומענטן), און אויך נישט וועגן די איבערלעבונגען אין דעם גראָכאָווער לאַגער, וווהין ער איז אָנגעקומען מיט אַ גרופּע פון נאָך עטלעכע הונדערט יידן וואָס די דייטשן האָבן געכאַפּט, נאָר גאָר אין עפּעס אַנדערש; דאָס ווערטפולסטע פון דעם בוך איז דאָס שילדערן די ראָלע וואָס די פּאָליאַקן האָבן געשפּילט אין דעם טייוולאָנישן פּלאַן פון די נאַצים אויסצוראָטן די יידן. פון דער דאָזיקער שילדערונג ווערט קלאָר, אַז ווען ניט די פּאָליאַקן (דאָס הייסט, דער ווייטגרעסטער טייל פונעם פּוילישן פאָלק, ווייל גוטע אויסנאַמען זענען דאָך געווען)וואָלטן די נאַצים ניט געקאָנט באַוויזן אויסצוראָטן אַזוי גרינטלעך און אַבסאָלוט דעם רוב מנין און רוב בנין פון די פּוילישע יידן. דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אין פּוילן געווען אַ לאַטענטער פּסיכישער באַשטאַנדטייל פונעם פאָלק אַלס קאָנסעקווענץ פון אַ דורותדיקער דערציאונג מצד דער קירכע און פינצטערע רעאַקציאָנערע קרייזן, האָט אין דער נאַצישער אויסראָטונג־אַקציע קעגן די יידן, פּשוט געפונען אַ מיטל פון אַ מין עמאָציאָנעלער אויסלאָדונג. די דאָזיקע קראַנקהאַפטע דערשיינונג איז דערגאַנגען ביז צו אַזאַ מדרגה, אַז הגם דאָס פּוילישע פאָלק אַליין האָט זיך געצאַפּלט אין די מוראדיקע נעגל פון דער נאַצישער קנעכטשאַפט און אַליין דורכגעמאַכט די ליידן פון אָקופּאַציע, שענדונג, רויב, מאָרד און אונטערדריקונג מצד דעם אויסערלעכן שונא, האָט עס אין דער יידן־אויסראָטונג געזען איינע פון די „בעסערע” זייטן ביי די דייטשן. צווישן דער מאַסע פון עטלעכע און צוואַנציק מיליאָן פּאָליאַקן האָבן זיך לייכט געקאָנט ראַטעווען אַ מיליאָן

יידן, ווען די פּאָליאַקן וואָלטן עס
געוואָלט. אָבער די פּאָליאַקן האָבן
עס באַוווּסטזיניק ניט געוואָלט און
די מינדערהייט פון זיי וואָס האָט
געקעמפט אויף צו באַשיצן יידן
דורך אויסבאַהאַלטן זיי אָדער דורך
העלפן זיי זיך פּאַרמאַסקירן אַלס
„אַריער", האָט לײַדער נישט גע־
קאַנט אויפטון מער ווי עס האָט זיך
געלאָזט אין אַזעלכע אומשטענדן.
דאָס איינציקע וואָס די דאָ־
זיקע געציילטע מענטשן צווישן דעם
יידנפיינטלעכן פּוילישן פּאָלק האָבן
געקאָנט טון, איז צו ראַטעווען טייל
וויז דעם כבוד פונעם מענטשלעכן
מין פאַר די אויגן פון דער געשיכ־
טע. זייערע האַנדלונגען, און ס'רוב
מאָל מסירת נפשדיקע טעטיקייט
לטובת די יידן, וואָס האָבן זיך אויס־
באַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט
ביז צו דער באַפרייאונג, ענדערן
מיט גאָרנישט דעם ווערדיקט וואָס
מען דאַרף אַרויסטראָגן קעגן דער
מערהייט פונעם פּוילישן פּאָלק, וואָס
האָט מיט די אייגענע הענט גע־
האָלפן די דייטשן אויסראָטן די
יידן און אַפילו געווען צופרידן דער־
מיט, ווי עס באַקומט זיך פון
טורקאָווס שילדערונג.

אין זיין בוך „אין קאַמף פאַרן
לעבן" דערציילט יאָנאַס טורקאָוו
אייגנטלעך די געשיכטע פון זיך, זיין
פרוי דיאַנאַ בלומענפעלד און זיין
טעכטערל מאַרגאַריטקעלע, בעת זיי
האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער
אַרישער זייט. אונטער ניט־יידישע
נעמען. עס איז די לײַדנס־געשיכטע
פון איינער פון די טויזנטער יידישע
פאַמיליעס וואָס האָבן אין משך פון
יאָרן געפירט א בוכשטעבלעכן
קאַמף פאַרן לעבן אַלע פיר־און־
צוואַנציק שאָ פונעם מעת־לעת,
אַרומגערינגלט פון מענטשן אין
דער געשטאַלט פון בייזע חיות
(אָדער נאָך ערגער), פון אַנטיסע־
מיטן, אונטערוועלטניקעס, שאַנטאַ־
זשיסטן (די אַזוי גערופענע טרויע־
ריק באַרימטע „שמאַלצאָווניקעס",
וואָס האָבן שאַנטאַזשירט די אויס־
באַהאַלטענע יידן און טויזנטער פון
זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון
דער געשטאַפּאָ); פון אַזעלכע וואָס
האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס מיטגלי־

דער פון אונטערערדישער פּוילישער
באַוועגונג, און זענען אינדערעמתן
גאָר געווען פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס
האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער
נאַצישער געשטאַפּאָ און פון גלאַט
געלט־גייציקע לייט וואָס האָבן אין
דעם אויסבאַהאַלטן יידן, אין די
שווערלעכסטע לעבנס - באַדינגונ־
גען, דערשנאַפּט א געלעגנהייט אָפּ־
צולעקן א ביינדל און האָבן עס
אויסגענוצט אויף א, מילד־גערעדט,
זייער ניט אַנשטענדיקן אופן, כאָטש
אין גרונט־גענומען זענען זיי אפשר
געווען אָרנטלעכע און אַנשטענדיקע
מענטשן.

אויב דאָס ערשטע בוך פון יאַנאָס טורקאָוו איז אַ דאָקומענט פון אויסערגעוויינלעכער באַדייטונג וועגן דעם לעבן פון די פּוילישע יידן אין געטאָ, צוליב דעם שלל פון פּרטים, נעמען פון מענטשן און מערקווירדיקע עפּיזאָדן, איז דאָס צווייטע בוך, אין דער זעלבער מאָס, אַ דאָקומענט פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט, אויף וויפל עס שילדערט די ראָלע פונעם פּוילישן פאָלק אין דער גרויסער מענטשלעכער דראַמע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער פּוילישער ערד זינט סעפּטעמבער 1939 ביז פעברואַר 1945, ווען די סאָוויעטישע קרעפטן האָבן פאַרנומען וואַרשע. ברענגען ציטאַטן פון דעם דאָזיקן בוך איז פאַקטיש אוממעגלעך, ווייל דאָס בוך, פון 425 זייטן, איז זייט נאָך זייט פול מיט דאַטן, נעמען, פון מענטשן און ערטער, מערקווירדיקע עפּיזאָדן און געשעענישן, וואָס גרענעצן זיך ערטערווייז מיט ניסימדיקייט, לויט דעם אויסגאַנג וואָס זיי האָבן פאַרן מחבר און זיין פרוי, וואָס געפינען זיך מאָמענטנווייז ממש ביים אָפּגרונט פון אומקום. בכלל איז צו באַוואונדערן וואָס יאַנאָס טורקאָוו האָט נאָך אַזעלכע איבערלעבונגען געקאָנט אויפהיטן אין זכרון אַזוי קלאָר און פּריש דאָס וואָס ער האָט געזען און געהערט און דערנאָך עס איבערגעבן, קאָן מען זאָגן, מיט עפּישער רואיקייט פאַר דער געשיכטע פון די יידישע ליידן און העלדישקייט.

אין אַלגעמיין־גענומען איז דאָס בוך געשריבן פּראָטאָקאָל־מעסיק און אינפאָרמאַטיוו, אָבער דאָ און דאָרט ווערט דער מחבר מיטגעשלעפּט פון זיינע געפילן און ער שילדערט אָפּ בילדער וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דראַמאַטישע נאָטעס. טורקאָוו פּרעטענדירט נישט אויף ליטעראַטור מיט זיינע באַשרייבונגען, אָבער די באַשרייבונגען זענען ערטערווייז שטאַרקער פון זיין ווילן און זיי פאַרוואַנדלען זיך אין שטעלן וואָס ווירקן ווי די שטאַרקסטע ליטעראַרישע אויסשטראַלונג פון אַ קלאַסיש ווערק. אָט האָט, איר אַ מוסטער פון דעם וואָס פאַראַ תכלית דער נאַציזם האָט געמאַכט פון דעם פּוילישן יידנטום. „דער באַקאַנטער מיטאינהאַבער פון דער שיפס־געזעלשאַפט איבער דער ווייסל פון ברידער עדעלמאַן — יחיאל עדעלמאַן, האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גילגולים, זיך איינגעאָרדנט אין וואַרשע אויף וואָלסקע נר. 8, אַלס דער טויבשטומער וולאַדיסלאַוו באָרקאָווסקי. ער האָט באַזאָרגט זיין גרויסע משפּחה מיט עסן, גייענדיק איבער די גאַסן ווי אַ בעטלער”.

אַ געוועזענער אינהאַבער פון אַ שיף־געזעלשאַפט באַזאָרגט זיין משפּחה מיט עסן ווי אַ בעטלער. דאָס איז איין עפּיזאָד פון טויזנטער אַנדערע, אָבער צי איז דאָס ניט סימבאָליש פאַר דעם וואָס דער נאַציזם, מיט דער הילף פון דער מערהייט פּאָליאַקן, האָט געמאַכט פונעם פּוילישן יידנטום? טורקאָוו דערציילט עס פאַרבייגייענדיק ווי איין עפּיזאָד פון אַנדערע טויזנטער וואָס ווערן געשילדערט אין דעם בוך, אָבער ער גיט זיך נישט קיין רעכענונג אַז אין די דאָזיקע געציילטע שורות גיט ער איבער דעם דראַמאַטישן סך הכל פון אַ פאָלק וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן פון אַ שונא צום טויט און אַז ראַטעווען זיך פונעם טויט, האָט אַ געוועזענער

מאַגנאַט געקאָנט, נאָר דורך שפּילן דעם בעטלער, אויב אויך דאָס האָט געהאָלפן !

און צום סוף אַ צווייטע נאָטע, וואָס אילוסטרירט דעם מערקווירדיקן יידישן גורל. ווען זיי זענען שוין געראַטעוועט און מען ברענגט זיי צום סאָוויעטישן פּאָלקאָווניק כוואַלין, וואָס איז דער קאָמאַנדאַנט פון דער אָפּטיילונג, האָט כוואַלין געבעטן מיטגיין מיט אים און ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אין דעם לאַנגן קאָרידאָר, וואָס איז קוים־קוים געווען באַלויכטן פון אַ קליין נאַפט־לעמפּעלע, „איז דער פּאָלקאָווניק צוגעפאַלן צו מיר, מיך אַרומגענומען און מיך אָנגעהויבן צו קושן, שטאַמלענדיק זייער געריִרט :

— איך אויך ייד...

דער דאָזיקער סאָוועטישער אָפיציר וואָס איז געווען אַ ייד, און וואָס איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין דעם קאַמף מיט די בלוטיקע נאַציס, האָט זייער שוואַך גערעדט יידיש, אָבער זיין יידיש האַרץ האָט אַ צאַפּל געטון ווען ער האָט דערזען געראַטעוועטע יידן. ער האָט טורקאָוו אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער פון דעם קעלער ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב. דאָרט איז געשלאָפן זיין פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אַלס טעלעפאָניסטקע ביים שטאַב, האָט ער זי אויפגעוועקט און אַ גליקלעכער איר געוויזן :

— קוק נאָר אָן, יידן! לעבעדיקע יידן ! ״

דאָס איז אַ צווייטע נאָטע אין דער דראַמע פונעם יידישן פאָלק, אָבער גאָר פון אַן אַנדער מין. דאָרט האָט דער נאַציזם דערפירט אַ יידישן שיפס־אייגנטימער צו דער מדרגה פון אַ בעטלער וואָס בעטלט אויס די טעג פון זיין לעבן, און דאָ האָט דאָס לעבן איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ יונגן יידן די מיסיע צו פאַרניכטן דעם נאַציזם. דער דאָזיקער ייד רעדט קוים יידיש, אָבער זיין האַרץ קלאַפּט יידיש; און ווען דאָס לעבן הויבט אָן אויסצושפּילן אויף דעם זיינע טרויעריקע טענער, וויינט עס אויך יידיש...

טורקאָווס בוך „אין קאַמף פאַרן לעבן״ איז בלי ספק איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון רשעות קעגן דעם יידישן פאָלק און פון יידישע ליידן און יידישן קאַמף פאַרן קיום.

ווענן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע

„דאָס פּוילישע יידנטום״

זיך ווענדן

UNION ISRAELITA POLACA

PUEYRREDON 667 **BUENOS AIRES**

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 25־טן יאַנואַר 1951 אין דער
דרוקעריי „היימאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752 — בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 25 de Enero de 1951 en
los Talleres Gráficos HEUMAN
Pasteur 333 - T. E. 47-7752 - Bs. As.